STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00383

ZAMLBIKHER

Permanent preservation of this book was made possible by
Barry & Evelyn Levitt
in memory of
their parents, Hyman & Rose Shulman & Morris & Esther Levitt Who gave us the

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זאַמלביכער

7

רעדאַקטירט:
י. אָפּאַטאָשו
ה. לייוויק

ניו-יאָרק, 1948

Copyright by
"ZAMLBICHER"
New York, N. Y.
1948

Printed in U. S. A.

GRENICH PRINTING CORP.
151 W. 25th St.
New York 1, N. Y.
166

אינהאַלט:

זייט

יעקב גלאַנץ—אַ כזית ערד 5
פ. בימקאָ—דאָ און דאָרטן 63
חיים גראַדע—דער מאַמעס צוואה 114
א. סוצקעווער—צו פוילן 141
רחל ה. קאָרן—לידער פון היימלאָזיקייט 149
ז. סעגאַלאָוויטש—שורות אַכט 157
יעקב פרידמאַן—פיר בריוו צו דער קאָנטעס פון ליניץ 166
יוסף רובינשטיין—דער באַבעס ברוגז-טאַנץ 174
מרדכי ראָטענבערג—לידער 181
מ. שטריגלער—ווער זיינען זיי געווען? 189
הערץ בערגנער—אין די אַמאָליקע טעג 209
ח. אַיאַלטי—פון ווייטן וועסטן זען דאָס לאַנד 225
אברהם אייזען—פראָפעסאָר קרוינער און זיין תלמיד 238
ישעיהו שפיגל—גאָלדענע יויך 274
א. לעיעלעס—ציקל פון עלף לידער 285
יעקב גלאַטשטיין—לידער 293
י. י. סיגאַל—לידער 298
נפתלי גראָס—צען לידער 311
מ. פריד־וויינינגער—סאָנעטן 320
גבריאל פרייל—עלעגישע בלעטער 325
אריה שמרי—אַ זעאונג 1938 329
חוה ראָזענפאַרב—דאָס ליד פון עתליה 335
שלמה ביקל—שמואל יעקב אימבער און בער האָראָוויץ 346
דר. א. מוקדוני—מ. בורשטיין 357
לעאָ פינקעלשטיין—יהושע פערלע 370
י. י. סיגאַל—ישראל שטערן 382
מלך ראַוויטש—ייד און וועלט — וועלט און ייד 396
ב. גראָבאַרד—פון אָנהייב ביז אָנהייב 410
א. גאָלאָמב—ארץ-ישראל און די היסתדרות 424
ה. לייוויק—דאָס אייביקע געזאַנג 440
י. אָפּאַטאָשו—בריוו פון י. שטערן, י. י. זינגער, ז. קאַל-
מאַנאָוויטש און מתתיהו מיזיש 451

יעקב גלאַנץ

אַ כזית ערד

„... בזעת אפיך תאכל לחם עד שובך
אל האדמה כי ממנה לקחת...״
(בראשית ג, ט״ו)

פון כרכן ווייט,
ווי ס׳וואָלט אויף וויאָרסטן ווער
געטאָן זיי אַ צעוואָרף
די דערפלעך יידישע;
און צווישן זיי מיין דאָרף
ביי טראַקטן גרודיקע
אין סאַמע מיטן סטעפּ.

דעם סטאַוו עס ציט צו וואַסערן
פון רוישנדיקן דגיעפּ,
און מיך — עס ציט צוריק,
און ס׳רופט מיך ווייטער שליאַך.
נאָר היים מיינע איז אָפּגעברענט,
מיין היים איז אָן אַ דאַך.

און איך —
דער יורש פון דיין בראָך
אין עלנטע פיר ווענט,
אין דעמערונג דערמאָנונג
דאָ אַליין,
פאַרצייכן נאָך
דיין כראָניק
פון פאַרגיין.

קאַפּיטל איינס

אין מיין היימישן דערפל נייוויטעבסק
געלעבט האָט אַ יידישער פויער.
ווי אַ גוי, געזייט און געשניטן,
נאָר מיט ווייכן, מיט יידישן טרויער.

וואָס אמת איז געהאָרעוועט,
פון וועלט דער גאָרער אַ דערוווייטערטער,
אין כאַטע אָבער געוועזן איז שררהדיק,
געוועזן אַ ייד אַן אויפגעהייטערטער.

ס׳געצייג אויף אַקסל צו באַארבעטן דאָס פעלד
און מיט גאַרטל רימענעם פאַרצויגענע די לענדן.
אַ האָרעפּאַשנער ייד אַזאַ אַ פּשוטער מיין העלד,
ווייט צו זיין אַ פּערסאָנאַזש פון אַ לעגענדע.
זיין זיידע האָט זיך נאָך פאַר אים געמיט,
און זיין מוטער האָט געגאָסן טרערן הייסע,
אַז דעם נאָמען זאָל ער טראָגן נאָך אַן אָרנטלעכן ייד,
אַז ר׳ זאַנוול, נאָך אַ צדיק, זאָל ער הייסן.

און קינדער געהאַט האָט ער זיבן:
דריי זין און פיר טעכטער קיין עין־הרע.
קלייבט ווער עשירות, ער האָט נחת געקליבן,
ער און זיין ווייב חיה־שרה.
צו גאָט און צו לייט זיינע קינדער,
די טעכטער ווי בעכערס, די זין ווי די צעדערס.
די עלטצטע די צווי, ביי די רינדער,
דער יינגסטער — אים ציט אין בית־מדרש.

פאַשען די עלטצטע די פי
און זאַמלען פון פעלדער די תבואה.
דער יינגסטער — אין אַ וועלט פון נישט הי,
פאַרטראָגן אין טרוים פון נבואה.
מיט עמוסן גייט ער צו יידן
און מאָנט נאָר און שטראָפט — אַ מוכיח.
מיט ישיעהן ער חלומט דעם אייביקן פרידן
און וואָרט אויף ביאת־משיח.

וואָס שייך צו וואַרטן, און וואָס איז די פעולה,
די וועלט איז נישט חיב, נישט זכאי;
נישט ראוי די וועלט נאָך צו גאולה,
עס ציגגלט די וואָגשאָל, נו, טאַקע!
אין אָוונטן שפעטע, ביים שיין פון די שטערן,
זיצט ער, דאָס יינגל, פאַרמוטׄ׳ט.
ער שעפטשעט. און ס׳ריזלען די טרערן,
מרה שחורה, זי נעמט אים מיט כוח.

נאָר ס׳קומט אים צו חלום אין שלאָף אליהו,
דער גוטינקער אַלטער, דער היילער פון וואונדן.

— קינד מיינס, ביזט ראוי, ביזט ראוי,
דעם סוד פון דער תורה דערגרונטן. — —

— ווי רופט מען מעזיניק ר׳ זאַנוולס? —
זיין נאָמען איך ווייס נישט אַליין ווי.
אַ פעדעמל איז ער פון באַנוול
פון קניילעכל ייד. בענקט אויס זיין היימווייִ
אויף פרעמדע, אויף וועלטישע שליאַכן.
און שלאָגט ער זיך אויפעט אַ דאַך־וואו,
איז לויערן וועלפישע ציינער,
און צווישן אַ סך איז ער איינער —
באַוויינער פון חורבן און בויט פון דאָס ניי.
זיין נאָמען איז אַלט און איז ניי.
דער לעצטער פון זאַנוולס משפחה;
ברעכט זיך אין ווינט,
און ווערט נישט צעבראָכן.

**
*

צו וואָס זאָל איך איצטער דערציילן אוןברייען
פון זונדל ר׳ זאַנוולס די גאונישע הויכן? —
ס׳איז ווינטער, קומען די ווינטן און שרייען,
און וואַרפן פון קוימענס אַרונטער די רויכן.

פאַרמאַכט זיינען טיר און פענצטער אין כאַטעס,
צאַנקט דאָס קאַנעצל, גייט אויס ווי אַ גוסס.
די מאַמע אויף אַלטע בגדים, זי ניצעוועט לאַטעס,
דער טאַטע, ער מייסטערט מיט אותיות־ומופתים.

עס רייבט אָן דער כאָמוט דעם פערד אויף דער פלייצע,
דאָס ציימל, כאַטש נעם און פאַרניי מיט רצועות.
אוי, טאַטעניו, פאָטער, נישטאָ איז קיין עצה,
געשיקט האָסט מיר מכות, אָבער נישט קיין רפואות.

זיפצעט ר׳ זאַנוול און ס׳זיפצט אויך דער ווינט,
צו פרי האָט דער ווינטער געשטעלט זיך אין דאָרף.
מען מוז און מען דאַרף פאַר קינד און פאַר רינד,
איז שייך צו זאָגן: גיי לייג זיך און שלאָף!

איז נעמט נישט קיין דרעמל ר׳ זאַנוולען ביינאַכט.
— נו, גאָט וועט שוין געבן, ער שפייזט דאָך אַ וואָרעם!
רעדט נישט זיין אשה, ער הערט ווי זי טראַכט.
און ס׳וואָיעט און נאָיעט דער ווינט אויף אַ שטורעם.

שלוחימלעך־ווינטן, — זיי גנבען אַריין זיך אין פענצטער,
אין מויל פונעם קוימען, אין שפּאַלטן פון ווענט.
און זעט נאָר ר׳ זאַנוול די ווינטער־געשפּענסטער,
דערקענט ער זיין מזל, — ער האָט זיבן הענט...

זיבן הענט ווי די צוואַנגען, זיי צוואַנגען אים אין
אין די אָרעמס די קאַלטע, עס שלעפּערט, — נו, שלאָף!
עס גיסט זיך פון הימלען אַ לויטערע שיין,
ווי אין חנוכה־נס דאָרט דער בוימל אָן סוף.

ציט זיך די נאַכט ווי דער גלות,
קליין איז דער טאָג און די נאַכט אַזוי גרויס.
און ס׳שעלט זיך דער שטורעם מיט ביטערע קללות:
אַ כלב אַ צער איצט אַרויסגיין פון הויז...

און ס׳דרעמלט ר׳ זאַנוול און זעט ווי אין חלום
אַ האַריקן בעטלער; ער בעטלט און וויינט.
און ס׳פּלאַפּלט אַ קול אים:
„ביסט שולדיק אַ חוב, טאַ באַצאָל אים!"
ער וויל שרייען, — און בלייבט ווי פאַרשטיינט.

***

איך ווייס נישט פון וואַנען, ווי אַזוי דאָ אָט איצטער
איז זאַנוול געקומען צו מיר אין מיין ליד דאָ?
ס׳איז נאַכט. און איך זע ווי אָט זיצט ער,
אויף אים האָט, אַפּנים, די צייט נישט קיין שליטה.

זיין געלבלעכע באָרד איז נאָר געלבער געוואָרן,
די בעלמע פון אויג זיינס — אַ זיידענע כמאָרע.
דער זעלביקער זאַנוול אין לויף פון די יאָרן,
זיין גוף נאָר, מיר דוכט זיך, איז דאַרער.

און אומעטיק טיפער דאָס איינציקע אויג שוין
געצילט איז אין ווייטקייט פון הימלשע שיינען.
אַ צויט פון צעריסענע צייטן, — אַ דימענט אין קרוין
פון אַ דור — פאַרגאַנגען אין פּיינען. — — —

***

געווען זיינען יאָרן ווי יורנדער הייוון,
אין דערפלעך, אין יידישע שטעטלעך.
נאָר יידן, ביים וואָרעמען אויוון,
לערנען די תורה מיט פּשטלעך.

פון ישוב דער רב — א בן ששים.
געווען אויך אַ ישיש, ר׳ סענדער.
דער רב האָט געלעבט ווי פון ניסים,
ווי ס׳לעבט זיך אַ ייד פון אַרענדע.

דער אומעט פון אומה אין ברעמען געדיכטע
פון רב פונעם ישוב און ישיש ר׳ סענדער.
דער סימן פון זאָמען פאַרזייט אין געשיכטע,
וואָס ווערט נישט פאַרלוירן אין אייביקן ענדער.

**
*

יאָר נאָך יאָר און דור נאָך דור
מיט חלום־וואָר פאַרוואָרצלט דאָרט
און אויפגעשטעלט אַן אַרעמשאַפט
אין שפּע־שווייס פון דעם וואָס שאַפט
עשירות — דאָרפישן פאַרמעג: —
נאָך אַ האַק און נאָך אַ זעג,
אַ קאַסע מער און נאָך אַ פלוג,
אַן עמער מער און נאָך אַ קרוג.

און דער פּויער־טאָג איז הייס:
גיסט אין ריקעס זיך דער שווייס,
און ער פאַלט ווי פרישער טוי
פון מאָרגנשפּריץ ביז אָוונט־בלוי
אויף די שפּאַלטן פון דער בייט,
וואָס מיט טרערן איז פאַרזייט. — — —

**
*

פון דורות דאָ ציט זיך אַ וועג דורכן טאָל
צום בערגל ביים גויישן צווינטער, —
דער וועג האָט געשרעקט נאָך אַמאָל, —
היינט שרעקן די האַרבסטיקע ווינטן,
וואָס גרייטן יאָדישלעווען ווינטער...

און ס׳וואָרטן באַיאָרנטע יידן אַזוי,
ווי ס׳וואָרט אויפן שניטצייט דער גוי
אויף די פעלדער אום זומער,
אַז קומען זאָל קומען
דער טאָג פון די טעג,
וואָס פירן שוין פירט ער אַוועק.

ווענען ס'איז נאָר באַשערט,
צום לעצטן כזית־ערד. — — —

נאָר יוגנט, אין טראָט פון די זקנים,
פון בערג פון די דורות רייסט שטיינער
און מויערט זיי איין אין דעם מויער,
וואָס פעסטיקט דער יידישער פויער
צווישן קאָרן און ווייצן
און צווישן טייכן וואָס פלייצן
מיט פיש און מיט יידישן טרויער, —
דער מויער פון יידישן דויער,
מיט ווינטיקע טירן און טויער
און הימל־סופיט,
וואָס פאַרמויערט אין אים איז דער ייד
מיט זיין תורה
און מורא
פאַר אַלץ וואָס אַרומיק. — —
דער ייד מיט זיין קלומעק
אין וואַרטעניש ציטער
אויף פלוצלונגן אויסברוך
פון נייעם געוויטער.

**

פון הימלען אַזוי איז באַשערט דאָ
די שטאַמיק פאַרצווייגטע משפחות,
פאַרשניידן זיך טיפער אין ערד דאָ
מיט ברכה פון יידישע סאַכעס.

די ברכה פון סאַכע איז טייער,
און אייגענער וואָס איז און ליבער
ווי אין אָוונט דאָס היימישע פייער
ווינטער אין יידישע שטיבער.

די שטיבער אויף הינערשע פיסלעך,
עס פאַטשן זיי ווינטן און שרעקן.
פון קינדער די קולות, ווי ניסלעך,
זיך קייקלען אַוועק אויף די וועגן.

און ס'ציען זיך יידישע הייפן
אין ווייטקייט אין בלויער פון פעלדער.

ס׳וועט קיינער פון גורל אַנטלויפן,
ווי ס׳לויפן נישט ביימער פון וועלדער.

די ביימער מיט צווייגן פאַרבראָכן,
ווי הענט פון כהנים פאַרטרויערט.
און ס׳ווײנט אין באַגינען די סאָכע
מיט פערל פון פריאיקע טויען.

און ס׳שלעפט זיך דער פויערשער שטייגער
אין טראָט פון די אָקסן אויף סטעפּעס. —
און ס׳שנירלט פאַרשפּעטיקטער זייגער
די שטילקייט פון דאָרפישן עפּאָס. — —

קאַפּיטל צוויי

די קעלט קומט אין דאָרף אַזוי ראַפּטום,
ווי ס׳קומט אָן אַ קרוב אַמאָל אומגעריכטער.
דער זומער, אַ פויגל פאַרפלויגן, — נו, כאַפּט אים!
דער ווינטער, אַ בער ווי אַ ווייסער, — אָט קריכט ער.

און אומעטום לאָזט ער זיין לאַפּע,
דער בערישער, דאָרפישער ווינטער.
אין שטאַלן פאַרמאָרעטע שקאַפּע,
דעם מאָגערן אָגער געפינט ער.

דער מוילוואורף פאַרקריכט אין די לעכער,
אין פעלצל איז גוט נאָר דעם שעפּס. —
די ראָבן זיי גראָבן אויף דעכער:
אַ מת ליגט פאַרפראָרן אין סטעפּ.

דער מת איז דער ווינטער אין קיטל,
ער שרעקט נאָר די הייזער פון שטרוי.
שניידט זיך דורך געסלעך אַ שליטן
און ס׳יאָגט אים נאָך הינטישער וואָי.

פרישחרית מיט טלית און תפילין,
מיט יאָמער און נאָגנדן כליפּ, —
אַ יידישער פויער זאָגט תהילים,
און ס׳עכאָט דער ווינט אָפּ מיט כריפּ.

אויף טישל די אוגערקע זויער
און זיס דאָס פאַרהאָרעוועט ברויט.

(אַלט איז דער יידישער טרויער
און עלטער די פויערשע נויט).

**
*

אויף נאַקעטן טיש דאָס פּאַרפּאַליעטע ברויט,
ווי זון וואָלט פאַרברוינט אים פון סיוון. —
טערפּקער געדוך פונעם זויערן קרויט
טראָגט זיך מיט ריח פון גריוון...

מיט חשק די חברה, ווי היישעריק, שפּרינגט
צו פויעריש פּראָסטער אַכילה.
דער טשייניק פאַרקאָכטער זידט זיך און זינגט
צוזאַמען מיט זאַנוולס אַ תפילה.

נאָר זשאַלאָבנע רעוועט גאָר פּלוצעם אַ קו,
מיט קולות פון תרועה און שברים.
אַ שאָד וואָס די בהמה צעשטערט האָט די רו
פון רייכער מסיבה... כאָטש אָרעם —

צעהוליעט זיך חברה — אַ טאַנצנדע קייט —
וואָס אַרט זיי די גאַנצע בהלה? —
נאָר אָט קומט ר' זאַנוול, קוים וואָס ער גייט,
מיט אַ צאַפּלדיק קעלבל אין פּאָלע.

ערשט נאָר דאָס קעלבל אַראָפּ פונעם שויס,
און זע נאָר, — זי האָט זיך צעדראָלעט.
אויף הימלשן סאַמעט, לבנהקע רויז,
חלומט גרין-זומערנעם חלום...

ס'קעלבעלע פאַלט אויפן ערדיקן דיל
פאַרוויגט אין לבנהקן שלומער. — — —
אַלאיינזאַמער זינגער — די דאָרפישע גריל,
זעגט נאָך איר אומעט פאַראומערט.

**
*

ביים מלמדל חנן אין חדר
צוועלף קינדער, ווי שבטים ביי יידן.
מען האָלט איצט ביי יצחקס עקדה, —
דאַנק גאָט ער איז לעבן געבליבן.

געווען איז דער מלאך דאָ נאָר וואָס,
דער ווידער פאַרפּלאָנטערט אין צווייגן. —

איצט שאַרט זיך די שטילקייט דאָ באָרוועס
און ס׳הערשט אַזאַ וואונדערלעך שווייגן.

די גמראס פאַרדרעמלען פאַרמאַכטע,
און ס׳בלייבט נישט פאַרענדיקט אַ קשיה.
מיט טריטעלעך דריבנע, פאַרטראַכטער
שלייכט זיך אַריין איצטער רש״י.

עס פלאָגט אים אַ פירוש. אַ פסוק
פון חומש. טאָגשפּראָץ. פאַרפריאיקער דעמער.
אַ פויער שוין פויעט די קעלבער. אַ לאָשעק
טרינקט־אויס די שטערן פון עמער.

*****

מען האָט אים גערופן דאָס קליינע מלמדל,
כאָטש אין תורה געווען איז ער גרויס.
אין דרייען געבויגן — אַ לאָמעדל —
איבער טיש דעם פאַרשוואַרצטן פון קלויז.

געווען איז ער מלא־וגדש אין חכמת־היון,
געקאָנט, האָט, אַ שטייגער, דעם גאַנג פון מזלות.
נאָר ביז טיף דער פאַרבלויטער פון אָוונט,
געקלאָגט אויף דעם יידישן גלות.

און אויב יידישער גלות איז ביטער,
איז אין דערפל ניי־וויטעבסק נאָך מערער,
ווען איטלעכער בוים האָט געציטערט
אין שטילקייט, וואָס שטורעמס געבערן.

גייען־אויף זעאונגען שנעלע
פאַרביי דעם מלמדס ברעמען, —
אַז ס׳וועט דאָ זיין גאַנצענער קנעלן
נישט זיין באַלד, חלילה, פאַר ווענען.

*****

און אַנדערש לגמרי דער גמרא־מלמד.
אים האָט מען גערופן:
דער רבי ר׳ איטשע, דער אייזערנער קאָפּ. —
אָפּט פלעגט ער ווערן ביים לערנען אַנטשלאָפן,
נאָר שלאָפן פלעגט קיין מאָל אין גאָרגל דער קנאָפּ.
פלעגט אַרבעטן מעשים פאַרטיפטער אין דרימל,

כאַרכלען און פייפן, — אַ סאַפּענדער צוג. —
און חברה בציבור, מיט געוואַלד ביזן הימל,
פלעגט וועקן דעם רבין מיט שריי און מיט הוק.
אַזוי פלעגט ער שלאָפן אַ שעה צי אַ האַלבע
אין קשיות פאַרדבקהט; ס׳איז קשה — און תיקו!
געחלומט דאָ גראַד פון שלום און שלווה, —
און אויפגעוועקט האָט אים אַ שניידנדער ווייטיק.
משמעות דער קאָפּ איז געווען נישט פון אייזן,
ביי איטשע דעם רבין, דעם אייביקן סבלן.
די דאגות און זאָרגן, כאָטש וואונדער באַווייזן,
רק ביישטיין די טענות, דעם חיסור, די עוולות.

ווי אַ רעגן אין אָסיען, די רייד פון דער אשה,
און ס׳פאַלן די טראָפּנס, — אַ טראָפּ נאָך אַ טראָפּ.
דער רבי ר׳ איטשע, אַ זייל פונעם ישוב, —
נאָר ס׳איז נישט פון אייזן דער אייזערנער קאָפּ.
מעזיניק ר׳ זאַנוולס ביי איטשען אין חדר,
ביים טליאיקן לעמפּל, אין טונקל פון נעכט, —
געלערנט, געחלומט, גענומען אַ נדר,
פאַרגלייכן די וואָגשאָל פון גוטס און פון שלעכטס.

**
*

ביים שולכל פאַרנאַכט־צו אין דרייען
אין פּילפּול פון חקירות פאַרטיפט, —
דער רב און דער ישיש, דער דיין, —
פאַראָוונט מיט פייכטקייט פאַרטריפט.

און אין גרויען געוועב פונעם רוים איז
געהאָנגען אַ שטראַלעכל ליכט. — —
אין די טונקעלע הימלשע תהומות,
דאָס שטראַלעכל דינע פאַרקריכט.

דין איז דאָס ליכטיקע שנירל
לדוגמא אַ פּעדעמל גייסט. —
און קאָן עס דערגרייכן דעם הימל,
די כמאַרע־געוועבן צערייסט.

— ווען־זשע? — ווען ס׳פּעדעמל ריין איז
און ס׳שטערט נישט דער שעטנז פון רצון.
אין ריינקייט דער וועג איז צו שלמות,
און אמת פון רויערד טוט שפּראָצן.

אַ פּגימה אין מענטשנס מחשבה,
פּירט זי צום אָפּגרונט חלילה. — —
דער רב — אַ פאַרשוויגענער נביא, —
דער דרויסן — פאַרהימלטע תפילה.

אין שעטנז פון שאָטנס פאַרפלאָכטן
ביים שולכל דאָס שטילע געזעמל.
אַ פליגלדיק ווינטל פון גאָרטן
פאַרווייעט די זיצערס אין דרעמל...

און שפּעטער נאָך מנחה און מעריב,
ווען ס׳בלייבן אין קלויז די בטלנים. —
אַ שאָטן נאָר וואַשט ביי דעם כיור
זיין מאָדנעם אָנפּליישיקן פּנים...

און ס׳לערנען פאַרטיפט אין גמראָס
צוויי כיתות פאַרמוחטע לערנער. — —
און ס׳קריכן אַרויס פון די נאָרעס
צוויי מייזלעך צו זוכן דאָ קערנער...

יצחקל למדן דערציילט מיט כוונה,
וואָס ס׳איז זיך פאַרלאָפן זייט יאָרן אַמאָל דאָ.
די כיתה בטלנים, ביים שיין פון לבנה,
ספקט נאָך אַלץ איבער „ביצה שנלדה״.

***

שטילקייט אומגעהויער
אומגעלומפּערטקייטן פלאַפּלט.
און אימיצער ביים טויער
מיט פינגער דאַרע גראַבלט.

זקנים נורען זיך אין שויס
פון אויוונס וואַרעמדיקע ציגל.
קאַלט איז בלויז
דאָס עופהלע אין וויגל.

מאַמעס וויקלען־איין די קינדער
אין שאַלן טערקישע צעפּליקטע.
מיט אויגן אָפן, ווי אַ בלינדע,
די נאַכט פאַרוויגט זיי.

און ווילד דאָס פענצטער רייסט
דער ווינט צעהוליעט.
אימת־מות שפּרייזט
אויף הויכע קוליעס.

קאַפּיטל דריי

און אין סאַמע מיטן דערפֿל,
ווי פּאָר יידליקעס אַ סגולה, —
הויפֿן דייטשישע,
מיט פלויטן מיט סוטולע,
געשיקט פֿאַרפּלאָנצן האָט
דער צאַר דער רוסישער,
ער אַליין בכבודו,
דער דייטש זאָל יידן
אויסלערנען
די ערדישע עבודה.

נאָכסאָל פֿאַר איך באַהאַלטן דאָ,
ס׳איז געווען ביי זיי אַ שפע!
פון פעלדער, פון די גערטנער,
כאָטש שאַר דאָרטן מיט לעפל!
די אויבסטן אַלערלייאיקע,
די פשעניטשקעס אין שטויסן,
די דיניעס און די אוגערקעס,
די קאַוועצעס די גרויסע,
פריש ערשט פון באַשטאַנען. —
פֿאַרוואָס ביי זיי געראָטן מער,
האָב איך קיין מאָל נישט פֿאַרשטאַנען.

און די פערד דינפיסיקע,
געשפּרענקלטע, בולאַנע,
די לאָשעקלעך, די קעלבלעך,
די הענער גאַלאַגאַנע,
אין טויבנשלאַק די טויבן;
אַפילו זון ביי זיי
געווען איז מערער אין די שויבן.

און ס׳האָט די כאַטקע יידישע
אויסגעזען — אַ קוואַקע,

אַנטקעגן הויף דעם דייטשישן,
וואָס האָט געקוקט קאָסאָקע,
ווי ער וואָלט זיך חידושן,
ווי דער שווייס פון פנים
אין דעם דערפל ייִדישן
גיסט זיך פון נאַראָנים.

*
**

רויט־ציגלנער מויער,
גרינקאָכלנער דאַך.
אין גרויסן,
הילצערנעם טויער
קינדערלעך אַ סך:
דאָס איז די שקאָלע.
און ר׳ זאַנוולס חכם־עתיק,
מיט פאַריסענע פאָלעס,
לערנט רוסישע גראַמאַטיק.

די שול איז אַ קאַזיאָנע,
די לערער — אַוודאי!
(ביים מלמדל חנן
לערנט מען גראַדע:
ר׳ פפא און אביי! —
עברי־טייטש, ייִדיש.
ביים ייִדן שאַכראַי איז
נאָר ייִדיש אַ חידוש!)

ייִדישלעך לערנט
פון רוסישן ביכל
ניקאָלאַי ניקאָלאַיטש שטערן,
מיט ביבלישן פליכל, —
נאַטשאַלניק פון שקאָלע
מיט שפּיציקן בערדל.
אַ ייִדל פון גלות
אויף גויישן פערדל.

ציט ס׳פערדל אין טיפלע,
דער גלות — נאַזאַד.
און ייִדישע שיפלות
דריקט אויפן קאַרק.

***

פּאַיעט ר׳ זאַנוול
די קי ביי דעם ברונעם.
ווי אַ שאָטן פאַרגנבעט
צו אים זיך ר׳ בונעם.

פאַרפריאיק „גוט־מאָרגן״
ער ברענגט נאָכן דאַוונען.
מען רעדט וועגן זאָרגן,
און ס׳קומט צו ר׳ קלמן.
ר׳ חיים קומט אויכעט,
ווערט באַלד אַ רעדל.
און שמחה דער שוחט
מאַכט שוין אַ פּשטל:

— מע שמועסט פּאָדאַטקעס,
שטייער און צינדזן!
מע דאַרף צאָלן פאַר לאַטקעס,
פאַר קנישעס מיט לינדזן!
— אָך גאָט איז אַ פאָטער!
האָט יידן אמונה!
מ׳עט צאָלן און פּטור, —
באַרואיקט ר׳ בונעם.

אַ ווערטל אַהער, אַ ווערטל אַהין, —
און גאָט וועט באַשערן! —
עס וועט פון דעם זיכער
אויף שבת נישט ווערן!
— טאָ מאַכט נישט קיין וויצן,
ר׳ שמחה, ר׳ קלמן!
מ׳עט דאַרפן גוט שוויצן
צו צאָלן פאַר אַלעמען!

דערווייל איז די זון זיך
אַרויס אין די רוימען.
דער רויך אַזוי קונציק
זיך שפּאַרט פונעם קוימען.
אַ באָרד איז צעווייעט
אין זוניקן עטער.
אַ האָן זיך צעקרייעט:
ס׳וועט בייטן דער וועטער.

***

קאָרן־שטימען שורשען מודה־אַני.
פריער פעלד־געזאַנג פון האַרעוואַניע.

אין יעדן קערנדל פון קאָרן
קנײלט אַ קנײלעכל פון יאָרן.

און די פריִע פעלדער טוען אָן זיך
אין זײדענע שטאָפן.
און דער מילנער דרײט די ווינט־מיל
אויף צפון.

שטײנער־צײנער מאָלן אָפּ דעם קאָרן.
אײדער נאָך עס רופט דעם פּאַסטוכס האָרן.

און אַ ליד אַזאַ צווישן רעדער איז געבאָרן, —
אַ ליד פון בלאָנדן בערדלדיקן קאָרן.

געלעבט האָט קאָרן דאָ ווי גאָט האָט געבאָטן,
געטרונקען הימל־טוי און איז געראָטן.

געשטאַנגלט זיך,
געזאַנגלט זיך,
מיט ווינט געראַנגלט זיך,
געהאַלטן אין אײן וואַקסן.
געלײטערט זיך,
געצײטיקט זיך
צום שניט;
און ווי אַ פויגל פליט
צום זוניקן זעניט,
זײנען אַנגעלאָפן שלאַקסן
אין אַ טאָג אַזאַ מין קלאָרן
און אָפּגעשווענקט דעם קרויזלדיקן קאָרן.

און אין טאָל וואו קאָרנזאַנגען
פלעגן רוישן מיט געזאַנגען
וואַקסן שטײנער;
און אײן אַלײן נאָר
זיצט אַ פּאַסטוכל אַ בלינדער,
נישט קײן שאָף און נישט קײן רינדער
און ער שפּילט פאַר קלײנע קינדער
אויף אַ פײפעלע פון האָרן
ס׳שטומע ליד פון טויטן קאָרן.

***

באַלד נאָך האַנענקריי דעם ערשטן —
און שוין מיט קינד און רינד
דער פויער יידישער ביים קאָרן
און ביים גערשטן
שניידט און זאַמלט, בינדט.

אַז איידער נאָך די זון נעמט גליען
אויפצוקלייבן זאַנג צו זאַנג. — —
קומט אַ גוי אויף קרייצוועג קניען
צו אַ פּנים וואָס איז קראַנק..

און דאָס פּנים צוקט פון ווייטיק
און באַוואַכט דעם גוי אין פעלד...
— זיינע זאַנגען זיינען ליידיק! —
גייט אַ צווייטער דורך און שעלט. — —

בינדט דער ייד די סנאָפּעס זיינע
און באַהיט זיי ווי אַ קינד. —
גרויס די שפע פון אוקראַינע, —
איטלעך פעלד דאָ בליט און גרינט.

נאָר דער וואָס האָט געזייט מיט טרערן,
ביי אים איז פולער גאַרב און זאַנג.
קוים עס גייט נאָר אויף אַ שטערן,
גייט־אויף דאָרפישע געזאַנג.

זינגט דער גוי פון פרייד באַטרונקען,
זידט דאָס בלוט אין אים און גליט...
פון דער זון וואָס איז פאַרזונקען
זינגט דאָס יידישע געמיט.

***

ר׳ זאַנוול ברומט סקאַרבאָוון זמר
אין דופט פון אויפגעגרינטן גראָז.
ער שעפּט פון ברונעם פולע עמער,
די לופט איז דורכזיכטיק ווי גלאָז.

אויף דרייפוס פרעגלט זיך וואַרעניע,
קינדער טאַנצן קאַראַהאָד.
לבנה וואַרפט מיט שטערן־זשמעניעס
אויף די קרוינען פונעם סאָד.

נאַכדעם שלאָפּט דאָס דערפל איינעט,
טיר און לאָדן אויפן ריגל.
פון קיין שטיבל רופט קיין שיין ניט,
אויסגעלאָשן לעצטער ניגון.

שלייכט די נאַכט אין בלויען שלייער,
אומפאַרשטענדלעך שטילקייט שאַרכט.
חצות. נאָר ס׳שלאָפט ניט שמואל מאירס,
זאָרג־באַזינגער פונעם דאָרף.

זוכט אַ ריים צו נאַכט דער שטומער,
לויטער קנייטשן זיין געדאַנק. — —
געפינט דעם גראַם אין צער־האומה,
און ס׳טיקט דאָס לעמפּל און דערצאַנקט.

***

אָפּגעבליט דער אָוונט האָט פּריצייטיק,
דעם זילבער פון די שטערנדלעך צעזייט.
אַך, ווי טיף ס׳פאַרגייט זיך אַ הארמאָניק,
מיט סומנע־דאָרפיש איבערפולטער פרייד.

און ווער עס האָט דעם דאָרפישן געזאַנג
איינמאָל נאָר אין אָוונטן געהערט, —
טראָגן וועט דעם פרעמדן האָפערדיקן קומער,
ווי מען טראָגט דעם גורל אייגענעם אויף דרערד.

„נשמות דריי ביים טויער פון גן־עדן
וועקן שליסלער הימלשן״, ביי פרוגן. — —
אין פרעמדער שפּראַך זיין טרויער איבערגיסן
ט׳ער אָנגעפילט מיט קלאָגן יידישן די קרוגן.

טאָפּלט זיך די זעל פון יונג זיך עלטערנדיקן יינגל
אין קלעם געג׳גדר׳טער, און צווישן שם־ויפּתעס געצעלטן.
נאָגט און פלאָגט אים עשיוס זינגענדיקער אומעט —
און פון יעקבס וועגן חלומט נייע וועלטן.

***

אַ שפּליטער פון פּלויטן פון דורות
איז זונדל ר׳ זאַנוולס אַצינדערט. —
אַט צינדט ער דעם טאַטנס מנורות
און אַט וויל ער שייטערס צעצינדן.

די שייטערס אויף שיידונג פון שליאַכן,
אין אָפּשיין פון יונגע פאַרטאָגן. —
אין וועלדער די דונערן לאַכן,
ווען יונגע בעריאָזקעלעך קלאָגן!

וואָס ווילן די יונגע בעריאָזעס
אין שאָטן פון דעמבענעם שוויגן? —
ס׳גייט אים נאָך דבקות שפּינאָזעס
און ווייםוט פון לערמאָנטאָווס צווייגל.

***

דער הימל פאַררויטלט, פאַרפּורפּורט, פאַרשאַרצט,
שפּילן אויף שויבן נאָך פּיצלעך פון ליכט. —
אין חלום פאַרטראָגן, פאַרטיפט און פאַרצערט,
וויכוחים ער פירט נאָר מיט וועלט און מיט זיך.
— למאי און פאַרוואָס? — פרעגט ער און פרעגט; —
נישטאָ איז קיין ענטפער, — אין פרעגן אַליין איז
די תשובה פאַראַן? — דער ענטפער דאָך שרעקט. —
גרויס איז די שאלה, ענטפער ווי קליין איז.

טאָ וואָס איז די שאלה וואָס פרעגט דער מעזיניק
אין ווינקל פון חדר ביים זונענפאַרגאַנג? —
נו, פרעגט ער! ס׳האָבן געפרעגט שוין נישט ווייניק,
און זיינען אין פרעגן געבליבן אַלץ קראַנק.
אַט ווענדט ער די אויגן צום פירעק פון פענצטער
און שטאַרט ווי אַ בלינדער צו הימלשע וועגן.
צווישן בעלי־השאלות, איז ער אפשר דער קלענסטער, —
ער וועט אָבער בלייבן דער אייביקער פרעגער.

נאַרס׳טוט זיך אַנטפּלעקן פאַר זאַנוולס בנקל
דער צער פון זיין דור, ווי אַ דאָרן וואָס פלאַקערט.
און ס׳וויזט אויף דער וואַנט זיך — אַ בלוטיקער נאַגל, —
דער חלום פון שווערדן פאַרוואַנדלט אין אַקערס? —
קאָן זיין אַז די וואָר וועט דעם חלום פאַרוואַנדלען,
דעם חלום פון נביא ביים אויסלאָז פון טעג; — — —
און אַמאָל וועט דאָס פאָלק נאָך פון האַוועץ און וואַנדלען
שניידן מיט אַקערס זיין שטייניקן וועג! — — — —

דורך טרערן דער וועג וועג איז, דורך פּיין און דורך טרויער, —
בזיעת אפּיך, — אשריך ישראל! ווי ש״ין איז דער חלום פאַר דעם
וואָס פאַרגלייבט איז! און באַלדיקע גאולה אַ שפּאַן איז פון טויער,
וואָס איז נאָך פאַרריגלט, פאַרהאַקט און פאַרקלעמט.

און עפּעס גאָר וואונדער איז ער איצט דאָ נהנה,
ס׳נעמט אים קיין שלאָף נישט, דער חצות קלאַפּט אין טיר.
און האָרכט ער אַ קריצן, דאָס שאַרכט דאָך זיין פּענע,
און ס׳ווערט אין האַלבטונקל געבוירן אַ שיר.

ס׳איז זאַנוולס מעזיניק קיין זינגער חלילה,
פאַרוואונדערטער פרעגער נישט מער. —
און איז זיך מתדבק מיט זיו פון דער שכינה
אין אָפּשטראַל פון אייגענער טרער.

קאַפּיטל פיר

זומעראָוונט ווי פון גלאָז
פאַרדרעמלטער אין כישוף. —
אַ ווינטל טוט אַ בלאָז
איבער וואַכנדיקן ישוב.

דער ישוב צווישן היגלען
שלאָפט באַלד איין בציבור.
די נאַכט אויף בלויע פליגלען
טראָגט אַוועק די שטיבער.

שטיבלעך גרינג ווי פּוך —
פליען לייכט אין רוימען.
בלייבן בלייבט אין שפּרוך
דער בית־מדרש קוימען.

סטאַרטשעט דער קוימען כמאַריק,
שפּעט־ישובדיקער שומר. —
טרילט טרעריק אַ קאַנאַריק
אליין נאָר צווישןביימער.

עפּעס ברענגט ער ענדערניש,
ער זינגט דאָך אַזוי כמאַריק.
ס׳איז געווען פאַרבלענדעניש
געזאַנג פונעם קאַנאַריק.

נישט געזאַנג, נאָר איכהדיק
געוויינט האָט דאָ אַ ניגון.
ס׳איז די שרעק שוואַרץ־צייכנדיק,
וואָס נעכטיקט מיט די יידן.

**
*

און אזוי איז שטייגער יידישער געגאנגען
פון דארף אין פעלד — פון פעלד צוריק. —
נאר אין ווינטיקן דרויסן די גלאקן־געקלאנגען
ברענגען נישט בשורות פון גליק. — —

חגאות. — און ס׳קומען צונויף זיך די גויים אין שענק,
טרינקען און זשליאקען, טאנצן אויף בענק, —
איז דעמאלט א קינד ווייסט אפילו אין וויגל,
אז יעקב דארף זיצן אין צעלטן פארריגלט.

די ליולקע פון עשיו אין שיכורע הענט,
רויכערט נישט, — שרפעט און ברענט.
ער וואלט איצט א וועלט אומגעבראכט!
און ס׳גייט אויף א תפילה
אין יידישער נאכט. — —

**
*

און ס׳טרעפט אז אין סיוון
פלאקערט א חמימה.
ווי גאט וואלט בכיוון
פארשלאסן דעם הימל.

לאזן זיך גויים אויף גאסן
און טראגן איקאנע־סטאנדארטן,
מיט פרצוף מיט בלייכן פון ספאסן *),
מארשירן מיט טראט מיט א הארטן.

פאראויס גייט דער גלח,
און ווייטער — אין מהלך
פון דערפל ארויס —
די קורגאנען.
א קלויסטערל דארט
איז פאראנען ביים קרייץ פון די וועגן, —
אהינצו זיי שפאנען
צו בעטן אויף רעגן.

נישט גלאטיק איז עפעס,
וואס רעגן אויף טרוקענע סטעפעס

---

*) „ספאס" — דערלייזער, כריסטאס.

פאַלט גאָר אין שיטערע פּאַסן, —
ריידן די גוֹיים צו ספּאַסן.
בורטשען
און שפּייען
און פלוכן
מוזשיקישע בייזע מערכה.
— אומריינער גייסט איז פאַרקראַכן
אין גוישער סאָכע,
אַנטיקריסט!
זייער פעלד
איז דערימעך
פאַרוויסט!

און גאָט אָבער העלפט,
און ס׳בליט פּאַרט אויף
די תּבֿואה
אויף יידישן פעלד! —

ווערן פון קללות אַ ברכה!

(אַז די שעה פון שפע גייט,
קריכט זי אויך די שפּאַלטן דורך,
און זי אָקערט און זי זייט
און עס וואַקסט
ווי פון אַ שפּרונג).

און עס קומט די צייט פון שניט. —
און ס׳פעלט גראָד דעם ייד
אויס משפּחה; —
דינגט ער דעם שכן
דעם גוי
מיט די כלאָפּעס.

און דער שכן —
אַן עכטער
שעכטער
שניידט מיט קאָסעס
און געלעכטער,
קלייבט דאָס ברויט
און בינדט
אין סנאָפּעס;
זינגט

און
טרינקט
פון פולע פלעשער,
און וואַרפט די גאַרב
אין מויל
פון דרעשער.

און ס'שרייען
און רוישן
די ציינער
געשאַרפטע,
און רייסן
די זאַנגען
פון ליידיקן
שטאַנגל.
און ס'וואַרפט
די מאַשין
אין די קוישן
די קערנער
צו טראָגן
אין שייער.

***

די בערגלעך אַרום — שיכטן געשיכטע פון יידישער פּיין,
אין טאָלן, ווי טרעלן, פאַרלאָטענע פרייד
קלינגט־אויף אין אָוונט־שיין.

און ווען דער שבת־קודש קומט מיט זיידענע שיך
און קלאַפּט אָן אין צוגעמאַכטע טירן־פענצטער,
צינדן זיך אין אַלע יידישע שטיבלעך — ליכט.

אין בעזשעניער פלאַטיע די אַלטיטשקע באָבע,
שטיל ווי אַ הינדעלע און שטילינקער נאָך
אַנציינערדיק שעפּטשעט: „קינדערלעך, גוט שבת!"

און ס'טריטלט טריט אין טריט הונדערטיאָריקער זקן.
די באָרד בריט מיט ווייסקייט און ס'שורשקען
מיט יאָרנגעשורש די וואָלענע זאָקן.

שבת־קודש צעלייגט זיך גדלותדיק־ברייט
און ס'לויכטן אויף די ווינקעלעך
פאַרטונקלט פון וואָך — מיט פייערלעך פרייד.

און פייערלעך קלינגט און זינגט און שאַלט
מיט גליק און זעגן, און ס׳גייט אַריבער
די זעל פון יידן מיט שמחה — אַ גוואַלד!

נו, און זמירות, און חסידישע ניגונים,
און שיר־השירים און „פרייטיק אויפדערנאַכט״,
אַז גאַרער דרויסן קוועלט, —
און ס׳קוועלט דאָס וואַסער אינעם ברונעם.

און די פערד אין די שטאַלן, און די בהמות
מיזשבדיק קייען די וואַכיקע היי, —
און שטילקייט גרייכט צו שבתדיקער שלמות.

*****

און ס׳טוט ר׳ זאַנוול אויס דעם עול,
אַוועק די וואָך אין רו אין אירער.
און ס׳גייט־אויף, ווי גרעזעלעך אין טאָל,
די פרייד פון שבתדיקער שירה.

אַנגעקינדיקט נאָר די עולמות פון נישט דאָ,
לאָזט ער זיך שוין וואַנדערן בשלום!
איז דאגות וואָס און וואָס איז חיה־שעה, —
ער איז מתדבק זיך מיט חלום.

און שלאָפן איין די שטיבעלעך, איז וואָס?
שלאָפט נישט דער וואָס טוט מיט יידן חסד. —
אַ מטבעה זילבערנע לבנה אויפן גראָז,
און ס׳האָט אַ כלב זיך אויף איר צעברעשעט.

די כלבים בילן אויך אום־שבת! —
זיי בילן כאַפּטעסווייז, אַ סימן אויף אַ פּגר.
די זקנות קערן איבער אַלטע שקראַבעס
און ס׳קלינגט־אויס צוועלף ירושהדיקער זייגער.

נאָך האַלבער נאַכט. — ר׳ זאַנוול האָט פאַרדרעמלט.
חיה־שרה שלאָפט נאָך נישט. זי איז פאַרזאָרגט.
מיט מאָדנעם געלן שיין דאָס לעמפל פלעמלט
און דער טרויער, ווי אַ וואָרעם, נאָגט.
— זאָל זיין צו גוטן נאָר, אָ, גאָט פון די אימהות!
אַ שינדל האָט זיך אָפּגעריסן, אַ קאַץ איז דורכגעלאָפן;
אַ גלח האָט זי אָנגעגענט מיט צוויי גויעס.
איז זי באַזאָרגט און קאָן נישט שלאָפן. — — —

**
*

און שבת נאָכן קוגל,
און נאָך אַ תענוגדיקן דרעמל,
איז ר׳ זאַנוול מסוגל
צו לויטערן רעיון.
ער איז אין ספר מעין. —
ער רעדט זיך אויס דעמאָלט
מיטן ניגון פון זמירות:
— אוי, וויפל דער שיר איז
רבונו דעלמא, —
אוי, עמך ישראל!
גיי פועל,
גיי טענה!
אַז נאָך אַלעמען, —
וואָס? —
ס׳וואַקסט ווי אויף הייוון,
דיין פאָלק דאָ ווי גראָז!
און רייך איז אוקראַינע
און גרויס זיינען סטעפּעס
און נאָך אַלע טענות
בלייבט אַלץ נאָך עפּעס! — —
דהיינו:
(ר׳ זאַנוול דאָ דרשנט)
די ערד קומט דעם יון,
ער האָט זי געירשנט.
— יעקב און לבן! —
אַן אייביקע מעשה. —
אַזוי איז פאַרשריבן
און אַזוי איז געבליבן
מדאוריתאָ.

און ווען דער יידישער פויער
בעט ביי הימלען אויף גשם, —
ברענט אין האַרצן זיין טרויער,
כאָטש מיט רעגן פאַרלעש אים!
און ס׳ברענט זיין נשמה
און לעכצט נאָך די טויען.
— אוי, למה, למה,
למה יאמרו הגויים?!

און ס'קומט די וואָך, מיט זעק און פעק,
מיט באָרג און זאָרג און האָוועגישן גראָוועּ.
דער שבת קודש, ווי אַ יורד גייט אַוועק,
פאַרקריכט אין שטאָל, אויפן בוידעם אין פּאַלאָווע,
פאַרטוליעט זיך, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, און **דרעמלט**, —
ביז ס'ערשטע שבת־ליכט אין שטיבלעך יידישע **צעפלעמלט**.

***

און וואָך איז וואָך.
נישטאָ דאָ קיין עצה. —
טאָ טו אָן דעם יאָך,
און צי אָן די לייצעס!

— וויאָ, וויאָ, פערדעלעך יידישע,
פון אָרעמען פויערשן שטאַנד!
מאָגערע פערדלעך, יחידישע,
אין יידישן אומעט געשפּאַנט!

אוי, אָדלערלעך יידישע, פלינקער,
פון גלות געטריבן, געבייטשט!
גאָר אַנדערש די אָדלערלעך שפּרינגען,
און אפשר גאָר אַנדערש געטייטשט.

זיי דעכען און סאָפּען גאָר איילנדע,
אויף שבת חלילה פאַרשפּעטיקן. —
אָן טרינקען, אָן עסן, מיילנווייז,
ווי מיט מצוות זיי וואָלטן זיך זעטיקן.

אין אַקערס געשפּאַנט צי אין וועגענער,
אויף צעפּאַלאַשעטן גרויסן יאַריד. —
און דאַוונט אַמאָל אונטערוועגנס ווער,
די פערדלעך זיי דאַוונען פרום־מיט.

זיי פּאַטשן פאַרכאַפּט מיט די אויערן
און שאָקלען חסידיש זיך צו. —
שטייען שמונה־עשרה, ווי פויערן
און לויבן גאָט ברוך־הוא.

— וויאָ, וויאָ, הירשעלעך יידישע,
פון גלות געטריבן, געיאָגט. —
די מאָגערע פערדלעך, יחידישע, —
אַ יידישער אומעט זיי נאָגט.

***

אין אָסיען גרייט אָן דער פּויער
פאַרזייען דעם קאָרן אויף ווינטער.
קומט נאָר דער פרילינג דער בלויער,
און ס'צעגייען
די שנייען,
זאָל קאָרן שוין זיין אַ צעגרינטער.
און גאָט זאָל אַ רעגן נאָר שענקען,
די בייטן נאָך מערער צעשווענקען,
וועט תבואה דאָ גרינען און גרינען.
דער פויערשער שכן וועט אָבער
דעם יידן נישט קיינמאָל פאַרגינען
די צען דעסיאַטינען,
וואו ס'וואַקסן אי קאָרן, אי האָבער,
אי גערשטן, אי פּראָסע. — —
ער וועט נישט פאַרגינען אפילו די ראָסע
וואָס פאַלט אויף די יידישע פעלדער
מיט ברכה.
דער גוי מיט זיין פערדל —
ער גייט מיט זיין סאָכע
און אַקערט נאָר שטיקער
פון פעלדער פון זייַנע,
וואָס ציען זיך וויט איבער פלאַכן אוקראַינער.
— זיין ערד איז פאַרשאָלטן;
זי וועט נישט געראָטן!
— און ער גיט נישט באַארבעטן באָדן
דעם ייד אויף אָרענדע. — —
וועבט יידישע שפּע לעגענדע:
— דער רעגן אין פרילינג וואָס פאַלט נישט,
און ס'גיסן ניט זומער די שלאָקסן, —
האָט יידישער גאָט זיי פאַרהאַלטן,
ס'זאָל גוישע תבואה נישט וואַקסן.
וואַקסן נאָר וואַקסט זי די שנאה
צו יידישע פעלדער, וואָס בליען און גרינען, —
פאַרזשוויים וואָס עס רינט פון דעם יידישן פנים!
און ס'וואַקסן און מערן זיך יידישע שונאים.

***

און ס'טרעפט, אַז די זון די צעגליטע
ברענט אויס אויף אַ פויערשער לאָנקע אַ פליכל,

צעטראָטן אַ גרעזל האָט וואו אַ קאַפּיטע, —
זייט זיכער,
ער וועט זיין רציחה,
וואָס הערט נישט אויף זידן
שוין ברענגען צום יידן.

און אָט צו ר׳ זאַנוולען איוואַן איז געקומען,
מיט פּעלצל מיט שעפּסענעם זומער,
מיט הויכע מיט טשאַבאַטעס יוכטענע צוויי,
און ער רופט און ער פלוכט אים:
„זשידכאַלאַמעי!
האָרכט אים ר׳ זאַנוול און שווייגט.
ווי אָבער צאָרן דעם ערלס אַלץ שטייגט,
ער וועט אים פאַרפּלייצן, —
נעמט ער אים אָן ביי די לאַצן,
ווי ער נעמט ביי די לייצן
זיין פערד דעם בולאַנעם,
און ער זאָגט צו אים: הער!
הער מיך, פּויערל, אויס!
משמעות,
געווען איז אַ טעות!
ווייזט אויס,
אַז מיין פערדל האָט טאַקע צעפרעסן
אַ גרעזל
דאָרט דיינס,
איז זאָל שוין דאָ איבערגיין מיינס!
דער שכן — געציילט
כך וכך.
גענומען דעם ר״ך
און נישט אויפגעהערט ברומען
אין נאָז:
„איר טרעט אונדזער גראָז!
און ס׳טאַפּטשען די יידישע פערד
אונדזער ערד!״

קאַפּיטל פינף

אויף גרודעס געדודער פון רעדער.
פאַרטריקנטער טראַקט פון סוף זומער.
אין שעה אין פאַרנאַכטיקער שפּעטער

אַ פורל פירט סטעפּישן אומעט
פאַרקויפן, אין טויש פון יאַרידן,
פאַרמורזעטע, פעלדישע יידן. — —

אוי, אומזין פון יידישן האַנדלען!
און ווער וועט באַנעמען דעם מופת
פון האַנדל מיט ראַזשינקעס, מאַנדלען,
וואָס לידלט אין טריט פון די סוסים?
— אַ מציאה, נעם, פויערל, קויף עס! —
אַ ציקעלע בלויז פאַר צוויי זוזים!

און ווער קאָן דעם טרויער זיין תופס,
דעם נאַכטיקן יידישן צער דאָ? —
ווען פלאַטער פון דורות טויכט אויפעט
צווישן דעם פויער אין נאַכט דאָ!

***

ס'האָט אויפגעקלאַפּט האַרבסט
אַ ביידל פון דרוקעס. —
דער אָסיען פאַרדאַרבט
ביי די יידן אין סוכות.

חול המועד, שמונה עצרת,
און אַט, שמחת תורה. —
און עפּעס איז שווער איז,
און עפּעס אַ מורא!

זאַמלען זיך ווינטן
פון הינטער די היגלען.
אין אָוונט פאַרשפּינטן
געשפּענסטער אין שפּיגלען.

אין מרחץ נישט גוטע,
אין שטאַלן די זמאָרע. *)
אַ גוט אויג מיט אַ פּרוטה
שפּרעכט אָפּ חיה־שרה.

די ראָבן אויף דעכער
וואָראַזשען און שטראָפן.
דורך שייבלעך און לעכער
דער ווינט לאָזט נישט שלאָפן.

---

*) זמאָרע — אַזאַ מין פלעדערמויז וואָס, לויט פויערשן אבערגלויבן, מאָרעט פערד אין די שטאַלן.

אויף הימלען סימנים
פון גרויזאַמען ווינטער.
און ס׳טראָגן יוונים
אַ מת אויפן צווינטער.

ביי מאַשקען אין קעלער
די בעסטע משקאות! —
— גויימלעך, שנעלער!
עס קומען חגאות!

— ביי יידן אַ מצווה!
גיי גנבע, ראַביר אים!
ביי קאַפּטשענדע ליכט צוויי,
זאָגט אַ ייד שיר־השירים.

— ישקני מנשיקות. — —
ס׳איז ער אַליין דאָך, כביכול.
ס׳גייט אויף אַ מתיקות,
און ס׳גייט אויף בטחון.

מיט בטחון צו לעבן,
איז מער ווי מיט גבורה.
אַז גאָט זאָל נאָר געבן
ס׳זאָל גיין אַלץ כשורה.

***

... און ס׳וואָלט געווען אַן עוולה,
ווען כ׳זאָל נישט אין צוויי ווערטער
דערציילן פון ר׳זאַנוולס
געראָטענע פיר טעכטער.

טאָ וואָס־זשע קומט אַרויסעט?
אַז ס׳פעלט דאָס ביסל גליק!
מען קאָן קיין העמד נישט מאַכן,
ווען ס׳פעלט נאָר אויס אַ צוויק.

***

אַוועק זיינען יאָרן. ביים פענצטער געזעסן,
די בליקן געצילטע אין טונקעלע ווייטן,
די טעכטער ר׳ זאַנוולס, פאַרגעסן,
און קיינער נישט קומט נישט צו רייטן.

בײַ עלטסטער די אויגן, ווי ברונעמס
פֿאַראָוונט. בײַ צווייטער — פֿאַרלאָשענע שטערן.
די ייִנגסטע — אַ ביסעלע פֿרייד נאָך געפֿונען
אין אותיות קליינע, ווי טרערן.

די אותיות דערציילן פֿון לענדער פֿון ווײַטע,
פֿון טרוימען וואָס ווערן ווען וואָרן.
און איין מאָל פֿאַרבײַ איז געפֿלויגן אַ רײַטער, —
אַ רײַטער וואָס טראָגט אין דער ווײַטקייט די יאָרן.

בײַם ברונעם ר׳ זאַנוולס ער שטעלט אָפּ דאָס פֿערדל,
דאָס פֿערדל איז מיד, דער רײַטער — נאָך מידער.
און וואָלט ער געהאַט נאָר אַ פֿלאַשטש און אַ שווערדל, —
אַקוראַט ווי פֿון ביכל — אַ שטרויענער ריטער.

דער ריטער בעט וואַסער פֿון ברונעם צו טרינקען,
דאָס פֿערדל איז דאַרשטיק און ער איז — נאָך מערער.
די אויגן צעפֿינקלען ווי זוניקע רינגען,
דאָס וואַסער אין עמער איז קלערער.

דאָס וואַסער אַזויפֿיל דאָ הײַנט ווי פֿאַר יאָרן,
נאָר קוואַליקער, דוכט זיך, און טיפֿער דער קוואַל איז.
— טרינק, ריטערל, טרינק פֿונעם וואַסער דעם קלאָרן,
דער הימל — אַ חופּה; פֿאַראָוונט — אַ טלית.

דער ריטער — ער טרינקט שוין אַ שעה און נאָך מערער,
דער אָוונט בײַם ברונעם מיט שאָטנס, ווי קעמלען.
וויגט־איין און שלעפּערט דער כּישוף פֿון שטערן,
דאָס מיידל און ריטער פֿאַרדרעמלען.

***

אויף בערגל פֿון דערפֿל די ווינטמיל
איינפּיסיק, — אַ בושל אין לויער.
שפּעטאָוונט. — זי וואַרט אויף אַ ווינט נאָך,
ווי ס׳וואַרט אויף קאַיאָרן דער פּויער.

שטייט זי די ווינטמיל, אַ גולם,
מיטן פּנים צום דערפֿל פֿאַראומערט.
די פֿליגל פֿאַרבראָכן — אַ צלם,
אין נאַכטיקער האַלבוואַך פֿאַרשלומערט.

און ס׳וועקן זיך קינדער אין וויגן,
פֿאַרגעפּיל שרעקט ווי אַ סאָווע.

אומעטיק נאָיעט אַ ניגון:
גם כי אלך בגיא צלמות.

ר׳ זאַנוול — אים נעמט נישט קיין שלאָף.
ספקות, תרעומות און טענות.
ער שפּירט, ווי גאָטס שטראָף,
דעם שטורעם, וואָס גייט אויף אוקראַינע.

אין מידער הכנעה די שטיבלעך
פאַרוויינטע, מיט בעלמיקע אויגן.
דער רעגן האָט טיפער געמאַכט נאָך די גריבלעך,
און האָט זיי מיט נעפּל פאַרצויגן.

אין נעפּל, פאַרוואָגלטע גייער.
אמונה דאָך גאַרטלט און בינדט.
אַז ס׳וועט נאָך דעם נעפּלנעם שלייער
צעטרייבן פרי־האַרבסטיקער ווינט.

***

פרי־האַרבסט איז פאַרביי שוין.
דער ווינטער פאַרגאַנגען.
צעבליט שוין דער מאַי איז
מיט בעז און געזאַנגען.

אין צוויט די אַקאַציעס
מיט שניי אָנגעשאָטן.
און יידישע גראַציעס
דאָרט רוען אין שאָטן.

אַ שיפל, דער מולד,
שווימט־אום אויפן הימל.
זיין בלויליכט איז שולט
אויף ליבע און דרימל.

— גאָט, זיי באַוואָרן,
די שטאַנגעלעך יונגע!
זע, לבנהקן האָרן
אַ וואָלקן ט׳פאַרשלונגען.

אין פינצטערע שטיבער,
די יידישע טעכטער. —
דער ליכטיקער תשבי
זאָל זיין זייער וועכטער.

נאַכט און דער מולד.
האַלב־נאַכטיקע וואָרן.
און ווער האָט געקוילעט
לבנהקן האָרן? —

אַ טויטע לבנה
געשאָכטן אין ברונעם.
און ס'לויערט סכנה
אין שאָטן פון זונען.

סכנה איז געקומען
מיט אָנקום פון זומער.
סכנה פון אומקום
פון יידישער אומה.

מיט שוידער פון לעמער
לעבט יידישע עדה.
עס טוט אָן דער דעמער
זיי טונקעלע קליידער.

זיי טוליען זיך איינעט,
און אָרעם צו אָרעם. — — —
עס גראָבט אין אוקראַינע
ווער טויזנטער קברים.

**
*

אַ רגע, מיין ליד, שטעל זיך אָפּעט!
זע ווי דער מולד איז רויט אויפגעגאַנגען.
מלחמה. — אין כאַטע דאָס גויישע פּויערל כראָפּעט, —
און ס'יידישע פּויערל, זע: ווער האָט אים געהאַנגען?

אין גאָרטן ביים יידן, אונטער שיין פון לבנה,
דאַווענט זיין גוף נאָך, נישט דערדאַווענט מסתמא.
צו פרי איז געקומען צו אים די וואָראַנע,
צו פרי איז פאַרגאַנגען זיין שטיבל אין פלאַמען.

אוי, יידישע שטיבלעך פון דערפל ניי־וויטעבסק!
איך זע ווי די שטרויענע דעכלעך צעפליען.
ס'פּייערל לעצטע, זע, אָט פאַרגליט עס,
און ס'לעשט זיך אין טאָלן די בלוטיקע שקיעה.

***

שטערנדלעך בלאַנקען
פאַרוואָרלאָזט אין וואַלד.
אין לייכטן חלשות
דער אָוונט פאַלט.

אַ גוף פון אַ בוים,
הויך און אויסגעדייוועט.
אַ פלעמל וואַקסט —
אַ בלום אויף אַ קבר.

אין אָפּדאַך פון קוסטעס
צוויי מיידלעך, ווי האַרפן.
געשרייען פון דערפל
די עכאָס צעוואַרפן.

עכאָס אין נאַכט דאָ
פון שרעק אויפגעציטערט,
אַ וואַלקנדל ווייסער —
מיידלשער היטער.

אָפּהילך פון קולות
פאַרטאַיעט דער וואַלד.
אורבלוט דערוואַכט האָט
אין קינס געשטאַלט.

***

פון קושינסק ביז ניי־וויטעבסק,
אַ טייכל זיך בויגט ווי אַ דוהע.
ווי פון פויער די האָפנונג,
דאָס וואַסער פאַר תבואה.

פוןביידע זייטן טייכל
גאַלדיקט זיך קאָרן אין כוואַליעס.
און דאָרט איז אַ וועלדל
מיט יונגע בעריאָזעס.

ס׳וועלדל ליגט רעכטס פון קאָלאָניע,
און לינקס איז די טייוולשע באַלקע. *)
אין באַלקע וואַכט באַנדע זעליאָנעס,
אין וועלדל די מחנה פון זאַלקין.

*) טייוולשע באַלקע — אַ פינצטערער אָפּגרונט.

דער קאַמף נישט קיין גלייכער: —
אויף איין זייט דער כוח פון פויסטן,
אויף צווייטער — ווי רוישיקע טייכן,
דער צאָרן צעברויזטער.

און וואָס איז פון ביידע דאָ גרעסער:
פון באַנדע זעליאָנעס די שווערדן,
דער צאָרן — זיך שלייפנדער מעסער —
פון העלדישן זאַלקין אין וועלדל?

מיט זאַלקינען שפּרייזן די קדושים
און ווייזן דעם וועג אין דער נאַכט דאָ.
די רוצחים, מיט שווערדן אָנטבלויזטע,
אין באַלקע אין טייוולשער וואַרטן.

שווערדן איז ווייניק. — די בלוטן,
ווי אָקרעפּ, ביי עישון זידן.
אין חושך פאַרווישטע מאַרשרוטן. — —
נאַכט זאַלסט פון אומגליק פאַרהיטן!

נאָר אומגליק אין פינצטערניש שאַרט זיך
אין פוסטריט פון יידישע קינדער.
אויף טאָגשפּראָץ די מחנה דערוואַרט זיך,
פאַרטאָג איז די פינצטערניש בלינדער.

נאָר ס׳צאַקען שוין פערדישע טלויען
און רירן־אויף דרעמלענדע ערד דאָ.
דאָס וועלדל איז פריש נאָך פון טויען
און נאַכטיקע שטילקייט זיך ווערט נאָך.

און ס׳רייסן די שטילקייט די זאַלפן
און קווייטן צעבליען אויף גראָזן.
וועקן פון שרעק זיך די שוואַלבן:
ווער האָט זיין בלוט דאָ געלאָזן?

נקמה איז זיס. און זיסער דער טויט איז,
וואָס קויפט־אויס דאָס בלוט פונעם נאָענטן.
באַגינען ווי שנויץ פון אַ קנויט איז,
אין בלוט גייען אויף האָריזאָנטן.

***

דער בכור פון ר׳ זאַנוולס גבורים,
אַ צווייגל פון שטאַם אָפּגעשניטן.

ווען שטורעם אין וואַלד זיך צעוואָיוועט, —
טאָ ווער וועט די שטאַמען פאַרהיטן?

דער קדוש ר׳ זאַנוולס —
אַ צווייג פון בנימין,
צעדריוולטער ביינוול
אַריבער די תהומען.

אַ ביינוול פון קנוילן
געוואָרפן אויף פליינען,
אין שאול דאָ פון גרוילן
ווער וועט אים באַווייגען?

נאָר ס׳גייט־אויף זיין חלום
אין מדבר פון זאַמדן. —
גיבורים באַצאָלן
פאַר גאולה פאַרזאַמטער.

***

פון כאַטעס ר׳ זאַנוולס געבליבן דער דאַך נאָר,
געווען איז דאָס דעכל מיט מאָכיקע שינדל.
אַ זכר פון אומגליק און בראַך דאָרט,
געבליבן איז קוואַקען אַן איינציקע הינדל.

זי גייט אום און פיקט מיטן שנעבל
און גראַבלט אַ זערנע דעם הונגער צו שטילן;
אין טונקל פון אָוונט, ווי שיכור, זי טוליעט דאָס קעפל
און האָרכט אין דער שטילקייט דאָס זעגן פון גרילן.

***

אַוועק איז דאָס דערפל אין גאַנצן אין פייער.
באַוואַכן דעם טרויער פון יידישע היימען, אַליין נאָר
געבליבן איז דאָרטן דער רב אין אַ שייער, —
דאַוונט ער ימים ולילה — און ס׳דאַוונען די שטיינער.

פון פעלדזן איז שטאַרקער דער גרויסער בטחון
פון איינציקן יידן, וואָס הויערט און קלאָגט אין די גריבער.
אַריין איז דער טייך אין די ברעגעס. און נאָך אַ פאָר וואָכן —
און ס׳ברענען שוין ליכטלעך אין חרובע, יידישע שטיבער.

און יידן צוזאַמען נאָר, קוים וואָס אַ מנין,
דער רב און זיין עדה, שאָף אין אַ שטורעם.

בויען אָפּ ראשית דעם הייליקן בנין, —
די פעסטונג פון גאָט און זיין טורעם.

די פענצטער פון הייזלעך נאָך בלינד;
אין דעכלעך צעלעכערטע רינט נאָך דער רעגן.
און ס׳ציען משפחות, מיט ווייב און מיט קינד,
צוריק אינעם דערפל — פון אָפּענע וועגן.

דאָס שטיקעלע ערד, דאָס גרינס דאָס פּאַרזייטע,
די שטאָל און די נעסט פון די טויבן. — — — —
די מתים אין קברים, זאָלן זיין אָפּגעשיידטע,
און וואַרצלען די טיפע פון יידישן גלויבן.

***

מלחמה האָט גויים גליק נאָר געבראַכט,
ס׳איז הפקר, ווערט מען נתעשר.
און זונדל ר׳ זאַנוולס לערנט פּאַרגאַפט,
דערנערט זיך מיט פּראָסט־פּראָסטאָקוואַשע.

ויסעו, ויחנו, — געגאַנגען, גערוט,
עישו, עמלק, — אידענטישער פּירוש.
לך־לך, גיי! — דער זעלבער מאַרשרוט!
און להרוג־ולהבד פון בימי אחשורוש.

בבל און רוים, נבוכדנצר און טיטוס,
געשיכטלעכער מהלך — אַ מיטאָס.

יון מצולה און ביילים־פּראָצעס,
שוידער־שטחים, — איין גרויער געוועב. —
וואַרטן אויף גאולה, איז וואַרטן אויף נס!
האַרטנעקיקע גבורה פון זיך אַליין שעפּ!

— אם אני לי מי לי?
אַ פּשוטער פּשט,
מעזיניק ר׳ זאַנוולס
מישט איבער אַ בלאַט.

קאַפּיטל זעקס

קאַרנפעלדער, גרינע לאַנקעס,
ס׳מעזיניקל גלוסט זיך גאָר בלאַנקען
אין פעלד, אָנטאַפּן די וואַרעמקייט
פון זון, און פינגער אירע, צאַרט־דערבאַרעמדיק,
שפּירן אונטער ציטערדיקער הויט.

ווען האַלבטאָג בליט און בלויט
און זינגט מיט זאַנג־געזאַנג פון ברויט.

און ס׳ציט אים צו דעם צוויט און פייגל־צוויטשעריי
וואו ס׳לאַכט די זון אין מאַי
אין פעלד. וואו ס׳ליכטיקט מילד,
און קאָרנבלומען בליען ווילד
אין וואַלד מיט גין און גאָלד באַגילדט.

**
*

אין דאָרף דער טאָג איז אויפגעהייטערט.
אויף בלויען שליאַך פאַראָוונט גייען
פאַרלעך. שמעקט מיט בעז. מיט מילך פון אייטערס
נישט געמאָלקן. אַ פאָרל רעדט פון זיסע ווייען
פונעם פרילינג וואָס אין בלוט איז.
פאַר איינעם נאָענט, פאַר איינעם ווייטער דער מאַרשרוט איז.

ר׳ זאַנוולס ייִנגל איז אַ רינגל פונעם קרייז דאָ
פון דעם יונגן. ער ווייסט: ער מוז דעם קרייז פאַרשליסן,
נאָר ער שפּירט אַ ריס אין זיין געוויסן.
און עפּעס בלאָנדזשעט אין אים, פּילט ער, און עפּעס גרייזט ער,
און עפּעס וויל ער וואָס נישט קלאָר איז. — —
און ווען ער קומט אין אָוונט שפּעטן
אין דעם הויז פון זיינע נאָענטע, ער דערמאָנט זיך אָן פּאָעטן,
וואָס אַנומלטן געלייענט. און עס גייען אויפעט שורות צאַרטע,
וועמענס צער צו זיין דאָ אַרבט ער.

ער זעט ווי פון פּאַלמען
און איילבירטן
שפּרייטן זיך שאָטנס
אין דעמערונג שיין פונעם טאָג.
און דער וואָס האָט נאָר־וואָס
געוויינט און געקלאָגט
ביי שטייניקע שוועלן
פון צוגעזאָגט לאַנד,
אַ פאַרבלוטיקטער
ליגט גאָר צעטראָטן
ביי אַלטער,
צעשמעטערטער וואַנט. — —

***

אויפגאַנג טריפט מיט מילך און האָניק,
ווי אין צוגעזאָגטן לאַנד.
נאָר אַ פלעק אויף אויפגאַנגס פּנים,
גייט אַ וואָלקן־קאַראַוואַן.

נישט געאַנטער לויטער וואונדער
טעפּיכט ערד אין גרין און גאָלד.
און ס׳ווערט דער גאַנצער הימל רונדער
אַן אומגעקערטער בלויער טאָל.

אין ערדנרונד פון גאָרער וועלט
איז דער הימלטאָל פאַרוואַנדלט.
שטעלט אויף יעקב זיין געצעלט
און ער חלומט און ער וואַנדלט.

און ווען די זון צו דרום גייט
און ס׳שיינט די ערד מיט אַלע פּראַכטן.
קומט דער אָוונט־קאַראַוואַן און שפּרייט
די שאָטנס פון פאַרנאַכטן.

***

בלעטער פאַלן, פייגל שטאַרבן.
און ס׳בלייבן קאַרבן
שאַרפע אין געמיט,
וואָס די צייט האָט אויפגעהיט.

שפּראָץ פון דומם, גראָז און שטיין,
קראַנקער, קינדערשער געוויין,
ווי די טראָפּנס אין דעם ליים
אין די ציגל פון זיין היים.

שטיינער, ציגל, דאַך און ווענט
פון דעם שטיקל פירמאַמענט
פון די ענגע איילן פיר
פונעם אַלקער צו דער טיר.

און אין דעם פעטיטן
היים־געצעלט,
ער טוט פאַרהיטן
גרויסע וועלט. — —

***

אין די שרעקעדיקע הייזער,
ס׳יידיש דערפל וואַכט און שלאָפט,
בעת אַ שאָטן בייזער
האָט דעם טויט פאַרנאַנדערראָפט.
און ס׳האָט די נאַכט
אַרויסגעשלאָגן
פונקען־שטערן,
ווי פון שטיינער,
און ס׳האָט אים אויסגעדאַכט,
אַז ער אַליין נאָר
קאָן איצט הערן
אומגעהערטן שטיינער־קריץ,
און זען ווי אויסטערליש
דער הימל בליצט
אין פרי פאַרטאָגעדיקער
פינצטערניש.

און ס׳האָט די רישעות
און דער סם
געאָטעמט פריי,
ווי פיש
אין ים.

***

ווייס ווי אַ וואָלקן,
איז ס׳מעזיניקל איצט.
געדאַנק ווי אַ קאַלטן
אין מוח אים זיצט.

צעפלאָנטן געדאַנקען —
ער זוכט אָן התחלה.
אברהם, יצחק און יעקב,
און אייביקער גלות.
די אורזיידעס, אָבות,
און ער, זיין משפחה.
ווי זריעה אין ראָוועס
פאַראַקערט מיט סאָכעס.
און מענטש איז געבונדן,
און יידן נאָך מערער,

צום ערדקיילעך רונדן,
דורך מי און דורך טרערן.
מיט ניגון פון חושים
זינגט אַ געזאַנג ער.
און נישט מיט חידושים
לעבט ער אַ קראַנקער? —

אין מוח אין קראַנקן
אים פּיקן ווי קראָען,
פאַראַוונט־געדאַנקען,
פאַרפּייניקטע שעהן;
און וואָס איז ער דאָ איצט,
אַ שטויבל, אַ שפּליטער? —
אין פינצטער אַ נאַכט־בליץ,
ווען ס׳קומט אַן געוויטער.

***

די נאַכט איז אַריבער
אין פיבער,
אין קאַפּרויש אין מידן.
דער טאַטע ז׳געפאָרן אויף מערק און ירידן,
געהאַנדלט, געוואַנדלט, געמינצט און געביטן;
אַן אָגער, אַ שקאַפּע, אַ ציג און אַ לאָשעק,
געבראַכט פון כל־טוב ער דערנאָך אין אַ קאָשעק.

פאַרטאָג־צו דער טומל, דער רויש איז אַנטלאָפן. —
ס׳מעזיניקל, דאַנק גאָט, מיט מזל אַנטשלאָפן.

***

און ווען דער טיפוס־חולה
איז פון בעט אַרונטער, —
פאַר אַ קרבן־עולה
גרייט ער זיך אַצונדערט.

***

„— מיר פאַר די ביינדעלעך זיינע,
מיין קרוין און מיין חיות!...“
אויף טייכן אוקראַיִנער
גייען שוין קריעס...

ווינט האָט צעטריבן
די וואָלקנס פון ווינטער,
ס'איז שניי נאָר פאַרבליבן
אויף גויאישן צווינטער.
און יידישע קברים
מיט פרילינג צעגרינען.
(טונקלען די אויגן
מיט נעפּל פאַרצויגן
און ס'ציטערט
איר זילבערנע ברעם)
ס'גייט חיה־שרה
אויפן קבר פון בכור —
געפאַלן אויף קידוש השם.
פאַרפייניקט, דערשטאָכן
פון ווילדע רשעים.
אין יונגינקן קבר
זוכט אַלטן בטחון,
אַז ס'האָבן די גויים
פאָרט נישט צעבראָכן
דעם שטאַם פון ישראל.
וויינט חיה־שרה
ביים צדיק אין אוהל.

אַ ווינטל קומט אָן,
צעפּלאָנטערט דעם שייטל
אויף קאָפּ אירן גרויען.
מיט אויגן פאַרהייטלט
פון טרערן און טרויער
גייט חיה־שרה
אַרום צווישן קברים.
איינזאַם און אָרעם
מצבה פון ליים איז
פון איר הייליקן זון. —
„גאָט האָט גענומען
און גאָט האָט געגעבן!"
זי קאָן אָבער ווייטער
נישט לעבן,
ווען כמאַרע
האָט פאַרפינצטערט
איר ליכטיקע זון.

בית־עולם אַליין
אין געוויין
איז פאַרגאַנגען
דערפון. — — —

אַביימל צעוויגט זיך
פון שווייגן
און ס'פלאַפלען
די עלנטע צווייגן
אַריבער דעם קבר
פון ליים.
אַ שוועלבל
פון געגנטן ווייטע
קומט זיך דאָ בויען
אַ היים.

**
*

און פון צווישן קברים אַרויס
און פון זוניקע טאָלן
וואַקסן בילדער אויס,
וואָס גאָט אַליין האָט געמאָלן.
די זוניקע רויז
און דאָס ביימל צעפּאַלאַשעט
ביים שטיבל — אַ כזית די גרויס —
דער לאַשעק,
וואָס האָט זיך צעבריקעט
פון פרייד,
און דער רויך
וואָס גייט
פונעם קוימען
אַוועק אין די רוימען, —
איז מעשה ידיו אויך.

פול איז די ערד
מיט זיינע בילדער,
מיט גרויסקייט פון מייסטער.
וואונדער באַווייזט ער
מיט זיין פּענדזל
וואָס ער טונקט אַמאָל
אין בלוט
און אַמאָל אין שקיעה־פאַרבן.

און גוט
איז פאַר א י ם טאַקע שטאַרבן
האָט חיה־שרה געטראַכט.

און ס׳האָט זיך פאַרנומען
אויף נאַכט. — — —

***

און ס׳בייט נישט דאָס דאָרפישע פּנים
דעם אָנבליק דעם כמורנעם און טריבן.
דאָס דערפל זעט אויס — מחותנים
נאָך אַ חתונה אַליין דאָ פאַרבליבן.

די קלעזמער שוין לאַנג זיך צעגאַנגען.
די געסט זיך שוין אַלע צעפאָרן.
נאָר עכאָס צעבראָקלטע קלאַנגען
נאָך קוילערן אָפּ אין זיכרון.

***

און עס זוכט חיה־שרהס מעזיניק
אין וועלדל אין גרינעם אַנטרינונג.
און ער איז מתפּלל בלחש צו גאָט,
אַז שענקען ער זאָל אים פון גרעסטן גענאָד,
דעם שענסטן, דעם אייביקן סוד.
ווי שיין איז גאָטס וועלט איצט אין פרילינג!
אין אויסשפּראָץ פון קנאָספּ — די באַזינונג.
אין בליטל און בלעטל — דערפילונג.
נישט פאַרשטאַנענע ווערטן פון ווערטער ער זוכט,
די יאָדרע פון שאָלעכצן דיקע.
גראָד־דאָ וויל ער טייטשן די ערטער פון בוך,
וואָס גיבן אים לעבנס־יניקה.
— און נעמט זיי אין ברוזדעס די זוימען,
די נאָר־וואָס פאַראַקערטע קערנער.
קוים זיי נישט היטן, נישט שוינען, —
וועלן אויסוואַקסן שטעכיקע דערנער.

טאָ ווער זאָל זיי יעטן און פלעגן
די אָקאָרשט פאַראַקערטע זוימען? —
אַז ס׳זאַמלט זיך אומצוכט אויף וועגן
און שטורעמס זיך קלייבן אין רוימען.

און היישעריק יאָגט, און סוסליקל *) לויערט
אויף קערנדלעך קליינע, די פּראַצע פון פויער.

***

די נעסטן אויף ביימער —
אַ קינדערשע וויגל.
די חכמה, צו שטוינען,
פון שיינעם געפליגל.
און שרצים, מיט פעלעכלעך גרינע
אויף סאַמעט פון גראָז. —
אין וואַלדישער מדינה,
דער פּיקהאָלץ, די קרעטן,
דער פוקס און די האָז.
ס׳אָדלערל נאָר אינעם לופטיקן שטח
פאַרשט וואו צו לאַנדן
פון הימלשן פליען.
און זע ווי אין זאַמדן
די מורעשקעס ציען
אין גלייכע שערענגען,
שלעפּן און ברענגען,
פאַרמאָרעט, פאַרשוואַרצטע,
מיט ציטער פון צאַרטקייט,
ווי ס׳גרייט אַן אַ מאַמע
פאַר קינדערלעך קאַשקע,
שלעפּט די מוראַשקע
אַריבער די קרעפּטן
אַ פאָדעם, אַ שטריקל,
אַ שטרוי און אַ צוויקל, —
פון פעדעם און שטרויעלעך
העפטן
אַ שטיבל. — —
אין זאַמדן אַ גריבל
פאַר קינדער. —
אָפדאָך פאַר שנייען
וואָס קומען
מיט פראָסטיקן ווינטער.
באַטראַכט און באַוואונדער
די מלוכה־אידיליע!

---

*) סוסליק — פעלד-מויז.

אין אחדות געבונדן,
געקניפּטע פאַמיליע
פון היהלעך קליינע,
אינזעקטן — בחירה.
און ס׳ווערט דיר נתגלה
דער וועג פון יצירה.

דער אָדלער,
מיט פליגל צעפּאַכעט
צום באַרגשפּיץ געהאַפּטן,
גאַנג פונעם יחיד
אויף וועגן אויף קרומע.
געוועבט און געהאַפּטן —
דער וועג פון דער אומה.

*
**

און די ברויטיקע ערד אויף די ברייטן אוקראַינער,
האָט גערעדט צום מעזיניק, געטענהט:
— פאַרוואָס און פאַר ווען, און נאָכאַמאָל פאַרוואָס,
פאַרלאָזסטו מיך דאָ, מיט מיין זאַפט, מיט מיין גראָז,
מיט מוטער ליבע צו דיר, ווי צו אַלע קינדער פון מיין אינגעווייד,
און דו פאַרבייטסט מיין זאַטע, זומערדיקע פרייד
אויף אַ הונגעריקן טרויער און צער
פון זוכן און פון וואָגל,
און אַלץ דערפאַר,
וואָס דיר גלוסט זיך טרינקען נישט פון אייגענעם לאָגל,
נאָר פון פרעמדע ברינעמער און ויסטע קוואַלן. — —
און ס׳האָט אָפּגעענטפערט ס׳מעזיניקל: „פאַרפאַלן!“

און שוין זשע איז צו ערד דען שייך זאָגן אייגן, הגם
אָט־דאָ איז אויפגעגאַן זיין שטאַם
און אַלץ אַנאַנדער. — — —
נאָר ער, אַן אַנגעברייטער שוין צו וואַנדער,
וועט אַלץ דאָ איצטער איבערלאָזן:
די סאַמעטענע קינדהייט, מיט די שעמעוודיקע גראָזן,
די אַלטע, אייביק דאַוונענדיקע ווערבע ביי דעם סטאַוו,
וואָס איז געווען צו אים אַ שוועסטער, ווען דער גויישער האַוו־האַוו
איז זיין קינדהייט, וויס ווי קרייט,
נאָכגעלאָפן און געשראָקן, העט־ווייט
ביז סאַמע לעצטער כאַטע
פון דאָרף דעם יידישן — אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, —

און דאָך אַן אייגן ווינקעלע, אַנטרינזונג.
און ער האָט אין זיך אַליין געזוכט באַזינונג,
באַיאָאונג צו דעציזיע זיינער,
זיך צו זעגענען מיט מאַמענקע אוקראַינע.

— אויב ערד שוין יאָ — באַהעפּטונג צו אַ מאַמען,
איז דאָרטן נאָר, וואו ברייט זיך שטרעקנדיקע שטאַמען
וואָרצלען זיך נישט אויסצורייסן. — —
און אפשר וועט זיך פאַרט דער נס, געגאַרטער נס, באַווייזן,
מחמת וואָס איז נס? — דאָס גוטע, ווי דאָס שלעכטע, אין
אייגענעם געשטאַלט,
באַשאַפט דעם מענטשנס חלום, וואָס ווערט נישט אַלט. — —

***

און אין דאָרפישע נעכט אין די בלויע,
ווען לבנה פאַרוואָרפט אויף די דעכער
איר ווייסן, איר זילבערנעם פעכער,
גייט אויף אַזאַ זיידענער טרויער
און שפּרייט זיך פאַנאַנדער
פאַר נעפּלנע אויגן,
וואָס זיינען אין חלום פאַרצויגן
פון וואַנדער.

און ווי עס ציט די לבנה מיט כוח
לבנהקן גייער אויף שאַרף פון געפאַרן,
אַזוי האָט געצויגן אין מוח
פון יונגן בעל־חלום אַ פאָדעם אַ דינער
צו ווייטע, פאַרבאָרגענע מדינות,
וואָס האָרן און גאָרן
ביי שטילע פאַרשטעלטע גראַ־יאַמיקע ראַנדן,
זיין שיפל זאָל קומען דאָרט לאַנדן.

***

דער גורלדיקער וועג,
וואָס פירט אַיעדן,
ווי דער פויער פירט אַן אָקס פאַרקויפן
אויף יאַרידן,
אַזוי וועט גורל פירן אים
דורך אומוועגן און וועגן, —

ס׳מעזיניקל פון עדה זיידע־יידן,
וואָס האָבן זיך מיט ערד פאַרבונדן,
מיט סאַמע אירע פוילנדיקע טיפן,
און האָבן טעם
פון אויפבינדן די גרונטן
נישט באַגריפן.

קאַפּיטל זיבן

מיט רויך איז פאַרקאָפּטשעט די שטוב,
אין לעמפּעלע ס׳קנויטל, — פאַרדריי עס!
אַך, ווי פאַרקניפּט איז דער קנופּ
אינעם קנויל, — אָנו נעם צעדריי עס!

די נאַכט אויך אין טונקל געוועב,
ווי אין קנויליקע פעדעם פאַרוועבט זיך.
אויב באַשערט איז דיר לעבן, טאָ לעב!
און נישט אָט אַזוי ווי עס שלעפּט זיך.

און פונקט ווי מיט וואַקס האָט די נאַכט
איר טונקעלן פּנים פאַרצויגן.
אַ ליכטל צינד אָן, און ס׳דאַכט,
זי וועט עפענען די קלעפּיקע אויגן.

און בעלמיקן וועט זי דערנאָך
אַ גאַנצינקע נאַכט ביז באַגינען.
(ווי אָפּטמאָל עס גיט אים אַ שטאָך
אַקוראַט ווי מיט נעדעלעך דינע).

און ס׳ציטערט דער דרויסן — אַ קעצל
אַ נאַר־וואָס געבוירנס. —
די נאַכט איז פאַרביי.
ס׳קאָרענע פלעצל
שמעקט פריש פונעם אויוון.

די מאַמע פאַרפּאַטיעט, פאַרטאָן,
דערווייל איז דאָס מילך אויסגעלאָפן.
— ווינד איז מיר, האָסט דאָך, מיין זון,
ווידער אַ נאַכט נישט געשלאָפן!

דער טאַטע מורמלט שוין אויך,
אָט ווי דער מאַמעס אָן עכאָ.

גישטאָ מער, נישטאָ מער קיין כּוח,
און טאַקע גיב נאָר אַ רעכן!

— בייטאָג און ביינאַכט ביי דעם בוך,
רק שבת, קיין ברעקעלע וואָך ניט.
חיה־שרה־לעב, ס׳גייט אום אַ סלוך,
קום נענטער צו, זע נאָר, דו האָרכסט ניט?

מע זאָגט, און אַז מ׳קלינגט אין אַן ערך
אַ חגא... האַ, וואָס? קימערסט זיך וויניק? —
טאָ זיי אַזוי גוט און גרייט נאָר אַן צדה לדרך
פאַרן תּכשיטל דיינס, דעם מעזיניק.

**
*

אויף פעלדער פאַראָוונטיק־גרינע
גייט אויף איצט אַ ווייסע לבנה.
פאָטער און זון, דער מעזיניק,
שמועסן, טענהן און מאָנען.

— קאָן זיין, און ס׳איז אפשר רעכט,
זיין ווילן אַזוי איז מסתמא.
אויב דיר איז נישט טייער ס׳כּזיתל ערד,
דיין היים דאָ, דיין שטוב און דיין מאַמע.

אַז יעטווידער פאַסיקל ערד דאָ
באַפייכט איז מיט שוויס פון דיין פאָטער.
דיין זיידע געווען איז אָט דאָ, —
און ווילסט וואַנדערן, — וואַנדער און פּטור.

דער סדר אַזוי איז פון לעבן, פאַרפאַלן.
אַ צווייגל אַ יונגער מוז גרינען.
אַ דעמב וואָס איז אַלט, מוז ער פאַלן. — — —
ווער איך דאָ מיין רו שוין געפינען.

אין ווינקל געשטריקט האָט די מוטער אַ זאָק,
לבנה האָט געלויכטן אין פענצטער.
אונטערגעהערט האָט זי יעטוועדן זאָג
פון טאַטן צום זון אירן קלענסטן.

— פליען זיי טאַקע אַוועק אַזוי גיך,
פייגעלעך קליינע, דער מאַמעס? —
און ס׳האָט בלייכע לבנהקע ליכט
געפלעקט איר דאָס פּנים אין פליאַמעס.

איר שאָטן אין ווינקל, געבויגן און שוואַך,
ווי פון ליים אַ געקלעפּטע פיגורל.
דער ווינט האָט געריסן אַ שינדל פון דאַך
מיט בייזער, מיט ווינטיקער גבורה.

און נאָך דעם די רו האָט געגאָסן זיך צאַרט
אין אַלטע, צעוויטיקטע ביינער.
איז זי געזעסן פאַרשטיינערט, געוואַרט, —
געקומען איז קיינער נישט, קיינער.

אויפגעוועקט האָט זי דאָס בילן פון הינט
און פאַרטאָגיקער שוידער אַ קאַלטער.
לבנהקע שיין נאָך אין פענצטערל רינט
און וויגט־אײַן דעם קאָפּ פון דער אַלטער.

**
*

אויף ליימיקע וועגן פון דאָרף
שלעפּט זיך אַ פורל פּאָר פּרי.
הייזלעך אַ הויפן האָט ווער אַ צעוואָרף
געטאָן דאָ אין דער שטיל.
פענצטערלעך, טירן, פּלויטן
מיט גראָטן, אָפענע הייפן.
אין שיין אין פאַרטאָגיקן רויטן
שאָטנס נאָך נאַכטיקע לויפן.
— וואוהין לויפן די שאָטנס, וואוהין?
ווען זון גאָלדיקט־אויס אַלע וועגן!
אין דאָרפישן פריען באַגין
דאַרפן די שאָטנס נישט שרעקן.

אַ פורל אַ פריִאיק זיך שלעפּט
אויף ליימיקע וועגן, עניוותדיק שטיל.
(נאַכטיקער תליון די זון האָט געקעפּט
אויף די פליגלען פון מיל)
און ערגעץ ליגט וועלט אַ צעשפּרייטע,
מיט אָפענע אָרעמס פון שליאַכן זי ציט.

און גלייך ווי אברהם וואָלט געפירט צו עקדה
יצחקן דאָ, מיט פרומען גאָטספאַרכטיק געמיט
ר׳ זאַנוול ס׳מעזיניקל פירט צום וואָקזאַל. — —
לויטערסטע ברכות פון טאַטן צום זון
און הייליקע בענטשונג פון אייביקן קוואַל
טריפט מיט די שטראַלן פון זון.

די ווינטיקע ווייטקייט האָט נאָכדעם פאַרשלונגען
דעם צוג־רויש — און מאַמעשן קלאָגן. — — —
אַזוי ווערט אַ נאַכט־קול פאַרזונקען
אין וואַלד, ווען ס׳הויבט אָן צו טאָגן.

*

נישט דערציילן די פּרטים
פון מעזיניק ר׳ זאַנוולס,
דעם פויערס.
ווי ס׳האָט אים געטראָגן
אין ווילד־פרעמדער ווייט.
דער צוג האָט געוואָיעט,
געשניטן אין פענעצן בלויע
די נאַכט,
ווי מען שניידט
רעפּטלעך ברויט.

מילכיק־ווייסער טומאַן. —
נאָר ס׳רייסט דורך די באַן
אָט דעם שלייער פון זייד.
און ס׳לויפט נאָך די ווייט
ווי פאַרשפּעטיקט דעם צוג.
אַ פויערטע ברענגט
אין אַ ליימענעם קרוג
ק י פּ י אָ ט אָ ק .
שאַריעט אויף טאָג.
און דער הימל צעהענגט
אויף דעם בלוטיקן קיילעך
דעם ליילעך
באַגין.

הייזעריק קרייעט אַ האָן.
דער צוג קומט שוין אָן.
נאָר —
וואוהין? —

צוויי טעג מיט אַ נאַכט.
דער צוג האָט
געבראַכט
צו אַ מיקלט.
אַ האַנט האָט אַ טיר אויפגעמאַכט,

געגעבן אים שלום.
אַ שטים
האָט געזאָגט אים:
„אַריין!"
און ס'הייבט־אָן זיך אַ לעבן
פון חלום און פּיין.

***

די תורה איז טיף.
נאָר טיפער דער ווילן
צו זוכן אין איר די יסודות.
אַרויסטויכן קלאָרער
די סודות,
וואָס זיינען באַהאַלטן
אין פאַלדן
פון פאַרמעטן אַלטע,
וואָס שפּילן
מיט ליכט פון דער שכינה.

דער ייִנגסטער
פון אייביקע וואָגלער,
וועט אָנשעפּן תורה
אין לאָגלען, —
איר מעגט אים פאַרגינען!

און צו וואָס האָט דערטראַכט זיך
דער חוקר־ודורש? —
אַז ווי וואָס עס מאַכט זיך,
איז אַנהאַלטן נאָר זיך אין שורש.

***

וואַנדערט און וואַנדערט דער עלוי.
און צווישן זיין תפילה
פון שחרית
און מנחה־למעריב פאַרנאַכטן,
ער טוט זיך פאַרטראַכטן
אין וועגן פון בורא.
— נאָכסאַל זיינען תורות
געגעבן,
אויב נישט פאַרן לעבן?

אין פוסטקעס פּלאָדיען זיך שדים.
און נישט דער גן־עדן —
איז עיקר,
ס'איז אויך עולם הזה.
אין אַ שטוב וואָס איז אָרעם
באַדאַרף מען דאָס ברויט
ווי די ספרים.

פון פּאָזע צו פּאָזע
ער שווימט אויף אַ טייך
פון פאַרפּריילינג.
און ס'שווימט מיט אים מיט
אומצעטיילבאַרער צווילינג: —
די וועלט און דער יד.

שכר־ועונש ער לערנט
אין שטראָף און פאַרברעכן.
שעפּט תורה ביי נתן דעם חכם.
און וויל נישט פאַרשוועכן
דעם אייגענעם קערן —
שאַרפט זיך דעם מוח
אין מורה־נבוכים.
היינע און בערנע.
העגעל און פיכטע.
פאַרשטן, דערלערנען
דעם גאַנג פון געשיכטע.

ביי בורקאַרד, רענאַנען
ער זוכט מיט התמדה,
וואו איז דער חילוק פאַראַנען
אין קוויל פון געשיכטלעכן פאָדעם?

זוכט און געפינט ער
ביים נביא דעם חילוק.
ביי זיי איז גיין ווייטער:
פאַרטיליק!
ביי אונדז איז פאַראויסגיין:
באַוויליק!

**
*

אָרום וואָקזאַל די הונגעריקע פייגל קרייזן,
מעת־לעתן כראָפּען כלאָפּעס אויף געפּעק.

אויף אַ רפואה נאָר אַ פּאַיעזד זאָל זיך ווייזן,
פּאַסאַזשירן וואַרטן אָפּ די לאַנגווייליקע טעג.

שלעפּן זיך די פּאַיעזדן פאַרשפּעטיקט,
אויף וויאָרסטן־לאַנג פון סטעפּישער ראַסיי.
דער אומעט אויף וואָקזאַלן רוסישע דאָ נעכטיקט
און פאַרפּאַרעט אין די טשייניקעס דעם טיי.

פּעק און זעק, וואָקזאַלישער געטומל.
נאַכט פאַרשוואָלענע מיט קלעפּיקן געדוף.
אַ יידיש יינגל נאָר, דעם קולעק אויפן קלומעק,
נישט ער דרעמלט — חלומט פון אַ בוך.

וואָס טוט דאָס יינגל דאָ אויף נאַכטיקע וואָקזאַלן,
און ס׳ציט וואוהין זיין יוגנטלעכער גאַנג? —
ער גייט בייטאָג מיט גייערס איבער שפּאַלן
און שלאָפט מיט זיי ביינאַכט דאָ אויפן באַנק.

ער קומט פון דרום און צו מזרח גייט ער.
פון מערב אָוונט שפּאַרט; פון צפון — ווינט.
אומרו אויף די וועגן וואָלקנדלעך פאַרשפּרייט ער,
און אין מזרח — טוי און טרויער רינט.

קאַפּיטל אַכט

טאָג איז אויפגעגאַנגען פריער דאָ ווי שטענדיק.
טאָג נישט טאָג, נאָר פּערלדיקע ליכטער.
ביי וועמען פרעגן זיך, צו וועמען דאָ זיך ווענדן?
אַ וועג אין ערגעץ ציט, וואוהין און וועמען פירט ער?

די פּאַלמען אַרום אים, ווי אויפגעמאַכטע פעכערס,
פריש אָטעמדיק דער ים און רוישט אַזאַ געהיימער.
די זון באַזוימט די בערג, באַגילדט די פלאַכע דעכער,
און שאָטנס לאַנגע לייגן זיך אַרום די גרינע ביימער.

צי איז ער שוין געווען דאָ? ווען? אין וואָסער גילגול?
ס׳האַרץ איז אים אַ האַרפּע, ווייַנט אַזוי און כליפּעט.
אים דאַכט, אַז נאָך די עברים שלייכן ביי דעם ניל דאָ; —
ער ווייסט אָבער די הויפּט־שטאָט איז דאָ איצטער פון עגיפּעט.
און נישט אויסלייזן וועט משה מער פון עבדות זיינע יידן,
ס׳טראָגט איטלעכער דערלייזונג דאָ מיט זיך־מיט אינעם וואַנדער.

און ס׳שטאָלפּערן נישט ווייט דאָ וואו די שטאָלצע פּיראַמידן,—
און ס׳וואַכט און ס׳וואַרט די שטאָט פון גרויסן אַלעקסאַנדער.

און אפשר נישט קיין שטאָט, נאָר אויסגעטראַכטע ליניעז,
די שלעסער און די מויערן,—די בערג גאָר פון גילבוע?
די הימלען העגנען נידעריק אַריבער גרויען בנין, —
נאָר שלעסער, זיי פאַרמאָכן נישט דאָס האַרץ פאַר אַלטן טרויער.

דער טרויער אַריענטאַלישער איז עלטער פון דער שטאָט דאָ,
ס׳וועט נישט די געפּענקעניש אויף שלעסער אים פאַרשליסן. —
די שטאָט פון אַלעקסאַנדער האָט געפּענטעט אים דעם טראָט דאָ,
בענקשאַפט וועט אַריבערגיין די ווענט פון אַלטער תפיסה.

***

פאַרשפאַרט אין דער תפיסה,
ווי יוסף אָבינו. —
די שטערן ברמיזא
אים ווייזן די שכינה.

לבנה באַשטראַלט זי
מיט ליכטיקע הערנער.
אַ וואָלקן באַהאַלט זי —
אַ בלום צווישן דערנער.

אין פאַלדן פון וואָלקן
אַ פּנים פון שטראַלן.
אַ באָרד ווי אַ קאָלטן,
די אויגן — אָפאַלן.

ביז טאָג האָט דאָס פּנים
געבליקט דורך די גראַטן.
קוק, און דערקאָן אים —
דאָס פּנים פון טאַטן!

וואָס קומט ער, וואָס וויל ער?
— עס איז די לבנה!
פרימאָרגן אַ קילער —
אים ברענגט אַ מתנה:

דער דרזיסן אַ פרייעו ,
די גאָסן אין טומל. —
אַ חלפן אַ שרייער,
בייט דעם מזומן.

גאָלדשטיק און זילבער;
לשונות געמישטע. —
די לופט איז פון אינגבער,
פון קצבה דער פרישטיק.

**
*

ווי אַלץ וואָלט געווען שוין פאַרלוירן,
ערשט נעכטן געטראַכט אין דער הויך. —
און היינט דאָ פונסניי איז געבוירן
דער עצם, דער קערן, דער תוך.

אַ יאָדרע אין שאָלעכץ פאַרשלאָסן,
זי טועם זיין — דאַרף מען קיין שפּרונג.
אומנויטיקע שאָל נאָר פאַרוואַרפן, — געגאָסן
דו האָסט פון דער פרוכט.

אַ האַרץ האָט אויך צענדליקער זיגלען,
טאָ פרואוו נאָר און עפן עס איצט! —
און וועסט זיך דערזען, ווי אין שפּיגלען,
אין טיילן אין צענדליק צעשפּריצט.

אין אוצר פון מענטשלעכן האַרץ,
קאָנסט אין אים אַלדינג געפינען.
קופּער פון וועלקיקן האַרבסט,
גינגאָלד פון יונגן באַגינען.

ווייטיק פאַר מיטברודערס פּיין,
און גלייכגילט פאַר גרויליקע טאָטן.
פרייד נאָר פון אייגענעם זיין,
האַרץ דיינס קאָן בלוטיק פאַרראָטן.

**
*

דערמאָנונגען בויגן
דעם נאַקן
צו דרערד צו.
ווי קומען די אויגן
דער מאַמעס
אַהערצו?

וואָרקען די טויבן
מיט מאַמעשער ליבע.

דער אָונט אין שויבן —
אַ קראַנקער אין פיבער.
ציטערט ער, פּלאַטערט,
ס׳איז קאַלט אים, דעם אָונט.
פאַרביטערטער טאַטע, —
איין אויג זיינס אין וואַלקן,
ווי תמיד פאַראומערט.
די קראַ האָט געשאַלטן,
נו, איז ער געקומען!
אַ קראַ אין אוקראַינע,
ווען ס׳זשומעט און זומערט.

אויך דאַ זעט ער כמאַרעס.
אים דאַכט זיך, ער זאָגט אים:
מיט אַלטן על נהרות —
דער טאַטע באַקלאָגט אים.

*****

אַ רעגנדל מראַקעט.
ביים באַרטן דאָס יינגל.
ציקעט און צאַקעט
אויף וואָגשאָל דאָס צינגל:
נישט זכאַי, נישט חיב,
די וועלט אין אַ מיטן, —
האַלב מענטש און האַלב חיה;
און צווישן דעם יידן —
משיחיות און גאולה;
דער טרוים פון ישעיהן,
איבערמענטשלעכע גבולן
פון רבינו בחיין.

— אדם־העליון,
צי אָדם־התחתון? —
איז בעסער פאַרשנעלן,
צי בעסער נאָך וואַרטן?
המון אָדער יחיד?
און וואו איז די ראיה?
מאַרקס אָדער ניצשע, —
צי רבי בחיי? —
פאַרוועלקט דאָס געוויקסל

אַן ערדישע זאַפטן. —
אַ וועלט נאָר פון ביקסן
אַן ברעקל ואהבת?

די כוואַליעלעך יאָגן,
טיילעכלעך ימען.
און ווינטן זיי שלאָגן —
און נאָר נישט צוזאַמען.
און שיפן געטריבן
אין אייביקן וואַנדער;
און וואָס איז געבליבן
פון ריז אַלעקסאַנדער?
און טיטוס הרשע,
און רוים,
און דער יוון? —
דער ים האָט געלאָשן
דעם פלאַקער פון אָוונט.

די נאַכט איז געקומען
מיט מיצרישן חושך.
אין מדבר פון אומה —
דער פאַקל פון משהן.

***

דער מדבר פאַראויס אים —
דער וועג פונעם גלות.
אין מיצרישן חושך
אַ קול איז,
וואָס טוט נאָך אַלץ רופן
פון זאַמדן און שטיינער:
די יידישע ביינער
פאַרקליידן אין גופן.

ביינאַנד מיט די שאָטנס
פון הונדערטער דורות,
ר' זאַנוולס מעזיניק, הקטן,
פונסניי איז דאָ כורת
הברית: ג ע ו ו ע ן א ו ן ז ו ע ט ז י י ן!
אייביקער כוח פון יידישן וואַגל. —
און שטאַרקער פון וויין
איז בטחון אין לאַגל.

ער טרינקט אים
און ווערט נישט באַטרונקען.
אַ פּייערל ווינקט אים
פון אָפּגרונט פאַרזונקען,
וואָס לעשן נישט אויסעט
די מדבר סאַמומען.
אין פינצטער פון גושן —
ס׳ליכט פון דער אומה.

מעקסיקע, ד. פ., 1947

פ. בימקאָ

דאָ און דאָרטן

דערציילונג

1

דאָס בחורל, שמחה בינעם, איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון אַן אַלט יידיש יחוסדיק הויז, ווי מ׳רייסט אַרויס פון וואַנט אַ נאַגל, וואָס איז אַריינגעהאַקט פון דור־דורות. און אינאיינעם מיט נאָך אַנדערע יידן, מיט בערד און אָן בערד, פון כלערליי עלטער, וואָס ס׳איז זיי געוואָרן ענג אין דער אַלטער וועלט, און די ערד האָט געגומען ברענען אונטער די פיס, — זיך געגומען טראָגן מיט אַן אָקסן־שיף, צו דעם היגן פאַרכישופטן לאַנד פון ווייס ברויט, גראָב־בייכיקע אַרבוזן און קעלבערנע התפעלות.

דאָס בחורל, שמחה בינעם, האָט זיך האַרט מיטגעשטופּט מיט זיי אַלע, ווי אַ שעפּס מיט דער סטאַדע, מיטגעשטופּט אויף גאָטס באַראָט. ער איז געוואָרן אַריינגעדרייט אין דעם געדרענג פון די יידן מיט ווייבער, וואָס האָבן געבראַכן מיט דער גרינער גאַל פונעם געזאַלצענעם ים, זויערן און ביטערן הייזון־ריח, וואָס רייסט אויף טייג ביים יערן. די בליטן אין אים האָבן פון דעם נאָך מער זיך צערוישט, פונקט ווי ביי איינעם, וואָס ס׳קומט אים שווער אָן אַ גוט באַטעמטער ביסן, און ער רופט אַרויס אָן אַ שיעור כוחות, — אים צו קענען אַראָפּשלינגען. די אויסגעצויגענע, לויזע הערעלעך, וואָס זיי־נען, געוויינטלעך, ביי אַזאַ יונג בחורל אַ זעלטנקייט, — זיינען ביי אים אויפן קאָפּ געקראַכן: אַהערצו, אַהינצו, — ווי לעבעדיקע, אין די אויגן, — אַזוינע העלע בליקן, וואָס לייכטן־אויף אַלץ אינאיינעם, גליען, שפּריצן מיט פונקען. די אָרעמס ציען זיך ווי ביימלעך אויפן ווינט, ווילן אימיצן אַרומנעמען מיט גליענדיקער בענקשאַפט, נאָך איידער מ׳איז ערגעץ דערפאָרן, — ביז ס׳נעמט אים שפּאָרן אַ קינדיש וויינען:

— אוי, ווי שווער ס׳איז צו זיין עלנט און אַליין.

און אַז מ׳האָט אים, מיט די אַנדערע יידן, אויסגעקערט ווי מיט אַ בעזים פון דער שיפס אינגעווייד, — איז ער אַרויף אויף אַ האַרטער, שטיינערנער ערד. הויכע, שאַרף צוגעשניטענע מויערן, צו וועלכע מ׳דאַרף פאַררייסן דעם קאָפּ. געפּלאַסטערטע גאַסן, וואָס זיינען פול און געדיכט מיט געשריי און טומל. איבערן קאָפּ, — אַ קופּערנער הימל, טיף בלוי און ערטערווייז אַנגערויט, — פון וואַנען ס׳פאַלן נאַכאַנאַנד פלאַסטן פייער, איינע גרעבער

ווי די אַנדערע, אַז מ׳זאָל זיך בראָטן אין זיי ווי אין אַ קאַלך־איווין. ער איז גלייך, און מיט דער ערשטער שעה, אַריין, ווי מיט אַן אָנגעצייכנטן שליאַך, אין דער געדיכטעניש פון די צווישן־דעק יידן, וואָס האָבן זיך אַלע אָנגעזועצט אויף דער קופּע, — אויף די אונטערשטע גאָסן, ביים מזרחדיקן ריוועד. דאָ געבליבן שטעקן צווישן זיי מיט זייערע, צומייסטן קורצע און גראָבע ווייבער, צעוואָקסן אין דער ברייט; געבליבן זיצן מיט זיי אין דרויסן, פאַר די טירן פון די הייזער, נאָכן אָפּאַרבעטן אַ טאָג, לאַנג ווי דער גלות, ביי דעם „בזעת אפּיך תאכל לחם״, און פרייכן שווער אַז מ׳קען הערן אויף מיילן. ווי קען מען אַפילו חלומען אין דעם הייסן, פאַרנעם פאַרנאַכט, אַריינצוזגיין זיך אַוועקלייגן אויפן הקדש־בעטל, — וואָס פאַרנעמט מיט זיך ס׳גאַנצע חדרל. און אַז ס׳איז אין דרויסן, אונטערן גאָלן הימל, נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען, על אחת כמה וכמה, — אינעווייניק? וואָס קען שוין זיין אין דעם ברעקל שטיבל? דאָס פענצטער איז איינגעמויערט האַרט אויפן פּנים פון אַ מויער, און ס׳איז אַלץ איינס מיטן פענצטער, ווי אָן אים. מיט וואָס פאַר אַ לופט קענען לונגען אָטעמען פון אַ מויער, און נאָך פון אַ טרוקענער מויער דערצו, — וואָס ס׳טריפט אַפילו נישט פון איר? און ס׳קומט אים אויס; ווי מ׳זאָל עס דאָ האָבן אויסגעטראַכט לגנאי, אַז ער זאָל זיך בלויז קענען דערמאָנען, דאָס ער האָט אַמאָל, אַמאָל, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דעם,—און געזען דעם הימל זיך אויפרייסן ביים לייגן דעם של ראש, ביים אַרומדרייען די רצועה אויף דער האַנט; דערזען אַ זוים בלויען וואַלד פון אים אַרויסקומען, וואו אַ ייד מיט אַ ברייטער באָרד האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ הילצערנער פור, מיט פיר סקריפּענדיקע רעדער, וואָס האָבן אַריינגעשריגן אין דעם יונגן טאָג אַריין. געהערט דאָס שטאָלצע קרייען פון הענער. סוויטשערן פון מענגעס פייגל. וואו האָט דאָס אַלץ באַדאַרפט זיין? ערגעץ אין דמיון, אָדערן אונטערן רוקן פון דעם צעפלאָשעטן ים, וואָס ער איז אים נישט אַריבערגעפאָרן מיט קיין שיף, נאָר אַריבערגעריטן אויף די צעגליטע גרזשיוועס פון אַ צעבריקעטן לייב. און אַז מען שפּאַרט זיך צו צו דער שווערער מויער, פאַרטיפט אין דער פאַרנאַכטיקער מרה־שחורה, און מען וועקט דיך אויף מיט אַ טיט שאָלעכצער, וואָס צעפאַלט זיך איבערן קאָפּ: באַנאַנע־שאָלעכץ, פּאָמעראַנצן־שאָלעכץ, — אַרומגעגעסענע ביינער פון עוף, — דעמאָלט נעמט אים אַדורך אַ דין ציטערן, איבער די אויגן פאַרציט זיך אַ ווייס הייטל, ווי ער זאָל זיי פאַרגלייזן, און ס׳האַרץ נעמט גיין טיפער, העכער: „הזאת נעמי?״ אַזוי זעט עס אויס? אַזאַ פּנים האָט עס דאָ? און צו דעם האָט ער זיך געריסן? און אויף וואָס מ׳האָט עס אויסגעביטן, — דאָס סאַמעטענע גראָז מיט די ווייכע גרינע לאָנקעס? אויף מאָנטגאָמערי סטריט? ס׳שמאָלע שנירעלע וואַסער מיט די בעדלעך, וואו מ׳פלעגט זיך אונטערטונקען איבערן קאָפּ, — אויף טשערי סטריט? קהלס בית המדרש — אויף ראָטגער סקווער? דאָס טענעמענט־הויז מיטן „יאַרד״ — אַנשטאָט דאָס נידעריקע הייזעלע מיטן שינדל־דאַך, וואָס „קיטשעט״ דאָרט ווי אַ שעפעלע אויף די אונטערשטע פיסלעך?

און ער הויבט מיטאַמאָל אָן בענקען נאָך יענער אַלטער איינגעלעבטער פאַרצייטיקער היימישקייט: נאָך ר׳ יאַנטשעס פאַרטראַכט גיין צו מנחה ומעריב, שלמה חקרנס שכלדיקן פילפול, דעם טאַטנס אַריינטייטשן אין דער גאולה, אין חבלי המשיח, דעם זקן ר׳ יואלס תיקון חצות, דעם שמשס קלאַפּן אין די לאָדן צו עבודת הבורא, און אַפילו זיין יינגערן ברודער משהס אַרומהאַצקען אויף דער ציג. ווי קומט ער דאָ אַהער, צווישן די פאַרגרעבטע קולות פון דעם ערב רב? ווער איז דאָ ווער,—צווישן וועמען ער זאָל זיך קענען געפינען? וואו בלייבט, — ער? און נישט בלויז אַ קראַפּליע פונעם אויג? אַ טרער אויפן זאַמד? און דאָס דאָרטיקע בית המדרש, דאָס שנירעלע וואַסער, די ווייכע גרינגע לאַנקע, דער ברודער משה, — וואָס האָט זיך גאָרנישט אָנגעזען ביי אים אין די אויגן, ווען ער איז דאָרט געווען, — האָט איצט אָנגעהויבן אויפ־צוגיין אין אים ווי אַ ווייטע ליכטיקייט, אַ סנה, אין וואָס ער האָט זיך געזוכט אַנצוהאַלטן, פרום אָנהאַלטן, ניט קיין חילוק: זייענדיק אַליין, צי צווישן מענטשן, ער זאָל זיך פלוצלונג נעמען וויגן פונקט ווי דאָרט אין קהלס בית המדרש צו והוא רחום יכפּר עון, — אַז מ׳זאָל זיך אָפּשטעלן און אים אָנקוקן מיט ביטול: „וואָס זאָגט ער עפּעס והוא רחום אין מיטן טאָג ביים פּושקאַרד? ס׳איז ביי דיר אַ תענית היינט נאָך דער מאַמען?״ — און אַליין נישט וויסנדיק, איז געבוירן געוואָרן ביי אים אַזאַ דינע מעלאַנכאָליע, אַז תפילות זאָלן אים באַפאַלן וואו ער גייט און שטייט, ער זאָל נעמען זאָגן הלל, לכו נרננה, מיטן ניגון פונעם דאָרטיקן בעל־תפילה, און וויינען פון מיטן שלאָף. אַ דינע מעלאַנכאָליע, ווי אויפן בלייכן שטערן פון אַ פאַרבענקט מיידל, וואָס קוקט פאַרחלומט אין די ווייטע פאַרנאַכטן אַריין. דאָס דאָרטיקע און צעבלוטיקטע האָט באַקומען אַ לבוש, אַ תכלתדיקן, אַ באַלויכטענעם, און אַליין ווי געוואָרן אַ חלק פון אים; אָן אומרואיקער, ציטעריקער, פון דער ווייט, — גלויבן, אַז דאָרט איז עס, — דאָס שבתדיקע, מלכותדיקע, נשמה־יתירהדיקע, ליכטיק באַשפּרינקלטע: אין דעם פאַרטראַכטן גיין פון ר׳ יאַנטשע צו מנחה ומעריב, אין טאַטנס זען רמזים פון משיחס קומען אין יעדן גלעט פון וויגטל, און אויף יעדן בלעטל פון ספר וואָס ער מישט־אויף, — אַפילו אויך אין דעם אַרומ־האַצקען זיך פון זיין ברודער משה אויף דער ווייסער ציג. — — —

*
**

אַ היים, האָבן זיי אַלע דאָ געבענקט, די צווישן־דעק יידן: איינער מער, איינער ווייניקער, און אַנדערע בענקען נאָך עד־היום, כאָטש זיי זיינען שוין אויף אַ מהלך אָפּגעפאָרן פון איר, און דאָ אויסגעגעבן זייערע קינדער אין נחת און אין פריידן. מ׳האָט די בענקשאַפט אַריינגעגעסן אין זיך מיטן כזית ברויט, אויסגעטרונקען מיטן גלאָז וויין, און אַפילו מיטן שטיק פלייש וואָס ס׳האָט געריפּעט צווישן די ציין. און ס׳האָט געהייסן: אַז מ׳קרענקט עס אויס, נאָך מיט די ביינער. ווי האָט דאָס אַלץ געקענט גיין איבערן האַלדז, ווען מ׳האָט עס שוין געהאַט, — און עס האָט געזאָלט באַקומען? ראשית, אַז מ׳איז אַליין, און ווי פון דרערד אַרויס; און דער עיקר, — אַז די גוטע מאַמע, נעבעך, זעט

עס דאַרט נישט פֿאַר די אויגן. אָפּגערעדט: אַז אויך ביי שמחה בינעמען, דעם דינעם בחורל מיט די צוגעציילטע הערעלעך אויפֿן קאָפּ, — האָט די בענקשאַפֿט זיך צעלייגט ווי אַ קייסערינע, און אים אין גאַנצן געגומען אונטער אירע פֿליגלען; אַמאָל אים געטראָגן העכער, געוויינטלעך: אַז ס׳האָט עפּעס און אַזוי־נס אים אָנגעכאַפּט ביים האַלדז, — און ער זאָל זיך אַוועקשטעלן אין מיטן טאָג אונטער דער דילענסי־סטריט בריק זאָגן הלל; און אַמאָל אויך ווערן ביי אים שלאָבעריק, — אַז ס׳האָט געלאַכט צו אים קינדיש און מיט אַ חנדלעלע עפּעס אַ גוט בריוועלע פֿון דער היים.

מיטן הילוך פֿון יאָרן, אין וועלכע ס׳האָט נישט איין מאָל געפֿעלט, אַז ער זאָל צעריבן ווערן ווי אַ שטרוי אונטער די רעדער פֿון אַ שווערן וואָגן, — האָט די היים־ווייִ, ווי אַ גלעטנדיקע האַנט, אים אַרומגענומען ביים קאָפּ, און בייגעשטאַנען אין יעדן נסיון, — ער זאָל אים גרינגער קענען איבערקומען, און אַרויס מיט גאַנצע ביינער. און נסיונות האָט ער, ווי אַלע, — געהאַט אַ סך; זיי זיינען אים באַפֿאַלן איינער איבער די אַנדערע, מיט צערודערטע גרזשיוועס, — ווי די גראָבע כוואַליעס דעם ברעג ים. וואָרעם, דאָס צע־בלוטיקטע, וואָס האָט אים, ווי אַלע צווישן־דעק יידן, פֿאַרטריבן מיט שטעקנס פֿון דאָרטן, — האָט מער און מער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, צענומען די ידים, און מ׳האָט נישט באַדאַרפֿט פֿאַרמאַכן די אויגן, איינדרימלען, אַז מ׳זאָל הערן דאָס אָפּקרעכצן זייערס, נאָר אויך אויפֿן ריינעם וואָר, ביים פֿאַרקעמען זיך די האָר. און ווי האָט ס׳האָרץ נישט געזאָלט בלוטן פֿאַר זיי, — ווען ס׳האָט שוין דאָ, אַפֿילו גאַנץ זעלטן, נאָכגעלאָזט ס׳שטריקל, און געקענט האָבן אַ טראָפּעלע נחת, זיך פֿרייען, אַז מ׳איז זיך צונויפֿגעקומען דער מיט יענעם יענער מיט דעם, און, ווי געוויינלעך, זיך געפֿאַלן אויפֿן האַלדז: „וואָס הערט זיך ביי דיר? און ביי דירו?“ אַז דאָס צעבלוטיקטע פֿון דער היים האָט איטלע־כעס מאָל פֿאַרשטערט די שמחה.

— זאָלן זיי דאָרט נישט ברענען ווי סמאָלע, די רשעים?

און דאָס האָט זיך אַזוי געוואויגן ווי אויף אַ וואָגשאָל איבערן ים, פֿון וועלכער איין שאָל איז דאָ און די אַנדערע, — דאָרטן; נאָך גיכער ווי יענע האָט זיך דאָרט געגומען אַראָפּלאָזן, איז אויף דער אַזוי פֿיל געוואָרן אַרויפֿ־געלייגט, און פֿון כל טוב, — אַז ס׳זאָל פֿון דער זייט איבערוועגן; די שאָלן זיינען נאָכאַנאַנד געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ: דאָרטיקע ליידן און די היגע פֿריידן, וואָס האָבן באַדאַרפֿט פֿאַר זיי פֿאַרגיטיקן. ווען נישט, וואָלט די היים־ווייִ דען געקענט צוביסלעך כאַטש דערהאַלטן? אַזוי איז אים, למשל, פֿאַרן טאַטנס טויט, — אָפּגעצאָלט געוואָרן מיטן ווייב; אַזוי ווי ער האָט באַקומען דעם קלאָפּ מיטן טאַטן, וואָס האָט זיך פֿון אים אָפּגעשיידט, און דערמיט אים אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, — האָט אים נאָך גיכער אויפֿגעהויבן דאָס ווייב; גאָט שיקט די רפֿואה פֿאַר דער מכה: אַזוי האָט ער זיך גראָד באַדאַרפֿט פֿריער טרעפֿן מיט אַ מיידל, — און ס׳זאָל אים באַשערט זיין צו פֿאַרלייגן דעם קאָפּ מיט איר. דער אויסגעשריי: „אוי, טאַטעו!“ איז גלייך אַראָפּגענומען געוואָרן פֿון זיינע ליפּן, מיט אַ קוק פֿון אירע ביכטערע שוואַרצע אויגן. און דער

געשריי איז ערגעץ געבליבן שטעקן, ווי נאָך אַ שאַרף קרעקן זיך אין האַלדז. וואָס מער ס'האָבן זיך דאָרט געמערט די קלעפּ, — האָט זיך דער הימל דאָ געלייטערט; עס האָט דאָרט אָנגעהויבן אַרונטערפאַלן, און דאָ — אויפקומען. באַלד נאָך דער מאַמעס טויט האָט אים ס'ווייב געשענקט אַ טאָכטער, און נאָכן אויפהייבן זיך פון שבעה — געקענט שטיין אַריבערגעבויגן איבערן קינדער־בעטעלע, און שמיצערן צו דעם ווי צו אַ העזעלע: „מאַמעשי, מאַמע שיינע!" — ערשט נאָכן טויט די זכיה געהאַט צו קריגן די טאַטע־מאַמע צו זיך אין שטוב אַריין. — — און ביים לעבן? זיי האָבן זיך דען געוואָלט פון דאָרטן אַרויסרירן? אַלע מיטאַמאָל איז פאַר אים געוועזן צו שווער אַריבער־צונעמען אויף זיינע פּלייצעס, — צו שמאָלע פּלייצעס! און אַפּרייסן פון זיי אַ שטיק נאָך אַ שטיק, גלידערווייז, ווי אַנדערע האָבן געטאָן, און אפשר אויך גוט געטאָן, — זיי זיינען דאָרט געוועזן אַזוי צונויפגעוואַקסן ווי וואָרצלען אונטער אַ בוים, און באַדאַרפט נוצן אַ האַק; און גיי הייב אויף אַ האַק אויף אייגן בלוט און פלייש? — אַז ער האָט אָנגעכאַפּט ביים מיטלסטן ברודער, ביי שלמהן, — איז געקומען דער ענטפער: ווי וועט די מאַמע קענען לעבן אָן שלמהן? זי האָט ביי אים קיין בלוט נישט פאַרגאָסן? דער עלטערער, שמואל, איז, ביז וואָס־ווען, כאָטש ס'וואָלט מיט אים אויך נישט געוועזן אַנדערש, — געגאַנגען פאַר זיך; און גיי נעם זיי כאַטש אַריבער קאַטש־קאַלב, אויף ביידע אַקס־לען: זה בכה וזה בכה. און אויב נישט די מאַמע, האָט מען ווידער באַדאַרפט פּרעגן ביים ווייב, וואָס ס'ווייב זאָגט? און זי האָט געזאָגט (מיט אַ שמייכעלע): „אַז ס'קען זיין, — ס'איז דאָרט בעסער (און דערביי צעלייגט זיינע בריוו אויפן טיש) מ'זעט דאָך... און אויב אַפילו יאָ, — צו וואָס דאַרף זי עס אין גאַנצן? ס'דרייען זיך דאָ אַרום אַזוי פיל הינער, — וועט זיך געפינען נאָך אַ זשאַרנע פאַר איר אויך! און מער ווי אַ זשאַרנע דאַרף זי נישט. איבערלאָזן דעם טאַטעשי מיט די מאַמעשי, — צוליב וואָס? אַ שטיקל קעז? אַ שטיקל פלייש? „גוט מאָרגן, טאַטעשי!" איז געשמאַקער ווי דער בעסטער קעז! און „גוט מאָרגן, מאַמעשי!" — צעגייט זיך מער אין אַלע אברים, ווי ס'זיסטע שטיקל פלייש מיט פיש, און אַלע מאכלים אין דער וועלט, צוזאַמענגענומען.

אַזוי־ערנאָך האָט זיך צעריסן אַ יידיש הויז, און, חלילה, נישט איינגע־פאַלן; עס איז געבליבן שטיין, נאָר אין צווייען: אַ שטיקעלע דאָרט, אַ שטיקעלע דאָ, און אויף ביידע זייטן ים זיך צעוואַקסן; ביימער דאָרט, ביימער דאָ, פיליכט דאָרט גרעבערע, דאָס איז דאָך אַזוי פשוט, ווייל די ערד איז דאָרט אַ פעטערע; און אויב דאָ אַ מאָגערע, — זיינען אָנשטאָט ביימער פאַראַן ביי־מע־לעך! אָבער דער רוח הקודש — איינער און דער זעלביקער; וואָס מיר מרחק, ים? סאַ באָבע־מעשה! ער איז אפשר יאָ דאָ, אין אַ בייזער גורלדיקער שעה, אין בין השמשות, אַז דער הימל איז גראָ, און מ'קען אים נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט (גיי, מאַך אים אָוועק מיט דער האַנט, — דעם ים!), אָבער, במחשבה? אין דער מחשבה איז פאַראַן איין וועלט, אַ גרויסע יידישע וועלט, איבער אַלע עקן, אָן ימים, און וואָס גרעסער איז אַלץ בעסער. דער גאָט פון די יידן איז אומעטום, נישט ווי, למשל, דער פּוילישער, —

בלויז אין פוילן; דער האָלענדישער — אין האָלאַנד, דער טערקישער — אין טערקיי, וכדומה... בעסער: מער מרחק, מער שטח,—ווי, חלילה, ס'זאָל ווערן איינגעשרימפּן, און זיך נישט קענען פאַרדרייען; גייען יידן דאָרטן אין בית־המדרש אַריין, — מיט וואָס זיינען זיי מער אויסגענומען פאַר די היגע, דאָ? מ'ברויך ווייט זוכן אַ בית־המדרש? האָט דער ייד אפשר נישט יענע'ס עלטער, — פון וואַנען זאָלן זיי איר האָבן, אַז אַלע יידן זיינען דאָ נאָך יונג, ערשט נעכטן אייערנעכטן אַהערגעקומען. וואו זיינען דאָ אַלטע יידן? און אויב יונגע יידן, האָבן זיי מער כוח פאַר דאָ סצו שרייען: „אמן, יהא שמה רבא!“, מעגן זיי זיך אַפילו פוילן אָדער שעמען אונטערצושפּרינגען.

און אַזוי גיך ווי די צווישן־דעק יידן זיינען געקומען צו זיך, געעפנט די אויגן, און זיך אַוועקגעשטעלט אויף די פיס, — האָבן זיי זיך גלייך גענומען צו צעקריכן פון די הינטערשטע גאַסן, וואָס ביים מזרחדיקן ריווער, פאַר־לאָזן דעם תחום המושב; אַרויס מעבדות לחירות, אַרויס איבער גרויס ניו־יאָרק, — איינעמען די שטאָט; אַריינגעשפּיגן דעם סוועט־שאָפּ אין פּנים, אַ קאָפּע געטאָן דעם פּושקאַרד אין הינטן, און אויפגעהויבן די קעפּ: אויף דעם זיינען מיר דאָ אַהערגעקומען, צו אַרבעטן ווי אין מצרים, — בחומר ובלבנים? זיי האָבן צעריסן די קייטן, און זיך צעשאָטן ווי די בייטשן פּערל. יידן אין מיטן הארץ פון מאַנהעטן, יידן אין באָראָ־פּאַרק, אין די בראָנקס, קוני־איילאַנד. ס'איז אומעטום גוט, וואו צוויי — איז דער דריטער אַ ייד; מיט אַ באָרד און אָן אַ באָרד, אלמאי נפקא מינה? אַלע זיינען פון דעם איי־גענעם טייג געקנאָטן, און האָבן דעם זיסן און ביטערן טעם, וואָס יידן האָבן. הייזער, געשעפטן, — ס'איז יידיש עשירות! אויף די שילדן ברענען, און ווי ס'זאָלן זיך צעטאָפּיען אין גאָלד, — זייערע נעמען, נעמען פון אונדזערע אבות אבתינו, כאָטש ביי אַ סך זיינען זיי שוין אַזוי ממזריש צעדרייט, אַז מ'קען זיי קוים דערקענען. און דאָס איז זיי נישט אַראָפּגעפאַלן פון הימל, נאָר פון זייער מי און פּראַצע, שכל און חכמה, יידישע חכמה.

***

ביי דעם אַלעם, און בעת דעם אַלעם, האָט דעם בחורל, שמחה בינעם, שוין אַ יידעלע, מיט אַ גלאַט גאָל קעפּעלע, אָן איין הערעלע, אַ בעל־מטופּל מיט אַ ווייב, אַ טעכטערל, מיט גאָר אַ לייטיש יינגל, — נישט גאָר מיט קיין סך אָפּגעגליקט; האָבן דען אַלע געקענט זיין פון די מזלדיקע? אָבער, נישט צו פאַרזינדיקן. די יונגע מאַמע, אַמעריקע, האָט אים אויך, נישקשה, אַ גלעט־געטאָן איבערן בעקל. דער פּושקאַרד האָט געקריגן פאַר דער נאָז: אַז ער זאָל הולכן, — און זיך קוים אָפּגעטראָגן מיט גאַנצע ביינער. אָבער דער גלגול זיינער איז אין אים געבליבן, און געוווען אַלץ נישט קיין קלענערער הונט און פאַרקויפטער עבד, ווי פריער, — אין אַ געוועלב; פון דעם וואָגן רעטעכער, אַלטע האַנטוכער, געגלייזטע טעפּ, און נאָך אַלץ, — וואָס ס'איז אים אויס־געקומען צו שטופּן איבער די גאַסן, און קוקן רחמימדיק צו די אייבערשטע

פּעגצטער פון די פּערטע און פינפטע שטאָקן: „נו? נו? אַ טאָפּ! אַ באַרשט! אַ האַנטוך! אַ ליילעך! צי עפּעס אַנדערש, וואָס באַלעבאָסטעס דאַרפן אין שטוב אַריין?" פון דעם אַלעם איז ער אַרויף אויפן ריכטיקן פערד, — אויף דער קראָם: די קראָם האָט, אייגנטלעך, ערגעץ טיף אין אים געהויערט, — נאָך פון דור־דורות; וואָס האָט זיין טאַטע, וואָלף בריזעוווער געטאָן, — געלייגט לאַטעס אויף שיך? אָדער איינגעניייט אַ נאָגט פון אַ רעקל? און מיט וואָס האָט ער געקענט זיין אַנדערש פון טאַטן זיינעם? נישט מער, וואָס יענער האָט צווישן איין קוואָרט הירזש און דער אַנדערער, וואָס ער האָט פאַרקויפט צום פויער, — געכאַפּט אַ קוק אין אַ גמרא, וואָס איז געלעגן פאַר אים אָפן; און ביי אים איז עס בלויז דאָס מעל מיט די הירזש. אַז שבת און יום־טוב מוז ער שטיין אין געוועלב, — וואָס וועט ער זיך פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט קוקן? דאָס וועט אים פאַרגעלטן? דאָס קרעמערן איז געוועזן אין בלוט זיינעם. וועל־כער ייד איז דאָס נישט קיין קרעמער? (ס'זיינען אויך דאָ גענוג שוסטערס, שניידערס און באַנקירן ביי יידן, נאָר פאַרקויפן זאַלץ, שמאַלץ, אייל, טראָן, קאַשע־מאַשע, פּאַשע, און כמו, נאָך אַזוינע זאַכן, — וועט ער נישט אויס־בייטן אַפילו אויף אַ באַנקיר צו זיין; ביי דעם איז ער אין דער היים... און פאַר אַ באַנקיר שרעקט אים ס'האַרץ; דעריבער זיינען דאָ מער יידישע גע־וועלבלעך, סיי דאָ און דאָרט — ווי יידישע באַנקען; פאַר אַ באַנק האָט ער מורא... און אַזוי ווי ס'רוב יידן לעבן אין פחד,—זיינען זיי, ס'רוב, קרעמער...) נאָר אַזוי ווי ער, שמחה בינעם, האָט נישט געקענט גלייך צוגיין צו דער קראָם אין די גרינע יאָרן, נישט וויסנדיק, — ווי מ'פאַרדרייט זיך? איז ער פריער איר אַרומגעגאַנגען פון אַרום און אַרום, און געמוזט שטופּן דאָס וועגעלע, קערן אַ שאַפּ, היטן עופהלעך, לאָזן פאַרע אין אַ טערקישער באָד, אויסגעריסן ווערן ביי נאָך אַזוינע גוטע זאַכן, ביז ער האָט זיך, מיט מזל, שוין זייענדיק געל, דערשלאָגן צו דעם וואָס ס'האַרץ האָט אין אים פון אַלעמאָל גע־פּישטשעט, — און אַריין אין דער קראָם; די קראָם דאָ איז אין תוך די איי־גענע וואָס דאָרטן; מיט וואָס קענען די באָבעלעך, די הירזש מיטן מעל זיין דאָ אַנדערש? נישט מער, וואָס אין דעם אָרעמען פּוילן זיינען ביי זיין טאַטן אין דער קראָם געשטאַנען אויסגעשטעלט זעק מיט מעל, זעק מיט באָבעלעך, זעק מיט רייז, — אַלץ אין זעק; און דאָ אין אַמעריקע, ביי דער שפע, מיט דער ברייטער האַנט, — מוז דאָס אַלץ זיין אָפּגינעגלט אויף אַ שמעק מיט אַ לעק, און צעפּיצלט אויף ביסלעך; וואו איז דאָ דאָ אַ היימישער זאַק מיט מעל, אַז מ'זאָל קענען שעפּן פון אים, אָנעמען פולע גאָרשטן, — נאַט אייך מיט אַ פול מויל! עפּעס אַ זעקעלע, אַ קעקעלע, — אַ פונטיקס, צוויי פונט, אין ווייסע לייוונט, ווי אויף אַ רפואה. אַ פינף פונטיקס איז שוין אויף חידושים! וואָס פאַר אַ חשיבות האָט דאָרט זאַלץ? מ'גראָבט עס דאָך אין דרערד, — אַזאַ ווייסע ערד וואָס איז געזאַלצן, האָט עס דאָ אויך אַ רייך פּנים: אַ באַק זאַלץ! דאָס אָרעמע זאַלץ האָט דאָ אויך אַ רייך פּנים.

עס האָט אים אויך נישט פאַרטראָגן איבער קיין בריקן און טונעלן, — כאָטש ס'מאַכט דאָ נישט קיין סך אויס אַ בריק אַריבערצופאָרן, צי אַ טונעל?

מ׳קען דאָ דערמיט קיין סך נישט אָפּשרעקן. בלויז עטלעכע בלאָק פונעם אַלטן איסט־ריוועך, צו צפון־מעריב, פערטע גאַס און עווניו איי; און כמעט ווי פאַרבליבן אויף דער שוועל פונעם זעלביקן תחום המושב; בלויז דאָס אייגע, וואָס מיט יאָרן פריער איז ער געווען דורך און דורך יידיש, פרום יידיש, אַפּיקורסיש יידיש, און וואָס נאָך אַלץ פאַר אַ יידיש, — האָט ער זיך שוין צו דער צייט, געמישט: פויליש יידיש, רוסיש יידיש, איטאַליעניש יידיש, — אַ געמישטע קראָם. אַ קעסל־גרוב. דאָס יידישע איז נאָך אַלץ דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל, און פאַרנעמט דאָ דעם אויבנאָן, כאָטש דער רוח הקודש האָט זיך שוין אָפּגעטאָן. דעם פלאַקן וואָס די צווישן־דעק יידן האָבן אַריינגעשלאָגן, — איז נאָך דערווייל געבליבן שטעקן, ווער ווייסט, אויף וויפיל יאָרן; וואו ס׳פאַרדרייט זיך, — שטייען שולן; יעדע שטאָט האָט זיך דאָ איר שול; יעדע שטאָט מאַכט דאָ שבת פאַר זיך, און האָט איר מנין: אַנשי מעזעריטשע, קאָנגרעגיישאָן אוהב ישראל — מלעמ־בערג; אַנשי קויל, צויזמער, די אַלע היימישע שטעט זיינען דאָ געבליבן ווי אין דער היים, — שטעט; וואָס איז ניו־יאָרק? יידיש ניו־יאָרק? דרייסיק פערציק טויזנט שטעט מיט שטעטלעך פון דער אַלטער היים. און נישט אינאייינעם, פאַרמישט, נאָר יעדע פאַר זיך, — מיט איר שול, בית־המדרש, און אויב נישט איז כאָטש מיט איר בית־הקברות. קובר זיין אַ ייד פון גריצע אויפן בית־עלמין פון ווילנע, — ס׳וועט אים זיכער פון גרוב אַרויסוואַרפן! קוים האָט ער די זכיה געהאַט צו זען די לעבעדיקע וועלט פאַר די אויגן, אין גריצע, — שוין געמוזט דאָ אָפּלעבן זיינע יאָרן אין גריצע, און איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, — אויפן גריצער בית־עולם אַרויף; ער קען אַפילו נאָכן טויט פון גריצע נישט מער אַרויס.

***

ער איז נישט געווען דער איינציקער, שמחה בינעם, וואָס ס׳מזל אָדער שלימזל, — האָט אים דאָ צוגעהאַלטן מיטביידע הענט; מיט אים דאָ, זיינען, ווי אָפּגערעדט, פאַרבליבן: אַ ביסל אַהין, אַ ביסל אַהער, — ישראל דעם וואַלקערזשס, לייב קירזשנער, איטשע ברוך דער שניידער, און נאָך יידן פון זיין שטאָט; אַ נישט, ווי וואָלט מען געקענט איבערקומען אַ טאָג, — אַז קיין משוגעת זאָל זיך אין אים נישט אָנכאַפּן? אַפילו ווען מ׳האָט שוין אַ ווייב, אַ זון, אַ טאָכטער, — קען מען שוין אויסלעבן די יאָרן מיט זיי? דעמאָלט מוז מען ערשט לעבן בשותפות מיט נאָך אימיצן; און מיט וועמען — אויב נישט מיט איינעם פון דער אַלטער היים, מיט וועלכן מ׳האָט זיך דאָרטן געחברט אינאייינעם אויפן געסל; מ׳קען זיך מבטן אמו; אינאייינעם געפּאַקט ספּעקל, און זיך געלאָזט אַהער אויף דער נייער מערכה; אינאייינעם מיט אים פאַרוואָרפן געוואָרן אַהער, פריער צי גאָר דערנאָך, און דאָ אַריינגעשלאָגן דעם פלאָקן אין דרערד: „דאָ איז עס און דאָ וועט עס שוין זיין ביז מ׳וועט אַראָפּגיין אין גרוב אַריין!“ און דער־

ווילע, ביז מ׳איז נאָך אָהין נישט אַראָפּ, און מ׳שטייט אויף דער ערד, מיט ביידע פיס, כאַפּט מען זיך, אַזוי גיך און באַלד ווי מ׳עסט אָפּ ס׳עסן נאָכן טאָג שקלאַפן, — און מ׳קומט דאָ אַראָפּ צו אים, צו שמחה בינעמען, אַלע דריי יידן, וואו מ׳שטעלט זיך אַוועק פאַר די טירן פון זיין געוועלב, אָדער מ׳זעצט זיך אַנידער אויף דער באַנק, אונטערן ביימל; און אַזוי גיך ווי מ׳לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, — קומט גלייך אַנצופליען די היים ווי אַ ווייסע פאַרבלוטיקטע טויב, וואָס נעמט פאָכן מיט אירע פליגל. וואָס דאַרטן טוט זיך? וואָס דאַרט געשעט? אַ שטאָט מיט יידן ווערט איינגעשרומפן, מ׳עסט זי לעבעדיק אויף. מ׳וואָלט זיך צעלאָפן פון איר, אַז מ׳וואָלט געקענט, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, — און זי ווערט איינגעדאַרט, אַפילו ווען מ׳צעלויפט זיך נישט; מ׳גיט זיי אַזוינע קעסט צו עסן, אַז זיי קומען אַוועק פון זיך אַליין, — איז דאָס נישט מעשה סדום? מ׳האָט זיי צונויפגעטריבן אין אַ שטייג, פאַרצויגן אַ שטריק אויפן האַלדז, און מ׳דערשטיקט זיי ווי עופות. וואָס קענען זיי דאָ מער ווי רעדן? צי אַפילו גיסן פעך און שוועבל? ס׳וועט זיי וועער הערן? כאָטש די אייגענע גויים גייען דאָ אַריין און אַרויס ביי אים אין געוועלב, און ס׳קען זיין: אַז דאָס טריפהנע דם אַרבעט אין זיי דאָ אויכעט געגנוג אַרום, — נאָר דאָ ליגן זיי איינגעלייגט, און קענען די קעפּ נישט אויפהויבן; און הלוואי וואָלט מען זיי דאַרט אַזוי געקענט האָבן, — ווי מ׳האָט זיי דאָ טיף טייער אין דער אדמה. די צרה מיט זיי איז דאָרטן, וואָס טוט מען מיט זיי דאָרטן? אַז זיי זאָלן דאָרט אויפהערן ברענען און בראָטן די יידן? אַ פייער ברענט, און אַ רויך טראָגט זיך פון די יידישע ישובים, און מ׳קען זיי מיט גאָרנישט העלפן. אַרויסנעמען פון דאָרט? ווען מ׳זאָל נאָר קענען, און אַפילו נישט אַזוי גרינג, — וואָלט יעדער געכאַפּט אַ ייד אויף די אַקסלען, און מיט אים אַרויס־אַנטלאָפן ווי פון אַ פייער. נאָר, וואו וועט ער לויפן מיט אים, אין דרערד אַריין? אַז אַמעריקע האָט זיך פאַרהאַמערט, אַרומגעמויערט מיט אַ כינעזישער מויער, פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער, און דאָרט בליצט פון די אויגן ביי זיי מיט אַ קאַלט מעסער. ארץ ישראל? האָט לייב קריזשנגער זיך אַריינגעריסן אַהין מיט זיין ברודער עליעס אַ ייִנגל, — איז דאָס אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט. איז דען מעגלעך, אַז ביי יעדן ייִנגל, וואָס מ׳זאָל וועלן אַריינברענגען אין לאַנד אַריין, — מ׳זאָל האָבן צו דערציילן אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט?

— — — — — — — — — — — —

און דאָ פּלאַצט עפּעס ווי אַ בלאָז זאָל אויסזעצן, און זיי גיבן אַלע אַ בייג די קעפּ, — ס׳איז וועער אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ טראָק? אַ בילדינג גלאַט פאַר אַ געלעכטער, זיך אויף וועמען אַרויפגעלייגט? ערשט: אַ בייז באַגעגעניש, אַ בייזער חלום, — דאָס האָט סעמעלע־שוועמעלע, שמחה בינעמס תכשיט, אַריינגעכאַפּט אַן איטאַליענערל צווישן די הענט, און געמאַכט פון אים אַ פּלעצל. נו? און בעת ישראל דעם וואַלקערזשס מיט זיינע שכנים וויסן נאָך צומאַלט פון עפּעס, — איז שוין שמחה בינעם, וואָס ביי

אים איז עס אַוודאי נישט ס׳ערשטע מאָל, — דאָרטן, אויפן ריכטיקן אָרט, וואו ער בייגט זיך כהרף עין אַראָפּ, און הייבט אַרויס מיט אַ באַזונ־דערער גבורה זיין בחורל, און פירט אים אַראָפּ ביי אַן אויער, צו די אָפּע־נע טירן פון זיין געוועלב: „וואָס דברט ער זיי אַזוי אויס, — וואָס? ער וויל קילן, צוליב זיי דאָרטן, — דעם כעס זיינעם? וואָס ווייסט ער פון דאָרטן?״ דאָס פּנים איז ביי אים בלייך, אַ ליפּ ציטערט, און די אויגן ווערן דערביי גרויס, קומען מער נענטער אַרויס: „ווי קומט דאָס צו אים, צו זיין זון, — הע? אַז די מאַמע זיינע איז אַ ד״נע, אַ גרינע, און ער, — מ׳זאָל אויף אים געבן אַ בלאָז, — וועט ער אַוועקפליען; ער האָט שמאָלע אַקסלען, — און ווי אַזוי האָבן זיי זיך ביי אים עפּעס צעוואַקסן אין דער ברייט? אויף וועמען קוקנדיק?״

ישראל דעם וואַלקערזשס, לייב קירזשנער, איטשע ברוך דער שניידער, שטייען מיט אַראָפּגעבראָכענע קעפּ: וואָס פאַר אַ רוח אַרבעט אין אים טאַקע אַרום? זיי האָבן דאָך אויך יינגלעך, און נישט פון קיין בעסערע גאָס ווי זיינע, — מיט וואָס איז די פּיפּטע, צי די זיבעטע גאָס מער ווי די פערטע? עס פעלט זיי דאָ, ב״ה, אַלע נישט, נאָר אַזאַ קליינער רוצח? וואָס טוט מען מיט די יונגען זייערע, אַז זיי זאָלן וויסן, אַז זיי זיינען יידן? סכנות נפשות! אַזוי רוי, ליידיק, און פול מיט געשריי אין די ווינקלען פון זייערע מיילער, וואָס פאַרהילכט די גאַסן אויף מיילן. ס׳איז נישט דאָס ירא־שמימדיק פּנימל, דאָס הייליקע גאַטספאַרכטיקע פּלעמל, — ס׳איז נאָך דערוויל נישט דאָס, נאָר ביי וואָס ס׳האַרץ גיט אַ ציטער, אַז ס׳קען, רחמנא ליצלן, זיין.

***

אין דער שטוב איז צוליב אים פאַרצויגן אַ שטענדיקער רוגז, וואָס רינט ביי זיי אַראָפּ פון דער נאָז, כאַטש, ווער וועמען איז דאָ שולדיק? קוקן זיי זיך ביידע אַלעמאָל אָן, שמחה בינעם מיטן ווייב, — ווי די הע־נער, און ס׳איז תמיד ביי אים עפּעס אויף די ליפּן, ווי נישט אַראָפּגערעדט. ביי יעדן ברעקל געשריי וואָס מאַכט זיך ערגעץ, כאָטש מ׳ווייסט נישט פון גאָר, און געגנוי אויף דער האָר,—ווערט ער בלאַס און טויט הינטער די אויערן: „מנע! ער קען שווערן פאַר יעדן איינעם אין זיין משפּחה, ביז אין וויפלטן דור אַריין, — אַז ס׳האָט נישט קיינער פון זיי צעטרעטן אַ ווערעמל, און דאָ זיך גאָר כאַפּן צו שלאָגן?... און אַז זיי זיינען אַלע געווען כשרע, כפול־שמונההדיקע שלימזלניקעס... ס׳איז נישט אַנדערש, ווי ס׳האָט געמוזט זיין אַן עשו אין איר משפּחה, און עס איז דאָס דם זיינס... וואָס האָט זי צו מאַכן אַ סוד?... ער וועט איר דערפאַר אָפּגטן?... סיי, מ׳זאָל אים האָבן פאַרביטן אין שפּיטאָל, געבראַכן זאָלן זיי ווערן! און איר אַריינגעלייגט דעם בחור, ווער ווייסט, פון וועלכן ס׳איז טאַטער... און זיין יינגל, נעבעך, אַ פאַרדבקהטס, — טריקנט ערגעץ איין ביי אַן איטאַליענער... דאָ קען אַלץ מעגלעך זיין...

זי, דאָס ווייב, נעמט זיך אין די הענט אַריין, און זוכט אים צו וואַרפן דעם נאָר זיינעם, אין פּנים:

— ס׳איז גאַנץ גוט אַזוי; די חרפּות און בושות קען זי זיך פאַרגינען פון אים צו האָבן; וואָרעם, אַ יידיש יינגל מוז דאָס אַלעמאָל זיין דער בושת פּנים, און אויפשטעלן די פּלייצעס, — מ׳זאָל אין זיי אַריינלייגן? ס׳איז אַלץ בעסער, ווי ס׳האַרץ זאָל איר אויסגיין, — אַז מ׳האָט אים ערגעץ צעטראָטן, און געמאַכט פאַר אַ קאַליקע; מ׳דאַרף ביי אים פאַרנייען די נאָז, צי אַן אויער... גיסן אויף אים קאַלט וואַסער... דאָס וועט אים בכלל נישט אַלעמאָל נאָכגיין; זיך שטילן, אַז ער וועט זיך עלטערן און אַליין דערפאַר שעמען; נאָר פאַר דער האַנט איז דאָס גאַנץ גוט אַזוי...

סעמעלעס אייגלעך בלישטשען, און גלעט מיט זיי ווייך די קליינע מאַמע זיינע; ער וואָלט זיך אָוועקגעלייגט פאַר איר אויף דער ערד,—זי זאָל כאַטש שפּרינגען קדוש אויף אים, און איר געלעקט ווי אַ הינטל, די פיס. ער רייסט זיך אין דער הויך, ווי אַ בוים. שוין מיט אַ קאָפּ העכער פונעם טאַטן. און זעט מיט דעם נאָך מער אויס צו זיין ווי אַריינגעברענגט אהער, פון דרויסן... און נישט פון אינעווייניק; אויב פון אינעווייניק, דאַרף ער כאַטש האָבן אַ וואָרצעלע אויפן האַלדז, אַ פלעקעלע... אַ פּלעמל... דאָס איינע וואָס מאַכט אים אַ ביסל גרינגער ס׳האַרץ, איז דאָס קעפּל זיינס, וואָס איז אַ גוט קעפּל... ידים ידי עשו נאָר הקול קול יעקב. ביי אים אין זיין משפּחה, האָבן אַלע געהאַט גוטע קעפּ, — פאַרוואָס זאָל זיינער נישט זיין גוט? און דאָס ציט אַרויף אַ שמייכעלע אויפן פּנים ביי אים, — וועמענס דען איז ער, אויב נישט זיינער? שוין מיטן בלויזן קאָפּ אַליין איז ער זיין! זיי האָבן אַזוינע קעפּ? לעבן זאָלן זיי! נאָר פאַר גריזאַטע, וואָס ער איז הויך, ברייט, און גאָט האָט אים אַריינגעגעבן כוח אין די הענט, — מוז ער וועמען האָבן צו עסן; און אַז ער האָט זיך אַליין ווייניק, — עסט ער אויך איר...

און אַזוי ווי עס איז מיטן זון, — איז ווידער מיטן טעכטערל אינגאַנצן פאַרקערט; ביי איר איז אַלץ פאַרדרייט, מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף. וואָס זי האָט נייטיק באַדאַרפט אַרויסצוּוואַקסן הויך, — האָט ער עס ווי דורך אַ כישוף ביי איר צוגענומען; אַז זי זאָל זיך אויך געוועזן צעגיין אין דער ברייט, — וואָלט געוועזן ביטער ווי גאַל; אַ מיידל: קורץ און גראָב, מעג מען זיך פאַרווינטשן מיט איר דעם טויט. זי האָט זיך אַדורכגעדרייט אַ שמאָלע, אַ דראָבנע, אַ פּיצל, — ווי די מאַמע; זיך אָפּגעשטעלט צו דרייצן יאָר, — שטיי, זי וואַקסט נישט מער; אויף קיין איין האָר אויכעט נישט; נעם און צי, — מ׳קען איר נישט מער אויסציען; אַזוי הויך איז זי; און געבליבן נאָך נידעריקער פון טאַטן מיט דער מאַמען, וואָס זיינען אויך נישט געווען פון די גאָר הויכע מענטשן. און צוליב וואָס ער האָט אויך געהאַט אַ טענה צו איר, ווי זי זאָל זיין דאָס שטענדיקע כפּרה הינדל; און זי זיך געזוכט צו פאַרענטפערן: „אויף אַלעם בייזן מוז איך זיין? אַז איר שכל איז פון אַ מאַן, — נעמט ער זיך אים; איז ער זיינער. אַ פאַריסן נעזל, — איז עס אירס; קלוגע אייגלעך, — זיינע; נידעריק, — זי; וואָרעם, ער איז דען העכער? ס׳וואָלט געפּאַסט, — מ׳דאַרף צו אים אַרויפקוקן!“ און קענען זיך ביידע אָוועקשטעלן, אַזוינע צוויי גרויסע נאַראָנים, — אויף די שפּיץ־פינגער, זיך

מעסטן, מער — לענגערן, און צום סוף אַראָפּלאָזן בײדע די נעז; װי הױך זײ זאָלן נישט װעלן װערן, קענען זײ נישט זײן העכער װי זײ זײנען; און װאָס קענען זײ דאָ האָבן אײנער צום אַנדערן? זיך אָפּעסן די האַרצער? אַז ס'איז זי אַלײן, און מען מוז פאַר ליב נעמען, — װאָס זי איז כאַטש שמאָל, דיק, צאַרט; זי האָט דאָך געקענט אױך זײן װי אַ סך אַנדערע מײד־לעך, — ברײט, און דעמאָלט װאָלטן זײ זיך שױן באַדאַרפט מיט אַלעם די קעפּ אַראָפּצודרײען.

שײן איז דאָס, װאָס זי שטעלט אױף אירע שמאָלע פּלײצעס פאַר די ברײטע פּלײצעס זײנע,—גײט ער אױף די שפּיצן נעגל פאַר איר, פאַר דעם טעכטערל; װאָס אַ מאַמע האָלט, געװײנטלעך, מיט אַ טאָכטער,—איז דאָ פאַרקערט; און ס'האָט נישט אַנדערש געקענט זײן אױך. װאָרעם, אַז ער זאָל זיך געװוען פאַר־לײגן אױך אױף איר, און מיט בײדן האָבן אַן אַרבעט, װאָלט געװוען אײנס די צװײ: אָדער זײ זאָלן אים גאַנץ שײן איבערלאָזן, אַנישט זאָל ער זיך דאַרפן אָפּטראָגן. באַזונדער, װאָס קען ער האָבן צו איר? חוץ דעם װאָס זי איז אַ ביסל צו נידעריק, — איז זי מיט אַלעם איבעריקן אַ געראָטן קינד; כמעט די זעלביקע גוטע טויב װאָס די מוטער; אַז זי צעלאַכט זיך, איז דאָס לאַכן אין זיך, — װי זי װאָלט עס אַראָפּגעשלונגען; רעדט ציטעריק, און גײט לײכט, — װי די שטײנער זאָלן אונטער איר זײן אױסגעבעט; אין יעדן מאַך מיט איר הענטל, הערט זיך רױשן זײד; און גלעט מיט איר מינעלע, װי אַ װינטל גלעט אַ שטיל װאַסערל. און נישט, װאָס ער קען צו איר עפּעס האָבן — נאָר פאַרװאָס זאָל ער איר טאָקע נישט נאָכקריכן, און גײן פאַר איר אױף די נעגל פון די שפּיצן פינגער?

2

מיט דער ערשטער מינוט, װאָס דער הימל האָט זיך דאָרט אָנגעהױבן צו פאַרכמאַרען, און װאָלקנס זיך צעלײגט אױף אים, — האָט זיך אַלץ און בײ אַלעמען דאָ אָפּגעריסן. װאָס מײנט, אַז מ'נעמט זיך דאָרט שלאָגן? און ס'ביסל יידן? װער װעט אױסגיסן ס'באַד? מה דאך: אַז מ'שלאָגט זיך נישט, זשיפּען זײ קוים, מכל שכן,—אַז די ערד נעמט ברענען אונטער די פיס? אַזױ ברענט זי װײניק, אַז זײ ברויכן נאָך האָבן דאָס פײער פון דער מלחמה אױף זיך?

ישראל דעם װאָלקערזשס, לײב קירזשנער, איטשע ברוך דער שנײדער, — האָבן נישט איבערגעהאַלטן דעם טאָג, נאָר זיך אױפגעכאַפּט פון די ערטער, װי ס'װאָלט זײ געבריט: „אין דרערד אַרײן מיט די האַלבע שעה, דאָרטן!“, און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, װי בײ אַלע אױף דער גאַס, װאָס זײנען געװוען צע־שריגן, הײס, און װי מיט אױפגעעפנטע קעפּ, — אַרײנגעפאַלן אין די אָפּע־נע טירן פון זײן געװעלב: „איצט איז זײער לעבן דאָרט נישט װערט קײן פּרוטה! און מ'מעג זיך מיאש זײן פון זײ!“ דאָס צעשריגענע פון אַלע אין דרויסן, די גאַנצע כװאַליע, — האָט זײ פאַרשװענקט, און זײ װי אַראָפּגע־שלעפּט אונטערן ים, װאו ס'איז זײ טונקל געװוען אין די קעפּ: „אַז ס'האָט זיך דאָרטן פאַרקאָכט, — װעט זיך עס דען אַזױ אױסקאָכן אַן אַלעם? און

ס׳וועט נישט ברויכן דאָ צו טאָן אַ האַנט? אויב אַזוי, איז מען דאָך גוט פאַר־קאָפּעט! וועלן זיי די גאַנצע שפּע אויף אַמאָל דאַרפן אָפּברעכן. וואָס פאַר אַ חשיבות האָבן די אַלע זיסע לעבערלעך, געפילטע העלדזלעך, — אַז מען וועט ביי זיי דערפאַר צונעמען די זין?" און זיינען סיי פון דעם ווי פון יענעם, מיט איין מאָל געבליבן אָן קעפּ; וואָרעם, אויך וויפיל עס האָט אַלעמען באַרירט: „וואָס מ׳איז אין דרינען!" זיינען זיי געווען צוויי מאָל אין דרינען: דאָ און דאָרט! די יידן זיינען מיט איין מאָל געבליבן אָן זייערע שטעט,—ווי מ׳וואָלט זיי אָפּגעשניטן פון זיי מיט אַ מעסער. און זיי האָבן זיך אַרויסגערוקט פון דאָרטן צעשויבערטע, פאַרוויקלט אין פייער, רויך און צעגאָסענעם שוועבל, — אַזוי ווי ס׳איז נאָר מעגלעך אין חלומות. ביז אַהער האָט דאָ יעדע שטאָט, ווי אַ חלק פון דאָרטן, — מער אָדער ווייניקער געלעבט מיט איר; געאָטעמט מיט איר; מ׳האָט דאָ געהאָט פאַר וועמען אויסצוגיסן ס׳האַרץ, און דאָ אַלעמאָל צוליב דעם אין עפּעס געווען אַריינגעצויגן: אַ טעאַטער, אַ קערטל, נישט קיין חילוק, — ווי אַזוי אַרומעט מ׳האָט נאָר געקענט עפּעס אַרויסקריגן, ממשותדיקס, — און זיי דאָרט מיט דעם פאַרגרינגערן; איצט זיינען זיי געבליבן ווי אויפן וואַסער. נישט מחמת דאָס ביטערן האָט אויפגעהערט, — עס האָט נאָך מער געלעכערט דעם קאָפּ, אים צעשאָסן אויף שטיקער, ווייל ס׳האָט זיך געשפּאַרט ווי דורך אונטערערדיקע היילן, וואָס זאָלן זיך ציען אויף טויזנטער מיילן. עס האָט זיך געהערט אין דעם געשריי פון די ווינטן, וואָס איבער אַלע ימים. אין די צאַרנדיקע כוואַליעס, וואָס האָבן געפּאַטשט פון ברעג צו ברעג, פון זיי געזוכט אָפּצוברעכן מער און מער. און גיי, צעגעם די הענט, טו עפּעס, אַז מ׳איז געבליבן זה בכה וזה בכה, — און אין צווישן איז הויל, אָן אָפּן מויל, פון וואַנען ס׳קומט נישט גאָר אַרויס קיין קול.

— — — — — — — — — — — —

שמחה בינעם, אַז דאָס איז אים באַפאַלן, האָט מיט איין מאָל, אַזוי ווי ער וואָלט דערשפּירט, אַז זיין זון איז נישט מער זיכער מיט דער ערד אונטער די פיס, — זיך אויפגעהערט נאַריש צו מאַכן: „וואָס איז ער, פאַרדרייט צי וואָס, — וואָס ער האָט אויף אים אַ נאַז?" זיין זון, סעמעלע־שוועמעלע, ווי מ׳האָט אים גערופן אויף צו להכעיס די ברייטע פּלייצעס זיינע,—איז אים מיטאַמאָל אַריין ניט נאָר אין האַרץ, נאָר אויך אין די געדערים, און ער האָט גענומען קוקן אויף אים מיט אַ ציטער פון אונטער די טונקעלע וויעס: „אַז דאָרט ברעכט זיך אַלץ, ווערט צעקרישלט, און ס׳זאָל זיך דאָ פאַרקאָכן, — ווי וועט ער אויס־זען מיט אים?" ער קוקט נישט, וואָס ער זאָל קומען מער פון דרויסן ווי פון אינעווייניק, — איז ער נישט מיט אַלעם ווי די משפּחה זיינע; און זי הייבט זיך אָן פון אים, — אַ נייע, און אַן אַנדערע; אין תוך — די זעלביקע, נאָר איבערגעגאָסן אין אַ נייע כלי; אַ משפּחה פון הויכע, מיט ברייטע אַקסלען; און אויב ס׳איז איר באַשערט צו זיין אַנדערש, — מוז זי זיך דאָך פון ערגעץ און ביי וועמען אויך אָנהויבן פון אויפסניי; ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט יענע, די ניי־

דעריקע, פחדימדיקע, מיט שוואַרצע געקרייזלטע קעפּ, פון בטלנים, מערידן, זיצן און קוועטשן זיך, — ער איז דער ערשטער וואָס איז איר געווען באַשערט געבוירן צו ווערן, און ביי אים, — מיט גלייכע האָר אויפן קאָפּ, וואָס דרייען זיך נישט, קרייזלען זיך נישט, נאָר לייגן זיך, מיט גראָ אין די אויגן, זי־כערקייט אין די טריט... און ער האָט מיט אים דערפאַר געהאַט אַן אַרבעט? וואָס האָט זיך עפּעס געטאָן מיט אים? אַזאַ זאַך איז דאָך נאָך נישט געהערט געוואָרן? ער וואָלט זיך דאָך איצט באַדאַרפט צו לייגן ווי אַ לעמעלע, און פאַלן כורעים פאַר איר: „כ׳בין דאָך ווערט, אַז מ׳זאָל מיך דאָ פאַרשטיינען!״ הע? וואָס ס׳האָט געזאָלט זיין אַ ברכה, — האָט ער גאָר אָנגענומען פאַר אַ קללה? און זיך פריער נישט געזאָלט כאַפּן, ביז דער שוואַרצער וואָלקן האָט זיך גע־לייגט אַזוי נידעריק איבער זיין קאָפּ? און געוואָרן ווי יענער, וואָס נעמט רייסן לעבעדיקע ביימער פון דרערד, זיי אויסלייגן ווי מ׳קען: מיטן קאָפּ אַראָפּ, די פיס אַרויף, צוליב עפּעס אַ טייך, וואָס האַלט זיך אין ברעכן, צערייסן די דאַמבעס, און קומט־אָן מיט זיינע וואַסערן, אים דאָ פאַרטראָגן מיט די בע־בעכעס, אָדער פאַרגיסן איבער די אויערן, אַז מ׳זאָל אים די האָר פונעם קאָפּ נישט אַרויסזען.

די מוטער, וואָס איז, אויב נישט מער פון זיי אַלע, געווען צעשראָקן, — האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ:

— מ׳האָט פריער באַדאַרפט אויפשפּילן, — אַז דער נאַר זאָל ביי אים נאָכלאָזן.

***

אַזוי ווי שמחה בינעם מיטן ווייב האָבן געחלשט, און ווער נישט? אַז דאָס פייער פון דער מלחמה זאָל זיך דאָרט לעשן, און נישט דערגרייכן צו די היגע ברעגעס, — אַזוי ווידער האָט דער זון זייערער, סעמעלע, גע־ברענט: אַז ס׳זאָל זיך יאָ עפּעס דאָ פאַרקאָכן, און ער זאָל ברויכן צוטאָן אַ האַנט. ווער־ווער, אויב נישט ער? ער איז יונג, און קען אָפּשטופּן אַ מויער, — אַז ער זאָל אָנשפּאַרן אין איר מיט אַן אַקסל; וועט ער דאָ שטיין מיט די יונגען אויפן ראָג גאַס, וואַרפן דעם אויף יענעם, יענעם אויף דעם, און אַזוי הויך לאַכן אַז מ׳זאָל הערן אויף גאַסן, — ווען מ׳שלאָגט יידן? און יידיש בלוט גיסט זיך ווי וואַסער? האַלטן אָפן ס׳מויל און דאָס אַזוי אַראָפּשלינגען? אויף וואָס איז ער דאָ אין גאַנצן דאָ? דאָס דאַרף דאָך זיין זיין מלחמה! איי, וואָס דער טאַטע זוכט אים אַראָפּצוקלאַפּן פון די פליגל: „דער גרויסער פלאָקן־שיסער מיינער, — ער וועט זיי דערציילן אַ מעשה!״, כאַטש ער אַליין איז אויף דער חתונה: ער האָט דאָרטן אַלע זיינע ברידער, אַ שוועסטער, מיט זייערע קינדער, שאָף און רינדער, נאָר, — אפשר איז ער אים מער ליבער, און וויל אים צוליב זיי נישט איינשטעלן? ווער קען אַריינקריכן צו אַ טאַטן אין האַרץ אַריין? ווייסט ער דאָך פון איינעם, וואָס אַ קינד איז אים, ניט דאָ געדאַכט, געשטאָרבן, — האָט ער מער געוויינט נאָך דעם קינד, ווי דער טאַטע מיט דער מאַמען זייערן ביי אים אַוועק! וואָס איז דאָ צו רעדן? מ׳קען אַ סך

וויסן, וואו דער ריס איז גרעסער? און פאַרוואָס זאָל ער אים יאָ וועלן ריזיקירן? זיי וועלן זיך אַ סך דערשרעקן פאַר די ברייטע אַקסלען זיינע? וואָס איז זיך דאָ דאָ צו נאַרן? ער האָט אַ ברירה נישט צו האָבן די וועלט און נישט יענע, — ביידע וועלטן; אים, חלילה, פאַרלירן, און זיי דערמיט קיין טובה נישט טאָן; וועט ער זיך דאַרפן אויפעסן אַ לעבעדיקן...

סעמעלע איז פאַרביסן. ער וואָלט זיך גערן געלייגט שלאָפן, און אויפ־כאַפן דאָרטן וואו זיי זיינען, זיך אַוועקשטעלן צווישן זיי, — אויסשפּרייטן די הענט, און זען, — ווער ס׳וועט צוגיין עפּעס שלעכטס טאָן, זיינע יידן! ס׳זאָל אימיצער אויף זיי אויפהויבן אַ האַנט! ער קען ווייניק די יידן דאָרטן, פון וואַנען זאָל ער זיי קענען? נאָר פון הערן זאָגן, פון דעם וואָס דער טאַטע זאָגט און די מאַמע זאָגט: זאָלן יענע יידן זיין די סמעטענע, און די היגע דאָ, — די זויערע מילך; אויף יענע יידן זאָל זיך האַלטן די וועלט; און איצט, אַז מ׳וועט זיי אומברענגען — אויף וועמען וועט זי זיך האַלטן? עס אַרט אים נישט, אַז זי וועט זיך מער נישט האַלטן, אָדער אַז זי וועט זיך דאָרט, אַנשטאָט אויף די יידן, — האַלטן אויף די דאָרטיקע גויים; אָבער וואָס פאַר אַ וועלט וועט דאָס זיין? נישט קיין יידישע! דאַרף ער זיך דאָך גיין שלאָגן פאַר אַ יידישער וועלט, אַז ס׳זאָל בלייבן אַ יידישע וועלט! וואָרעם, אַז די יידישע וועלט וועט זיך נישט האָבן מער אויף וואָס צו האַלטן, און זי וועט איינפאַלן; ס׳וועט בלייבן אַ גוישע וועלט, — וואָס וועט ער טאָן אויף אַ גוישער וועלט? איז ער קיין ייד נישט? אפשר נישט אַזאַ ייד ווי זיין מאַמע זאָגט: ער זאָל גיין אין שול אַריין, האַלטן שבת... ווי אַזוי זאָל ער גיין אין שול אַריין און האַלטן שבת, — אַז דער טאַטע זיינער גייט נישט און האַלט נישט פון אים; שטייט פרייטיק צו נאַכטס, און אויפצומאָרגנס, שבת, — אַ גאַנצן טאָג אין געוועלב... שבת איז דער בעסטער טאָג, די גאַנצע וואָך האַלט זיך אויפן שבתדיקן טאָג, — וועט ער אים אַוועקגעבן דער שול? משוגע! און אפשר שטייט ער, ווייל ער מוז שטיין? אַ נישט, וועט קיין געוועלב נישט זיין? די געוועלבער זיינען אַזוי געדיכט, אַז זיי קוקן נאָר אַרויס אויף דעם, — ער זאָל משוגע ווערן, און דאָס צו מאַכן; עס וועט זיי אַריינפליען אַ געבראָטענע טויב אין מויל.

און בעת דער טאַטע האָט מיט ציטעריקע הענט געלייגט די שאַכטלען מיט די ליכטעלעך, די קענדלעך מיט די זעקלעך, געקוקט די קונים אין די אויגן אַריין, ווי געוואָלט פון זיי אַרויסקריגן: „צי אַמעריקע וועט אַריין? און וואָס זיי זאָגן?" האָט ביים זון זיינעם געפלאַקערט אַ פייער, אַ פייער פאַר דעם יידישן בלוט וואָס ווערט דאָרט פאַרגאָסן, פאַרן יידישן כבוד וואָס ווערט גע־טראָטן מיט די פיס, און האָט זעלנעריש אָפּגעהילכט מיט די טריט פון גאַנצע אַרמייען איבער די אַרומיקע גאַסן; דער זעלנער האָט פון אים אַרויסגעשריגן, נאָך איידער וואָס; דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט האָט אים, מיט די אַנדערע יונגען, אַרויסגערופן ווי מיט אַ שאָל פון טויזנטער שופרות אין אַלע זיבן הימלען:

— שטעל אויף די פּלייצעס, אייניקל פון די חשמונאים, — פאַר זייער קיום, און פאַר זייער תורה; זייער קיום איז אויך דיינער; זייער אָטעם איז

אויך דיינער; דו אָטעמסט מיט זייער אָטעם; און אַז זיי וועלן נישט האָבן מיט וואָס צו אָטעמען, — וועט ער דיר אויך אויספעלן.

⁂

אַז די מלחמה האָט זיך, סוף־כל־סוף, אונטערגערוקט, אַזוי ווי דאָס וואָס מ׳ברענגט דאָרט אום די יידן, — וואָלט איר דערנענטערט, און זי איז אַראָפּ ווי אַ שטיק פייער פונעם הימל, — איז סעמעלע מיט די יידישע יונגען פון זיין גאַס, און אַ ביסל אויך מיט די איטאַליענישע, פּוילישע, וואָס ער האָט אַראָפּגעדרייט די קעפּ, — געשטאַנען פאַר דער שול, וואָס איז געוועזן אַריינגעדריקט ווי אַ לימענע צווישן צוויי שווערע טענעמענט הייזער. ווער האָט אים פלוצלונג צוגעברענגט צו איר? וואָס האָט ער געוואוסט פון איר? אַז, סך־הכל, פלעגט ער שטיין לעבן איר איין מאָל אין יאָר, יום־כיפור, אַריינשטעקן די נאָז אויף אַ מינוט און דאָס אויכעט נישט; געשטאַנען ווי דער אייזערנער דראַנג, און אַ פאַרשטיינערטער; ער האָט געפילט אַז ס׳איז זיין שול... און אַז ער דאַרף זיך אין איר אָנהאַלטן... אַז ער איז נישט מער אָפּ־געריסן פון איר און דערוויטערט, — נאָר איינס מיט איר, איינס מיט איר פון פריער, איינס, — נאָך איידער ער איז אַרויס פון זיין מוטערס בויך; און אַז פון איר קומט ער, קומט זיין טאַטע, זיין מאַמע, קומען זיינע זיידעס, און אַלע פון פאַר זיי; דער טאַטע שטייט דאָ אויך, די מאַמע, ישראל דעם וואַלקערזשס, לייב קירזשנער, איטשע ברוך דער שניידער, סתם אַ האָרמע יידן, אָבער ער איז נישט מער זייערס, נישט דעם צעטראָגענעם טאַטנס, זיין גוטע מאַמעס, — ער איז דעם כללס, און נאָך מער דעם יידישן כללס, די גאַנצע האָרמע יידנס...

אַ באַקאַנטער ייד מיט אַ פאַרשניטן בערדל, אַ שכן פון אַנטקעגן איבער, וואָס פאַרקויפט באַרשטן, — האָט פלוצלונג געקריגן ס׳לשון; ער האָט גערעדט פאַר פייער און וואַסער, געשיט מיט תורה; מיט רייד, וואָס מ׳האָט זעלטן פון אים געהערט,—און געגאַפט: דער באַרשטן־ייד, וואָס קאַטעוועט די ווייבער? און ס׳האָט זיך ביי אים אויפגעמאַכט אַזאַ קוואַל? און פון וואָס, פון דעם וואָס מ׳ברענגט דאָרט אום די יידן, — געזאָלט ווערן אַזוי נתעלה? די שכינה אויף אים אַראָפּגענידערט? ער האָט אָפּן געזאָגט: אַז די מלחמה איז אַ יידישע, און אַז אַמעריקע איז אַריין אין איר (וואָס צו אַ ייד, אַ שוטה, — האָט געקענט אַריין אין קאָפּ?) צוליב דעם קיום פון אונדזער אומה; אַז אונדזער פנים זאָל, חלילה, נישט ווערן אָפּגעמעקט פון דער ערד; אַז אונדזער פּרעזידענט, ירום הודו, איז דער מלך המשיח, און געזאַלבט פון גאָט... די יידן: טאַטעס, ביי וועלכע די פּנימער זיינען שוואַרץ ווי די ערד, און די ווייבער: מאַמעס, — האָבן ערשט געקענט הויך אָפּשלוכצן פאַר די שוועסטער, וואָס זיי האָבן דאָרט; פאַר די טאַטעס מיט די מאַמעס; פעטערס מיט מומעס, — אויפן פּוד; און נאָך מער פאַר די זין אַליין, זייערע אייגענע קינדער, וואָס זיי דאַרפן אָפּ־געבן. און נאָך מיט שמחה, מיט גרויס פרייד... זיי דאָרט צו גיין אַרויסרייסן פון דעם מלאך המותס הענט... וואָרעם, דער באַרשטן־ייד, וואָס איז דאָ נתעלה געוואָרן, און געוועזן אַזוי באַגלייבט, יעדעס וואָרט זיינס, — תורת לאַקשן;

ער זאָגט דאָך: אַז די מלחמה איז צוליב די יידן, — וועלן זיי נישט אַריינלייגן אין איר זייערע זין, אַז מ׳וויל זיי נאַר? האָבן זיי, פאַר די אָפענע טירן פון דער שול, פון דעם מקום קדוש, וואו ס׳האָבן געברענט ליכט, און יידן האָבן געהאַלטן די ספרי תורות מיט די קרוינען אויף די קעפּ, — זיי געקושט.

— מיר גיבן אייך אַוועק, קינדער טייערע, זין אונדזערע, — ווי ביטער ס׳האָט אונדז נישט געזאָלט אָנקומען אייך אויפצוברענגען; און זאָלן דורך אייך אונדזערע מאַמעס, אונדזערע טאַטעס, אונדזערע שוועסטער ניצול ווערן!

ביי די יונגען, וואָס האָבן זיך אַזוי געריסן צו גיין, האָט פון די אויגן געלויכטן מיט גבורה פון אַלטן קידוש השם, וואָס פון אַלע דורות:

— פאַר זייער בלוט און פאַר זייער כבוד, — וואָס ווערט געטראָטן מיט די פיס.

— — — — — — — — — — — —

די אַרומיקע גאַסן, וואָס זיינען פון תמיד פאַרשטאָפּט מיט מאַשינען, — זיינען איצט אָפענע; דעם סאַמע מיטן זייערן, — האָבן די שווערע טראַקס אָפּגעטראָטן פאַר בלייכע מאַמעס, וואָס זיינען געגאַנגען מיט זייערע זין, זיי אָפּגעבן; נישט מחמת זיך מיט דעם צו וואַרפן אין די אויגן, נאָר ווי צוליב זייער ברייטווילִיקייט,—אויסגעקליבן פאַר דעם דעם ברייטן וועג, דעם דרך המלך, ווי בעת אַ שמחה, מ׳גייט צום טאַנץ. אויף דעם און יענעם ראָג האָט פון אַן אויטאָמאָביל אַרויסגעשריגן הויך, דאָס וואָס אימיצער זאָל אינעווייניק, זיצנדיק אין אים, איינרוימען ווי אַ סוד אויפן אויער. אָפּגעריסענע שפּילער, וועטעראַנען פון אויסלענדישע מלחמות, אין וועלכע דאָס לאַנד איז אַלץ געווען אַריינגעצויגן, — האָבן אַרויסגעוויינט אויף זייערע כלים די זכרונות פון זייערע געשלעגן און געפעכטן אויף דער יבשה און אויף די ימים. ביי איין הויז האָט אַ שוואַרצהויטיקער, ווי אַ שטיק קויל, געדזשיגעט און געוואָרפן פונקען פייער מיט זיין צאַפּלען זיך. קליינע צעיאָכמערטע יינגלעך, אויף וועלכע ס׳איז מיט דעם ווי געקומען אַן אויפריכטעניש, — האָבן צעלייגט פייערן, געצונדן שטייענדיקע וועגענער, וואָס האָבן זיך אויפגעכאַפּט ווי לעבעדיקע פון יסורים, און זיך געלאָזט לויפן צעפלאַמטע, צעפלאַקערטע, גע־שריגן מיט טויטע אַנגסטן און עגלה־ערופה קולות:

— מיר זיינען אין מלחמה.

*\
**

די שטאָט האָט איבער נאַכט איבערגעביטן איר פּנים, דאָס געוויינלעכע, — אויף אַ זעלנעריש פּנים. נישט יענע שווערע פאַרדריפּעטע, צומאַלט אַנ־געבויכטע, דאַרטיקע זעלנער: מיט גראָבע וואָנצעס, אין שטיוול, כאַמישע, דאַרפישע, — נאָר אויף היגע, קינדערשע זעלנערלעך. יינגלעך פון אָקלאַ־האָמאַ, פון דער מיסיסיפּי, ניו־העמפּשייר, ווערמאָנט, — חנוודיקע, ליכטיקע, מיט דינע געפּרעסטע זיידענע העמדער, לענגלעכע היטעלעך אויף די שפּיץ־

קאַפּ, צוגעגלייכטע הויזן מיט אַ קנייטש, און שטענדיק אָפּגעשייַנטע, ווי מ׳וואָלט זיך געקענט שפּיגלען אין זיי,—ברוינע שיך; גראָד ווי אויף צו להכעיס דער גאַנצער וועלט מיט אַלע אירע זעלנער, וואָס קייכן פאַר געלעכטער פון די שווערע האַרטע שיך מיט נעגל; היגע זעלנערלעך, שפּילעוודיקע, ווי די קינ־דער, — מיט וועלכע אַמעריקע האָט נאָך קיין מאָל נישט פאַרלוירן! זיי צע־גייען אין מויל, אין יעדן אבר. וואו ס׳פאַרדרייט זיך, — אַ זעלנערל (נישט קיין זעלנער נאָר אַ זעלנערל, אַ סאָלדזשער באָי!); מיט יעדן זעלנערל, — כאַטש איין מיידל, וואָס קען זיין ווייניקער? אַנדערע, — מיט דריי, פיר, און מער; כאַלאַסטרעס גאַנצע פון אַזוינע זעלנערלעך מיט מיידלעך, וואָס גייען נישט נאָר שוועבן, און ווייסן נישט וואו ס׳הייבט זיך אָן נאַכט און וואו, — טאָג; סיי אין גאַס, אין נאַכט־הויז, וואו זיי וויגן זיך אין שלוה, מיט ווין אין קאָפּ, ווין אין די פּיס, און אפשר אין יעדן מינדסטן שטות.

און אַזוי ווי ס׳האָט געשריגן אין דרויסן, ס׳יונגע בלוט זיך געריסן, — פאַרקערט, האָט אַ מין שטילעניש, אַ געדיכטע, אַ קלעפּיקע און אַ פּעכיקע, אַנגעגאָסן די הייזער, פון וואַנען מ׳האָט זיי אַרויסגענומען; זיי זייַנען געוואָרן שטום, און ס׳האָט זיי אָפּגענומען ס׳לשון. אָפּגערעדט — פון לאַכן; ווער קאָן זיך אויסלאַכן אין אַ לײדיקער שטוב, — וואו ס׳האָבן זיך אַרומגעדרייט צוויי־דריי זין, און ס׳איז קיין איינער פון זיי נישטאָ? דאָס איינציקע געדעכעניש פון די קינדער, וואָס האָבן נאָך לעת־עתה נישט דערפילט די מלחמה אויף זייער רוקן, — איז דער בלויער שטערן אין פענצטער; בלויער שטערן ווי בלויע פלעקן הימל אין יעדן פענצטער, פון אויבן ביז אַרונטער; איינציקע, צו צוויי, דריי, און אויך בשותפותדיקע, — אין די גרויסע געשעפטן, פאַבריקן, אין די הונ־דערטער אויף אַמאָל, אין די טויזנטער, — וואו זיי האָבן געאַרבעט; שטערנד־לעך ווי דאָס זאַמד אויפן ברעג פון ים, פון די אַלע ייִנגלעך וואָס די מלחמה האָט אַוועקגעריסן, כמעט ווי פון אונטער דער חופה, ביי יונגע, בלוט און מילך — ווייבעלעך; אויסגעבלייכטע מאַמעס; האַרבע, ביטערע טאַטעס; און זיי גייען אַלע אַרום מיט ליידיקע הענט, צעקרימטע פּנימער, — נישט זיי האָבן וועמען צו קושן, וועמען צו קעכלען, און וועמען אַפילו אַריינצוכאַפּן צווישן די פּיס, און מקיים פּסק צו זיין.

דאָ, ווי אויף די אַנדערע גאַסן, זייַנען אין זייער דערמיטן, — געוואָרן אויפגעצויגן ריזיקע לייוונטן, מיט געמעלדן פון די ייִנגלעך, אַזוי ווי פון לייבן, ריכטיקע גבורי חייל, געבוירענע פעכטערס, — צעשניידנדיק די וואָלקנס מיט עראָפּלאַנען; אויפרייסנדיק די ימים מיט שטאָלענע שיפן; און אויך מיט שווערע און גרינגע טאַנקען אויף דער יבשה, ערגעץ הינטער אַ צעפּלאַקערטן וואַלד; און איבער דעם אַלעם, — די אויסגעשפּרייטע ווייסע פליגל פון מלאכים, ווי אַ פּרוכת: „גאָט, היט אונדזערע קינדער!“ ווי אויסגערעכנט, דערמיט צו הייבן די קאָפּ ביי די טאַטעס און מאַמעס, ביי זיי וואַרעמען ס׳בלוט:

— דאָס זאָלן זיין זייערע זין? סעמי? טאָני? וואַצעק־פּלאַצעק? די אויס־כאָוועטע, אין זיידענע וויקעלעך, — און וואָס אַמעריקע האָט פון זיי געקענט מאַכן?

אויף אַ ברעג וואַנט פון אַ חשובדיק הויז, איז אַרויפגעקומען אַ טאַוול, אַ טאַבליצע אַזוינע, מיטן נאָמען פון יעדן בחורל; ער איז נישטאָ אין שטוב, נישט אויף דער גאַס, נישט אין סקול, — ער איז אָבער פאַרבליבן ווי אַ זכר, אַז ער איז דאָ און וועט אויך זיין לעולם ועד, סיי אַ לעבעדיקער, אָדער, חלילה, אַ טויטער — אויפן טאַוול; זיין נאָמען, גליט אויף אים מיט פייער; אַ געמיש פון אַזוינע נעמען, — יידישע, איטאַליענישע, ווייס־רוסישע, פוילישע, טאַטערישע, און פיליכט אויך אַ סערבישער, ווער ווייסט? אַ כי־נעזישער, טשאַנג לי'ס בחורל, מיט די קרומע אייגלעך, — וואָס וואַשט דאָ אַלעמענס וועש; און איבער זיי אַלע האָט צענומען די פליגל דער מעכטיקער אַמעריקאַנער אָדלער, וואָס געוועלטיקט איבער די הויכן פון דעם פאַרשניייטן קאָפּ פון מאָונט רוניער, די ראָקיס אין דענווער, מאָנטאַנאַ, אַריזאָנע. ער האַלט אָפן און מיושבדיק זיינע קלוגע אויגן, און קוקט שאַרף אַריבער צו זיי אַלע, פון וועלכע עס שמעלצט זיך דער ריזיקער קעסל־גרוב; האַלב צעעפנט דעם שנאָבל, די פינגער פון די פיס, מיט די פאַרשאַרפטע נעגל אין דרויסן אַרויס, —ווי ער וואָלט דאָ געזעסן איבער די אייער, פון וועלכע עס ברויכן זיך אויס־פיקן די קליינע אָדלערלעך; און ס'וועט זיין ווייַ און ווינד צו יענעם, וואָס וועט זיך ווען צורירן צו זיי.

***

אַז סעמעלע איז געוואָרן אַרויסגעכאַפּט פון שטוב, — האָט זיך אַראָפּ־געלייגט אַ וואָלקן איבער איר; די ריזיקע קריגערישע לייוונטן, וואָס האָבן געמאָלן די יינגלעך פּאַר מלאכי חבלה, און געהויבן דערמיט די קעפּ ביי די איטאַליענער, אוקראַינער, — האָבן אים, שמחה בינעמען, קנאָפּ געקענט אָנ־וואַרעמען; מיט וואָס, מיט דער שפּיז, וואָס ער שטעכט אַריין אין יענעמען? אים האָט דאָס נאָך געגרוילט! די הויט געציטערט! אַז ער קען יענעם דער־שטעכן, — קען דאָס יענער אים נישט? וואָס האָט אים דאָס ווידער צו נעמען? און ביי זיי נאָך מער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ: ער וואָלט טאַקע נישט געוואָלט אַזוי זען דעם זון זיינעם, נאָר אויב די אַלע פינצטערע שכנים, וואָס האָבן די קינדער זייערע אַוועקגעגעבן פאַר אים, פאַר די טאַטע־מאַמע זיינע, פאַר זיינע שוועסטער און ברידער, ווי זיי זאָגן, — וואָס קאָן ער דאָ אויפמאַכן ס'מויל זיינס, און רעדן? מה נאמר ומה נדבר? מוז ער דאָך דאָס אַראָפּשלינגען, ווען אַפילו נישט אַזוי גרינג, און זאָל זיך ברויכן שטיקן.

ביי אים אין שטוב, ווי אין אַ סך אַנדערע שטובן, דאָ, — איז טונקל; נישט: מחמת ס'פעלט ליכט; געוויינ, און אויף אַנצוועסן זיך איז טאַקע נישטאָ אין די הייזער דאָ,—אַפילו ווען מ'זוכט זיך אָפּ צו ווערן קעגן איר, ס'הייסט: קעגן די מויערן וואָס שטייען האַרט אויף די פענצטער,—מיט דעם ליכט וואָס מ'צינדט־אָן אַפילו בייטאָג, אַז מ'קומט אין זיי אַריין: ס'איז טונקל, אַז מ'צינדט אָן די ליכט, וואָס פעלן נישט אויפן באַלקן, אין די ווענט, און פון סתם אָנ־געשטעלטע לאָמפּן; ס'איז אים נאָך ערגער, — אַז ער צינדט זיי יאָ אָן;

דער קאָפּ הייבט זיך גלייך אויף, — ווי ער וואָלט געקראָכן אויף דער פלאַך פון אַ דאַך; און ער לעשט זיי גלייך אויס, אַלע ביז אַרונטער, און זיצט, — וואָס ווייסט ער צי ס׳איז טונקל אָדער פינצטער? מיט אים איז גאָר דער עלצטער ברודער זיינער, דער יינגערער, זיינע שוועגערינס, אַן עלטער בחורל זייערס, אַ פאַרדבקהט׳ס, אַ יינגעלע, אַ פּיצלס,—מיט פּאותלעך; דער אַלטער ר׳ יאַנטשע, ברײנטשע, נעכע, ראָכע, מאָכע, לאָכע; לייבעלע מיטן פלעקל; ער הערט ווי דער אַלטער ישראל עליע קרעכצט אונטערן זעקל מצוות, וואָס ער טראָגט אַלע מאָל אויף זיך; זעליק וואַסער־טרעגער אין די בלויזע פיס, — ס׳איז אים אַלץ נאָך אַ שאָד אָפּצונוצן די שיך; דער שליאַך וואו זיי גייען, אָדער ווערן געטריבן, אויב נישט, — צו וואָס גייען זיי אויף אים? ער איז אַ פּוילישער, און ס׳וואָלט נישט אויסגעמאַכט וואָס ער איז פול מיט שטיינער, נאָר וואָס ער צעעפנט זיך נאָכאַנאַנד מיט מיילער; און איטליכעס מאָל, — מיט אַ גרעסערס; דאָ מיט אַ מויל פון אַ לייב, אַ קראָקאָדיל, אַ טיגער, און פון אַנדערע מיני חיות רעות, וואָס האָבן געזאָלט לעבן פאַרן מבול; און זיי אַלע, — אויף דעם שטעטל יידן? אויף וואָס האָבן זיי דאָ געעפנט די מיילער זייערע, — אויף דעם אָרעמען בעטל־ברויט מיטן שימל, אָדער אויף דעם הימל וואָס איז אייביק אין זייערע אויגן? נאָך ערגער איז דער וואַלד, וואָס רוקט זיך אויף זיי; יענע קענען פאַרצוקן אַ קינד, און נאָך איינס, — איז דער ריס אויך געווען גרויס; וואָס פון אַ יידיש קינד קען אַמאָל אַרויס? אַ שפּינאָזע! ערלעך! באָרוך! איינשטיין! און מיט וואָס די וועלט זאָל ווערן אָרעמער? אָבער ווי לאַנג די עדה איז עדה, — וועט זי אָפּצאָלן מיט אַן אַנדערס; יידישע מאַמעס גייען טבילה... און נישט הינטער קיין פּלעטער און אין שטאַלן... און לויטער קדושה געבירט זיי... דער אָטעם אויף די ליפּן פון זייערע טאַטעס, ווען זיי לערנען תורה... נאָר דער וואַלד?... רבונו של עולם, וואָס טרייבט מען די שטאָט־יידן ווי די שאָף צום וואַלד?... מ׳קען דאָך, שונאים, אַרונטער פון זינען; און די געהירן אין קאָפּ זאָלן זיך איבערדרייען... העז?... יידן, וואָס שלאָפט איר? „שמע ישרא־א־לי!"—סעמעלע, אויף וואָס ביסטו אַריין אין דער מלחמה?... די שטאָט יידן שרייט שמע ישראל... אוי, ס׳איז מיר ליבער דער טויט, ווי כ׳זאָל דאָס דערלעבן...

— — — — — — — — — — — —

מ׳האָט זיך געשלאָגן, און שטאַרק געשלאָגן, אויף די גרינע און געלע ימים, צעשטויבטע אינדזלען, — פּאָר וועלכע יידן האָבן קנאָפּ געהאַט אַ השגה; זייער מלחמה, די יידישע, ווי ס׳האָט געהייסן, — האָט באַדאַרפט ווערן אויס־געפּאָכטן דאָרטן, און דאָרטן איז זי אָבער נאָך לעת עתה געשמאַק געשלאָפן; אויף־געוועז זיינען די רשעים, וואָס האָבן זיך פאַרשוואוירן אויף דעם אָרעמען לעבן זייערן; און אפשר האָט מען איר אויף יענעם אָרט נאָכאַנאַנד אָפּגעלייגט, — ביז ס׳וועט שוין מער קיין לעבעדיקער ייד נישט זיין? דאָ, ביי די מיטינגען פון די שטעט האָט געהילכט. זיי זיינען געגאַנגען אין לופטן, זיך געשטעלט אויף די קעפּ. ס׳איז געווען הייס. דאָס געשריי פון דאָרטן האָט זיך געטראָגן אימה־

דיק איבער זייערע קעפ, און צעריסן זייער גאַנצן שלאָף—אויף שטיקלעך; און אין יעדן שטיקעלע פון אַ שטיקל געוואָרפן געוואָרן אין שאול תחתיה אַריין. ס׳איז זיך צונויפגעקומען אַ שטאָט און אַ שטאָט, און זיך אַרומגעזעצט אויף די בענקלעך, — ווער מיר בית־עולם? קרקע? און אין וואָס אַלץ זיי ליגן פאַרזונקען ביז איבער די אויערן? זייערע אויגן ברענען, שיסן מיט פייער: וואָס טוט מען? וואָס שלאָפט מען? מען קען דאָך נישט זיצן פאַרלייגט מיט די הענט? די קינדער האָט מען אָוועקגעגעבן, און מ׳זעט גאָרנישט אַרויס? ווי אַזוי הויבט מען עפּעס אָן די מלחמה דאָרטן, און אויפן ריכטיקן אָרט? זאָל מען זיי געבן ביקסן און אַלע אַנדערע מכשירים, — פאַרקאַטשען זיי די אַרבל, און גיין ווייזן וואָס זיי קענען; טאָקע נישט קיין יונגע בחורימלעך, אָבער — אַז זייער לעבן דאָרט איז אין סכנה, וואָס זאָלן זיי דאָ מיט אַלעם זיין אין דרויסן? און זיך ווען באַהאַלטן הינטערן ים? באשר, ס׳האָט זיי פון דאָרטן אַרויסגעוואָרפן, צי אויסגעשפּיגן מיט דרייסיק פּערציק יאָר צוריק? געווען גרינג אויף דער נשמה: זיך צו לאָזן אַהער, וואו, מ׳האָט גוט געוואוסט, — אַז ס׳אַ מדינה פון טרפות, מ׳איז קנאַפּ אָפּגעהיטן אין טהרת משפחה, און בכלל אויף קאַטאָרגע... נאָר, אַז מ׳האָט אַנגעזעצט, יענעם אונ־טערגעצונדן, צי ביי אים אַרויסגעפירט די פערד פון שטאַל? און אַז יענע יידן האָבן נישט אָנגעזעצט, נישט אונטערגעצונדן קיינעמען, און צו קיין פערד אין יענעמס שטאַל אויך נישט אָנגעחשקט, — נאָר געבליבן זיצן אויפן הינטן, ווי צוגעהאַקט; זיך אָנהאַלטן אין אייגענעם ווייב, אין יחוס, אין בית־המדרש, אין גוטן ייד, אַפילו אין דער ציג; אין דעם אַלטן טראַכט, מיט דעם פראָסטן זמערדיקן פאַרנאַכט פון ר׳ יאַנטשעס גיין צו מנחה ומעריב; אין דעם ליכטיקן פול מיט עונג, — יידישן שבת; און מיט כל־טוב, — יום־טוב; זאָל מען זיי דערפאַר לאָזן אומקומען? ווער זיינען זיי און ווער — יענע יידן; ווי קומען זיי בכלל צו יענע? קענען זיי דען גרייכן צו זייערע קנעכלען? אַז דאָרט לייכט ווי פריער, — דער אור התורה; מען זיצט אין שולן, בתי־מדרשים, און מ׳לערנט; מ׳פאַסט תעניתים. מען וויינט אויף גלות השכינה. מ׳פאָרט צו רביים, — מלכות גער! מלכות טשאָרטקאָוו! חכמי לובלין... גדולי התורה מבעזשבעש! חוץ די קליינע ליכטלעך, וואָס טיקען און פלעמלען אין אַלע קלענערע מקומות, וואָס מ׳קוקט זיך גאָר קנאַפּ אום אויף זיי; שייך, יידן, — און ס׳זאָל נישט צאַנקען עפּעס אַ קנייטל? ברענען אַ ליכטל? אַ ייד זיצן שבעה, אַ לעבעדיקע אַלמנה זוכן חליצה, אַן עגונה אַ היתר... וואו איז דאָ דאָ אַן עגונה? עפּעס אַ שלאָק, וואָס דער מאַן האָט איינגעפּאַקט, און אַז זי קריגט אימיצן, — זי זאָל נישט קריכן צו אים? און זוכן דערויף אַ היתר? וואָס טוט מען דאָ? מער ווי מ׳איז מחלל שבת בפרהסיא, און מ׳שפּילט אין קאָרטן! וואו און אויף וועלכער שוועל פון אַ טיר קען מען זען זיצן אַן אַלטן ייד, וואָס זאָל אָפּריכטן חצות? וואָס ווייסט מען דאָ רעכט אַ צורה פון אַ יידיש אות? דעם ריכטיקן טעם פון אַ ציבעלע פלעצל? קב הישר? מעבר יבוק? קהל חסידים? אַ בענטשערל? מעשה אַלפס? חושן ומשפט? מורה נבוכים? אויסגע־

זאָטענע אַרבעס אויף אַ שלום זכר? פון אַ רעשינקע אויף אַ ברית, ווי אַ רמז אויף אלהית? בלינדע באַבע־שפּיל, אַ מיל, אַ ברוגזן קאָנטער מיט אַן איבער־בעטעכץ — און אַ פריילעכן קאַדריל! אַ גריל! אַ קוימענקערער! אַן ערל אויף שבת. אוי, געוואַלט, שבת אויבסט! יידישע ייִנגעלעך מיט פּאותלעך, ווייסע זעקעלעך, — קומען זיך פאַרהערן פאַר באַיאַרטע יידן, מיט, קיין עין־הרע, שווערע ־גראַבע בערד; אַ ייִד אין די זיבעציקער, וואָס זאָל מאַכן אַ ברית מיטן זעקסטן ווייב... אַ וועלט אַזאַ גרויסע, אַ ליכטיקע, מיט כל טוב און אַזוי פיל הרחבה...

און מ'כאַפּט זיך אויף, די שטעט כאַפּן זיך אויף, לאָזן זיך אַרויס איבער די גאַסן, פּאַקן דאָ אַן דעם מעדיסאָן סקוועער גאַרדן פון אונטן ביז אַרויף, איבער די ברעגעס; דאָ אַן אַנדער אָרט, — און הענט הויבן זיך אין דער הויך, פויסטן, בלוט רינט פון די אויגן:

— ס'זאָלן דאָרט אויפהערן די שחיטות אויף יידן; און נישט מיינען, אַז זיי זיינען מיט אַלעם הפקר... און אַז דאָס וועט זיי אַזוי געשענקט זיין... ס'וועט זיי נישט געשטיין דערפאַר... זיין אַז אַך און אַז ווי צו זיי...

*
**

אויב ביי שמחה בינעמען האָט דער קאָפּ נאָך וויניק געדאַרט צוליב דאָרטן, צוליב סעמעלען, — האָט ער אים מיטאַמאָל אויך גענומען דאַרן צו־ליב דעם אויפגייענדיקן טויבנדיקן שטילן טעכטערל זיינעם. וואָס האָט זיך דאָ ביי איר מיטאַמאָל אויפגעשטעלט ס'קעקסל אויפן קאָפּ? פריער האָט זי זיך נישט געהאַט מיט וואָס אָנצוזען. ס'טעלערל עסן? די מאַמע האָט איר, ווי יעדע אַנדערע מאַמע, נאָך דערצו אַז זי איז געווען אַזאַ מייזעלע, — געזוכט צו שטאָפּן. איז דאָס אַמאָל ביי איר יאָ געקראָכן, און אַמאָל, — דאָס גאַנץ שיין אָפּגעבראָכן, אַז ס'איז נישט געגאַנגען איבערן האַלדז. אויף וואָס איז זיך דאָס דאָ געווען אומצוקוקן? אַ יידיש קעפּעלע, וואָס וואָלט געקענט תופס זיין אַ שטיקעלע מהרש"א,—און ניט געזאָלט פאַרנעמען די גרויסע תורה זייערע פון צוויי מאָל צוויי איז פיר? די פאַרדרייטע וועגלעך, — פון וועלכע מ'דאַרף זיך וויסן אַרויסצודרייען? מ'האָט איר נישט באַדאַרפט, ווי אַ סך אַנדערע, — אונטערשטופּן, נאָר אַ סך מאָל נאָך צוריקהאַלטן, ווי אַ לאָשיקל, — ס'זאָל זיך נישט אַזוי צעבריקען און לויפן; עס וועט צו גיך אויסלויפן! ווי גרויס איז דאָס די גאַנצע סקול,—פון איין עק ביזן אַנדערן? אַצינד: איר אַרומגיין מיט די אַנדערע מיידלעך, ווי די גאַדזשינעס געגנדזלעך: גראַ־גראַ־גראַ, נאָר אַז מ'וויל איינדרימלען, — און זייער זיס גרעגערן צענעמט דעם קאָפּ. אַזוי ביי־זערט מען זיך נאַריש: „איי, זאָל זיי דאָרט ניט גוט ווערן, די פלאַדערס!" ווייטער ווי פון קוני איילאַנד האָט זי נישט געוואָוסט צו פאָרן. דאָס איינע, וואָס זי פלעגט זיך פאַרטווישן מיט אַן אַנדער מיידלס קליידל: נו, האָט מען איר געזאָלט אָנ־שמייסן דערפאַר? און אַז ס'האָט עפּעס ערגעץ גענומען פּיקן מכוח אַ תכלית, ביי איר? אַזאַ דראָבנע און פּיצל מיידעלע, ווי מ'וואָלט ביי איר פאַרזען

אַ שטיקל דאָ, אַ שטיקל אַהער, און ס׳פּעלט באַלד נאָך אַמאָל אַזוי פּיל אויס ווי ס׳איז דאָ, און זי האָט?

און אין דעם ברעקל מיידעלע איז די מלחמה אַריין ווי אַ פייער; זיך אָנגעצונדן ווי אַ ליכט אין די אויגן פון אַ שטאָק בלינדן; דאָס גוטע קעפּל ביי איר האָט זיך צעגליט ווי ביי אַ קראַנק קינד, וואָס הייבט אָן צו זען מיט די אויגן פון אַ גרויסן; דאָס נעכטיקע געגדזעלע: גראַ־גראַ, לאַ־לאַ מיט די לאַלקע, — שטייט איבער אַ מינוט אויף אַ טראָק, און נעמט צונויף מיט די אייגלעך אַ גאַנצן גאָרשט מענטשן, וואו זי שיסט אַריין אַזוינע צעגליטע שפּיזן, אַז זיי זאָלן מוזן נעמען פלאַקערן לעבעדיקע, און באַלייכטן ווי מיט ראַקעטן, די חושכדיקע גאַסן; ווי אַזוי קענען זיי ווייגען אויף זייערע זין, אַז דאָס פייער האָט שוין געסמאַלעט די היגע ברעגעס, און נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, — וואָלטן שוין דאָ געברענט די ווענט פון די הייזער, — מ׳זאָל זיך אין זיי בראָטן הינטער פאַרמאַכטע טירן? און וואָס פאַר אַ כּוח קענען שוין איבער איר האָבן די אייגענע טאַטע־מאַמע, — אַז גאַנצע גאַסן פלאַטערן פאַר איר מיט אימה... אָבער, אַז זיי הערן זיך אָן פון דעם און יענעם, און מ׳ווערט פול ווי אַ פּויק, אָנגעפּלוישט מיט ימים און שיפן, און מ׳ווייסט אַז דיין קינד איז אין דרינען, און נאָך ווי,—גיט זיך צומאָל דער קאָפּ אַ בייג, אַ פאַל אַראָפּ מיט כּוח, מי יודע, פון ווי הויך: „אוי, וואָס אונדז האָט געטראָפן!" אַזוי וואַקסט זי גלייך אויס, מוראדיק גרויס: „העי? וואָס איז דאָס אַזוינס? איך וויל דאָס נישט זען און נישט הערן!" קען דאָך די מאַמע פאָרט נישט אין זיך דאָס מיט אַלעם דערשטיקן, און גיט אַ זיפץ: „ווער ווייסט, וואו ער איז אַצינד און וואָס ער טוט? ווייסט ער פון אַ קאָפּ געלעגער, און אַ ביסל וואַרעם עסן?" ווערט זי נאָך שאַרפער און גרעסער: „ער איז דאָרט וואו ער דאַרף צו זיין; ס׳איז זיין מלחמה; די מלחמה פאַר זיינע קינדער".

און אַזוי ווי ביים ברודער, אויפן קוק: פאַרגוויישט צוליב די משונהדיק ברייטע אַקסלען זיינע, ליגנדיקע האָר, — האָט זיך אָנגעצונדן דער יידישער אָדער: „פאַרן זיידן און דעם אייניקל!" אַזוי איז די קליינע, אין גאַנצן יידיש פון פּנים, פון די האָר, גייך, און אַפילו געירשנטע פון איר זיידן, — תּנועות; אין ערגעץ נישט געטראָפן געוואָרן פון דער קויל, — וואָס מ׳האָט געצילט אין די יידן. ביי איר האָט געהייסן, אַז מען האָט גערירט די קרוין ביי איר אַמעריקע; ביי איר איז די מלחמה פּוירל האַרבאָר, יאַפּאַנישער כאַ־ראַ־קי־רי, אינדזלען, ימים, פלאָטן, מאַסטן, פריי זעגלען, אָטעם, — מער אָטעם אין דרויסן, גרעסערע שטחים, און אפשר אויך רווחים? אַ קשיא אויף אַ מעשה: וואָס ס׳האָט זיך געקענט צעפלאַקערן אין דעם אייניקל פון אַן אַלטן פּוילישן ייד, וואָס שלעפּט זיך אויף אַ פּורל, פון יריד צו יריד; עפּעס אַ פּילגרימשער אייפּער, דער עפר ואפר פון צעשטויבטן ישוב, וואָס פון אַ סך הונדערטער גרויע יאָרן... יידן האָבן זיך מער צוגעשאַרט צו דער שול, און ווי געוויינלעך, אַריינגעברענגט אין זיי זייערע טעכטער, — די זין האָבן זיי מער נישט געהאַט; און די קליינע האָט נישט, מ׳זאָל איר צעהאַקן,—געוואָלט אַריינשמעקן. „עס ווערט פון דיר עפּעס אָפּקומען? מ׳ווערט פון דיר אָפּבייסן אַ שטיק? ס׳איז דאָך

אַ שול! אַ מקום קדוש! וואו מ׳ווײנט זיך אויס ס׳האַרץ; און אויף וואָס צו וויינען איז דאָך דאָ; דאָרט וואו דו קומסט איז בלויז אַמעריקע פּאַרמישט, — און דאָ באַרירט עס אויך די יידן!״ זי, דאָס דראַבנע יידישע קינד, יידיש אין בלוט, — האָט ווי אַ גלי־ווערעמל אויפגעגליט אויפן ברייטן מילך־וועג; און ווי אַ מילבעלע, מיט אַ סך און אַלערליי דריבנע חנדעלעך, וואָס האָבן גע־פלעפט קיסרים (נישט קיין קלענערע ווי געקרוינטע קעפּ!)—אַנהויבנדיק ביים טיפּש אַחשורוש, קאַזשמיערזש דעם גרויסן ביז צום קיניג קאַרל פון הינטישן רומעניע, — צוגעצויגן צו זיך אַזוינע הויכע, לאַנגע, פון וועלכע די מלחמה האָט אַרויסגעלאַכט מיטן גאַנצן האַרץ, — יונגען; (זאָל אַ לאַנד נישט געווינען מיט זיי?) יונגען מיט פלאַקסענע קעפּ, שמאָלע אַקסלען, און דינע, ווי פון ווייט, — הענט; פלאַכע פיס, אפשר שיין און אפשר מיאוס, — אָבער מיט זון, מיט קאָרן אויף די געשפּרינקלטע פּנימער; מיט ים און מיט מדבר, — אין די אויגן; וואַלד און פעלד, לייוונטענע געצעלטן, אַ סך ווינט, צעלאָזטע סטאַ־דעס הינט... אָפּגעסמאַלעטע הויט, מיט געדיכטן רויך פון קוימענס אין דע־טראַיט.

3

די שטעט מיט יידן דאָ, ווי ס׳האָט לכתחילה אויסגעקוקט, און ווי זיי האָבן זיך געביקט צו דער אַלטער היים, געפאַלן כורעים פאַר איר, און געוועזן גרייט צו גיין אויף קידוש השם, — נישט לאָזן אויסלעשן דעם אייביקן און הייליקן פלאַם פון דורות; די אַלע שטעט, האָבן מיט איין מאָל איבער־געקערט דעם פּעלץ, און גענומען אָפּפאַלן, זיך אָפּקילן פון זייערע שוועסטער, ברידער, צומאָל, אויך מאַמעס; און נישט מחמת מ׳האָט באַדאַרפט קריכן אויף די גלייכע ווענט? זיי וואָלטן געקראָכן אויך; וואָרעם, דאָס געשריי וואָס האָט געטויבט זייערע אויערן, צעריסן זייער שלאָף, נישט געלאָזט אַראָפּשלינגען דעם ביסן, — איז געווען צו גרויס; עס איז אַרויס ווי פון אַ קראַטער, וואָס שפּייט מיט פייער; און דאָס פייער פון דעם קראַטער דאָרטן האָט געברענט אויף זייערע לייבער. נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט די אייגענע מלחמה, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַזוי פיל טרויער פונעם הימל, און זיך דערנאָך פאַר־צויגן ווי אַ גאָלדענער רעגן־בויגן,—וואָס האָט פאַרבלענדט די אויגן, צעמישט דעם קאָפּ; ביי אַלע שטעט זיינען די קעפּ געוואָרן צעמישט, און זיי האָבן גענומען שווינדלען ווי ביי שיכורע; שטעט מיט שיכורע קעפּ אויף זיך, — פון מלחמה־דיקער שפע; אַ גאָלדענער רעגן האָט גענומען פליייצן אָן אויפהער, — ביי ועמען ווייניקער און ביי וועמען מער, אָן אונטערשייד; זיך גיסן איבער די מיילער ווי אַ געטראַנק מיט אַ זיס גן־עדנדיקן טעם; די מלחמה, ווי ס׳האָט זיך געדאַכט, — איז מגולגל געוואָרן אין אַזאַ הונגעריקער חיה, וואָס דאַרף אַ סך עסן; זי האָט נאָכאַנאַנד אָפן איר ריזיקן פּיסק, און וואָס און וויפיל מ׳זאָל נישט אַריינלייגן אין אים, — קען מען איר אַלץ נישט אָנזעטיקן; אַלץ איז ביי איר אַ מאכל: קוילן האַרטע צום ברענען, קוילן אויף צו שיסן, הויזן, רעקלעך, טאַנקען, העמדער, — אפילו זיידענע; קאָרן, אָקסן טויטע און אויך

לעבעדיקע. וואָס דאַרף די חיה נישט האָבן? זי וועט זיך אפילו נישט ברעקלען מיט פליגן! מיט בערד פון ציגן! זי האַלט אָפן דאָס מויל, פון וועלכן עס רינט די שלינע, דער גאַווער, און עס זעצט אַ פּאַרע, אַ רויך גייט אַרויס, — ווי ס'זאָל אינעווייניק אין איר ברענען אַ בראַנדיק פייער; טאַקע נאָר ווי די מלחמה קען האָבן אַ חוצפה צו וועלן, וואָס איר גאָט איז דער גרעסטער און דער עלצטער פון אַלע געטער; וואָרעם נאָך איידער ס'איז וועלכער פון זיי געווען, און געהאַט אַ פּרצוף, — האָט ער שוין געזען, אַז מ'זאָל זיך אַרומשלאָגן, אַרומרייסן ביי די קעפּ, פירן קריג. און וואו וועט מען נעמען אַזוי פיל, איבערהויפּט, — טאַנקען, שיפן מיט עראָפּלאַנען, וואָס די מלחמה דאַרף האָבן? אַז דער מאָגן אירער איז אַ לעבעדיקער, אָן אַ דנאָ; און די געדערים אירע קענען זיך אַזוי צעציען, — אַז גאַנצע שטעט זאָלן אין זיי אַריין, און נישט וויסן, — וואו זיי זיינען אַהינגעקומען! שיפן, פּלאַטן גאַנצע — אין זיי אַרומשווימען! און דאָ זיינען די יונגען, וואָס וואָלטן איר אפשר יאָ געקאָנט פאַרשטאָפּן ס'מויל מיט אַלעם גוטן, פאַרגיסן מיט האָניק די גלידער, — ערגעץ־וואו, ווי נישט ביי דער מלחמה; אין קעמפּס, אויף אינדזלען, און מ'ברויך זיך אויף זייער אָרט אַרויסהעלפן מיט ווּעמען מ'קען: מיט אַלטע לייט, זקנים, יונגע קינדער; אַזוי גראָבט מען זיי אויס פון אומעטום, מ'זאָגט זיי צו גאָלדענע בערג,—נאָר מאַכטס קוילן, מאַכטס הויזן, שיפן, כאַפּטס פליגן, דרייטס דראָטן, שפּינטס נעצן... מ'פרעגט נישט פון קיין געלט... די מלחמה איז הונגעריק... און אַזאַ הונגעריקע חיה ווי די מלחמה איז, — טאָר מען גאָר נישט צערייצן... מיט אירס אַ נאָגל קען זי אַרויסרייסן אַ וואַלקן־קראַצער, פון זיין בעט; מיט אַ צאָן אַדורכבייסן אַ שיף אין צווייען... ס'שטעקט אין איר אַ געפּערלעכע רציחה...

און גאַנצע שטעט מיט אַלטע לייט, האַלב גרויע און אויסגעקראַכענע קעפּ; אַ סך אויך, — מאַמעס פון קינדער, וואָס האָבן פון דעם גרויסן געוויין, וואָס די מלחמה האָט צעבראָכן און אויסגעליידיקט זייערע הייזער, צוגערזיבט זייער מנוחה,—דערפרייט מיט דעם זייערע הערצער, אַ קלייניקייט: וואָס געלט? און אַנגעהויבן צו לאַכן. ס'איז געוואָרן אַן אימה צו הערן ווי מ'לאַכט; מ'לאַכט טונקל און העל; קלאָר און מאַנטגע; ווי קראַנקע, וואָס מ'גיט זיי שאַרבעלעך זיך צו פאַרשפּילן. שטעט פון הונדערטער און טויזנטער, און די יידישע בתוכם,—מ'האָט דען געקענט וועלן אַז די יידן זאָלן זיין אַנדערש? כאָטש לויט דעם באַרשטן־יידס השערה: דאָס אַחוץ דעם וואָס די מלחמה איז מלחמה, ווער ווייסט צוליב וואָס,—האָט זי אויך אַ יידישן אונטערשלאַק; און אַז מ'ברויך טרויערן גאַנץ באַזונדער, אין דעם אייגענעם יידישן ווינקל, מיט זעק אַש אויף די קעפּ, מיט תעניתים, מיט פייניקן זיך, און זיך אַריינרייסן מיט כוח אין אַלע הימלען, וועקן די אָבות: „וואָס שלאָפט איר, אַז ס'איז אַזאַ עת צרה אויף יידן? וואו זיינען די אמהות? שרה, רבקה, רחל ולאה? די תורה הקדושה, וואָס גאָט האָט זיך מיט איר אַרומגעטראָגן צווישן אַלע אומות העולם, און די יידן האָבן איר מקבל געווען ביים באַרג סיני, מיט נעשה ונשמע? און אַלע מלאכים ושרפים? ווי קענען זיי דאַרט איינרוען אַלע?" די מלחמה פאַרבלענדט מיט איר כישוף, און מ'לאַכט ביי איר מיט אַ ריס אין האַרץ, ווי זיצנדיק אין אַ צירק, —

ווען זי גייט אַפּ אין איר הייסן בלוט, און אפשר אויך פון אַן אייגן קינד. וואָס איז אַ קינד? ס׳איז דער שטן פון דער מלחמה, וואָס שטייט אויף זיינע לאַנגע דינע פיס, פאַרשטעקט דעם קאָפּ אין די וואָלקן, — מ׳זאָל אים נישט קענען אַריינקוקן אין פנים, צי עס לאַכט צי עס וויינט,—און וואַרפט אויף זיי אַראָפּ פון זיין מיצל מיט גלעקלעך גאַנצע זשמעניעס מיט געלט: „נאָט אייך און לאַכט, — אַז מ׳האָט אייך געקענט פירן אין באָד אַריין; נאַט אייך און לאַכט, אַז די קינדער ווערן אייך פאַרשניטן!״ אַלע שטעט, די יידישע מיט זיי,— האָבן זיך געגומען לאָזן וואוילגיין, און לאַכן; ס׳לאַכן ווייבער מיט אַ זינדיק קוקן, און מאַנסלייט מיט גליענדיקע בליקן... ווי געוואָלט אין זיך דערשטיקן די ווייטיקן פון דער זעלביקער מלחמה, וואָס האָט זיי אַנגעכאַפּט ביים האַלדז...

אויף דער טאָוול, וואָס איז הייליק ווי אַ ספר תורה ביי דער גאַס, וועלכע האָט אַוועקגעגעבן איר יונג בלוט, איז ביי איין נאָמען, גראַד אַ פּוילישן, — ווי פון אויבן אַראָפּגעפאַלן מיט צעשאָטענע פונקען, אַ גאָלדן שטערנדל; דער יונג איז ערגעץ צווישן די זעלביקע פאַסיפישע איגדזלען, אַרויף צום הימל מיט אַ וואָלקן רויך און פייער: „זיי געזונט, מיין גאַס, וואָס איז מיר אַזוי טייער, — כ׳וועל מיך מער קיין מאָל נישט אומקערן צו דיר צוריק, און אויך נישט צו מיין גאָלדן האַריק מיידל, וואָס כ׳האָב דאַרטן אויף איר געלאָזן!״ און אין די צוויי שענקען אויף איר, האַרט הינטער דער מויער, וואו דער טאָוול האָט געקריגן צוגעטיילט זיין חשובדיק אָרט, — רייסן זיך די העלדזער מיט זייער גרילצן פון די פּלאַטן, שוואַרצהויטיקע: „יעס, מיי בייביז!״ מ׳לאַכט אַריין אין די בורשטינענע גלעזער ביר. ס׳פעלט אויס ביר! מ׳קען גאָר נישט אַזוי פיל מאַכן, ווי מ׳ברויכט אויסטרינקען. מ׳קען זיך נישט דערוואַרטן ביז ס׳וועט זיך אָפּקילן, און מ׳טרינקט עס גלייך פון אויוון אַרויס, — אַז ס׳איז נאָך וואַרעם. מ׳זוכט זיך צוצושטופּן צום רייל, נאָר ווי אַזוי? אַז מ׳שטייט אויף קעפּ, און מ׳האַלט זיך כאָטש אַן אין דער טיר. דער שטערן איז נאַס, דער בויך ביי יעדן גראָב און אויפגעלאָפן ווי אַ פאַס, אַז מ׳קען פּויקן אין אים.

*
**

די יידן, צו זייער שבת, זיינען גראַד נישט געווען פון די ערשטע, — ס׳האָט זיך ביי זיי געזאָלט אַ הייב טאָן אין די געוועלבער; ערשט נאָך דעם ווי די אַלטע לייט מיט די כלבטעס זייערע, די פעטלייביקע ווייבער, — האָבן שוין געהאָט רייך געמאַכט די מלחמה, איר געטאָן אַ בערישע טובה מיט די וואָך אַרבעט, — פאַר וועלכע מ׳האָט זיך געהייסן אָפּוועגן מיט גאָלד צו־גלייך; ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך ריכטיק אַ נעם־געטאָן צו זיי: „אויב פאַר אָפּשלייפן אַ שטיקל שטאָל, אָפּהובלעווען אַ ברעטל, וואָס ס׳איז דיך אַזוי נוגע, אַז מען זאָל דיר דאָ נישט קומען אַראָפּדרייען דעם קאָפּ, — זאָל מען דיך ערשט דערפאַר דאַרפן אָפּגילטן; פאַרוואָס זאָל איך זיך ווידער נישט הייסן אָפּגילטן פאַר מיינע העמדער, פאַר מיינע הויזן און פאַר די שיך? אַזוי פיל איינזען האָסטו מיט דער מלחמה, — אַז איך זאָל עס אויך האָבן מיט דיר?

פאַר וועלכן גוטן?״ און זיי גענומען, ווי יענע די מלחמה, — אויך אַרומפּליקן. יענע מעגן דאָס, און נאָך וועמען? די מלחמה! און זיי וועלן נישט טאָרן? אין דער ערד אַריין מיטן קאָפּ! און ווער ווידער האָט געליטן, פון דעם וואָס זיי האָבן זיך דאָ אָנגעשטאָפּט ביי די נקבהשע זאַקן? צו וועמענס קאָפּ איז דאָס אויסגעגאַנגען? צו זייערן, דאָרט... און צו די ברענענדיקע שטעט מיט יידן! אַז די מלחמה האָט זיי אַראָפּגעבויגן די קעפּ, — האָבן די יידן דאָרט זיי דאָ נישט געלאָזט רוען; און ביי עפּעס וואָס זיך אָנטקעגנגעשטעלט: „וואָס זאָגט מען עפּעס, אַז מען האָט ביי דער שחיטה אין קעלץ, — בלויז אומגעברענגט טויזנט יידן, אַז מ׳האָט דאָך אומגעברענגט מער ווי פופצן הונדערט?״ וואָס איז מען דאָ אויסן מיטן אַראָפּנעמען? און אַז זיי האָבן ווידער אויפגעהויבן די קעפּ ביי דער מלחמה, מ׳האָט זיך איינגעהילט אין העמדער, אין רעקלעך, אין זאַקן־בענדלעך, און אין וואָס נישט? האָט מען אַלץ גענומען מאַכן צו קליין־געלט: „וועמען וועט מען דאָ דערציילן אַ מעשה, אַז אין לובלין איז נישטאָ מער קיין אין לעבעדיקער ייד?״ ווי אַזוי קען מען אומברענגען אַכציק טויזנט יידן? מען דאַרף דאָך דערויף פּאַרלייגן אַ פאַבריק! און נאָר איינע? אויפשטעלן שלאַכט־הייזער, גאַנצע! (דאָס האָט בקיין אײן אופן נישט געקענט אין קאָפּ אַריין!) מ׳שרעקט די גענדז! ס׳איז אויך נישט מער ווי אַזאַ כלי זיין פון דער מלחמה; מ׳אַרבעט ערגעץ גוט דערין אַרום; מ׳רעדט אַזוי מיט דעם, מיט יענעם, מ׳צעבלאָזט דאָס, מ׳רייצט־אָן, מ׳גיט אַריין פייער, — אַז מ׳זאָל זיך טאַקע וועלן צוכאַפּן צו וואָס ס׳זאָל נישט זיין. און דאָס ברויך זיין גוט פאַר דער מלחמה. וואָרעם, אויב מ׳כאַפּט זיך נישט אַליין, — שטופּט מען אַ צווייטן, אַ דריטן, אַז יענער זאָל זיך צוכאַפּן; ס׳איז אויף דעם אויס־ גערעכנט: אַז איינער זאָל שטופּן דעם אַנדערן, און אויב מ׳גייט נישט גלייך, און אויפן ריכטיקן אָרט, דאָרט וואו מען באַדאַרף, — זוכט מען כאָטש צוצו־ לייגן אַ האַנט, און צו וואָס ס׳זאָל נישט זיין. אַלץ איז נייטיק פאַר דער מלחמה. פון אַ טראָט מיטן פוס, אַ זעץ מיט אַ האַמער און אַ גוט וואָרט... אַז דאָס אַלץ קומט זיך צונויף אין איינעם, — מוז עס האָבן די ריכטיקע פּעולה... און די יידן זיינען געוואָרן גאַנצע חכמים... זיי האָבן זיך נישט מער געלאָזט פאַרנאַרן אין זאַק אַריין... זיי ווייסן, אַז ס׳מאַכט זיך אַ מלחמה, — מוזן יידן טאַנצן אויף דער חתונה... אָבער פון אַזוינע שחיטות, ווי מ׳זאָגט? אַז אַלע ראָדעמער יידן זיינען שוין אויף דער וועלט נישטאָ! אויך נישט די טשענסטאָ־ כאָווער! בענדינער! באָבע־מעשיות! זיי ווילן האָבן אַזוינע שחיטות, ווייל זיי דאַרפן זיי האָבן, און ס׳טויג זיי אַזוי אויס צום הויקער.

***

שמחה בינעם האָט זיך איצט איינגעגעסן אין געוועלב, וואָס האָט אויפ־ געלויכטן מיט יעדן שאָכטעלע, אין וועלכן סזאָל נישט זיין קיין זאַלץ, קיין אַרבעס, — נאָר ברילִיאַנטן! נאָר אַ משוגענער האָט געקענט אויסטראַכטן אַז ער האָט אַ שפּייז־געוועלב, און וואָס גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן פון זיין

טאַטן, פון זיין זיידן, און איז ווי אַ ריפּ פון זייער לייב. אַז ער האַנדלט נאָר מיט בריליאַנטן! טיי, קאַווע, אייל, — דאָס זיינען אַלץ בריליאַנטן! (וואָס זאָלן שוין זיין בריליאַנטן אַליין?) און אויף דעם וואָס ער האָט זיך אַלעמאָל אויס־געקוקט די אויגן; אויף דעם אָרעמען שטיקל קונה, — אים געזוכט אַרויס־צורייסן ביים שכן פונעם מויל, און זיך געביקט פאַר אים ווי פאַרן קיניג אַליין—האָט ער זיך צומאָלט נישט מער געוואָלט אומקוקן; ס׳האָבן זיך גענומען מאַכן קונים פון דער העלער הויט, ווי כוואַליעס אויפן ים,—אין אַ רעגנדיקן טאָג; זיי קומען: ווער ווייסט, פון וואו, און ווער זיי זיינען? כאַפּטעס גויים מיט גויטעס באַלאַגערן דאָס געוועלב, אַזוי ווי ער מאַכט נאָר אויף די טירן: „קאַפּי? טיי? פּעפּער? מעל?‟ און ער זוכט זיי אַרויסצוהאַקן: „וואָס שפּאַרן זיי זיך אַלע צו אים? ביים שכן איז די קאַווע נישט אַזוי גוט ווי זיינע? און אַזוי אויך דער צוקער? דאָס מעל?‟ אַז ער גיט אַוועק דאָס פונט צוקער, — מאַכט ער זיך אַליין אויס אַ לאָך אין קעשענע; און אַז עס ליגט זיך איבער ביי אים איבער אַ נאַכט, — נעמט עס צו אַ שטיק געזונט.

ער האָט געזוכט אַריינצונעמען אין דעם ס׳ווייב זיינס, וואָס ער האָט זייער נישט געוואָלט, — וואָרעם, מ׳האָט דען געקענט אימיצן קריגן, וואָס זאָל אים אַרויסהעלפן נעמען ס׳געלט? (בלויז נעמען ס׳געלט, — עפּעס געבן דערפאַר האָט מען כמעט ווי נישט באַדאַרפט); די מלחמה איז געווען ביל־כער. און זיך געקענט פאַרמעסטן מיט איר, — ווי זי האָט געצאָלט? ביי איר, ביי דער מלחמה, האָט יענער געהאַט אי כבוד (ער אַרבעט פאַר דעפענס!), און אי געלט, ביידע: וואָס האָט מען געקענט האָבן ביי אים, אין אַ שפּייז־געוועלב? ער האָט איר נישט איבעריק געוואָלט, ערשטנס, ווייל זי האָט נישט געקענט גוט האַקן איבער די הענט ביי די קונים, און, צווייטנס, — ווייל זי האָט נאָך פאַרמאָגט אַ שטיקל האַרץ; און אויף צו שטיין אין געוועלב, — האָט מען אין גאַנצן נישט געטאָרט האָבן קיין האַרץ; גאָר באַזונדער, — ווייל ער האָט אויך איבער אַ נאַכט אין זיך דערשפּירט דעם גביר, און ס׳איז אים שוין דאָס אויך נישט אָנגעשטאַנען: „הייסט, זי זאָל שטיין אין געוועלב? ווי קומט דאָס צו איר?‟ אָבער מ׳האָט דאָך פאָרט נישט געקענט אַרויסהאַקן מיט אַלעם די קונים זיינע, צי אַפילו זיי מעיז פּנים זיין; און דערצו נאָך, — די אַלטע, די שטענדיקע, פריערדיקע, וואָס האָבן געקלעפּט אין אים, ווען ער איז, נישט היינט געדאַכט, געלעגן אין דרערד און גֶעבאַקן בייגל; אַז זיי זאָלן איצט בלייבן אָן אַ לעק קאַווע! אָן צוקער! פאַרוואָס קומט דאָס זיי? כאָטש אָנשרעקן האָבן זיי שוין אים נישט מער געקענט מיט גאָר, — זיי וועלן דערנאָך נישט קומען? ער וועט זיי, אם ירצה השם, — מער נישט באַדאַרפן; ער איז שוין אָנגעשוואָלן מיט געלט... ס׳ווייב זיינס טראָגט אויף יעדן פינגער אַ קאַראַט מיט אַ האַלבן, און אויך נאָך אַ גרעסערן שטיין. און האָט שוין אויך געוואָרפן אַן אויג אויפן „קאָנערדיקן‟ הויז, וואָס איז שוין אַזוי גוט ווי ביי אים אין קעשענע...

דאָס ווייב, ווידער, נישט וואָס זי האָט זיך געלאָזט בייגן, נאָר טאַקע צוגעפאַלן צום געוועלב, — ווי צו אַ הייס געבראָטנס; דאָס איינע, וואָס ס׳געוועלב דאַרף

איר; און אַחוץ דעם געוועלב, — וואָס האָט זי? סעמעלע? הלוואי וואָלט זי פּאַר אים אויך עפּעס געקענט טאָן; אָפּקאָכן אַ שטיקעלע רינדערן פלייש, וואָס ער האָט אַזוי ליב; אַריינטראָגן פאַר אים די הויזן אויסצופּרעסן. און די מאַמע שיינע, די קליינע, ווי מ'האָט איר אָנגעהויבן רופן, אַז סעמעלע איז אַרויס פון שטוב,—קען זיך איר שטעטל אויך אַליין באַשטיין; ביי איר איז זי סיי־ווי נישט שווה בשווה מיטן עסן; וואָס זי זאָל פאַר איר נישט מאַכן, און מאַכן וויל זי פאַר איר עפּעס אַזוינס, אַז זי זאָל דערפון אויף זיך נעמען, — וויל יענע נישט; פון שטיקל טאָוסט מיטן זאַפּט פון דער לימענע (גרייפּ־פרוכט, בלע"ז,—איז ביי איר נאָך אַלץ אַ לימענע; נישט מער ווי אַ ביסל אַ גרעסערע ווייל דאָ איז אַלץ אַ ביסל גרעסער, אַפילו די מענטשן אויך...) פון דעם קען זי אַ סך האָבן? נאָר זי האָט אירע מאכלים אין דרויסן: צעשניטענע פּעניצלעך בעיקאָן אויף צעגאָסענע אייער, וואָס ס'אַפילו גוט פאַר איר געזונט, און זעט דאָס אַליין אפשר אויך גערן, צוליב איר דינקייט. — אָבער זי וועט איר אין שטוב דאָס נישט מאַכן; „אין דרויסן, אַז דו עסט דאָס, — ווייס איך נישט; און אַזוי ווי זי זעט נישט, — וועט איר נישט שאַטן; אָבער בידים איר געבן חזיר צו עסן?" און אַצינד: די שטובן? וואָס קענען איר די שטובן דאַרפן? ווער מאַכט אין זיי אָן, אַז זי זאָל זיי ברויכן צורוימען? די כלות וואָס קומען צו איר זון? די חתנים צו דער טאָכטער? ס'קומען אַפילו יאָ יונגען מיט איר, אָבער אַלע אין זעלנערישן (קיין אַנדערע זיינען נישטאָ; וואו וועט זי נעמען אַנדערע? און אויב ס'זיינען יאָ דאָ,—וועט זיך אַ מיידל וועלן אויף אַזוי־נעם אומקוקן, אַז ער גייט אין די פּראָסטע הויזן? מוז מען דאָך פריער וויסן: פאַרוואָס מ'לאָזט אים אַרומגיין אין זיי, און מ'האָט זיי אים נאָך אַלץ נישט אויסגעטאָן?) די יונגען אין זעלנערישן שרעקן איר, און נישט חלילה, מיט די היטלען זייערע, — וואָס פאַר אַ פּחד קען דאָ זיין אין זיי? צי אין די אויסגעפּרעסטע הויזן, ברוינע שיך, מיט זיידענעם העמד? נאָר פון דער וויט, וואָס ווייעט אַראָפּ פון זיי... מאָנטאַנאַ... איי־דאַ־האָ... איי־אָ־וואַ... אַזאַ פּיצל קינד, און מער ווי דאָס פּיצל יידישע, דעם זיידענס פּלעמל, וואָס בלישטשעט אַרויס פון אירע אייגעלעך, — האָט זי נישט אין זיך; די דינע פּיסלעך טראָגן איר? די היפּטן? די אָרעמען? בלויז דאָס איבעריקע ביסל שכל, די באָבעס, וואָס איז אין איר קעפּל, — און מיט אַזוינע יונגען? ווייסע, פלאַקסענע קעפּ. גאָלד און זון אין פּנים. זאָל איר נישט איינפאַלן ס'האַרץ פון זיי?

אויך ער, שמחה בינעם, האָט, אַ שטיק איבער דעם, — איר געזוכט אַראָפּצוקריגן ווי אַ פויגל פון די הימלען (די מלחמה איז ביי איר נאָך אַלץ געווען אין די הימלען), — און איר איינשפּאַנען אין געוועלב: „זעסט דאָך, וואָס פון דעם גרוב האָט געקענט ווערן? אַז כ'זאָל קאָנען קלערן פון דעם הויז אויפן קאָרנער? און אַפילו פון נאָך אַ הויז?" אָבער ביי איר האָט ער נישט נאָר געהאַט אַ האַרטע נוס צו צעקנאַקן, נאָר אויך געכאַפּט אַ ביטערן אָפּשניט; ביי איר, ווי ביי אַזוינע, וואָס די מלחמה האָט געהאַט פליגל, אַן אויסגעשטערנטן הימל, אַ בלויען, און אַ זיכערע, אַ קלאָרע אויפשריפט אויף איר פּאָן: „פאַר אַ שענערע און אַ בעסערע וועלט!", — ביי איר, אַז ער האָט

דערמאָנט געלט, אַ הויז, האָבן די דינע פליגעלעך פון דער זעלביקער מלחמה גענומען פלאַטערן ווי ביים אָדלער; ביי דעם מעכטיקן אָדלער, וואָס האָלט זיי אויסגעשפרייט איבער דער אַמעריקאַנער ערד: „מיר זיינען אריין אין דער מלחמה, און פאַרגיסן אַזאַ טייער יונג בלוט, — צוליב געלט? און אַ הויז?" און נישט געוואָלט הערן פון דער קראַם. זי איז געשווימען, ווי פריער, מיט די זעלנער, סרוב: סיילערס, אין די בלויען הויזן, ווייסע בלוזעס,—מיט וועל־כער דער ברייטער מילך־וועג האָט אַזוי געשוימט. און נישט געפילט, ווי זי האָקט דערמיט אָפּ די יאָרן ביי די טאַטע־מאַמע אירע; ווייל נאָכן טאָג האָ־רעווען, וואָס האָט זיך אַזוי אויך פאַרצויגן ביז שפּעט אין אָוונט, און מ׳האָט זיך באַדאַרפט אַרויסרייסן פונעם געוועלב, קומען אַהיים, וואו מ׳וואָלט זיך געקענט אָפּרוען מיטן זאַק רויב — איז מען געבליבן שטיין אין אַ לײ־דיקער שטוב, צווישן גאָלע ווענט, און זיך ציטעריק אַרומגעקוקט: „מילא, סעמעלע איז ביי דער מלחמה אין די הענט; און וואו איז זי, די מאַמע שיינע?" איין שעה שלינגט איין די אַנדערע, און די נאַכט לייגט זיך אַלץ מער אַריין, מער אַריין אין די ביינער... אין דרויסן איז די גאַס ווי הויל, אַן אָפן מויל, אַן אַ הויך קול, — וואו זיינען די געשרייען פון די יונגען, וואָס האָבן זיך גע־ריסן די העלדזער אויף איר? אַ זעלנערל מיט אַ מיידל האַלטן זיך ארומגע־נומען, און זיך מיט דעם ווי געווערט קעגן דער מלחמה, — אַז זי זאָל זיי נישט צעשיידן. אויף די העכערע גאַסן פלאַטערט די מלחמה הויך איבער די קעפּ. זעלנער, כאַטש אין זיידענע העמדער, — אָבער מיט ים־ווינט פון זייערע שיפן, פון וואו זיי קומען זיך אָפּרוען, צוריקקריגן לייב וואָס די זעלביקע ווינטן אויף די ימים האָבן פון זיי אַראָפּגעשיילט; און מיט טעם און ריח פון שטוב, מיט דעם אָטעמען פון מיידלעך, בליקן פון מאַמעס, מיט ביר אין די שענקען, מיט הייס בלוט אין די אָדערן, — — — — — — — — — — — — — און וואו קען זי ערגעץ זיין, די מאַמע שיינע?

*
**

ישראל דעם וואלקערזשס, לייב קירזשנער, איטשע ברוך דער שניידער, — וואָס נאָך פּאַר אַ יידן זיינען דאָ דאָ? זיי האָבן נישט ווייניקער פון אים, אויך אויפגעמאַכט אַן אויג; און אַזוי ווי דער יצר הרע פון עסן איז ביי דער מלחמה געוואָרן זייער גרויס, — איז ער נאָך גרעסער געוואָרן ביי קליידער, ביי פוטערוואַרג און צירינג. געגעסן האָט אויך יעדער איינער פריער, אַז די מלחמה איז נישט געווען. נאָר געגאַנגען אַנגעטאָן, אַז ס׳זאָל פון אים אַראָפּלייכטן, — איז גראָד נישט יעדער איינער; און יענע אַלע וואָס האָבן געטראָגן אויסגעריבענע הויזן, אָפּגעטרעטענע שיך, — האָבן זיך איצט, צו להכעיס די מלחמה, וואָס בייסט זיך אַזוי טיף אַריין אין לייב, — געזוכט אָפּצונעמען זייער עוולה; דער יצר־הרע זיך גוט אָנצוטאָן, פון בעסטן און שענסטן, האָט זיך צעפלאַקערט; ער האָט צו זיך צוגעקריגן אַ ביטערן שותף, — די אויגן, וואָס ווערן באַלד גרויס, און זוכן אַלץ איינצושלינגען; און צו

וועמען איז מען געקומען, אַז מ׳האָט דאָס אַלץ באַדאַרפט האָבן? געוויס צו ישראל דעם וואלקערזשס, צו לייב קירזשנער און איטשע ברוך דעם שניידער: „פאַרקאַמשעט די אַרבל, חברה, און נעמטס דעו׳לאַנגען... ווייזט וואָס איר קענט... מענטשן האָבן געקראָגן חשק צו לעבן, און ווילן זיך שיין אָנטאָן...״ און דאָ האָבן זיי זיך ווידער איינגעהילט אין יענע: „אַזוי ווי די מלחמה מוז אָנקומען צו אייך נאָך קוילן, — אַזוי מוזט איר נאָך אַ פּאָר הויזן, נאָך אַ רעקל, אויב איר ווילט נישט גיין מיטן דאָס אין דרויסן, — אָנקומען צו אונדז; און אַזוי ווי איר הייסט זיך באַגילטן, — דאַרף מען דאָך אויך עפּעס זען פאַר די אויגן (די אַלטע מעשה), טאָ, זייט מוחל,—גיט אַהער דעם הינטן... ווי האָבן זיי, ישראל דעם וואלקערזשס, לייב דער קירזשנער, איטשע ברוך דער שניי־דער, זינט זיי זיינען דאָ דאָ, — אַזוי פיל נאָך געאַרבעט? די אַרבעט ברענט אונטער די הענט. מ׳קען נישט אָפּדעכען ביי איר. לאַ די — וואָס ס׳זיינען דאָ אַזוי פיל מיליאָנען רעק, מיליאָנען פּעלצן, מילי מיליאַסן פּאָר זאָקן, — זיינען אויף דעם, סך־הכל, פּאַראַן, די אַלטע לייט. און אַזוי ווי מ׳וויל זיי דאָך מאַכן, — אַז ס׳איז דאָ; ווען איז אַמאָל געווען? אַזוי יאָגט מען פון זיך אַרויס די געזערעם. ס׳חיות. וואָס מער מען פּטרט אַראָפּ די רעק,—מער קומען זיי אָן; סאַ מעשה אָן אַן עק. אַ ברונעם וואָס נעמט זיך נישט אויס. איי, ווען מ׳זאָל קענען דעם טאָג אויסציען, און מאַכן פון אַ סך טעג — איין טאָג; פון אַ סך יאָרן — איין יאָר! (חכמים, וואָלטן זיי טאַקע אָפּגענומען פאַר איין יאָר אַרבעט ווי פאַר צוואַנציק יאָר, — אָבער אויך נישט מער געלעבט; און זיך באַלד אָפּ־געפּאַרטיקט); וואָס ווייסט מען פון אַ מידעקייט אין די ביינער? אַמאָל, אַז מ׳האָט באַדאַרפט אָפּשטיין טעג און וואַרטן אויף אַ פּאָר שעה מלאכה, — איז מען געוואָרן מיד, פאַרמאַטערט, פון שטיין און פון אַרומגיין ליידיק; און נאָך די פּאָר שעה, — זיך נישט געקענט אויפהויבן פונעם בענקל; האָט יעדער ביין געבראָכן. איצט, וואָס ווייסט מען צו זיין פאַרמאַטערט? אַז מ׳הייבט זיך גאָרנישט אויף פונעם בענקל; מ׳בייט איין טאָג אינעם אַנדערן אַריין, איין טאָג אינעם אַנדערן אַריין, — און מ׳ווייסט אַפילו נישט ווען ס׳לאָזט זיך איינער אויס, און ס׳הייבט זיך אָן דער אַנדערער; מ׳פאַלט דאָרט אין צווישן אַוועק אויף אַ פּאָר שעה, — דאָס איז גאָרנישט; מ׳שווימט ווי אין אַ ים, וואָס איז אָן אַ ברעג, — האָט נישט קיין אָנהויב און קיין אויסלאָז; דאָס רעדל דרייט זיך, און עס שיטן זיך רענדלעך; און ווי קען מען זיך פאַרגינען אויף אַ רגע דאָס אָפּצושטעלן? און ווען דאָ צי דאָרט, הערט מען, — איז איין ייד מיט אַלעם אַוועקגעשווימען, און זיך נישט מער אויפגעהויבן פונעם בענקל. זוכט מען זיך אויסצורעדן: „אַז מ׳ברויך זיך דערפון נישט אויפ־הייבן מער, — הייבט מען זיך אין דער היים זייענדיק, צי אַפילו אין בעט ליגנדיק אויך נישט אויף; און ס׳איז נישט גראָד, ווייל ס׳איז ביים מאַשינדל, און נאָך ניין ביינאַכט, אָפּאַרבעטנדיק פון אַכט אין דער פרי, אָן אָטעם...״

אויף דער נאַכט, אַז מ׳האָט נאָך פּיס אויף וואָס צו גיין און שטיין; און אויך זייטן, — וואָס שטעכן און ברעכן נישט; קומען זיי, די יידן: ישראל דעם וואלקערזשס, לייב קירזשנער, איטשע ברוך דער שניידער, ווי שפּעט

ס׳זאָל נישט זיין,—אַרונטער צו שמחה בינעמס געוועלב; דאָ שטייט מען אינ־
איינעם, און אָנשטאָט די היימישע פּריזמע גילט דער שטיינערנער סטופּ, די
עטלעכע האַרטע שטיגן, וואו מ׳קען, בעת הדחק, אַז די פיס זאָלן נישט
אַראָפּפאַלן, — זיך צו זעצן; כאָטש מ׳וואָלט זיך גיכער געברויכט צו דער
צייט אָוועקלייגן, ווייל מאַרגן און איבערמאַרגן, ווי מ׳קען אַרויסזען, — וואַרט
אויף זיי נאָך אַזאַ טאָג, און נאָך אַזאַ טאָג, און ווער ווייסט, אויב נישט אַ גאַנץ
יאָר, אָן אָפּרו, — אַזוי לאַנג ווי די מלחמה וועט זיין... איינער הוסט דערביי
אָפּ, — דאָך נישט יונג מער; אַ צווייטער נעמט אין זיך אַריין אַ פרישן
זאַפּאַס לופט, — ער זאָל, חלילה, נישט בלייבן אָן איר ביים מאַשינדל, און זיך
אויך נישט אויפהויבן מער דערפון; מען מאַכט זיך באַטעמט ס׳מויל מיט דעם
געשמאַקן ביסן, וואָס מ׳האָט בייטאָג אַריינגעכאַפּט, פערצן שעה, אָן עין
הרע, — געדרייט ס׳רעדל; פערצן שעה קוקן די נאָענטן אין די אויגן אַריין;
אַ נאָענט מוז זיין אַ נאָענט, נישט ברייטער און נישט שמעלער, נאָר אַלע ווי
רינגעלעך און איינע פון די אַנדערע; ס׳איז נישט אין די גרינגע יאָרן, — מ׳האָט
געקענט זיצן זיבעצן שעה, און דערצו אָפּקומען מיט אַ שטיקל ברויט, באַ־
שמירט מיט ווייס איך וואָס... איצט איז מיט ניסים, אַז מ׳קען אַדורכשלעפּן
די פערצן שעה, ווען אַפילו די יידענע טראָגט אונטער דאָס גוטע שטיקעלע
עוף, מיטן געפילטן העלדזל; און מ׳דאַרף גומל בענטשן נאָך יעדן טאָג... מ׳האַלט
זיך אַ סך מאָל איין פון משתין זיין גאַנצע שעהן, אַז דער בויך לויפט אויף, די
פיס געשוואָלן,—און מ׳לאָזט נישט אַרויס דאָס מאַשינדל פון די הענט; מ׳האַלט
עס צו מיט אַלע כוחות, אפשר די לעצטע, אַזוי ווי אַ פערדל, — עס זאָל נישט
אַוועקלויפן פון זיי, מיט אַלעם...

דאָ שטייען זיי און רוען זיך אָפּ, די יידן, הינטער די טירן פון זיין גע־
וועלב,—עס האַלט זיי אַלץ צוזאַמען די שטאָט פון וואַנען זיי קומען; אַזאַ מין
אָם אַשכחך ירושלים תשכח ימיני; זיי מוזן שלינגען שטיקער פון איר, — ווי
מ׳זאָל נישט נתעשר ווערן, און זיך אָנשטאָפּן מיט כל טוב; ווי
קען מען זיך גיין אָנידערלייגן, מ׳זאָל איר נישט נעמען פריער אין
מויל אַריין? זיי לאָזן אַראָפּ די קעפּ,—וואָרעם מ׳קען אים דען דערהאַלטן? און
פאַרגעסנדיק זיך—זאָל מיט אַמאָל אָנהויבן אַרויסברומען פון אינעווייניק
לייב זאַלקיוועריס אַ ניגון, וואָלף בריזעוועריס, און פון נאָך אַ סך אַנדערע,
ס׳רוב, אלולדיקע... און דאָס, — נאָך אַזוי פיל יאָרן דאָ זיין, ווערן געלייטערט
אין גיהנומס, אויסגעמאַרדעוועט פון כל־ערליי דזשאָבס, דערציען קינדער,
אָפּשטיין הינטער די ווענט פון האָספּיטאַלס. גלייך ווערן זיי פאַרוואָרפן
אויפן היימישן מאַרק, — אַ געסל אַהין, אַ געסל הער, פאַרקענדלעך, בילן
פון הינט... זיי הערן באַשיינפּערלעך דאָס בילן זייערס... און דאָס גרילן פון
גרילן... ס׳קוואַקען פון זשאַבעס... ס׳וואָלט באַדאַרפט זיין אום שבת... שטערן
גליטשן זיך און פאַלן, ווער ווייסט, — פון וויפיל מיילן. הע? וואו איז דאָ די
ליכטיקע רו? עפּעס פאַרבלוטיקטער געוואַנט! ווער זיינען דאָס די, וואָס שלאָגן
זיך קאָפּ אָן וואַנט? מ׳וואָלט געמעגט שווערן, אַז יידן! און וואָס טוען זיי דאָ
דערצו? נאָר וואָס טוען זיי פאַר די קינדער, וואָס זיי האָבן אויף די ימים, אַרומ־

פליען אונטער די הימלען, און נאָך וואו אַלץ? זיינען נישט די קינדער ווי זיי דאָרט, — אויך טיף איינגעבאָקן אין האַרץ? און אַז זיי וועלן נישט אַרייג־האַקן ביים מאַשינדל, נאָר אָוועקנעמען די הענט דערפֿון, און אַזוי שטיין ווי דער באַרשטן־ייִד וויל, — טעג און נעכט אונטערן פרייען הימל, און זיך נישט צורירן צו גאָר, — וועט שוין זיין גוט? וועט עס העלפֿן? וואָס איז ער, משוגע? ווי שטעלט מען זיך דאָס אָוועק אויף טעג און נעכט אונטערן הימל, און נאָך מיט ווייב און קינד, — מ׳זאָל גאָרנישט טאָן, ביז מ׳וועט דאָרטן אויפֿהערן אומצובערענגען די ייִדן? מ׳וועט דאָך אָוועקפֿאַלן פֿון די פֿיס, די כוחות אויסגיין, ס׳גאַנצע ביסל חיות! וועט מען קענען פֿועלן ביי די ייִדן, אַזוי פיל מיליאָנען ייִדן, כן ירבו, ווי ס׳זיינען דאָ דאָ, — אַז זיי זאָלן זיך אָוועקשטעלן, אַן אַלעם, אונטערן גאָלן הימל, און נישט אויף גאַנצע טעג און נעכט, ביז מ׳וועט דאָרט אויפהערן אומצובערענגען די ייִדן, — נאָר אויף איין טאָג, אויף איין שעה יאָ? אַזאַ שטאָט, למשל, ווי ניו־יאָרק, וואו איין דריטל פון אַלע זיינען ייִדן, — אַז זיי זאָלן זיך אַזוי אָוועקשטעלן, אַן אַלעם, אונטערן הימל, ביז מ׳וועט דאָרט אויפהערן אומצובערענגען די ייִדן, — וואָס פאַר אַ פּנים וועט די שטאָט האָבן? ס׳וועט דאָך מער נישט זיין קיין שטאָט!

***

דאָס אייגרייסן אין געוועלב, ווי גרויס עס האָט נישט געזאָלט זיין, — איז אים נישט מיט אַלעם באַקומען. צוליב סעמעלען, וואָס האָט אים צעחושט; וואָס וואָלט אים געפעלט, — אַז ער זאָל אים דאָ האָבן מיט זיך? ס׳האַרץ זיך אין אים גאָר אַנדערש געפרייט. ווען האָט ער זיך געקענט איינריידן צו קוקן אויפן „קאָרנער״ הויז, — ווי אויף זיין הויז? און ווי אַזוי איז עס געוואָרן זיין? ער האָט עס דאָך נישט אָוועקגעגנבעט! און זיין באַלאַנס אין דער באַנק, צום הויז? און דאָס, אין גאַנצן ערשט צוויי יאָר מלחמה! וואָס וועט ער האָבן, אַז די מלחמה וועט זיין נאָך צוויי יאָר, אָדער מער? אַז אַלץ ווערט טייערער מיטן קוק... און פאַרדינט העלפט העלפֿט אויף העלפט, אַמאָל אויך — ס׳טאָפּלטע געלט; ער נעמט, — וויפיל ער וויל נעמט ער; דער קונה וועט נישט וועלן געבן? ס׳איז נישט אַמאָל, אַז ער זאָל זיך ברויכן ביקן צו אים, נאָר פאַרקערט: יענער זאָל אים קושן אין הינטן אַריין, וואָס ער האַקט אים נישט אָרנטלעך איבער די הענט (האַקן האַקט ער), — און רייסט נישט אַרויס דאָס שאַכטל סאַרדין. צי דעם דזשאָר פעטס: „אַזוי פיל קאָסט עס; און אויב איר באַ־שטייט נישט, — גייט ווייטער, און זאָל אייך באַגעגענען אַ רייטער!״ וואָס ער האָט דערלעבט? ס׳פּנים זיינס וואָלט דאָך ערשט ריכטיק געלויכטן, און געקענט אָפּגעבן אַ שבח והודיה צום בורא עולם, אַז ער ווייסט אויך דעם טעם פון אַמעריקע; ביז אַהער איז דאָך אַמעריקע פאַר אים געווען קאַטאָרגע... אָנהייבנדיק פון פושקאַרד, שאַפּ, און מיט אַלעם איבעריקן, — ביי וואָס ער איז דאָ אַלץ אויסגעריסן געוואָרן? שוין אַפילו אין דעם גאָלדענעם געוועלב, מיט וועלכן מ׳האָט אים מקנא געווען: „אים איז וואוילן! אין ביזנעס פאַר

זיך! דאַרף ניט פאַנטשן דעם טיים־קאַרד?" און דאָס, וואָס ער מוז אָפּדילטשעז אין דעם ביז נאָך עלף ביינאַכט? און אַרום פינף אין דער פרי, צי דערנאָך, — צוריקשטיין אין דער טיר; און ווייסט באַלד אַכצן יאָר נישט פון קיין שלאָף פאַר די אויגן; און אַלץ, אויף וואָס אַרויף? אַז ס׳זאָל אים פון דעם אַלעם, — איבערבלייבן דאָס באַטל מילך אויך פאַר זיך (פאַר זיך?), פאַר די צוויי קינדער; און דאָס איבעריקע אויך, וואָס די קונים נעמען ביי אים אין זייערע שטובן אַריין, פאַר געלט, — אַז ער זאָל נישט דאַרפן באַצאָלן דערפאַר...

ס׳ווייב האָט אים אויסגערעדט:

— אַז דו וואָלסט אים געהאַט אין שטוב (וואָס זי האָט אַזוי גוט געוואָלט ווי ער), — וואָלט דיר טאַקע גרינגער געווען אויפן האַרץ, און נישט געלעגן דערויף אַזוינע שווערע שטיינער; אָבער, יענעמס קינד איז קיין קינד נישט? מ׳האָט דאָס אַלץ נייטיק באַדאַרפט האָבן, — אַז ס׳זאָל זיך ביי די גראָסערי־לייט, ביי די בוטשערס, און ביי אַלע סטאָר־קיפּערס — איבערקערן דער אָרעמאַן אויף אַ גביר?

זי האָט זיך געוועהרט קעגן דעם קאַראַקולענעם מאַנטל, כאָטש נישט אַזוי שטאַרק ווי קעגן בריליאַנטן; בריליאַנטן איז אַ יידישע זאַך; ס׳שמעקט מיט צירינג. די־מענ־טן! אַ זון אויף דער מלחמה, וואָס מ׳קען נישט איבער אים איבערשלאָפן אַ נאַכט ווי מ׳ברויך; אַראָפּשלינגען דעם ביסן פון מויל; און ס׳האַרץ פאַלט אַרויס, אַז מ׳גיט ביינאַכט אַ גראַבל ביי דער טיר, — און זיך גיין פאַרשלייערן אין אַ קאַראַקולענעם מאַנטל? כאָטש מ׳האָט שוין באַלד נישט געזען קיין יידענע אין גאַס, וואָס זאָל אים נישט טראָגן אויף זיך; און נישט ווייל ס׳איז קאַלט, ווי אַ וואַרעמען בגד, נאָר סתם אַזוי, פאַר עזות, אַפילו ווען די זון בריט, און אין געוועלב אַריין נאָכן פלעשל מילך; ווי צו וויזן, אַז מ׳קען זיך וואַרפן מיט אים; צי, זיך לאָזן שמירן ווי זיי אַלע אין ביוטי־פאַרלאָר מיט האָניק, אַז זיי זאָלן זיין זיס און צעגיין אין מויל...

מיט אים, מיט שמחה בינעמען, האָבן געהאַלטן די דריי יידן זיינע; ישראל דעם וואַלקערזשס, לייב קירזשנער, און איטשע ברוך דער שניידער. מיט וועמען דען האָבן זיי געזאָלט האַלטן, — מיט איר? זיי זיינען דאָך אויך געווען געכאַפּט אין דער מעשה, און נישט ווייניקער פון אים געאַרבעט מיט דער מיתה. „זיי גייען דאָ אויס ביים מינדסטן שאַרך, — און יענע שיקן פּיקטשעס מיט מיידלעך? אַז זיי, מ׳זאָל זיי נעמען וואו יענע זיינען, — וואָלט זיי אויך געלעגן מיידלעך אין קאָפּ? און אויב דאָס ליגט זיי יאָ אין קאָפּ, — וואָס איז ווידער דאָס צאַפּלען? מעגן זיי דאָך אַרבעטן צעזעצטערהייט! די קרעמער אַראָפּשינדן די הויט! און די יידענע זיינע, וואָס וויל נישט אויף זיך אַרויפנעמען דעם קאַראַקולענעם מאַנטל,—ברויך זיין משוגע; זייערע ווייבער האָבן די קעפ אויף דער רעכטער זייט... און כאָטש דאָס אַלץ איז נישט מער ווי קוראַזש, זיך געקניפּט די באַקן, אַז ס׳זאָל זיין אַ טראָפּן בלוט אין זיי, — גריבלט עס דאָך אונטערן האַרץ, וואָס דען נישט? זיינען נישט שוה בשוה מיט זיך, און קייכן פאַר געלעכטער... ווען עס זאָל אָן דער מלחמה אַזוי זיין אַרבעט איבערן קאָפּ, און אַפילו נישט איבערן קאָפּ, נאָר נישט מיט אַזוינע

געשוואָלענע סלעקס, — איז עפּעס אַנדערש; נאָר מ׳זאָל צוליב דעם ביי זיי צונעמען די זין, און דערביי זיין איינגעשטעלט מיטן לעבן, הימלען, — זאָל עס, און וואָס גיכער, איינגעמען אַ וויסטן סוף...

אין דרויסן, ווי שפּעט ס׳איז אין דער נאַכט אַריין, הילכט נאָך אַלץ די גאַס: שווערע לאַסט טראַקס גייען פאַרביי ווי אַ ווינט, און די הייזער ציטערן ביי זייער גיין; נאָך גוט וואָס מ׳האָט זיי אַלע אַזוי צונויפגעפּרעסט. איינע מיט די אַנדערע, ווי מ׳וואָלט פריער געוואוסט, — אַז ס׳וועלן פאַר זיי אין די פנימער אַמאָל אַזוי לויפן, ווי די ווינטן, אַזוינע בערן, — אַז זיי זאָלן זיך קענען האַלטן אינאיינעם, און בלויז ציטערן ווי אַלטע לייט, חלילה ניט אומפאַלן; קופּעס מענטשן: אַ צעמישעניש פון באַיאַרטע מענער מיט זעלנער און מייד־לעך,—ראַיען אויף זיי און אין די שענקען; ס׳וואָלטן דאָך געקענט זיין, אויב ס׳מוזן דאָ זיין אַזוי פיל זעלנער אין אַלע גאַסן, — זייערע אייגענע זין? וואָס פאַר אַ שכל שטעקט אין דעם, — וואָס מען דאַרף זיי צעשיקן? זייערע זין זאָלן זיין אין אַלאַבאַמאַ, אין טעמפּאַ, אין ספינקס, און די זין פון יענע, — דאָ? און נישט געקענט זיי האַלטן אויף זייערע ערטער, אויב מ׳ברויך זיי לערנען, ראשית: טאַטע־מאַמע זאָלן זיך קענען מיט זיי אָפּפרייען; און טאַקע אויך האָבן אַ לעק נחת,—ווען אַ מיידל הענגט זיך ביי אים אָן אויפן האַלדז? פאַרוואָס זאָלן זיי זיך דאָס בלויז ברויכן נעמען אין זינען אַריין, צוזעענדיק עס ביי אַנדערע? און אַז ס׳וועט קומען: דאָס מ׳וועט זיי ברויכן צו צעשיקן וואו מ׳באַדאַרף, — וועט מען זיי שיקן, פאַרטיקע זעלנער, און מיט אַלעם, — גלייך פון דער אייגענער גאַס, און פון דער אייגענער שטוב; אַ טאַטע זאָל אויך קענען מיטגיין ביז צו דער שיף, אַ מאַמע זיך גוט אויסוויינען; וואָס איז געוועז די חכמה פון צעמישן זיי, און צעוואָרפן, — אַז די זעלנער זאָלן, פון איין זייט, זיין פאַרשיקטע, און ברויכן טאַפּן אַ וואַנט, און ביי טאַטע־מאַמע זאָלן זיך די געהירן אין קאָפּ איבערדרייען? סיי, מ׳האָט דאָ געמוזט צוליב טאָן די באַן־מאַגנאַטן, וואָס האָבן ביז צו דער מלחמה געקלאָגט און געוויינט אויף זייער ביטער מזל: אַז זיי דערלייגן דעם קאָפּ, און דאַרפן אויסטאָן די הויזן ביי זייערע באַנען... זיי פאַרשטופּן ס׳מויל, און נישט האָבן וואָס צו נאַבלען... מיט וואָס האָבן זיי געזאָלט זיין ערגער פאַר די אויטאָמאָביל־מאַגנאַטן, קוילן־מאַגנאַטן, און אַלע אַנדערע מאַגנאַטן, וועלכע מ׳האָט גענומען שטאָפּן מיט ביליאָנען פאַר עראָפּלאַנען, שיפן, און האַרמאַטן מיט טאַנקען? די מלחמה האָט זיי נישט געטאָרט פאַרבייגיין, און געמוזט אויך זען צו שאַפן אַ מאַרק פאַר די באַנען, — אַז זיי זאָלן האָבן וואו אָפּצוזעצן זייער סחורה... און צוליב דעם מאַכן דעם דור הפלגה, דאָס צעמישעניש: אַ זעלנער פון דאָ, — זאָל זיין דאָרטן; פון דאָרטן — זיין דאָ; נאָט אייך אויך אַ צוקער־לעקעכל... און אָנ־געהויבן צו שאַרן געלט מיט לאָפּאַטעס. אויף זייערע באַנען איז געוואָרן, — געהרגעט צו ווערן; אַז אַזוי פיל מיליאָנען זעלנער דאַרפן פאָרן? אַהער... אַהין... צוליב אַ ווייב, אַ קינד, אַ חתונה, און דער גוטער יאָר ווייסט צוליב וואָס נאָך אַלץ?

ער וואָלט שוין איינגעפּאַקט דאָס געוועלב פון אַ גוטע מינוט, שמחה

בינעם, — נאָר וואו וועט ער זיך אַהינטאָן? פון דער שטוב טרייבט עס אים מיט שטעקנס; סעמעלעס לײדיקע שטוב, כאָטש מיט די זעלנערישע בילדער, —זיינען אָן עסק פאַר די איטאַליענער; זיי קענען טאַנצן קדוש אַרום זיי; און די מאַמע שיינע, דאָס פּיצל פייגעלע,—ווען וועט ער זי זען? זיכער נישט פריער ווי סוף נאַכט, ווען אויף די הימלען וועט זיך אַריינגראָען דער טאָג ווי אַ צעפּאַלענע באָרד פון אַש, און בראַדוויי אַוועקפאַלן אַ טויט מידע פון די פיס.— קען נישט די נשמה פריער אויסגיין? פאַר דער טיר אין דרויסן איז טויט. די לאָמפּן ברענען קאַרג, — מ׳וויל שפּאָרן ליכט, און אויך וואָס ווייניקער האָבן אויסצולעשן, אַז מ׳וועט איבער אַ רגע דאַרפן אַריינוואַרפן די שטאָט מיט האַק און פּאַק, — אין אַ פינצטערן זאַק אַריין. איז שוין פון אַלעם ס׳בעסטע פאַר אים צו זיין אין געוועלב. אַגב איז אים היימלעכער מיט די דריי יידן זיינע... אַליין, זאָל מען גאָר אָפּגעהיטן ווערן... דער קאָפּ הייבט זיך גלייך אונטער, און נעמט אַוועקגיין אָן אַלעם איבעריקן, אין לופטן; וואָס אַ קאָפּ איז? אַז ער דאַרף גאָרנישט די פיס אויף צו גיין, ער גייט אַליין... און אויך נישט אויף דרערד... אין שטוב זיצן מיט אים, — האָבן זיי נישט קיין גרויס חשק, — פאַרוואָס זאָלן זיי זיצן ביי אים, און ער נישט ביי זיי? אין געוועלב איז ווי נישט ביי קיינעם פון זיי... אַ רשות הרבים... ער לייגט סתם אַזוי, פון אויבן אַראָפּ, פון אונטן אַרויף, ער זאָל אַ סך מאָל נישט וויסן וואו.—און זיך דערנאָך דאַרפן אויסדרייען דעם קאָפּ; נאָר, ער מוז דאָך עפּעס טאָן, מיט עפּעס זיך פאַרנעמען. דאָס האַרץ גיט זיך אָבער אַ שטעל אָפּ, און נישט צום ערשטן מאָל אויך, — ווען אין דרויסן ווערט עפּעס אַ געלויף; אַ געשריי צערייסט די גאַס אויף שטיקער, און צעוואַרפט מיט איין מינוט אַלע הייזער. ער נעמט גלייך ציטערן: „ווען מען האָט מען שוין דאָ מכבד געווען מיט דער גוטער בשורה?“ זיי כאַפּן זיך גלייך אויף אים אַרויף, ווי אָפּצושרייען מיט בייזן: „אים וועט גאָרנישט געשען, נאָר אַז דו וועסט אַזוי ביי יעדן געשריי אַרויס פון דער הויט,—וועט מען דיך אינגיכן האָבן ערגעץ אונטער דר׳ערד;“ ער שטייט אָבער ווי געכאַפּט: „אַוודאי, אַז ס׳איז ביי מיר אויף דער גאַס, — מעגט איר עס מיך הייסן אַראָפּשלינגען; און אַז ס׳איז ביי אייך, — קריכט איר נישט פון דער הויט?“ און אויף וויפיל ער איז שוין צוגעוואוינט צו די געשרייען, צאַפּלט ער יעדעס מאָל אויף ביי זיי; וואָס זאָל ער טאָן? און אויך אַצינד איז ס׳פּנים זיינס אויפגעפּראַלט און בלייך ווי קרייד: „מ׳דאַרף דאָך פאָרט וויסן, וואו און ביי וועמען? אַ שכן פון אַקעגנאיבער? אַ טיר אין אַ טיר? און אפשר נאָך אַ באַקאַנטער בחור?“ דאָס געלויף שטאַרקט זיך. ס׳איז ביי אים אויף דער גאַס, דאָס זעט ער; מי ומי? דאָס געשריי, וואָס איז דאָס זעלביקע ווי יענע אַלע אַנדערע מיני געשרייען, וואָס טרייסלען איר אַזוי אָפּט אויף,—איז אַריין אין אַ געריים; עס רייסט שוין די פענצטער, די טירן, און קעפּ שאָקלען זיך אַריין אין דער נאַכט אַריין; עס שלעפּט איבער אַ געוואַלט די לעצטע קרעמער, וואָס ליגן נאָך ווי די הינט אין זייערע געוועלבער, — זיי זאָלן אויפהערן זיך מעקן און שטעלן מיט די שאַכטלען, און אַרויסגיין אַ קוק טאָן: „וועמען די קויל האָט געטראָפן?“ העי? ווען יענע זאָל זיך נישט אַזוי אומגע־

היילּיש פּליקן, און ס׳קול אירס זיין מענטשלעך, און קענטיק; אַז מ׳זאָל עס קענען אויסטיילן און אויך נעמען ווי אַ זאַך אין דער האַנט אַריין, עס אָנקוקן, דערקענען; ווי אַזוי קען מען אַריין אין דעם געקוויטש? הע? ס׳זעט אויס, ווי ס׳זאָל זיין אירער, זיין ווייבס,—זי איז זיך אַקוראַט אַזוי פֿאַרגאַנגען ביי דער שול, ווען סעמעלע האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אירע הענט; ס׳איז דאָך איר קוויטשען, זיין ווייבס... און זיך גענומען וואַקלען פֿון די פֿיס: אוי, לייב, איטשע ברוך, ס׳האָט מיך שוין אַ גוטע בראָך געטראָפֿן...

— — — — — — — — — — — —

אין מיטן פֿון געזעמל, צווישן יידן, ווייבער, וואָס האָבן זיך צונויפֿגע־נומען אין קופּקעלעך, טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ, זיך געהוידעט ווי די לייוונטן אויפֿן ווינט, — איז געשטאַנען דער באַרשטן־ייד, און ס׳פּנים איז ביי אים געווען אָנגעכמורעט, צעריסן, וואַרפֿנדיק די הענט זיי אין די אויגן אַריין:

— וואָס איז ס׳געשריי אַזוי גרויס? זיי זיינען בלויז געקומען אַהער אויף צו עסן, טרינקען, און לעבן אַ גוטן טאָג? זיך איינקויפֿן הייזער? געשעפֿטן? און נישט געוואוסט, אַז מ׳וועט אויך דאַרפֿן געבן מעשׂר? וואָס איז דאָ ס׳גע־שריי אַזוי גרויס?

4

אונטער די היגע און לאַכנדיקע הימלען, וואָס לאַכן אַזוי אויך אָן אַלעם, און נישט געברזיכט האָבן צו דעם די מלחמה, — האָט זיך די שטאָט געבויגן ווי אַ שטייענדיקע און צוגעאַנקערטע שיף, אויפֿן ווינט; אויף דעם מילך־וועג, און אַרום אים, — האָט די מלחמה געבלאַנקט מיט איר גראָען זייד, און מיט ווייסן קרייד אויף די פּנימער; ווי אויך אויף די ליכטיקע, משוגענע פּלאַ־קאַטן, וואָס האָבן באַזונגען די קינדערשע גבורות אויף די ווייטע ימים; גע־הילכט אַלץ אינאיינעם מיט צעפּלאַמטע פֿון היץ, — אויסגעשרייען, ווען אַ פּאָר מיידלעך האָבן אויפֿגעהויבן אַזאַ פֿון בלוט און מילך, יינגל; אים אַרויפֿגענומען אויף די אַקסלען, אין זיינע ברייטלעכע טונקל גראַנאַטענע הויזן, אַריבער־געוואָרפֿענער בלוזע, ווייסן היטעלע אויפֿן שפּיץ־קאָפּ, און געטראָגן מיט אַ קוויטשען:

— ער קומט פֿון אונדזער נייווי, די גרעסטע און מעכטיקסטע, — וואָס היט אַלע ימים.

אַ קליין ביסל, צום מזרחדיקן ריווער, און פֿון דער אַנדערער זייט, — צום מעריבדיקן האָדסאָן, אויף די גאַסן וואו מענטשן וואוינען, האָט זי שוין נישט געהאַט אַזאַ שיין פּנים, די מלחמה, און אַרויסגעוויינט פֿון אַ סך הייזער; פֿון די רעגנס און שנייען, האָבן זיך אויף די פֿאַרצויגענע לייוונטן צעגאָסן די פֿאַרבן, און די גבורה ביי די יינגלעך איז געוואָרן אָפּגעבלאַקעוועט; ביי דעם אָפּגעמעקט אַ שטיק ביקס, ביי יענעם די שאַרף פֿון שפּיז, צי גאָר פֿאַרשטאָפּט דאָס מויל פֿון אַ האַרמאַט, און אַוועקגעהרגעט פֿאַר אַלע אין די אויגן די גאַנצע

מלחמה. מען האָט שוין אַזוי פיל געהאַט אָפּגעהאַקט האָלץ, אַז ס׳האָבן געמוזט אָנהויבן פאַלן שפּענער; און אויף די טאָװלען פון יעדער גאַס, װי אויך אויף די שויבן פון די פענצטער, — האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די אומגע־בעטענע גאָלדענע שטערנדלעך; און נישט ביי איין שטערנדל אַזוינס האָט מען געקענט זען אַ מאַמע, כאָטש זי האָט פאַר צולייגן די הענט און העלפן דער מלחמה, זיך געהייסן גוט באַצאָלן (איינס קער זיך נישט אָן מיטן אַנדערן), — מיט רויטע און געשוואָלענע אויגן פון וויינען; וויין נישט, אַז מ׳איז פאַרקלעמט; ווען פון אַ לויה, אַ קבורה און אַ לעבעדיק קבר, — האָט מען זיך אַרויפגעאַרבעט בלויז צו אַ גאָלדן שטערנדל.

אויך דאָ, האָט ווי ביי אַלע, געוויינלעך, אַז דער יונג האָט באַדאַרפט קריגן זיין תיקון; פון דעם יידישן בחורל, סעמי, זאָל פאַרבלייבן לצמיתות אַ גאָלדן שטערנדל, און דאָ; אויף דער טאָוול פון זיין גאַס, — וואו ער איז געבוירן, אויפגעוואַקסן, און אַרויס פון איר; נישט אין ערגעץ פריער, נאָר גלייך פון איר, פון זיין טיר, — אין דער מלחמה אַריין; פאַרן וואויל און גוט פון זיין טאַטע־מאַמע, דער אייגענער גאַס, פאַר דער שטאָט (ווי דער באַרשטן־ייד האָט געוואָלט האָבן, — זאָל עס אויך זיין פאַר זיין אומה, וואָס מ׳ברענגט אום), און פאַר אַלע גוטע מענטשן, גאָט זאָל זיי בענטשן! זיינען די אַלע שכנים פון די הייזער דאָ אַרויס אין דרויסן, און זיי שטייען ווי פון איין שטיק אויס־געגאָסן. שכנים פון די אַנדערע גאַסן; אַזוי גוט ווי מ׳גייט פון איינע צו דער אַנדערער, אַז ס׳איז אויף איר אַ שמחה, אַ בלאַק־פּאַרטי, און מ׳קוילערט אַרויס פעסער וויין, מ׳טרינקט צוזאַמען, מ׳טאַנצט; אַזוי גייט מען ערשט, אַז ס׳כאַפּט וועלכע גאַס־ס׳איז אָן ביים האַלדז, און מ׳ברויך אויך שטיין דערהרגעטע, — אינאיינעם; אַז ס׳קומט צו אַ גאָלדענעם שטערן, און ער ברויכט אין אַ שווערער שעה צו ווערן, — שטעלן זיי זיך אַלע צו; יונג, אויף וויפיל ס׳איז נאָך פאַראַן, —אַלט און גראָ; אַזוי ווי דער בחור וואָלט נישט געווען בלויז פון דער גאַס דאָ, נאָר אויך פון זייערער; און ס׳ווערט מיטאַמאָל פון אַלע גאַסן איין גאַס. מ׳שטייט שטיל. ס׳זאָל דאָ דונערן און בליצן, — און מ׳גיט זיך נישט קיין ריר. מ׳קען עס נישט אַראָפּשלינגען אַזוי, אָן אַלעם; פּאַרט אַ יונג, אים אַרויסגעריסן פון דער גאַס, אַ יונג ווי אַ בוים, און אויסגעמאַכט אַ לאָך אויף איר.

אויף אַ פּאָר צונויפגעקלאַפּטע ברעטער, אַ ביסל אונטערגעהויבן, — זיצן לייטיש פאַרנעמע לייט; עפּעס אַ ייד מיט אַ שטיק באָרד, און צוגעדעקט דעם קאָפּ מיט אַ קאַפּל, — וואָס זאָל דורכדעם זיין אַ רב; איינער, להיפּוך: מיט אַן אָפּגעגאָלט פּנים, אַלפּאַגן רעקל, אַן אויפגעשטעלטן ווייסן קאָלנער אַרום האַלדז, וואָס דאַרף אים דערמיט אויסטיילן פון די אַנדערע, — וואָס ער איז אַ גלח; מיט זיי זיצן נאָך אַנדערע, ס׳רוב, באַלעבאַטים פון הייזער; אַלע זיצן, אַנדערע, — ברייט, ווי ס׳זאָל זיין זייערס אַ שמחה; בלויז ער, שמחה בינעם, דער מחותן אַליין, — שטייט; מ׳קען אים נישט אָוועקזעצן; און ער מאַכט אַ שטיק דעריבער קאַליע די גאַנצע מעשה, — נאָר גיי טו עפּעס; מ׳קען מיט אים איינרייסן? ס׳זאָל אַזוי נישט זיין ער, — וואָלט אַזאַ

איינער געקראָגן אַ האַק אַראָפּ, מ׳זאָל פון אים ברויכן אויפקלויבן שטיקלעך; אָדער, ווי וואָלט ער זיך בכלל דאָ אַרויפגעדראַפּעט? נאָר אַז מ׳האָט אים אויפגעשפּילט, — אַזוי מוז מען אויך אויסשטיין דעם נאַר זיינעם; דאָס ווייב, וואָס איז לכתחילה אויך געשטאַנען, — האָט זיך נישט געקענט אַזוי פיל אַנטקעגנשטעלן, אַז מ׳האָט איר געבעטן, — און זיך צוגעזעצט; אַזוי אויך די קליינע, די מאַמע שיינע; נאָר ער, אַפּנים, האָט זיך איינגעעקשנט, ווי דורכ־אויס געוואָלט פאַרשטערן די שמחה.

דער באַרשטן־ייד האָט איצט געקוקט אויף אים ווי אויפן ערשטן ייד, וואָס זאָל, ערשט נאָך דעם ווי די קויל האָט אים געטראָפן, — שטיין; און זיך גראָד געשראָקן, קוקנדיק:

— אַז זיי זאָלן נישט פריער וועלן שטיין, די יידן, ביז ס׳וועט קומען צו דעם, — זאָלן זיי שוין בעסער נישט שטיין. וואָס קען מען טאָן?

אויף דעם פּנים זיינעם, ווי פון אויפגעשניטן קאָרן־ברויט, איז דאָס טונקעלע און קאָרנדיקע געוואָרן ווי זיכערער און לעולם ועדיקער באַשטאַנד, — קיין מאָל נישט מער אַראָפּצונעמען מיט דער האַנט. זיין גלאַטן און געלב־לעכן שאַרבן פון קאָפּ האָט געבריט די זון, און ער האָט זיך אַפּנים נישט גע־מאַכט דערפון; געהאַלטן אָפן, ווי פאַרוואונדערט, דאָס מויל, — און געשלונגען דאָס רעדן, וואָס איז פאַרהעכערט אין צווייען, אין דרייען, אין פירן, און אפשר נאָך אין מער מאָל, און קוילערט זיך ווי אין געבראָכענע שטיקער; שטיקער רעדן ווי פון אַ צעבראָכן קול, — וואָס פליסט נישט גלייך ווי וואַסער אין אַ טייך, נאָר ווערט צעפאַלן אין באַזונדערע שטיקער, — דורך שטיינער, וואָס שטעקן אַרויס; זיי פאַלן אַראָפּ צו די אַלע מענטשן אויף די קעפּ, די שטיקער, — אויף די מער, און אויף די ווייניקער; אויף די — גרעבערע, און אויף די דינערע; דאָס קען מען זען ביי יענע, אויף וועלכע די גרעבערע שטי־קער פאַלן, — ווי די קניען בייגן זיך ביי זיי אונטער, און מוזן זיך אַראָפּלאָזן ווי פון קלעפּ וואָס זיי זאָלן קריגן, און זיך פאַרקרימען מיט גרימאַסן; און פאַרקערט, אַנדערע: וואָס שטייען געלאַסן, אויסגעצויגן ווי לאַנגע און ליידי־קע גאַסן; זיי זאָלן זיך דאָס געבן אַ פאַרקרים, — אַז מ׳הערט ווי אַ מענטש קומט אום! מיט עפּעס אַרויסווייזן, אַז עס אַרט זיי; און אפשר, ווייל דאָס איז זיי שוין אַזוי גוט באַקאַנט, און אויף זייערע גאַסן זאָל מען שוין דאָס האָבן איבערגעקייעט צום וויפלטן מאָל; און ס׳קריכט זיי שוין אַזוי פייער־לעך ווי ס׳איז, — פונעם האַלדז? וואָס האָט זיי געקענט בלייבן צו הערן, — וואָס זיי זאָלן נאָך נישט האָבן געהערט? זיי שטייען אָבער, האַלטן אָפן די מיילער, ווי זיי וואָלטן אַרונטערגעשלונגען די גאַנצע שטיקער רייד, ווי גראָב זיי זאָלן נישט זיין, — אויף אַמאָל, און פאַרקרימען זיך נישט אויף אַ האָר.

דאָס גאָלדענע שטערנדל באַקומט איצט סעמי, דער יידישער בחור פון דער גאַס; דאָס איז שוין דאָס דריטע: דאָס ערשטע האָט אויסגעכאַפּט דער פוילישער וואַצעק פלאַצעק; אין אים האָט זיך מתקנא געווען דער איטאַ־ליענישער טאָני אַרינאַני; איצט קען אויף דער גאַס קיין איינער אויפן אַנדערן נישט האָבן אַ שלעכט האַרץ; דער איטאַליענער אויפן פּאָליאַק, צי דער פּאָליאַק

אויפן ייד, אַז ס'האָט דאָ ווער ווען אונטערגעשטעלט אַ פּיסל: „וואָס עפּעס איך און נישט דו?" איצט זיינען אַלע דריי גלייכע מיוחסים. נישט איינער איז קלענער אָדער גרעסער פאַרן אַנדערן. די דריי יונגען: דער פּוילישער, איטאַליענישער און דער יידישער, — זיינען איצט געוואָרן איינס; איינס פאַר גאָט, איינס פאַר די מענטשן, און איינס פאַרן לאַנד; פּונקט אַזוי ווי מ'וויל, אַז זיי זאָלן עס אויך ווערן אויף דער גאַס; און אויב יענע האָבן געקענט שטאַרבן אינאיינעם, — זאָלן די קענען אינאיינעם לעבן; נאָר דערווייל זיינען צווישן זיי דאָ קנאַפּע בעלנים אויפן שידוך; אַלע זיינען זיי דאָ אַהערגעקומען גלייך, און וועלן זיך שוין דאָ מוזן אויסקאָכן באַזונדער אין זייערע טעפּלעך, ביז אין טויט אַריין; די איטאַליענער זיין איטאַליענער, די יידן — יידן, פּוילישע — פּוילישע, אַזוי אויך די רוסישע, טשעכישע, און די אַנדערע... איי, וואָס ס'וועט דערנאָך ווערן פון זיי אַלע, אין הונדערטער יאָרן אַרום; אַז זיי וועלן שוין האָבן אָפּגעפאָרן אויף אַזאַ מהלך פון זייערע עלטער־זיידעס אין פּוילן און אין איטאַליע; נישט האָבן מער גאָר אין זיך פון דאָרטן? אָדער אַזוי ווייניק, — אַז זיי וועלן דאָס קוים שפּירן אין די שפּיצן פינגער? וועלן דאָס זיין פּוילישע, איטאַליענישע און יידישע פון דאַנען? פון דער און יענער גאַס? און אַן שום הינטן מער הינטער זיך... און הינטן אויף וואו ווייט מ'וועט זיך קענען אומקוקן — וועט אַלץ דאָס לאַנד פאַרנעמען דעם אויבן אַן זינט דורות, און זיין ס'לאַנד פון די אָבות?

— — — — — — — — — — — —

נאָכן גאַנצן ·רעדן, נאָך דעם ווי די געשליפענע מיילער, די שאַרפע צונגען ווי חלפים, האָבן דאָ פאַר זיי אין די אויגן צעשניטן שטיקער לעבנס, שטיקער לאַנד, שטיקער ים, און זיי צעלייגט צו יעדן אין בוזעם אַריין, — דעם אַ שטיק לאַנד, יענעם אַ שטיק ים; נאָך דעם אַלעם גוטן גיט זיך ערשט אַ כאַפּ אַרויף אויף זיי אַ מויד, — אַ מויד ווי אַ וואַלד־גזלן, וואָס באַפאַלט זיי אומגעריכט און ווי פון אונטנאַרומעט; אַ מויד ווי אַ ליכט, אַ פלאַקער, מיט אַ צעפלויגענעם קאָפּ האָר, — און גיט זיי אַלע אַ נעם מיט זיך, אין לופטן; די מויד פליט, און די גאַנצע גאַס מענטשן, — פליט מיט איר מיט: „גאָט, בענטש אַמעריקע! דאָס לאַנד פון אייזן, פון צין, פון בליי און פון קופּער; פון וואָל, פון שאָף און געשמאַקע קעזן; פון האָלץ, פון שטיין און פון פעלדזן; פון ים, פון וואַלד און זיסע טייכן; פון גליענדיקן מדבר, גרינע גערטנער, האָזן, לעמפּערטן, אָדלערס..." די אויסגעצויגענע און נידעריקערע אַלטע איטאַליע־נער, יידן, פּאָליאַקן, — דערפילן דאָס עשירות אויף זייערע לייבער, אויף זייערע רוקנס, און דער כישוף פון דעם אַלעם גלייכט זיי אויס, מאַכט זיי נאָך אַמאָל אַזוי הויך, נעמט אַראָפּ יאָרן פון פּנים, גלעט אויס די קנייטשן, — און די זון שיינט ווי אויף יונגע מענטשן, וואָס ווייסן נישט פון קיין שום עלטער, פון זאָרגן... דאָס לאַנד האָט אויסגעבעט פאַר זיי אַלע אירע וועגן, און ס'גייט זיך אויף זיי ווייך און באַטעמט: פון די ביימער הענגען אַראָפּ צייטיקע טרויבן, ליכטיקע פּאָמעראַנצן, בלויע זאַפטיקע פייגן, טייטלען

און באַקסן. און פון דער ערד שפּראָצט מיט אַלעם גוטן, וואָס ס׳קען זיך נאָר פאַרגלוסטן.

איין רגע, און נאָך דעם ווי די גאַס שטילט זיך איין, — שטייט אויף איבער דער מויד דער ייד מיטן קאַפּל איבערן קאָפּ, וואָס ברויך זיין דער ראש פון די יידן איבער דער און יענער גאַס; און ווי ער וואָלט געוואָלט ווייזן, אַז ער איז אויך נישט קיין טשוטשעלע, און מיט גאַרנישט בלייבן הינטער־שטעליק קעגן איר, — פאַרייסט ער דעם קאָפּ צום הימל מיט גאווה; ס׳איז זיין הימל אויך, אין גאַנצן זיין, ווי ער איז די איטאַליענערס, די פּוילישעס און די רוסישעס; און ווי ער וואָלט אויך נישט געוואָלט צולאָזן, — אַז מ׳זאָל דאָ עפּעס פאַרמישן, צודעקן, באַהאַלטן, ווי געוויינלעך, צוליב קנאה־שנאה, אָדער גרויסע אויגן; און אַז אַלע זאָלן דורכאויס וויסן: אַז אַ יידישער בחור, וואָס קומט מזרע ישראל, האָט אויסגעהויכט זיין אָטעם פאַר דעם אַלעם גוטן, — וואָס רינט זיי איבער די מיילער; און אַז זיי זיינען זיך אַלע צונויפ־געקומען צוליב אים, וואו זיין נאָמען ווערט געהייליקט לנצח, — אַזוי נעמט ער זיך וואַרעם שאָקלען, מיט אַ יידישלעכן ברען, מיט התלהבות, און אויס־זינגען מיטן אַלטן ניגון, ביי וועלכן טייכן יידישע טרערן, באַלד אַזוינע גרוי־סע ווי די ימים, — זיינען שוין ביי אים פאַרגאָסן געוואָרן; די תפילה פון אונדזער אַוועקגיין און דערמאָנען די אַוועקגעגאַנגענע, די שוכני עפר, — אויף אַלע יידישע שמחות, בית־עולמס, פון וועלכע מיר זיינען נישט צע־שיידט, און לעבן־מיט מיט זייער שטענדיקן קיום, וואָס איז אויך אונזערער:

— אל מלא רח־מי־ם... שוכן במרומים... את נשמת שלמה, אוי, שלמהלע, בן שמחה בינעם... אשר הלך לעולמו על קידוש השם... קידוש האומה... קידוש אמונה... וקידוש המדינה...

און ביי די יידן אויף דער גאַס, נישט קיין חילוק: מעג זי זיך ברעכן מיט איטאַליענער, מיט טאָטערן, מיט כינעזער, מיט גריכן, מיט סיריער, שפּאַנישע חברה, אויך מיט רוסן מכל המינים, — מוזן די אויגן נעמען אַרומ־שווימען און זיך פייכטן; און די ווייבער זיין, וואו זיי זאָלן נישט זיין און מיט וועמען, — הויך צו וויינען.

***

אין דרערד אַריין מיטן געוועלב. ער וואָלט עס גלייך געווען געשלאָגן פאַר אַ כפרה, שמחה בינעם, — אַז מ׳זאָל אים נישט צוהאַלטן; און צוגעהאַלטן האָבן אים ס׳ווייב, די דריי יידן זיינע, און אַוודאי אַ האַלבע גאַס שכנים. ווייל פון זיין גלאָצן מיט די אויגן, און זיך שטעלן זאָגן הלל אין מיטן טאָג, אונטערן פרייען הימל, ביים גאָלדענעם שטערן פון זיין זונס נאָמען אויף דער טאָוול, — וואָלט מען אים באַלד באַדאַרפט משלח צו זיין איבערן וואַסער; און אויף וויפיל ער איז געשטאַנען אין דעם פון זיך אַליין, איז דאָס געווען דערפאַר וואָס ער האָט זיך געוואָלט אויסקויפן ביי די קונים, — וואָס ער האָט גע־האַקט איבער די הענט, און זיי פאַרגיטיקן: „אויב כ׳האָב וועמען עס איז פון אייך אַ רעה געטאָן, — זאָל עס מיר נישט גערעכנט ווערן!״. אָפּנים: אַז דער

פחד וואָס האָט אים פון לכתחילה אַרומגעכאַפּט, — איז נישט געווען קיין אומזיסטער; און געפילט, אַזוי ווי ער וואָלט פון דער ערשטער רגע אָן דאָ געווען אַריינגעטאָן אין עפּעס אַ געיעג מיטן שטן; און אַזוי ווי ער איז אַלעמאָל געלאָפן אים פאַרהיטן, פאַרשטעלן מיט זיך, זיין פון פאָרנט ווען די קוילן פליען, — איז יענער אַלץ געווען פאַר אים, און אים נישט געקענט איבער־לויפן, ער זאָל אים האָבן פון הינטן, ביז יענער האָט אים סוף־כל־סוף אָנ־געקריגן, און צערעכט געמאַכט; ער האָט פאַרשפּילט דעם געוועט, און גע־בליבן שטיין נאָך אַלעם, מיט אַן אָפּגענעם קאָפּ, און זייער אַ קלאָרן, אָן מינדסטן פחד, — מיט וואָס וועט ער אים נאָך שרעקן? נאָך אַ זון אויף דער מלחמה האָט ער נישט... און דאָ איז נאָך לעת עתה נישט ווי דאָרטן, וואו מ'איז נישט זיכער מיטן מאָרגן; אַז מ'ליגט זיך צו, — מ'זאָל נישט באַגראָבן ווערן אונ־טער די שטיינער פונעם הויז? וואָס קען ער אים דאָ נאָך אָפּטאָן? נישט מער; וואָס ער איז דאָך פאַרט אַ טאַטע, און אַזוינער, וואָס האָט אָפּגעגעבן אַ זון דער מלחמה; אַ זון, וואָס מיט אים האָט ער געזאָלט די זכיה האָבן, — זאָל זיך אָנהויבן אַ נייער דור, אַ דור מיט ברייטע פּלייצעס, אומגעלייגטע האָר אויפן קאָפּ, דעם זיידענס מסירת נפש און וואָר ווייסט, וועמענס גבורה... און ס'איז נישט געווען באַשערט, אַז דער נייער דור זאָל פון אים אויפגיין... גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, צי ער וועט נאָך בכלל אויפגיין?... אַלעמאָל, אַז ער האָט אָוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן, — זיינען ביי אים צוקאָפּנס געלעגן גאַנצע מדינות, ברייטע, מיט, פון טויזנט יאָר, — יידישע קהילות; און איצט, אויב ס'זאָל שוין צוקאָפּנס מער גאָרנישט זיין? און ס'איז דאָרטן אַ מדבר, — וואו און ביי וועמען וועט עפּעס אויפגיין? ביי אים און ביי זיינס גלייכן? ביי איטשע ברוך דעם שניידער? ביי לייב קירזשנער? זיי וועלן ממלא זיין דאָס וואָס ס'וועט דאָרטן פעלן? און פון די טאָכטער זיינע, צי פון זייערע טעכטער, די ברעטלדיקע מיידלעך, — וועלן נאָכקומען אַזינע דורות ווי יענע?

און ווי ער זאָל זיך נישט וועלן צוריקהאַלטן, מוז עס אים פאָרט געבן אַ נעם פאַרן האַלדז, און שטיקן; און אפשר איז עס אויך דער זעלביקער שטן, אַז ס'איז אים אַזוי געראָטן ביים זון, — וואָס וויל זיך אויך נעמען צו אים? און אַז ער האַלט שוין גאָר שמאָל, דאָס ער דאַרף אויסגיין פונעם קלעמען, — נעמט ער זיך אָפּווערן קעגן אים, און שרייען מיט אַלע כוחות:

— שדי, קרע שטן!

ישראל דעם וואַלקערזשס, לייב קירזשנער, איטשע ברוך דער שניידער, פאַרפעלן איצט נישט יעדן טאָג אַרונטער צו קומען נאָך דער עבודה, ווי אָפּ־געהיטענע יידן צו מנחה; אָבער זיי רעדן שוין נישט אַזוי שיין: „מ'קען, אָפּנים, זיך לאָזן אַראָפּנעמען מיט מיידלעך, — און נישט ווערט זיין קיין צעבראָכענע פּעני!" זיי רעדן אין גאַנצן נישט; קומען אָפּ מיט שטיין; וואָס איינער פון זיי מאַכט אויף ס'מויל—פאַרהאַקט זיך אים עפּעס פון אינע־ווייניק ווי דאָס צינגל פון אַ ביקס, און ס'קומט גאָרנישט דערפון אַרויס; די אַרבעט, כאָטש זיי האַלטן זיך אָן אין איר ווי פריער, — מיטביידע

הענט, און קענען זיך נישט אַרויסדרייען פון איר, האָט שוין נישט מער יענעם טעם; וואָרעם, זיי האָבן דען נישט קיין זין אויך איבערן ים? און ליגן נישט מיט הוילע קעפּ אויפן בעט, זיך צוהאָרכנדיק צו יעדן טריט אין דרויסן? און מ׳גיט זיך אַ הייב־אויף ווי דערופן, — אוי, מ׳האָט זיך אָפּגע־שטעלט ביים הויז! די בראָך איז דאָ, און מ׳האָט איר שוין ווי אויף דער האַנט; מיט אים איז זיי אויך עפּעס ווי גרינגער, כאָטש מ׳ווייסט נישט מיט וואָס און ס׳פאַלן אַראָפּ די שטיינער פונעם האַרץ; מען באַווייִנט זיי אינאייִנעם אַן לשון און אַן געוויין; וואָס אויף זיי איז געקומען? מ׳האָט זיי געזאָלט אַוועק־נעמען פון אַזוינע גדולות? פון אַזוי פיל גוטס? און מ׳וואָלט זיי כאָטש געלאָזט גיין וואו זיי רייסן זיך, און אויף קידוש השם, — פאַר זייערע זיידעס, פעטערס און מומעס, און די גאַנצע משפחות זייערע, — וואָס זיי האָבן דאָרט; נעמט מען און מ׳פאַרשיקט זיי גאָר אין די דזשאַנגעלס וואָס זיינען פול מיט מאַ־לאַריע, צו קראָטן, עגדישן, קראָקאָדילן און שאַרקס, אויף אַזוינע מיתה־משונהדיקע אינדזלען, — גאָט ווייסט וואו, און צו וואָס זיי דאַרפן זיין צע־שאָטן אין די טויזנטער ווי די שפּילקע־קעפּלעך איבערן פּאַסיפישן ים... ווי מאַן... פון וואַנען האָבן זיי זיך מיטאָמאָל גענומען, די אַלע אינדזלען? ווער האָט פון זיי געהערט? זיי זיינען אַראָפּגעפאַלן פון הימל? אַלושענס...מאַריאַנוס...קירילס... אויף וועלכע, ווייסע בערן (אויב ס׳זיינען דאָרט פאַראַן אַזעלכע) זאָלן אַרויפקומען — זיך אַרומקוקן איבער דער וועלט; אָדער ים־פייגל, וועלכע ס׳ווערט אָפּגעמאוסט צו שווימען אויפן בויך, — זוכן זיך אויך אַוועקצושטעלן אויף עפּעס מיט די פיס; וואָס וועט ווערן מיט זייערע פיס, — אַז זיי וועלן זיך נישט האָבן אויף וואָס מיט זיי אַוועקצושטעלן? שטיקער לונג! וואָרצלען! און די אינדזלען זיינען אין גאַנצן צוליב דעם, — ווייל די ים־פייגל האָבן פיס; אַז גאָט האָט זיי באַשאַפן מיט פיס, — האָט ער זיי אויך געמוזט געבן אינדזלען, אויף וואָס מיט זיי צו גיין און שטיין. אָבער צו וואָס האָט מען די יונגען אויף זיי פאַרשיקט, און זאָלן פאַר זיי דאַרפן אַוועקלייגן ס׳לעבן?

***

די שול וואָס האָט זיך געהאַט אויסגעבעטן אַ גוט יאָר, און מ׳האָט אָנ־געהויבן אַריינשמעקן אין איר, — איז גיך געוואָרן צוריק אַ יורד; זיך נישט לאַנג אָפּגעפרייט מיט אירע יידן; די יידן האָבן איר ווידער גענומען האַלטן אַזוי ווי פריער, — אויף ראש השנה און יום־כיפור; נישקשה: זי מעג זיך באַנוגענען מיט די דריי טעג יום־טוב, ווען ס׳וועט איר אויסקומען זיך מיט זיי צו זען; די יידישע שטעט דאָ, וועלכע האָבן אַזוי געברענט, — וויסטן; מ׳קען אויף זיי גאָרנישט צונויפברענגען איינעם מיטן אַנדערן; די מיטינגען זיינען טויטע. די שטעט, וואָס זיינען דאָ אַלע יאָרן געווען שטעט, ווייל ס׳זיינען דאָרט געווען שטעט, האָבן גענומען צו צעגיין, אַזוי ווי ס׳זאָל שוין דאָרט גאָרנישט זיין, און נישט געהאַט מער פון וואָס צו ציען קיין יניקה; און אויב זיי זיינען דאָס געווען, — ווייל מ׳האָט זיך געהאַט צו מאָרדעווען מיט אַ

פינפֿערל קראַנקן־בענעפֿיט, וואָס אַ ברודער האָט געזוכט אָפּצודרייען, — האָט מען זיך אויסגעלאַכט דערפֿון. עס איז אַזוי גוט, אַז אַלע זיינען געזונט, און ס׳פֿאַלט גאָר קיינעם נישט איין צו קרענקען צוליב פֿינף דאָלאַר, און זיך דאָ גיין נאַריש מאַכן... מ׳האָט צוריקגעקריגן פֿולע מיילער מיט קרקע, מיט בית־עולם, און די אַלע אַנדערע גוטע זאַכן... יוראָפּ איז געוואָרן געטייבעלט... אין גאַנצן ווי אַראָפּגענומען פֿון טיש . . . אַזוי ווי ס׳וואָלט דאָרט מער קיינער נישט געווען... און פֿון וואָס וועט מען ווידער רעדן?... אַזאַ מזל ווי די יידן דאָרט האָבן דאָ? אַז מ׳וויל זיי אַפֿילו ביי זייערע אייגענע שטעט, — נישט נעמען אין מויל אַריין; נו, וואָס זאָל מען שוין אין דרויסן זאָגן? און אַז ס׳שפּרינגט אײנער אַרויס, ווי אונטערגעשאָסן: „געוואַלט, וואָס שלאָפֿט מען? מ׳ליידיקט דאָרט אויס די שטעט פֿון יידן!“, שניידט מען אים נאָך גיכער אָפּ מיט אַ פֿאָינט אויף אָרדער: ווי לאַנג איז דער שיעור? ס׳קריכט שוין מיט זיי דאָרט פֿון האַלדז...“ מ׳גיט זיך נישט אָפּ קיין דין וחשבון: וואָס ס׳וועט פֿון דעם ביסל יידן, מיט אַלע זייערע שטעט, — דאָ ווערן, אַז יענע דאָרטן, וועלן, חלילה, נישט זיין? ווי לאַנג נאָך זיי וועלן דאָ אַזוי פֿירן די גרענדע מיטן האַמער? זיי זיינען דאָך שוין זקנים... און אַז זיי וועלן אָן דאָרטן, דאָ אויסטריקענען ווי שוואָמען אָן אַ רעגן... איינדאַרן... זיי קענען נאָך אויף די אייגענע פֿיס אַליין נישט שטיין, — און אַפֿילו נישט האָבן נאָך וועמען צו בענקען... און אַז מ׳וועט דעם דאָרטן פֿון זיי אָפּשניידן, — ווי אַזוי וועלן זיי דאָ לעבן? מיט וואָס? די היגע סעמעטערי איז געווען גוט, אַז מ׳האָט פֿון דאָרטן אין איר געהאַלטן אין איין אַריינגיסן לעבן, אַ רוח של חיים... פֿון וואַנען וועלן האָבן אַהערצוקומען משולחים? גוטע יידן? שיינע יידן? רבנים מיט בערד (אָן בערד זיינען דאָ דאָ גענוג)... אַפֿילו אַפּיקורסים... פֿון ארץ ישראל?... מ׳האָט זיי שוין דאָרטן? אַז ס׳איז נאָך אַליין אַ מאָגער שעפּעלע, און עס דאַרף, — מען זאָל עס צוזאָגן און קעמען, ביז עס וועט קריגן אויף זיך אַ הויט... דאָרט איז דער קוואַל... הונדערטער יאָרן פֿון יידן, כמעט גאַנצע טויזנט; און טויזנט יאָר שבת, טויזנט יאָר דאַווענען, יידישע טרערן, יידישן שמחות, גזירות, שחיטות, בית־עולמס, רבישע הייפֿן,—דאָס האָט דאָך עפּעס אַ גרונט אונטער זיך, און ס׳איז דאָ וואָס אַוועקצולייגן אויף דער וואָג... וויפֿיל יאָרן מער דאַרף מען דאָס זיין, — אַז די ערד זאָל זיין יידיש? און דער הימל איבערן קאָפּ, — אַ יידישער?

*
**

בלויז דער באַרשטן־ייד, וואָס איז געבליבן געטריי די שול, זיין שטאָט, און די יידן פֿון פּוילן; ער האָט אויפֿגעהערט צו קאַטעווען די ווייבער מיט די באַרשטן, און זיך אָנגעטאָן אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַזוינע ווי די יידן אין פּוילן טראָגן; אַ קליין היטעלע אויפֿן שפּיץ קאָפּ; אַ פּאָר שווערע שטיוול; אַ ברייטן אַרבע כנפֿות מיט ציצית ביז צו די קני, און צו דעם הילוך זיך שוין ממילא געמוזט לאָזן אָנוואַקסן אַ באָרד; אַ נישט, ווי וואָלט ער אויסגעזען? אַ פֿרישע באָרד, וואָס זיין פּנים האָט קיין מאָל נישט געזען, און גלייך, —

אַ גרויע! סאַראַ דען האָט אים געקאָנט אַנוואַקסן? ער איז שוין מער נישט יונג. און ביי איר אויפגעמאַכט מויל און אויערן, — וואַ, וואַ! וואָס ער האָט נאָכאַנאַנד געטריבן פון פּנים מיט מעסערלעך, מיט זייף, — אַזאַ באָרד! ס׳קען זיין, אַז פריער, ער זאָל איר געווען צולאָזן צו זיך, אין די יונגע יאָרן, — וואָלט זי, ווי געוויינלעך, געלויכטן מיט איר שוואַרצקייט, מיט איר געדיכטקייט, און אפשר אויך לייטזעליקייט; געהאַט נחת פון איר, זיך געפרייט ווי מיט אַלעם וואָס איז פריש און יונג; און אַזוי איז אים באַשערט, און וואָס ער וויל אויך, — אַז ס׳זאָל אים זיין שווער מיט איר; שווער ווי די גרויע עלטער, וואָס האָט זיך צו אים אַרויפגעצויגן אַזוי ברייט אויפן פּנים — זינט די גוטע בשורות האָבן פון דאָרט אָנגעהויבן אָנצוקומען; נאָר וואָס האָט ער זי דעמאָלט באַדאַרפט האָבן, און זיך אַרומטראָגן מיט איר פון טיר צו טיר, ווי מיט די באַרשטן זיינע, — וואו מ׳האָט אים אָן איר אויך נישט איבעריק גערן געזען; ס׳האָבן דעמאָלט אויסגעפּעלט בערד ביי יידן? מיליאָנען יידן האָבן זיך געצירט אין זיי! זיך אַרומגעטראָגן איבער דער וועלט, ווי פאַר שיינקייט וועגן, — מיט געדיכטע און שיטערע בערד, קאָזע בערדלעך, אַש גרויע, און שוואַרצע סמאָלע בערד; אַפילו רויטע, קופּער־רויטע, פלאַמיקע בערד... נאָר, טאָמער, חלילה,—אין וואָס ער האָט אַפילו מורא אַריינצוקלערן,— זיינען זיי מער נישטאָ? מוז דאָך זיין ערגעץ אַזאַ ייד מיט אַ באָרד אויך! זאָל זיין אַ גרויע, אַ שווערע, נאָר אַ באָרד! און ער האָט זיך ווי בכיוון אַרומגע־טראָגן מיט איר פאַר אַלע אין די אויגן, — אַז די ווייבער מיט די יידן זאָלן זען ווי ס׳האָבן אויסגעזען זייערע טאַטעס מיט די זיידעס, — אין פּוילן, אין גאַליציע, וואָלין און אין דער ליטע.

און דאָס האָט אויך געהאַט אַ גרויסע פּעולה; ווייל גייענדיק פון אַ גאַס אין אַ גאַס, האָט זיך נישט איינע, ס׳רוב: אַ יידענע פון פּוילן, — געקענט געבן אַ שטעל־אָפּ צוליב דער קאַפּאָטע זיינער, קליינעם היטעלע און די גרויע באָרד, — ווי ער וואָלט איר אַ זעץ געטאָן איבערן קאָפּ מיט דעם, און אויסשרייען: „אוי, טאַט־עי!" ווי דאָס אָפּגעוואויגטע און וויטע, וואָס האָט געטליעט ביי איר ווי אונטער אַ קופּע אַש, — וואָלט מיטאַמאָל אַראָפּגעפּאַלן, און האָרט צו אירע פיס; זיך דערזען מיט דרייסיק פערציק יאָר צוריק, אַז מ׳איז נאָך געווען יונג, אַ רויע לונג, — צווישן אַזוינע יידן, אַ סך יידן אַזוינע, מיט קליינע ברעקעלעך הייזלעך, איינגעפּאַלענע, — און ס׳האָבן איר געמוזט קומען טרערן אין די אויגן אַריין, אויף ווי ווייט זי זאָל ניט האָבן אַוועק פון זיי; וואו זיינען זיי איצט, די יידן? ס׳ברויכן נאָך דאָרטן לעבן אירע צוויי ברי־דער, אַ שוועסטער,—זיי אין גאַנצן אַראָפּגעלאָזט פונעם עול; אַז ס׳איז נישט געווען די מלחמה, און מ׳איז געפּגרט פאַרן דאָלאַר, — האָט מען נאָך גע־מוזט אַוועקרייסן פאַר זיי עפּעס אויף אַ יום־טוב; זאָלן זיי זיך דאָרט אויך האָבן מיט וואָס באַטעמט צו מאַכן ס׳מויל! און איצט, ווען מ׳וואָלט געקענט שיקן, און אויך גראַב, — איז דאָ אָן אויסרייד, וואָרעם מ׳קען דען? נאָר וואָס ברויכן זיי איצט האָבן דאָס געלט, — אַז זיי ווערן דאָרטן פאַרשניטן? ס׳ליגט זיי איצט דאָרט מער זיכער אין קאָפּ ווי זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן,

בלייבן ביים שטיקל נפש, — ווי צו וועלן באַטעמט מאַכן ס׳מויל; און אויב מ׳וויל זיי דאָרט האָבן, גיט זיי דער באַרשטן־ייד מיט דער באָרד פון פוילן, — צו פאַרשטיין, די אַלע ווייבער: זאָלן זיי דאָ אויפהערן צו זיצן און גיין, נאָר זיך אָוועקשטעלן און שטיין; און דאָס, — אויכעט נישט אַזוי ווי זיי זיינען געווען, ווייל מ׳האָט שוין געבוג אין זיי דאָרט אַריינגעהאַקט, און פון זיי אויסגעקניפּן אָרנטלעכע שטיקער; נאָר יידן, אַז מ׳וועט זיי לאָזן אָפּ־כאַפּן דעם אָטעם, — וועלן זיך די באַקן ביי זיי גיך נעמען צוריק רויטלען, און אויך אָנהויבן צו פלאַמען; זיי דאַרפן נאָר בל״בן, כאַטש ביי דיביינער, און ס׳פלייש וועט שוין ממילא אָנוואַקסן אויף זיי; אָבער, אַז ס׳וועלן, חלילה, קיין ביינער נישט זיין, — אויף וואָס וועט עפּעס האָבן אָנצוואַוואַקסן?

די באָרד איז זיך צעגאַנגען אין אַלע הייזער פון די הינטערשטע גאַסן, און מ׳האָט איר צעבלאָזן אין טאָג אַריין: בכן, זי איז פון קויל, און די האָר אירע גיבן פון זיך אַרויס אַזאַ פייער, וואָס ברענט דורך די נעכט. מ׳שטייט און מ׳קוקט אין די רויטע הימלען אַריין: צי ס׳זאָל זיין פון שיסן ערגעץ, פון די שיפן וואָס ווערן אויפגעריסן אויף די ימים, אָדער פון דער באָרד זיינע? דער אָפּשיין פון זיין באָרד זאָל זיך אַזוי אויסשפּרייטן אויף זיי? אַ ייד, וואָס איז אַריין אין שול זיך אויסוויינען ס׳האַרץ, און אויף וואָס צו וויינען האָט אים נישט געפעלט, — האָט דערנאָך פיל געמאַכט אַלע הייזער: אַזוי ווי יענער האָט געגומען זאָגן, אַזוי האָבן די האָר פון דער באָרד גענומען רויכערן ווי קנויטן; דער רויך איז געוואָרן אַזוי געדיכט, אַז ער האָט פאַר־שלינגען דעם אָרון הקודש, די בימה, די אייזערנע שטאַנגען, אַלצמיטאַנאַנד, און מ׳האָט נישט מער געזען קיין שול, קיין ייד, קיין באָרד, און נאָר געהערט דאָס בלויזע זאָגן זיינס; און אויב עס האָט אין זיך פריער געהאַט עפּעס פון תפילה און בקשה, איז עס איצט שוין געווען אַ שרייען, ווי ער זאָל זיך קריגן מיט אימיצן: „וואו וועט ער נעמען אַנדערע יידן, — אַז ער וועט די לאָזן פאַר־שניידן? ווער וועט זיך וועלן צו אים צוהערן אין אַ וועלט פון כולו רוצחים? און באַלד וועט ער קריגן בעלנים, וואָס זאָלן וועלן זיצן און לערנען זיין תורה? וואו וועט ער זיי גיין אַרומזוכן, צווישן די פּוילישע פּויערים? רוסישע כאַכלעס? מאָלדעוואַנער אין רומעניע? אונגאַרישע ציגיינער? ס׳וועט באַלד אימיצער פון זיי וועלן זיין ווי די צאָן קדשים? וואָס וועלן זיי טון מיט די שענקען, — זיי פאַרברענען? און אויסטוישן דאָס פלעשל בראַנפן אויף אַ בלאַט גמרא?״ און באַלד האָט די באָרד גענומען אַזוי רודערן, אָנגעמאַכט אַזאַ גערודיש, ווי פליגל זאָלן פאָכען, כהרף עין צעטריבן דעם וואָלקן רויך, און ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט אַ טיף־ווייסער הימל מיט טויבן, וואָס האָבן געברומט מיט זיין קול:

— וויי צו אונדז, אוי וויי — וואָס מ׳טוט דאָרט מיט זיי.

***

אַזוי ווי סעמעלעס טויט האָט זיי ביידן דעם טויט געמאַכט, שמחה בינעמען מיטן ווייב, אַזוי זאָל זי, די מאַמע שיינע, דאָס דינע מיידעלע, און זומער־פייגעלע פון די ניו־יאָרקער וואָלקן־קראַצערס, — זיך האָבן וואוג־

דערלעך צעבליט פון אים; און פונקט ווי אַ לעכצנדיק בלימעלע, וואָס טריקנט פון דאָרשט, — אַזוי האָט עס זיך איצט געקוויקט מיטן טוי און וויכן זיסן רעגן, וואָס איז אַרונטער אויף איר קעפּל, פון דער מלחמה; מיט ציטערדיקע פינגער האָט זי אומגעביטן דעם בלויען שטערן אין פענצטער, אויף אַ גאָל־דענעם, און די גאַנצע גאַס איז אין אירע אויגן באַהויכט און באַלויכטן מיט אַ פיין דין געוועב פון דעם גאָלד זיינעם. די שטוב אירע, פאַר וועלכער זי האָט אַפּטמאָל פאַרקרימט די נאָז, — איז מיטאַמאָל געוואָרן ביי איר חשוב, מיוחסדיק, ווייל זי האָט געגעבן און מיט אַ ברייטע האַנט, — וואָס קען זיין מער ווי אַזאַ ליכטיקן יונג, מיט אַזוינע ברייטע אַקסלען, און ברענענדיקע אויגן?... און זיך געגרויסט, וואָס דער גאָלדענער שטערן איז איר ברודער... ער זינגט אַרויס פון איר... און זי קען זיך גאָרנישט אָוועקרייסן פון אים... געוואָרן איינס מיט אים... זי וואָלט אים אַפילו מיטגעטראָגן מיט זיך אויפן האַרץ, אַוועק אין די טיפסטע און פינצטערסטע געסלעך, ער זאָל בליצן מיט זיין גאָלד אין יענע שטובן, וואו די קעפּ ביי יונגע מאַמעס הענגען אַריבער די בעטלעך פון זייערע עופהלעך, — און זיי איינשלעפערן; דאָס גאָלד פון דעם שטערן זיי צומאַכן די אויגן ווי אַ זיסער מלאך פון הימל.

צעשראָקענע האָבן די טאַטע־מאַמע געקוקט אויף איר, ווי זי ווייסט גאָרנישט, — אַז מ'האָט איר אָפּגעשניטן די רעכטע האַנט, מיט אים; וואָרעם, ווי זי זאָל זיך דערנאָך נישט ווען לענקען, — וועט איר אַלץ אויסקומען צו זיין אַליין; אַפילו ווען זיי זאָלן זיך עלטערן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר,—וועט זי דען תמיד זיין מיט זיי? און דעמאָלט ווען זי וועט ברויכן גיין פאַר זיך, זיין מיט אַ מאַן, — וועט איר אַלץ אימיצע ראַויספּעלן ביי דער זייט, אימיץ אין אירע יאָרן; אַז זי זאָל זיך קענען פאַר אים אַמאָל אויסרעדן, און נישט נאָך,—אַז ס'וועט נישט זיין אַזוי פויגלדיק; און ווער איז נאָך אַזוי נאָענט צום האַרץ, און מ'זאָל זיך קענען וואַרפן צו אים אויפן האַלדז, — ווי אַן אייגענער ברודער? נאָר ווי אַזוי קען זי עס וויסן, אַז זי איז אַזוי יונג? אַז דאָס קען מען ערשט דערפילן מיט די יאָרן, ווען זיי הייבן זיך אָן אַרדיפצורוקן אויפן שטערן, אויפן האַלדז, אונטער די אויגן, און נאָך אויף אַנדערע גוטע ערטער, וואו מ'קען זיך נישט באַהאַלטן פאַר זיי...

פאַר שמחה בינעמען מיטן ווייב איז דאָס הויז פאַרבליבן ווי דער אויס־דרוק פון יענער שרעק, — וואָס איז זיי פון פריער נאָכגעגאַנגען, און וועל־כע וועט שוין מיט זיי אייביק זיין, ווי לאַנג ס'איז זיי באַשערט צו לעבן; זייער זונס ליידיקע שטוב, וואו ער וועט זיך נישט אומקערן מער, און דאָס בעט וואָס וועט שוין בלייבן אויף תמיד פאַרבעט... נישט האָבן פאַר ווען עס מער צו צעוואָרפן... די פאַרשטומטע ראַדיאָ... ווער וועט זיך שוין צוהערן צו די באָל־געימס? דער געשריי זיינער, וואָס איז געבליבן דאָ אָפּגעהאַקט, אויף תמיד; דאָס יונגע לעבן, וואָס האָט דערין געפלאָטערט ווי אַ ליכטיקע טויב; דער צערייצטער כוח, וואָס האָט זיך געהויבן ביי אים אין שלאָף, ווי די ווענט זאָלן זיך אַזוי בייגן איבער אים. אויף־און־אָפּ, — און מיטגיין מיטן אָטעמען זיינעם; דאָס אַלץ האָט זיי געטריבן; עס האָט זיי געטריבן אַן אימה, ווי די

טויטע שימה פון זיין פנים וואָלט זיך דאָ אָנגענומען אויף יעדן פּיצל, — און זי געזען אויף אַלעם; און אויב זי זיינען געבליבן אין שטוב מיט אַלע אירע פּחדים, איז דאָס צוליב דער טאַכטער זייערער, וואָס איז מיטאַמאָל געבליבן זיצן אין איר, געבליבן זיצן, אַזוי ווי דער גאָלדענער שטערן וואָלט איר כּישוף געטאָן; זי האָט גלייך, און מיט דער מינוט וואָס דער גאָלדענער שטערן פון איר ברודער סעמי איז אַרויף אויפן פענצטער, — אָפּגעהאַקט מיט בראָדוויי און דעם גאַנצן ליכטיקן גלוסטן; וואָס האָט זי איצט דאָרט מער געקענט האָבן, וואָס זי האָט דאָ נישט געהאַט? דאָ, צו מזרח פון דער נידע־ריקער טייל שטאָט, וואו די שווערע טענעמענט־הייזער ליגן אַזוי געדיכט איינע אויף דער אַנדערער, און עס שרעקט פון זיי מיט שטובן אָן פענצטער, — דאָ ציט זיך פאַרביי פאַר איר יענער ווייסער זיל־בערנער פּאַס, און דאָס הויכע לאַכן ביי אַנדערע ווי פון כעס, אַז די פינגער זאָלן זיך דערביי אויסדרייען; וואָס וועט זי גיין צו זיי, אַז דאָ, אין שכנות פון גאָלדענעם שטערן, קען זי הערן דאָס ווייטע און טיפע פריכן פון די שווערע שלאַכט־שיפן; די סיגנאַלן זייערע, און אַלע קולות פון אונטער די הימלען, — ווי זיי אַלע זאָלן זיך מיט איר דאָ אַדורכריידן; און כּסדר זיין אויסגעקאַכט אין אַלעם ווי עס גייט דאָרט; מיט־פיבערן מיט יעדן שלעכטן ריר און פעלער־האַפטיקן גאַנג, און אויפציטערן פון גליקלעכן געלעכטער, וואָס צענעמט די זייטן, — ווען דער אייגענער כּוח קומט אַרויף פון אויבן, און בלייבט געוועלטיקן איבער אַלעם: „דער ים איז זייער, דער הימל — זייער, און אַלץ אַרום, אויף טויזנטער מיילן, — איז אויך זייער".

און דאָס וואָס דער גאָלדענער שטערן האָט זי נישט אַרויסגעלאָזט פון שטוב, האָט אויך זיי, טאַטע־מאַמען, אַלץ מער און מער צוגעהאַלטן. אַז זיי זאָלן נישט לויפן פון איר; פאַרקערט: עס האָט פון דעם עפּעס אָנגע־הויבן נאָכצולאָזן ביי זיי ווי ביי אַ יונג פּרעסטל; יענער ווינקל, סעמעלעס, איז פאַרגאַנגען, און דער אַנדערער, אירער, — איז אַרויפגעקומען; די מאַמע־שיינע איז אויך אַ קינד; און ווערנדיק איינאיינציק, — איז זי שוין ניט סתּם קיין קינד, נאָר אַן אויג אין קאָפּ, און זיי טוליען זיך צו איר ווי צו אַ ווייסער טויב. און דאָס איבערבלייבן אירס אין שטוב אָנגענומען פאַר אַ סימן, — אַז זי דערנענטערט זיך אויך צו זיי, און געוועזן אויסערגעוויינלעך געגלעט פון דעם: פאַרט אַ חסד, וואָס ס'האָט זיך אין איר עפּעס איבערגעקערט... און מיט זיך צו ביסלעך גענומען פאַרטרייבן די שאָטנס פון זיין טויט... ער זאָל נישט אַזוי שווער צולייגן... אָבער דאָ האָט זיך אַ נייע שרעק אַרויפגעצויגן אויף זיי, — די הויכע בלאָנדע יונגען מיט די פלאַקסענע קעפּ האָר, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצוקומען פון אויבן, — און זיך ברייט דאָ צעלייגן ווי ביי זיך אין דער היים; אַזוינע הויכע, מיט בלויע הויזן, ווייסע אַריבערגעוואָרפענע בלוזעס, — ווי גלייך פון די שיפן; זיי לאַכן הויך, גראָד איצט, ווען ס'ליגן נאָך ביי זיי אַזוי פיל שטיינער אויפן האַרץ, — און זוכן זיך צו באַהאַלטן פאַר דעם; באַהאַלטן פון לאַכן, פון שפּילן, און

פון יעדן אַנדערן תענוג; זיך שוין געוואָלט גרוזעגנען מיט דעם אַלעם אויף תמיד, און לעבן שטיל, — אָן שפּילן, אָן זינגען, אָן לאַכן, אַזוי ווי ס׳זאָל שוין זיין ביי נעילה... אָפּעסן, און זיך פאַרטיפן אין אַ ספר... אַריין ערגעץ אין אַ מקום־קדוש... זיך צוהערן ווי מ׳לערנט, אָדער אַריינגראָבן דעם קאָפּ אין אָרון הקודש, און זיך גוט אויסוויינען אין דער שטיל... סיי, פון אַזאַ תענוג, — ווען זי זאָל קומען מיט איר באַשערטן אין שטוב אַריין, און מיט מזל, חתונה האָבן; דעם תענוג וואָלטן זיי זיך נאָך יאָ געוואָלט אָנטאָן... דאָס וואָלט זיי נישט נאָר דערפרייט, נאָר אויך געקענט אַ הייב טאָן אין דער לופטן, — אַז זיי זאָלן צוריק נעמען פליען ווי פריער... דאָס איז אפשר דאָס אַנדערע צו איר, וואָס גייט זיי נישט אַרויס פונעם קאָפּ, און באַלעבט זיי; ס׳ערשטע: זי אַליין, און נאָך אימיצער צו איר, — וואָס זאָל שוין דאָ זיין תמיד מיט איר... און דעריבער, אַז זיי לאַכן, און נאָך אַזוי רוי, — רייסט זיי דאָס אָפּ די אויערן; און אַחוץ דעם לאַכן, וואָס מ׳וואָלט נאָך אפשר, ווי־ ס׳איז, געקענט סובל זיין, — פילן זיי זיך גלאַט נאַריש און ווי תמעוואַטע קעגן זיי, און וואָלטן כאָטש באַדאַרפט אַרויסגיין פון שטוב, — אַז יענע זיינען דאָ; וואָס איז ווידער די פעולה, וואָס זי איז אין שטוב, — אַז ס׳קומען אַריין די יונגען, און זיי זאָלן איר דאַרפן אָפּטרעטן? ווערלן זיי דאָך, אַלצאיינס, — דאָ זיין צעשיידט מיט איר; מ׳קען איר דאָס נישט זאָגן, ווייל ס׳וועט איר זיכער ניט שמעקן, און נאָך, חלילה, פאַרקרומען ס׳נעזל; זאָלן זיי שוין בעסער לאַכן, — און זי זאָל עס נישט פאַרקרומען; אָבער עפּעס ווערט זיי זייער קאָלעמוטנע, און ס׳פאַרקלעמט אויך, ווען איינער, אַ לאַנגער יונג, מיט אַ קליינ־ דיק פּנים און געלע פלעקלעך,—גיט איר אַ נעם צו זיך אויף די קני; דערפון פאַר־ גייט אים שוין אונטערן האַרץ: „זיין קינד ביי דעם יונג אויף די קני?״ ס׳האָט אים פאַר דעם זעלביקן פריער אויך געדרייט אין בויך: אַז מ׳גייט אַרום מיט יונגען, — גייט מען נישט אויף קיין פיר איילן אָפּגערוקט פון זיי; און אַז מ׳האַלט זיך אַרומגענומען, — מוז מען אויך צולייגן די ליפּן, און זיך קילן, לעשן, ס׳זאָל נישט אַזוי ברענען; און אַזינדע, אַז ער טוט דאָס אָפּן, זיי אין די אויגן, — מוז עס דאָך זיין פון פריער, און אויך נישט צום ערשטן מאָל; מ׳קען אויף דער רגע נישט זיין קיין דבר אחר, און אויף זיי אַרויפפאַלן, זיי דאָ צענעמען; „ביטע, וואָס טוט זיך עפּעס מיט איידך?״ אַזוי מוז ער זיך פאַרשטעלן די אויגן, פאַרדרייען דעם קאָפּ אויף דער וואַנט, און אים אַזוי האַלטן, — ווי ער זאָל זיין אָפּגענומען; און אַז דאָס דריקן זיך געדויערט, כאָטש נישט מער ווי אַ מינוט אפשר,—און זעט אויס ווי ימים ושנים; און נעמט דערצו פאַלן ווי די ערד וואָלט זיך אונטער אים אויפגעמאַכט, און געהאַלטן ביי פאַרשלונגען ווערן אין אַ שאול תחתיה אַריין, — אַזוי גיט ער אַ פאַרדריי מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אים אָפּגעריסן פון דער וואַנט:

— דו... אַ יידיש קינד... און ער?... ווער איז ער, — וואָס דו לאָזט דיך אַזוי צו צו אים?...

לאָזט זי אַרונטער ס׳קעפּל, און בייגט זיך אַזוי אויס, ווי ס׳זאָל איר זיין גערוימער ביי אים אויף די קני, און זאָגט שטיל:

— איינעם וואָס מ׳האָט נישט ליב, לאָזט מען נישט צו זיך אַזוי צו...

דאָ עפנט זיך אים מיטאַמאָל אויף אַ לאָך אין קאָפּ, אַז דעם טעות האָט ער געמאַכט אין איר; אַז אין איר, מיט איר מאָמעס פּנים, שטיל גיין, נישט קענען קיין הויך וואָרט אַרויסרעדן, און גאַנצע שעמעוודיקייט, — דאַרף גאָר שטעקן דער עשו פון זיין ווייבס משפּחה, פון וואָס זי זאָל האָבן געמאַכט אַ סוד; בעת ער, סעמעלע, מיט זיין מגושמדיקן פּנים, גלייכע האָר און ברייטע אַקסלען, — איז געווען אַ שטיק פון טאַטן, פון זיידן, און דעריבער די זכיה געהאַט פאַר זיי אומצוקומען אויף קידוש השם...

אַ רגע, און ס׳הייבן זיך אים אָן צו דרייען פאַר די אויגן רעדער פון ווינט־מילן, שוואַרצע קראָען צו פליען, ווינטן צו רוישן ווי סאַוועס זאָלן קלאָגן:

— דו, אַ יידיש קינד... וואָלף בריזעווערס אייניקל... צו דיין זיידן אויפן קבר קומען יידן לייגן קוויטלעך... און ער?... אַ יונג פון דאַקאַטע... פון ערגעץ אַ בלאַטע...

און מיטן כוח פון טאַטן זיינעם, דעם זיידן, עלטער־זיידן, און אַלע דורות פון פאַר זיי, — וועלכע זאָלן זיך דאָ אוועקשטעלן צווישן איר, דעם אייניקל זייערן, דעם לעצטן אייניקל, און דעם ווייסן יונג מיטן פלאַקסענעם קאָפּ האָר, פון דאַקאַטע, — נעמען זיי איר אוועקרייסן דורך אים, דעם פאַטער אירן:

— דאָרט איז שוין מער קיינער פּילייכט נישטאָ; און דו ביסט די איינ־ציקע פון אונדזער גזע, — גייסטו אָפּשניידן מיט זיך דעם לעצטן זכר פון אונדז, אַז ס׳זאָל גאָר קיינער נישט זיין? קיינער מער נישט זיין?

— — — — — — — — — — — — —

ער איז אַ רגע דערנאָך פון דאָרט אַרויסגעפאַלן, ווי ער וואָלט זיך גע־זוכט צו ראַטעווען פון אַ ברענענדיק הויז. דער קאָפּ איז אים אויפגעלאָפן, געוואָרן אַזוי גרויס און שווער, ווי ער וואָלט אויף אים געטראָגן משאות. ס׳איז פאַר אים געווען קלאָר אַז די קליינע, די מאַמע שיינע, — איז נישט מער זיינע. זי איז געוואָרן פאַרווייעט פון דער מלחמה, ווי אַ זאַמדעלע פון אַ שטורעם־ווינט. סעמעלע איז אומגעקומען ביי דער מלחמה אויף קידוש השם, און זי, — ווי אַזוי? ס׳האָרץ האָט זיך אים געקורטשעט, קוואַלן געקומען אין די אויגן, און פול געמאַכט דעם האַלדז. ער האָט זיי טיף אויפגעריסן, און דער טאָוול מיט די נעמען איז געשטאַנען פאַר זיי, — דער גאָלדענער שטערן ביי שלמהלען איז געווען רויט, עס האָט גערינען פון אים בלוט, בלוט פון אַ יידישן בחור, וואָס איז געלאָפן אויף קידוש השם, אומקומען פאַר זיינע זיידעס, פּע־טערס און מומעס, וואָס ווערן ערגעץ אומגעברענגט אין פּוילן. די פּיס האָבן זיך גענומען ברעכן אונטער אים: העט? איז קיינער מער נישטאָ? פון דאָ און דאָרטן, פון אַרום און אַרום, — זאָל ער איצט האָבן געבליבן אַליין? ערשט, אַז ער האָט זיך פאַרדרייט, — איז נאָך געווען אַ זון, אַ טאָכטער, אַ גאַנצע משפּחה, מיליאָנען יידן, און ס׳זאָל גאָרנישט זיין? וואָס טוט זיך דאָ עפּעס? ווי אַזוי האָבן זיי אַלע געקענט ווערן איבער אַ נאַכט אַראָפּגעשווענקט

פון דער ערד? ניין... ס'קען נישט זיין... בלויז אַ משוגענער, אַ חסר־דעה'ניק, אַ שטיק מטורף האָט דאָס געקענט אויסטראַכטן... זיי לעבן דאָרט אַלע... די שולן זיינען פול, און ברעכן זיך מיט זיי, און מיט זייער געשריי... אויך זיין שלמהלע לעבט... זיין קידוש השם וועט אייביק לעבן אין אַלע דורות נאָך אים... ער וועט אויפשטיין תחית המתים ביי די יונגען, און מיט זיין גבורה וועט זיין פול די גאַס...

ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט אַ דערציטערטער, ווען ער האָט געזען אין אָפענעם פענצטער זיצן דעם באָרשטן־ייִד, זיצן צעשויבערט, די ברייטע קאַפּאָטע פלאַטערט, דאָס קליינע היטעלע פאַררוקט אויפן שפּיץ קאָפּ, די שיטערע באָרד איבער דעם אָפענעם ספר גליט; פון די גראָע האָר, רויט און אַדורכגעגליט, — האָבן געברענט די בלעטער, די אותיות געפלאַמט, ווי זיי זאָלן זיין אויסגעריסן אין שטיין פון אַלטע מצבות. און אַזוי ווי ער וואָלט געפילט, דאָס ער איז דער איינציקער ייִד אין דעם טראַכט, וואָס איז דאָ פאַרבליבן פון דעם גאַנצן ים מיט ייִדן אין פוילן, — נעמט ער זיך וואָרפן, ציטערן מיט יענער אימה און יראה וואָס פון חרוב געוואָרענע ייִדישע שטעט; און אַלע גלידער ביי אים צו וויינען און יאָמערן:

— על זאת תאבל הארץ.

יולי־אויגוסט, 1947.

חיים גראַדע

דער מאַמעס צוואה

(קאַפּיטלען)

קום מאַמע ווי אַ קינד

א

קום, מאַמע, ווי אַ קינד אויף מיינע הענט,
איך וועל דיך איינשטילן און דו — דו וועסט מיך טרייסטן,
ערשט איצט אין וואָגל האָט מיין האַרץ דערקענט
אין דיין געבראָכנקייט — אַ ווידערשטאַנד אַ דרייסטן.
אַריינגעפּייפט אין דיר די בייטש האָט — „האַרך!״
האָסטו געליטן אַ פאַרשוויגענע געבויגן,
צוריקגעצויגן האָסטו זיך פאַר יעדן שאַרך,
עקשנות אָבער האָט געגליט אין דיינע אויגן.
ווי ס׳קריכט אַ פליגעלע אויף גרינעם בלאַט,
ביסטו ביים פרעמדן מינדסטן ריר פאַרשטאַרט געבליבן, —
נאָר אין דיין דינעם גוף האָסטו געהאַט
אַ כוח, וואָס האָט ווייטער לעבן דיך געטריבן.
אויף שטיין האָסטו געדרייט זיך ווי אַ פלאַנץ, —
אַ זון האָסטו געבוירן ווי אַ האַרטן דאָרן,
אין שטורעם־ווינט ביסטו געבליבן גאַנץ, —
אין שטורעם־ווינט האָב איך מיין קראַפט פאַרלאָרן.
די האָגלען האָבן ניט מיין לייב געשוינט,
די ווינטן האָבן מיין געביין אַרומגעשאָבן,
ניט זען זאָל קיינער ווי איך בין אַנטקרוינט,
האָב איך מיין פּנים אינעם רעגן־גוס פאַרגראָבן.
דער בלעטער־פאַל געוואָרן איז מיין קלייד...
דאָך וואַרט איך, דו זאָלסט קומען מיך פון גליווער וועקן,
איך רוף צוריק מיין קינדערישע פרייד,
די טעג פון נויט אַפילו און די נעכט פול שרעקן.
אָ, ווי אַ פייגל מיט די פליגל ציט
צוריק די זון, וואָס אין געצווייג האָט אויסגעפלאַקערט;
ווי ס׳רופט אַ פלאַנץ וואָס האָט ניט אויפגעבליט
צוריק דעם פרילינג און דעם פרילינגדיקן אַקער.

ב

איןווירבל פון געוויטער, נאַכט און יאָרן,
צו מיר רוקט נענטער נענטער אַ געשטאַלט זיך, —
איך שטרענג אָן מיינע אויגן, מיין זכרון,
דעם וועג צו לויכטן זי — מיין בליק צעשטראַלט זיך.
זי שלעפּט זיך איינגעוויקלט אין דעם רעגן,
ס'איז ווי אַ כמאַרע שווער איר די פּאַטשיילע,
לאַמטערנס שאָקלען זיך איר בלינד אַנטקעגן,
די פּוסטע גאַסן שרעקן זי ווי היילן.
דער שטורעם הילכט, און ווי ער וואָלט געחוזקט,
פאַרשטעכט ער נאָדלען אין איר האַלדז און נאַקן,
פאַרפּלאָנטערט אין דער פינצטערניש וואָס ברויזיקט,
די טראָפּנס ווערן אייז אויף אירע באַקן.
ביז זי דערטאַפּט אַ מויער און פאַרטוליעט
צו זיינע ווענט די פּראַסטיקע — איר שטערן;
זי וויל פון קינדער־היים, אין שלאָף פאַרלוליעט,
דעם שוואַכן אָטעם פון איר קינד דערהערן.

אין קינדער־היים איז אַ פאַרזאָג אַ שטרענגער:
„פאַר ב־עמדע דער אַריינגאַנג איז פאַרבאָטן.“
אַ שטיינעריקער קאַסטן־הויף, אַן ענגער,
דער הימל דעקט אים איבער ווי אַ שאָטן.
דאָס קליינוואַרג גראָבט אַריין זיך אין די שטרוי־זעק —
די הונגעריקע מיילער צו פאַרשטאָפּן.
די נאַכט איז ווי אַ קאַלדרע דושנע־לויזיק,
מיט אויפגעשפּיצטע פליגל שטייט צוקאָפּן
דער פלעק־טיפוס... די קינדערישע קעפּ ער שויבערט...
אַ מאַמע שטייט אין דרויסן אויפן רעגן,
דער וועכטער איז אַ האַריקער, אַ טויבער,
און לאָזט זיך ניט אַפילו איבערפרעגן.
דער טויער פלוצלונג פּראַלט אויף — און אַ וואָגן
אַ פליוכע אין דער פינצטערניש טוט האַסטיק,
דאַן נעמט די מאַמע פאַרן שטורעם קלאָגן:
„ווער ליגט דאָרטן אינעם שוואַרץ באַדעקטן קאַסטן?...“

ג

באַווייז זיך מיר אין חשכות פון דער נאַכט,
אַנטפּלעק זיך מיר ביים אַנבליק פון פרימאָרגן,
איך האָב צוריק מיין קינד־צייט אויסגעדאַכט —
און צווישן ביימער אַ שפּיטאָל פאַרבאָרגן.

בויג אָן צו מיר זיך איצטער ווי אַמאָל,
און קיל מיין שטערן אָפּ מיט דיינע ליפּן, —
געלעגן קראַנק בין איך אין וואַלד־שפּיטאָל,
צום בעט אַרומגעריפּט מיט דאַרע ריפּן — — —

אין קאַלטער בלענדיקייט פון ווייסן זאַל,
זוכט, ווי אַ קראַנקן־שוועסטער אין די בעטלעך —
די האַרבסטיקע לבנה... און איר שטראַל
געפינט אויף פּוסטע ווענט בלויז פיבער־צעטלעך.
די קינדער ליגן אונטער בערגלעך שטיל —
אויף בערגלעך וואו געשפּילט זיי האָבן וויאַסנע,
זיי קומען גראַבלען טויטערהייט דעם דיל,
און וויגן מיט די שפּיצן פון די סאָסנעס.
מיט אויגן אָפענע איך ליג און גלי,
די קראַנקן־שוועסטער מיידט אויס מיין פּאַלאַטע,
איך בין אַ זומער־פייגל פון ניט־הי,
דער אָסיען האָט אַ נייע פייגל־טשאַטע
פאַרנאַרט אין וואַלד צום טויט... און איך בלויז ווייס
וואָס מיינט דער טויט... איז האָט מען אָפּגעשיידט מיך,
מיט ליפּן דורשטיקע איך נאָג דעם שווייס
און די לבנה אין געביין פאַרגייט מיך.

פון טיר צו טיר פייפט דורך געהיים אַ הילך,
ווי עמעץ וואָלט אין פירהויז זיך באַהאַלטן, —
אין בלויע שויבן בליט דער פייגל־מילך,
עס שווימען אויסגעשאָטנטע געשטאַלטן:
אַראָפּ איז באָרוועס עמעץ פון דער וואַנט...
כ׳נעם ציטערן און רופן: מאַמע, מאַמע — — —
די מאַמע לייגט אַרויף אויף מיר איר האַנט,
ווי אויסגעוואַקסן אין דער רגע סאַמע.

זי האָט זיך מיטן ליכט־שיין דורכגעשלייכט,
דורך אַלע צימערן מיין בעט געטראָפן,
איר פּנים נעפּלט איבער מיר זיך פייכט,
און ס׳ווערט מיין מויל מיט זיסן מילך פאַרלאָפן.
זי פלעכט צונויף אַרום מיין גוף די הענט,
זי בויגט זיך ווי דער הימל מיר אַריבער, —
און טראָגט אַרויס פון קינדצייט מיך, וואָס ברענט
אין אַ לבנהדיקן ווייסן פיבער.

אַבלות

די מאַמע ביי דער וואַנט אינדרויסן האָט געהערט:
די וואַסער־רינע האָט פון דאַך אַראָפּגעטרערט,
דער רינע האָט געמאָרדעוועט אַ קליפּה,
זי האָט דער מאַמעס ווייטיק אויסגעכליפּעט:
— ווי כמאַרעס שלעפּן זיך אין אָסיען — וועל איך
די טרערן מיינע אויסמראַקען פּאַמעלעך,
און דויערן מיין עלנט וועט שוין שטענדיק,
כאָטש די אַבלות איז שוין לאַנג געענדיקט.

פון קעלט פאַרציטערט אין איר אַלטן יאַקל,
האָט זי זיך ביי די ווענט פון הויף געוואַקלט,
און איז זי צו איר חורבה צוגעקומען,
האָט זי נאָך שטאַרקער טרייסלען זיך גענומען.
אַרומגעכאַפּט האָט איר אַ שטומע אימה,
אַרום געוועזן איז פינצטערניש געהיימע,
און אין דער קוזניע בלויז ביי אריה־משהן,
אַ פייער־ווינט ניט אויפגעהערט האָט רוישן.
פון קוימען האָט אַ צונג פון סאַמע פונקען
אַ לעק געטאָן די נאַכט — און איינגעזונקען,
האָט זי מיט גראָז־פאַרוואַקסענע בית־עולם־טריט
אין טיר פון קוזניע אָנגעקלאַפּט —ביים קופער־שמיד.

דעם בלאָז־זאַק הענטל איינגעוואַקסן אין דער האַנט,
דער שמיד האָט מיטגעשלעפּט זיין שאָטן פון דער וואַנט.
און גולמדיק געוויגט זיין מידן נאַקן —
אַ הערינג אויף דעם אַש־קויל אָפּגעבאַקן.
ס'האָט די אלמנה שטיל די טיר געעפנט,
און ווי אין שרעק זיך מיט זיין בליק צו טרעפן,
דעם קאָפּ פאַרשולדיקט שטום אַראָפּגעלאָזן.
האָט ער אין האָרניע אויפגעהערט צו בלאָזן,
געטאָן אויף איר אַ קוק אַ טעמפּיק־שווערן,
איף דער קאָוואַדלע אויסגעשפּרייט דעם הערינג,
און אויף דער יידענע אַ גלאָץ געטאָן פאַרבליפט,
און אָן אַ וואָרט אין דער אַכילה זיך פאַרטיפט.

דער שמיד האָט אָפּגעשאַרט פון דער קאָוואַדלע
די ברעקלעך, און ערשט דעמאָלט מעשה גדלן
צערעדט זיך, מיט אַ דראָט די ציין קאַלופּעט:
— ס'איז אומעטיק אַליין אין דער כאַלופּע?
דער זונדל זיצט אין קלויז מיט די למדנים,
זיי קענען דאָרט די באַנק ניט קוועטשן אָן אים?

אַז גאָר די גאַס, די קרעמער און קצבים
פאַרוועלט זיך האָבן מאַכן פאַר אַ רב אים, —
און ווער וועט העלפן אייך אין דער תיונה?
אַ נייער וואוילקענער זיך אָפגעפונען!
ווי איך וואָלט אייער תכשיט גאָרניט קענען,
וואו ער וועט זיין אַ רב — די שטאָט וועט ברענען.
איר גיט אים — מיך, כ׳וועל אים פאַנאַנדערשווייסן,
און אויסבויגן ווי׳ גאָט האָט נאָר געהייסן,
אַ קופער־שמיד, א יונג פון פונקען סאָמע,
אַ נוצן פאַר דער וועלט און פאַר דער מאַמען,
איר זאָלט פאַרשוואַרצט ניט ווערן ביי די קוישן, —
נאָר ס׳איז דער שלאָף באַפאַלן אַריה־משהן,
און פונקט אין מיטן עצהנען און טאַדלען,
האָט ער צעכראָפּעט זיך ביי דער קאָוואַדלע.

געבלעזלט האָט דער שמיד אַ שווייסיק־נאַסער,
ווי אַ צעגליטער פּרענט וואָס ליגט אין וואַסער,
ער האָט אין בייכיקע געווייסטע פאַנען,
וואָס זיינען פריילעך אַרום אים געשטאַנען,
אַריינגעחלומט טייגעכצן און טאָרטן,
און גענדזן־שמאַלץ געפּרעגלט האָט זיך דאָרטן.
דער אָפּגעשרויפטער שרופשטאָק האָט צעפּראַלט די ציין,
ווי ס׳וואָלט אַ יאַטקע־הונט געשטיקט זיך מיט אַ ביין, —
אַן אייזן האָט פאַרוויקלט די קאָוואַדלע,
ווי ס׳וויקלט זיך אַ שלאַנג אַרום אַ פאַדלע,
דער האַמער דער צווייפודיקער געלעגן
איז, ווי אַ רויבער גרויזאַם אויף די וועגן, —
דער קוימען פון דער האַרניע איז געקראַכן,
דעם באַלקן ווי אַ ווילדער אָקס געבראָכן, —
די בעלקעס אויפגעפּלאַצטע, האָבן שווער געקרעכצט,
די קוזניע האָט נאָך לופט און פרישן קאַלך געלעכצט, —
און דורכגעשוויצט האָט אַריה־משה דער פּראָסטאַק,
אויף דער קאָוואַדלע אָנגעשפּאַרט — געפּייפט געשמאַק.

אין ווינקל איז געשטאַנען די אלמנה,
געשוויגן, און זיך ניט געקאָנט דערמאָנען: —
ווי קומט זי דאָ אין קוזניע ביי דעם מענטשן?
ער עסט אַן היטל, כראָפּעט איין אַן בענטשן,
און גאָרניט ווי קיין ייד — אַזאַ מין הויכער,
און איז אַפילו שבת דורכגערויכערט, —
זי האָט אַרויסגעשלייכט אין הויף... ווי כמאַרעס,
אַראָפּגעהאַנגען שווער אויף איר דער צער איז.

אַרומגעקראָכן אין איין שטרייף לבנה־ליכט,
ווי אויף אַ בלאַט אַ ווערימל — אויף איר געזיכט.
אַ ווינטל גנבהש האָט מיט אירע האָר געשטיפט,
ווי אָפּגעחוזקט וואָס זי שטומט אַזוי פאַרטיפט, —
האָט זי דעם שאַלכל ביז די אויגן אַנגערוקט,
און אויף די שטיינער פונעם הויף אַראָפּגעקוקט.

ערב שבת

ס׳איז דאָנערשטיקע נאַכט אין ענגער קיך,
עס גרייטן מיד דער מאַמעס הענט דעם שבת,
ווי קלעצער שלעפּט זי אויף די פּיס די שיך,
די אָרעמס אירע הענגען שווער ווי שטאַבעס;
אַ דאַנק דעם אויבערשטן און אים אַ לויב,
כאָטש ביז הַעם האַלדז פאַרענגט זיך און פאַרבאַרגט זיך,
האָט זי אין יאַטקעס איינגעהאַנדלט דרויב,
מיט חלות צוויי צו קידוש אויך פאַרזאָרגט זיך.

זי שיילט און בראָקט, ביז ס׳שפּינט אַרום דער דרימל
די פינגער אירע... ס׳פאַלט דאָס מעסער־קלינגל,
דערשראָקן טשוכעט זי זיך: גאָט אין הימל!
אין צווייטן חדר זיצט נאָך וואַך איר ייִנגל.
אָן כוח מורמלט זי: „מיין קינד, גיי שלאָפן,
און לאָז מיך ניט פאַרזינדיקן די וואָך —
דעם שבת צוגרייטן"... נאָר ער, די ליפּן אָפן,
זויגט איין די וואונדער־מעשׂיות נאָך און נאָך.
פאַרגייט זיך הייזעריק איר קול, דער ווייכער
פון צער און טרערן: „ווי צו מיינע יאָרן,
דו מישט די בלעטער, מישט — און ווערסט אַלץ בלייכער,
ווי דו וואָלסט דיין געלעכטער דאָרט פאַרלאָרן.
אין ביכער ביסטו ווי אין זאַמד פאַרגראָבן", —
די מאַמע קרעכצט ווי זי וואָלט זיך פאַרשאָבן
ביז אין געביין... קוקט שטאַר דער זון אַרויס
פון בוך, ווי פון אַ זון־גלאָז אַ געפאַרבטער,
דער לאָמפּ שפּייט רויכערדיק די לונגען אויס,
די צימער־ווענט מיט קנייטשן איינגעקאָרבטע,
אים דריקן שטיינערדיק אַזוי און פרעמד,
דאָס שטיבל ציטערט דורכגעוועבט אין שטרייפן,

ווי עמעצער אין אַ צעפּליקטער העמד — — —
די שטילקייט הילכט און ווייט אַ באַן נעמט פּייפן.

דער טאָג קריכט בעטלעריש אין טיר אַריין,
דאָס נאָפט־ליכט ווי אַרויסגעפּלעקטער פיבער
ווערט בלייכער אויף די ווענט אין גרויען שיין,
אַ בלאַסע מידקייט גייט דעם יינגל איבער.
דאָך קען ער זיך ניט אָפּרייסן, די מעשה
זאָל ניט אַוועק מיט אײנמאָל ווי אַ פייגל, —
עס טאַנצן אום אין חדר פלעקן ווייסע,
ווי קעצלעך וואָלטן זיך אין שפּיל געבייגלט.
דער קלויסטער־גלאָק קלינגט אויס ביי אים אין קאָפּ, —
ער לייגט זיך שלאָפן, נאָר פון זיינע אַקסל
דער וואונדער־פויגל פלאָטערט ניט אַראָפּ,
ווי אויפן יינגל וואָלטן פליגל וואַקסן.

דער מאַמען אָבער אין דער ענגער קיך,
די זאָרג וואַקסט ווי אַ הויקער אויף דער פּלייצע,
זי פּלאָנטערט מיט די הענט אויף גיך, אויף גיך,
און ווען אין אויוון ענדיקט זיך דאָס הייצן,
פאַרשאַרט אין קויל דער שבתדיקער מאָלצייט, —
ווערט זי ערשט אומרואיק... ס'איז שוין ניט פרי,
און ס'איז אַריינקריכן צוריק אין עול צייט
צו דער בייטאָגעדיקער שווערער מי.
דער אימפּעט טרייבט אַרויס זי אויפן מאַרק,
איר האַרץ וויל איר פאַראויס אַריבערלויפן:
עס ענדיקט זיך דאָס גרינס און אויבסט איז קאַרג, —
ווען זי באַוויזן עפּעס נאָך צו קויפן?
אָן אָטעם שטופּט זי זיך צו אַ געשטעל,
און נישטערט אין געדראַנג אַ ביסל סחורה.
די אויגן פלאַקערן, איר הויט איז געל,
זי טאַפּט די וועגענער, זי ווערט געוואוירע,
דער פויער געגעצט: אַלץ שוין אויספאַרקויפט.
און בלויז די פייקע אין זיין וואָנס זיך רויכערט, —
פאַרסאָפּעט צו דעם קעלער אויבס זי לויפט.
מיט פחד קלערט זי פון דעם דיקן סוחר,
וואָס שטעכט אַדורך מיט נאָז־וואָרצלען מיט האָריקע
איר שוואַכע האַרץ פאַר חובות פאַראַיאָריקע, —
די מאַמע וויינט און שווערט זיך, ביז ס'דערעסט
דעם פרוכט־הורטאָווניק — שיט ער אָן איר קוישן
פאַרפוילטע עפּל... לויפט זי, און פאַרגעסט
די שווערע משא אין די הענט צו טוישן.

איר קערפּער ברעכט זיך ווי אַ דינער בוים,
און אירע הענט ווי אָפּגעדאַרטע צווייגן —
די אָנגעפּילטע קוישן האַלטן קוים,
זי קוקט זיך אום צעטומלט און פאַרדאגהט:
ס'איז באַלד שוין האַלבער טאָג, די באַלעבאָסטעס
מיט פּעק אַהיים פון די געשעפטן שפּאַנען,
זי לייזט ניט היינט קיין גראָשן קיין פאַרראָסטן,
און איבער שבת וועט דאָס גרינס פאַרוויאַנען.

צונויפגעפינגערט אויף דער ברוסט די הענט,
די לאַסט זאָל ניט די אָרעמס איר צעברעכן,
דערשלעפּט זי זיך אַהיים, איר אָטעם ברענט,
און דינע שפּילקעס אין איר מוח שטעכן.
דאָך שטאַרקט זי זיך: ביינאַכט אם ירצה השם
וועט זי זיך אויסרוען די מידע ביינער. —
אין טויער איינגעשמידט ווי אין אַ קלעם,
איר שניידן אין די פיס די קרומע שטיינער.
נאָר זי פאַרגינט זיך ניט אַנידערזעצן,
צעשטעלט דאָס אויבס, די מערן און דאָס ציבל,
דאָס גרינס וואָס וויאַנעט האַלט זי אין איין נעצן,
רופט קונים מיט תחנונים און פאַראיבל.
דאָך שטעלט זיך קיינער ביי איר קויש ניט אָפּ,
און ס'איז געפּראָפּט דאָס קרעמל פון אַנטקעגן, —
אַ וויבל טאַפּט ביי איר אַ בינטל קראָפּ,
און זי מוז פאַרן קונד דאָס האַרץ צעזעגן.
אין טויער פאַרט אַריין אַ ברייטער וואָגן,
אַ קאָשיק פאַלט... די פרוכט ווערט אויסגעשאָטן,
זי וואַרפט זיך אונטער רעדער מיט אַ קלאָגן,
ווי ס'וואָלט דאָס פערד איר לעבן דאָרט צעטראָטן...

שוין ברענט אויס אויפן קלויסטער־שפּיץ דער פרייטיק,
זי באָט איר סחורה אָן איצט האַלב אומזיסט,
ווי אַ פאַרשולדיקטע, בגנבה, זייטיק
זי קוקט זיך אום... אַ, ווייַ איז איר און וויסט:
די באַלעבאַטים שליסן די געשעפטן,
עס קלינגען הענג־שלעסער, עס קרעכצן לאָדנס,
און מיטן שבת־קודש זיך באַהעפטן
דער פרוש גייט פון מקווה אויסגעבאָדן.
ער מוסרט זי: איר טראָגט דאָך אַ פאַרוק,
ווי פאַסט עס, איר זאָלט ליכט־בענטשן פאַרזאַמען, —
און שטיל ווערט אַרום איר און אַ געקוק,
אַז פינצטער אין די אויגן ווערט דער מאַמען,

און זי ווערט רויט ביז אירע האָר די גרויע,
זי טרייבט פון זיך די קונים... איצטער דווקא
זיי שטופּן זי דורך פּדיון — צו נסיון...
זי רייסט זיך אַפּ פון וואָך ווי פון אַ פּיאַווקע,
און לויפט אין שטוב, אויף גיך פאַרשפּרייט אַ טישטעך:
געיאָגט אַ וואָך אַ גאַנצע — און פאַרזאַמט!
דעם שוויס פון פּנים ניט אַרומגעווישט זיך,
די ליפּן — בלייך, די באַקן — רויט־פאַרפלאַמט.
זי רוקט אַראָפּ דעם שייטל אויפן שטערן,
דורך אירע פינגער קאַפּעט אויף דאָס ליכט
געזאַלצן שוויס וואָס מישט זיך אויס מיט טרערן:
„ס'האָט גאָט איר שבת אויך ניט אויפגעריכט"...

שכנהס

ס'איז שבת אויף דער נאַכט. אין טונקל לויכטן
די טאָפּליעס פונעם אויסגעקילטן אויוון.
די וואָך קריכט שוין פאַרדאגהט נאָך דעם שבת,
ווי נאָך דער זקנה בלומע קריכט איר שאָטן.
דער בין־השמשות קוועלט פון איר ווי פון אַ קאַלטער קרענעצע,—
מיין מאַמע ביי דער שויב, נאָך מיטן קאָפּ אין טאָג,
לייענט הויך פון טייטש־חומש,
איר ניגון וועבט זיך איין, ווי שטרייפן־ליכט אין דעמער,
ביז ס'קריכן אין די אויגן איר אַריין די אותיות,
זי ווערט אַנטשוויגן... אין איר שוויגן זאַמלט זיך די נאַכט.

די שכנה מורמלט: זעט איר, וועלע,
די אויסגעברענטע לייכטער אויפן טיש? —
דאָס בין איך מיט מיין ברוכן — צוויי מתים...
ביינאַכט קען איך ניט צוטאָן מיט קיין אויג,
אין קאָפּ זיך פּלאָנטערן געדאַנקען הונדערט, —
און זי נעמט אויסדריבלען אַ לאַנגן חלום
און לענגער ווערן אַרום איר די שאָטנס:
— אַנומלט עפנט זיך די טיר און פּייוויש קומט אַריין,
„מאַמע, זאָגט ער, מיינסט איך בין אַוועקגעפאָרן?
איך בין אַרויס אַט נאָר־וואָס"... און ער שמייכלט.
אין שטוב איז ליכטיק, שטיל און וואַרעם.
אברהמל בייסט די נעגל אין אַ בוך אַריינגעטאָן,
צירל, אַ געלאַסענע, ווי שטענדיק, שטריקט,
און ס'לויכטן אירע פינגער.

טראַכט איך: מאָדנע, זיינען זיי זיך ניט צעפלויגן
מיינע עופהלעך אויף שבעה ימים?
איך פיל ווי פרישע מילך וואָלט אַנגעקוואָלן
אונטער דאָס פאַרדריקטע אַלטע האַרץ...
און איך האָב זיך צעהוסט.
דערזע איך, פּייוויש קוקט אויף מיר מיט אומעטיקע אויגן,
אַנגעשפּאַרט אָן וואַנט, פאַרמאַטערט, אין אַ לאַנגן בגד,
פאַראומערט, ווי אַ רעגנדיקע נאַכט.
קוים וואָס ער באַוועגט די ליפּן: „מאַמע,
דער האַרב אויף דיינע פּלייצעס ווערט אַלץ גרעסער," —
דערפילט האָב איך אין האַרץ אַ שטאָך,
און אַ כיכיקען אין די ווינקלען...
אין שטוב איז פינצטער, קיינער איז ניטאָ,
און אויפן דיל שפּאַצירן מייז,
גייען אין אַ ראָד פאַרמרהשחורהט ווי אַבלים,
שטעלן זיך אַרום דעם פולן עמער וואַסער,
ווי פרומע געסט ביים וואַשן זיך צום עסן,
און טרינקען לאַנג און דורשטיק,
ווי זיי געקומען וואָלטן פון אַ וועג אַ וויטן.
פּלוצלונג שפּרינגט אַרויף אַ מויז אויף מיין צוקאָפּן,
אַלע טאַנצן אַרום מיר און קוויטשען;
די קאַץ די פּגירה שלאָפט... די קאַץ די פּגירה...
עפנט אויף דער זייגער די פאַרקלעפּטע אויגן,
גיט אַ כריפּ — און אַלץ פאַרשווינדט;
דער זייגער ווערט ווי פריער בלינד און געל,
נאָר מיין אַלטיטשקער אין טלית
שטייט פאַרוויקלט ביי זיין שטענדער
אַ ליכטיקער אַזאַ און קרעכצט: אָ, גאָטעניו,
די בענקשאַפט פרעסט מיך ווי אַ כלי־זשאַווער,
נעם איך מיטווייינען פון דרימל, אַז מ'איז עלנט,
אַז מ'איז עלנט — — —

אַזוי דערציילט די שכנה בלומע, און קוקט אויס
צי ווייזט זיך ניט אין הימל שוין אַ שטערן, —
דער אַלטער אירער איז אַוועק צו מעריב,
און איז נאָך ניט צוריקגעקומען... ווערט זי קלענער,
און זינקט אין חשכות ווי אַ קאַרטש אין מאָך.

די מאַמע זעט שוין גאָרנישט אינעם טייטש־חומש,
זי הערט נאָר ווי די שכנה פּרעפּלט:
— אייך איז, וועלע, גוט... דער זון איז נאָענט,
אַ פּאָר שעה מיט דער באַן, דערנאָכדעם מיט דער אַקס,

ער זעט פון וואַלקעניק דאָס פּייערל
אין אייער שטוב־פּענצטער באַשיימפּערלעך,
און איר קענט וואַרעמען זיך ממש ביי זיין קול,
וואָס לערנט תורה פּלייסיק — — —

די מאַמע הערט און דינער ווערט איר רוקן,
און בלייכער ווערן אירע ליפּן:
— אַדאַנק דעם אויבערשטן — פאַרענטפערט זי זיך שטיל,
פאַרשולדיקט פאַר דער זקנה —
געוואַקסן איז מיין זון דורך מיינע טרערן,
ווי העכער וואַקסט אַ פלאַנץ ביי וואַסער־ברעגעס,
נאָר איך זאָל ניט פאַרזינדיקן זיך מיט די רייד,
אין האַלבער נאַכט איז שטיל ביי מיר אַזוי,
אַז איך ווער טויב... איך ווייס ניט אַפּטמאָל,
לעב איך נאָך, צי בין איך שוין געשטאָרבן?
פון שטענדיק זיין אַליין, ניט־דאַ־געדאַכט,
האָב איך שוין מורא פאַר זיך גופא,
ווי אַ לעבעדיקער מיט אַ בר מנין אויף איין געלעגער, —
איז וויל איך איצט איך טאַקע בעטן, בלומע,
איר זאָלט ביינאַכט מיר אָנקלאַפּן אין וואַנט.
ס'זאָל זיין מיר פריילעכער און איך זאָל וויסן,
אַז עמעץ נאָך געדענקט מיר אויף דער וועלט — — —

און ביידע שוויגן שוין און קוקן אויס אַ שטערן.

דער מקובל

מיין האַרץ איז אומרואיק און ווילד מיין לייב,
אַנטלאָפן בין איך פון מיין היים און יוגנט;
מיין דאָרשטיקייט אין איינזאַמקייט מיך טרייבט,
ווייל איך בין ניט מיט קאַרגער פרייד באַנוגנט.
ווי אין אַ יאַטקע־קלאָץ אַ שאַרפע האַק,
האָט איינגעהאַקט אין מיר זיך די לבנה,
איר שיין רינט אָפּ געזאַלצן פון מיין באַק,
איך הער מיין אויפגעריסן לייב מיך מאָנען.

בין איך אַוועק פון ניט דערגרייכטן גליק
אויף פאַרשטעט וואו די גאַס גייט — אויף די דעכער...
האָט אויף מיין האַלדז דאָס לעבן, ווי אַ שטריק
צוריקגעשלעפּט מיך פון די טיפע לעכער,

און ווידער מיך געטאָן אַ שטויס אַראָפּ,
ווי פון אַ תּפיסה־קאַמער אין אַ קעלער;
בין איך אַוועק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ,
אַהין, וואו ס׳גרייכט שוין ניט דער טאָג דער העלער.

אין שטעטלעך מאַכיקע, אין טיף פון וואַלד,
אַ בוידעם־שטוב פון קלעצער ניט געהובלט, —
דאָרט זיץ איך איבער ספרים... שטרענג און אַלט
בין איך דער אַכצן־יאָר׳יקער מקובל.
אין מרה־שחורה זינק איך, ווי אַ הויז
וואָס שטייט אין זומפּיק־וואַסער ביז די פענצטער,
ביים טאָג־שיין קוקן שרעקעוודיק אַרויס
פון מיינע אויגן נאַכטיקע געשפּענצטער.
מיך וואַרפט מיין זינדיקייט דורך דעם אין־סוף,
די שטערן ווינקען מיר ווי היראָגליפן,
דער גיהנום עפנט אויף זיך אין מיין שלאָף
מיט אַלע פייערן און אונטערטיפן.
אַ לאַסט איז מיר מיין גוף, מיין בלוט איז טריף,
די שקיעהס פלאַקערן ווי קעסלען סמאַלע,
אויף אַלע טויטן — שווערד און בליי און שלייף
פאַרמשפּט מיך די תּורה פון קבלה.
די באָרד וואַקסט שטעכיק מיר אין מויל אַריין,
אין מויל וואַקסט האָריק מיר אַריין מיין שטומקייט,
אין חדר מיינעם פאַלט אַ קרומער שיין,
וואָס צאַפּלט זיך אין שפּינוועבס פון מיין פרומקייט.
אין ספרים פאָרש איך שוין ניט מער געהיים.
אין שאַרבן הויערט גליווערדיקע פוסטקייט,
מיין הויט פאַרדאַרט און קרישלט זיך ווי ליים,
איך לעב אין חלום פון דער אומבאַוואוסטקייט.
ווי פון אַ קאַלטן קראַן די לעצטע טראָפּנס
רינט אויס מיין מאַרך און ס׳זינקט מיין קאָפּ אַרונטער — — —
נאָר עמעץ שטעלט אַוועק זיך מיר צוקאָפּנס,
און ציטעריקע הענט מיך האַלטן אונטער...

אַ ציטער טוט דאָס שפּינוועבס פון דעם בוידעם,
ווי ס׳רינצלט זיך אַ טייך אין שליים פאַרגליווערט,
ווען ס׳גיט דער פליעסק פון רודער אַ צעהויד אים;
ס׳לויכט איבער מיר מיין מאַמעס קאָפּ דער סיווער, —
זי שטעלט אַוועק זיך צווישן מיר און טויט,
באַטאַפּט מיך אומרואיק מיט אירע פינגער,
דער דרויסן שמעקט פון איר ווי וואַרעם־ברויט,
מיין אָטעם דער פאַרוואָרגענער ווערט גרינגער.

„— דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט קראַנק,
פאַרבלאָנדזשעט האָסטו פון דעם וועג דעם רעכטן,
פאַרטונקלט איז געוואָרן, קינד מיינס, דיין געדאַנק,
און אויסגעלאָזט האָט זיך מיין מיין צום שלעכטן.
האָב איך אַזאַ פאַרפרומטקייט דען געמיינט,
אַז דו זאָלסט אויך אַוועקוואַרפן די גמרא?
כ׳האָב שטילערהייט די אויגן אויסגעוויינט,
אַז דו זאָלסט האָבן אויגן גוטע, קלאָרע.
וואָס האָסטו זיך פון אַלעמען באַהאַלטן?
איז דען אַ שאַנד צו לערנען תורה אָפן?
די חכמה האָט אַ פּנים אַ צעשטראַלטן,
און דו ביסט אין דער פינצטערניש אַנטלאָפן,
פאַרקראָכן ביסטו אויף אַ בוידעם־שטיבל,
איז וויל איך פרעגן ביי דיין קלוגן רבין:
„אַ, זאָגט מיר רבי, האָט ניט קיין פאַראיבל,
די תורה לערנט פיינט האָבן דאָס לעבן?״
אַ יונגערמאַן דאַרף האָבן באַקן פרישע,
און ניט אַרומגיין ווי אַ בלאַסער שאָטן,
איך בין אַ זינדיקע, אַ שוואַכע אשה,
דאָך וויס איך, ס׳האָט דער אויבערשטער געבאָטן,
אַ ייד אַ וייב דאַרף נעמען, זין געבוי־רן,
דעם טאַטן אין גן־עדן צו דערפרייען, —
דיין נאָמען זאָל ניט זינדיק גיין פאַרלוירן,
דאַרפסטו דיין זאָמען גאָטספאַרכטיק פאַרזייען.

עס פרישן אָפּ מיין פּנים אירע טרערן.
זי פירט מיך פון די שטיגן ווי אַ קראַנקן,
און אויפגעלויכטן ווערט מיין כמאַרנער שטערן,
ווי דורכגעשטראַלט פון זוניקע געדאַנקען.

יום - טוב

ס׳איז ראש־השנה... היימיש איז דער ניגון,
וואָס קוואַלט אַרויס אין קלויז צו מיר אינדרויסן,
און דאָס געזאַנג פאַרפירט מיך ביז די שטיגן,
נאָר ביי דער טיר ווער איך צוריקגעשטויסן, —
איך טאָטעס מיט די אויסגעווייקטע בערד!
עס זינגט אַריין אין האַרץ מיר אייער גלויבן,
פון אייער וועג האָב איך זיך אָפּגעקערט,
דאָך אייער ליכט באַשטראַלט מיך דורך די שויבן.

און נאָך דער שטים דערקען איך אויסנווייניק
די קולות פון די אַלטע באַלעבאַטים:
ביים עמוד שטייט דער רב געבויגן, ביינִיק,
און כאַטש דאָס דאַווענען צום געזונט פאַרשאַט אים,
פון זיין חזקה זאָגט ער זיך ניט אָפּ,
דער עולם כאַפּט דעם ניגון שוין פון מויל אים,
די תפילה מיט דעם יום־טובדיקן טראָפּ
קען אויסווייניק פון יאָר צו יאָר דער עולם.
דער רב איז איינגעפּאַסט אין די מנהגים,
ווי אין אַ ראָד פון שטערן און פון זונען,
אַ בלויער זייד־פּאָדים איז יעדער טאָג אים
אין תכלת וואָס זיין טאַטע האָט געשפּונען.

אין ווינקל צווישן האַנט־פּאָס און דער באַנק,
שטייט חיים שלאָסער איינגעדרייט אין טלית,
ער איז אַ ליכט אַ וועקסענע וואָס צאַנקט,
זיין האַרץ אַ זאַלציקער אַ הייסער קוואַל איז.
אַוועקגענומען האָט מען אים צוויי זין
אין אַ שפּיטאָל אין משוגעים־העמדער.
און ער אויף זיך איז מצדיק דעם גזר־דין,
ווי ער וואָלט זיין אַ קברן־ייד אַ פרעמדער...
דער צער זאָל זיין נאָך גרעסער פאַר דער מוטער,
זיצט לעבן איר אין שולכל — גאָט גערעכטער! —
די שכנה, סאַמע זייד און פערלמוטער,
אַרומגערינגלט מיט די שניר און טעכטער,
ווי ס׳וואָלט דער אויבערשטער דעם זכות געמאָסטן
ווער בעסער איז... די אַלטע אָבער שטום איז:
ס׳מעג דער נסיון איר דאָס לעבן קאָסטן,
זי האָט ניט צום כביכול קיין תרעומות.

מיט גדלות שפּאַנט אַ וואוילקענער אַן איידעם,
ווי אויפן מיסט אַ האָן... זעקס יאָר אויף קעסט.
עס קרעכצט דער שווער: עס קאָסט געגנוג די פרייד אים,
דער גרויסער מופלג קינדלט נאַר און פרעסט. —
דער איידעם אָבער מאַכט זיך כלא ידע,
דאָס בייכל וואַקסט, די באָרד צעלייגט זיך ברייטער,
ער בינדט דעם שניפּס אויס דווקא נאָך דער מאָדע,
פאַרלייגט די הענט מיט קאַלטן ביטול שטייט ער.

ר׳ יעקעלע געבוירן אין תּו רש,
דער ניינציק־יאָריקער איז היינט בגילופין,
אַזוי פיל שבתן מיט טשאָלנט־פליייש,

מען האָט פאַרגעסן אים פון הימל רופן, —
אַזוי פיל אָוונטן געהערט ביים טיש
דעם מדרש רבה און געלעקט די פינגער, —
אַז גייען גייט ער מיט אַ טענצל פריש,
און ווערט פון יאָר צו יאָר גאָר ממש יינגער.

גאָר אויפגעלייגט ר' חצקל איז... דעם קרעמער
אַ גאַנץ יאָר אויף צו שווינדלען איז צו ווינציק,
נאָר היינט רעדט ער אַראָפּ פון דעם באַלעמער,
אַז ער איז צו דעם כלל ישראל גינציק.
„טו תשובה" — רעדט ער פלייסיק מיט דעם רשע,
ווי מיט אַ קונה... מיט דעם זעלבן נוסח, —
דער עולם הערט געדולדיק אויס די דרשה,
ווי יעדער מנהג איז עס שוין אַ מוז זאַך.

אַ גאַנצן באַנק פאַרנעמט דער „ברודער־צעך",
דער „פּאַסער" מיט די בנים — יונגען בלאַטע,
די וואָנסעס גלאַנצן ווי די שטיוול — פּעך,
און אויף די זין השגחה גיט דער טאַטע.
זיי שיסן יעדן „אמן" אויס מיט רעש
און קנאַק, ווי אַן אַרויסגעזעצטן קאַריק.
פון גרויסן מחזור, ווי פון פולן פלאַש
דער טאַטע זופט ווי עשו רויט און האַריק, —
להכעיס די גבאים, שיינע יידן,
ער צאָלט פאַר כיבוד מיט אַ פולן טייסטער, —
מיט סוחרים שלאָגט מען זיך אויף די ירידן,
אין קלויז איז ער אַ באַלעבאָס — באַווייזט ער.

געלאָסן חשבונט שוין דער גבאי פינקל,
וואָס וועט די „קערה" איינברענגען דאָס יאָר, —
וואָס יעדער דאַוונער טראַכט דאָרט אין זיין ווינקל,
איז, אָסור, אויב דאָס קימערט אים אַ האָר,
באַצאָלן לאָזט ער פיין זיך פאַר אַ מפטיר, —
ער שאָקלט קאָלט זיך ווי אַ פּומפּעדיקל,
די שלעפער האָט ער אין דער ערד ביין קלאָפּטער, —
און אויף די ליפּן זיך אַ שמייכל וויקלט...

נאָר לייב, דער פריילעכער בית־עולם־גייער,
וואָס עסקנט זיך ביי איטלעכער לוויה,
לויפט איצט פון „שטאָט" צו „שטאָט" באַשעפטיקט דרייער,
ווי ער וואָלט ביי אַ בר־מנין געשמייעט.
דעם „פּאַסער" חנפעט ער: ר' באַלעבאָס,
איר לאָזט זיך ניט פון קיינעם איבערשטייגן, —

דער גביר בלייבט מיט אַן אָנגעשנעלטער נאָז,
און לייב באַוויזט בשתיקה אים צוויי פייגן.
דער גבאי אָבער וועט עס ניט דערלאָזן
דער „טמא" גאָר זאָל אָפּקויפן די „פּתיחה", —
דער מקח ווערט אַלץ העכער אָנגעבלאָזן.
דער „פּאַסער" גליט מיט טריפהנער רציחה.
ביז זיינע בנים האַלטן שוין ניט אויס.
אַ רעווע טוט דער בכור: „געגוג געגבאיוועט!"
און עמעץ שיסט פון הינטער־באַנק אַרויס:
„געגוג געגבאיוועט — געגוג געראַבעוועט!"
צינדט אַן זיך פינקעל ווי אַ טאָפּ מיט שמאַלץ:
— איר שלעפּער! — ליאַרעמט ער... עס ווערט אַ טומל,
דער „פּאַסער" רייסט זיך אויפן גאַנצן האַלדז, —
אַט האָסטו אַ מחלוקתל צום רומל.

„למנצח" —
צעווײנט דער רב זיך ביטער מיטאַמאָל,
דער עולם פאַלט אויף די סידורים: שופר! —
און איינגעשלונגען ווערט אין רעש דאָס קול
פון וואָכעדיקן קויפער און פאַרקויפער.

צו מוסף איז דער עולם אָנגעשפּאַנט,
ס'האָט אויסגעפּירט דער „פּאַסער" — זיינס איז „פּתיחה", —
דער גבאי שטייט דעם פנים צו דער וואַנט,
און די גבאות איז אים היינט ניט ניחא.

דעם טלית אויפן קאָפּ אַרויפגעצויגן,
דער „פּאַסער" ווערט מיט אײן מאָל איינגעהויקערט,
ער לאָזט צום ווינקל זיך, וואו איינגעבויגן
שטייט חיים שלאָסער פון כאור הבקר.
ס'איז חיים טויב פון ווייטיק צו דעם ליאַרעם,
ער שוידערט אויפן שוועל פון יאָר דעם נייעם,
און אין זיין טרערן־נעפּל איז אים וואַרעם. —
דער „פּאַסער" וועקט פון גליווער אים: „ר' חיים,
ניט איך בין ראוי עפענען דעם טויער
פון הימל... עפנט איר דעם אָרון־קודש,
איר זאָלט ניט וויסן מער שוין פון קיין טרויער
פון היינט דעם ערשטן טאָג אין ערשטן חודש,
און ווען איר וועט אַן עפן טאָן דעם אָרון,
האָט דאָן אויך מיר דעם זינדיקן אין זינען" — — —
דעם „פּאַסער" ווערגט... ער האָט די שטים פאַרלאָרן,
און טרערן פון די וואָנצעס זיינע רינען.

און אין דער אויסגעצירטער ווייבער־שול
איז ערב שטורעם — אָנגעשפּאַנט און שטיל איז,
ווי אין אַ נעסט מיט ווייסע טויבן פול...
עס האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין די תפילות
די גבירטעס מיט באַזילבערטע סידורים, —
איז קוקן זיי צעטומלט אויף מיין מאַמען,
אָט גייט „ונתנה תוקף״ — ס׳גייט דער שטורעם,
זיי קלייבן ענג זיך אַרום איר צוזאַמען;
אין ווינקל שטייט מיין מאַמע קליין און מאָגער,
און „זאָגט״ פאַר שכנהס, אַרום איר פאַרקליבן,
ווי גאָט געהאָלפן האָט דער דינסט־מויד הגר,
ווען שרה האָט זי מיטן קינד פאַרטריבן...

ווילנער האַרבסט

יום־כיפור ווען די קרומע שול־הויף־געסלעך,
פאַרטוליען צו די קלויזן זיך דערשראָקן,
מיט די טליתים איילן באַלעבעסלעך,
און זקנים שלאָנדערן זיך אין די זאָקן —
פאַרקלעמט נאָך שטאַרקער מיך די געטאָ־ענגשאַפט.
צו קאַלטער פּראַכט פון פּוילישע מלכים
און פירשן ליטווישע אַנטלויפט מיין בענקשאַפט,
מיין שאָטן גייט פאַראויס — און איך גיי נאָך אים.

איך בלאָנדזשע דורך די וועלדער פון „אַנטאָקאָל״,
און אויפן באַרג „די הייליקע דריי קרייצן״. —
די שטאָט, ווי זי וואָלט זיך אָן אויג פאַרשאָקלט,
פאַרטרערט איז, נעפּלען פון איר פּנים פּלייצן.
די חורבות די פאַרצייטיקע פון שלאָס־באַרג
צעגליען זיך אין בלעטער, הויך פאַרשאָטן,
דיביימער נאַקעט שרייען, ווי אין גלאָזוואַרג
אַ באַרוועסער וואָלט ראַש אַריינגעטראָטן...
עס פלאַקערט געל דער פּאַרק דער „בערנאַדינער״,
דער קלויסטער פון אַרויפגעשפּיצטן גאָטיק
איז פון אַ בינטל זונען־שטראַלן דינער,
נאָר דער אַריינגאַנג האַרבסטיק איז און בלאָטיק...
דער בעטלער ביי דער טיר פון „קאַטעדראַל״
קוקט אָן מיך פרעמד... איך שטיי אין די געוועלבן, —
אָט וועלן באַלד די קריסטן טאָן אַ פאַל
פאַר מיר, ווי פאַר דעם יעזוס־בילד דעם געלבן...
זיי הויבן אויף זיך פון די קני און שטרענג

באַטראַכטן די קאַטוילן מיך מיט חידוש,
זיי זעען ווי אויף מיר דער אַסיען הענגט,
און אַז די אויגן מײנע זײנען — יידיש...

די שקיעה טריפט צעשטאָכן פון קופּאָלן,
און קרייציקט זיך אויף צערקוועס פּראַוואָסלאַוונע, —
נאָר גלעקער קלינגען אויס די ווידערקולן
פון ענגע געסלעך יידישע וואָס דאַוונען — — — —
דער עלנט וואַקסט אין מיר... עס ווערט אַלץ שפּעטער,
עס וואַקסט אין מיר דער וויי־געשריי פון נעילה;
דורך אַנגעברויזטע קופּעס געלע בלעטער
פאַרקריך איך צו דעם טייך־ברעג פון דער ווילייע.
איך הער, עס ראַנגלען זיך מיט לעצטע כוחות
די דאַוונער... די קעפּ אין אָרון מיט געיאָמער,
אַוועקגעצויגן פלאַטערט דער פּרוכת,
דער טאָג פאַרגייט... קיין רחמים איז ניטאָ מער...
דער רב ביים עמוד האַלט איין דאָס געדראַנג,
אַ שמאָלער ווי אַ ליכט און בלייך פון פאַסטן,
ער גייט אַ מונטערער מיט אַ געזאַנג,
ווי ער געטראָגן וואָלט אַ צירונג־קאַסטן.
דער עולם האָט צו אים זיך אַנגעבויגן,
און וויל מיט אים אין פלאַקער זיך באַהעפטן, —
ווי אויף דער לעצטער סטרונע רייסט אַ בויגן,
דעם הימל רייסן זיי מיט לעצטע קרעפטן...
און איך שפּרינג אויף...
די נאַכט־שטאָט פלעמלט פרײדיק.
איך יאָג אַהיים... ס׳איז אונדזער שטוב — פאַרלאָדנט,
איך לויף אַריין אין ווייבער־שולכל — ליידיק,
אין מענער־שול — און ס׳נעמט אַ שוויס מיך באָדן...

אין פוסטער קלויז באַלויכטן פון נר־תמיד,
אָט דאָרט וואו ס׳איז מיין טאַטע יאָרן־לאַנג
געזעסן — שטייט מיין מאַמע שטיל און באַנג —
די אויגן — צוגעמאַכט, דאָס פּנים — גראָ־מיד.
זי קוקט מיך אָן, און מיט איר דינער האַנט
זי צערטלט מיך, ס׳לויכט אויף איר בליק דער פייכטער,
די ליפּן אירע ציטערן... און אויף דער וואַנט
עס ציטערן די שאָטנס פון די לייכטער.
זי שעפּטשעט אַ נאָך ניט דערזאָגטע תפילה,
ווי זי וואָלט אויסגעלייזט מיין כמאַרנעם שטומען:
— „איך בעט ביים טאַטן דיינעם איצט מחילה,
וואָס דו, מיין זון, האָסט ניט זיין אָרט פאַרנומען.“

אויפן בית-עולם

פאַרשליידערט אין דעם אַנדערן עק וועלט,
מיך רייסן אויף פון שלאָף באַגינען — גוואַלדן,
איך זע מיין מאַמען בלאָנדזשען אויפן פעלד
צום קבר וואו מיין טאַטע ליגט באַהאַלטן.

אומזיסט האָט זי איר קאָפּ אַריינגעלייגט
אין ספרים־שאַנק, מיט שפּינוועבס אַ פאַרוועבטער,
די איינבונדן מיט טרערן דורכגעווייקט:
„— אָ, ענטפערט מיר, מיין זון וואו איז, צי לעבט ער?״
אומזיסט האָט זי די בענטש־לייכטער געפרעגט,
ביי פרומע שטערן מוצאי שבת קודש, —
אַ שוידער האָט פון שלאָף זי אויפגעוועקט,
געצאַנקט האָט די לבנה פון סוף חודש.
האָט זי זיך אויף איר בעט צונויפגעדרייט,
און קוים דערוואַרט דעם אלולדיקן זונטיק, —
אין האַרבסטיקן פרימאָרגן־גרוי זי גייט
צום פעלד, וואָס איז מיט ביינער דורכגעגרונטיקט.

זי וואַקלט דורך אַלייען פון געשטיין,
ווי דורך אַ מירמל־שטאָט אַ חרוב אַלטע,
נאָר אויפן מירמל פאַלט ניט איר געוויין,
מצבות גליווערן פאַרפרעמדטע, קאַלטע.
דערוועגט זיך קוים, די אָרעמע, צו טרעטן
פאַרביי די דענקמעלער מיט כתב באַגילט,
און קברים מיט באַזילבערטע שטאַכעטן,
אין טוך די דאַרע אַקסלען איינגעהילט.
זי שטייט צעווישן די געשניצטע זיילן
און קוקט ווי פון אַ כישוף אַ פאַרפירטע,
אַ פרעמדקייט גלאָצט אויף איר... זי נעמט זיך איילן,
ווי פון אַ קאַלטן פיר־הויז פון אַ גבירטע.

עס ווערט איר היימישער, עס ווערט איר וואַרעם,
ווען זי דערגרייכט די שטיבלעך פון גאונים,
אַן „אוהל״ קוקט אויף איר מיט גרויס דערבאַרעם,
זי פאַלט צום טאָוול צו, פאַרטרויט איר צער אים,
און לייגט צו נאָך אַ שטיין ווי נאָך אַ קרוין אים.
זי וואַקלט ווייטער — און מיט יעדן שפּאַן
וואָס נענטער צו דער ניט געצאַלטער קרקע,
וואו ס׳ליגן אירע קינדער און איר מאַן,
דערפילט זי ווי אַ יולדת קראַמפּן שטאַרקע.

אַריבער איז זי שוין די הויך פון באַרג —
די רייכע מתים־שטאָט אין שטיין געטורעמט;
איצט קריכן אין דער נידער קאָפּ אויף קאַרק,
מציבות אומגעוואַלגערטע און קברים,
צעלייגטע, שפּל ווי ביים לעבן, אָרים,
און האָרכן ווי עס ווילדעוועט דער שטורעם.

דער שטורעם וואָיעט ווילד — און ווייט אַרום
דעם פּאַרקאָן דעם געפּאַלענעם, אין וואַלד,
הילכט אָפּ מיט אַ געיאָמער און געברום
מיין מאַמעס אויפגעריסענער געוואַלד:
„— וואו ליגסטו דאָ מיין עופהלע, מיין קינד?
האָסט אויסגעברענט אין קעלער דעם פאַרמאַכטן,
ווען איך בין אומגעלאָפן, ווי אין ווינד,
צו בעטלען פאַר דיין טאָטן, דעם פאַרשמאַכטן.
אויך דו מיין מיידעלע מיט שוואַרצע לאָקן,
בת־מלכה אין אַ קעלער אויפגעצויגן,
דיין כישוף האָט מיין אָרעמקייט דערשראָקן —
אַ שוואַלב איז אין מיין שטוב אַריינגעפלויגן;
אָן אויסגעגאַנגענע שוין אין מיין שויס,
האָסטו ניט צוגעמאַכט די אויגן דיינע,
געוואָלט האָסטו, עס זאָל אין אונדזער הויז
אויך נאָך דיין טויט — דיין חן און שיינקייט שיינען.“

די קליידער אירע פלאַטערן, ווי ראָבן
באַפאַלן וואָלטן זי מיט אַ געקראָקע, —
ביז זי דערטאָפּט אַ שטיין האַלב־איינגעגראָבן,
דער רעגן האָט זיין שריפט שוין אָפּגעשאָבן,
ער טאַרטשעט ווי אַ טויטער שאַרבן נאַקעט,
און פרירט, ווי ער אין זיך וואָלט איינגעפראָרן
דער מאַמעס טרערן נאָך פון פאַראַיאָרן...
זי גראָבט אין פייכטן בערגל זיך אַריין,
די וואָלקנס לאָזן זיך אויף איר אַראָפּ,
זיי וויקלען זי אין וואָל מיט ליבשאַפט איין,
און באַרמהאַרציק גלעטן זיי איר קאָפּ.
זי רירט קיין גליד ניט, ווי זי וואָלט פאַרמישט
איר בלוט מיט דעם וואָס ליגט דאָ איר צוקאָפּנס, —
ווי נאָך אַ קבר אָנגעשאָטן פריש
זי ליגט פאַרשטאַרט און אויף איר פנים טראָפּנס.

עס דריבלט זיך איר לעבן אין איר מוח,
גלייך ווי אַ כמאַרע וואָלט זיך אויסגעדריבלט:
דער טאָג פון זייער חתונה איז גרוי אויך —

דער נפטר זאָל ניט האָבן קיין פּאַראיבל
אַרויסגענומען האָט ער זי פון אַ געוועלבל,
אין קלייט האָט זי געווינטערט און געזומערט,
געטאַנצט האָט זי ניט קיינמאָל ווי אַ קעלבל,
אויך מיידלוויז געווען איז פּוסט אַרום איר.
אַ חופּה האָט געשטעלט מיט איר אַן אלמן,
פאַרשעמט האָט זי אויף זיינע זין געקוקט,
ווי ער וואָלט זי געבראַכט פון דעם בית־עלמין — — —
זי האָט זיך נאָנט צום שראַנק ניט צוגערוקט,
וואו ס'זיינען נאָך געהאַנגען יענערס קליידער...
נאָר ווען איר מאַן דער שטרענגער האָט געלערנט
מיט די תלמידים אַרום טיש אין חדר,
געשיינט האָט איר דער „אלף בית" ווי שטערן.
פּאָר פרעמדע לייט פלעגט זי די טיר פאַרשליסן,
און זיינע גרויסע זין די קעפּ געצוואָגן, —
זיי פלעגן אין די בריוו זי לאָזן גריסן,
ווען ס'האָט זיי קיין אַמעריקע פאַרטראָגן.

אין נאָענטן וואַלד צערוישן זיך די ביימער,
מיין מאַמעס פּנים איז פון טרערן פייכט,
דער ווינט קלאַפּט אין די קברים ווי אַ שומר,
דאָס בערגל אָטעמט, ווי עס וואָלט געפרייכט
דער מת... איר האַרץ רינט אויס אין גרוב ווי בליי,
און זיס איז איר און וואַרעם איז איר טרער איצט;
זי האָט צו אים געבוירן קינדער דריי,
און נאָכגעגאַנגען אים מיט דרך ארץ.
און אומגעריכט זי טוט אין זיך אַ שמייכל:
„— מיין ליבשאַפט און מיין גרויסן זיך זיי מוחל".

נאָר ס'האָט פון אים דאָס גליק זיך אָפּגעקערט,
אַ קראַנקהייט האָט אין אים זיך איינגעזשאַווערט,
זי האָט ניט מער ביים חדר־טיש געהערט,
ווי קינדער זיינען הויך די סדרה מעביר, —
ער האָט געשוויגן פינצטער און געהוסט,
און בלויז זיין באָרד געוואָרן איז אַלץ העלער,
זיין הוסט געשטאָכן האָט איר דאָרע ברוסט, —
אַראָפּ איז זי פון גאָרן אין אַ קעלער.

אַ שטיבל אָן אַ פענצטער האָט מען זיי
פאַרדונגען, אַז איר מאַן זאָל זיין אַ וועכטער;
די מידע פוס־טריט זיינע פונעם שניי
געשלעפּט האָט ווי געליימטע אין די נעכט ער.
האָט זי זיך מיט אַ שטריק אַרומגעשטייפט,

אַרויס דעם מאַן פאַרבייטן אויף דער וואַרטע, —
ער איז פאַרכמאַרעט אויף אַ ברעט אַ האַרטע
געלעגן — און די לונגען אויסגעפייפט,
נאָר פאַרן טויט האָט ער געטאָן אַ זאָג:
— זאָלסט מאָרגן פרייטיק מיך צו קבורה ברענגען,
זאָלסט רו האָבן דעם שבתדיקן טאָג".
און ער האָט אָפּגעקערט זיין בליק דעם שטרענגן.

זי הויבט זיך אויף מיט שטעכיק שטאַרע קני,
און נעמט זיך איבער דער מצבה וויגן,
אַ זינדיקע פאַרלאָזענע איז זי, —
פאַרגייט זי מיט אַ זאָגעוודיקן ניגון:
— זיי מוחל, אפשר האָב איך דיך פאַרזען,
זיי מוחל, וואָס איך האָב דיך ניט פאַרשטאַנען,
זיי גוט — ווי כ׳בין צו דיינע זין געווען —
צו מיין בן יחיד וואָס איז ווייט פון דאַנען.
אָן אים בין איך אַן אָפּגעמעקטער טאָוול,
אָן אים בין איך, אָ, גאָט, אַ טויטער שאַרבן,
מיין וואָך איז פוסט, מיין שבת איז פאַראבלט,
באַשירעם אים כ׳זאָל זען אים פאַר מיין שטאַרבן".

באַרואיקט דרייט זי אין איר טוך זיך איין,
זי שלעפּט זיך קוים פאַרביי די פאַרקאָן־ברעטער,
און פון די אויגן אירע מילדער שיין
באַשטראַלט מיך — ווייט פינף טויזנט קילאָמעטער,
איר פיין וויגט אויס פון מיר צוריק אַ קינד,
כאָטש איך האָב אַ שטיק וועלט שוין דורכגעוואָגלט;
די טרערן אירע ברענען אויפן ווינט,
און טרינקען אָן מיר ווי אַ וואַסער־לאָגל.

דער מאַמעס טויט...

א

... מיין זון, לאָז זיך פירן פון מיר אויפן שליאַך
וואו מיר די פאַרמשפּטע זיינען געגאַנגען,
און מיר וועלן גיין אַרום דיר ווי אַ וואַך,
אַז דיר זאָל דער גורל דער זעלבער ניט פאַנגען,
פאַרמיש זיך עס זאָל דיך ניט קיינער דערקענען,
וועט דאַן אונדזער ליכט אויך אויף דיין פּנים ברענען.

אַליין האָבן מיר זיך געהייליקט ווי כרובים,
מיר טראָגן אַזוי ווי דעם כסא הכבוד
אַ זקן... מיר טראָגן מיט זיך צו דער גרוב אים,
און שלעפּן די פיס ווי אין קייטן געקאָוועט.
דער גוף איז שווין מיד, ווייל מיט ערד זיך באַהעפטן,
נאָר לאַנג ציען אויס זיך די שפּאַנען ווי מיילן, —
דערבאַרעם זיך פאָטער אין הימל, גיב קרעפטן,
מיר זאָלן אַליין צו דעם טויט זיך ניט איילן...
געזאָגט האָט דער תלין: „ווער ס'האָט אייך ביים לעבן
געפירט, זאָל אייך איצטער צום קבר דערפירן", —
מיט אונדזערע לייבער מיר שיצן דעם רבין
זיין נאַקעט געפּייניקטער גוף זאָל ניט פרירן;
דערוואַרעמען וועלן מיר אים מיט די אָטעמס,
ביז מיר וועלן ברענגען צום טראָן־שטול פון גאָט אים.

דער רבי זאָגט... „הנני מוכן ומזומן,
מיר האָבן קבלה פון אונדזערע זיידעס,
אַז ווער ס'איז אויף קידוש השם אומגעקומען,
דער פילט ניט אַפילו אין פלאָם קיין יסורים" — — —
וואו ווילסטו אַנטלויפן, מיין זון, פון דער עדה?
גיי נאָך דעם פאַרפייניקטן, גיי נאָך און שפּור אים.
מיר רופן דעם טויט ניט אויף איין רגע פריער,
דעם זקן דערלאַנגען מיר וואַסער, ווי זינגער
וואָס גיבן די כהנים וואַסער פון כיור,
און וואַשן מיט ליבשאַפט דעם רבין די פינגער — — —
וואָס רייסטו דייך פּנים, מיין זון, מיט די נעגל?
פאַרשוועך ניט דעם שליאַך וואו מיר זיינען געגאַנגען,
הלוואי זיי אין לעבן אַזוי עולה רגל —
ווי מיר צו דעם אומקום... עס רוישן די זאַנגען,
ס'איז ליב אונדז די ערד כאָטש נאָך איין מאָל באַטרעטן,
מיר זעגענען זיך מיט דער וועלט, מיט די גראָזן, —
און עמעצער האָט זיך אַרונטערגעלאָזן,
ווי ער וואָלט פאַרשפּרייט אונדזער וועג מיט געבעטן...

און ווידוי מיר זאָגן... „זיי פאָטער אונדז מוחל.
די זינד... זיי ניט בודק אונדז זיבן מאָל זיבן.
ווייל מיר זיינען טיילמאָל געוואָרן געשטרויכלט, —
נאָר טריי זיינען מיר אונדזער אָפּשטאַם געבליבן,
און וואָרהאַפטיק זיינען מיר איינער דעם צווייטן,
ווייל איטלעכער קדוש וואָס שטאַרבט אַן אַ נאָמען,
אַליין אָנגעטאָן האָט אויף זיך דיינע קייטן
פון טריישאַפט און ליבשאַפט אין אייביקייט. אמן".

זאָג „אמן״ מיין זון, פאַרגעדענק אונדזער ווידוי, —
איך ווייס, אַז עס קאָכט אין דיין האַרצן אַ שטורעם,
דו זעסט נאָר די גרויסקייט אין פלאַם פון מרידה.
און ניט אין פאַרדבקהטן טויט מיט יסורים — — —
אָ, ווער האָט דיין האַרצן מיט שקר פאַרדאָרבן,
צו מאָנען ירושה און ווען בלויז אַרבן
די גבורה פון העלד, ניט דעם צער פון דעם קרבן?
זיי וויסן, דער מוט אין געראַנגל צו שטאַרבן,
דער פלאַקער — איז אונדזער פאַרבאָרגענער פלאַקער,
דער כוח — איז אונדזער פאַרמאָסטענער אָרעם,
מיר האָבן אייך קינדער אין האַרצן פאַראַקערט
דעם גלויבן... ווען מיר זיינען ביז צו די קברים,
ווי איבערגעבעטענע ברידער געקומען,
און כורעים געפאַלן ווי פאַר דעם מזבח,
און ווען ס׳האָט דאָס בלוט שוין געברענט אויפן גומען,
מיר האָבן געזונגען: — „עלינו לשבח״...

ב

מיין זון, איך פיר אַצינד דיך צווישן הויכע בערג.
פאַרמרהשחורהט גליווערדיק זיי שטומען,
ווי דער באַשעפער צו זיין ניט פאַרענדיקט ווערק
פון בראשית־צייט — פאַרגעסן וואָלט צו קומען.
דאָ האָט ניט משה זיין נשמה אויסגעהויכט,
און גאָט האָט דאָ זיין תורה ניט געגעבן, —
דאָס זיינען מענטשן... און ניט לאַנג האָט נאָך געטויכט
אין זייערע שוואַרצאַפּלען ליכט פון לעבן.
פון וואָלקנס קוקן זיי פאַרטרויערטע, געהיים,
די היימען אונטער חורבות זיי דערקענען —
ס׳איז ניט געווען זיי קיין באַהעלטעניש די היים,
איז ווילן זיי ניט נאָנט צו איר געגענען...
און אין דעם מדבר וויט זיי נידערן אַראָפּ,
די שאָטנס זייערע צום הימל גרייכן.
זיי טורעמען זיך קאַרק צו קאַרק און קאָפּ צו קאָפּ,
פאַרשטיינערטע אין שטערן־שיין אין בלייכן.

דערנענטער זיך צום זקן מיט דעם זילבער־קאָפּ.
מיין זון, דאָס איז דער ראש פון אונדזער עדה,
זיין קאָפּ זינקט אויף זיין ברוסט שוין גרייט צום גזר אַראָפּ.
ער איז אַליין דער באַרג פון דער עקדה.
דער תליון האָט געטאָן מיט אים דאָס גרויסע גנאָד,
און אים דערלויבט — זיך לעבעדיק באַגראָבן, —

דער זקן האָט געזאָגט, אים איז פאַר גאָט אַ שאָד
זיין גוף זאָל זיין צעלעכערט און צעשאָבן,
ווי זיין נשמה וויל ער אויך זיין קערפּער גאַנץ
צוריקגעבן זיין האַר — ווי אַ פּקדון...
און אָט אַזוי ווי אין אַ שמחת־תורה־טאַנץ
איז ער אַריינגעזונקען אינעם באָדן.
דערנענטער זיך מיין וואַקלדיקער זון צו אים,
און מיט דיין האַרץ פאַרנעם די תפילה זכה,
וואָס ער געזאָגט האָט מיט אַ יום־טובדיקער שטים,
ווען ער איז ביי דער גרוב געשטאַנען נאַקעט.

„איך ברענג דיר אָפּ מיין גוף, ווי יוספס זיידן העמד
דעם טאַטן יעקב האָבן אָפּגעבראַכט די ברידער,
נאָר ניט פאַרבלוטיקט ברענג איך אָפּ עס פון דער פרעמד,
צום משפּט דיינעם שטעל איך זיך מיט גאַנצע גלידער.“

„מיין גוף וואָס איז געוועזן שווער פון צופיל לייב,
האָב איך געלייטערט דורך דיין תורה ווי דעם פלאָם אויף דעם מזבח,
אויף דיין פאַרזאָג האָב איך גענומען זיך אַ ווייב,
און אין דיין נאָמען צו דער הייליקער עקדה גיי איך.“

„און זיי מיר מוחל, גאָט, די גאווה מיינע:
איך וויל, אַז קיינער זאָל מיר ניט אין פּיין אַריבערשטייגן, —
און ווען איך וועל פאַר דיין געפּייניקט פאָלק ישראל טענהן,
זאָלסטו ניט אַ דערצערנטער מיר הייסן שווייגן,

ווייל עמעצער האָט מער פון מיר געליטן — — —
איז לאָז מיר דורכגיין אַלע דיינע האַרבע שטראָפן,
און זיין זאָל עס אַ זכות פאַר די וואָס דער גזר־דין האָט זיי געמיטן,
און ווי פאַר מיר די גרוב—זאָל זיין פאַר זיי דיין רחמים אָפן“.

„אויך ווען איך גיי דורכן פינצטערן טויט,
האָב איך ניט קיין אימה, ווייל דו ביסט מיט מיר, —
אַליין האָב איך זיך ווי אַ טורעם געבויט
און צי זיך פון קבר צום הימל — צו דיר“.

„דו האָסט מיר דעם סוד פון דיין לערע פאַרטרויט,
וועסטו אויך אַריינעמען מיך אין דיין שויס, —
אַ פאָדערהויז איז מיר דער פינצטערער טויט,
און דו עפנסט אויף מיר די טיר פון דיין הויז.“

„אין קבר איך ברען ווי אין אויל ברענט אַ קנויט,
איך זינק און איך פיל גאָר די ערד אויף מיין קאָפּ,

איך טראָג דורך די ערד דורך דעם פינצטערן טויט,
און לייג זי צופוסנס דיין טראָנשטול אַראָפּ".

ג

אָ, גאָט, וואָלסטו אונדז אַ בית־עולם פאַרגונען,
מיר וואָלטן אַרונטערגערוישט פון די צווייגן,
און דו וואָלסט, מיין זון, דיין אבלות פאַרשפּונען
אין אונדזער פאַרסודעט און טרויעריק שווייגן.
נאָר אַש בין איך, קינד מיינס, אויף פעלדער, אויף ברעגעס,
און רופסטו מיר — ווירבלט מיין שטויב זיך צוזאַמען,
פון אַלע פיר זייטן איך קום אין איין רגע,
אַז פאַלן זאָלסטו אויף די הענט פון דיין מאַמען. —
און גרייט בין איך אַפּטמאָל דיין שוואַקקייט צו שעלטן,
ווייל איך מוז דיר זוכן אין נאַכט און געוויטער,
און אַלע פאַרגאַנגענע חרובע וועלטן
אין מיינע צעשויבערטע האָר שרייען ביטער.
קוק אויף מיין געשטאַלט... בלויז געלענקען און קנאָכנס,
אַ שרעק־בילד פון ביינער... אַ בשורה פון אימה, —
פאַר דיר אָבער בין איך דער לעצטער בטחון,
אַ בת־קול וואָס רופט פון די חרובע היימען.
עס זיינען די נעכט דיינע — שוויסיקע העמדער,
און שלעפּסט מיט דיין הויט זיי אַרונטער פרימאָרגן,
געבליבן ביסטו אין אַ וועלט אין אַ פרעמדער, —
ווי קען איך פון דיר אין אין־סוף זיך פאַרבאָרגן?
דער יאוש איז גרויס און קען ברענגען צו טירוף,
גיטאָ מער די עדה וואָס האָט דיר געהאַלטן,
און רייסטו אין נאַכטיקער עלנט דיין טיר אויף,
קענסטו אין דעם אָפּגרונט פון חשכות אַ פאַל טאָן...
דעריבער באַווייז איך אַזוי דיין ירידה,
זי איז פון אַרומיקן חורבן אַ צייכן, —
און בלויז מיינע אָרעמס די אָפּגעשוואַכט־מידע,
זיי האַלטן דיך אונטער אַ ברעג צו דערגרייכן.
אַ לעבן לאַנג האָב איך די טרערן געשלונגען,
און האָב אויסגעבעטן ביי גאָט אין די תפילות:
מיין זון זאָל אַפילו דורך פּיין זיין געצוואונגען
צו אויסוואַקסן גרעסער ווי ער אַליין וויל עס.

איך ווייס, ס'איז פאַרבלוטיקט דיין האַרץ, ווי די קליידער
וואָס הענגען צעפליקט אויף מיין לייב דאָס פאַרבלויטע, —
איך ווייס, ס'איז אַ בריק פון צוויי וועלטן דיין חדר,
און איבער דעם בריק גייען מחנות פון טויטע,

און דו מוסט אַריינקוקן אין די געזיכטער,
און שרייען ווילסטו — נאָר דיין שטים איז געקוילעט,
און ס׳ווערט דער געדראַנג אַרום דיר אַלץ געדיכטער,
און חודש נאָך חודש באַנייט זיך דער מולד —
און ס׳איז נאָך דער טויטן־גאַנג אַלץ ניט פאַרענדיקט,
מיט אָפענע אויגן זיי ציען אין שווייגן —
און זעען דיך ניט... נאָר זיי וואַנדערן שטענדיק,
אַזוי ווי פאַרמשפטע דיך צו פאַרבייגיין...

דו ליגסט אַ געליימטער מיט הענט אויסגעשפרייטע,
דער פיין האָט דיך אויף דיין געלעגער פאַרגליווערט, —
געאיילט האָב איך זיך אין דער נאַכט אַ פאַרווייטע,
און זע, ס׳איז מיין זון שוין — אַ זקן אַ סיווער.
איך שפרייט אויס אויף דיר מיינע וואונדיקע גלידער,
און אויגן צו אויגן און שטערן צו שטערן,
וועל איך מיט מיין אָטעם דערפרישן דיך ווידער,
איך זויג אויס דיין פיבער און גרינג וועט דיר ווערן.
אויב דיר פעלט אויס כוח דיין מאַמען צו טרייסטן
מוז איך האָבן קראַפט דיך צו מונטערן, וועקן.
און וויפל, מיין זון, זאָלסט אַליין זיך ניט בייז טאָן,
וועט אַלץ מיין צעלעכערטער גוף דיך פאַרדעקן.

זיי גלויביק, מיין זון, נעם צונויף דיינע קרעפטן,
איך האָב מיט מיין מילך דיך אויפסניי אָנגעטרונקען,
אַז קענען זאָלסטו מיט דיין פאָלק זיך באַהעפטן,
איך ווער אין דיין גוף, אים צו שטאַרקן, פאַרזונקען.
מיין לעבן האָסטו אין געזאַנגען פאַרקנאָטן,
מיין אומקום — באַוויינט אין געפייניקטע שורות,
אַז איך זאָל ניט אומוואַגלען שטום ווי אַ שאָטן,
האָסטו מיך אין לידער געבראַכט צו דער קבורה.

א. סוצקעווער

צו פוילן

א

די עלטערע שוועסטער פון היימערד פון מיינער!
עס וואַגלט אויפסניי דיין פאַרבענקטער ציגיינער.
און זוך דעם געררוך פון געוועזענעם רעגן,
און זוך דעם געררוך פון געוועזענעם רעגן,
די פאַרבן פאַרקלעפּט און פאַרלעבט אין מיין חלום,
דיין הימל, וואָס איך האָב געטרונקען אַמאָל אים
צוזאַמען מיט פייגלגעזאַנג און לעגענדע.
אין פוילן איך זוך דיך... נאָר וואָס איז געשען דאָ?
דו ענטפערסט מיר ניט אויף דיין שפּראַך, וואָס געזויגן
האָב איך ווי דעם בליאַסק פון באַפליגלטע אויגן
אין ערשטער פאַרליבטשאַפט. מיצקעוויטשעס לשון
באַגעגנט מיך שטויביק, זיין גלאַנץ איז ניטאָ שוין.
ס׳איז ניט ווי אַמאָל ווען געקלונגען האָט גרויס עס
צוזאַמען מיט יידיש. — קרישטאָלענע כוסות
וואָס קלאַפּן זיך צו איינס דעם צווייטן לחיים.
כאָטש ליב האָב איך דיינע פּאָעטן עד־היום
און וויפל עס זאָל מיך ניט וואַרגן דער יאוש —
דערפרישט מיך דער זוניקער קוואַל פאַן טאַדעאוש.
די וועלדער אין היימישן באַדן פאַרקערנט,
די מענטשן וואָס ער האָט זיי לעבן געלערנט
און ס׳נאַגט זייער בענקשאַפט אין יאַנקלס קאַפּעליע.
און ליב איז מיר אויך דער פּאָעט פון אַנהעלי,
זיין גוף — אַ געפלעכט פון פאַרכישופטע פליטן
וואָס הילכן גאָר אָפּ מיט צעקלימפּערטע קייטן —
די קייטן אויף ברידער אין אייזיקן צפון.
אויך נאָרוויד, וואָס זינט כ׳האָב געזען זיינע סטראָפן
אין פוקערס טרינקאַרניע, פאַרקריצט אויף דער אַלטקייט
פון פורפּלנע ווענט — האָט אויף מיר די צעקוואַלטקייט
פון זיינע משיחישע נעכט אויפגעפּלעמלט,
אַז איך האָב געקניט און באַזונגען אים דעמאָלט.
ביז איצטער באַגלייט מיך דורך אַלע ירידן
זיין ליד, וואָס ער הייליקט די וואַרשעווער יידן.

בין מוחל אַפילו און האָב ניט קיין טענה
צו זיי, דיינע זינגער, די שטאַמלינגען מיינע
פאַרליבט אין דיין מיאוסקייט ווי אין דיין שיינקייט,
זיי וואָיען ווי הינט צווישן וועלף אין אַליינקייט.
נאָר וויפל זיי האָבן געפּרואווט זיך פאַרוואָלפן —
האָט אַלץ ניט געהאָלפן, האָט אַלץ ניט געהאָלפן.
בין מוחל! צי וואָלט דען ווי ליעשמאַן, למשל,
באַזונגען אַ צווייטער דיין בלימל, דיין פּראָשל?
די זון, וואָס דער אָוונט צעבלאָזט אין פּמליות,
אַ לאַנקע דערטרונקען אויף יענער זייט כוואַליעס
און ברעזעס, וואָס טאַנצן אין חלום ווי כרובים?
פאַרמאָגסטו אַ צווייטן ווי יוליאַן בן טובים?

נאָר ווער האָט די וואונדיקע סתירה פאַרענטפערט?
עס זיינען דעם הפקר נאָך איבערגעענטפערט
די אַקאַרשט באַפרייטע. זיי וואָגלען פאַרגאַלטע
און כאַפּן זיך אָן ביי די שטידלען די אַלטע
פון זייערע היימען. (אַזוי ווי פאַרצייטנס
געיאָגטע, וואָס זיינען פון נאָענט און וויטנס
דערלאָפן צום מישכן אויס ריינגאָלד געהאַמערט
און דאָרט זיך ביים ראַנד פון מזבח פאַרקלאַמערט).
כאָטש דערנער פאַרבייטן די ברידער, די שוועסטער,
אין דיינע פאַרספּעטע, חרובע נעסטער.
נאָר אַנשטאָט מיט ברויט און מיט זאַלץ און מיט ליבע,
פאַרשטיי איך ביז היינטיקן טאָג ניט די סיבה
אַלמאי זיי באַגעגנט גאָר זייטלדיק־ביטער
דער פאַליאַק, וואָס האָט דאָך געשמט פאַר אַ ריטער.
קומט אויס, אַז מיט הונדערט יאָר פריער דיין נביא
געווען איז גאָר בלינד, ווי אין טאָגליכט אַ סאָווע
ווען ער האָט אין גלות געשאַפן לעגיאָנען
פון פוילישע יידן מיט פוילישע פאָנען?
טאָ וואָס איז געשען מיט זיין אייניקל, וואָס זשע?
סמוטנאָ מי, באָזשע!

ב

דאָס ווייסל פון אויג איז געווען מיר דיין ווייסל!
און וויפל געטרער האָט געשטראָמט פונעם ווייסל
אין וואַסער אַריין דורך די דורות געשליפן? —
און אויבן — די שיפן, די גילדענע שיפן.
אַ, ברעגן בייטייכיקע פאַרביק און ראַשיק
וואו חתונות ווירבלען אַרום שלום אַשיק,

וואו ס'פינקלען נאָך בענטשליכט אין באָבעשע לייכטער,
וואו גוישער ווינט איז אַ יידישלעך־פּיכטער!
מיין שטאָם האָט מיט גלויבן די וואָרצלען געלאָדן
ווען ער איז אַריין אין דיין פּרוכטיקן באָדן.
פאַר דיינטוועגן האָט ער געשאַפן, געמייסטערט,
אין יאָרן פון קנעכטשאַפט — דערהויבן, באַגייסטערט.
די ליבשאַפט צום אייגנלאַנד האָט ער פאַרביטן
אין ליבשאַפט צו דיר און אין איינעם געליטן,
כאָטש ער האָט זיך כלומרשט פאַראינדזלט באַזונדער.
מיין שטאָם האָט אַריבערגעפלאַנצט דאָ אַ וואונדער
געבראַכט פון באַרג סיני, דורך מדבר, נביאים — — —
און דאָס האָט, קען זיין, דיר געגעבן אַ קיום
אַז דו ביסט געוואָרן געגרייסט און געווייליקט,
אַז דיך האָט קיין צאַר און קיין האַר ניט פאַרטיליקט.
און די, וואָס דיך האָבן געבויט און געקנאָטן, —
זיי זיינען געבליבן פאַרקליינט אין אַ שאָטן, —
אַ הילצערנער קראַנץ פון בית־עלמנשע ברעטלעך.
דערפאַר האָבן שטעט זיך געטורעמט און שטעטלעך.

באַדאַרף מען דען זאָגן אַ דאַנק צווישן ברידער?
עס האָבן זיך איבערגעפלאָכטן די לידער
פון פּויליש מיט יידיש, פון יידיש מיט פּויליש.
און כאָטש דיין גלין־גלאָן האָט געשראָקן קאַטויליש —
האָט ער מיט אַ תפילה באַרירט זיך צוזאַמען,
ווי צווייגן פון צוויי גאָר באַזונדערע שטאַמען
באַרירן זיך קעגן אַ זונפאַרגאַנג ביידע.
אַ טעות געהאַט עס האָט אָבער מיין זיידע
און איך שוין אַוודאי. צי ערסטו מיין ריידן?
צי ווייסטו מיר קענען אויף אַלעם באַשיידן?
דו קרויז, וואָס דיין איידלשטיין האָט אין פאַרנאַכטן
פאַנאַנדערגעשימערט פאַרגאַנגענע פּראַכטן.
צעשפּרודלטער קוואַל פאַר בונטאַרן, פאַר בעשט"ן
ווי לעשט'ן דעם דאָרשט פון די דורות, ווי לעשט'ן?
איך האָב דאָך געמיינט: די מלחמה פאַרענדיקט
וועט זיין אויך די פינצטערע שנאה געבענדיקט.
אַ רויז טויזנטבלעטערדיק וועט אויף רואינען
אַרויסבליען ווידער אַ פרישן באַגינען.
דער יידישער לייב און דיין אָדלער — די שכנים,
געשמידט אויף די קופּער־מנורות אינאיינעם,
זיי וועלן געוויס מיטן אויפשטראַל דעם זעלבן
באַלייכטן די קברים, דעם טרויערס געוועלבן.

מיר וועלן צונויפזאַמלען ווילן צו ווילן,
און אונדזערע וואונדן די ווייסל וועט קילן.
די שטעט וועלן אָפּוואַקסן — ציגל אויף ציגל,
אַ שויב וועט אַ פּאַך טאָן אויפסניי ווי אַ פליגל,
און גלייך מיט די שטעט וועלן דאַרלען זיך קינדער.
נאָר האָב איך אַ רעכט עס צו גלויבן אַצינדער?
טאָ וואָס איז געשען מיט דער ברודערשאַפט, וואָס־זשע?
סמוטנאָ מי, באָזשע!

ג

איך ווייס, ביסט ניט שולדיק, וואָס פיינדלעכע האָרדעס
דיך זיינען באַפאַלן, ס'איז איטלעכן קלאָר דאָס.
און האָט דיך דער בלוטפיינד געפליקט און באַליידיקט, —
האָסטו זיך פאַרטיידיקט, די בירגער פאַרטיידיקט
אין וועסטערפּלאַט, קוטנע. צי וועסטו דערקענען
די בערגלעך און זייערע וואוינער ווער זיינען
פאַליאַקן צי יידן? ווי קען עס געמאָלט זיין!
זיי זיינען געפאַלן דייך אָדלער זאָל שטאָלץ זיין.
נאָר קוים האָט פאַרקנעכט דיך דער קנעכטישער שונא —
האָסטו שויןביים טרייבן די יידן אין בוינע
אַ שרעקלעכע פרייהייט באַקומען ווי קיין מאָל
און האָסט אויפן פייער געגאָסן נאָך ביימל.
נאָר איך האָב געפּרואווט זיך אַליין צו באַצווינגען
איך זאָל וועגן דאָזיקן אמת ניט זינגען.
פאַר מיר האָבן איינציקע העלפער און רעטער
אַריבערגעוואויגן פיל טויזנט פאַררעטער.
אין זכות פון דעם איינציקן בין איך געקומען
דיך ווידער צו ליב האָבן מוכן ומזומן.
אין זכות פונעם פאַסטעך, וואָס האָט אין אַ נאָרע
באַהאַלטן דאָס מיידעלע רויזנוואַלד שרה.
איר יאַגדעס דערלאַנגט אין איר אויסגעשטרעקט הייפל
און שפּילן ער פלעגט אויך ניט ווייט אויף זיין פייפל
איר זאָל אין דער פוקסענער נאָרע זיין היימיק.
(אַצינד האָט זי אים שוין געשריבן פון עמק)
אין זכות פונעם סטראָזש, וואָס האָט אונטערן בנין
אַוואו די געסטאַפּאָ באַהאַלטן אַ מנין.
אין זכות פון אַמאַליאַ, דער טייערער נאָבע,
וואָס האָט פאַרן געטאָ געבראַכט אַ מתנה
אַ זעקל מיט פּולווער. אין זכות פון אַ פויער,
געהאַנגען אין מיטן דער שטאָט אויף אַ טויער

מיט רייסיקער אויפשריפט: געהאַלפן אַ יודע.
אין זכות פון דעם היגטשלעגער וואַצעק. אין בודע
וואו ער פלעגט די הינט די געכאַפּטע פאַרשליסן,
דאָרט האָט ער פאַררוקט עס זאָל קיינער ניט וויסן
דריי קינדער אַהינטער אַן אַפּצוים פון ברעטער.
אין זכות אויך פון די איידלמוטיקע רעטער
וואָס אומבאַוואוסט זיינען די נעמען אַפילו,
פאַרקלער איך זיי נעמען און טו פאַר זיי תפילה:
פאַר די, וועלכע לעבן — די לעביקסטע פריידן,
און פאַר די פאַרשניטענע — רו אין גן־עדן.

נאָר זע איך די קויל די צעגליטע פון וואַרשע,
וואָס האָט זיך אין האַרץ מיר געטאָן אַ פאַרירשע —
דערמאָנט זיך מיר אויך, ווי עס האָבן געשליידערט
מיט שיכורן חוזק די לייט פון דער פריי דאָרט
ווען ס׳האָבן אין געטאָ ווי ברענעקע לייבן
געקעמפט מיינע ברידער, דעם כבוד צו הייבן
פון לאַנד און זיין פאָלק, וואו מען וועט עולה־רגלען
צו שעפּן דעם רום. — „ווי זיי טוען זיך פרעגלען״
געשפּאָט האָבן דיינע געפּודערטע דאַמען
און דורך די לאָרנעטן געקוקט אויף די פלאַמען.
נאָר שוין ביי די רייד וועגט אַריבער מיר ווידער
אַ צענדליק פּאָליאַקן, וואָס זיינען ווי ברידער
געקומען אַליינוויליק, פול מיט פאַרמעסטונג
און העלדיש געפאַלן ביים שיצן די פעסטונג.
און זיי וועט דער שטראַליקער האַר פון די יאָרן
פאַרקירצן מיט דימענט ביי זיך אין זכרון.
נאָר זיינען כאָטש יענע גיבורים דיר טייער,
צי היטסטו דעם גייסט פונעם וואַרשעווער פייער?
וואָס האָט ער, אַ שטייגער, געלערנט דיך, וואָס־זשע?
סמוטנאָ מי, באַזשע!

ד

ווי קען איך דיך בענטשן? איך בין דאָך דער עדות
פון דיינע פּאַגראָמען אויף קינדער און זיידעס.
איך האָב דאָך געזען ווי מיט פרענטן און פלעקער,
עס מאָרדט דיין המון אונטער קופּערנע גלעקער.
און שפּעטער — געזען דיינע פּרויען און מענער
אין שטומען באַגלייט אונטער בלוט־רויטע פענער
די לאַנגע לוויה, די פרייע, די בייע.
שאַפּען האָט געוויינט און געפירט די לוויה.

און אויבן — די פענער ווי פייגל געפאַנגען
זיי האָבן אַנטלויפן געוואָלט פון די שטאַנגען.

— — — — — — — — — — — — — — —

און אמת איז אויך, אַז די ערד אויפן רידל,
געפאַלן אין גרוב ווי אַ פלאַנכיקע פידל, —
איז גלייך ווי זי וואָלט מיר פאַרשאָטן מיין בענקשאַפט.
און מער פונעם ווייטיק און טיפער געקרענקשאַפט
ביים זען ווי די זון איז מטהר און צערטלט
מיין חבר, דורך דיינע מערדיירים צעפערטלט —
צעפרעסט מיך דער זשאַווערדיק־טעמפער בזיון
וואָס נאָך דער מלחמה עס ווידמענען, ראַיען
אַרום אונטער דיינע פאַרסאַרפעטע דעכער
ווי גיפטיקע עקדישן פוילנס פאַרשווערער.
און כאָטש מיר איז שווער צו דערטראַכטן זיך סטראַפּיק
דיין צוקונפט — דאָך איז שוין ביי מיר ניט קיין ספק,
אַז וואו נאָר עס וועט זיך איר מזל ניט ריכטן —
ס'געוועזענע וועסטו ניט קענען פאַרריכטן.

און מיינסטו איך זאָג עס דערפאַר ווייל איך וואָרן
און בעט זיך: דערבאַרעם זיך, מינער דיין צאָרן,
לאָז בויען דעם יידן אויפסניי דיינע גיטער?
ווי קום איך צו זיין אויף דיין ערד אַ געביטער!
עס האָט דאָך אַ צווייטער געמאַכט דעם סך־הכל
און איך בין דאָ בלויז ווי אַ צווייג אין געוואַקל.
אַ צווייג, וואָס ביגוואָלד וויל כאָטש איינמאָל נאָך גרינען!

— — — — — — — — — — — — — — —

איך שפּרייז דורכן מדבר פון וואַרשע, געפינען
אַ וויסל אַ צווייטע, כדי אויף די שטראָמען
זאָל זעגלען זיך ווייטער מיין סלאָווישער נאָמען.
ס'באַגלייט מיך אַ ווערבע, אַ ליד אַ פאַרבאַקנס,
אַ תורה געוויקלט אויף בראַנדזענע נאַקנס,
צעפינקלטע בענטשליכט אין איטלעכן אבר,
אַ שטיינדעלע פון אַנילעוויטשעס קבר
וואָס קייקלט אַריין אין די דורות זיין סימן.
און ווי ביי סלאָוואַצקין אין פלאַמיקן הימן
ביים זונפאַרגאַנג — רוישן אויך איצטער בוטשאַנען
און טראָגן אַוועק מיינע טרערן פון דאַנען
אין שקיעה. נאָר אים האָט געצויגן קיין פוילן, —
און איך וויל שוין אַפּרוען ווייט פון די גרזילן.
— בוטשאַנען, וואָס האָט איר געלאָזן מיך, וואָס זשע?
סמוטנאָ מי, באָזשע!

ה

ס׳איז אומעטיק, גאָט מײנער! װי לאָזט מען איבער
דעם עמק הבכא, די שטיבער, די גריבער?
װי שטעלט מען דער פּוסטקײט אַ דענקמאָל, אַ צײכן
עס זאָל צו מײן אײניקלס אײניקל גרײכן?
װאָס טוט מען דער נעכטן זאָל װערן נתגלה
דעם מאָרגן? װי פאַנגט מען דעם עכאָ פון אַלע
פאַרשניטענע תּפילות? װי טרינקט מען פון לאָגל
פון װאָגן דער טױט האָט געטרונקען? איך װאָגל
און פּרואװ די אומצאָליקע קברים פאַרשטעמפּלען
מיט לידער. איך שפּרײז דורך די מירמלנע טעמפּלען
פון דײנע בית־עלמנס לובלינער און קראָקער,
אַהינטער אַ בערגל פאַרשרומפּ איך זיך, לאָקער,
און ס׳דאַכט: על־עהיי איך בין װידער אין יענעם
שװאַרצבערדיקן פּױלן אַ טאָג פאַרן גהינום.
עס גריסן מיך תּחית־המתים־דיק נעמען.
פאַרלײמיקטע פּנימער הײבן זיך, נעמען
אַרײן אין אַ װירבל מײן גוף בחיפזון,
אַ רגע... און װערן פאַרװאַנדלט אין גראָזן
צעצינגלט אויף בערגלעך מיט גרינעם דערבאַרעם.
איך שפּיר אָבער אונטער די גראָזן אַ ליאַרעם
װי ס׳װאָלטן די טױטע פאַרטײדיקט אַ ביתר
און שאַלן אַרױס דורך אַ שװאַרצן טרומפּײטער
דאָס לעבן. און אויבן די דעמבעס װי שילדן
פאַרהאַלטן די צײט אין געצװײַג און באַגילדן
די קרישל־מצבות מיט האַרבסטיקע בלעטער.
— בית־עלמנס, בית־עלמנס, װאו זײנען די רעטער?
װאו זײנען די פעלדזן־געקנעטע טיטאַנען
װאָס זאָלן אויף זײערע פּלײצעס פון דאַנען
אַװעקטראָגן אײך איבער נאַכט דורך אַ כּישוף
און אײנפלאַנצן דאָרט, װאו אַ ײדישער ישוב
אויפסנײ װערט געבוירן! —
אָ, װײ מיר, אָ, װײ מיר,
מען זעגט אויף די שטילע בית־עלמנס די בײמער!
דער שפּיגל פון דורות פאַרלירט באַלד זײן אויסזע.
און ערב יום־כּיפּור בײם קבר פון חוזה
אין פּוסטן לובלין — ליגט אַ כאָפּטע שיכורים.
און שימלדיק שטיל איז װי ערב אַ שטורעם
בײם שטײן פון רמ״אַ אין אַלטפּעטערשער קראָקע.
אַ ציג בלאָנקעט אום אין די שאָטנס קאַסאָקע.

אַנטפּאַרעמט די רו ביים באַטרעטן אַ ריטל
און צופּט אינעם גראָז אַ פּאַרוואַלגערטן קוויטל.
און דאָרט אויף דער גענשע, נאָך וואָרט אויפן גואל
מיט פליגל צעבייגענע פּרצעס אוהל
און היט דעם בריליאַנטענעם שטויב פונעם דיכטער
וואָס האָט אין די געטאָס געשפּרייט זיינע ליכטער,
געלאָדן פאַרזשאַווערט געווער מיט בטחון.
איך שטיי ביי דעם אוהל און זע: אין די מאָכן
ביים ראַנד, איז אַ שמאָלע באַהעלטעניש קענטיק.
אַ געטאָ־ייד האָט עס מיט פאָרכט, אייגנהענטיק
אַ היים זיך געבויט ביים אַנטרינען פון שחיטה, —
די גאָלדענע קייט זאָל דאָ האָבן אַ שליטה
און היטן דעם לעצטן, וואָס טוליעט זיין גלויבן
צו פּרצעס אייביקע, גלייביקע שטויבן.
בייטאָג פלעגט ער ליגן פאַרדרייט אין זיין פאַלע
און ווערעמלעך פלעגן אים לערנען קבלה.
נאָר ווען די לבנה מיט ביינערנע פינגער
נעמט אַנקלאַפּן אויבן — פלעגט ווערן אים גרינגער.
אַרויסקריכן פלעגט ער אין דרויסן פאַרטייעט
און זאָגן מיט ליימיקן קול — ווי אַ פּאָיעט
ס׳געשריפּטס אינעם אוהל־געוועלב: „אַזוי גייען
מיר זינגענדיק, טאַנצנדיק...‟ דאָס פלעגט דערפרייען,
דערהייבן זיין גייסט אין צעגליטע צירופים
און אויפהאַלטן, שטאַרקן זיין דערנערשן גוף אים.

און איך, וואָס אַהער בין געקומען כדי צו
געזעגענען זיך — נעם איך אַרויף אויף מיין פּלייצע
דעם אוהל און וואַנדער אַוועק מיט זיין ניגון
וואָס גאָר די פאַרגאַנגעניש טוט ער צעוויגן
און וועט מיר אַ וועג אין די מאָרגנס פאַראַקערן:

— „אַט אַזוי גייען מיר,
די נשמות — פלאַקערן!‟

פּוילן, יולי־סעפּטעמבער, 1946

רחל ה. קאָרן

לידער פון היימלאָזיקייט

שפעט-האַרבסט

דער נעפל איבער מיר איז ווי אַ גרויער טרוים
און הימלאָז זיינען היינט געוואָרן אַלע שטערן,
אַריינגעפרוירן אין דעם ערשטן, האַרטן, בלויען פראָסט
עס הענגען אויף די צווייגן זייערע שטילע טרערן.

דאָס שמאָלע טייכל מאַרטשעט זיך אין אַנענדיקער שרעק
און גייט אַרונטער אונטער אייז מיט אַלע גרינע גרעזער,
אַלס לעצטער שיפט זיך נאָך צום צווייטן ברעג אַריבער
דער שאָטן פון דער איינזאַמער, פאַרלאָזענער בערעזע.

עס פורעמט אויס דער פראָסט אין ערד, ווי אויסגעהאַקט אין שטיין
די שפּורן פון אַ באָרוועס קינד, וואָס איז דאָ היינט פאַרביי —
זיי וועלן בלייבן שוין אַזוי אַ גאַנצן ווינטער שטאַר,
אַ נעסט פאַר שטערן פאַלנדע, אַ נעסט פאַר ווייסן שניי.

אַז אַלע גלות-וועגן —

אַז אַלע גלות-וועגן שניידן דורך מיין האַרץ
און ס'איז מיין היים מיין איינציקע דער מאַמעס לעצטע טרער —
צו וועלכע הימלען טרויערט איצט מיין נע-ונדער שריט,
ווער שליסט עס צו פאַר מיר די טיר מיט ריגלען האַרט און שווער?

צו וועמען טראָג איך נאָך מיין וואָרט, מיין אָרעם-לעצטע גאָב?
אין וועמעס אויגן ברעכט זיך איצט מיין שאָטן שטיל און מיד?
כ'בין שולדיק, שולדיק טויזנט מאָל, וואָס איך געשפּענסטער נאָך
און היט דעם חלום פון דער וועלט מיט מיין פאַראיינזאַמט ליד.

.1947

אַז כ'האָב נישט...

אַז כ'האָב ניט צו וועמען צו בענקען,
כ'האָב אַפילו ניט וועמען מקנא צו זיין
ניט מיט גליק, ניט מיט ליבשאַפט, מיט טרויער,
אַז כ'בין שוין אין גאַנצן אַליין.

נאָר מיין טיש אַ „גוט אָרט“ איז מיר איצטער,
איך מעסט אים, ווי ס'הייליקע פעלד,
און רייס איין די ווערטער, ווי קברים
פאַר אַ נייער, בעסערער וועלט.

אפשר וועל איך הבלען דערוועקן
און קינען געבן זיין אָרט,
און אַליין וועל איך גיין איבער וועגן
מיטן פרעמדן צייכן פון מאָרד.

וועלכעס וואָרט

וועלכעס וואָרט קען מיך ברענגען אייך נענטער,
וועלכע טרער קען מיר ווייזן דעם וועג?
יעדע נאַכט מיט לבנהקער סטעזשקע
כ'זוך פון טויטנלאַנד אייערן דעם ברעג.

וויפל זומערס און פרילינגס כ'מוז טויטן,
כ'זאָל דערפילן אויפסניי אייער פיין
און כ'זאָל שטיין אויף דער גרענעץ פון וועלטן
ווי אַ גראָע מצבה פון שטיין.

1947.

צו וועמען האָט פאַרטרויען אויפגעוועקטע שולד —

צו וועמען האָט פאַרטרויען אויפגעוועקטע שולד,
וואָס פאַר אַ וועלט קאָן אויפגיין פון אַ מערדערס טרוים,
דורך וויפל נעכט קען שלייכן זיך ס'געוויסן פון אַ דור,
צו וויפל קרייצן קען פאַרמשפט זיין אַ בוים?

ווי לאַנג, ווי לאַנג וועט יעדער נאָך פון אונדז
ביי יעדן וועגראַנד שטעלן שטילע יאָרצייט־ליכט,
און קדיש זאָגן ביי אַיעדער גרודע ערד,
און לאָדן יעדן שטיין צום גרויסן וועלט־געריכט?

עס שלאָפט נאָך אַלץ דער מערדער אין מיין מאַמעס בעט
און טראָגט אויף זיך די שיך פון מיין געטויטן ברודער,
און ס'גייט נאָך אַלץ אויף רויב די תפילה און דער קרייץ
אין דער באַגלייטונג פון די „יעזוס־מאַריאַ“ לידער.

און ס'איז די צוועלפטע שעה פאַר מיין פאַריתומט פאָלק,
און באָרוועס גייט זיין טאָג אַנטקעגן פרעמדער זינד —
פאַרגיב, אָ, גאָט, מיין פאָלק, וואָס גלייבט נאָך אַלץ, אַז דו
וועסט אויסלייזן די וועלט צוליב אַ טרער פון קינד.

1946.

די סאָווע —

די סאָווע, וואָס האָט מיין קינדהייט געשראָקן
האָט מער דאָן געוואוסט פון מיר —
פאַרוואָס האָב איך פאַרמאַכט אין די נעכט
פאַר איר געשריי די טיר?

די שוואַלב, וואָס האָט אין איר שנאָבל געטראָגן
די וועסנע, דעם חלום, דאָס גליק,
האָט שוין דעמאָלט פאַרראַטן צו מאַידאַנעק און בעלזשעץ
מיין יוגנט, מיין היים און מיין וויג.

עס וואָלט מיך מיין מאַמע שוין מער ניט געזוכט
ביי פויגלשע נעסטן, ביי בלומען אין פעלד,
וואו ס'האָט זיך מיין קינדהייט פאַרוואָרצלט מיט ערד,
ווי דער טרוים מיטן האַרץ פון דער וועלט.

כ'וואָלט געזעסן ביים ראַנד פונעם וואַלד און געהאָרכט,
ווי ס'רייסט אויף די נאַכט דער סאָוועס געוויין
און דערזען אין איר געלן, גרויס־גלאָזיקן אויג
פון קומענדע שרפות די שיין.

כ'וואָלט אפשר געוואָרן אַ סאָווע אַליין,
און געשריגן ווילד דורך די נעכט,
אַז ס'זאָל מיך פאַרשטיין די חיה, דער מענטש,
דער שטיין און דאָסביימער־געפלעכט.

כ'וואָלט דעם פרילינג פאַריאָגט און דעם זומער פאַרטריבן,
דעם חשוון באַרויבט פון זיין גאָלד —
איז אפשר וואָלט דעמאָלט מיין וואָרנונג באַנומען
מיין מאַמע, מיין ברודער, מיין פאָלק.

ווען כ'וואָלט געהאַט אַ שטוב

פאַר בוזשלען עלנטע, וואָס שלעפן נאָך ביי דר'ערד
וואָלט איך אַיעדע נאַכט די טיר געלאָזן אָפן
פאַר אַלע די, וואָס זיינען מחוץ טרייסט,
פאַר אַלע די מחוץ אַיעדן האָפן.

פאַר בוזשלען עלנטע, וואָס שלעפן נאָך ביי דר'ערד
אין שפּעטן חשוון די צעבראָכענע פליגל
און פּיקן זייערע אייגענע אויגן אויס
פון דעם געפרוירענעם, גלאַטן וואַסערשפּיגל.

פאַר ווערטער נע־ונדע און פאַר שטומע תפילות,
פאַר בלינדע וועגן און פאַר קראַנקע שטערן,
פאַר יעדן קינד, וואָס שעפּטשעט צו זיין קישן „מאַמע״,
אַזוי, אַז קיינער, קיינער זאָל ניט הערן.

און פאַר דער מעשה גילדענער און פרומער,
מיט וועלכער ס׳האָט מיין פאָלק זיך אויסגעווישט די טרערן
און זי געלאָזט אויף פאַווע־פליגלען וויגן
דעם הימל און דעם גורל צווישן בלאַסע שטערן,

איידער ס׳האָט אויסגעגעבן זי פון טיפן בונקער
און פאַרקויפט צו הענקערס פון טרעבלינקע
דער שכן, דער איוואַן, דער שיכור
פאַר דרייסיק פּאַפּיראָסן און אַ קילאָ צוקער.

איז אפשר בלאָנקעט זי נאָך איצט אַרום
אויף דער האַנט דעם אויסגעברענטן נומער,
די בלוי־פיאָלעטע אוישוויץ־בראַנזאָלעט
און שרעקט די טעג פון פרילינג און פון זומער —

ווען כ׳וואָלט געהאַט אַ שטוב, אַן אייגענע,
וואָלט איך אַיעדע נאַכט די טיר געלאָזן אָפן
פאַר אַלע די, וואָס זיינען מחוץ טרייסט,
פאַר אַלע די מחוץ אַיעדן האָפן.

און אפשר אויך אַמאָל,
ווען איך וועל זיין אַליין
וועט טרעפן צו מיין טיר
דאָס יימלאָזע געוויין.

אויפן ראַנד פון נאַכט

די דעמערונג בייגט אויס איר וויכן, גרויען רוקן,
ווי אַ קאַץ, ווען ס׳לאַשטשעט זי אַ צערטלעך־מילדע האַנט,
איידער עס פירן צו די ערשטע, גרינע שטערן,
ווי אויגן וועלפישע די נאַכט צום הימלס ראַנד.

אַ פויגל אַ פאַרשפעטיקטער איז ווי אַ טונקלער שפּרוך —
איך האָב זיין מידן פליגל־פאַך אין שריט מיינעם פאַרמאַכט,
און ס׳יאָגט אונדז ביידן נאָך דער זיגערישער שריי
פון אַלע וואַלד־חיות ביים ראַנד פון שטילער נאַכט.

ס׳איז היימלאָז יעדער רוף נאָך רחמים און נאָך גנאָד
אין מיטן בלינדן וועג, אין מיטן חשכות שווערן —

עס פוסטעוועט די נעסט און ס׳טרויערט מיט דער בוים
און ווי אַ טראָפּן בלוט פאַלט מיד אַ שטילער שטערן.

און הימלאָז איז אויך היינט די תפילה, דאָס געבעט
פאַר אַלע די, וואָס זיינען לאַנג שוין מער נישטאָ,
נאָר ס׳ציטערט נאָך מיט האָפענונג יעדעס מינדסטע וואָרט,
ווי אָוונטצייט די ראָסע דורכזיכטיק און בלאָ.

און הימלאָז זיינען היינט אונטער די הימלען שווער
אָפענע פאַר ווינט, פאַר רעגן און פאַר שטורעם,
און נאַקעט קעגן האָס און שנאה און רציחה,
דאָרט, אין דער ווייטער ערד, די זעקס מיליאָנען קברים.

און הימלאָז איז מיין טרוים אויף איינזאַם־שטילן וועג
צו קברים און צו אַש — עס וועט שוין קיינער מער
אים צופירן צו יענער רגע, וואו איך האָב דערזען
צום ערשטן מאָל די שכינה אין מיין מאַמעס טרער.

— אויך איך וועל היינט ביינאַכט זיין דאָרט, מיט אַלע די,
וואָס זיינען מחוץ שוועל, מחוץ אַ יעדער טרייסט,
און ווי אַ האַנט אין פינצטערניש כ׳וועל אויסשטרעקן מיין וואָרט
דורך פרעמדן צער פאַרשעמט, דורך אייגענעם לייד נישט דרייסט.

מאָסקווע, 1944.

דער אָנהייב פון אַ ליד

ס׳איז אַנגסט, ס׳איז אַנענדיקע שרעק,
ווי אויף דער שוועל צו גרויסן צער און לייד,
גלייך עס וואָלט עפּעס פרעמדס געשוויגן ביי דער טיר
איינגעהילט אין שווערן, גרויען דעמערקלייד.

עס איז בראשיתדיק און ניט דערקענט
דער ברעג, צו וועלכן ס׳שווימט אַוועק דאָס האַרץ אַליין,
לאָזט איבער אַלץ, וואָס ליב, לאָזט איבער היים און טרוים
און גייט אַנטקעגן דער פאַרקנסונג מיט דער פּיין.

ס׳האָט אַ געדאַנק זיך איינגעקראַלט אין בלוט
מיט נעגל פון אַ רויב־פויגל, אַכזריותדיק און טיף,
און לאָזט נישט אָפּ, ביז וואַנען ער דערפילט
דעם לעצטן, שלוכצענדיקן צאַפּל פונעם גוף.

און ס׳פליסט שוין יעדער טראָפּן בלוט צו דער עקדה,
ווי ס׳קען בלויז אויסלייזן פון אונטערגאַנג,

און אָפּשטעלן דעם מלאכס נאַקעטיקע שווערד
אַ נע־ונדער, וואָגלענדיקער קלאַנג.

און פּלוצעם ווערט עס אַזוי שטיל אין דיר,
אַז הערסט ס׳געוויין פון פאַלנדיקע שטערן,
און ווערסט אַ קרוג, אַ לעכצנדיקע קרוג,
וואָס זאַמלט איין אין זיך דעם בלויען שיין פון טרערן.

און ס׳דאַכט, די וועלט איז רייפער איצט געוואָרן
און מוטערלעך די ערד צו יעדן וואָגלערס טריט,
און גאָט אַליין וועט פאַלן כורעים
פאַר אָט דער איינציקסטער, דער הייליקסטער מינוט —
און ס׳איז דאָך בלויז דער אָנהייב פון אַ ליד.

ר ח ל

עס האָבן וויינשל בליענדע דעם הימל אויפגעשלאָסן
פאַר מיין מאַמעס ווערטער באָרוועסע און שטילע,
נאָר ס׳האָט ביים עירוב פון מיין ערשטער טרער
זיך אָפּגעשטעלט דער ניגון פון איר תפילה.

כ׳האָב זיך פאַרשעמט, ווי כ׳וואָלט אַליין געשטאַנען דאָרט
אין דער גליענדיקער היץ פון יעקבס יונגע אויגן,
און ווי ס׳וואָלט צו דעם ברונעם אונטער שווערן שטיין
מיין אייגן גורל די פאַרשמאַכטע ליפּן צוגעבויגן.

נאָר ס׳זיינען שוין פאַרחתמעט יעקבס וואַרטנדיקע יאָרן
דורך די געלע, שאַרכענדיקע בלעטער פון דער תחינה,
און ס׳קענען זיי נישט אויסלעשן די זיבן הייסע טרערן,
און רחלס טרויער קענען נישט פאַרשטעלן לאַנקעס גרינע.

און ס׳פירט מיך שוין מיין מאַמעס דאַוונענדיקער ניגון
אויף בית־לחמס שטייניק־האַרטע, וויסטע וועגן,
און כ׳זע שוין יעקבס קאָפּ אונטער דעם גרויען אַש,
און וויל שוין מער נישט הערן און דאַרף שוין גאָרנישט פרעגן.

נאָר אויב ס׳איז טאַקע וואָר, אַז ס׳שטאַרבן יונגערהייט
די, וועלכע גאָט אַליין פאַרקנסט און אויסדערוויילט
האָט דורך אַ קוש אין שטערן אין שעה פונעם געבוירן
צו גרויסער ליבשאַפט און צו גרויסן לייד,

דאַן וויל איך שטאַרבן אויך אַזוי, ווי יענע,
וואָס כ׳טראָג איר נאָמען און עס האָט איין גורל אונדז געצויגן,

כ׳וויל שטאַרבן ערגעץ אויפן וועג צו בענקשאַפטס־ברעגעס ווייטע,
נאָר מיט אַ לעצטן קוש אין מיינעביידע אויגן.

עס ליגט שוין אויף דער גאָרטנבאַנק מיין מאַמעס אַלטע תחינה
און איך שטיי אַלץ נאָך וואַרטנדיק אונטער דעם ווײַנשל־בוים —
ס׳איז פול דער קרוג דער ליימענער מיט וואַסער קלאָר און קיל
און ס׳בייגט אים אָן מיין לינקע האַנט צו ליפּן פונעם טרוים.

נאָר פאַרוואָס־זשע הייסט דער פאַסטעך פון מיין טאַטנס שאָף
נישט יעקב, נאָר איוואַן — און פון זיין גאַרטל בליצט אַפּיר אַ האַק,
און ס׳ליגט שוין אין זיין בוזעם אָנגעגרייט
פאַר מיין מאַמעס שבת־קלייד דער זאַק?

שטאָקהאָלם, 1947.

תמוז

לזכרון מיין מאַמען און מיינע ברידער

עס איז איעדער טאָג פאַר מיר אַ יאָרצייטליכט,
וואָס ברענט אַראָפּ צום לעצטן טראָפּן וואַקס,
ביז צו דער לעצטער אָדער פונעם קנויט,
דעם שמאָלן קנויט פון ווייס־געבלייכטן פלאַקס.

עס ווערן איצט די פעלדער צייטיקע מיט תבואה,
פאַר מוציא׳ס, וואָס מ׳עט איינטונקען אין טרערן און אין זאַלץ,
עס ווערט אויך רייף מיין צער אין אָט דעם חודש תמוז,
וואָס שטייט, ווי אַ מצבה אויף מיין האַרץ.

עס איז געווען דער הימל בלויער נאָך ווי תמיד,
בלויז שוואַלבן האָבן דורכגעשפּיזט מיט טונקלען שטראַל
די גרענעצלאָזע בלויקייט און אַ זשאַוואָראָנעק
מיד פון זיין ליד געטאָן האָט פון דער הייך אַ פאַל.

קיין איינציק כמאַרקעלע, ווי ס׳וואָלט דער הימל
זיך אויפגעמאַכט אין גאַנצער לענג און ברייט,
פאַר אַלע אויגן זיך אַנטשלייערט ווי אַ זונה
ביים ראַנד פון דער אַכזריותדיקסטער צייט.

קיין איינציק כמאַרקעלע, וואָס זאָל מיט שטילן רחמים
פאַרשטעלן יענע זון, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון זיי,
פון די געטריבענע, געיאָגטע צו די גריבער
אין תמוז־טאָג פון ניינצן פערציק צוויי.

***

זיי האָבן אַזוי ליב געהאַט דעם פרילינג און דעם זומער,
טאָג־טעגלעך אויפגעשטאַנען מיט דער זון צוגלייך,
עס זאָל די ערשטע טויב די פּאַטשט פון זייער האָרץ
אַוועקטראָגן צום פעלד, צום וואַלד, צום ברעג פון טייך.

עס זאָל אַיעדע קנאָספּ, וואָס שיילט זיך אויס באַזאַכט
און רייסט דעם גורל און דער זון אַנטקעגן,
פאַרשלאָסן זייער בליק אין צייטיקייט פון פרוכט,
גלייך ווי זי נעמט אין זיך אַריין דעם טוי, דעם רעגן.

***

וואָס פילט אַ מענטש, וואָס גייט נאָך אייגענער לוויה
פאַרביי דעם פעלד, דעם סאָד אין איינגעהאַלט'נעם שווייג,
ווי ער האָט נעכטן ערשט פאַרריכט דעם אַלטן פלויט
און אָפּגעצופּט פון בוים אַן אָפּגעדאַרטן צווייג?

וואָס פילט אַ מענטש, וואָס גייט נאָך אייגענער לוויה,
וואָס טראַכט אַ מענטש ביים אַנבליען פון אַ סאָד,
ווי עפּל צייטיקע באַשאָטענען דעם וועג,
אויף וועלכן ס'שטעלט זיין פוס דעם לעצטן טראָט?

***

צו וואָס אַזויפיל רחבות און אַזויפיל זון?
איך קען נישט קוקן מער דעם תמוז אין זיין פּנים —
דאָס האָט דאָך ער געפירט מיין מאַמען צו דער גרוב,
ער, מיט דעם דייטש צוזאַמען און מיט די יוונים.

אויב האָסט באַוויליגט מיר, מיין האַר, אַן אייגענעם טויט,
טאָ לאָז מיך שטאַרבן, ווען עס ווערן געל די ערשטע גראָזן,
ווען ס'ווערן טערפקע באַרלעך זיס און ווען די לופט
ווערט בלאָס פון אַנונג און פון שופר־בלאָזן.

אָ, זאָל עס זיין אין שפּעטן, מידן, סלאָטנעם האַרבסט,
ווען ס'גייט דער נעפּל, ווי אַ נע־ונדניק דורכן לאַנד,
אַז ביי דעם יאָרצייט־ליכט, וואָס ס'וועט מיין טאָכטער שטעלן
זאָל אין דער לאַנגער, טרויעריקער נאַכט
זיך עמיץ קענען כאָטש דערוואַרעמען אַ האַנט.

.1947

ז. סעגאלאָוויטש

שורות אַכט

אויף אונדזער גאַס

אויף אויסזינגען אַ ליד פאַר אונדזער גאַס —
באַדאַרף מען אָפּט אַרומבלאָנדזשען אַ גאַנצע נאַכט,
באַדאַרף מען דרייסט אַריבערגיין די שוואַרצע בריק
און אויסקלויבן אַ וועג, וואָס ווייסט ניט פון צוריק.

מען דאַרף אויסהערן די קללות פון דער גאַנצער שטאָט
און אויספערלען דאָס וואָרט, וואָס איז געבענטשט פון גאָט...
אויף אויסזינגען אַ ליד פאַר אונדזער וויסטער גאַס
באַדאַרף מען גרוי ווערן פון ליבע און פון האַס.

מיין נעכטן איז אַש

איך זוך ניט טעמעס צום שרייבן, איך דאַרף ניט קיין טעמעס,
זיי קומען די ביטערע קלאַנגען אַליין און איך נעם עס...
איך ווייס ניט פאַר וועמען... ווער דאַרף עס? ווער וויל עס?
די קורצע און לאַנגע פאַרסמטע מגילות.

מיין נעכטן איז אַש, מיין משפּחה איז רויך פאַרן ווינטל—
געפין איך אין רויך נאָך אַ פונק אַ צעגליטן, אַ פינטל,
דאָס בריט מיך, דאָס וועקט מיך צו קללה און ליד —
איך ווערג זיך דערמיט.

ליד . . .

וועט מענטש ניט זיין וועט ווינט נאָך מערער וויינען
און עלנדער וועט זיין דער וויסטער שטיין...
און וועמען וועט דאָס בונטע בלום באַשיינען?
און שמעטערלינג פאַר וועמען שוועבט דיין חן?

וועט מענטש ניט זיין וועט טייוול זיך פאַרקרימען
און גנבענען פון שיר־השירים־קלאַנג...
וועט טייוול זיך פאַרקרימען און באַרימען,
אַז ער אַליין האָט עס פאַרפאַסט דעם געזאַנג...

איך ציטער

וואָס איינעם קאָן דאָרט איינפאַלן צו שרייען
און וואָס די שקלאַפּן קאָנען אַלץ פאַרדייען...
איך ציטער פאַר דער טעמפּקייט פון דער סטאַדע
און פאַר די פאַסטוכער נאָך מער אַוודאי.

און פאַר די הינט, וואָס שטשירען מיט די ציינער
און וואַרטן אויף די צוגעזאָגטע ביינער...
איך ציטער שטאַרק מען זאָל זיך ניט דערוויסן,
אַז איך פאַרמאָג נאָך עפּעס פון געוויסן.

אַ שולכל . . .

שטייט נאָך וואו אַ שולכל אין דער נידער —
צוגעשלאָסן שטום און טויב...
ליגט דאָרט אויף אַ שטענדערל אַ סידור,
אויפגעעפנט פאַרן שטויב.

שטייען ספרי־תורות אין דעם ארון —
נישט צעשניטן, נישט פאַרברענט...
וואָס איז דאָ געווען און וואָס געוואָרן?
שפּין און שפּינוועבס אויף די ווענט.

די ליידיקע שולן

איך זע נאָכן חורבן די ליידיקע שולן:
מען גנבעט די שטענדערס די לעצטע, די שטולן.
מען שלעפּט, וואָס מען קאָן פון דעם הייליקן הויז
און ווינט קומט ביינאַכט און אַ קאַץ און אַ מויז...

נישטאָ שוין קיין „ארון", נישטאָ שוין קיין „קודש"
נישטאָ קיין יום־כיפּור, נישטאָ קיין ראש־חודש...
רק גויים פאַרבלוטיקט אין רוצחישע זינד
און יידן מיליאָנען אַוועק מיטן ווינט...

גאָט אין הימל

גאָט אין הימל! אויבן אָן...
וואָס איז דאָס דער סם „ציקלאָן"?
וואָס איז דאָס אַטאָמען־פּלאַם,
אויף יבשה און אויף ים?

ווער איז דאָ דער באַלעבאָס?
ווער באַשטימט און וואָס? פאַרוואָס
גייט דיין שיינע וועלט אין דרערד?
ווייל מיר זיינען מער נישט ווערט...

אַ ייד

דער איטשע, דער טרעגער פלעגט ווערטלעך פיל זאָגן:
מיין פּלייצע דאַרף שלעפּן די פּעק און זיי טראָגן,
זי אַרבעט פאַר מיר, פאַר מיין גוף און נשמה,
זי אַרבעט פאַר שבת, פאַר רו און נחמה.

און שבת ביים דאַוונען — אַ ריינע קאַפּאָטע,
די גוים, זיי זעען, אַז היינט איז „סאָבאָטאָ"...
נישטאָ היינט קיין פורן, קיין זעק און קיין דלות:
אַ ייד גייט פון דאַוונען, אַ ייד מיט אַ טלית...

וועווקעס בקשה

פון פולאַוו ביז קאַזמיערזש איז צוועלף קילאָמעטער,
און וועווקע דער פורמאַן, ער וואַרט מיט זיין פערד מיך שוין אָפּ.
ער איז מיך מיט צייטיקע קאַרשן מכבד... און שפּעטער:
ער בעט וואָס און לאָזט, ווי פאַרשעמט, זיינע אויגן אַראָפּ.

ער בעט און דאָס איז אַזאַ פריילעכע, מאָדנע בקשה,
ער רעדט אַרויס אַזוי האַרציק און וואַרעם-פאַרטרויט...
איך זאָל אויף דעם היינטיקן זומער שוין לאָזן די גוישע זאַשע
און ליבערשט פאַרברענגען מיט אונדזערס אַ יידישע מויד.

מאַידאַנעק-רויב

ווי פריער גייט עס אָן ביי זיי אַ לעבן מיט אַ סדר,
מיט מאַן און ווייב, מיט קינד, מיט סעודות צו דער צייט.
מען שפּרייזט אין קירך מתפּלל זיין אין צוגערויבטע קליידער,
און וועלט פאַרבלייבט אַ גזילה-וועלט... מיט פיינע לייט.

אין הייזער קריסטלעכע, מען קאָן דאָרטן אַ סך געפינען
פון יידיש האָב און גוטס — געירשנט פון דעם חאַם...
מאַידאַנעק-רויב זאָל אייך פאַרפינצטערן דאָס זינען
און שעה נאָך שעה זאָל ברענען אייך אַ גיהינום-סם.

באַנקראָט

איך ווייס נישט ווער, צי מענטש, צי גאָט...
עס הענגט אויף אונדזער וועלט אַ שילד —
מיט אותיות אויסגעקרימטע ווילד:
באַנקראָט!

דאָס איז דער לעצטער קאַראַהאָד...
מען האָט דעם אָנזעצער געפּאַקט,
דער האַמער קלאַפּט און קלאַפּט צום טאַקט:
באַנקראָט!

שטומע עדות

אַזאַ לאַנגע ליל־שמורים
אונדזער לעבן אין קאָשמאַר...
מיר וואָס וואַכן אין יסורים,
בלויז מיט קדיש, בלויז מיט צער.

מיר, די שטומע סילועטן
אין דער וועלט פון מאָרד און טויט.
שטומע עדות... ווי שטאַכעטן
אין בית־עולמס שוואַרצן פּלייט.

אַ שטיין

נאָך אַ נאַכט אַזאַ אָן שלאָף און ראַנגלעניש אָן זינען
זעט עס אויס צו בלייך דער ליכטיקער באַגינען,
דער אָנזאָג און דער רוף פון דעם מעת־לעת דעם נייעם,
די בערג און די באַשטראַלטע שטאָט ירושלים.

דער ערשטער שטיין, וואָס איך דערזע דורך מיינע שויבן —
אַ שטיין אין ווייַן־גאָרטן צווישן גרינס און טרויבן,
אַ שטיין מיט לעכער צוויי, ווי אויגן פון אַ שאַרבן —
ער דעקט מיר צו דעם טאָג מיט אַלע זיינע פאַרבן.

אין בית־הכרם

אין בית־הכרם, ביי ירושלים,
אין בית־הכרם אין אַזאַ פּענסיאָן —
גייען טעג אַוועק אין נודנע רייען
און מען ווייסט נישט, וואָס מיט זיך צו טאָן.

אומעטום די שאָטנס פון דער שחיטה,
אומעטום — פאַרסמטער נע־זנד...
אומעטום בין איך פון פוילן־ליטע —
דאָרטן האָב איך אַלעמען געהאַט.

אַ גוטע זאַך אַ באַרג

אַ גוטע זאַך אַ באַרג מיט שטומע פעלזן:
מען קאָן דעם אָטעם אָפּצַיִען דערווייל...
פון וועלט אַוועק, פון מענטש, פון בערגן־בעלזן —
אַ גוטע זאַך, אַ ליידיקייט, אַ מייל...

דער ווינט האָט דורות לאַנג דעם שטיין געשליפן
און איצטער העלפט ער שווייגן מיר דער שטיין...
איך קאָן זיך שוין באַגיין אָן אייערע באַגריפן —
אַ גוטע זאַך צו זיין מיט זיך אַליין.

די יונגע יאָרן

די קאַרשן־ביימער פון לובלינער קרייז,
פון זאַוויכאָסט ביז קאַזמיערזש־באָכאָטניצע,
די אָוונטן, די נעכט, די פלעדערמייז,
די דונערן און בליצן.

דער סאָסנע־פּעך פון ביאַלאָוועזשער וואַלד,
דער שניי, דער באַרגיקער פון זאַקאָפּאַנע...
די יונגע יאָרן מיינע... אין מיין גרוי און אַלט —
איך בין זיי אַזוי שטאַרק מקנא...

די טויטע

איך גיי אויף דער ערד אין אַ שוואַרצן געמיט,
איך גריס זיך מיט פריינד און איך שרייב נאָך אַ ליד,
איך ציטער נאָך אויף פון עקזאָטישן בלום —
נאָר דאָס זיינען רגעס, וואָס ווערן באַלד שטום.

מען האָט מיר געשאָכטן מיין וועלט און ניטאָ,
איז פול מיין נשמה מיט צער פון „בישטאָ“...
די טויטע, וואָס ווערן אַלץ קנאַפּער דערמאָנט,
זיי זיינען מיר נענטער, ווי די פון דער נאָנט...

צום ווינט

יאָמער, ווינט! דו אײנציקער, וואָס האָט דאָ ניט קײן קרעמל!
יאָמער, ווינט! דו דאַרפסט דאָך ניט קײן בגד און קײן זעמל...
די אַלע, פּרנסה־לײט —
זײ האָבן ניט קײן צײט.

יאָמער, ווינט! דו ביסט דער אײנציקער, דער קדיש־זאָגער —
נאָך ברודער און נאָך שוועסטער, נאָך קרובים, שנור און שוואָגער,
נאָך קינד און פאָלק, נאָך דורות פּײַן,
נאָך שטאָם, וואָס איז אין קאַלך־אויוון אַרײַן.

אַלע יאָמערן

אַלע ווינטן זײַנען מײַנע קרובים,
אַלע יאָמערן גײען־מיט מיט מיר,
אַלע רויכן — פון מאַידאַנעקס אויוון,
אַלע טויטע שאָטנס בײַ מײַן טיר.

טויזנט נעכט אַזעלכע, אין קאַשמאַרן
און אויף אײביק שטײען פאַר מיר גרײט,
זײערע יסורים און געפאַרן,
זײער ערב־טויט...

עס עקלט מיך פון מענטש

עס עקלט מיך פון מענטש און זײַנע מעשים...
ער איז מיר מיאוס, מיאוס־טריף.
ניט נאָר דער קאַלטער הויט־שינדער פון פרײַסן,
דער פאַבריקאַנט פון מענטשן־זײף.

נאָר אַלע צוויי מיליאַרד פון די יבשות,
וואָס האָבן צוגעקוקט דעם גרעסטן מאָרד —
עס עקלט פון בן־אָדם ביז חלשות,
עס נעמט מיך אָפּ דאָס וואָרט...

דאָס וואָרט

און אויב דער מענטש מוז בלײַבן און שמוציקן די ערד,
טאָ זאָל ער כאָטש דאָס וואָרט פאַרלירן תיכף ומיד...
זײַן וואָרט, וואָס איז פאַרסמט נאָך מערער, ווי זײַן שווערד,
זײַן וואָרט, וואָס שקרט אויס אַזוי געשליפן־גלאַט.

זאָל ער קראַקען, ווי אַ קראָ און בילן, ווי אַ הונט,
זאָל ער אויפפרעסן זיין שכן, ווי דער קאַניבאַל —
נאָר אָן דער פראַזע, וואָס מאַכט פון לעבן מיסט און שונד...
דאָס וואָרט איז איצטער, ווי אַ האַרף אין חזיר־שטאַל...

איך דערגיי

איך דערגיי אין מיין גליען ביז צו די שוועלן,
ביז צו די שוועלן פון גיהנום טרעבלינקע...
איך הער די גזלנישע קאָלטע באַפעלן,
איך זע די קרבנות אין ערב פאַרזינקען.

איך שריי און איך בעט זיך די זעלבע ענויים,
איך ברענג זיך אַליין צו דעם שוואַרצן מזבח...
איך קאָן שוין ניט קומען צוריק צו די ברואים,
צו די, וועלכע גריזשען דאָס לעבן מיט כוח.

די ווערטער

די ווערטער זיי קריכן, ווי ווערים אויף שטיין,
די ווערטער זיי ווען צו מענטש נישט דערגיין.
זיי קומען צוריק אָפגעשלאָגן, פאַרקלעמט,
זיי ליגן באַזונדער פאַרשטומטע, פאַרשעמט...

געמיינט אויף דער ערד איז פאַרהיילט דער צער,
ווי שרייאיק עס טומלט דער ים ביים בולוואַר...
געוועקט און גערופן, געטרויערט, געוויינט —
אַי, בלוטיקע טרערן... עס האָט ניט געלוינט.

איך בין געטרייסט

„פון מיינע ברידער צוויי, פון מיינע שוועסטער צוויי,
שרייב אָן מיר חבר, וואָס דו ווייסט?“
עס קומט אַ תשובה גלייך אַ בריוו מיט ווערטער צוויי;
זיי געטרייסט!

מיט איינזאַמקייט, מיט נעכט מיט שלאָפלאָזע, מיט ווי...
פון יעדע פרייד אויף אייביק אויסגעלייזט —
אַ דאַנק דיר פריינד פון לאָדזש, פאַר דיינע ווערטער צוויי —
איך בין געטרייסט...

פֿאַרקלענערט

ווי אַלץ איז פֿאַרקלענערט... דער הימל אַפֿילו,
פֿון וועלט און פֿון מענטשהייט די גאַנצע מגילה...
פֿון מעשי־בראשית ביז אונדזערע יאָרן,
ווי אַלץ איז דאָס איצטער פֿאַרקלענערט געוואָרן.

די אַלע פּאַלאַצן מיט בילדער און ביכער,
ווי עפּעס נישט נויטיק, ווי עפּעס נישט זיכער...
אַ מאַרק־פּלאַץ פֿון ברוך און פֿון אַלטוואַרג מיט שימל —
ווי אַלץ איז פֿאַרקלענערט... אַפֿילו דער הימל.

דאָס קאָסט אונדז

דאָס איז נישט קיין קינאָ... אַרויס און פֿאַרגעסן —
דאָס קאָסט אונדז אַ ביסעלע מער, ווי אַ שילינג...
אַ פֿלאַם האָט געשלונגען, געברענט און געפֿרעסן
אין פֿינצטערן ווינטער, אין ליכטיקן פֿרילינג...

מען האָט זיי אין פֿייער געוואָרפֿן די לייבער,
מיין ברודער, דיין שוועסטער, מיין פֿעטער, דיין מומע,
די טאַטעס, די קינדער, די כּלות, די ווייבער —
דאָס קאָסט אונדז... דאָס קאָסט אונדז די יידישע אומה.

אַ פֿראַגע

צי האָט איר פֿאַרשטאַנען אין אייערע לעצטע מינוטן,
אַז מיר זיינען אַלע קרבנות פֿון שדי?
אַז וועלט איז צו אויסראַט פֿאַרמשפּט אינגאַנצן, לחלוטין...
צי איז דאָס געווען אייער לעצטער געבעט?

צי האָט איר באַוויזן אין אייערע לעצטע יללות
צו שילטן די וועלט פֿון גזלנישער מאַכט?
צי וועלן מקוים, מקוים גיך ווערן די קללות?
אָט דאָס איז אַ פֿינצטערע פֿראַגע ביינאַכט.

צוויי מאָמענטן

דער הימל האָט פֿון דונערן געציטערט,
ווען רוף אַלמעכטיקער האָט זיך דערהערט,
ווען משה איז אַראָפּ מיט דעם „לא תרצח"
האָט גאָט אויפֿסניי געהייליקט אונדזער ערד.

דער פרעזידענט פון ניו־יאָרק ביז מיזורי
האָט היינט צו וועלט גערעדט גאָר וואָזשנע רייד —
ער האָט אונדז אָנגעזאָגט די גרויסע בשורה:
די באָמבע, די אַטאָמישע איז גרייט.

ווער וועט דיר גלויבן?

מעגסט אויסטראַכטן שקרים און אמתן נייע,
מעגסט בויען אויפסניי די צעשמעטערטע שטעט —
דאָך ווער וועט דיר גלויבן, צוויי פיסיקע חיה?
יאָ, ווער וועט עס גלויבן אַ בלוטיקן שד?

די שטערן פון דיר זייבען לאַנג שוין אַנטלאָפן
און גאָט וויל ניט הערן דיין פאַלשן געבעט.
דו וועסט מיט דיין אייגענעם סם זיך באַשטראָפן
און ברענען ביז אַש מיט די סדומישע שטעט.

מיין עלנט

מיין עלנדער עלנד, מיין מידע נשמה...
שוין בעסער געווען ווען געווען איז מלחמה —
איך האָב נאָך געוואַרט אויף אַ נס,
איך האָב נאָך געהאַט אַן אַדרעס.

איך בין נאָך געווען אַ ברודער, אַ פעטער...
איצט איז שוין בוים אין גאַנצן אָן בלעטער,
אַ בוים, ווי אַ תליה אין ליידיקן פעלד —
הענג זיך שוין אויף, מיין פאַרשאָלטענע וועלט!

בית־הכרם, זומער, 1946

יעקב פרידמאַן

פיר בריוו צו דער קאַנטעס פון לינץ

ערשטער בריוו

עקסעלענץ, קאַנטעס פון לינץ,
דעם בריוו אויף אַלטן פּאַרמעט
שרייבט צו אייך דער יידישער פּרינץ
אין זיין הייליקן יידישן לשון.
און זאָל אייער הויפגעלערנטער באַוויליקן
דעם בריוו אייך פאַרטייטשן.
(פאַרשטייט זיך, אויב ס׳רייצט אייך עקזאָטיק, מאַדאַם).
שיין איז צו לייענען מיין בריוו אין לבנה־שיין ביים ים,
בשעת די שיפן לאָזן די זעגלען אַראָפּ און דער ווינט איז מיד,
און פון געבערג רינט מסתם
אַן אַלטן פּאַסטוכס טרויעריק ליד.
דער אַלטער פּאַסטוך האָט פאַרלוירן זיין לעצטע ליבינקע שאָף,
און וואַרט אין געבערג אויפן גוטן און אייביקן שלאָף...
האָרכט, די שטילעניש וויגט אַלע וועלטן איין, מאַדאַם,
כ׳בין מיד, אַזוי מיד,
כ׳וואָלט ליגן מיין קאָפּ אין אייער שויס לעבן ים.
אַ יאָ, ס׳וואָלט מאָדנע געווען, די קאַנטעס פון לינץ
זאָל וויגן און פאַרוויגן אַ יידישן פּרינץ,
כאָטש דער יידישער פּרינץ האָט קיין לאַנד און קיין קרוין
און פאַרמאָגט בלויז אַ פּלייט פון גאָלדענעם שוים...
יאָ, און נאָך עפּעס, דאָ ניט ווייט, טאַקע באַלד,
ביים ראַנד פונעם קוואַל לעבן ליכטיקן וואַלד,
(ס׳ווייסט דעם וועג אַהין אייער גאָלד־בלאָנדער פּאַזש)
איז אַ קרעמאַטאָריע פאַראַן און בערגער מיט אַש,
אַש, און ניט מער... ניט מער... איידעלע מאַדאַם,
און אין אַש שלאָפט אַ האַלב, אַ האַלב פון מיין שטאַם:
מיין פאָטער, די מוטער, אַ שוועסטערל קליין,
און ס׳האָט אייער ברודער, זיין עקסעלענץ אַליין,

שטאָלץ דעם באַטאַליאָן דיריגירט,
וואָס האָט מיין שטאָם צום שייטער געפירט...
אָ, אַנטשולדיקט... ניט ערגערט אייך מאַדאַם,
לוינט עס דען?... זעט ווי וואונדערלעך ס׳איז אין לבנה־שיין דער ים,
איבערן געבערג טאַנצן פּייעס און פון וואַלד טאַנצט אַנטקעגן פּאַן,
דער וואַלדגאָט... אַלע ביימער ווערן פליטן...
זעט, יונגע געטינס אין הימל שטערנבעטן גרייטן,
אויף ווייסע וואָלקנשיפן שווימען זיי מיט האַרפנשפּיל מיט זיסן,
און יונגע געטער הייבן בעכערס גאָלדענע און קניען זיי צו פיסן...
אָ, וויפיל ליבשאַפט, עקסעלענץ, קאָנטעס פון לינץ,
און איך... כ׳בין דאָך ניט מערער ווי אַ יידישער פּרינץ
וואָס האָט די פאַרפלוכטע שיינקייט פאַרטייוולט האָלט.
און אייערע אויגן זיינען הירשנברוין און אייערע צעפּ פון גאָלד
(זיי האָבן פון אַלע זומערס אַנגעזאַפּט די שיין)...
איך הייב צופוסנס אייך דעם בעכער גאָלדענעם מיט ווין...
און ס׳קען זיין,
אַז דער זון וואָס איר וואָלט פון מיר געבוירן, מאַדאַם,
זאָל מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, טאַקע דאָ ביים ים,
זיין אייגענעם פאָטער, דעם אייביקן ייד,
צום שייטער טרייבן זינגענדיק „האָרסט וועסל־ליד״...
אַ יאָ, מאַדנע, קאָנטעס... נאָר דערוויל זיינען הייס און זיס
די טונקעלע שאָטנס אויף אייערע ווייסע פיס
און ס׳רינט, ווי פון טרויבן זיסער ווין,
אין אייער שמעקנדיקן בוזעם די לבנה־שיין.
אייער בוזעם איז אַ מאַרמאָר־בעכער, ס׳גאַרן מיינע ליפּן.
ביזן לעצטן טראָפּן וואָלט איך דעם ווין אויסזופּן
מיט מיין דאַרשטיקן יידישן מויל...
אָ, סאַראַ זיסער פאַרשאָלטענער גרויל!
גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב!

— — — — — — — — — — —

„גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב״...
יאָ, עקסעלענץ, קאָנטעס פון לינץ,
אַזוי פלעגט די מאַמע פונעם יידישן פּרינץ,
ווען ס׳פלעגט דער הייליקער שבת פאַרגיין,
און זי האָט אין הימל די ערשטע שטערן דערזען,
איר תפילה צו גאָט אָנגעהייבן...
ס׳האָט מיין מאַמע געהאַט גרויסע קינדישע אויגן,
אייער ברודער, זיין עקסעלענץ האָט געזען אירע אויגן מסתם,
בשעת ער האָט צום שייטער זי געטריבן, מאַדאַם...
„גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב,

באַהיט דיין פאָלק ישראל"... נאָר, ער האָט ניט געהיט, דער אַלטער גאָט...
איצט שעפּטשע איך אין אייער אויער אַריין דעם סוד:
„ער האָט ניט געהיט"... איר לאַכט, מאַדאַם?
אָ, ווי קלוג... איר טראַכט מסתם,
ס'איז קיין גאָט פאַראַן...
(אָ, חכמה זיי געבענטשט!)
איך ווייס: איר זעט דורך חורבות גיין דעם איבערמענטש
מיט וואַנציעס מעשענע און שטאָלענעם באַקלייד,
איבער מתים־בערג ער שפּאַנט און בלאָזט אין זיין טראָמפּייט.
ס'איז אייער ברודער אויך אַן איבערמענטש אַזאַ אוודאי...
אַפּראָפּאָ — נעכטן האָב איך אַלס קאַפּיטאַן פון יידישער בריגאַדע,
אין קאַבינעט, געשפּילט מיט אייער ברודער זיין עקסעלענץ:
אָ, ווי וואונדערלעך ס'האָט אויפגעבליצט מיין שווערד אין זונענשיין,
(כ'האָב אויסגעטאַנצט מיט איר אַלע ווילדע הונענטענץ)
האָ, האָ, און זען האָט איר געמעגט ווי אייער שטאָלצער גראַף
האָט אַנטקעגן מיין שווערד, פּחדנותדיק אויפגעציטערט ווי אַ קליינינקער אַף,
די אויגן צעעפנט און געגומען רחמים בעטן ביי מיר דעם ייד...
און איך דער ייד, טויזנטיאָריק קלוג און מיד,
האָב די שווערד צוריק אַריינגעשטעקט אין שייד.
און ס'האָט אייער שטאָלצער איבערמענטש צעשמייכלט זיך מיט דאַנקבאַרקייט.
האָ, האָ, און דעם גאַנצן וועג צוריק
האָב איך מיט מיין שווערד געשפּילט, קאַנטעס,
און געפילט די פרייד פון זיסן נס
צו זיין אַ ייד, טויזנטיאָריק קלוג און מיד...
און פונעם שפּיל איז געוואָרן ליד,
אַ געמיש אַזאַ פון דודס תהילים און קהלת'ן־געזאַנג...
איצט האָב איך דעם בעכער מיט גאָלדענעם געטראַנק,
איך טרינק פאַר אייער שיינעם לייב און פאַר מיין יידישן שכל...
אָ, קאַנטעס, אַנטשולדיקט מיר, זייט מוחל...
... זעט, דאָס מעסער וואָס געבראַכט כ'האָב פאַר אייער ברודער,
פאַלט אין שטויב ביטולדיק אַנידער:
בייך, ביט קיין קריגער
כ'בין, איידעלע מאַדאַם —
נאָר קלוגע שטערנרו און טיפער ים...
און דעם בריוו, קאַנטעס פון לינץ,
וואָס ס'שרייבט אויף אַלטן פּאַרמעט
צו איך אַ יידישער פּרינץ,
איז געמאַכט געוואָרן גלאַט אַזוי זיך, סתם,
בשעת ער, דער יידישער פּרינץ האָט דורך זיין פענצטער דערזען
איך אַ נאַקעטע ביים ים

אין לבנה־שיין טאַנצן...
און דאָס איז אינגאַנצן.
אָ, ניט מיינט, אַז „ס'וויל בעסער מאַכן די וועלט" מיט זיין בריוו
אַ ייד, טויזנטיאָריק קלוג און טיף...
די אָוונטזון פאַרגייט הכנעהדיק אין מיינע שויבן
און ווי ווערבעצווייגן לאָזן וויעס אַראָפּ זיך אויף מיינע אויגן.

צווייטער בריוו

עקסעלענץ, קאַנטעס פון לינץ,
דעם צווייטן בריוו אויף אַלטן פאַרמעט
שרייבט צו אייך דער יידישער פרינץ.
און איך שווער: וואונדערלעך אומגעריכט, קאַנטעס,
איז פאַר מיר אייער בריוו און דאָס צווייגעלע מיט בעז,
וואָס איר באַווילקט האָט אין בריוו אַריינצולייגן.
איר שרייבט: „אומהיימלעך פּאַטאַל באַגעגענען זיך אַמאָל מענטשלעכע וועגן,
און אַ סך מאָל פאַרפּלאָנטערט אַ וועג זיך און פאַרקריכט
אַהין וואוהין ס'האָט דער מענטש, דער רעזשיסאָר, זיך ניט געריכט".
אייער איראָניע וועגן מענטש „וואָס רעדט זיך איין אַז ער רעזשיסירט"
איז טיף... יאָ, קאַנטעס, אייער קלוגער בריוו אינטריגירט,
און צו ערן אייער חכמה עפן איך, ווי צו ווידוי, פון האַרצן אַלע טירן:
איך בין זיך מתוודה, די כוונה כ'האָב געהאַט עפּעס צו „רעזשיסירן",
און איצט... (נו... איך וויל אַלץ ניט אויספּלאַפּלען...)
ס'זיינען אין אַ געוויסער מאָס אין נאַכט פאַרהילט מיינע מאָרגנדיקע שטאַפּלען
איבער וועלכע כ'וועל דאַרפן קלעטערן צו אייך שיכורדיקערהייט...
יאָ, מאַדאַם, ס'האָט געטאַנצט מיין האַרץ מיט זיסער פרייד
ביים לייענען יענע זיסע שורה אייערע, קאַנטעס,
וואָס פאַרבעט אויף מאָרגן אָוונט מיך צום בוים מיט בעז.
אָ, גאָט, איידער די שעה וועט נאָך באַווילקן צען צו קלינגען,
וועלן מיינע טריט צום בעזנבוים די וועגן שלינגען,
און טאַנצנדיק וועל איך פאַרגעסן מסתם,
אַז אונטער מיינע טריט דאָס געשטיין
קען זיין מיין שטאָמס צעברעקלטער געביין,
וואָס אייערע ברידער... אָ, אַנטשולדיקט, קאַנטעס,
כ'פאַרמאַך מיינע אויגן און קוש דאָס צווייגעלע מיט בעז.
איר זעט — איך ראַנגל זיך... פּרואוו נאָך רעזשיסירן...
נאָר איך ווייס פונקט ווי איר, אַז וועגן פירן, וואוהין זיי דאַרפן פירן,
נו... זאָלן זיי פירן... איך וועל הפקר מיינע טריט אויף זיי צעשיטן.
אָ, הערט, די נאַכטיגאַל שאַלט און דער יונגער בעז עפנט זיינע צוויטן,

און... אַ, גאָט, מיט אומגעדולד ענדיק איך, קאַנטעס פון לינץ,
דעם צווייטן בריוו אויף אַלטן פּאַרמעט,
וואָס ס׳שרייבט צו אייך אַ יידישער פּרינץ.
און אַלע מיינע חושים, ווי פלינקע הירשן,
וואַרטן אויפן רגעלע פון נס,
וואָס צייטיקט סודותדיק אונטערן בוים פון בעז.
אַלע רגעס זיינען שטאַפּלען, איבער וועלכע כ׳טו צו מאָרגן אַוונט קלעטערן,
און דער „מאָרגן״, מאַדאַם, איז אַ קנאָספּ וואָס דאַרף זיך ערשט צעבלעטערן...
און די טונקלקייט פון קנאָספּן נאָך פאַרמאַכטע רייצט, קאַנטעס...
איך קוש אייער בריוו.
אויף ווידערזען אונטערן בוים מיט בעז.

דריטער בריוו

ס׳איז אין מיין ווייסן צימער שטיל,
ווי אין אַ טעמפּל ערב תפילה.
איך זיץ אין ווייררויך איינגעהילט,
אין ווייררויך פון דער אַלטינקער נאַרגילע,
וואָס פון מיין עלטערזיידן דעם קבליסט און וואונדערמאַן
כ׳האָב געירשנט... ער פלעגט אויך אַזוי מסתם,
ווי איך אַצינד, זיצן צווישן רויכנוואָלקן
און טראַכטן וועגן זין פון וועלט,
וואָס אין אין־סופידיקע טיפענישן ליגט באַהאַלטן.
און ער, דער מענטש דער אויסדערוויילטער, האָט נאָך דערקענטעניש געגאַרט.
— — — — — — — — — — — — — — —
איך שרייב צו אייך דעם דריטן בריוו, ס׳איז נאָך יענער וואונדערלעכער נאַכט,
וואָס האָט מיט סוד און שיינקייטן געגרענעצט,
בשעת, אונטערן בעזנבוים, כ׳האָב אייך, קאַנטעס, באַגעגנט.
ס׳האָט מיין עלטערזיידע דער קבליסט
אָט אַזוי אַמאָל געזאָגט:
„יעדער טראָט פון מענטשן האָט זיין זין, און ער טראָגט
דער בן־אָדם אַחריות פאַר אַ יעדן שפּאַן״.
און איך, זיין אייניקל, דער לעצטער פון זיין שטאַם,
זיץ אין מיין קליינעם ווייסן צימער און איך טראַכט:
וואָס באַטייט אונטערן בעזנבוים דער נעכטיקער ביינאַכט
און מיין בענקעניש צו אייך?... ניט מער ווי באַגער פון מאַן צו ווייב?
אויב ס׳וואָלט אַזוי געווען, וואָלט איך דורכגעקאַטעוועט מיין ווילדן לייב...
וואָס ווילן מיר, קאַנטעס?... איר זאָגט: „מיר זיינען מאַריאָנעטן,
אַמאָל טרייבט דער שטורעם אונדזער האַנט צו מאָרד,

אַ צווייט מאָל באַפעלט ער איר צו גלעטן״...
אַזוי האָט איר געזאָגט און אויפגעהויבן אייערע הענט, קאַנטעס,
און מיט אַ קליין צוויגעלע שמעקנדיקן בעז
דעם ווינט געגלעט... און ס׳האָבן אייערע פינגער
ווי פלאַנצן אידעלע געציטערט אין לבנהדיקן זילבער,
נאָר איך האָב די אויגן צוגעמאַכט און ניט געוואָלט איך זען, מאַדאַם,
איך האָב געטראַכט: אין אייערע רייד איז פאַראַן מסתם
אַ כוונה צו פאַרענטפערן די אַכזריות פון אייערע ברידער...
און כאָטש ס׳האָט בענקעניש צו אייך זיך צעשפּילט אין אַלע מיינע גלידער,
האָב איך די ליפּן צוגעביסן, און איר האָט מסתם דעראַנט,
ווי פלוצעמדיק כ׳האָב אַוועקגעכאַפּט מיין ציטערדיקע האַנט
פון די פינגער אייערע... אַ, פאַרשטייט, קאַנטעס,
כ׳האָב דערפילט זיך צווישן אַלטן שייטער
און יונגן פרעכן בעז...
כ׳געדענק, איר האָט די אויגן פאַרחידושט אויפגעהויבן,
און איך האָב אייערע הענט דערפילט — ווייסע ווייכע טויבן.
און געדוכט האָט מיר, די וועלט איז ווייס און מילד,
און איך — אין ערשטן טאָג, אַ ניי־געבוירן קינד.
און ס׳האָבן מיינע הענט צו אייך געשטרעקט זיך... נאָר פלוצעם פון טומאַנען
האָב איך די זיידעס מיינע דערזען צו ברענענדיקע שייטערס שפּאַנען...
און צום צווייטן מאָל כ׳האָב פון אייך זיך אָפּגעקערט,
כאָטש פון בענקעניש ס׳האָט אונטער מיר געוויינט די ערד.
און דעמאָלט האָט איר קלוג צעשמייכלט זיך, ווי איר וואָלט פאַרשטאַנען,
און איר האָט שטיל געזאָגט: „ס׳איז דאָך קיין פאַרגאַנגענהייט און קיין צוקונפט
ניט פאַראַנען,
נאָר בלויז גרויסע וואונדערלעכע קעגנוואַרט...
ס׳איז היינט אין דער וועלט די ערשטע נאַכט
און מיר זיינען דאָ ס׳ערשטע פּאָר...
און איר האָט אין גראָז צעוואָרפן אייערע שמעקעדיקע האָר.

— — — — — — — — — — — — — —

איצט זיץ איך ווידער אין מיין איינזאַמקייט און שרייב צו אייך
און האָרך, ווי פאַר טויזנט יאָר פליסט מילד דער בלויער טייך...
אַ, ווער זיינען מיר אין סודותדיקן גאַנג פון דורות?
איך שטאַם פון אַ פאָלק וואָס האָט דורך שייטערס דער וועלט געטראָגן תורות
און ס׳קען מיין האַרץ ניט מסכים זיין מיט אייך, קאַנטעס,
אַז ס׳מעגן פאַרן שייטערס זיך מיט בעז,
און אַז הענט וואָס גלעטן מעגן טויטן
ווייל „ס׳איז באַדינגט אַזוי פון אַלע אייביקייטן״...

ווער זענט איר עס, צו מעגן משפּטן אַזוי דעם וועלטנגאַנג?
איך זע אייך שמייכלען: „דער אַלטער ייד איז קראַנק,

און מאַראַל איז די שוואַכקייט פון זיין עלטער.
ער זיצט אַ גרויער גרייז צווישן טאַנצנדיקע פעלקער״...
האַ, האַ, קאַנטעס, וואוהין טאַנצן עס די פעלקער אייערע מיט מעסערס צווישן ציין?

איר זאָגט: „קריגערטאַנץ איז ציל פאַר זיך אַליין?״...
און איך... איך שמייכל אַרויס צום אַלטן ים
און באַדויער אייערע פעלקער, איידעלע מאַדאַם...
יאָ, פונדעסטוועגן קום איך מאָרגן אַוונט צום בוים מיט בעז
און דערוואַרט אייך דאָרט, איידעלע קאַנטעס.

פערטער בריוו

איר שרייבט אין אייער צווייטן בריוו, קאַנטעס פון לינץ:
„ס׳איז אַ סוד פאַר אייך דער שטאָלצער יידנפּרינץ.
ער טרייבט פון קריגערפאָלק לצנות און געלעכטער,
און אַליין ווייזט ער אויס צו זיין אַ וואונדערלעכער פעכטער״...
איר מיינט, איך פעכט מיט אייך, מאַדאַם?
קען זיין, ס׳איז עפּעס אויך פון אַט דעם מין פאַראַן...
ניין, איך לייקן ניט אין שיינקייט פון געפעכט
(אָבער ניט מיט שווערד) ס׳האָט דאָך איטלעכער זיין רעכט
זיך אויסצושוימען, אויסצוברויזן אויף זיין אָרט.
איר שרייבט, אַז צווישן בעז איר האָט געוואַרט,
און איך האָב ניט „באַוויליקט זיך באַווייזן״,
און איר ביים טייך געזעסן זענט און באַגאַפט די צאַרטע קרייזן
וואָס אויף כוואַליעס אויסגעקריצט האָט אָוונטווינט,
אויסגעקריצט און אָפּגעמעקט געשווינד...
אַ, ניט מיינט, קאַנטעס פון לינץ,
ס׳איז אַן אָוונטווינט אַזאַ דער יידנפּרינץ.
אויב שוין יאָ פאַרגלייך מיט ווינט, מאַדאַם,
איז צו פעלדזנשטיין אַ פאַרקאַוועטער דער ווינט, מסתם.
אַ, גלויבט, וואָלט איך אַן אָוונטווינט געווען, קאַנטעס,
געקניט איך וואָלט פאַר אייך ביים בוים מיט בעז,
און ניט פאַרבליבן אין מיין שטילער ווייסער היים...
אַ, גלייבט, ביים שוועל געשטאַנען כ׳בין, שוין גרייט צו אייך צו גיין,
כ׳האָב די האַנט צום טיר געשטרעקט... און פּלוצעם, אומגעריכט,
האָב איך מיין מוטערס שטים דערהערט: „צינד אָן די ליכט,
ס׳איז יום־הקדוש היינט״... און ביי דער וואַנט
האָב איך דערזען מיין זיידנס ווייס געוואַנט,
זיין ווייסן קיטל מיט וועלכן זיבן דורות זיידעס פלעגן

יום־הקדוש צו כל־נדרי זיך באַקליידן...
כ׳האָב אויפגעציטערט און אויסגעשטרעקט מיין האַנט
און אָנגעטאָן אויף זיך דאָס הייליקע געוואַנט.
און דעמאָלט האָב איך זיך אַליין דערזען
צווישן ווייס פאַרשנייטע בערגער שטיין
אַ גרויסער שטאָלצער ייד... יאָרטויזנטער אַזוי...
און אַרום אויף שפּיצן אין אָוונטיקן בלוי
שוועבן הייליק ווייסע, שטילע
אַלע זיידעס מיינע צו דער נעילה־תפילה.
און איך דער יינגסטער צווישן זיי —
לעבן גאָט אין ווייסן שניי...
סאַראַ הייליק ווייסע רו
אין געבערג ס׳איז אָט־אָ־דאָ.
ס׳שפּילט די שטילקייט אויס ס׳ליד
פון טויזנטיאָריק אַלטן ייד,
וואָס פאַרלוירן האָט זיין גלויבן אינעם מענטשן
און צו בערג אַוועק די איינזאַמקייט צו בענטשן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

יאָ, איך מיין, קאָנטעס, ס׳וועט דער פּרינץ אין בערג אויף שטענדיק שוין פאַרבלייבן,
און במילא צום בעזנבוים ניט קומען קענען, און קיין בריוו אייך מער ניט שרייבן...

אַ, ניט נעמט פאַר אומגוט, איידעלע קאָנטעס פון לינץ,
דאָס אָוועקקלעטערן פונעם שטאָלצן יידנפּרינץ,
און טראַכט אייך (אויב ס׳איז אייך באַקוועם אַזוי):
ס׳איז דער יידנפּרינץ אַ חלום בלויז אין לבנהדיקן בלוי,
אַ וואָלקנשפּיל פאַר די אויגן פון אַ קליינינקער קאָנטעס,
וואָס האָט פאַרחלומט זיך אונטער אַ ביימעלע מיט בעז.

יוסף רובינשטיין

דער באָבעס ברוגז־טאַנץ

ס׳איז שטיל.
עס דוכט זיך, ווי עס וואָלטן דאָרט געוועזן אַלע פרעמד.
די מחותנים גייען ברוגזע אַרום,
און מומעס לייביקע—זיי ברעכן אונטער שאַלן זיך די הענט.
די אויגן זיינען אומעטיק און שלעפעריק פאַרקלעפּט.
זיי זיצן אַזוי פרום
און שאָקלען מיט די קעפּ,
און קוקן אָן זיך שטום,
און וואַרפן בליקן זייטיקלעך און קרום —
צו זיי דאָרט, צו די דאַרע אויסגעפּוצטע שניר,
וואָס הערן אונטער זיך און קוקן אַלץ זיך אום, —
צום טיר,
וואָס גלאָצט פאַרמאַכט,
פאַרחתמעט,
און נאָר פון הינטער איר
אַלץ גרוילט
אַ פּיבערדיקער ווערטער־קנויל,
וואָס צאַפּלט הייזעריק און הויל
דורך פענצטער אויפגעמאַכט
אין נאַכט.

די קולות קריגן זיך
און וויגן זיך
מיט אַסטמע,
מיט תחנונים
און געבעט:
מחותן, נו, נו...
מחותן, ס׳איז דאָך שפּעט...
ער טענהט. —
די שטימע זיינע
איז רחמנותדיק פאַרקלעפּט,
און קרעכצנדיק פאַרוועבט,
און סאַמעטיק אַזוי אַרומגעבעבט.

ער בעט זיך נאָכאַמאָל
און בעט
מיט סאָפּענדיקן, שווער צעהוסטן קול:
— נו, נו... —
און ס'ענטפערט אים אַ גלייכגילטיקער, טעמפּער שפּרייז פון פיס,
וואָס גיט אַ שטעל זיך אָפּ אָט האַסטיק אויף אַן אָרט
און ברומט אַרויס
אַ קלאַנג אַזאַ,
אַ וואָרט,
וואָס גייט אויף טעמפּ אַן טרייסט
און גענעצדיק באַגלייט:
— נו, מילא מאָ... —
עס הייסט:
אומזיסט די רייד —
אומזיסט!

די טיר גיט פלוצלונג זיך אַ ריס,
עס לויפט אַ ייד אַרויס,
אַ יידעלע אַ גרויער,
אַ קליינטשיק יידעלע ווי אַ כזית טרויער,
דעם אויסגעקנייטשטן קאָפּל אין דער זייט פאַררוקט און קרום.
אַ רגע לויפט ער אום,
און זוכט אַ יידן אויף, און רעדט אים אויפן אויער,
און הוסט אַריין אין יעדן וואָרט,
און רייסט אַ הערעלע אַרויס זיך פון דער באָרד
און לויפט צוריק אַריין,
די טיר פאַלט ווידער צו
פאַרמאַכט,
און נאָר אַ פענצטער אויף דאָס ניי שוין פלאַפּלט אין דער נאַכט
און וויגט די רו,
די שטילקייט, איין
מיט האַרציקע תחנונים
און געבעט:
— מחותן, ניי, ניי...
מחותן, ס'איז דאָך שפּעט...
און הוסט, און שטאַמלט שוין מיט ווערטער ניט דעררעדט,
און נאָר דער שפּרייז פון פיס
גייט אויף און ענטפערט אָפּ מיט שטומן ברומען:
אומזיסט, —
מ—זו—מן,
נאָר מ—זו—מן...

און אין דער נאַכט
מיט אָפּגעהאַקטן, רגע׳דיקן גאַנג
דער זייגער כאַפּט זיך אויף מיט פּייערדיקן קלאַנג,
און ציילט די שעהן אויס געלאַסן הילכיק זיי,
אָפּריער — איינס — פאַרטראַכט
דערנאָכדעם לאַנגזאַם צוויי —
און ווידער שטיל.

די כלה וויינט אין שלייער לייכט פאַרהילט,
און הייסע טרערן טריפן אויף איר ווייסער חופּה־קלייד,
און לעשן אויס דעם לעצטן שימער פרייד,
דעם לעצטן פלאַטער פון אַ העלן מיידל־טרוים,
וואָס ציטערט נאָך באַהאַלטן און פאַרטוליעט אין אַ זוים.

דער יום־טובדיקער אויסגעוועקסטער דיל
טויכט אויף אין לאָמפּן־שיין מיט ליכט און שאָטן שפּיל
און שפּיגלט ערגעץ אָפּ אין טיפן, קאַלטן גלאַנץ
דעם שוועבנדיקן אומרו פון אַ ניט געטאַנצטן טאַנץ,
דעם גליווערדיקן אומעט פון אַראָפּגעטריפּטער טרער,
וואָס לעשט דעם חלום אויס פון מיידלשן באַגער.

און יידן לויפן אום —
אַהין, אַהער —
כסדר
פון כלהס צימער, צו דעם חתנס חדר,
מען קוקט זיך אַלץ אַרום —
צום טיר.
מען שושקעט זיך מיט אויגן גלאַציק־פרום,
מען חקרנט זיך, מען גלעט זיך ווייך די בערד:
— או—וואַ—או—וואַ — —
און מען צענעמט פאַר חידוש ברייט די הענט:
— נו, יאַ... נו, מילא, מאַ...

און ווייבער:
מומעס אַנגעקוואָלן גראָבע —
בייז־באָרעדעווידיקע, דאַרע ביינערדיקע שניר,
וואָס קוקן זיך אַריבער מיט אַ קרומען ניט־פאַרגינען —
אַלע,
אַלע,
זיי קענען איצט קיין אָרט זיך ניט געפינען
און טוליען זיך צעשראָקן צו דער וויינענדיקער כלה,
און צו דער אַלטער אויסגעקנייטשטער באָבען,

וואָס גלאָצט מיט מוטנע, תמעוואַטע אַפּלען,
אַזוי מין הילפלאָז־מיד און אומרואיק פאַרשעמט.

די כלה וויינט.
די באָבע זיצט ביים זייט לעבן איר דערנעבן
און אירע בלייכע ליפּן אויסגעקייטע, וויכע פּלאַפּלען,
ווילן עפּעס וואָס דערגיין,
און אירע ציטערדיקע פינגער, אויסגעשטרעקטע, צאַפּלען, —
זיי ווילן הייסט עס, טאַפּנדיק אַ פרעמדע האַנט,
אַרויסקריגן פון איר דעם מיין,
וואָס זאָל אַנשטאָט אַ וואָרט,
אויף אַלץ איר פאַרט
אַ קלאָרע תשובה געבן.
און ס׳הויבן טעכטער אָן איר געבן צו פאַרשטיין:
— מען איז אַוועקגעלאָפן, מאַמע, צו דעם רבין —
צו אים אַליין,
צום רבין!
זי שטעלט אָן אויער אָן און שאָקלט מיטן קאָפּ:
אַרויף — אַראָפּ,
און חידושט זיך אַ ווייל,
און גלעט זיך פאַר דער גאָמבע ווי אַ מאַנצביל פאַר דער באָרד,
און שאָקלט זיך, און חזרט איבער יעדעס וואָרט,
געלאַסן, לאַנגזאַם אָן געאייל:
— אַזוי, צו אים אַליין... ס׳הייסט צום רבין... זי פאַרשטייט, —
און הויבט זיך פלוצלונג אונטער, ווי פאַרצאַפּלט פון דעם אָרט
און ס׳גייט אין אירע אויגן אויף אַ ווייטע מיידל־פרייד.

און פּלוצלונג האָבן קלעזמער זיך פון העלער הויט צעשפּילט.
די פידל, ווי פאַר זיך אַליין, פאַרגאַנגען האָט זיך שטיל,
ווי ס׳וואָלט אין שלאָף אַ ווינטעלע אַ פאָך געטאָן אין רוים,
אַ וועק געטאָן, אַ גלעט געטאָן אַ ציטער־סטרונע קוים,
אַ הויך געטאָן מיט אָטעם פון אַן אויפגערוישטן בוים
און ווידער זיך פאַרהוילן
און זיך שאָטנדיק פאַרהילט.
און נאָר די שטילקייט שפּילט,
און נאָר אָן עכאָ רעדט
מיט פליסטערדיקן צאַרטן ווינטלדיקן גלעט.

דער ערשטער האָט דער פּייקל זיך אַ ריס געטאָן פון טרוים,
מיט טאַצן־ברום דעם אָפּקלאַנג פון דעם עכאָ נאָך געכאַפּט,
און הילכיק זיך צום טאַקט מיט טריטלעך באָרוועסע צעקלאַפּט,
און מיט קופּער־דזין פון טאַצן־ליפּן באַנג

דעם ציטערדיקן עכאָ נאָך דעם גראָבן באַס דערלאַנגט.
דער באַס איז אַ צעברומטער אויף אַ ווייל געבליבן שטיין,
און נאָכדעם לייכט אַ וויג געטאָן אויף לינקס זיך און אויף רעכטס,
און פון דער כלהס שטום־פאַרהוילענעם געוויין
אַרויסגעפאַנגען צאַרט דעם סאַמע שטילסטן קרעכץ,
דעם סאַמע דינסטן כליפּ;
דערנאָכדעם מ'ט אַ גראָבן שטיוולדי'קן טראָט
און מיט אַ האַרבן, הייזעריקן סקריפּ
געלאָזט זיך האַסטיק גיין
צום טיר,
וואָס גלאָצט מכלומרשט פרום
מיט מצוות, גאָט
און סוד,
און מיט אַ כריפּענדיקן, הייזעריקן ברום
אַרויסגעריפּעט הינטער איר
אַן אויפגעהילכטע דראָענדיקע שפּאָט
אויף סאַמע גרעבסטער סטרונע, אַזוי גראָב
ווי ס'וואָלט דער בויגן הינטער טיר
געגעבן זיך אַ גראָב
און אויפגעוועקט דעם זאַטן שוועל פון שטוביק־זיסן שלאָף
מיט אַנזאָג פון אַ נאָענטער, קומענדיקער שטראָף.

איצט האָט די פידל זיך שוין אויך פאַרגאַנגען אויפן קול,
ווי ס'וואָלט דער שטילער ציטער פון דעם פליסטערדיקן ווינט,
וואָס האָט געגנעכטיקט שלוהדיק אויף סטרונעס, מיטאַמאָל
געגעבן זיך אַ וועק
מיט שרעק,
אַ ריס געטאָן זיך אומגעריכט, געשווינד,
און איז אַוועק,
אַוועק
אויף שטורעם־כוואַליעס אויפגעשוימטע בלינד.

און אַלץ, וואָס האָט אויף סטרונעס בענקענדיק געשוויגן,
און אַלץ, וואָס האָט אויף סטרונעס וואַרטנדיק געשטומט
מיט זיסע טענער פון אַן אומעטיקן ניגון, —
האָט זיך פון העלער הויט צעקלונגען, זיך צעברומט.
און אַלץ, וואָס האָט אויף סטרונעס אומרואיק געצאַפּלט
פון פידל־טיף צום בויגן־שפּיץ געצויגן זיך געשטאַפּלט,
פון פידלער־פינגער בענקענדיק מיט אומרו זיך געריסן —
האָט אויפגעקרעכצט מיט יידישן מיט אומעט־חן מיט זיסן,
מיט טריבער שיין פון חתונות פון אָרעמע, פאַרשעמטע,

מיט הערינג־סעודהס קאַרגלעכע און אָפּגעווישטער טרער,
מיט כּלה־אויגן צניעותדיק שוואַרץ־חנעוודיק באַברעמטע,
וואָס גליען אונטער שלייערס אויס אַ מיידלשן באַגער.
און אַלץ, וואָס האָט פֿון סטרונעס זיך געצויגן צו דעם בויגן —
אַ דורות־לאַנגע אײדלקייט, עניוותדיק באַזוימט,
מיט עלטער־באָבעס ליכטיקע, מיט גוטס פֿון טרייע אויגן —
האָט אויפֿגעטרעלט אין סטרונע־שפּיל מיט זיסן מיידל־טרוים.

די פֿידל שפּילט,
די פֿידל שפּילט,
דער יום־טוב־דיל
ווערט מאָט פֿאַרהילט:
אַדורך זיין אויפֿגעוואַקסטן, אויפֿגעטויכטן גלאַנץ —
דאָס גייען שאָטנס אויף — זיי גרייטן זיך צום טאַנץ.

די שטילע ציטערדיקע פּליט
האָט פּלוצלונג זיך דערפֿרייט:
די אַלטע באָבע גייט,
די באָבע טאַנצן גייט.
איר אַטלאַס־קלייד
איז ברייט
און פֿאַלנדיק צעשפּרייט,
די באָבע האָט פֿאַרשאַרצט עס מיט דער לינקער האַנט און גייט.
און ס'שימערט אויף אַ זוים נאָך וואו—אַ העלע מיידל־פֿרייד.
זי שטעלט אַ טראָט אַוועק, אַ טראָטעלע נישט מער,
אַ טראָטעלע אַ קליינס אַזאַ — דער באָבען איז שוין שווער.
און טראָט נאָך טראָט אַזוי, מיט טריטעלעך געשווינד,
די אַלטע באָבע גייט אַ ברוגז־טאַנץ אַצינד.

די באָבע האָט שוין לאַנג די אַכציקער דערלעבט,
דער באָבעס פּנים איז מיט קנייטשעלעך פֿאַרוועבט.
ס'איז אַלט איר אַטלאַס־קלייד,
שוין אָפּגעקראָכן שוואַרץ,
נאָר ס'האָט אַ מיידל־פֿרייד
צעשטיפֿט דער באָבעס האַרץ.
די באָבע גייט אַ טאַנץ,
אַ ברוגז־טאַנץ זי גייט;
עס ציטערט אויף איר קלייד
אַ ווייטער יום־טוב גלאַנץ —
אַ גלאַנץ, וואָס שימערט דאָ
און איז שוין מער ניטאָ.

און ס׳פינקלט אויף איר האַלדז
אַ בראָש פון גאָלד נאָך אַלץ,
וואָס גלאַנצט נאָך כלומרשט דאָ
און איז שוין מער נישטאָ.

און ס׳פלאַטערט אויף איר קאָפּ,
וואָס איז שוין אַלט און גראָ,
אַ שוואַרצער מיידל־צאָפּ,
וואָס איז שוין מער נישטאָ.

.1944

מרדכי ראָטענבערג

לידער

מיין וויגל

אויפן פאַרשנייטן שליאַך פון מיינע טעג
שטייט צעבראָכן מיין וויגל.
און, איינגעבויגן, מאַמעס שאָטן
וויגט עס מיט אַ ניגון.
און אַמאָל אין שווייגעדיקייט פון דער נאַכט
עכאָט פון וויטן מיין געבעט:
— מאַמע, אַז ס׳וועט טאָגן —
ניט קיין ראָזשינקעס,
ניט קיין מאַנדלען,
נאָר זון אַ ביסל ברענג.
מאַמע, ווי לאַנג נאָך,
מאַמע, ווי לאַנג נאָך
וועל איך
פון דיר
זויגן
די נאַכט?

כ׳וויס, וועסט מיך פאַרלעשן

כ׳וויס, וועסט מיך פאַרלעשן
אַזוי פּראָסט ווי אַ ליכט.
אַ בלאָז —
און ניטאָ.
מאַך, גאָט,
כ׳זאָל פאַרגיין פאַרנאַכט,
ווען זון נידערט מיט ברענענדיקע ליפּן
צום וואַלד,
און קושנדיק גייט זי אויס.
ניט קיין געוויין,
ניט קיין יאָמער זאָל זיך הערן.
אַ טאָכטער בלויז

מיט גוטע אויגן
וועט קושן מײַנע הענט.
אויף מײַן שטערן —
אַ פֿאַרמעט אַ געלער.
ווען זי איבערלייענען — טויט,
און זאָגן:
די זון געגאַנגען שלאָפֿן,
און דער טאַטעשי — אויך.

דאָס שלעפֿעריקע גראָז

כ׳זעץ זיך אַוועק
און קוק אויפֿן זייגער.
אַ נפֿטר אַן שבחים מײַן יעדע מינוט —
אַ גויישער פּגר.

יאַנקעלע בטלן
איז שוין שלאָפֿן געגאַנגען,
שמואלקע עלוי לערנט,
און דו — וואָס?
וויגסט אײַן דאָס שלעפֿעריקע גראָז
און ציילסט די שטערן.
אַ גאַנצע נאַכט
קריגט זיך אַביי מיט רבאַן;
נאָר פֿאַרטאָג,
ווען יאַנקעלע בטלן קומען ברויגע שיך צו חלום,
מאַכט שמואלקע עלוי
צווישן זיי שלום.
און דו — וואָס?
וויגסט אײַן דאָס שלעפֿעריקע גראָז.

וויין ניט, מאַמע

וויין ניט, מאַמע, —
ס׳ליגט נאָך אָפֿן בבא קמא.
וויין ניט, מאַמע —
דעם אַלטן בוים
וועט אַ גריל פֿאַרוויגן.

און אַליין
וועט ער אויכעט שלאָפֿן גיין.
און אָפֿן
וועט בלייבן בבא קמא.

וויין ניט, מאַמע —
אין אַן אָוונט
אין אַ שוואַרצן,
ווען ווייסע טויבן
ווערן ראָבן,
אין אַ גרוי פֿון אַ פֿליגל
כ׳דערקען דעם אַש
פֿון יאַנקעלעס פֿאַרברענטן וויגל —
בלעטערט ווינט די בבא קמא.
כ׳קען ניט לערנען היינט.
זאָל ער, דער ווינט, די בלעטער לערנען!
נאָר אַז דו הייבסט אָן וויינען, מאַמע —
עפֿן איך צוריק די בבא קמא.
וויין ניט, מאַמע.

דער גט

אַ לעבן האָט ער אום שבת געשריבן.
נאָר דאָס מאָל זאָלסטו אים פֿאַרגעבן.
זע, אויף אַ געשענקטער בעט
שרייבט ער זיין גט
דעם לעבן.
און די עדות —
ניט קיין ווייסבערדיקע ייִדעס,
נאָר איך און אַ שטערן.
ניט קיין מאַמע, וואָס זאָל
אַ שאַלעכל אַ שוואַרצס טראָגן,
ניט קיין טאַטע וואָס זאָל
אַ קדיש פֿאַר דער נשמה זאָגן.
ס׳איז שוין שפּעט.
ייִדן זאָגן שוין: אַ גוטע וואָך.
און איך שטיי לעבן בעט
און,ביים שיין פֿון דער לבנה,
אויף אַ פֿאַרמעטענעם פּנים
כ׳לייען דעם גט.

מזל-טוב דיר, משהלע

אויף שטיינער
צעביינערט
ליגט משהלע, מיין חבר.
איעדער אבר
בעט אַ קבר.
פאַלט
אַ שטראַל
אויף זיין קאָפּ.
אַ קוש — און אַוועק.
און אין אייביקייט פון משהלעס שלאָף
קומט טרעבלינקע צו חלום
און מאַידאַנעק. —
איז מזל־טוב דיר, משהלע,
גאַנץ מאַידאַנעק גיט דיר שלום.

ניט באַהספדט און אָן בלומען —
אַ ווינקעלע אַזאַ,
וואו דיין גאולה איז שוין געקומען.

מיינע טעג

מיינע טעג —
דער וועג
פון וויגל
צום קבר.
פון איינסן
איז מיין וועג.
אין באַגינענס
שמייכלען צו מיר די סופן,
און אין שוואַרצן שויס פון דער נאַכט
זע איך שלאָפן
יונגע עופהלעך טעג
פון איינסן און פון סופן.

גיי שלאָפן

גיי שלאָפן,
גיי שלאָפן —
קיינער טוט אויף דיר שוין ניט האָפן.
גיי שלאָפן.

דעם טאַטנס הויז
מיט גראָז באַוואָקסן —
פיטערט זיך דאָרט אַ בהמה.
און אויף אַש פון אַ טריסקער קלויז
לויפט אַרום אַ מויז
און האַלט אין מויל אַ שמ׳ע.
אַ גאַנצע נאַכט
וואַכט דאָרט די לבנה,
און פאַרטאָג,
ווען שטערן זיינען שוין פאַרלאָשן,
וויל זי עפּעס פרעגן —
האָט זי ניט קיין לשון.

גיי שלאָפן.
דיין טויט דעם קליינעם
וועט קיינער ניט באַוויינען.
אפשר וועט אַ וואָלקן אַ קאַרגער
אַראָפּוואַרפן צוויי טרערן —
צוויי פאַרשעמטע נדבות,
ניט אין דיין זכות,
נאָר אין זכות פון אבות —
די טרעבלינקער.
ווייל ווי זאָל איך פאַרגעסן —
ווען מ׳האָט צו דער עקידה געפירט
ר׳ משהלע דעם לובלינער,
האָט מען אויף דזשאָפער *) אייזקרים געפרעסן
פרעגנדיק: וויפיל האַלט דער גרינער? **)
גיי שלאָפן,
גיי שלאָפן.
דיין טויט דעם קליינעם
וועט קיינער ניט באַוויינען.
גיי שלאָפן.

אַ פאַרנאַכט אַזאַ

זיצן מיר אויף אַ באַנק —
איך און די מאַמע.
אין ברעגס רוקן
הענגט דער ים —

*) דזשאָפער — הויפּט-גאַס פון שאַנכייער ביזנעס.

**) דער גרינער — אַמעריקאַנער דאָלאַר.

אַ שווערד אָן אויסגעשאַרפטע,
און אין זיין האַרץ אין סאַמע
שרפהט ער.
זאָג איך:
מאַמע, וואָס איז בעסער —
אַ גאַז־אויוון צי אַ מעסער?
זאָגט די מאַמע: נאַריש קינד,
ס׳איז אַ פאַרנאַכט אַזאַ.
זע, ווי צו די בלעטער
רעדט זיסע רייד דער ווינט.
ס׳איז אַ פאַרנאַכט אַזאַ.
אַלע בלעטער זאָגן שמע,
ס׳נאַכטיקט שוין דער ים
מיט טויזנט שטערן.
און דער מאַמעס שיינע אויגן
נאַכטיקן מיט טרערן.

אין אוקראַינע שמעקט שוין בעז

אין אוקראַינע שמעקט שוין בעז,
און אויף משהלעס געביין
פיטערט זיך אַ שעפּס.
מאָרגן וועט אַ פּויער
עסן ברוסט מיט כריין,
און נאָכן עסן
וועט ער טאָן אַ גרעבץ
און זינגען צו אַ שיקסע:
„דיעווקאַ וולעס״.
און וואָס וועלן מיינע פּאָעטן זאָגן?
מיט טויט און ברויט און נויט
לידלען מיינע קלאָגן,
און מיט די אַלטע גרייזן:
„אויב הימל האָט אַ גאָט
זאָל ער זיך באַווייזן״.
און רופן גאָט לדין
צו אַלע גראָזן אוןביימער —
און אויף דער וואַנט פון נעמיראָווער קלויז
שטייט געשריבן לאמר:
האזינו — פאַרנעמט,

איר גראָזן, שטערן אוןביימער,
ביי גאָט איז אַ נאַכט פאַראַנען —
איז שחיטה־שטאָט דאָרט אַ גן־עדן,
און נעמיראָוו — אַ ווינקעלע
פון נחת און פון פריידן.
דעם כּוס פון גאָל
האָב איך זיי טרינקען געגעבן —
זינגען זיי ערשט פאַרן בעל!
נאָר ווערט אַ הימל דען
פאַר יינגלעך נתפּעל?
חי ד׳, זאָגט גאָט —
מלך פון ישראל.

און איך טו שטיין
אין יאָמער־טאָל אַליין,
די שטערן מיינע עדות,
און כ׳רעד צו גאָט
מיטן לשון פון די זיידעס:
— דו ביסט צדק,
דער משפּט אַ גערעכטער,
איך בין נעבעך דער שלעכטער.
און אַז ס׳טוט אָוונט מיין שטאָט
אין זיסן שלאָף פאַרוויגן,
דאַוון איך צו דיר, גאָט,
מיטן הייליקן וועלעדניקערס ניגון.
זיץ איך מיר אויף אַ שטיין
און וויין, און וויין, און וויין:
„אַלע מיידעלעך האָבן חתונה,
און רחלע אַלץ אַליין״.

אויפן פעלד ליגט דער מירער גאון

אויפן פעלד ליגט דער מירער גאון.
דריי קראָען
אויפן קאָפּ.
אויף די הענט קראָען צוויי.
נאָר זיין באָרד און פּאות קושט דער שניי.
דער טייוול זעט און האָט הנאה,
ער קוועלט: אַזאַ בזיון!

פאַרטאָג ווערט פונעם גאון ביינער,
נאָר מספיד זיין ניטאָ איז קיינער.
שאָקלט זיך אַ ווערבע:
גאָט איז צדק,
זיין משפט אַ גערעכטער.
האָלט אין דער טייוול זיין געלעכטער.
דער יונגער וואָלד
גייט אויס אין פלאַמען.
ער ברענט ניט —
ס׳ברענען אין אים די פאַרוואָסן.

און אַז איך וועל דאָרטן קומען
וועלן בליען שוין די בלומען,
אויף אַ בוים וועט זיך אַן עפל שאָקלען.
און אין מיר, גאָט, וועלן וויינען די סך־הכלען.

מ. שטריגלער

ווער זיינען זיי געווען?

אַריינפיר:

פאַר אַ מענטש, וואָס האָט מיטגעמאַכט די זעקס בלוט־יאָרן אַלס ייד אין היטלערס אייראָפּע — קומען אויף פאַר די אויגן טויזנטער געשטאַלטן, מיט וועלכע ער האָט זיך איבער יענע צייטן אָנבאַגעגנט. יעדער פון זיי האָט אַדורכגעשפּאַצירט איבער זיין געדאַנק, פאַרהאַלטן זיך אַ ווײַלע אין מוח. און ווען אַפילו זיי זיינען שפּעטער אַוועק אין די אומבאַקאַנטע טונעלן פון טויט אָדער פאַרגעסנקייט — האָט זיך עפּעס פון זייער וועזן איינגעקלאַמערט אין זיין געהירן, אין זיין וויזיע. מוז ער זיך מיט יענע ברעקלעך אַרומטראָגן און לאָזן זייער אָפּשיין אים באַגלייטן איבער זיינע פאַרבליבענע יאָרן צום לעבן.

פאַראַן צווישן זיי פינצטערע און ליכטיקע; אַזעלכע וואָס זיינען אָפן געווען מיט זייער תוך און אויף איין רגע בלויז איינגעזונקען אין דער מיסטעריע פון אַ סוד אַריין און אַזוי אַרום פאַרשוואונדן. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זייער יעדן טריט געהילט אין אומפאַרשטענדלעכקייט, אין נעפּל, ביז אַ קלאָר־מענטשלעכע מינוט האָט זיי אַ כאַפּ געטאָן, זיי אויפגעדעקט אַ ווײַלע און דערמיט זיינען זיי געוואָרן נאָך מער רעטעניש... וועגן זיי איז שווער צו טראַכטן, ווי איבער זאַכן וואָס דיין מוח נעמט זיי אויף מעכאַניש, אָן דעם פאַרשטאַנד, וואָס ברענגט אַ ביסל געגנוג טואונג דער מחשבה; באַ־האַלטן זיי זיך אַמאָל אויס אין דיר, פאַרשווינדן צווישן דער מיל פון דיינע טעג, ביז דו מיינסט אַז זיי האָבן שוין געענדיקט דעם לעצטן גסיסה־עכאָ אינעם פאַרגעס דיינעם, אַז מער וועלן זיי זיך אויף דיר ניט אָנוואַרפן מיט זייער משא... נאָר זיי קומען פּלוצעם אויף, אין מינוטן ווען דו טראַכסט גאָרנישט. זיי פּויקן אַריין אין דער איינגעשוויגענער לופט אַרום דיר, אין דיין פאַר־טראָגענעם געדאַנק: קלער פון אונדז! דערמאָן זיך! עס זעט אויס ווי זיי וואָלטן אַליין געזוכט דעם סוד פון זייער זיין, דעם תיקון־ענטפער אויף זייער רע־טעניש. זיי אַליין זיינען אויפגעקומען פון אַ סוד וואָס איז ניט זייערער געווען. ניט זיי האָבן פון זייער האַרץ אַרויס געטאָן דאָס אומבאַגרייפבאַרע פון זייער האַנדלונג. נאָר דאָס אומפאַרהאָפטע האָט זיי אַליין איבערגעוועלטיקט. זיינען זיי געבליבן אומפאַרשטאַנען פאַר זיך, נאָך מער ווי פאַר אַנדערע...

נישט איינער פון זיי האָט געשאַפן פאַר אַנדערע אַ מינוטיקן נס און

אַליין האָט ער זיך נישט געקענט אין אים איינגלידערן. טייל פון זיי וואַנדערן נאָך איצט אפשר אַרום, אונטער דער שווערער לאַסט פון טראָגן זיך אַליין; דערפאַר אפשר איז זייער מאַנונג און דערמאָנונג אַ שאַרפערע און צו־דרינגלעכערע. זיי קומען די ערשטע אויפצורייסן די שׂמחה־הייטלעך, ביז מען שטויסט זיך אָן אין זייער משונהדיקן אויפבליץ און פאַרזינק... ס׳איז שווער פאַר זיי צו געפינען אָן ענטפער — נאָך שווערער איז אָבער אוועקצוגיין פון זיי און נישט אַרויסלייגן יענעם מאָמענטאַנעם צייט־שפּליטער פון זייער אַנבאַגעגענען — פאַר אַלעמען...

און אַט ווילט זיך דאָ דערציילן פון עטלעכע אַזעלכע טרעפעכצער מיט דעם מענטש־ר׳עטעניש אין אַ שרעק־געשטאַלט. כ׳לייג אַוועק אין אַ זייט די קללה וואָס איז נאָך אַלץ גרייט פאַר זיי, ווי אַנגעהעריקע צו דער ריי פון די גרויזאַמע; כ׳דערשטיק דעם אויפשריי פון יענע מינוטן — ביים אַדורכקרייץ פון זייער דערמאָן — ווי עס דאַרף טאָן אַ קרבן און עדות, אַ שופט און קטיגור. דער ציל פון דער דאָזיקער אַרבעט איז בלויז: קלאָר צו מאַכן פאַר זיך דאָס אומקלאָרע און פאַרהוילענע און ווען דאָס זאָל נישט געלינגען — צו געפינען כאָטש נאָך אַ שותף צו אַ גרויסער, מאַטערנדיקער פראַגע: ווער זיינען זיי געווען?...

***

ס׳איז געווען אין די ערשטע טעג פון אָקטאָבער 1939. די דייטשן האָבן נאָר־וואָס אַריינמאַרשירט קיין וואַרשע. ס׳איז געווען די צייט פון רויכער־חורבות און אַרעסטן. די פּאַניק און דער פּחד האָט די יידן, מיט אַ ביסל שפּייז אין שטוב, צוגעהאַלטן אין די לײדיקע, איבערגעקערטע היימען; דערפאַר אָבער האָט עס די הונגעריקע געטריבן אין די גאַסן, אין די גוישע פאַר־שטעט וואו שפּיזיקע אויגן פון דייטשן זיינען אַרומגעלאָפן איבער פּנימער און געזוכט דעם דערשראָקן־בלייכן אָפּגלאַנץ פון אַ ייד... איז יעדער מינוט פאַרגעקומען אין האַרץ דער געראַנגל צווישן הונגער און אימה...

איבער דעם געוועזענעם פּוילישן פּאַרלאַמענט האָבן שוין געפלאַטערט די שאַנדיק־רויטע פענער, אין וועלכע ס׳האָבן זיך שוואַרץ איינגעגעסן קרום־קרעבסיקע האַקנקרייצן און געהאַלטן אין איין פּאַטשן מיט כעס דאָס לינדע ווינטל, וואָס האָט זיך געריסן צו דיביימער פון סיים־גאָרטן. דאָרט אַהין האָט מען כסדר געכאַפּט פּוילישע פּאָליטיש־פאַרדעכטיקטע און יידן — וועלכע זיינען שוין מער קיין לעבעדיקע נישט אַרויס. איז אַט בין איך איינער פון די געכאַפּטע. ס׳איז גראָד מיטאָג־צייט און איך האָב געמיינט אַז ס׳וועט איצט זיין רואיקער און — גלייך אַריינגעפאַלן.

דער ברוין־מונדירטער, וואָס האָט אונדז געפירט איז געווען אָנגעלאָדן מיט רציחה, גענוי ווי דער רעוואָלווער אין זיין האַנט. דאָס מאָל האָט ער געהאַט אַ היבשן גרונד דערצו: מער ווי זעקס יידן איז אים נישט געלונגען צו פאַנגען, איבער אַזוי פיל וואַרשעווער גאַסן! מ׳האָט אים „אָפּגעגעבן" אַ קריסטלעכן בעגגנט און ביי דער געטרייסטער מיטהילף פון אַזוי פיל יונגע

פּאַליאַקן און פּוילישע מיידלעך האָט עס מער ווי אונדז, די זעקס, נישט אָנ־געטראָגן. דערפון זיינען צוויי פון דער גרופּע עלטערע מענטשן, וואָס מ׳קען נישט צופיל שלאָגן אויפן וועג — ווייל ער וועט דאַן ברענגען אַהין נאָך ווייניקער.

מיט פאַרצווייפלטער שרעק זעען מיר פּלוצעם אַז מ׳פירט אונדז אין סיים אַריין. ביים טויער, אויפן טראָטואַר פון דער סיים־אַליע, וואַרטן שוין אַ היפּשע צאָל נייגעריקע אַפּיצירן, צו זען ווי אַזוי יידישע געפאַנגענע קוקן אויס. מיר באַווייזן אַפילו ניט אַ בליק צו טאָן אויף דער סיים־געביידע; אַזוי־פיל הענט נעמען אונדז שלאָגן, שליידערן, אַז מיר קענען אַפילו וועגן גאָר־נישט טראַכטן. מען האָט אונדז דאָ געברענגט, בכדי די הויכע „פּאַנען״ און אַדעליקע — וואָס האָבן דאָ באַזעצט דעם פּאַלאַץ — זאָלן זיך איבער אונדז לוסטיק מאַכן. דאָ הרגט מען דערווייל נישט סתם אַזוי און אויף אַמאָל. דעם קערפּער ווערט געלאָזט זיין וואָרעמקייט אַזוי לאַנג, וויפל ער קען נאָך געבן צאַפּל־הנאה פאַר די פייניקער. און פייניקן דאַרפן זיי אַ סך. זיי זיינען ערשט די ערשטע טעג אויף אָקופּירטער ערד און מיר זיינען די ערשטע מלחמה־יידן, וואָס זיינען זיי געקומען אין די הענט אַריין... שטעלט מען אונדז אַוועק, זעקס צעבלוטיקטע יידן, אין דער געדיכטעניש פון די קאַשטאַן־ביימער און מען לאָזט אונדז אַ ווײַלע וואַרטן אויף אונדזער גורל.

אין דער גאָרטן־טיף הערן זיך שאָסן. דורך די ווייסע שפּאַלטן צווישן בוים און בוים זעען מיר, הערן מיר דאָס פאַלן פון מענטשן וואָס אַ שטאַרקע־רער כוח שליידערט אום, בכדי מער נישט אויפצושטיין. מיט אונדז וועט מסתמא געשען דאָס זעלבע. אַ געדאַנקען־קנויל נעמט ווידווידיק שפּינען דעם טראַכט פון לעצטע מינוטן. פון אַ ווײַטלעכן ערגעץ־וואו רייסט אים איבער אַ בריל:

— זיך אַנידערלייגן!!! — און שוין ליגן מיר מיטן פּנים צו דער ערד. דאָס זעלבע קול באַפעלט ווייטער: אויסציען הענט און פיס! ליגן מיר מיט אויסגעשפּרייטע אברים — ווי צום קרייציקן. באַלד זאָגן אונדז אָן די גע־פאַלענע קאַשטאַן־בלעטער מיט אַ שאָרך: ס׳גייען, ס׳דערנענטערן זיך שטיוול־טריט! און באַלד שפּירט אויך יעדער פון די ליגנדיקע ווי אַ כעסדיקער זעלנער־שפּאָרן נעמט טרעטן די פינגער־שפּיצן פון זיין אויסגעצויגענער האַנט...

שמאָלע, פייערדיקע שלאַנגען צעטאַנצן זיך אויף דער הויט און אויף די פינגער־שפּיצן ווערט געדריקט אַלץ פעסטער און פעסטער — קענסטו נישט מער! אַן אויסגעשריי רייסט איין די ברוסט. דו ווייסט נישט אויב ער איז דיין אָדער דיין חברס פון לעבן דיר; וועסט ערשט שפּעטער קענען איבער־טראַכטן, אַז דאָס האָט זיך דיין געשריי צונויפגעקנידערט מיטן געשריי פון אַרום און דער גאַנצער קנויל האָט אַוועקגעבלאָנקעט צווישן די שטעגלעך אַרום, זוכנדיק וועמען, רופנדיק הילף... אַזאַ קול־עכאָ האָט אויך, בלינד און פאַרבלענדט אָנגעשלאָגן אָן דיר, מיינענדיק אַז דו קענסט העלפן אָדער געוועקט דו זאָלסט דיר העלפן אַליין... דאָ איז אָבער גאָר נישטאָ וואָס צו מאַכן. אַ הויפן מיט הענט וואַרפן זיך אויף דיין צעגליטן קאָפּ און דריקן

אים אַריין אינעם וועלקנדיקן, האַרבסטיקן גראָז. דו קענסט שוין מער גאָר־נישט זען נאָר אויפנעמען אַלץ מיט אַ בלינדן ווייטיק, וואָס דרינגט אַריין אומבאַגרייפלעך טיפער ווי אין פלייש אַריין...

קלעפּ פון אַלע זייטן טוען נישט בלויז וויי. זיי קומען אויך ווי בייטשן, וואָס צעטרייבן דיינע מחשבות אין אַלע זייטן און דו בלייבסט אַ פּוסטער, אַן אויסגעהוילטער. דער אינסטינקט פילט זיך דאָן ווי אַ הערשער און ער באַפעלט איבער דיין יעדער באַוועג, געשריי און צוק מיטן אויג. באַפאַלט מיך דאָן אַ ווילן אַזאַ אַנצוקוקן מיין שלעגער... איין רגע בלויז! כאַטש אויף אַ צענטל פון אַ סעקונדע...

די הענט וואָס שווערן אַראָפּ דעם קאָפּ, ווערן אויף אַ מינוט לויזער, אַפּטרעטנדיקער. דער קאָפּ ציט זיך אינסטינקטיוו, נאָך די אַרויפציענדיקע הענט און מיט אַ ברעקל דערזע, כאַפּ איך אויף אַ מונדירט געשטאַלט איבער מיר. באַלד גייט מיר אַדורך אַ פרישער פיבער־גלי איבער די אברים. דאָס־מאָל קומט עס פון די אויגן זיינע. לעבן אים שטייען נאָך עטלעכע. פון זיי שלאָגט אַראָפּ אַ רציחה־פּנים; דיקע ליפּן, אַ פליישיקע נאָז, הענט און הענט... זייער דערזע שרעקט מיט גראָבן פחד. דאָס אויפכאַפּן זיי אין גאַנצן אויף אַ מאָל קלאַפּט מיט אַ האַמער, מיט אַ ברייטן, פעסטן קלאַפּ איבער דיר... ביי אים אָבער האָב איך ס'ערשטע די אויגן דערזען... פון מיין איבעררעשונג האָבן זיי איינגעשלונגען אין זיך דאָס גאַנצע אויסזען זיינס, די הענט, די בייטש... און דאָס שלאָגט ניט אָפּ מיט גראָבע קלעפּ נאָר שטעכט שפּיציק־דין, ווי אַ שפּילקע, וואָס דרינגט אַריין מיט איר דינעם ווייטיק נישט בלויז אויבנ־אויף נאָר מיט דער גאַנצער טיף...

שוין דאָן, אין האַלב־אַטראָפּירונג, ביים פאַרגאַסן ווערן מיט קלעפּ־טומל האָט עס אַ שוידער געטאָן:

— האַ, פון וואַנען נעמען זיך אַזעלכע ווייכע, טרויעריק־יידישע אויגן צו דעם ברייט־צעוואַקסענעם ריז, מיט דער לעדער־בייטש אין האַנט? און פאַרוואָס דוכט זיך מיר, אַז זיין פּנים האָט ניט געהאַט דעם בלוט־אַנגוס ביי עינויים־הנאה נאָר איז שוואַרץ־פלעקיק, איבערגעצויגן מיט אומעט־חן פון זיינע אויגן? ס'האָט מיך אַפילו ניט געקאַנט וואונדערן, וואָס כ'זע אַ חן־בליץ אין דעם פּנים וואָס כאַפּט אויף זשעדנע מיין יסורים־צאַפּל...

אַ סעקונדע בלויז האָט עס אונטער מיין טראַכט אַלץ פאַרשטאַנען. נאָכן איינגראָבן דעם קאָפּ צוריק אין אויסגעלאָשענעם גראָז האָב איך ווי געשפּירט איבער זיך אַ יידישע האַנט, אַ יידישן בליק און יידישן דורות־צאַרן, וואָס איז איבערגעלאָגלט געוואָרן אין אַנדערע כלים אַריין. ס'האָט ווער אין מיר בגעוואַלט דאָס פאַרשטאַנען און איך אַליין האָב זיך מיט דער גאַנצער אי־נערער מאַכטלאָזיקייט געווערט, נישט דערלאָזט עס ביז צום הויפּט־קוואַל פון הסכמהדיקן זיכער. און כ'האָב זיך פאַרטיידיקט דאַקעגן, ווי פאַר אַ שרעקלעך, אַנרוקנדיק אומגליק.

... דערנאָך זיינען אַוועק צוויי טעג פון אומגעהויערע יסורים. הונדער־טער זיינען דערשאָסן געוואָרן און די ערד האָט זיי באַהאַלטן אין אַן אָרט, וואו

קיין דייטשע אויג קען זיי מער ניט דערגרייכן. בלויז אונדז, אַ פּאָר יידישע ייִנגלעך האָט מען דערוויל געהאַלטן צום פּוצן אָפיצירישע שטיוול, ווען זיי טרעטן דערביי אויף די פינגער־שפּיצן; רייניקן די קלאָזעטן און צום זויבער־מאַכן דאָס שטיינערנע טראָטואַרל — וואָס פירט צום טויער — מיט די בלויזע הענט. אין די טעג האָב איך אים אָפט געזען. ביי יעדער מאָל פּאַרבייגיין האָט ער אַ שמיץ געטאָן ביז בלוט, אַ בריק געטאָן אין בויך און בורטשענדיק עפּעס ווייטער געלאָפן. דאָ האָב איך שוין די מעגלעכקייט געהאַט צו זען נישט איין מאָל זיין אויגגלאַנץ, זיינע שוואַרצע בויגן־ברעמען, וואָס האָבן אַ שימער געטאָן איבער זיין גאַנצן אויסזען מיט עפּעס דייניקס, באַקאַנטס... דאָס געפיל־ברעקל פון דער דאָזיקער דערקענטעניש איז אָבער שטיפקינדעריש אָוועקגעדריקט געוואָרן אינעם ים פון קעגנגעפילן און אָוועקגעשטויסן געוואָרן מיט ירגזון אינעם כף־הקלע פון געדאַנק, ווי אַ קרעציקע שאָף...

***

עפּעס האָט דער געדאַנק זיך נישט געלייגט צו טראַכטן וועגן אַרויסקומען. יעדער מינוט האָט געקענט קומען דער לעצטער קלאַפּ, וואָס זאָל פאַרענדיקן מיט אַלץ. אין כסדרדיקן געיעג און משוגענע „איבונגען" איז ניט מעגלעך געווען צו דענקען פון ראַטעווען זיך. אויך ער, דער געוויינלעכער זעלנער צווישן אַזוי פיל אָפיצירן האָט אויפגעהערט צו אינטריגירן. אַזעלכע פאַרמאַטערטע טעג זיינען בכוח געווען אויך אים אַרויסצובייסן פונעם שטיקל לעבעדיקן אינטערעס. אַז מ'האָט אים געזען האָט מען בלויז זינלאָז געזוכט אים אויסצומיידן. דער גוף האָט זיך, ווי אַן אָפּגעריסענער און אָפּגעזונדערטער פון די יאוש־מחשבות און „אַלץ־איינס"־פּסק, נאָך געקאָרטשעט ביי זיין דערנענטערן; ער האָט געזוכט זיך אַזוי אויסצופאַרמען אַז דער זיבערער ווייטיק זאָל אָנטרעפן אויף אַ וויניקער פילנדיקן אָרט. מער נישט. ער אַליין איז נישט געווען מער דער אָביעקט פון וועלכן מ'האָט געטראַכט, מ'האָט נאָר געדעגט זיך פון קלאַפּ, וואָס פאַלט פון אים, וואָס ער וואַרפט צו; ער אַליין איז דערביי געווען אַן איבעריקער, אַ נישט־באַמערקט־אַנאָנימער „מ'גייט!" ווי הונדערטער אַזוינע מונדירטע, וואָס בויערן נישט באַזונדער אין געדאַנק...

און דאָך האָב איך אים נאָך איין מאָל געזען און דערזען, פּונקט ווי דאָס ערשטע און איבעראַשנדיקע מאָל. ס'איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס כ'האָב אים געזען. און געשען איז עס אין געציילטע מינוטן, אויף אַ מאָדנע־משונהדיקן אופן:

ס'איז געווען מיטאָג־צייט. אין גרויסן גאָרטן פון סיים האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט אַ ביסל פריש־געכאַפּטע, וואַרטנדיק ביז די אָפיצירן און ס. ס.־לייט וועלן ענדיקן דאָס מיטאָג און זיי נעמען „דרעסירן".

מיר, איך און נאָך אַ בחורל פון אַ יאָר 16, זיינען דערביי געקראָכן אויף אַלע פיר און מיט די הענט אָפּגעפּוצט דעם טראָטואַר, וואָס פירט צום

איינגאַנגס־טויער. ביז נאָך מיטאָג טאָר זיך קיין שטויבעלע נישט געפינען. מיר ווייסן דעם באַדייט דערפון. בלאָזן מיר אַראָפּ מיט דער לעצטער קראַפט פון אָטעם יעדער זעמדעלע אויף די שטיינער, צווישן די שפּאַלטן... אַזוי שאַרג־דיק זיך קומען מיר צו אַלץ נענטער און נענטער צום טויער. דאָרט שטייט, ווי געוויינלעך, אַ וואַכמאַן מיט אַ העלם אויפן קאָפּ און היט. ווי מיר זאָלן זיך ניט איילן מיט דער אַרבעט רייסט זיך אַלע מאָל אַוועק דאָס אויג צום טויער... מיין יונגער חבר איז נאָך אַלץ שטאַרק פאַרליבט אין לעבן. ער איז אַ קינד פון אַ רייכן דירעקטאָר און מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז ער נאָך געווען אין אַ באַקוועמער, זאַטער שטוב. איז ער נאָך איין שטיק הוילע מורא פאַרן טויט... „טויט!" — ער חזרט אַזוי פיל מאָל דאָס וואָרט מיט די ציי־טערדיקע ליפּן... באַלד אָבער באַקומט ער אַן אויסדרוק פון אַ בחוש'דיקע, קאָנקרעטע אימה, וואָס צעגיסט זיך איבערן גאַנצן אויסזען זיינעם. ער וואַרפט מיר צו אַ פּאָר מבולבלע ווערטער, וואָס קוליען זיך איינס אויפן צווייטן אין אין געאייל, וואָס שנעלער, אַלץ שטילערהייט צו דערזאָגן. דאָס האָט ער אַנטדעקט אַ גאַנץ באַזונדערע סכנה:

— דו, לאָמיר אַרבעטן שנעלער!

זיין געאיידלט פּנימל מאַכט אַ גרימאַסע צום וויינען אָבער די טרערן אַליין זיינען ביי אים פאַרשפּאַרט און ער קען נישט אַרויספּלאַצן. עס רייסן זיך נאָר פון אים אַרויס אָפּגעריסענע ווערטער:

— ער... דער שלעגער, שטייט ביים טויער...

ווען איך כאַפּ אַ בליק אַהין זע איך ווי ער שטייט מיט אַ פאַררייסענעם קאָפּ צו די פענצטער פון אַרום, פּונקט ווי ער וואָלט געזוכט מיט וואָס זיין פוילע צייט צו פאַרטרייבן. עס ווייזט אויס אַז ער האָט אונדז איצט נישט אין זינען. באַלד אָבער גליטשט זיך זיין בליק אַוועק פון די פענצטער און ער לאָזט זיך האַסטיק צוגיין צו אונדז... ס'איז אַ צענטליק מעטער סך־הכל פון טויער. איך בייג אַראָפּ דעם קאָפּ טיפער איבער די שטיינער און שפּיר אַ הארטן שטויס צו וועלכן כ'בין שוין צוגעגרייט געווען אין געדאַנק. ער שרייט הויך אַז מ'זאָל אויך דאָרט אויבן הערן ווי ער טרייבט דאָ אונטער. אַ סעקונדע בלויז בויגט ער זיך אַראָפּ און טוט מיר אַ שעפּטש אין אויער:

— יודע, ווילסטו אַנטלויפן?

אין זכרון גיבן אַ שוועב פאַרביי אַזויפיל געלייענטע פּאַסירונגען פון די פאַרמלחמהדיקע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואו מ'האָט דערשאָסן „ביים אַנטלויפן"; כ'באַוויז נישט צו דערטראַכטן ביז צום סוף, ווי מיין חבר דער־כאַפּט אינטואיטיוו מיינע מחשבות. ער וואַרפט מיר צו אַ פרעפל אין פויליש:

— ער וויל דערשיסן!

ס'געדויערט אַן אויגנבליק. איך כאַפּ שוין דאָס מאָל אויף דעם זעלנערס קוק. איך וויל נישט גלויבן און גלויב אים בעל־כרחי. זיינע אויגן זיינען איצט ווייך און בעטנדיק. מיר דוכט זיך אַז דאָס בעט ער זיך רחמים ביי מיר; ס'איז עפּעס דאָ אַזוי פיל יידישער מיטלייד איצט אין זיין פּיכטן אויגן־גלענצל, אַזוי פיל הילפס־גרייטקייט און דעצידירטע עקשנות, אַז דאָס פּאַראַליזירט אַלע

ספקות אין מיר. ער חזרט דערביי איבער נאָך אַמאָל זיינע ווערטער, אַז אַן אַטעם, מיט אַזאַ טאָן ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט דערין אַז מ׳זאָל אים טאָן אַ טובה, מ׳זאָל אים ראַטעווען...

— ייד, ווילסטו אַנטלויפן? גיי צום טויער! אָבער — שוין! — דאָס לעצטע וואָרט עלעקטריזירט: שוין! שאַרן מיר זיך צום טויער. כ׳באַווייז נאָך אַ זאָג צו טאָן צום צווייטן:

— און אויב שיסן איז — מילא...

מיר זעען אַפילו נישט ווי אַזוי מיר קומען אַרויס אין דרויסן. מיר גלייכן אויס די רוקנס, גייען אַ צענדליק שריט געלאַסן און דאַן נעמען די פיס ציען מיט אַ ווילדן, נישט קאָנטראָלירטן אימפעט אין וועלכן מ׳זעט נישט גאָרנישט, גאָרנישט... כ׳וואַרף בלויז אַ מטושטשן בליק אויף צוריק און זע דורך די שטאַכעטן ווי ער׳ באַמערקט אַפילו נישט אונדזער אַוועקגיין. עפּעס שרייט ער צו דער גרופּע פריש־געבראַכטע. מסתמא פאַרלאַנגט ער אַנדערע צווי, וועלכע זאָלן זויבערן די שטיינער... ערשט געפינענדיק זיך אַ ביסל ווייטער פון יענער גאַס האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קלויסטער כאַפּן דעם אָטעם. דאַן האָט זיין געשטאַלט נאָכאַמאָל אַ שוועב געטאָן אין דער לופט און זיך איינגעקריצט אין מיר מיט אַ פראַגע:

— ווער זיינען עס אָט־די סאַדיסטן מיט אַזאַ אומעטיק־יידישן אויסזען און נישט אויסגעלאָשענער אויגן־מעלאַנכאָליע? און ווער האָט אים אַראָפּ־געבויגן אַזוי פּלוצעם איבער אונדז?

די צייט מיט איר קלוגער דערפאַרונג האָט מיר שפּעטער אַריינגעסודעט אין די איינגעווייידן אַן ענטפער קעגן וועלכן דאָס געפיל פּראָטעסטירט, ווערט זיך און קלאַמערט זיך אין אַ נישט־דערקלערטער פראַגע: ווער איז ער געווען?

כאָטש די פראַגן קרייצן זיך איבער און איינע וויל פאַרענטפערן די צווייטע — — —

2

מיט אַ חודש שפּעטער, סוף נאָוועמבער 1939 אין לובלין. אַ טויט־צעשלאָגענער פון דער געסטאַפּאָ ליג איך ביי אַ באַקאַנטן, אויף דעם ענגן יידישן הויף פון קאָוואַלסקאַ פּיר. ביי מיין באַקאַנטן איז אַן אַכסניה, וואו יידן פון דער פּראָווינץ פלעגן קומען אָפּעסן אַ מאָלצייט און איבערנעכטיקן. נאָך דעם דייטשן אַריינמאַרש האָט זיך אויסגעוויזן אַז עס וועט צוריק שטילער ווערן און מ׳וועט קענען פאָרן אַהין און צוריק מיט אַ ביסל סחורה, האַנדלען און פאַרדינען אויף פּרנסה. דערוויייל האָט מען גענומען אַראָפּשלעפּן יידן פון די צוגן און זיי פאַרהאַלטן אויף די וועגן. בלייבט מען שטעקן אין לובלין און מ׳וואַרט, ביז ס׳וועט ווערן רואיקער.

די שטוב איז אַ זייטיקע, אויף אַ ווינקל־שטאַק און דער הויף ליגט אין בלאָטיקן, אָפּגעלעגענעם קוואַרטאַל פון לובלין — ציען יידן אין דער אַכסניה אַריין וואו מ׳פילט זיך אַ ביסל ווי אין אַ זיכערער באַהעלטעניש. זיצט מען

און מ׳רויכערט רויען טאַבאַק און מ׳זיפצט, דערציילנדיק זיך פּאַסירונגען פון די לעצטע וואָכן אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך... די ענגשאַפט ווערט אַלץ שווערער און שווערער. די לופט און דער פחדימדיקער ריח פון שווייס און אומעט לאָזט מיך נישט איינליגן אויפן געלעגער. באַזונדערס קומען אַלעמאָל צו אַנדערע און באַקרעכצן:

— האַ, צעשלאָגן נעבעך... געמאַכט פאַר אַ קאַליקע, וואָס? די מענטשן דאָ האָבן אויף מיר רחמנות. יעדער וויל וויסן געבוי, ווי אַזוי ס׳איז מיט מיר געשען, פאַרוואָס מ׳האָט מיך אַזוי צעהרגעט, אַזוי צעהרגט! טייל נעמען מוסרן מיט אַ פאָטערלעכן טאָן:

— ווי נעמט מען עס און מ׳פאָרט היינטיקע צייטן מיט אַ צוג, האָ? געדאַרפט בייטיק זיי אַריינפאַלן אין די לאַפּעס, וואָס? כ׳ווייס אַז די מענטשן מיינען עס גוט, אַז דאָס באַדויערן זיי מיין צעשלאָגנקייט; כ׳קען אָבער נישט באַהערשן דאָס ווידערגעפיל וואָס באַפאַלט מיך. דאָס ערגסטע, וואָס טוט מיר אַמייסטן ווי פון אַלע יאָרן איז דאָס רחמנות־געפיל, וואָס כ׳זע אַמאָל ביי עמעצן צו מיר. דאָס קומט מיר אויס ווי אַ נדבה וואָס מ׳שענקט מיר. רייכע לייט שענקען אַן אָרעמען אַ קליינעם גראָשן פון זייער פאַרמעגן און מיטליידיקע טוען עס מיט אַ געפיל־גראָשן פון זייער האַרץ. מיר דוכט אַז מיין געלעגער — וואו איך ליג אַ צעקלאַפּטער — איז אַ בעטלעריש־אויסגעשטרעקטע האַנט, וואָס מ׳רופט צו אַלעמאָל אַן אַנדערן, ער זאָל צוקומען און אַריינוואַרפן מיר אַ רחמנות־וואָרט אין האַרץ אַריין... כ׳קריך דערפאַר שטיל אַראָפּ פון דער באַנק־בעטל. אַלע זיינען גראָד פאַרטאָן אין אַ שושקענדיקן שמועס און קיינער באַמערקט נישט ווי אַזוי איך קום צו צו דער טיר, לאָז זיך אַראָפּ מיט די טרעפּ און בלייב שטיין אויפן הויף. אין דרויסן בלאָנקעט די זון ווי אַלע הענדלער וואָס זיינען אַרויסגעקראָכן פון די לעכער. ווי אַ נגידישע יורדטע חנדלט זי זיך און צעלייגט זיך מיט איר גילדענעם ירושה־צירונג, וואָס איז געבליבן פון בעסערע צייטן. עס אַרט זי נישט אַפילו, וואָס עס פאַלן פון איר שטיקלעך גאָלד און ווערן איינגעטרעטן אין די בלאָטעס פון שוואַרצהאַנדלדיקן אונטערגעסל...

אויף דער הויף איז געדיכט אָנגעפּראַפּט. מענטשן רייבן זיך איינעם אינעם צווייטן. דער טומל קנעט זיך אויס מיט געדיכטע, אָנגעפּעכטע ריחות פון גויישן שטיוול־שמירעכץ און פערדן־מיסט. קוליע איך זיך אַרויס פון הויף און לאָז זיך פירן דורך די אָנגערוישטע גאַסן ווייטער און ווייטער. אומעטום שטייען גויים מיט אָנגעשטעלטע בוידן, מ׳טראָגט אַרום געניצטע אָנצוגן צום פאַרקויפן, אָנגעפאַרבטע קיכלעך, שאָקאָלאַד־מאַנדלעך. מענטשן קויפן און ווייסן אַפילו נישט וואָס. דער האַנדל איז אַריין אין אַ פיבערדיקן, אומבאַרעכנטן האַזאַרד. מ׳קויפט און מ׳פאַרקויפט דאָס זעלבע פון דער האַנט אַוועק און שוין לויפט מען יענעם נאָך ביי די ערשטע טריט און מ׳קויפט עס ווידער פאַר אַ געהעכערטן פרייז. דאָ זיינען ווייזט אויס אַלע משוגע געוואָרן. איך קריך אַלץ טיפער און טיפער אינעם תוהו־ובוהו און גאַף אויף דער צעהושטער וועלט, וואָס האָט זיך באַוויזן אַזוי איבערצוקערן אין פאַרלויף פון געציילטע וואָכן...

— ס׳איז פּראָסט און פּשוט: מלחמה!... אַזוי וויל איך מיר אַלץ אָפּ־טייטשן מיט שכל־הישר. דאָס זאָל הייסן, אַז עס קומט אַ צייט פאַר משוגעתן, פאַרן ווילדן איבערשפּרינגען אַלץ, וואָס דער פאַרשטאַנד האָט געהאַלטן אין צוים. שוין נישט איין מאָל מסתמא האָט די וועלט זיך אַזוי צעשטיפט און איז אַרויסגעשפּרונגען פון איר געפּאַסטער הויט אַרויס... איך מוז אָבער דאָ אומגיין ווי אַ פרעמדער, זען אַלץ וואָס ס׳איז נישט באַגרייפלעך, וואָס שרעקט מיך אָפּ און ציט מיך דאָך אַלץ טיפער אַריין אין קעסל...

אין בונטן שטראָם וואַרפט זיך אַדורך אַ ייד מיט אַ קעסטל קליין־סחורה אויף דער ברוסט. אַן אַנצוג הענגט אים אַראָפּ פון האַלדז אויף אַ פאַר־לייגט שטעקעלע, ווי מ׳זעט עס אין אַ געשעפט הענגען אויף אַ האָק. ער גייט אומרואיק, אויסשפּירנדיק מיט די אויגן אין אַלע זייטן די סכנה, וואָס קען זיך אַ יאָג געבן נאָך אים פון אַ נישט־באַמערקט ווינקל אַרויס...

פויערים, געררייצט פון די אָנגעהערטע מעשׂהס וועגן הפקרות בנוגע יידן, קוקן אים נאָך מיט אַ באַהאַלטענעם גיר זיך לוסטיק צו מאַכן איבער אים, צו לאָזן אין גאַנג די הענט, דעם רויב־לוסט. דער אַנצוג מיטן גרויס־שטאָטישן שניט לאָזט נישט רוען. אָט שטייט שוין איינער לעבן אים, וואָס וויל אים אויסדינגען. אַזוי פיל אויגן קוקן פון אַלע זייטן קנאהדיק ווי יענער האַלט דעם שטאָף אין האַנט, מעסט אים אויס, קנייטשט אים צווישן די פינגער... דער ייד קען נישט באַשטיין אויפן פּרייז — דערווידערט ער, שוואַך, מיט אַ מורא דעם גוי נישט אויפצורייצן. יענער ווערט אָבער ווילד. ער נעמט רייסן דעם אַנצוג פון יידס הענט, דער ייד רייסט צוריק... עס ווערט אַן אָנגעלויף פון פויערים וואָס קוקן צו נייגעריק צום שפּיל. מראָץ דעם וואָס זיי ווייסן אַז ס׳איז שוין היינט הפקר, אַז דער דייטש איז פאָראָן, קען נישט יעדער אויס־געפינען ביי זיך אַזוי פיל דרייסטע העזה—סתם צוצופאַלן און רויבן פאַר די אויגן פון אַ גאַס; דערפאַר אָבער האָט מען הנאה וואָס ס׳איז פאַראַן אַזעלכער וואָס קען עס יאָ... ס׳איז נישט בלויז דער פאַרגעניגן פון צוקוקן זיך דער־צו. דורך די קאַנאַלעכלעך פון זייער לעבן וואָס ציט זיך ביז צו יענעם — גיסן זיי זיך צונויף מיט זיין רייסן, מיט זיין שלעפּן... ער ווערט דער, וואָס טוט עס פאַר אַלעמענס וועגן... פון אַלע זייטן נעמט מען דערמוטיקן דעם אַגרעסיוון פויער:

— נעם עס צו ביי אים! נעם אַלץ צו! ס׳זיינען היינט אַנדערע צייטן... זאָלן זיי אויפהערן צו האַנדלען די יידן! מ׳קען היינט טאָן מיט זיי וואָס מ׳וויל! ס׳האָט זיך געענדיקט פאַר זיי!

דער ייד דערפילט זיך, ווי מ׳וואָלט אים פּלוצעם אַריינגעשליידערט אין אַ ים, וועלכן ס׳איז פאַר אים שווער אַדורכצושווימען... נעמט ער זיך בעטן אין פאַרלוירענער פאַרצווייפלונג:

— אָבער מענטשן! וואָס איז געשען, זאָגט מיר?! ס׳איז דאָך סחורה... היינט איז טייער און כ׳קען נישט... ווי גאָט איז מיר ליב אַז איך קען נישט...

קיינער הערט אים אָבער נישט. זיין בעטן זיך באַווייזט נאָר, אַז ער איז טאַקע מאַכטלאָז, הפקר; אַז גאָט און מענטש האָבן אים פאַרלאָזט און ער

אַליין קען זיך נישט שיצן... רייצט עס אויף די געבליטן. פון אַלע זייטן ציען זיך הענט, מ'רייסט פון אים אַלץ וואָס ער טראָגט מיט זיך... ביים ערשטן געשריי זיינעם פאַלט קלעפּ אויף אים וואָס באַטייבן. נעמען ביי אים אָפּ ס'לשון און געוויין. פון צוזאַמענדרענג אַרויס ברומט ווער:

— מאַכט זיך אַ־עם גנבעכדיק, מ'זאָל אים ווייטער לאָזן אָנמאַכן זע־קעלעך מיט גאָלד, דער קרעציקער ייד...

כ'ווייס אַליין נישט פאַרוואָס כ'גיי ווייטער און ווייטער. אָט בין איך ווידער אין אַ געסלעך־פאַרוויקלטן, יידישן געגנט. דאָ דרייען זיך אַ סך יידן, אַ סך. זיי גייען פּאַמעלעך מיטן טריט פון מענטשן, וואָס די צייט האָט שוין מער גאָרנישט צו זאָגן אויף זייער לעבן. זיי קענען זיך דערלויבן פּאַמעלעך צו גיין און יעדער טריט דערשפּירן אָן געאייל, איבעם אָקעגנלויפן דעם שפּע־טערדיקן, ווייל אַלץ איז שוין פון פאַראויס אָפּגעפּסקנט. פּלוצעם נעמט זיך איבערטראָגן אָן אומרו פון איינעם צום אַנדערן. דאָס ווערט שנעל איבער־געגאָסן אין אַ פיבערדיקן ציטער וואָס צעשלעפּט זיי גיך־גיך אין אַלע זייטן. ווי שנעל יידן קענען דאָס פאַרשווינדן! אָט געווען אַזוי פיל און שוין ווערן זיי אויסגערונען, איינגעשלונגען און איינגעזונקען... ס'ווערט ליידיק אַרום. גע־ציילטע יידן פּלאָטערן שנעל פאַרביי פון אַלע זייטן, ווי אונטערגעשאָסענע פייגל און ווערן באַלד פאַרשוואונדן אין די הויפן, אין די טויערן... כ'פאַרשטיי אַז דאָ מוז עפּעס פאַרקומען. די לופט איז פול מיט בייזן אָנזאָג. דאָרטן ווייטער לויפן צעיאָכמערטע דייטשן. פּויערים פאַרהאַלטן וועמען און רופן די דייטשן מיט געבראָכענעם לשון. אַ ווייט געשריי פליט אַדורך די לופט, ווי עס וואָלט געזוכט אַ באַהעלטעניש. עפּעס באַגרייף איך שוין. נאָך אין אַכסניה האָט מען געשמועסט וועגן אַ פּאָגראָם וואָס די דייטשן גרייטן צו. מ'האָט דערציילט וועגן טויזנטער יידישע קריגס־געפאַנגענע וואָס מ'האָט די טעג דערשאָסן אין לובלין. נעמען זיי זיך נישט אַמאָל צו די לובלינער יידן?

אַ סך טויערן זיינען פאַרהאַקט. כ'בין דאָ אַ פרעמדער אין מיטן דער בהלה און ווייס ניט וואו מ'קען דאָ אַנטלויפן. באַהאַלטן מוז מען זיך — דאָס זע איך. יעדע מינוט וועט מיך די בהלה אָנכאַפּן ביים האַלדז... כ'שפּיר אָן דעם הייסן אָטעם פון רציחה־געוויטער אַרום מיר און כ'באַמי זיך מיט אַלע כוחות צוצובאַקומען זיך ביז צום הויף, פון וואַנען כ'בין אַרויס. אָט גיי איך געלאַסן, צו סימולירן מיין רואיקייט און אָט לויף איך מיט קנוילן פיבערדיקע נערוון אין די פיס. דאָס ערשטע מאָל דערזע איך זיך צוקומען צו אַ ציל, אָן געדאַנק, אָן אויגן, גלייך ס'וואָלט מיך עמעצער אַהין צוגעפירט, ווען מיינע אויגן זיינען פאַרבונדן... אין הויף איז שוין אָן אימהדיקע פוסטקייט. איך באַוויין נאָך צו עפענען די טיר, וואָס פירט צו די טרעפּ פון דער אכסניה מיט אַ פּאַניש אַלאַרם:

— עפנט!... כ'בעט אייך, עפנט... דאָס בין איך...

פון אינעווייניק אַרויס ענטפערט מיר אָפּ אַ פאַרגליווערט שווייגן. ריטשקעלעך שווייס קריכן מיר אויפן רוקן ווי קבר־ווערים. כ'זע אַז דאָ איז פאַר מיר אַלץ געשלאָסן — קריך איך ווידער אַראָפּ אויפן הויף און קוק זיך

אום אין אַלע זייטן: וואוהין גיין? גוט וואָלט געווען, ווען אַ וואַנט עפנט זיך און שלינגט מיך איין. קיין ניסים געשעען אָבער נישט און איך שטיי דאָ אַליין אין פּוסט־געוואָרענעם, בלאָטיקן הויף, אויסגעשטעלט פאַרן ערשטן בייזן אויג וואָס ס׳קען דאָ ברענגען צו טראָגן... כ׳שפּיר ווי אין אָט דער שטילער לופט הוליעט די סכנה מיט ווייטלעכע געשריי־סירענען, וואָס זאָגן איר אָן אַ טויבן ליאַרעם...

מיין געדאַנק שטרעקט מיר אויס אַן איינפאַל ווי אַ ראַטונגס־ברעט אין אַ טייך:

— די קלויז!

כ׳דערמאָן זיך אַז אין הויף, אַקעגנאיבער, אָט אין יענער צעבאָמבירטער געביידע אויפן דריטן שטאָק איז פאַראַן אַ פאַרלאָזן קלייזל. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זיך פון דאָרט אַפילו געריסן אויפן הויף אַ קול פון אַן איינזאַמען דאַוונער... קריך איך דורך די געזדרייטע, צעלעכערטע טרעפּ ביז כ׳עפן די טיר פון פאַרשימלטן, מיט שטויב־באַשאָטענעם פאַליש.

אין אַלע שטובן אַרום געפינט זיך ניט קיין לעבעדיקער נפש. ס׳איז אַ חורבה וואָס קען איינפאַלן יעדן טאָג און איך בין דאָ איינער אַליין, אַרומגערינגלט מיט חורבה־פּוסטקייט און דער בהלה, וואָס קלאַפּט אַרויס פון האַרץ... אָפענע ספרים־פּאָליצעס גאַפן מיר אַקעגן, מיט וואונדער וואָס אַ מענטש קומט נאָך אַריין אַהער. נישט ווייט פון פענצטער זע איך אַ ספרים־שראַנק מיט אַ טירל צום עפענען. רוק איך צו בליצשנעל אַ בענקל און שטעל זיך דערויף. דאָס טירל פון שראַנק עפן איך און לאָז עס צווישן מיר און דער טיר, ס׳זאָל מיך פאַרשטעלן פאַר עמעצן וואָס קען קומען... און איך נעם אַ ספר, כ׳זאָל האָבן ביי וואָס די אויגן אָנצוהענגען און צוימען דערמיט מיין אויפגעטרייסלטקייט. אַ ווײַלע קייכט דער הויף פון טעמפּער שטילקייט, ווי עמעץ וואָלט אים צוגעשטאָפּט דאָס גרויסע מויל. באַלד הער איך אַנגרייפערישע קלעפּ אין ווייטלעכע טירן. אויף די שטיינער פון הויף נעמען אָפּקלינגען זעלנערישע טריט, וואָס ווערן באַגלייט פון אַ העמערן די טויערן און שויבן־געבראַזג. קיינער ענטפערט זיי נישט. נישט קיין געשריי און נישט קיין געוויין. אַלע מאָל טוט דער הילך אַ צאַפּל און פאַלט אַריין אין דער געדיכטער שווייגעניש פון גאַנצן הויף. די שרעק שטיקט זיך ערגעץ־וואו אין דער טיף פון אַ קעלער אָדער אַ בוידעם־ווינקל...

די טריט קומען אַלץ נענטער און נענטער צו די טרעפּ וואָס פירן אַרויף צו מיר. כ׳הער אַן אויפגערעגט שילטן אויף דייטש:

— **צום טייוול, ווי זיי האָבן זיך אַלע אָפּגעטראָגן און צוגעקלאַפּט** די טירן... מ׳וואָלט געמעגט אונטערצינדן די יידן־שטובן...

כ׳וואַרף אַראָפּ מיין געהער צו זיי דאָרט אונטן. דער פּחד האָט מיך שוין אין גאַנצן איינגענומען, ציטער איך אויפצוכאַפּן יעדן שאָרך זייערן. זיי זוכן יידן און געפינען נישט קיינעם... און איך בין דאָ אָפן, נישט־באַשיצט און אַליין... וואָס וועט זיין אַז זיי וועלן מיך דאָ אַריינקריגן אין די הענט אַריין? אין דער מינוט ווער איך אַ קליינער פּחדן, נעבעכדיק ווי אַ וואָרעם, ווען ער

שפירט ווי מען גייט אויף אים... דורך טויזנט זייטן הער איך ווי די טריט קלאַפּן אויס זייער אויפגערעגטן זוכן איבער די טרעפּ. זיי טראָגן זיך אַרויף אַלץ העכער און העכער... דאָס האַרץ קלאַפּט אויס צו מיר, ווי דורך אַ תּפֿיסה־וואַנט, די פֿראַגע:

— וועלן זיי אויך אַהער אַרויפֿקומען?

אַט קלאַפּט עס שוין אין דער אַקעגנאיבערדיקער טיר. כ׳קוק זיך נאָך אַמאָל אום אין דער שנעל. מיין איינציקע שוץ איז דאָס טירל פֿון דער ספֿרים־שראַנק וואָס פֿאַרשטעלט מיך. כ׳קורץ זיך איין, וויל ווערן קלענער, נישט־אַנגעזען. אַריינגעוואַקסן אין דעם שטויביקן שימל פֿון די ספֿרים איז נישט מעגלעך, באַטאַפּ איך בלויז דאָס קליינע, קיילעכדיקע לעכל פֿון טירל מיט בהלהדיקער שרעק: וועט דאָס מיך נישט אַמאָל פֿאַרראַטן? ס׳קען זיין אַז זיי וועלן בלויז אָן עפּן טאָן די טיר. וואָס וועט אָבער זיין ווען זיי וועלן זוכן גרינטלעכער? דאָס האַרץ צעשפּרינגט פֿון דערוואַרטונג. באַלד ווער איך פֿאַרשטאַרט: די טיר טוט זיך שטורמיש אַ צעעפֿן און כ׳הער דעם אָפּהילך פֿון טריט אויף די קרעכצנדיקע, פֿוילע ברעטער פֿון דער פֿאַדלאָגע (פּוס־באָדן). מיט אַן אָפּגעשטאָרבן האַרץ גליווער איך אויפֿן בענקל. כ׳האָב אַפֿילו מורא אָוועקצולייגן דאָס אָפֿענע ספֿר פֿון מיין האַנט. כ׳מאַך עס אויך נישט צו, די בלעטער זאָלן נישט אָנמאַכן דעם דינסטן גערויש. כ׳בין איצט אומבאַוועגלעך און געבויגן. כ׳באַמי זיך נאָר צו זען דורכן קליינעם לעכל, וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך.

ביי דער שוועל איז געשטאַנען אַ דיקער, אָנגעפּאַקטער דייטש מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט און געזוכט, געגנישטערט מיט די אויגן. מיין מאָמענטאַנע פֿאַרלוירנקייט צעפֿליט זיך און כ׳הויב אָן צו ווערן וואָך, ווי אַ מויז וואָס דערהערט די פּאַסטקע. איצט וויגט זיך מיין לעבן אויף אַ הענגענדיקער רגע און כ׳האָב נישט קיין צייט צו וואַרטן ביז די אָנטשיידונג וועט מיך כאַפּן ביים קאַרק. כ׳לויף מיטן געדאַנק פֿאָרויס און וויל דערזען דאָס, וועלכעס וועט אין מינוטן אַרום במילא קומען. כ׳קוק דורכן לעכל און וויל אַרויסלייענען פֿון זיינע באַוועגונגען וואָס ער האָט בדעה צו טאָן. זיין פֿאַרטמטקייט ווירקט אויף מיר מאָדנע. אַ רגע פֿאַרגעס איך די גאַנצע ערנסט־קייט פֿון דער סיטואַציע און ס׳ווילט זיך מיר פּשוט אַרויסלאַכן, משוגע אַזוי אַ לאַך־אויף געבן פֿון דער מענטשלעכער בלינדקייט. אַט וויל ער שלאָגן, הרגענען; זיין גאַנצער געדאַנק איז אָנגעשטעלט דערויף, און דאָ איז פֿאַראַן דער קרבן וועלכן ער זוכט. אַלץ איז גרייט, נאָר אַ קליין, נאַריש טירל שטייט און מאַכט בלינד, דעקט צו דעם גערייצטן געדאַנק און לאָזט דאָרט קאָכן ביי יענעם די טריפֿה בלוטן, ווי אויף חוזק... אַ נאַריש טירל סך־הכל... אַזוי ווייט גייט דער מענטשלעכער שכל!

ער האָט מיך ווייזט אויס נישט דערשפּירט. זיין אויג האָט פֿאַרכאַפּט עפּעס אַנדערש. כ׳זע עס און שטוין: נאָך דעם ווי ער קוקט זיך אַרום צי קיי־נער איז נישטאָ שפּרייזט ער צו צו דער אָפֿענער ספֿרים־פּאָליצע און נעמט בלעטערן איין ספֿר נאָכן צווייטן... כ׳קען די לענג פֿון דער צייט נישט קאָנטראָ־

לירן. מיר דוכט זיך אַז די מינוטן און סעקונדן האָבן איצט געפֿונען די צייט זיך נוקם צו זיין אין מיר, פֿאַרן פֿאַרשווענדן זיי אַמאָל אַזוי אומבאַרעכנט. יעדער סעקונדע ווערט אַ שטיק פּעכיקע אייביקייט. יענער דאָרט פּילט עס נישט. אַט געפּעלט אים עפּעס אַ ספר, נעמט ער עס אַרויס פֿון פּאָליצע, זעצט זיך צו און קוקט דערין... קוקט בלויז? כ'וואָלט געשוואוירן ער לערנט עפּעס דערפֿון אַרויס... באַלד פּאַקט אים אָן די אומגעדולד, לאָזט ער דאָס ספר אָפֿן, אויפֿן קוויטיק־פֿאַרשטויבטן טיש און לאָזט זיך צו צום ארון־קודש... מער זע איך נישט... כ'הער ווי די שערים טוען אַ קרעכץ וואָס הילכט אין מיר אָפּ ווי אַ געוויין פֿון אַ באַהאַלטענער צנועה... באַלד טוט עס אַ טרייסל מיט דעם טירל, וואָס דעקט מיך צו... יאָ, כ'בין פֿאַרפֿאַלן! אַט שפּיר איך שוין ווי ער בלייבט שטיין איבער מיר מיט איבערראַשט־מיסטישער שרעק... ער שרייט אַזש אויף: אָך! כ'לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ מיט אַ געפֿיל פֿון אַ שולדיקן אין זיין דערשרעק. אָפּבילדן פֿון זיין סילועט קריכן מיר בלויז אַריין אין בליק אַריין מיט זייטיקער פֿאַרשטאַרטקייט — — —

מינוטן גאַנצע ציען זיך אַזוי אין שווייגן. ביי יעדן איינעם קאָכן די געדאַנקען דערוייל איבער דאָס אָקאָרשט־פּאַסירטע. אַזאַ איבערראַשונג מוז איבערפֿאַרדייעט ווערן... באַלד אָבער שפּיר איך ווי אַ האַנט נעמט אָן מיין קאָפּ מיט פֿאָרזיכטיקער ברוטאַליטעט און שוין שטייט פּנים קעגן פּנים, אויג קעגן אויג... אונדזערע בליקן קרייצן זיך איבער, בייסן זיך אַריין איינער אינעם צווייטן מיט אַ שווייגן וואָס רייסט זיך פֿון די פּענטעס... אין דער שטומער מינוט ראַנגלען זיך, דורך אונדזערע אויגן, צוויי וועלטן און אפשר מער ווי וועלטן... פֿון ביידנס בליקן קוקן איצט אַרויס הונדערטער דורות מיט רציחה־לוסט און געשלאָגנקייט... כ'וויס נישט ווער ס'האָט עס אָנגע־גאָסן מיין אויג מיט אַזוי פֿיל עזותדיקער הפקרדיקייט... כ'טו דאָך אפֿילו נישט קיין דערשראָקענעם פּינטל מיטן אויג־אַפּל! כ'וואָלט געשוואוירן אַז ער האָט זיך פֿאַרלוירן, ווייל אָט דרייט ער אַוועק די אויגן אין אַ זייט, נעמט אָן מיט צוויי פֿינגער דאָס ספר אין מיין האַנט און לייענט איבער דעם העברעאישן קאָפּ, פֿאַר זיך, שטיל...

דאָס צעקלאַפּט מיין פֿעסטקייט. די פֿאַרוואונדערטקייט דערפֿון רייסט מיך אויף. כ'טו אַ קער מיטן קאָפּ בעסער צו זען וואָס דאָ טוט זיך... ווער איז ער? אין דער סעקונדע אָבער דערפֿיל איך אַזאַ מעכטיקן פּאַטש וואָס פֿאַרבלענדעט מיר די אויגן, דעם מוח... אַ פֿלאַמיקער ווייטיק צעלויפֿט זיך איבער מיר אין גאַנצן און פֿאַרגיסט מיין גאַנצן געזע און געהער... ווי דורך טזיבע ווענט קומט אין מיר אויף אַ נאָנטער רויש פֿון אַוועקגייענדיקע טריט — — —

ווען כ'קום צו זיך בין איך שוין ווידער אַליין. בלויז דער פֿלאַם אויף מיין באַק זאָגט עדות אַז ס'איז דאָ ווער געווען. פֿון אונטן הער איך נאָך אַ קול וואָס דערציילט עמעצן:

— איר האָט נישט וואָס אַרויפֿצוגיין. כ'בין אַדורכגעגאַנגען אַלע שטובן און קיינעם נישט אָנגעטראָפֿן דאָרט, קיינעם...

... ווען כ׳בין אַראָפּגעקראָכן פון בענקל האָט זיך מיר געוואָרפן אין אויג דאָס צעעפנטע ספר אויפן טיש. דער ווינט, וואָס האָט געווייעט פון דער אָפענער שויב, האָט געמישט די בלעטער, זוכנדיק דאָרט אַן ענטפער אויף אַ סוד וואָס איז דאָ געווען און אַוועקגעגאַנגען...

3

שפּעט־זומער פון 1940 האָט מען אונדז, אַ גרופּע יידן, אַוועקגעפירט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אין ביאַלאָזשעגי און אויסגעבאָרגט צו דער אַרבעט ביי דער ווערמאַכט. אין די קאַזאַרמעס פון זאַמאָשטש האָבן זיך דאָן געפונען טויזנטער דייטשע סאָלדאַטן און ס׳איז ביי זיי געווען אַ סך אַרבעט. דאָס איז געווען איינער פון די שפּרינג־ברעטער ביי דער דאַמאָלסטיקער דייטש־רוסישער גרענעץ. צוערשט האָבן די דייטשן אַראָפּגעברענגט אַן אָפּ־טיילונג יונגע „אַרבעטסדינסטלער״ (דייטשע פּאַר־מיליטערישע יוגנט) וואָס האָבן געמאַכט אַלעראַרט טראַנספּאָרט־אַרבעט. ווען עס האָבן אָבער אָנגעהויבן קומען גרויסע טראַנספּאָרטן מיט שפּייז און אַמוניציע, וועלכע מ׳האָט פאַרלאַגערט אין די גרויסע מאַגאַזינען, האָט מען געמוזט איינציען אויך יידן צו דער אַרבעט. ס׳איז דערפאַר געקומען אַ פאַראָרדענונג צו באַפרייען די זאַמאָשטשער יידן פון לאַגער מיטן באַדינג, אַז זיי מוזן אויספירן די צוואַנגס־אַרבעט אין די קאַזאַרמען.

דעם ערשטן טאָג האָט מען אונדז צוגעטיילט צו אַ גרופּע „טאָדט״ און „אַרבעטסדינסט״ זיי זאָלן אונדז אָנווייזן ווי אַזוי צו אַרבעטן. ס׳איז גראָד אָנגעקומען אַ גרויסער צוג מיט באַשפּייזונג און זיי האָבן אונדז תיכף צוגע־פירט צו די וואַגאָנען. דער טאָג איז געווען אַ חמימהדיקער און דער צוג איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ זייט, אויף אַ נאַקעטן, נישט־באַבויטן פּלאַץ. אין די וואַגאָנען זיינען געווען קאָנסערוון־קאַסטנס און ציגאַרן, וואָס האָבן גע־וואויגן צווישן אַכציק און הונדערט קילאָ. עטלעכע וואַגאָנען זיינען געווען מיט זעק מעל־צוקער. מיר האָבן געדאַרפט נעמען די קאַסטנס אויף די פּלייצעס און זיי איבערטראָגן אין מאַגאַזין אַריין. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז אַלע מאַגאַזינען זיינען שוין איבערגעפולט. בלויז אויפן דריטן שטאָק איז נאָך פאַראַן גענוג אָרט פאַר די פּראָדוקטן.

די יינגלעך פון דער „אַרבעטסדינסט״ זיינען געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון סאָלדאַטן, וועלכע האָבן איבער זיי געהאָט צו באַפעלן. פּשוטע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געווען אונטערגעוואָרפן זייערע אונטעראָפיצירן האָבן דאָ געפונען דאָס אָרט אַרויסצואווייזן דעם באַפעלער־לוסט, וואָס איז זיי נישט מעגלעך געווען אויסצודריקן אין דער אַרמיי. דערפאַר האָט זיך דער זעלבער לעכץ נאָך שאַרפער אָנגעזאַמלט ביי די יונגע דייטשן פון דער „אַרבעטסדינסט״, וואָס זיינען אַליין אונטערגעטריבן געוואָרן פון די זעל־נער.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען האָבן אויך זיי געפונען איבער וועמען

צו קאַמאַנדירן... איבער יעדן ייד האָבן זיך אָוועקגעשטעלט עטלעכע אַרבעטס־זעלנער און אָנגעהויבן נאָכמאַכן די באַפעלן, וואָס זיי אַליין האָבן אויסצוהערן:
— לאָס שנעלער! שנעלער!

צוערשט האָבן זיי געשריגן אַ ביסל אומדרייסט, נישט זייענדיק אַליין זיכער אַז זיי קענער דאָס, אַז מ׳וועט זיי פאָלגן. ווען זיי האָבן אָבער געזען ווי מיר טוען אַלץ וואָס זיי זאָגן, מ׳שלעפּט שנעלער די קאַסטנס, מ׳לויפט... זיינען זיי דערפון צערייצט געוואָרן, שיכור געוואָרן פון דער פלוצימער מאַכט צו באַפעלן איבער עמעצן. עס האָבן גענומען פאַלן די ערשטע שטויסן, די ערשטע קלעפּ. באַלד האָבן גענומען פייפן בייטשן איבער די קעפּ, אַ געיעג און אַ ווילד שרייען פון אַלע זייטן. קיין זעלנער איז ניט געווען און זיי האָבן זיך דערזען אַלס אַליינהערשער איבער אונדז. באַזונדערס האָבן זיי געדייצט די גרויסע פּאַרקלעפּטע קאַסטנס מיט ציגאַרן... ציגאַרן! — און שאָכטלען מיט חזיר־פלייש, וועלכע מיר טראָגן אַוועק פון אונטער זייערע אויגן אין פאַרשלאָסענעם מאַגאַזין אַריין.

מיר האַלטן אין איין לויפן מיט די שווערע קאַסטנס. דער גאַנצער וועג איז באַשטעלט מיט די יונגע חברהלייט; יעדער פון זיי קלאַפּט, שלאָגט און ס׳איז נישט מעגלעך זייער שטעקן און פויסט אויסצומיידן. צום מאַגאַזין פירן אַרויף שמאָלע, אייזערנע טרעפּ אין פאָרם פון אַ געבויגענעם לייטער. איין בויג מיטן שווערן קאַסטן קען אַ וויג טאָן דאָס גלייכגעוויכט און מ׳קען אַראָפּפאַלן אויפן שטיינערנעם ברוק.

דאָס געזינדל וויל זיך אַרויפבאַקומען אין מאַגאַזין אַריין. ס׳זיינען דאָרט פאַראַן גוטע זאַכן און איין אונטעראָפיציר וואָס איז פאַרנומען מיטן אויפשרייבן די אָנגעליפערטע קאַסטנס. דאָ האָבן זיי די געלעגנהייט. זיי שטייען אויסגעשטעלט אויף די שמאָלע לייטער־טרעפּלעך און העלפן אונטעראיילן די יידן זיי זאָלן וואָס שנעלער לויפן מיט די קאַסטנס. אַלע שלאָגן, אַלע שטויסן... מיר טראָגן מיט פּנימער באַגאָסן מיט אייגן בלוט. אָט פאַלן שוין עטלעכע אַוועק. די באַנדע ווערט נאָך ווילדער; מען קלאַפּט מיט די באַגנעטן־הענטלעך, מיט אייזנס... יעדער פון זיי רייסט זיך אונדז צו באַגלייטן ביז אויבן וואו עס שטייען אָנגעשטעלט אַזוי פיל רייען מיט קאַסטנס, מיט גרויסע טאָוולבע שאָכטלען. זיי רייסן דאָרט אויף וואָס עס לאָזט זיך און מען שטאָפּט אָן די טאַשן, די טאָרבעס און דערנאָך לאָזט מען זיך צוריק און מ׳שרייט נאָך העכער, מ׳רייסט שטיקער, בכדי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון זיך... מיר האָבן ניט קיין צייט איינער דעם צווייטן עפּעס צו זאָגן. דער שווייס מיטן בלוט מישן זיך אויס. די אברים ציען צו דער ערד און מ׳קען אַפילו קיין קרעכץ ניט טאָן. עס קומט כסדר אויס צו לויפן מיט דער משא צווישן אַ וואַלד מיט שטעקנס, פויסטן, זידלעריי און ווילדן הפקר... אַלע שפּירן ביי זיך אַז באַלד פאַלט מען אַוועק, פּלאַצט מען. ס׳איז אָבער נישטאָ צו וועמען זיך צו ווענדן, צו וועמען צו שרייען... וועלן זיי אונדז דאָ הרגענען הייַנט? די וואַגאָנעס וואָס קומען כסדר צו, זאָגן אָן דאָס שרעקלעכסטע... עטלעכע יידן קענען זיך שוין נישט באַהערשן און נעמען שרייען מיט אַלע כוחות

פון ווייטיק. זיי נעמט מען שלאָגן נאָך מער. אַ קאַמף אַזאַ פון פאַרצווייפלטן געשריי מיטן מערדערלעכן געשלעג... וואָס וועט זיין?

פון דער ווייטנס באַווייזט זיך פלוצעם אַ זעלנערשער מונדיר... די וואָס שטייען נעבעכער נעמען סאַלוטירן. ער גייט זיך גלייכגילטיק ווייטער. ער פרעגט עפּעס ביי איינעם פון די געמאַכטע וואַכלייט. עטלעכע אויף אַמאָל ענטפערן אים אָפּ מיט ווילד־פריילעכע, באַגאַוועדטע קולות:

— יודען, הער פעלדפעבל!

ער בלייבט אַ רגע שטיין ווי געטראָפן פון אַ קלאַפּ:

— יידן? אָ, מיט זיי האָב איך אַ באַזונדערן חשבון! תיכף זיי אַלעמען צוזאַמענרופן! אָבער זאָפאָרט! איך וועל איצט מיט זיי דיריגירן!...

פון אַלע זייטן נעמט מען אונדז צוזאַמענטרייבן אַרום אים. מען שלעפּט אַראָפּ די יידן פון מאַגאַזין, פון די וואַגאָנעס. מיר שטייען אַרום אים און וואַרטן, וואָס דאָ וועט ווייטער פאַרקומען. וואָס עס זאָל אָבער נישט זיין איז גוט וואָס מיר כאַפּן דערווייל דעם אָטעם, וואָס מ׳לויפט נישט, מ׳טרייבט נישט... איך קוק אויף זיין פּנים און שטוין: אַזויפיל יידישע שטריכן! די טיפע שוואַרצע אויגן, די האָר, די נאָז... ער אָבער לאָזט נישט אָנהויבן צו וועקן קיין מחשבה. עפּעס צעגלאַנצט זיך זיין בליק מיט אַזויפיל שנאה און נקמה־גיר וואָס טוט אין אונדז אַלץ אויפרודערן. ער הייבט באַלד אָן מיט געבריל:

— יידנבאַנדע! קרעציקע שווינדלער איר! איצט וועל איך אייך געבן אַ לעקציע ווי אַזוי צו אַרבעטן... ביי מיר וועט איר נישט שווינדלען ווייל איך קען אייך אַמבעסטן...

די שומרים אונדזערע האָבן שטיל געיובלט. דערמוטיקט פון דעם פעלד־פעבלס ווערטער זיינען זיי שוין גרייט געווען זיך צו וואַרפן אויפסניי מיט אַ ווילדן אימפעט אויף אונדז. ער אָבער האָט זיי צוריקגעהאַלטן מיט אַ האַנט־באַוועג:

— איצט וועל איך איבער זיי באַפעלן און גראַד אין זייער פאַרשאָל־טענעם לשון... דאָס וועט זיי מער ווי טאָן... איר שטייט בלויז אונטן און איך וועל קאָמאַנדעווען אין מאַגאַזין... דאָס וועלן זיי שוין געדענקען אויף שטענדיק...

ער האָט געהייסן זיך אויסשטעלן אין אַ ריי און אונדז גענומען אָפּציילן אין העברעאיש:

— אַלף, בית, גימל, דלת...

דאָס האַרץ האָט גענומען קלאַפּן מיט דערשראָקענער אומהיימלעכקייט: וואָס איז דאָס פאַר אַ מין מענטש? ער האָט קענטיק באַמערקט דעם איינדרוק וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיין אָנהייב און גענומען אונדז נאָך מער אי־בערראַשן:

— מי מדבר עברית?

אין בהלה שטעקן זיך אויס עטלעכע הענט. ס׳ווייזט ווער אָן אויך אויף מיר... ער טיילט אונדז אויס פון דער גרופּע:

— אַזוי! איר קענט העברעאיש... זענט איר דאָך אַוודאי תלמודיסטן, ראַבינער... נו גוט, וועלן מיר אַ ביסל שמועסן אויף אייער הייליקער שפּראַך...

און עס נעמט קלינגען זיין ריינער העברעאיש געפּלאָכטן מיט אַזוי פיל ציטאַטן פון ש״ס, פון זוהר... דאָס האַרץ טוט אַזש אַ ציטער. ווי אויס־געררעכנט נעמט ער אונדזער שפּראַך, אונדזער דורותדיקע קלוגשאַפט און טונקט זי, קויטיקט זי אויס אין אַלע בלבולים, וואָס מ׳האָט נאָר אַמאָל יידן אָנגעהאָנגען...

כ׳ווייס נישט ווי אַזוי ס׳האָט װער פון אונדז באַקומען אַ דרייסטקייט אים איבערצורייסן. אפשר האָט דאָס האַרץ נישט געקענט מער איינצוהאַלטן די פאַרוואונדערונג און אויסגעשאָסן אַ פראַגע:

— אָבער הער פעלדפעבל, פון וואַנען קענט איר העברעאיש, תלמוד?

אַ פלאַמיקער פאַטש האָט יענעם צערודערט:

— האַלט די שנאַוצע!

זיינען מיר אַזוי געשטאַנען ווי אונטער בייטשן און אויסגעהערט זיינע רייד און ער... ביי אים האָט דער גיפט ערשט גענומען אַרויסשפּאַרן מיט אַזאַ שנאה, מיט אַזאַ פאַרביסנקייט וואָס קען זיך אַזוי שנעל נישט ענדיקן... אין מיטן האָט ער זיך אָבער געכאַפּט אַז ס׳איז שוין צופיל צייט פאַרנומען און מיר רוען שוין אַ ווײַלע, האָט ער אַליין איבערגעריסן:

— נו, און איצט צו דער אַרבעט!

דאָס מוראדיקע געיעג האָט זיך אָנגעהויבן פון דאָס ניי. ער אַליין האָט געכאַפּט פון ערגעץ אַ בייטש און גענומען שמייסן איבער די לייבער, איבער די פּנימער... און אַזוי נאָכגעאָנגען דער גרופּע „העברעאיש־רעדער״ ביז אין מאַגאַזין אַריין...

אין מאַגאַזין זיינען געווען טיפע ווינקלען, פאַרשטעלט מיט הויכע שטויסן קאַסטנס, וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם גאַנצן אַרום. ווען מיר זיינען אַרויפגעקומען האָבן מיר געוואָלט אַוועקלייגן די משא אויף אַ ליידיקן אָרט, נישט ווייט פון דער טיר. ער האָט זיך אָבער גרויליק צעלאַכט:

— וואָס? אַזוי לייכט ווילט איר עס האָבן? מאַרש ווייטער. זיינען מיר געקראָכן מיט דעם קאַסטן אויף די פּלייצעס צווישן די שמאָלע, הויכע קאַסטן־ווענט. פּלוצעם האָט ער אַ שטויס געטאָן איינעם, אַ צווייטן:

— דו! גיי מיט דיין קאַסטן אין יענעם ווינקל! הערסט? כ׳דערפּיל זיין שטויס און ראַנגל זיך מיט די לעצטע כוחות נישט צוזאַמענצוברעכן. עטלעכע זיינען געבליבן אונטער אונדז. זיי וואַרפן שוין אַראָפּ פון זייערע אַקסלען. צוליב וואָס שלעפּט ער אונדז נאָך? וואָס וויל ער מיט אונדז מאַכן אין ווינקל? די איבעראָנגעשטרענגטע כוחות לאָזן נאָך, פאַלצן... דער קאַסטן לאָזט נאָך און קוליעט זיך אַריבער איבער מיין קאָפּ. כ׳פיל ווי כ׳וואָלט פאַר־פאַלן אין אַ זינבלאָזער לייכטקייט אַריין. איך קען שוין מיט קלאָרע חושים נישט אויפנעמען די הנאה פון אַ אָפּגעוואָרפענער שווערקייט... כ׳זינק אַריין אין אַן איבלדיק־גרינגער גאָרנישטקייט. דאָס קלענסטע ברעקל פון מיין

פלייש ווערט שווער, שווער... ווי אין טומאַן שפּיר איך אונטער זיך דעם טוכלעם ריח פון דער מאַגאַזין־פּאָדלאָגע, פון אָנגעשטאָפּטע זעק מיט עפּעס... פון יעדן פינגער מיינעם ווערט אַן אָנגעשוואָלענער באַרג און כ׳האָב נישט מיט וואָס אָנצוטאַפּן זיין אָנגעבלאָזענע שווערקייט... באַלד פיל איך שוין דאָס אויך נישט... איבער די אויגן פאַרגיסט זיך מיר אַ רויטער נעפּל און אַלע אברים גיבן אויף דעם קאַמף פאַר ווייטער ציען... זיי לייזן זיך אויף און שלעפּן מיך מיט אין אַזאַ מאָדנער צעשוואָומענקייט אַריין...

עפּעס אַ האַנט מאַכט וואַך אַ פינטעלע אין מיר. זי שלעפּט מיך ביים קאָפּ. דער אונטערשטער טייל קערפּער שאַרט זיך אויף עפּעס, פאַרטשעפּעט זיך וואו. אַ שווידער־שוויס שווענקט זיך איבער מיט קאַלטע שפּיזלעך איבער מיין הייס־אויסגעווייקטן קערפּער. כ׳וויל פון באַוואוסטלאָזיקייט אַרויס־שרייען, אויפוועקן זיך... וואוהין שלעפּט מען מיך דאָס?! מיינע קולות זיינען אָבער איינגעשלאָסן און קענען דעם וועג צו דער קעל נישט געפינען...

די זעלבע האַנט גלעט מיך שטיל, ווישט מיר דעם שוויס, טרייסלט מיך, מונטערט... ביסלעכווייז קום איך אויף. די אויערן כאַפּן אויף דעם ווייטן רויש וואָס רופן צוריק דעם דערמאָן... יאָ, וואו געפין איך זיך? בין איך טאַקע אין דעם מאָדנעם גיהנום־מאַגאַזין? אין דער טונקל באַגרייפן מיינע אויגן קוים דאָס וואָס זיי זעען... ס׳שטופּט מיר ווער אין מויל עפּעס זיס, שאָקאָלאַד דוכט זיך... און נאָך עפּעס גיסט מען מיר אין מויל... אַזאַ שטאַרקס וואָס צעגיסט זיך מיט קרעפּטיקער מחיהדיקייט... כ׳רייס אויף די אויגן, קוק זיך גוט איין אין דעם וואָס שטייט איבער מיר און וויל אַזש אויס־שרייען:

— דער פעלדפעבל!

ער פאַרשפּאַרט מיר אָבער דאָס מויל מיט זיין האַנט און ברילט אַרויס:

— האַלטן די פּרעסע!!!

און ווידער בויגט ער זיך אַראָפּ, קוקט מיך אָן מיט אַזוי פיל מיטלייד, געפיל... ער גלעט מיך, ווישט מיר אַרום דעם שוויס און כ׳זע אין אויג זיינעם אַ וואַרעם־פייכטן גלאַנץ:

— ליג... ליג און רו זיך אויס... קיינער וועט אַהער נישט קומען... איך מוז גיין.. אַהין!...

ער פאַרשווינדט און איך באַמערק לעבן מיר אַ פּעקל שאָקאָלאַד, קיכלעך, קאָניאַק...

איצט הער איך שוין בחוש אַז דאָס געיעג גייט נאָך ווייטער דאָרט אַז. אָבער איך ליג דאָ אומבאַוועגלעך און זאַפּ אַריין אין זיך יעדן שאָרך. כ׳הער אין אַלע ווינקלען אַזאַ וואַרעמען שעפּטש און מיר דוכט זיך אַלץ: ס׳איז ער — — —

***

פאַרנאַכט איז ער ווידער געקומען. כ׳האָב אים געוואָלט עפּעס פרעגן אָבער זיין ערשט וואָרט איז געווען שטרענג:

— שווייגן!

און דאַן צוגעגעבן:

— כ׳האָב באַהאַלטן וויפל כ׳האָב געקענט... יעצט נעם דיר נאָך שאָקאָלאַד. און — גיי!... אַלע זיינען אויסגעשטעלט שוין צום אַהיימגיין...

ער האָט אויסגעדרייט זיין פּנים ביז כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען און מיר נאָכגעוואָרפן אַ וואָרט:

— אָבער — שווייגן! דו הערסט?

כ׳בין שוין געווען דער לעצטער. אַ באַהאַלטענער כוח האָט מיך נישט געלאָזט זיך אומקוקן אויף צוריק... כ׳וואָלט אים, אַגב, סיי־ווי אויפן פּנים נישט געווען געזען...

ווען מיר זיינען שוין געווען אויסערן קאַזאַרמע־טויער האָבן מיינע חברים אַ סך געהאַט צו דערציילן פון יענעם נאָכמיטאָג מיט דעם פאַרשוין. ער האָט כסדר געשלאָגן פאַר די אויגן פון די געהילפס־זעלנער. אַלעמאָל האָט ער בלויז אָריינגעשטופּט עטלעכע מאָן אין די ווינקלען, זיי געגעבן צו עסן, זיסוואַרג און שנאַפּס. ער האָט זיי געלאָזט זיך אויסרוען און דאַן געבערענגט אַנדערע און די פריערדיקע גענומען צו דער אַרבעט. די אַרבעטס־דינסטלער האָט מען שפּעטער צוגענומען אויף אַ צווייט אָרט און ס׳זיינען געקומען אַנדערע זעלנער וואָס האָבן באַוואַכט אָבער קיינער פון זיי האָט מער נישט געשלאָגן...

מיר זיינען אַלע געגאַנגען און גענאַגט שאָקאָלאַד און פון גאַנצן טאָג מיד געוואָרן צו רעדן. איז יעדער געגאַנגען און געטראַכט... מסתמא אַלע דאָס זעלבע. ווייל אָט האָט ווער איבערגעריסן די שטילקייט מיט אַ זאַץ וואָס ער האָט אַזוי ווי געזאָגט צו זיך אַליין:

— אָבער קיין יידן זיינען דאָך ביי היטלערן אין דער אַרמיי נישטאָ?!...

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. איז זיין פרעגנדיקער אויסרוף געבליבן הענגען אין דער לופטן... מער האָבן מיר דעם מאָדנעם פעלדפעבל נישט געזען...

4

אַזעלכע מאָדנע עפּיזאָדן וואָלט איך נאָך געקענט דערציילן און ס׳וועט נאָך אַמאָל דערציילט ווערן. די באַגעגענישן מיט אָט די מענטשן זיינען פאַר־געקומען בליצשנעל, אין מינוטן ווען בלויז די אינטואיציע האָט אָוועקגעכאַפּט אַ קרישל פון זייער נשמה־פּלאָנטער און דאָס איז נישט גענוג אויף צו קענען זיי פאַרשטיין און דערוויסן זיך ווער זיי זיינען געווען. אין דער ליטעראַטור קען מען זיי פאַרטיפן, דערגרונטעווען זיך ביז דעם פולן תהום פון אַזאַ אויגנבליק, זוכן און געפינען דעם ענטפער. ביים איבערגעבן אָבער דאָס פאַקטיש־געשעענע ווילט זיך ווייטער לאָזן דעם פראַגע־צייכן, אָט אַזוי ווי ער איז אויפגעקומען און באַגלייט מיך די גאַנצע צייט.

נאָר כ׳קלער דערביי:

אפשר זיינען זיי געווען פון יענע, וואָס האָבן געקרייציקט זייער יידיש בלוט, אָפּגעווישט דעם שטאַם זייערן פון דער מעטריקאַציע. בלויז פון זייער

אויסזען איז עס נישט מעגלעך געווען אַראָפּצורוימען. אַ שפּליטער פֿון זייער ייד האָט בורך דורות זיך אַלץ נישט געלאָזט אַרויסוואַרפֿן סיי פֿון געשטאַלט און סיי פֿון דער פּסיכיק. אומבאַוואוסטזיניק פֿאַר זיך אַליין האָבן זיי עס געוואָלט פֿאַרשרייען, פֿאַרטויבן עס מיט איבערגעטריבענעם סאַדיזם, פּונקט ווי זיי וואָלטן מיט זייער צאָרן זיך אויך פֿאַרמאָסטן אויף דעם ייד אין זיך אַליין...

אפֿשר האָט יענער ניצוץ אַזוי געמאַטערט, אַז אַזעלכע האָבן בגוואַלט געזוכט עפּעס אין די יידישע קוואַלן, איינגעזאַפּט אין זיך עפּעס דערפֿון און שפּעטער, ווי זייטיקע צושויער, געלאָזט אין זיך אויסראַנגלען כוח קעגן כוח... אַוודאי זיינען זיי שוין צו ווייט אַוועק בכדי צו קענען דאָס באַגרייפֿן און פֿאַרשטיין. בלויז אין געציילטע רגעס, ווען זיי זיינען שוין איבערזאַט געוואָרן מיט דעם פֿאַראַט, אין וועלכן זיי האָבן שוין קיין פֿאַרראַט נישט געשפּירט, האָט יענער פֿאַרבאָרגענער ייד אין זיי אַ זעץ געטאָן אין די האַרץ־ווענטלעך מיט הונגעריקן שמאַך און פֿאַרלאַנגט אויך ס׳זייניקע. און כוח אויף צו זיגן אויף אַ ווײַלע האָט ער נאָך פֿאַרמאָגט... זאָל דאָס זיין אַן ענטפֿער?

ווער ווייסט?!...

פֿאַריז, אויגוסט, 1946.

הערץ בערגנער

אין די אַמאָליקע טעג

נאָוועלע

ווען ס'איז געקומען חול־המועד סוכות, האָט יעדערער אין שטאָט גע־האַט אַ סך לײדיקע צײַט. די טעג זײַנען געווען זוניקע און שײנע. טײלמאָל בלויז האָט אַ קאַלט ווינטל פאַרבלאָנדזשעט פון די אַרומיקע האַרבסטיקע, נאַקעטע פעלדער, געקומען אַראָפּ פונעם באַרג, געקומען פונעם טײַך און אַ וואָרן געטאָן, אַז די שײנע טעג זײַנען געשענקטע און אַז באַלד וועט קומען דער ווינטער מיט די שנײען און מיט די פרעסט. פונקט ווי דאָס ווינטל האָט זיך פּלוצעם פאַרגנבעט און פאַרדעכטיק זיך אַ דרײ געטאָן איבערן מאַרק, איבער די גאַסן פון דער שטאָט, אויסגעקרומט בײ די יידן די בערד, צע־נומען בײ זײ די פּאָלעס פון די זשופּיצעס, אַזוי פּלוצעם זײַנען אויפן הימל אויסגעוואַקסן וואָלקנס, גרויסע, צעשויבערטע און שווערע, ווי די אויפגע־שטעלטע פעדערן בײ אַ צערײצט־בײזער קוואָקע. די וואָלקנס, וואָס זײַנען געבליבן הענגען אויפן הימל, ווי גרויסע קויטיקע, ווינטערדיקע פּערענעס, האָבן צעלײגט אַ טרויעריקן מורה־שחורהדיק־שוואַרצן שאָטן אויף דער ערד, האָבן אַ שמעק געטאָן מיט האַרבסטיקע קאַלטע רעגנס און אָנגעזאָגט עפּעס נישט־גוטס. אָבער סײ דאָס ווינטל און סײ די וואָלקנס זײַנען באַלד אַוועק און די זון האָט צוריק זומערדיק אַ שטרעק אויס געטאָן די אָרעמס פון אונטער די שווערע איבערבעטן און אַרונטערגענומען די שטאָט אונטער אירע וואַרעמע גאָלדענע פליגל. הויך אויפן הימל האָבן די ערשטע בישקעס געגומען ציען אין די וואַרעמע לענדער אַרײַן...

די יידן האָבן זיך נאָך אַלץ אַרומגעדרײט אין די זומערדיקע לײַכטע בעקעשעס, אין די סאַמעטענע לײַכטע קאַפּעליטשן, כאָטש זײ האָבן שוין גע־טראַכט באַלד נאָך יום־טוב אם־ירצה־השם זיך צו פאַרזאָרגן מיט אַ פּאָר שטאַרקע, גוטע שטיוול פאַר די בלאָטעס און פאַר די שנײען, מיט אַ וואַרעם מלבוש פאַר די קעלטן און מיט האָלץ און שפּײַז אויף דעם לאַנגן ווינטער. חול־המועד זײַנען די יידן געגאַנגען אָנגעטאָן האַלב־יום־טובדיק און האַלב־וואָכעדיק — אַ יום־טובדיקע קאַפּאָטע און אַ וואָכעדיקן קאַפּעליטש, אָדער אַ וואָכעדיקע קאַפּאָטע און אַ יום־טובדיקן קאַפּעליטש.

די פיאַקערס, וואָס זײַנען געשטאַנען אין אַ שורה נאָענט פון די בײדלעך אויפן הינטערשטן טײל מאַרק, האָבן געהאַט אַ סך אַרבעט מיטן פירן די חול־המועדניקעס — די אויסגעפּוצטע בחורים און מײדלעך — צו דער באַן. צווישן די פיאַקערס האָט ווי געווײנלעך צוממײסטנס אַרומרעגירט הערש יוקס.

פונקט ווי אַן אָפיציר האָט ער קאָמאַנדעוועט מיט זיין „רויטער קאָמפּאַניע", מיט די אַלע רויט־האָריקע קינדערלעך זיינע, וואָס האָבן געקלעפּט אַרום אים און זיך געדראַפּעט אויפן פערד און אויפן וועגעלע אַרויף און אַראָפּ.

הערש יוקס איז אַ מטופל מיט קינדער. אַז מען שטעלט אויס זיינע קינ־דערלעך אין איין ריי, זעען זיי אויס ווי אַ לאַנגע שורה טרעפּלעך, וואו איין טרעפּל איז סך־הכל אַ טראָפּעלע נידעריקער פונעם צווייטן. הערשס ווייב איז זייער אַ קליינע און זייער אַ שוואַכע, קוים זי פּאָכעט מיט דער נשמה, אָבער דאָס שטערט איר פונדעסטוועגן נישט צו באַשענקען הערשן אַלע יאָר מיט אַ שפּאָגל־נייעם קדיש, אָדער מיט אַ טעכטערל, געזונט און פריש, קיין עין־הרע, ווי אַ נוס. די קינדער — סיי די יינגלעך, סיי די מיידלעך — זיינען אין גאַנצן געראָטן אינעם טאַטן. זיי קומען אויף דער וועלט געזונטע און רויטע, מיט גערדיכטע, פייערדיק־רויטע קוטשמעס האָר, מיט ממזריש־קליינע גרינע שפּעלטעלעך, אָנשטאָט אייגעלעך און מיט פונקט אַזאַ באַסאָווער שטים, וויביים טאַטן. שטענדיק זעט מען הערשס ווייב גיין מיט אַ גאַנצער כאָפּטע קינדערלעך, וואָס צופּן זי ביים קלייד, רייסן פון איר שטיקער, ריגג־לען זי אַרום, ווי די הינדעלעך אַ קוואָקע. די קינדער האָבן שוין אַ פּאַרטיקן נאָמען. מען רופט זיי די „יוקסלעך". צווישן אַ גאַנצער כאָפּטע קינדערלעך קען מען באַלד אַ „יוקסל" דערקענען לויט די רויטע האָר און לויט די קליינע ממזרישע אייגעלעך — די אמתע יוקסישע אייגעלעך. אַז די קינדער אין גאַס דערזעען די הערשעכע, אַרומגערינגלט פון איר „רויטער קאָמפּאַ־ניע", שרייען זיי נאָך דער קאָמפּאַניע צום גראַם:

— רויטער מייער!... רויטער מייער!... ברען ווי פייער!...

פּאָר אַזאַ „רויטער מייער" זיינען די יוקסלעך גרייט באַלד צו געבן קלעפּ. זיי שטעלן זיך באַלד איין פּאָר זייער באַליידיקטן משפּחהשן שטאָלץ,ביילן די פעסטע, אָנגעדאָפּטשעטע פויסטלעך, ווערן מלא־רציחה און לאָזן זיך ווילד לויפן נאָך די קינדער, כדי זיי מקיים־פּסק צו זיין...

כאָטש מיט יעדן נייעם פּיקער, וואָס קומט אויף גאָטס וועלט, לייגט זיך אויף הערש יוקס פּלייצעס אַ פרישער עול, שטערט דאָס פון דעסטוועגן אים נישט אין זיין פריילעכקייט און ער מאַכט ווייטער זיינע משוגענע שטיק, טאַנצט און שפּרינגט, טוט אַלע מאָל אַ גוט־ברודערישן טראַמאַסק אַן אַנדערן בעל־עגלה איבער די פּלייצעס, אַז יענער ברעכט זיך אַזש איין. צוליב די אַלע שטיקלעך האָט מען אים באַקרוינט מיטן צונאָמען:

— דער פריילעכער דלות...

אַפילו שיינע יידן, וואָס קרימען מיט דער נאָז אויף זיינע פּראָסטע בעל־עגלהשע חכמות, וואָס פּאַסן פּאַר אַ גוי, האָבן עפּעס אָפּשיי פּאַר זיין פריי־לעכקייט און רופן אים:

— דער השמח בחלקו...

אין בעל־מלאכהשן שולעכל, וואו הערש קומט אַלע שבת דאַווענען מיט זיין „רויטער קאָמפּאַניע", שטייט ער אין אַ ווינקל און זאָגט פון זיין גרויסן

צעפליקטן סידור אַרויס פֿרום און אות־באות די עברי, וואָס לייגט זיך אים שווער אויף דער צונג און פֿרעסט אַרויס אויף זיין נידעריקן שטערן גרויסע שווייס־טראָפּנס ווי באָבעס. פּונקט ווי ער איז אַ ווילדע בריאה אין גאַס, אַזוי איז ער שטיל און סאָליד אין מקום־קודש. ער האָט דרך־ארץ פֿאַר לערנערס, פֿאַר יידן, וואָס זיינען בקי אין די קליינע אותיותלעך. די „רויטע קאָמפּאַניע" זיינע האַלט ער אַרום זיך, לאָזט זיי קוים אַרויסגיין ביים „אויס־געמעס", צווינגט אַלע בנים זיינע, אַפילו די קליינע דרדקי־יינגלעך, וואָס זיינען רעכט פֿון דער ערד נישט אויסגעוואַקסן, אַריינצוקוקן אין סידור און מוסרט זיי אַלעמאָל, פּונקט ווי דער פֿאָטער עליו־השלום האָט אים גע־מוסרט:

— נו וואָיטיקעס... האַווּרילעס... נעמטץ אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין! קוקטץ נישט ווי די פֿייגעלעך פֿליען!...

איצט, בעת הערש יוקס איז געזעסן אויפֿן וועגעלע און געוואָרט אויף די זוּל־המועדניקעס, כּדי זיי צו פֿירן צו דער באַן, האָט ער זיך אומישנע גע־שפּילט מיט די קינדער, נישט געוואָלט זיי בשום אופֿן אָוועקלאָזן פֿון זיך. הערש יוקס האָט נישט געוואָלט, אַז די קינדער זאָלן גיין רייסן די הושענות צום טייך, צום סאַן, וואו זיי גייען אַלע יאָר, ווייל ס'איז אַ גרויסער מהלך און ווייל ס'איז אַ גרויסע סכּנה. זינט די „באַראַוועצעס", אַנגעטאָן אין זייערע האַקי־העמדלעך, האָבן זיך גענומען לאָזן וואַוילגיין אין שטאָט, איז נישט מעג־לעך אַרויסצושטעלן אַ פֿוס אין גאַס אַריין, נאָך דערצו זיך לאָזן אין אַזאַ וויטן וועג! די שקצים, דער עיקר די סטודענטלעך, האָבן גענומען שטעלן „פּי־קעטן" ביי יידישע געשעפֿטן און שטעלעכלעך, גענומען האַקן שויבן אין יידישע שטובן און נישט איינמאָל האָבן זיי שוין אין מיטן אַ סאַמאַראָדנעם יריד־טאָג זיך אָוועקגעשטעלט דרשנען בפּרהסיא, גערופֿן ס'גאַיעס צו שחיטות. אמת איז, אַז זיי, די בעלי־עגלות, האָבן נישט געשוויגן, אָראָפּגעכאַפּט די אָרטשיקעס פֿון די וואָגנס און געהאַקט ווי אין אַ קרויט אַריין — אָבער מיט דעם איז די שרפה נישט פֿאַרלאָשן געוואָרן.

האָט טאַקע הערש יוקס מורא, אַז די קינדער זאָלן זיך אָוועקלאָזן רייסן די הושענות אַזש אַזוי וויט — דווקא צו די לאָזעס צום טאַן. דאָס טאַטישע הארץ האָט אים אָנגעזאָגט עפּעס שלעכטס און ער האָט די קינדער נישט געוואָלט לאָזן גיין. ער האָט באַדיי צוגעזאָגט צו נעמען זיין מיזיניק, לייבעלען, צו דער באַן, אַבי ער זאָל ניט גיין. לייבעלע האָט ליב געהאַט ווי דאָס חיות זיך מיטצוכאַפּן מיטן טאַטן צו דער סטאַציע. און אַלעמאָל, בעת די איבעריקע קינדער זייגען דעם טאַטנס וועגעלע נאָכגעלאָפֿן, ווען דער טאַטע האָט זיך מיט די „פֿאַרשוינען" פֿאַרנומען צו דער סטאַציע, אָדער אים אָקעגנ־געלאָפֿן, ווען ער איז פֿון דאָרט צוריקגעקומען, האָט ער שטילערהייט אויס־געפֿונען אַ המצאה ווי אַריינצונאַרן דעם טאַטן אין אַ זאַק. בשעת די איבעריקע קינדער זייגען נאָכגעלאָפֿן נאָכן וועגעלע מיטן טאַטן, ווי די הינטלעך נאָך אַ באַלעבאָס, איז ער גאָר געזעסן פֿון פֿאַרנט אויפֿן באַק מעשה־גאַנצער פּריץ. הערש האָט זיין מיזיניק ליב געהאַט, ליבער געהאַט ווי אַלע איבעריקע

קינדער און אים אַלץ מוחל געווען און לייבעלע איז געקראָכן דעם טאַטן אויפן קאָפּ. ס׳האָט געמעגט ביים טאַטן זיין אַ פול וועגעלע, ס׳האָבן געמעגט זיצן אויפן וועגעלע גויים, שרייבערס פונעם מאַגיסטראַט און אַפילו דער דאָקטאָר אַדאַמסקי, וואָס האָט דווקא ליב געהאַט מיט „זיין הערשקון״ צו פאָרן, כאָטש צו פאָרן מיט אַ ייד איז שוין פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַן עבירה, האָט לייבעלע נישט געקוקט אויף גאָרנישט און געטאָן זיינס. אַנשטאָט צו גיין אין חדר אַריין, האָט ער זיך בעסער באַהאַלטן צווישן היי, הינטערן געזעס אין וועגעלע און זיך מיטגעכאַפּט מיטן טאַטן צו דער באַן. אַלעמאָל, ווען ער האָט דערפילט, אַז די ברישקע איז שוין אין שטאָט, האָט ער אַרויסגעשטעקט די יוקסישע, גרינע, ממזרישע אייגעלעך פונעם היי, ווי אַ פאַרוואָלגערט איינגעבעטן קעצל און ער האָט זיך געבעטן ביים טאַטן, ער זאָל אים אַרויפ־נעמען אויף דער קעלניע, כדי די ברידער זיינע און די חברים זאָלן זען, ווי ער פאָרט אַריין אין שטאָט מיט לייטן צוגלייך... פון אָנהייב האָט זיך הערש פורמאַן געבייזערט אויף זיין קדיש, וואָס איז די גאַנצע צייט אַזוי רואיק געלעגן הינטערן געזעס באַהאַלטן. ער האָט אים געטריבן אין חדר אַריין, געסטראַ־שעט אים, אַז ער וועט גיין צום רבין, וועט ער אים מאַכן אַ „פּעקל״, אַראָפּ־לאָזן ביי אים די הייזלעך, אַריינפּיצקען אים אויפן נאַקעטן און אַוועקשטעלן אים אויפן אויוון מיט אַ בעזים אין דער האַנט. הערש האָט געשריגן אויף זיין קליינעם יונגאַטש, געוואָלט אים אָנהרגענען דערפאַר, הלמאי ס׳ציט אים שוין צו די פערד און ער וויל נישט נעמען אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין.

— האַווריליע!... גויעץ!... — האָט ער צו אים געשריגן — באַלוואַן איינער!... די פערד וועלן דיר נישט אַנטלויפן!... ווילסט דווקא אויסוואַקסן אַזאַ פויערן־וואַיטעק, ווי דער טאַטע דיינער!...

אָבער באַלד איז הערשס טאַטישע האַרץ ווייכער געוואָרן און ער האָט אַרויפגעלאָזט דעם קליינעם יונג אויף דער קעלניע. דאָס קליינע יוקסל איז געזעסן צווישן טאַטן און צווישן דעם עלטסטן ברודער, וועלוועלען, וואָס האָט שוין הערשן געהאָלפן אַנטרייבן דאָס פערד און זיין האַרץ איז אים געוואַקסן פאַר פרייד. מעשה־פורמאַן האָט ער זיך כסדר געשפּיגן אין די הענטלעך, גע־ווישט מיט אַן אַרבל די פּאַרצטע נאָז און געדרוקט אַלעמאָל אַרויף העכער דעם טאַטנס אַלטן גרויסן קאַשקעט, וואָס האָט אים פאַרדעקט דאָס גאַנצע פּנימל, כדי ער זאָל בעסער קאָנען זען די וועלט, וואָס איז פלוצים געוואָרן אַזוי גוט צו אים און וואָס האָט פלוצעם אויסגעזען אין זיינע אויגן אַזוי פריילעך... אַלץ האָט אין דעם קליינעם יוקסלס אויגן אויסגעזען פריש, ווי ניי געבוירן: דער קייזער־וועג, די הייזער, די ביימער. אַז די קרומע סנאָפּעס זון זיינען געפאַלן אויף הערשס פּיאַקער און זיינע צוויי בנים, וואָס זיינען צוזאַמען מיט אים געזעסן אויפן באַק פון פאָרנט, האָבן זיי צוגעמרוזשעט אַ ביסל די קליינע גרינע אייגעלעך פון צופיל ליכט, וואָס די זון האָט אויף זיי געוואָרפן.

הערש יוקס האָט נישט געוואָלט לאָזן גיין זיינע קינדער רייסן די הושענות צום טייך, זיך געשפּילט מיט לייבעלען, צוגעזאָגט אים צו נעמען

צו דער באַן און אים אַרויפֿזעצן טאַקע באַלד אויפֿן באַק. ער האָט צוגעזאָגט אים אַפֿילו צו געבן די לייצעס אין דער האַנט אַריין. אָבער נישט לייבעלע און נישט די איבעריקע קינדער האָבן אים געפֿאָלגט. מיט קיין צען פּאָר פֿערד האָט מען אים נישט געקענט מער איינהאַלטן, און בשעת דער טאַטע איז אַוועק צו דער באַן, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט צום טייך. ווי שטענדיק, ווען זיי לאָזן זיך אַרויס ערגעץ אין וועג אַריין, זיינען זיי אויך דאָס מאָל געגאַנגען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע. ראשית דערפֿאַר ווייל חברהווייז איז היימלעכער און פֿריילעכער און מען קען אויפֿן וועג זינגען, והשנית דערפֿאַר, זיי זאָלן זיך קענען אַקעגנשטעלן די שקצים, ווען זיי וועלן זיי אויפֿן וועג באַפֿאַלן. יענעם יאָר האָבן זיי זיך אויך אַרויסגעלאָזט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, אָבער פֿון דעסט־וועגן האָט זיי סטאַשעק שלעווינסקי, דעם געמיינדע סעקרעטאַרס „שאליף“, צוזאַמען מיט אַ גאַנצער כאָפּטע שקצים באַפֿאַלן און זיי האָבן געלייזט קלעפּ, כאָטש זיי זיינען ווייט נישט קיין מלופּם־קינדער. האָבן זיי היי־יאָר טאַקע פֿאַרגרעסערט די חברה, אָבער אָפּזאָגן זיך פֿון גיין צום סאַן האָבן זיי נישט געקענט. ביים סאַן זיינען געוואַקסן שיינע און כשרע הושענות און ערגעץ אַנדערש זיינען די הושענות געווען פּסול, ווייל די בלעטער אויף די ריטלעך זיינען געווען ווערעמדיק, פֿול מיט לעכער...

איידער די ייִנגלעך האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין, האָבן זיי שטילערהייט אַרויסגעגנבעט הינטער די פּאָלעס אַ פּאָר אַלטע אויסגעשטשערבעטע קיך־מעסערס אויף צו שניידן די הושענות. אויפֿן וועג האָבן זיי געזונגען לידער און שטיקלעך פֿונעם דאַוונען, זיך היי־יאָר געפֿילט זיכער צוליב דעם וואָס זיי האָבן פֿאַרגרעסערט די חברה. אָבער סטאַשעק האָט זיך ערגעץ נישט באַוויזן. אומזיסט האָט זיך וועלוול, דער עלטסטער פֿון די יוקסלעך געשאַרט די גאַנצע צייט פֿון הינטן. וועלוול איז געווען אַ שטאַרקער און די שקצים האָבן פֿאַר אים מורא געהאַט. אַלעמאָל, אַז זיי האָבן אים באַמערקט צווישן די ייִנגלעך, זיינען זיי באַלד געלאָפֿן און גערופֿן זייערע עלטערע ברידער צו הילף. און אַזוי ווי דאָס יאָר איז וועלוול אויך מיטגעגאַנגען רייסן די הושענות און די ייִנגלעך האָבן נישט געוואָלט, אַז די שקצים זאָלן אים זען, איז לייבעלע, וואָס האָט שטענדיק געהאַט טייערע המצאות, געפֿאַלן אויף אַ פּאָרטל און געהייסן זיך וועלוולען אַראָפּבייגן, ער זאָל נישט אַרויסשטאַרן איבער אַלע און מען זאָל אים נישט קענען באַמערקן. וועלוול האָט געהאָרכט, זיך געשאַרט פֿון הינטן, כאָטש די פּלייצע האָט אים שוין שטאַרק געשטאָכן און ווי געטאָן פֿון כסדרדיקן גיין איינגעבויגענערהייט. אַז ער האָט בלויז אויף אַ רגע געוואָלט אויסגלייכן די פּלייצע, איז באַלד צו אים צוגעלאָפֿן דאָס ייִנגסטע ברודערל און אים געמוסרט:

— האָסט שוין פֿאַרגעסן, וועלוול!... — האָט ער צו אים געזאָגט מיט גרויס חוצפּה מעשה־קאָמענדאַנט און אים אַראָפּגעבויגן — האָסט אַ קאַצענעם זכרון, וועלוול!...

די ייִנגלעך זיינען געווען זיכער אין זיך דאָס יאָר, אי צוליב דעם וואָס זיי זיינען געגאַנגען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, אי צוליב דעם וואָס זיי האָבן גע־

האט וועלוולען צווישן זיך. זיי האבן געזונגען לידער און שטיקלעך פּונעם דאַווגען און ווי קיין מאָל גאַרנישט געגאַנגען זייער וועגס. אָבער סטאַשעק האָט זיך דווקא עפּעס נישט געוויזן. און ערשט שפּעטער, נאָכדעם, ווען זיי האָבן שוין געהאַט אָפּגעריסן די הושענות און געווען פיקס־און־פאַרטיק אַהיים צו גיין, איז ער פּלוצעם ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן. ער איז אָפּנים געווען באַהאַלטן די גאַנצע צייט אין די לאָזעס צוזאַמען מיט זיין חברה און ווען די ייִנגלעך האָבן זיך שוין אין גאַנצן נישט געריכט אויף אים, איז ער פּלוצעם אַרויס פון זיין באַהעלטעניש.

די מלחמה האָט זיך באַלד אָנגעהייבן. די שקצים האָבן זיך פּאַוואָליע, מיט געמאָסטענע טריט גערוקט צו די ייִנגלעך. די ייִנגלעך האָבן באַלד באַ־מערקט, אַז ביי די שקצים זיינען די קעשענעס פול אָנגעשטאָפּט מיט שטיינער און העננגען אַראָפּ פון דער שווערער וואָג. ס׳זיינען געפלויגן שטיינער, שטי־קער בלאָטע אַהין און צוריק. מען האָט זיך באַהאַלטן אין די לאָזעס צווישן די פייכטע קזשאַקעס און פּאַמעלעך זיך גערוקט דאָ פאָרויס און דאָ הינטערווייי־לעכץ, זיך אַלעמאָל אויסגעגליטשט און זיך אויסגעצויגן אין די קאַלוזשעס, ווי בעת אַן אמתער שלאַכט. לאַנג האָט געדויערט די מלחמה, וויילביידע צדדים זיינען געווען איינגעשפּאַרט און זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. די יוקסלעך האָבן זיך געשלאָגן ווי די לייבן. זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן איינער דעם אַנדערן שטיינער און ביים ייִנגסטן יוקסל זיינען די רויטע פּאַהלעך געווען בהלהדיק צעשויבערט און די פּיסקעס האָבן ביי אים אין גאַנצן גע־פלאַמט. ער איז געווען שטאַרק פאַרפּאַרעט, נישט געהאַט אַפילו קיין צייט אָפּצודעכען. ער האָט געהאַט זייער אַ וויכטיקע אַרבעט אויסצופירן, איינער אַליין געמוזט צושטעלן שטיינער, שטיקער פאַרהאַרטעוועטע גרודעס זיינע עלטערע ברידער. פלינק ווי אַ וועוורק איז ער אַלעמאָל אַרויסגעלאָפן אין סאַמע מיטן פייער און ער האָט געקליבן די שטיינער. און ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט שוין געהאַט אַ פולע קעשענע מיט שטיינער, האָט ער זיך צו־ריקגעקערט צווישן די לאָזעס, וואו עס זיינען געלעגן די איבעריקע ייִנגלעך און ער האָט אויסגעליידיקט די קעשענעס. ווי פאַרפּלאָמט און ווי פאַרפּאַרעט ער איז נישט געווען, איבערגענומען אין גאַנצן פון זיין העלדישקייט, האָט ער פון דעסטוועגן שכל געהאַט צו שטופּן די אָנגעקליבענע שטיינער דווקא דעם ברודער זיינעם וועלוולען אין דער האַנט אַריין, וואָס האָט געהאַט אי־בערגענומען די קאָמאַנדע, באַפוילן יעדן וואו זיך צו שטעלן, וואו זיך צו לייגן.

די מלחמה האָט געדויערט לאַנג, זייער לאַנג, אָבער דער סוף איז געווען, אַז די שקצים זיינען די ייִנגלעך בייגעקומען, זיי אַרומגערינגלט, גענומען אין געפאַנגענשאַפט און צוגענומען ביי זיי די גאַנצע אָנגעריסענע הושענות. סטאַשעק, דעם געמיינדע־סעקרעטאַרס שגץ האָט געטענהט, אַז די לאָזעס געהערן צו זיין טאַטן און צו די אַנדערע „מיעשטשאַנעס" אין שטאָט און די ייִדן טאָרן זיי נישט אָנרירן — אויב זיי וועלן נישט פאָלגן וועט מען זיי שיסן.

— זשידזשי, קיין פּאַלעסטינע גייט!... — האָט ער וואוילעריש און מעשה זיגער אַלע מאָל געהויבן דעם רימען פון די הויזן און די רויטע יוכע האָט אים באַפאַרבט דאָס קליינע און בלייך־אויסגעדאַרטע פויסטן־פּנימל — אין פּאַלעסטינע וועט עץ קענען באַלעבאַטעווען ווי ביי זיך אין דער היים!...

און אויב דאָס איז נאָך ווייניק געווען, אויב דאָס האָט נאָך נישט איינ־געשטילט סטאַשעקלס רציחה, האָט ער באַלד אויסגעקלערט אַ שפּיל, וואָס זאָל אים דעם אמתן נחת רוח פאַרשאַפן. זיין דינע, שפּיציק־שאַרפע נאָז, ווי אַ העקל, די דינע דורכזיכטיקע הויט, וואָס איז געווען שטייף אָפּגעצויגן אויף זיין פּנים, ווי די בלאָנע אויף אַ פּויק, די גרויס־אויסגעקוילערטע אויגן — אַלץ האָט ביי אים פון אויפרעגונג און דער־וואַרטונג געציטערט, זיך געטרייסלט, גלייך עס וואָלט אים געוואָרפן אין קדחת. צו דער שפּיל האָט ער זיך דווקא אויסגעזוכט דאָס יינגסטע יוקסל. ס׳האָט זיך אים דווקא פאַרגלוסט צו רייסן ביי דעם יוקסל די רויטע צעפּלויגענע פּאותלעך. ער האָט אַזוי לאַנג געהאַלטן אַ קניפּיקל איבער איין רויטער פּאה, זיך אַזוי לאַנג גערייצט, ביז ער האָט די פּאה אָפּגעשניטן. בשעת דאָס יוקסל האָט דערפילט, אַז ס׳איז מער נישט קיין געלעכטער, אַז די פּאה איז טאַקע אויף אַן אמת אָפּגעשניטן און אַנגשטאַט צו הענגען אויף זיין פּנים, איז זי ביים שגץ אין די הענט, האָט עס אים אַזוי שטאַרק פאַרקלעמט ביים הערצל, אַז ער האָט אַרויסגעלאָזט אַזאַ הויכן קוויטש, ווי מען וואָלט ביי אים אָפּגעשניטן אַ לעבעדיקן אבר. ער האָט מער נישט געקענט קומען צו זיך און געמאַכט אַזעלכע הויכע קולות, ווי מען וואָלט אים אָפּגעקרילט מיט אַ טאָפּ הייסער וואַסער.

אָבער סטאַשעק האָט נישט געהערט די קולות, זיך רואיק געשפּילט מיט דער אָפּגעשניטענער פּאה, פּלוצעם זיך אָנגעהויבן מיאוסן פאַר דעם בינטל רויטע האָר, וואָס ער האָט אין דער האַנט געהאַלטן און עס מיט איין באַווע־גונג אָפּגעיאָגט פון זיך, ווי עפּעס אַ מיאוסן שרץ. דערנאָך האָט סטאַשעק געמייסטרעוועט עפּעס, געמאַכט פון צוויי הושענא־ריטלעך אַ צלם און גע־הייסן דעם קליינעם יוקסל אַ קוש טאָן דעם צלם:

— גיב אַ קוש יעזוסן! — האָט ער באַפוילן — גיב אַ קוש יעזוסן, וואָס דו האָסט געקרייציקט!...

אָבער דאָ האָט שוין דאָס קליינע יוקסל געקעמפּט ווי אַ לייב. ער האָט געבריקעט מיט די פול־אָנגעדאַפּטשעטע פיסלעך, ווי אַ יונג לאַשעקל און צעלאָזט זיינע פויסטלעך, געפאַכעט מיט זיי אויף רעכטס און לינקס, ווי אַ ווינט־מיל. פון דעם אַלעמען, וואָס דער שגץ האָט געזאָגט, האָט ער גאַרנישט פאַרשטאַנען, און אויפגעכאַפּט האָט ער דאָס איינע, אַז דאָ גייט עפּעס וועגן יויזל און כאָטש ער האָט דאָס יויזל אויפן צלם נישט געזען, זיינען סטאַשעקס אומפאַרשטענדלעכע רייד שוין גענוג געווען ער זאָל קעמפן מיט אַלע זיינע כוחות, ער זאָל פאַרפרעסן מיט גרויס עקשנות דאָס מויל פאַר די צוויי ריטלעך, וואָס האָבן שוין לאַנג דעם פאָרם פון אַ צלם פאַרלוירן. פאַרן יויזל האָט דאָס קליינע יוקסל שוין נישט פון היינט מורא געהאַט און שוין נישט איין צרה האָט ער געהאַט צוליב אים אויסצושטיין. אין חדר האָט דער רבי אים געהאַלטן

אין איין מוסרן דערפֿאַר, וואָס ער גייט אין שקאָלע און ער זיצט אין בלויזן קאָפּ פֿאַרן צלם. דאָס איז אַ גרויסע עבֿירה און מען וועט אים ברענען און בראָטן אין גיהנום דערפֿאַר. און אין שקאָלע האָט די „פּאַני" ביי אים מיט געוואַלט אַראָפּגעריסן דאָס היטל, געגעבן אים עטלעכע „לאַפּעס" און אַרויסגעוואָרפֿן אים הינטער דער טיר, ווען ער האָט נישט געוואָלט זיצן אין בלויזן קאָפּ פֿאַרן יויזל. איז ער געזעסן אין בלויזן קאָפּ אין דער שקאָלע און כאָטש, אַז ער האָט טיילמאָל בגנבֿה־שנעל געוואָרפֿן אַ בליק אויפֿן יויזל, האָט ער נישט געזען אין אים קיין שום בייז, האָט זיך די מורא פֿאַר אים נאָך מער פֿאַרשטאַרקט.

וואָס מער סטאַשעק און די איבעריקע „שאלופֿים" האָבן אים מיט געוואַלט געפּרעסט צום מויל דעם צלם, וואָס זיי האָבן פֿון די הושענות געמאַכט, אַלץ מער האָט ער די ליפּן מיט גרויס עקשנות פֿאַרקוועטשט און אַלץ מער האָט ער פֿאַרביסן די ציין, ווי מען וואָלט אים געצוואונגען צו עסן חזיר. ער האָט אַזש צוגעמאַכט די קליינע, גרינע אייגעלעך פֿאַר דער גרויסער סכנה, וואָס לויערט אויף אים, געקעמפֿט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט פֿאַרויסגעשטרעקטע פֿויסטלעך און בשעת־מעשה געמאַכט אַזעלכע שרעקלעכע קולות, ווי מען וואָלט אים שוין אויפֿן אָרט געהאַלטן ביי אָפּשמדן. ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען:

— כ'האָב אַ גאָט אין הימל!... שמע ישׂראל!...

פֿון די אָפּגעריסענע הושענות איז שוין כמעט קיין זכר ניט געבליבן. די שקצים האָבן מיט זיי געפּאַטשט איבער דעם קליינעם יוקסלס איינגעשפּאַרטן פּנימל אַזוי לאַנג, ביז זיי זיינען צעריסן געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך און איינצלנע אויסגעפּליקטע בלעטלעך האָבן זיך אויף דער ערד געוואַלגערט.

— קיין פּאַלעסטינע גיי!... — האָט סטאַשעק געשריגן צום יוקסל — פּרעטש פֿון פּוילן!... דאָס זיינען נישט דיינע לאַזעס!...

דאָס יוקסל האָט נאָך געקעמפֿט מיט די לעצטע כּוחות, געלעגן אויף דער ערד, איינגעגנאַרעט אין גאַנצן אין דער בלאָטע. די אויגן און די ליפּן זיינען געווען ביי אים אין גאַנצן צוגעשלאָסן, פֿעסט־פֿאַרהאַקט פֿאַר דער עבֿירה, וואָס האָט נאָך אַלץ אויף אים געטשאַטעוועט, דאָס פּנים בלאַס, אָן אַ טראָפּן בלוט. די איינציקע איבערגעבליבענע מבֿולבלדיק־צעשויבערטע פּאה האָט זיך שטאַרק אָפּגעשיידט מיט דער רויטקייט פֿון דעם בלאַסן פּנים און האָט אויסגעזען ווי אַ פֿריש צעשמירט שנירל בלוט.

געזען אין וואָס פֿאַר אַ סכּנה ס'געפֿינט זיך זיין יינגסטער ברודער, האָט וועלוול, דאָס עלטסטע יוקסל, זיך מיט אַמאָל אַרויסגעריסן פֿון די שקצים, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי אַ יונג ביקל און אַזוי מיטן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, כּדי צו שיצן אים פֿאַר פֿרעמדע קולאַקעס און מיט די הענט צעלאָזט אויף פֿאַרויס, כּדי צו דערלאַנגען קלעפּ, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפֿן אין פֿייער. די יוקסלעך האָבן זיך שטענדיק געפֿירט אַזוי ביים שלאָגן — אַראָפּגעלאָזט די קעפּלעך. די פֿויסטלעך געשטרעקט פֿאַרויס. די תּורה האָבן זיי זיך אויס־

געלערנט פונעם טאַטן, וואָס האָט זיך פונקט אַזוי געשלאָגן. אַז דאָס עלטסטע יוקסל האָט שוין צעלאָזט זײַנע ידים אויף רעכטס און לינקס, האָבן די אַנדערע ייִנגלעך, ווי דאָס וואָלט געווען דער צייכן צו דער פרישער שלאַכט, זיך אויך אַ וואָרף אַרײַן געטאָן אין געשלעג און ס'איז אַ שפּאָגל־נײַע מלחמה אויסגעבראָכן.

פּלוצעם איז אָבער דאָס געשלעג איבערגעריסן געוואָרן, אָפּגעהאַקט געוואָרן אין סאַמע מיטן און די ייִנגלעך האָבן דערזען ווי די שקצים רוקן זיך היינטערווײַלעכץ אַלעמאָל ווײַטער און ווײַטער און מיט אַמאָל נעמען זיי אַזוי שנעל לויפן פון דאַנען, ווי עס וואָלט זיי ווער נאָכגעיאָגט. דאָס איז געווען אַ גרויסער הידוש פאַר די ייִנגלעך, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין סך צייט נאָכצוקלערן און זיך גענומען גיך אַרומפּוצן. די יום־טובדיקע אָנצוגלעך, וואָס זיי האָבן קוים געפּועלט ביי די מאַמעס אָנצוטאָן אום חול־המועד, זײַנען געווען אָפּגעשליסן, די פּאות אויסגעפּליקט און די ציצית ביי די לייבצודעקלעך אָפּגעריסן. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, וואָס זיי האָבן זיך געוואַשן ביים טייך די אײַנגעשמירטע צעגראַטשעטע פּנימלעך, כדי טאַטע־מאַמע אין דער היים זאָלן גאָר נישט דערקענען — די סימנים האָבן זיי נישט געקענט מער אָפּווישן.

בשעת די ייִנגלעך זײַנען פאַרנומען געווען ביים טייך, האָט זיך וועלוול, דאָס עלטסטע יוקסל, מיט אַמאָל אַרומגעזען, אַז זיין קליין ברודערל פעלט. ער איז אים געלאָפן זוכן און געפונען ליגן אײַנזאַם און אַליין אויף דער ערד, ווי אַרויסגעוואָרפן מחוץ למחנה. באַלד זײַנען אַלע ייִנגלעך געקומען צוגעלויפן צום אָרט, וואו דאָס יוקסל איז געלעגן און זיי האָבן אים אַלע געטאַרעט און געשלעפּט, אָבער ער האָט זיך מער פון אָרט נישט גערירט, זיך צומאָל נישט אַ באַוועג געטאָן. ווייך און שלאַבעריק איז ער געווען אין זייערע הענט, ווען זיי האָבן אים געפּרוּווט אויף די פיס שטעלן און ער איז פּלוצים צוריק אויף דער ערד אומגעפאַלן, ווי אַ טויטע ליאַלקע. דאָס פּנים איז געווען ביי אים נאָך בלאַסער ווי פריער און די אײַנציקע איבערגעבליבענע פּאה נאָך צעשויבערטער. נאָך מער ווי פריער האָט זיך די פּאה אָפּגעשיידט מיט דער רויטקייט פונעם פּנים, וואָס האָט מער נישט פאַרמאָגט קיין טראָפּן בלוט און איז געווען אַזוי דוכזיכטיק־ווײַס, ווי ביבולע־פּאַפּיר. דאָס מויל איז געווען איצט גאָר שטאַרק פאַרהאַקט און די אויגן געשלאָסן, ווי די עבירה וואָלט נאָך אַלץ אויף אים געלויערט. אַ קליין נצחונדיק שמייכעלע האָט זיך גענעסט אין איין זייט מויל־ווינקל און באַשטראַלט איין האַלב פּנימל. כאָטש דער זעלבער חבר ווי ביים לעבן, האָט זיך אָבער פּלוצעם איצט באַזעצט אויף זיין פּנים אַ פרעמדקייט און אַ גלייכגילטיקייט צו אַלץ, וואָס האָט זיך אַרום אים געטאָן און ער איז פאַרטאָן געווען אין עפּעס אַ ווײַטער וועלט...

די ייִנגלעך האָבן מיט אַמאָל דערפילט דעם טויט און זיך גענומען רוקן פּאַוואָליע אויף צוריק. אַפילו וועלוול האָט פּלוצעם מורא באַקומען פאַרן ברודער און זיך פון אים אָפּגערוקט. די ייִנגלעך האָבן זיך שוין נישט געטרויט מער צוצוקומען נענטער צום מת, געשטאַנען פון דער ווײַטנס און

באַטראַכט נאָך אַ צייט דעם טויטן גוף. פּלוצעם האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן אַלע צוזאַמען אין שטאָט אַריין. זיי זיינען געלאָפן אין איין אָטעם, נישט אויס־גערעדט איינער צום אַנדערן אַ וואָרט די גאַנצע צייט פונעם וועג. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין מאַרק אַריין, זיינען זיי נאָך אַלץ געלאָפן און זיי האָבן אַזוי געסאָפּעט, אַז מ׳האָט פון זיי בשום־אופן גאַרנישט געקענט געוואויר ווערן.

— אַט דאָרטן!... — האָבן זיי געשטאַמלט, אַרויסגעוואָרפן פון זיך איינצל־נע, אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס האָבן זיך אין גאַנצן נישט געבונדן, און גע־טייטלט אַהין־צו צום טייך — דאָרטן!... דאָרטן ליגט ער!...

— וואָס דאָרטן?!... ווער דאָרטן?!... — האָבן די יידן נישט פאַרשטאַנען און כהרף־עין דערפילט, אַז ס׳איז געשען עפּעס שלעכטס — ווער ליגט, ווער?... וואָס רעדט איר, וואָס?!...

— ביים סאַן!... אַט דאָרטן ליגט ער!... טויט!... דאָרטן... געהרגעט אויף טויט!... לייבעלע... לייבעלע יוקס!...

באַלד האָבן די יינגלעך פאַרקערעוועט אויף צוריק, געגאַנגען ווייזן די יידן דאָס אָרט, וואו דאָס יינגסטע יוקסל איז געלעגן. צווישן די יידן איז אויך געווען הערש יוקס. ער איז געגאַנגען פון פאַרנט פון אַלעמען, זיך זייער גע־איילט, ווי ער וואָלט געלאָפן עפּעס טאָן אַ וויכטיקע שליחות. כאָטש מען האָט הערשן געמינטערט, ער זאָל נעמען זיין פערד־און־וועגעלע, האָט ער דאָס נישט געטאָן. ער האָט זיך איבערגעפרעגט:

— האַ?... וואָ?... פערד־און־וועגעלע?... — האָט ער זיך איבערגעפרעגט, ווי אַ טויבער, וואָס כאַפּט בלויז אויף איינצלנע, אָפּגעהאַקטע ווערטער — יאָ... טאָקע... פערד און וועגעלע... באַלד... צ׳זענט טאָקע גערעכט...

אָבער ער האָט דאָס פערד־און־וועגעלע נישט גענומען, נישט פאַר־שטאַנען, וואָס מ׳רעדט צו אים, זיך אַפילו נישט צוגעהערט רעכט צו די יידנס רייד. ער איז אַזוי גיך געלאָפן, אַז קיינער האָט אים נישט געקענט מער דער־יאָגן. די רויטקייט פון זיין פּנים, פון זיין קאַרק, וואָס איז געווען האַרט און צעטראַסקעט, ווי די קאָרע ביי אַ בוים, איז ביסלעכווייז אָפּגעגאַנגען, זיך אויסגעלאָשן. בלויז די באָרד איז געווען רויט ווי פייער און פאַרקאַלטנט אין איין האַרטער קנויל, געסטערטשעט אין דער קרום שווער און געדיכט, ווי אַ שטיין. די קליינע שטענדיק פרייל עכע אייגעלעך זיינען געווען אַזוי טיף פאַרגראָבן אין פּנים, אַז מ׳האָט זיי שוין מער אין גאַנצן נישט אַרויסגעזען.

איידער נאָך די יידן זיינען אָנגעקומען אויפן אָרט, וואו דער מת איז געלעגן, איז שוין הערש יוקס דאָרט פון לאַנג געווען און זיי האָבן אים גע טראָפן גיין צוריק מיטן זון אויף דער האַנט. ער האָט געשפּרייזט פּאַמעלעך און שווער אין די קאַלוזשעס ביים טייך און זיינע גרויסע שטיוואַלעס זיינען געבליבן אַלעמאָל קלעפּן אין דער בלאָטע, נישט געקענט אַרויס. די צווייגן פון די לאָזעס האָבן אים געפּאַטשט דאָס פּנים, געשמיסן מיט עקשנות, אָבער ער האָט גאַרנישט געפילט. ס׳איז צוגעפאַלן דער בין־השמשות און אַ שמאָל און דין פּאַסיקל זון איז געבליבן הענגען אויפן ראַנד פון הימל, ווי אַ

פֿאַרבלוטיקטער מעסער. די שקיעה איז פֿאַרקראָכן אין הערשס רויטער באָרד, זי אָנגעצונדן און נאָך רויטער געמאַכט. אַ ווינט איז אָנגעקומען פֿון די אַרומיקע נאַקעטע און ליידיקע פֿעלדער און דער טייך האָט זיך צעשריגן, גיך געקוילערט זיינע וואַסערן, געפּאַטשט מיט גבֿורה און געפּילדער דאָס זאַמד און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויל פֿאַרשלינגען דעם טאַטן מיטן זון ביים ברעג. ס׳זיינען מיט אַמאָל אָנגעלאָפֿן וואָלקנס, גרויסע, שווערע און צעשויבערטע. די וואָלקנס זיינען געקראָכן איינס אויפֿס אַנדערע, זיך געטוליעט אַלע אין איין קופּע, פּונקט ווי אַ סטאַדע געיאָגטע שעפּסן, ברודיק־שוואַרצע און פֿאַרוואָרלאָזטע, וואָס פֿאַלן פֿון די פֿיס פֿונעם לאַנגן וועג. משונהדיק גיך האָבן זיך די וואָלקנס געזאַמלט אין אַ גרויסן באַרג און זיי זיינען געבליבן הענגען זייער נידעריק איבער דער ערד, איינגעהילט אין אַ געדיכטער חשכות הערשלען מיטן זון.

כאָטש די יידן האָבן הערשן געהייסן גיין צום בית־עולם, וואו ס׳שטייט דאָס טהרה־שטיבל, האָט ער זיך צו זייערע רייד נישט צוגעהערט:

— האַ?... וואָע?... — האָט ער געזאָגט, ווי איינער, וואָס מ׳וועקט אים אויף פֿון אַ טיפֿן שלאָף — האַ?... יאָ... טאַקע...

אָבער ער האָט נישט געטאָן דאָס, וואָס די יידן האָבן אים געהייסן. צו זייער גרויס חידוש האָט ער זיך געלאָזט גיין מיטן זון אויף דער האַנט אויפֿן וועג צו דער שטאָט. ער האָט פּאַמעלעך און שווער געשפּרייזט און ביי יעדן גוייִשן הויז האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געקלאַפּט אין דער טיר, אין פֿענצטער. אין קאָפּ ביי אים האָט זיך געבאָמבלט שלעווינסקי דעם געמיינדע־סעקרעטאַרס נאָמען, וואָס ער האָט פֿריער געהערט די ייִנגלעך עטלעכע מאָל דערמאָנען. די יידן זיינען אים נאָכגעגאַנגען שטום, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

ס׳איז שוין געווען גוט פֿינצטער, די נאַכט איז שוין לאַנג געהאַט צוגעפֿאַלן און די יידן האָבן פּלוצעם זיך דערמאָנט, אַז זיי האָבן נישט געדאַווענט קיין מנחה. דער רעגן איז געהאָנגען אין דער לופֿטן און אַ בייסיקע האַרבסטיקע קעלט איז יעדן אַריינגעקראָכן טיף אין די ביינער. ס׳האָט אָנגעהויבן צו גיסן ווי מיט צעבערס און דער רעגן האָט טרויעריק געזונגען אין די רינעוועס פֿון די היגטערשטאָטישע גוייִשע הייזער...

בשעת הערש איז צוגעקומען צו דעם הויז, וואו ס׳האָט געוואוינט שלעווינסקי דער געמיינדע־סעקרעטאַר, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך נישט גערירט מער פֿון אָרט. עפּעס אַ כוח האָט אים נישט געלאָזט מער ווייטער גיין און אים ווי געפּענטעט. ער האָט שטאַרקער צוגעטוליעט ליבעלען צו זיך און געשטאַנען אַזוי אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט דער באָרד געשטרעקט פֿאָרויס, ווי ער וואָלט זיך איינגהערן אין עפּעס. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז נישט קיין מענטש שטייט דאָ, נאָר עפּעס אַ שטיינערנער געטש.

אָבער גראָד איצט, ווען הערש איז אַזוי פֿאַרגליווערט געשטאַנען מיטן זון צוגעטוליעט צו דער ברוסט, האָט זיך ביי אים אינעווייניק עפּעס אָפּגעריסן און ער האָט זיך דערמאָנט ליבעלעס אַלע שמד־שטיקלעך. ער האָט

דערזען אַזוי לעבעדיק לייבעלעס ממזריש־קליינע, גרינע אייגעלעך, בשעת ער האָט זיך, פאַרשטעקט אין היי, מיטגעכאַפּט מיט אים, הערשן, צו דער באַן. ער האָט געזען לייבעלען זיצן אויפן פערד, בעת ער, הערש, האָט געפירט דאָס פערד אַנפּאָיען צום ברונעם. אין זיין אויער האָט זיך נאָך אַזוי פריש איינגעשניטן לייבעלעס קלינגעדיק קולעכל, בעת ער האָט דאָס פערד אונ־טערגעטריבן מיט אַ וויטקע און נאָכגעמאַכט דעם טאַטנס גראָב בת־קול:

— וויאָ... וויאָ־ווישטאָ!... פגר איינער!...

הערשן האָט אַזוי שטאַרק פאַרקלעמט ביים האַרץ, אַז ער האָט ניט געקענט דעם אָטעם כאַפּן, און אַ געוויין, אַזוי האַרט און שווער ווי אַ שטיין, האָט זיך ביי אים געקוילערט אין דער קעל, בשום־אופן נישט געקענט אַרויס. ער האָט בלויז אַרויסגעלאָזט אין הייזעריקן כליפּ, וואָס האָט טויב אָפּגע־הילכט אין דער רעגנדיקער נאַכט און ער איז צוריק געבליבן שטיל, ווי ס׳וואָלט ביי אים עפּעס אינעווייניק קאַליע געוואָרן און זיך אָפּגעשטעלט. דערנאָך האָט ער אויפגעריסן די טיר פון שלעווינסקי דעם געמיינדע־סעקרע־טאַרס הויז און איז אַריין אינעווייניק.

לאַנג האָט הערש אַרומגעטאַפּטשעט אין דעם פינצטערן פאָדער־הויז און נישט געקענט געפינען אַ טיר. ער האָט אומגעדרייט עטלעכע חפצים און אַ לייטער, וואָס האָט געפירט אַרויף אויפן בוידעם. די לייטער איז אומגע־פאַלן מיט אַזאַ ליאַרעם ווי מען וואָלט צעטראָגן דאָס הויז אויף פיץ־פיצלעך. פון דעם ליאַרעם האָט זיך אויפגעמאַכט אַ טיר פון אַ שטוב און אַ שאַרף ליכט האָט איבערגעהאַקט די פינצטערניש אין צווייען. עס האָט הערשן אַ זעץ גע־טאָן אין דער נאָז דער ריח פון געפּרעגלטן חזיר־שמאַלץ און ער האָט דער־זען שלעווינסקין דעם געמיינדע־סעקרעטאַר שטיין אינעם אַריינגאַנג פון דער טיר. שלעווינסקי האָט גיך און צעשראָקן געפינטלט מיט די קורצזיכטיקע אויגן, נישט געוואוסט, וואָס דאָ איז געשען. צוגעוואוינט פון אייביק אָן צו שטיין מיט אַ סך הכנעה פאַרן בירגערמייסטער און פאַר די אַנדערע חשובע פּני־העיר, איז ער אויך איצט געשטאַנען מיט הכנעה און אונטערטעניקייט און געוואַרט וואָס דאָ וועט ווערן. פון דעם אייביקן בייגן זיך און נישטערן אין די ביכער, איז איין אַקסל געווען ביי אים שטאַרק אַראָפּגעלאָזט און דער אַנ־דערער שטאַרק פאַרהויבן.

דערזען הערשן מיטן קינד אויף דער האַנט, האָט ער זיך דערשראָקן, געמאַכט עטלעכע טריט צוריק אין שטוב אַריין און שיעור נישט פאַרהאַקט די טיר. אָבער באַלד האָט ער זיך באַדענקט און זיין אָפּגעווישט־בלאַס חונף־פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט חוצפּה — זיך אָנגעגאָסן מיט דער זעלבער שטעכיק־דינער צולהכעיסדיקער חוצפּה, וואָס נעמט זיך שטענדיק אין זיין פּנים, בשעת ער זידלט די יידן, וואָס קומען צו אים אין דער געמיינדע אַריין בעטן עפּעס אַ טובה. שלעווינסקי האָט פּלוצעם אָנגעהויבן צו שרייען:

— וואָס ווילסטו, הערשקע?!... וואָס קומסטו מאַכן געוואַלדעס אין אַ פרעמד הויז?!... זעסט נישט וואו דו גייסט!...

ער האָט זיך צעשריגן אַלע מאָל מער, זיך אונטערגעגעבן אַליין קוראַזש,

אָבער פּלוצלונג האָט ער אָפּגעהאַקט, ווייל ער האָט באַמערקט לייבעלעס בלאַס פּנים און מיט אַמאָל דערזען אַז הערש האַלט אַ טויט קינד אויף דער האַנט. ער האָט אויף איינמאָל באַנומען, אַז די מעשה איז עפּעס נישט גלאַטיק, אַז ס'איז געשען אַן אומגליק, וואָס האָט אַ שייכות מיט אים און ער האָט זיך געגומען רוקן הינטערווייַלעכץ.

הערש האָט שלעווינסקין נישט געענטפערט, ווי ער וואָלט נישט געהערט וואָס ער שרייט, ווי ער וואָלט אים אין גאַנצן נישט געזען און ער איז אַריין גלייך צו אים אין שטוב. אין שטוב האָט געברענט פרייַלעך און ליכטיק־היימיש אַ לאָמפּ און עס האָט זיך געהערט דאָס פריילעכע קלינגען פון לעפל־גאָפּל־מעסער. שלעווינסקיס קינדער זיינען געזעסן אַרום דעם קיילעכדיקן טיש און געגעסן וועטשערע. פון סאָמע פאַרנט אויף דער וואַנט איז געהאַנ־גען אַן איקאָנע, וואו די מאַטקע־באָסקע האָט געהאַלטן גאָטס זון אויף דער האַנט, אַן אויסגעטאָגענעם, אַ פוכלע־נאַקעטן... הערש האָט זיך דערמאָנט, אַז אויך ער וואָלט איצט, פונקט אין דער זעלבער צייט, געזעסן ביי זיך אין דער היים און ער וואָלט געגעסן וועטשערע צוזאַמען מיט זיינע קינדערלעך. ווען דאָס אומגליק וואָלט נישט פאַסירט, וואָלט ער שוין געווען געהאַט גע־געבן צו עסן דעם פערד און ער וואָלט זיך שוין געווען געהאַט אַריינגעכאַפּט אַהיים צו עסן וועטשערע מיט זיין בני־בית. לייבעלע וואָלט ווי שטענדיק געזעסן ביי זיין רעכטער זייט. אַ טיפער וויייטיק האָט זיך איינגעשניטן אין אים, געפּרעסט מיט כוח, זיך צעוואַקסן און אַרויסגעשטופּט פון אים די ווערטער:

— פאַרוואַ־אַ־אָס?!... זאָגט מיר, פאַרוואָס?!... — האָט ער זיך מיט־אַמאָל צעשריגן.

הערש האָט לייבעלען פעסטער צוגעדריקט צו זיך. ער איז געשטאַנען אין מיטן שטוב מיט טראָפּנס רעגן אויף דער רויטער באָרד, אויף דער גע־לאַטעטער בורקע און ער האָט געקוקט אויף די קינדער, אויף שלעווינסקין, ווי ער וואָלט געמאָנט עפּעס אַן ענטפער.

אָבער קיינער האָט אים נישט געענטפערט. אין שטוב איז געווען זייער שטיל. די קינדער ביים טיש האָבן אויפגעהערט צו עסן, איינגעהאַלטן דעם אָטעם. ס'האָט זיך געהערט בלויז ווי דער פינצטערער דרויסן טוט אַלע מאָל אַ שמיץ פולע גאָרשטשעס רעגן אויף די שויבן און ווי די שויבן וויינען איינגעהאַלטן־שטיל און נאָגנדיק...

בשעת הערשס בליק האָט זיך אָנגעטראָפן מיט סטאַשעקס אויגן, האָבן זיך זייערע בליקן פאַרטשעפּעט. זיי האָבן זיך גלייך אָנגעקוקט, נישט געקענט אַזוי זיך אָפּטשעפּען די בליקן און באַלד דערפילט, אַז זיי האָבן צווישן זיך אַ גרויסן חשבון. סטאַשעק האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, כסדר אָנגעקוקט הערשן און זיין קליין פויסטן־פּנימל איז אַלע מאָל קלענער און פאַרשפּיצטער געוואָרן. ער האָט זיך אין גאַנצן איינגעקורטשעט, איינגעדרייט, ווי אַ קאַץ ביים ווערן זיך, און ער האָט מיט אָפּגעווישט־פאַרשפּיצטע אויגן, וואָס זיינען ביי אים אומרואיק־גיך געלאָפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער, נאָכגעקוקט יעדע באַוועגונג, וואָס הערש האָט געמאַכט. אַלץ אין אים האָט געלויערט,

געווען גרייט און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך איין רגע וועט ער זיך אויפ־קוילערן און ער וועט אַ שפּרונג אַרויף טאָן צו הערשן און זיך איינבייסן אין אים מיט די ציין, מיט די נעגל.

אָבער סטאַשעק האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, אָנגעקוקט אַלץ הערשן מיט אומרואיק־פאַרשפּיצטע אויגן, ווי גרייט אויפצונעמען אַ געשלעג און ער האָט זיך פּלוצעם ווילד אַ הויב געטאָן פון אָרט און מיט אַ הויך גע־שריי אַרויסגעלאָפן פון שטוב...

***

בשעת סטאַשעק איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב, האָט ער זיך אַרומגע־וואַגלט אַ שטיקל צייט אויף דער גאַס אין רעגן, אָבער באַלד איז ער אַריין צו אַ שכן און מען האָט אים אויסבאַהאַלטן דאָרט אין אַ קעלער, קיינער זאָל אים נישט קענען געפינען. אין שטאָט האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז הערש יוקס דער פּיאַקער האָט געהרגעט סטאַשעק דעם געמיינדע־סעק־רעטאַרס זון. אין די יידישע געסלעך אַרום דעם מאַרק־פּלאַץ האָבן זיך אָנ־געהויבן צו ווייזן די „נאַראָווצעס", אָנגעטאָן אין זייערע האַקי־העמדלעך און באַוואָפנט מיט גראָבע שטעקנס, און זיי זיינען באַפאַלן די יידן, וואָס זיינען געגאַנגען אַהיים פון בית־המדרש, פון קלויז. אַרום די יידישע הייזער, אַרום די פאַרמאַכטע יידישע קראָמען האָבן זיך געזאַמלט גויים, וואָס האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו רייסן די שלעסער און די שטאַבעס פון די טירן. פון אַלע זייטן זיינען אָנגעקומען די גויים, פּלוצעם אַרויסגעקראָכן פון באַהעלטענישן, ווי די מייז פון די לעכער, אַז ס'איז אַ גרויס חידוש געווען פון וואַנען ס'האָט זיך דאָ אַזוי שנעל אַזאַ המון געטומען. ס'זיינען געקומען אַפילו זקנים און ווייבער מיט פּיצלעך קינדער אויף די הענט. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשריי און אַ ליאַרעם, וואָס איז געשטיגן אַלעמאָל העכער און העכער, אַרויף צום בייכיק־פאַרוואָלקנטן, מיט רעגן אָנגעזאַפּטן הימל. אין דעם געשריי און ליאַ־רעם האָט זיך אַריינגעריסן אַ גלעזערנער געבראַזג פון אויסגעהאַקטע שויבן, אַ טראַסקעריי פון אויפגעבראָכענע טירן און דער אייזערנער געקלאַנג פון די אָראָפּגעהאַקטע שטאַבעס און שלעסער.

אויף דעם טראָטואַר, אין מיטן גאַס האָבן זיך שוין געוואַלגערט גאַנצע הויפנס סחורה, וואָס האָבן זיך געווייקט אין רעגן. ריטשקעלעך נאָפט, ווייַן, בראָנפן האָבן געזויכט אַ וועג אַרויס פון די געוועלבער און זיך באַהאַפטן אין איין ברייטן שטראָם. פון דעם אויסגעגאָסענעם אייל זיינען די טראָטואַרן פעט געוואָרן. פון די אויפגעטרענטע זעק מעל, צוקער, זאַלץ, קאַשע האָט זיך די סחורה געשיט און זיך געפּאַליעט אין בערג און בערגלעך. אויפגע־וויקלטע באַלנס שניט־סחורה האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס. מען איז געטרעטן אויף דער סחורה, אויפן צעהאַקטן גלאָז, וואָס האָט געפּלאַצט אונטער די פיס, אַלע מאָל אַריינגעטרעטן אין עפּעס אַנדערש, אַזוי אַז עס איז שווער געווען צו שטעלן טריט.

פון שטוב האָט דער צעיִדשעטער המון אַרויסגעשלעפּט אַ ייִד. דער ייִד איז געטראָגן געוואָרן אויף פּלייצעס, אויף אַקסלען, ווי אַ שפּענדל אויף אַ צע־שטורעמט וואַסער און ער איז פּלוצעם פאַרשלונגען געוואָרן אין דער געדיכ־טער מאַסע, ווי ער וואָלט אַריינגעזונקען אין אַ תהום. פון דער אויפגעפּראַלטער טיר, פון וואַנען מען האָט אַרויסגעשלעפּט דעם ייִד, איז אַרויסגעלאָפן אַ ייִדענע, אַ צעשויבערטע, אַ צעכראַסטעטע, וואָס האָט מיט ביידע הענט זיך געריסן פאָרויס, ווי זי וואָלט וועלן אַזוי אַרומעט פאַרהאַלטן דעם מאַן, וואָס מען האָט פון איר צוגענומען.

— געוואַלד!... געוואַלד!... — האָט די ייִדענע כּסדר איבערגעחזרט דאָס איין־און־איינציקע וואָרט און דורכגעשניטן די נאַכט מיט איר שפּיציק־יאָמערלעך געוויין.

די ייִדענע איז אַזוי אַ צייט לאַנג געלאָפן לענג־אויס דער גאַס, כּסדר איבערגעחזרט צו זיך דאָס איינציקע וואָרט „געוואַלד״, ווייל מער האָט זי פון זיך גאָרנישט געקענט אַרויסברענגען און זי איז פּלוצעם געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, ווי אונטערגעהאַקט.

די צעווילדעוועטע מאַסע האָט זיך נאָך אַלץ געפּאַרעט אַרום די ייִדישע שטובן, געכאַפּט אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט אין די הענט אַריין, געפּאַקט אין די קעשענעס, אָנגעטאָן אויף זיך. מען האָט אַרויפגעשלעפּט אויף זיך איין רעקל, נאָך אַ רעקל, איין מאַנטל, נאָך אַ מאַנטל, אַז מען איז באַלד אַזוי אָנגעפּעלצט געוואָרן, אַז מען האָט זיך שוין קוים געקענט באַוועגן... דאָס וואָס מען האָט שוין נישט געקענט מער מיטנעמען מיט זיך, האָט מען געוואָרפן אויף דער ערד און צעטרעטן מיט די פיס, קיינער זאָל פון דעם קיין נוצן נישט האָבן.

דער רעגן האָט נישט אויפגעהערט צו גיסן, דאָ אַ ביסל אָפּגעלאָזט און באַלד זיך צוריק פאַרשטאַרקט. גראָבע און געדיכטע פעדים האָבן זיך גע־צויגן אַראָפּ פונעם אָנגעפּוישטן, שוואַרץ־פאַרוואָלקנטן הימל און נאָכאַנאַנד געוויקט די אָנגעוואָלגערטע חפצים, וואָס זיינען געלעגן צעזייט אויף דער ערד. דער רעגן האָט אויסגעמישט דאָס אויסגעשיטע מעל, דעם זאַלץ, דעם צוקער אין איין געדיכטער מאַסע, וואָס האָט זיך געקלעפּט צו די פיס...

אויף אַן איבערגעקערטן קאַסטן האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אַ גויע, אַ לאַנגע, אַ דאַרע, ווי אַ קאָטשערע, מיט גלייכע פּאַסמעס האָר, וואָס האָבן געשמיסן איר פּנים, ווי קאָנטשיקלעך. אויף דער האַנט האָט די גויע געהאַלטן אַ קינד. זי האָט געטייטלט אויפן קינד און אירע אויגן האָבן אינעם שיין פון דעם טונקעלן גאַסן־לאָמפּ געשפּריצט מיט גרינער שׂנאה.

— די זשידעס שעכטן אונדזערע קינדער!... נעמטש, ברידער און שוועסטער, נקמה! — האָט זי זיך געריסן מיט אַלע כּוחות — נעמטש אָפּ דאָס אָנגעראַבעוועטע האָב־און־גוטס אונדזערס!... ס'איז אונדזער פּראַצע!... ווייניק, וואָס זיי האָבן ביי אונדז צוגעגזלט אַלצדינג, די זשידעס, הרגענען זיי נאָך אונדזערע קינדער! ס'איז זיי אַלץ ווייניק! זיי דאַרפן האָבן דאָס בלוט פון אונדזערע קינדער!... קומטש צו שלעווינסקי דעם געמיינדע־סעקרעטאַר,

וואו ס'איז דאָ הערשקו פיאַקער, דער ייד... ער האָט געהרגעט סטאַשעקן... נקמה... נקמה!

די גויע איז אַראָפּ פונעם קאַסטן, זיך געלאָזט די ערשטע לויפן. נאָך איר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די אַנדערע. מען איז געלאָפן צו פיר, צו פינף אין אַ ריי, באַוואָפנט מיט גראָבע שטעקנס, מיט פּאַלקעס, מיט אייזערנע שטאַבעס און העק. פון דעם עולם האָבן זיך כסדר געהערט געשרייען, אַז הערש פורמאַן, דער ייד, האָט געהרגעט סטאַשעק דעם געמיינדע־סעקרע־טאַרס זון און מען דאַרף גיין נעמען נקמה. דער רעגן האָט אַלץ געשמיסן מיט רוגזה, געבלעזלט זיך אויף דעם וועג און אין רינשטאָק. אינעם רעגן האָבן זיך אַריינגעפּלאָנטערט איינציקע פעדערן פון אויפגעטרענטע קישנס — ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'פאַלט שניי און אַ רעגן...

בשעת דער המון איז צוגעקומען צו דער קבצנישער ריסקע־אוליצע, איז אים פּלוצעם אַנטקעגנגעקומען אַ מחנה יידישע טרעגערס, קצבים און פורמאַנעס, וואָס האָבן געהאַלטן אָרטשיקעס, קצבישע העק און דרענגער אין די הענט. די מחנה האָט זיך גערוקט צום צעווילדעוועטן המון.

דער המון האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט, זיך אַ שפּאַר געטאָן אויף צוריק, זיך ווי דערשראָקן, אָבער באַלד האָט זיך צוריק אַ ריס געטאָן פאָרויס און זיך געלאָזט גלייך אויף די טרעגערס און פורמאַנעס. מיט אַמאָל האָט זיך אָבער די מאַסע צוריק אָפּגעשטעלט, ווייל מיטן וועג איז פּלוצעם אָנגע־קומען הערש יוקס מיטן קינד אויף דער האַנט. הערש איז געגאַנגען אַליין אין מיטן וועג, געטשאַפּעט שווער מיט די שטיוואַלעס אין דער בלאָטע, געהאַלטן לייבעלען פעסט־צוגעדריקט צו זיך. אַלע האָבן שוין איצט געקוקט גלייך דאָרט־אַהין, פון וואַנען הערש איז אָנגעקומען און אין דער ערשטער רגע נישט געוואוסט וואָס צו טאָן — צי זיך וואַרפן אויף אים, צי נישט. ס'האָט זיך דערהערט אַ קול:

— שטיי, ייד!

אויך האָבן די פורמאַנעס, הערשס גוטע־ברידער, געשריגן צו הערשן, ער זאָל באַצייטנס אַוועק פון דאַנען, ווייל ס'איז סכנות־נפשות.

אָבער הערש האָט קיינעם נישט געפאָלגט, זיך נישט פאַרנומען אויף צוריק, ווי ס'האָבן אים געהייסן זיינע גוטע־ברידער, נאָר מיטן קינד אויף דער האַנט געגאַנגען גלייך אַקעגן דעם המון...

דער רעגן האָט זיך פאַרשטאַרקט, געקלונגען אויף די דעכער, אין די ריגנעווס. ס'האָט נאָכאַנאַנד געגאָסן ווי מיט צעבערס. אין די רינשטאָקן האָט זיך דאָס וואַסער געטראָגן מיט אַ רעש, מיט אַ געקלימפּער. ס'האָט זיך גע־דאַכט, אַז ס'איז אַרויס אַ מבול אויף דער ערד, וואָס וועט באַלד אַלץ פאַרגיסן...

ח. איאַלטי

פון ווייטן וועסטו זען דאָס לאַנד

נאָוועלע

דוב איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט פון עולם אויפן דעק. פאָרנט, ביי דער פאַרענטשע, האָבן די מענטשן אַרויסגעקוקט אין טונקעלן ווייט; אפשר וועט זיך ערגעץ־וואו ווייזן אַ ברעג? פון צייט צו צייט האָט עמיצער דערזען לאַנד אויפן האָריזאָנט: קאָנטורן פון בערג, אַ בוכטע צופוסנס, געשטאָפּלטע דעכער פון אַ שטאָט אַפילו.

באַלד איז זיך דער מיראַזש צעשוואומען. די שפּילנדיקע וואָלקנס האָבן זיך אַ גליטש געטאָן אין רוים און געצייכנט נייע בילדער אויפן פאַרנאַכטיקן הימל. איצט האָט עמעצער באַמערקט אַ קריגס־שיף, וואָס האָט געלויערט אויפן האָריזאָנט. ער האָט אַפילו אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויפן געקרייזלטן רויך פון קוימען. דער אומרו אויפן דעק איז געשטיגן. די געזעמלעך האָבן זיך באַוועגט, האָבן זשעסטיקולירט שאַרפער און די קולות האָבן אָפּגעהילכט הייזעריקער. אומגעדולדיקע פּאַסאַזשירן האָבן זיך געלאָזט צו די טרעפּ און זיינען פאַרשוואונדן אין גרויען ליכט פון געדרייטן גאַנג. פון אונטן זיינען אָנגעקומען נייע.

דוב האָט כמעט ניט אויפגעכאַפּט די רייד פון די אַרומיקע. ער האָט פאַרשנדיק אַריינגעקוקט אין די נייע פּנימער. אפשר וועט דאָרטן באַלד אַרויף? אַ גאַנצן טאָג איז זי ניט דערשינען אויבן. די פּערזענלעכע מחשבות האָבן ווי אויפגעשטעלט אַ מחיצה צווישן אים און דעם שוימענדיקן עולם אַרום. אַן אומגעדולדיקער האָט ער אַ שפּאַן געטאָן צום הינטערשטן דעק. איצט האָט ער זיך אויף יעדן שריט אָנגעשטויסן אָן שפּורן פון זייערע געמיינזאַמע צוויי וואָכן אויף דער שיף: דאָ זיינען זיי אָפט געשטאַנען אַרומגענומען און אַריינגעקוקט אין דער נאַכט; טיילמאָל האָבן זיי זיך געטוליעט אין די פאַלדן פון דער פלאַכטע, וואָס איבער דעם באַגאַזש־לאַגער. אין דער אַרומיקער ענגשאַפט איז שווער געווען צו געפינען אַן אַנטרינונג פאַר אַ ביסל ליבע. אין לייכטער שיכרות האָבן זיי אויפגעהאָרכט צווישן דעם ברומען פון די כוואַליעס, צי עס דערנענטערן זיך ניט קיין טריט.

— די שיף איז אַזוי געפּאַקט! — האָט ער זיך יעדעס מאָל אַנטשולדיקט פאַר איר.

— מיך אַרט עס ניט!

זינט זי האָט באַשלאָסן מיטצופאָרן האָט ער געפילט די אַחריות פאַר אַלע פּרטים פון זייער צוקונפט, פּונקט ווי ס׳וואָלטן געווען נאָר זיין שיף, זיין ארץ ישראל און זיינע יידן...

די ערשטע אָוונטן האָט זי פֿאַרבראַכט מיט דער יונגוואַרג אויבן. מען האָט געזונגען ביז אַ האַלבער נאַכט און זיך אָפּטמאָל אַפֿילו געלאָזט אין אַ „האָרא״. ער איז געווען צופֿרידן, וואָס זי לעבט זיך שנעל צונויף מיט זיינע מענטשן און פֿילט זיך שוין ווי אַן אייגענע. אָבער באַלד האָט ער אָנגעהויבן ציטערן איבער איר ווי אין די ערשטע טעג. אַ הויכע, מיט שלאַנקע פֿיס אין בלויע אַרבעטער־הויזן, אין אַ קאָלירטן סוועטער, וואָס האָט זיך געפּרעסט איבער אַ פֿלאַטערנדיקער ברוסט, האָט זי צוגעצויגן די בליקן פֿון די ייִנגע־רע חברה. צווישן זיך האָבן זיי זי אין דער שטיל גערופֿן „די טשעכישע טענצערין״.

און הגם זיי זיינען שוין איצט געווען צוזאַמען אין וועג און דאָרט איז געווען איבערצייגט, אַז זי וועט גיין „אויף לאַנד״ און דווקא אין אַ קיבוץ, האָט זי נאָך אַלץ אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי דער טרום פֿון דער גרויסער וועלט, וואָס פֿון פֿאַרן מבול נאָך. די גרויסע וועלט, קולטור, ציוויליזאַציע, קונסט — אין זיין שטעטל האָט מען געהאַלטן פֿון די דאָזיקע זאַכן עולם ומלואו. פֿאַר דער צייט האָבן זיך אַ סך פֿון יענע ליכטער אויסגעלאָשן. ער האָט דורכגעוואַנדערט אַ סך לענדער און אָנגעקוקט די גרויסע וועלט מיט די אייגענע אויגן — פֿון הינטער שטעכל־דראָט. אפשר האָט ער טאַקע דערפֿאַר זיך אַזוי געקלאַמערט אָן איר, ווייל זי האָט פֿאַרגעשטעלט יענע אויסגערונענע אילוזיעס?

***

ער האָט זי באַמערקט אין לאַגער כמעט גלייך נאָך דער באַפֿרייאונג. זי האָט זיך געהאַלטן פֿון דער זייט, איז ניט געקומען אויף די פֿאַרזאַמלונגען און האָט זיך ניט אַריינגעמישט אין די הייסע וויכוחים. דוב האָט געהערט צו אַ סך קאָמיסיעס און כסדר געהאַט זיצונגען. איינמאָל האָט מען דערציילט, אַז דאָרט איז אַ טענצערין און מען האָט זי איינגעלאַדן צו געבן אַ פּאָר נומערן אויף אַ קולטור־אָוונט. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט.

זי איז שנעל געקומען צו זיך. אין איר זאַמשענעם ספּאָרט־רעקל מיט דעם פֿאַרהאַנגענעם לעדער־טאַש, וואָס זי האָט פֿון ערגעץ־וואו באַקומען, האָט זי אויסגעזען ווי אַ טוריסטקע אין די בערג. איר פּנים האָט באַקומען פֿאַרב, איר גאַנצע געשטאַלט איז ווי העכער געוואָרן און אירע גלידער האָבן זיך צעבליט ווי די צווייגן פֿון אַ בוים נאָך אַ לאַנגן ווינטער.

תּחילת האָט זי נאָר געוועקט זיין נייגעריקייט. באַלד האָט ער אָנגעהויבן איר נאָכקוקן און האָט אויסגעפֿרעגט וועגן איר ביי דעם און ביי יענעם. אָפּטמאָל איז זי פֿאַרשוואונדן אויף אַ גאַנצן טאָג פֿון לאַגער און איז אַפֿילו צום עסן ניט געקומען. ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט צו קומען מיט איר אין אַ מגע ומשא און גלייכצייטיק מורא געהאַט פֿאַר אַזאַ טרעפֿונג.

איינמאָל איז ער געשטאַנען פֿאַרן באַראַק און צעבונדן אַ פּעקל, וואָס ער האָט אָפּגענומען פֿון דער פּאָסט. דאָרט איז פֿאַרבייגעגאַנגען מיט אַ האַנטוך אין האַנט. זי פֿלעגט אויפֿשטיין שפּעט. איצט האָט זי זיך געאיילט צום קראַן.

— כ׳שטאַרב רויכערן! — האָט זי זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים און געוואָרפן אַ בליק אין צעעפנטן קאַרטאָן — כ׳האָב ניט געקענט צומאַכן קיין אויג און אויסגערויכערט ביז אַ ברעקל.

ער האָט אַ נישטער געטאָן צווישן די מלבושים און בלעכענע פּושקעס, און אָנגעטאַפּט אַ פּעקל פּאַפּיראָסן. אָן אַ וואָרט האָט ער איר אויסגעשטרעקט דאָס גאַנצע פּעקל.

— ווי טייער? — האָט זי געפרעגט.

— איך האַנדל ניט! — האָט ער זיך באַליידיקט.

—אַנטשולדיקט! כ׳האָב געמיינט... אומזיסט גיט מען דאָך גאָרניט אויף אונזער וועלט, ניין?

אירע אויגן האָבן געקוקט שעלמיש, פון אַ זייט. ער האָט זיך פאַררויטלט. זי האָט באַטראַכט די פּאַפּיראָסן:

— קעמלס! אמתע אַמעריקאַנער! — האָט זי אויסגערופן מיט התפעלות.

— באַקומען פון מיינע קרובים אין ניו־יאָרק.

זי איז געוואָרן נייגעריק:

— איר פאָרט קיין אַמעריקע?

— ניין.

— זיי ווילן אייך ניט אַריבערנעמען, אייערע קרובים?

— אפשר וואָלטן זיי געוואָלט. כ׳האָב זיי געשריבן, אַז איך וויל קיין ארץ־ישראל.

דאָרט האָט אַ זוך געטאָן אין די הויזן־קעשענעס און אַרויסגעשלעפּט שוועבעלעך. זי האָט פאַררויכערט.

— און איר? — האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס ניט. קיין אַמעריקע וואָלט איך געפאָרן. אָבער איך האָב דאָרט קיינעם ניט.

אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן. זי האָט גיריק געשלונגען דעם רויך.

— איך קען נעמען נאָך איינעם? אויף שפּעטער...

— נעמט אַלע!

זי האָט אים אָנגעקוקט און זיך אַ ווײַלע געקווענקלט. דערנאָך האָט זי באַדאַנקט און זיך געלאָזט גיין. דובן האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ: שוין... געענדיקט!... אַ פּאָר שריט ווײַטער איז זי זי שטיין געבליבן און זיך אומגעדרייט:

— איר זענט שטענדיק פאַרנומען, אמת?

— אָפּט.

— און אין שטאָט קומט איר קיין מאָל ניט?

— איך? זעלטן...

— זיך צוגעוואוינט צו דער תפיסה, וואָס? — האָט זי איראָניש אַ לאַך געטאָן.

— ניין, אָבער מען איז שטענדיק פאַרנומען, זיצונגען... קאָמיטעטן... איר ווייסט דאָך, עמעצער מוז דאָך עפּעס טאָן.

ער איז זיך פֿאַרגעקומען ווי אַ באַרימער און איבערגעהאַקט. זי האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פֿון פֿאַרלעגנהייט:

— איר ווילט זיך מאַרגן אַראָפּכאַפּן אין שטאָט? זינט מען איז פֿריי געוואָרן קען איך ניט איינזיצן אויף אַן אָרט.

צומאָרגנס האָט ער זי אָפּגעוואַרט ביי אַ גרויסן קאַפֿע־הויז אין צענטער. זיי זיינען אַריין צוזאַמען. אינעווייניק איז דער לאָקאַל געווען געפּאַקט. אין די אויגן האָבן זיך געוואָרפֿן מיליטערישע אוניפֿאָרמען און בלאָנדע פּרויען־קעפּ. זיי האָבן זיך צוגעזעצט. עטלעכע געסט פֿון שכנותדיקע טישלעך האָבן אַ נויג געטאָן צו דאָראַן מיטן קאָפּ. דער קעלנער האָט זי מקבל פּנים געווען מיט אַ שמייכל. דוב האָט זיך דערפֿילט אומהיימלעך:

— איר קומט דאָ אָפֿט?

— כ׳פֿלעג דאָ קומען. ערגעץ וואו מוז מען דאָך זיין, און אין באַראַק קען איך ניט איינזיצן.

— ווער איז דער עולם דאָ?

— איר זעט דאָך: אַמעריקאַנער סאָלדאַטן מיט זייערע פֿריילינס און געוועזענע וועלט־דעראָבערער, וואָס זוכן שיריים פֿון פּאַפּיראָסן — האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ מאַן אין אָפּגעבלאַקעוועטע מלבושים, וואָס האָט זיך גע־בויגן צווישן די שטולן.

זי האָט זיך אומגעדרייט און אַ פֿליסטער געטאָן:

— און דאָרט הינטן האַנדלט מען: „לייקאַ״־אַפּאַראַטן, ברויט־קאַרטן, דאָלאַרן...

— מען דאַרף פֿון דאַנען אַנטלויפֿן ווי פֿון אַ מגפֿה! — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— אָבער וואוהין? ס׳איז אַוודאי אומעטום איין וועלט.

דער קעלנער האָט דערלאַנגט אַ שוואַרצן געטראַנק, וואָס איז געווען ענ־לעך צו קאַווע. ביי אַ שכנותדיקן טישל האָט אַ סערזשאַנט אַרויסגעצויגן אַ פּלעשל שנאַפּס פֿון קעשענע און אויף גיך אָנגעגאָסן אין די אויסגעליידיקטע טעפּעלעך. דאָראַ האָט באַטראַכט זיין פֿלינקע באַוועגונג. ער האָט איר צוגעשמייכלט מיט אַ וואונק פֿון אויג.

— איר ווילט טאַקע פֿאָרן קיין ארץ־ישראל? — האָט זי געפֿרעגט — מען לאָזט דאָך ניט אַריין.

אַ חשד איז דורכגעלאָפֿן זיין קאָפּ. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט פֿאַרדאַכט. אָבער זי איז געווען פֿאַרטאָן אין אירע געדאַנקען:

— און וואָס וועט איר דאָרטן טאָן?

— כ׳וויל גיין אַרבעטן אויף לאַנד, אין אַ קיבוץ... אַ קאָלעקטיווןן דאַרף הייסט עס — האָט ער פֿאַרטייטשט.

— יאָ, איך פֿאַרשטיי. איר מיינט, אַז איך ווייס גאָרניט? איך ווייס אַלץ, כאָטש איך קום ניט אויף די אַסיפֿות. דיסקוסיעס לאַנגווייליקן מיך.

דער סערזשאַנט מיט דער פֿריילין אין שכנות האָבן צוגעקלאַפּט „צו געזונט״ און דערלאַנגט עטלעכע לאַנגע זופּן. ביים מיידל האָבן אַ גלאַנץ

געטאָן די אויגן. דער מאַן האָט זי אַרומגענומען אַרום דער טאַליע. זי האָט זיך געלאַשטשעט צו אים און געפּליסטערט האַלב דייטש האַלב ענגליש:

— מיין שאַץ! דאַרלינג!

דאָרט האָט געקוקט אונטערן טיש, וואו זייערע קני האָבן זיך באַרירט. מיטאַמאָל האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט גאָר וואָס? איך וועל מיטפאָרן.

— וואוהין?

— קיין פּאַלעסטינע.

די ווערטער האָבן דובן פאַרשלאָגן דעם אָטעם. אויפן קול האָט ער געזאָגט:

— גיי! גייט, איר לאַכט פון מיר.

— פאַרוואָס? איך מיין עס ערנסט.

— אָט אַזוי־אַ, פּלוצלונג?

זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, ווי זי וואָלט געזוכט די ריכטיקע ווערטער:

— אַמאָל בליצט אויף אַ געדאַנק פּלוצלונג — האָט זי געזאָגט — און אפשר איז עס גאָר ניט אַזוי אומגעריכט. איך האָב שוין לאַנג אַ געפיל, ווי כ׳וואָלט געשטאַנען ביי אַ תהום. צו וואָס בין איך אייגנטלעך לעבן געבליבן? טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז כ׳בין ווי אַן אָפּגעריסן בלאַט אין האַרבסט, וואָס יעדער ווינט קען פאַרטראָגן. כ׳האָב נאָך ניט געוואוסט ביז איצט אַן וואָס זיך אָנצוכאַפּן.

דוב האָט זיך דערפילט דרייסטער:

— איר זענט דאָך אַמאָל געווען אַ טענצערין, אמת?

— געווען? ניין, כ׳האָב נאָר געוואָלט ווערן. כ׳האָב געלערנט אין פּראַג. מיינע עלטערן האָבן געוואוינט אין די סודעטן.

— אָ, די סודעטן! — האָט ער אויסגערופן.

— יאָ, דעמאָלט האָבן מיר געמיינט, אַז נאָר דאָרט האָט זיך אַריינגעכאַפּט די פּעסט. מיר האָבן געוואָלט פאַרגעסן און אין פּראַג האָט מען געקענט פאַרגעסן. אַ פּרעכטיקע שטאָט! מיינע באַקאַנטע האָבן געהאַט אַן אוריטאַ, אין אָוונט פלעגט מען גיין אין אַ קאַפע, ס׳פלעגן קומען יונגע שרייבער, מאָלער....

זי האָט געוואָרפן אַ שנעלן בליק אויפן שכנותדיקן טישל און אַ זופּ געטאָן פון מוטנעם געטראַנק:

— נאָך אַלעמען זיינען עס געווען אינטערעסאַנטע יאָרן!

איר דערציילונג האָט דובן אַ ברי געטאָן. זי האָט זיכער געהאַט אַ געליבטן. ער האָט זיך געשעמט אויספרעגן גענויער:

— און איצט? — האָט ער געפרעגט.

— איצט ווייס איך ניט. גלייך נאָך דער באַפרייאונג האָב איך געמיינט, אַז מען וועט קענען פאַרזעצן יענעם לעבן. כ׳האָב עס אפילו פּרובירט. אָבער די צייטן האָבן זיך געביטן. יענע וועלט איז מער ניטאָ, בכל אופן ניט פאַר

אונדז. איך פּיל כסדר די שרעק, ווי איך וואָלט געשטאַנען פאַר אַ תהום, אין וועלכן איך קען זיך אַ ליאַדע מינוט אַראָפּקייקלען.

דער סערזשאַנט האָט ווידער אָנגעגאָסן די טעפּעלעך. ער האָט אויפ־געהויבן איינס און געוואָלט אַריינגיסן זיין באַגלייטערין אין האַלדז. זי האָט זיך ניט געלאָזט. די משקה איז איר אַראָפּגערונען אין בוזעם. זי האָט גע־הירזשעט אויפן קול.

— גו, איר וועט מיך מיטנעמען? — האָט דאָראַ געפרעגט.

— איר מיינט עס טאַקע ערנסט?

— זיכער! פאַרוואָס דו יאָ און איך ניט.

אַ האָפענונג איז אויפגעגאַנגען אין אים. דרעמלענדיקע באַגערן זיינען וואַך געוואָרן און אים באַרוישט. פונדעסטוועגן האָט ער זי אָפּגעשלאָגן:

— ביי מיר איז עס שוין אַן ענין פון יאָרן. אַזעלכע זאַכן באַשליסט מען דאָך ניט אויף איין פוס. איך האָב שוין פאַר דער מלחמה געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל.

— וואָסי, איר האָט שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז איר וועט ווערן אַ די. פּי.?

די איראָניע אין איר קול האָט אים צעטומלט. זי האָט צעשטערט זיין גלייכגעוויכט.

— ניין, ניט דאָס... — האָט ער אַ שטאַמל געטאָן.

— יאָ, איך פאַרשטיי — האָט זי חרטה געקראָגן. אירע פינגער האָבן אָנגעגרירט זיין האַנט.

— איר פאַרשטייט — — —

— קענסט מיר זאָגן „דו".

— דו פאַרשטייסט, מיר האָבן שוין דעמאָלט געוואָלט בויען אַ יידיש לאַנד און אויסערדעם האָב איך געוואָלט גיין אין אַ קיבוץ, מיר האָבן גע־וואָלט שאַפן אַ געזעלשאַפט, וואו עס זאָל אויסוואַקסן אַ נייער מענטש, וואו אַלע זאָלן זיין גלייך און פריי.

ער האָט געוואָלט זיך דערמאָנען און צוגעמאַכט די אויגן. אָבער דער שטן האָט זיך אַריינגעמישט אין זיינע געדאַנקען. איז עס אַלץ געווען נאָר אַ חלום פון יונגע אידעאַליסטן? איז זיין גלויבן אָוועק מיטן רויך פון די קרעמאַ־טאָריעס? דער שטן האָט אים אָוועקגעשטעלט פאַר די שטייפע ס. ס.־לייט, ווי זיי טרייבן מיט בייטשן לאַנגע רייען פון מענער, פרויען און קינדער:

— דער מענטש? וואָסאַראַ מענטש? — האָט ער זיך געררייצט מיט אים.

— מיר גלויבן, אַז דער מענטש קען בעסער ווערן — האָט ער זיך באַ־מיט צו איבערצייגן דאָראַן.

אין דרויסן איז צוגעפאַלן דער פאַרנאַכט, אינעווייניק האָט מען ניט אָנגעצונדן קיין ליכט און אַ טונקלקייט האָט זיך צעלייגט צווישן די פיר ווענט. דאָס פריילין מיטן סערזשאַנט דאַנעבן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין שטיק. הינטן האָבן זיך באַוועגט די פליסטערנדיקע שאָטנס פון די שוואַרצער־מאַרק־ספּעקולאַנטן.

— דו קומט מיר פאָר ווי אַ משיח־פריידיקער בעתן אונטערגאַנג פון רוים — האָט אַ זאָג געטאָן דאָראַ.

— איך פריידיק ניט. און אויסערדעם — אויב דו ווילסט טאַקע פאָרן? ארץ־ישראל איז דאָך ניט נאָר קיבוצים, פאַראַן אויך שטעט מיט קאַפע־הייזער, קולטור, טאַנץ שולן אויך...

— ניין, ניין! — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — אויב שוין יאָ אַהין איז אויף לאַנד. כ׳וועל אַרבעטן אין פעלד, אין גאָרטן, אין שטאַל.

דערנאָך האָט זי צוגעגעבן שטיל:

— און איך וועל האָבן אַ קינד!

— אָבער ניט דאָ — האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט — ניט דאָ!

זי האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט זיך פאַרשעמט און פאַרלעגן אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ.

דער בין־השמשות איז גרויער געוואָרן. דער גלאָק האָט גערופן צו וועטשערע און דער עולם פון דעק האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די טרעפּ. די זאַלן און קאַבינעס, די קאָרידאָרן אַפילו זיינען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט נאַרעס, וואָס האָבן זיך געהויבן שיכטנווייז איבער אַן אַנדער אַזש ביז צום סופיט. דוב איז אַרויפגעקלעטערט מיטן לייטער. אין האַלב־טונקל האָט ער זיך פאַרזיכטיק צוגעשאַרט צו זיין פּלאַץ. אויף דער נאַרע האָט ער זיך אונ־טערגעהויבן און געזוכט מיט די אויגן אַרום. דער חלל פון שיף האָט אויס־געזען ווי אַ ריזיקער בינשטאָק. הונדערטער מענטשן זיינען געזעסן אָנגעלענט אויף די שעניקעס און געוואַרט אויף די פּאַרציעס שפּייז, וואָס די דיזשורנע האָבן געטיילט: אַ פּעניץ ברויט און אַ האַלבע גלאָז וואַסער פער קאָפּ.

— וואָס מיינט איר, חבר, מ׳עט טאַקע היינט ביינאַכט אָנקומען?

דער מאַן, וואָס האָט גערעדט, איז געלעגן אויף אַ שכנותדיקער נאַרע. ער איז געווען באַוואַקסן, מיט אַ צעשויבערטער טשופּרינע. זינט דעם לעצטן שטורעם האָט ער זיך ניט גערירט פון זיין געלעגער.

— מסתמא — האָט דוב געזאָגט — די מאַטראָזן זאָגן, אַז יאָ.

— און מ׳עט אַראָפּגיין אויף לאַנד.

— אויב „זיי״ וועלן אונדז פריער ניט דערטאַפּן...

אין איין ווינקל איז שוין דער מאַלצייט געווען געענדיקט. די עלטערע לייט האָבן זיך צוגעשפּאַרט שלאָפן, אָבער די יונגוואַרג האָט זיי ניט געלאָזט צומאַכן קיין אויג: זיי זיינען געקראָכן אויף אַלע פיר איבער די ברעטער, זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די לייטערס און אַרויסגעקלעטערט אויפן דעק. ווען דוב איז אַרויף אויבן, איז שוין געווען נאַכט. די שאַרפע, קילע לופט האָט אים אויפגעוועקט פון זיינע מחשבות. ער האָט זיך מיטאַמאָל פאַרשעמט, הלמאי ער האָט דעם גאַנצן אָוונט געטראַכט נאָר וועגן דאָראַן. וועלן זיי טאַקע באַלד אָנקומען? וועלן די חברים פון ברעג צוקומען, איידער מען וועט זיי באַמערקן? און אפשר וועט קומען צו אַ געשלעג?

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט.

אין אַזאַ נאַכט וועט לייכטער זיין אויסצומיידן די קריגס־שיפן. איז עס מעג־לעך, אַז מאָרגן וועלן זיי מער ניט זיין קיין פּליטים, נאָר מענטשן?

די שיף האָט זיך געהוידעט און אויפן האָריזאָנט האָט זיך געשאָקלט אַן איינזאַמער שטערן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ לאַמטערן אין ווינט אויפן ראָג פון אַ גאַס. דובן האָט ווידער אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט. וואו קען זי זיין? אפשר איז זי פאַרקראָכן מיט אימיצן אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל, ווי זי האָט עס אַזוי פיל מאָל געטאָן מיט אים? דעם וואָלף ציט אין וואַלד! — האָט ער פאַרביטערט אַ טראַכט געטאָן און זיך באַלד פאַרשעמט פאַרן דאָזיקן געדאַנק.

זיי זיינען דעמאָלט שנעל געוואָרן גוטע פריינד. ביינאַכט פלעגט ער מיט אומגעדולד וואַרטן די זיצונגען זאָלן זיך ענדיקן, כדי צו זיין וואָס גיכער מיט איר.

— לעבן דיר האָב איך צוריק געפונען מיין אייגענעם „איך" — האָט ער איר איינמאָל געזאָגט.

— מען געפינט שטענדיק נאָר „זיך" — האָט זי באַמערקט מיט אַ שמייכל — אַפילו אין יענעם.

— ניין, כ'מיין עס ערנסט — האָט ער געזאָגט — זינט מען האָט אונדז דאָ אַריינגעפּאַקט אין אַנגעפּאַקטן וואַגאָן האָב איך פאַרלאָרן מיין פּער־זענלעך לעבן. אַפילו שטאַרבן האָט מען דאָך געמוזט בציבור. אָבער ליב האָבן קען מען נאָר ביחידות.

זי האָט זיך גענומען לערנען העברעאיש. אַלע זאָרגן פאַר דער צו־קונפט האָט זי אים איבערגעלאָזט: ווען מען וועט זיך לאָזן אין וועג, וואָס פאַראַ פּאַפּירן מען דאַרף מיטנעמען, וואָס מען וועט טאָן, ווען מען וועט אָנקומען.

— דו ביסט איצט פאַר מיר ווי אַ פאָטער — האָט זי אים געזאָגט — איך האָב שטענדיק געהאַט אַ פאָטער־קאָמפּלעקס. פאַרשטייסט וואָס איך מיין?

— יאָ, ס'איז פון דער פּסיכאָאַנאַליזע, אמת?

— האָסט געהערט וועגן פּסיכאָאַנאַליזע?

— פאַרשטייט זיך, ביי אונדז אין שטעטל האָט מען געוואוסט פון אַלץ: קאַרל מאַרקס, די כינעזישע קוליעס, אָטאָ וויינינגער אַפילו...

— אַ מאָדנע וועלט געווען ביי אייך — האָט זי געזאָגט — אָפּגעשלאָסן און אַלץ־וויסנדיק, גלויביק און גלייכצייטיק סקעפּטיש.

— לגבי אַנדערע האָסטו אויך געהאַט אַזאַ קאָמפּלעקס? — האָט ער אומגעריכט אַ פרעג געטאָן.

— און שרעקלעך נייגעריק.

— ווייסט דאָך ניט זאָגן, אַז אַלע זיינען געווען נייגעריק בנוגע דיין פאַרגאַנגענהייט?

— גוט וואָס דו נעמסט עס ניט צו ערנסט. און וואָס איז דיר די נפקא־מינה? וויכטיק איז דאָך דער איצט, ניין?

איצט איז אויסגעקומען צו זוכן אַ באַהעלטעניש, וואו זיי זאָלן בלייבן אַליין. אין די באַראַקן האָט מען געלעבט אין גרופּעס, שטענדיק אונטער פרעמדע בליקן. אָפּטמאָל זיינען זיי פאַרבליבן ביז פאַרטאָג אין אַ טונקעלן ווינקל פון הויף. זי האָט געפילט זיין שטייגנדיקע אויפרעגונג און געוואַרט.

— ווילסט מיך ניט ריכטיק? — האָט זי איין מאָל פאַרלאָרן די געדולד.

— דאָ? אימיצער קאָן אָנקומען.

— איך פייף אויף דער וועלט! זי זאָרגט דען פאַר אונדז, די וועלט?

אַ ווילע שפּעטער האָט זי אַריינגעוואָרפן:

— כ'וואָלט געקאָנט אויסבאָרגן ביי אימיצן אַ צימער אין שטאָט. אויף אַן אָוונט.

דוב האָט געשוויגן. זי איז צוגעשטאַנען:

— דו ווילסט ניט?

— יאָ, אָבער ניט דאָ, אין דאָזיקן לאַנד.

— האָסט מורא צו בלייבן איבער נאַכט אויסערן לאַגער?

— ניין, כ'האָב מורא... כ'וויל ניט, אַז אונדזערס אַ קינד זאָל געבאָרן ווערן דאָ אין לאַנד.

זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ הויכן געלעכטער:

— מיין גאָט, ווי נאַאיוו דו ביסט! — האָט זי אויסגערופן.

ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. זי האָט אים געגלעט איבער די האָר. מיט עקשנות האָט ער איבערגעחזרט: ער וויל ניט, אַז זיין קינד זאָל געבאָרן ווערן אין לאַגער און האָבן אַן אויסגעברענטן נומער אויפן אָרעם.

— אָבער וואָס רעדסטו, דוב, ווער ברענט דען איצט אויס נומערן?

— אַלצאיינס, מען ברענט זיי אפשר ניט, אָבער זיי זיינען דאָ. כל זמן מיר זיצן אין לאַגער זיינען מיר נומערן.

צומאָרגנס איז זי אַראָפּגעקומען מיט אַ טעאָריע:

— דו ווייסט, דוב, דו האָסט מורא, דו האָסט אַ מוטער קאָמפּלעקס לגבי מיר.

— מיין גאָט, ווי נאַאיוו דו ביסט! — האָט ער ביטער געשמייכלט — צו וואָס דאַרפסטו זוכן אַזוי ווייט, אַזש אין דער טונקעלער קינדהייט?

אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג. זיי האָבן געוואַנדערט קיין דרום. מען האָט געמוזט גנבענען גרענעצן, אָפּט איז אויסגעקומען צו שלאָפן אונטערן פרייען הימל, אין פעלד אָדער אין וואַלד. אַ פּאָר מאָל האָט זי אים געוואָרנט מיט אַ געלעכטער:

— איך וועל מיר אויסזוכן אַן אַנדער מאַן!

אין איטאַליענישן פּאָרט זיינען זיי געבליבן אַ פּאָר וואָכן. דאָראַ האָט געקענט די שטאָט פון אַ פאַרמלחמהדיקער רייזע. ביינאַכט האָט זי אים אַרויסגעפירט שפּאַצירן איבער דער אַלטער שטאָט. זיי זיינען געוועזן אַליין צווישן

די חורבות פון די אַלטע איינגעפאַלענע, רוימישע געביידעס. מיטאַמאָל האָט זיך צעריטשעט אַ סירענע פון אַ שיף. זי האָט אים אַרומגענומען:

— מאָרגן פאַרלאָזן מיר אייראָפּע! — האָט זי געזאָגט.

***

אַ האַנט האָט לייכט אָנגערירט זיין אַקסל און אים אַרויסגעריסן פון די טרוימערייען. ער האָט אַ ציטער געטאָן און זיך אומגעדרייט. הינטער אים איז געשטאַנען דאָראַ.

— כ׳האָב דיך געזוכט — האָט זי אַ פליסטער געטאָן.

— וואו ביסטו געווען די גאַנצע צייט?

— אונטן.

— די גאַנצע צייט אונטן?

— כ׳האָב זיך געפילט ניט גוט, כ׳בין געלעגן.

— פאַרוואָס ביסטו ניט אַרויף אויפן דעק?

— אויפן דעק? אויפן דעק זיינען שטענדיק פאַראַן אַזוי פיל מענטשן.

זי האָט זיך געטוליעט צו אים. ער איז אַלץ געווען אויפגעבראַכט:

— כ׳האָב אַריינגעקוקט אין אייער צווישנדעק, האָב איך דיך אין ערגעץ ניט געזען — האָט ער געזאָגט מיט פאַרוואורף.

— פאַרמיטאָג בין איך געווען ביים דאָקטאָר. פאַראַן אַזוי פיל קראַנקע און כ׳האָב געמוזט לאַנג וואַרטן.

ערשט איצט איז ער געוואָרן אומרואיק:

— ביסט נישט געזונט? וואָס איז דיר?

— ניין, אין בעסטן געזונט. דוב, איצט וועט עס דאָך דיר ניט אַרן?

— וואָס?

זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים און אַ פליסטער געטאָן:

— דוב, מירן האָבן אַ קינד.

דער ווינט האָט אויפגעכאַפּט אירע ווערטער. דוב האָט זיי קוים געהערט.

— אַ? — האָט ער איבערגעשריען דעם גערויש פון די כוואַליעס.

— ביסט צופרידן?

— יאָ.

— איצט אַרט דאָך דיר ניט, אמת? — איז זי ניט געווען אין גאַנצן זיכער, צי ער איז טאַקע צופרידן — מיר זיינען דאָך שוין ביים ברעג. מאָרגן וועלן מיר זיין אין לאַנד, אמת?

— יאָ — האָט ער געזאָגט אומזיכער — מאָרגן וועלן מיר זיין אין לאַנד.

מיטאַמאָל איז זיך זיין אומרו צעשוואומען. אַ פרייד האָט אים אַרומגעכאַפּט. ערשט איצט האָט ער באַגריפן, וואָס זי האָט דערציילט. דאָס קינד וועט ניט האָבן קיין נומער. ער האָט זי אַרומגענומען:

— איצט איז גוט. דו ביסט מיין ליבע, יאָ? און ער וועט האָבן אַ היים. עס וועט זיין אַ זון, אמת?

— כ׳ווייס ניט — האָט זי געשמייכלט.

— יאָ! — האָט ער פאַרזיכערט.

זיין פרייד האָט זי אַנגעשטעקט, זי פאַרשיכורט. זי האָט געקוקט אין דער נאַכט, געזוכט דאָס לאַנד אין דער ווייט און טרוימעריש גערעדט:

— ער וועט אויפוואַקסן אין אַ דאָרף, וועט זיך שפּילן צווישן גערטנער און פעלדער.

ער איז געשטאַנען פאַר אירע אויגן, אַ פאַרשפּילטער און שמייכלענדיקער. זי האָט זיך געקלאַמערט אין דובס אָרעמס.

— ביסט זיכער? — האָט ער פלוצלונג אַ פרעג געטאָן אומרואיק.

— יאָ, דער דאָקטאָר מיינט אויך אַזוי. איך בין שוין דעמאָלט געווען זיכער — האָט זי שעמעוודיק צוגעגעבן — ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, פון דער אַלט־שטאָט...

— ס׳איז פאַראַן אַ לעגענדע, אַז משיח וועט געבוירן ווערן אויף די חורבות פון רוים. — האָט ער געזאָגט.

— באמת? — האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אין דער ווייט. מיטאַמאָל האָט זי אויסגערופן:

— קוק, ליכטער!

אויך פאַרנט האָבן די מענטשן באַמערקט די ליכטער. אין אַלע עקן האָבן אָפּגעקלונגען קולות:

— מען זעט שוין דאָס לאַנד!

— אַ שטאָט!

דער דעק האָט זיך אַ רודער געטאָן. פון אונטן זיינען אַנגעלאָפן האַלב־אָנגעטאָענע פּאַסאַזשירן. מען האָט זיך אָנגעוויזן די פייערלעך, וואָס האָבן געמיגניעט איבער די כוואַליעס. אַ מאַטראָז האָט זיך דורכגעשאַרט צווישן עולם און אַראָפּגעקוקט צום ים:

— ס׳איז ניט קיין לאַנד, נאָר אַ שיף. די ליכטער באַוועגן זיך ביי אונדזער זייט.

ער האָט אָנגעהויבן דערקלערן אין וועלכער ריכטונג דאָס לאַנד ליגט. תחילת האָט מען אים ניט געוואָלט הערן. באַלד איז די אויפרעגונג אַריבער אין אַנטוישונג: אַן ענגלישע שיף — אַוודאי? — האָט אימיצער אַ מורמל געטאָן. — אַ קריגס־שיף?

אַ יאוש האָט אַראָפּגענידערט אויפן עולם. מען איז געשטאַנען שטום און געקוקט אין דער נאַכט. אויך פון דער אַנדער זייט האָבן אויפגעשיינט ליכטער. זיי האָבן זיך איבערגעוואונקען איבער די קעפּ פון שווייגנדיקן עולם. דאָראַ האָט זיך דערפילט שולדיק. זי האָט זיך צוגעדריקט נענטער צו דובן.

— גיי אַראָפּ שלאָפן — האָט ער געזאָגט — דאַרפסט זיך ניט אויפרעגן.

— ניין, כ׳וויל שטיין לעבן דיר.

— כ׳וועל סיי־ווי באַלד אַראָפּגיין צו די חברים. מיר דאַרפֿן באַשליסן וואָס צו טאָן.

— וואָס וועלן מיר טאָן?

— כ׳ווייס ניט. מיט גוטן וועלן מיר אין לאַגער ניט גיין.

— ביסט ניט בייז אויף מיר, דוב? וויבאַלד...

— אָבער רעד ניט קיין נאַרישקייטן. גיי אַראָפּ און טו זיך אויס.

מיטן גרויען פֿון פֿאַרטאָג האָט זיך באַוויזן דאָס לאַנד. בערג און טאָלן האָבן זיך אַרויסגעשיילט פֿון דער טונקלקייט. די שיף האָט זיך געגליטשט לענגאויס דעם ברעג. די ענגלישע קריגס־שיפֿן זיינען געשוואומען פֿון הינטן און זי ניט אַראָפּגעלאָזט פֿון אויג.

אין חיפה איז צוגעשוואומען אַ לאָדקע מיט אינדישע סאָלדאַטן. די ענגלישע אָפֿיצירן האָבן פֿאַרלאַנגט, אַז דער עולם זאָל אַריבער אויף אַן אַנ־דער שיף, וואָס וועט זיי אָפּפֿירן קיין ציפּערן. — מיר זיינען געווען גענוג אין לאַגערן! — האָבן קולות געשריען פֿון אַלע זייטן. די סאָלדאַטן האָבן זיך געוואָרפֿן אויף דער ערשטער ריי; פֿון אַ ווינקל האָבן אָנגעהויבן האַגלען פּושקעס און פֿלעשער אויף די אַנגרייפֿער. דער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן, ווי אַ כוואַליע פֿון צאַרן, און זיך געוואָרפֿן מיט פֿאַרביילטע פֿויסטן און קולות אויף די באַוואָפֿנטע זעלנער. צוויי בחורים האָבן אויפֿגעהויבן אַ סאָלדאַט און אים אַריינגעוואָרפֿן אין וואַסער. די איבעריקע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דעם געפֿלאַכטענעם לייטער.

— אינדישע סאָלדאַטן! — האָט דוב אַ זאָג געטאָן מיט אויפֿרעגונג.

— סאָלדאַטן, וואָס איז דער אונטערשייד? — האָט זי ניט פֿאַרשטאַנען.

אין אַ שעה אַרום האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע שלאַכט. דאָס מאָל זיינען אויך די סאָלדאַטן געווען ענגלענדער. זיי האָבן זיך געוואָרפֿן מיט די קאָלבעס פֿון די ביקסן אויפֿן פֿאַרזאַמלטן עולם. אַנדערע האָבן געשלעפּט די מענטשן צום אַראָפּגאַנג. אין געראַנגל האָט דוב פֿאַרלאָרן דאַראַן. באַלד האָט ער דערזען, ווי אַ סאָלדאַט ציט זי פֿאַר די הענט. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן אַהינצו, האָט אויפֿגעהויבן די פֿלאַש, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, און זי אַראָפּגעלאָזט מיט אַלע כוחות אויפֿן סאָלדאַטס קאָפּ.

עס האָבן אָפּגעהילכט עטלעכע שאָסן. ער איז געפֿאַלן אויפֿן דעק.

*
**

ווען ער איז געקומען צו זיך איז שוין געווען פֿאַרנאַכט. די שיף האָט זיך לייכט געוויגט און דובן איז פֿאָרגעקומען ווי די גאַנצע וועלט אַרום וואַלט זיך געוואַקלט. צווישן די פֿיר ווענט האָט געהויערט די טונקלקייט, נאָר מאָמענטנווייז האָט אַ שטאַרקע שיין אויפֿגעלויכטן אין קליינעם פֿענצטערל, אַריינגעדרונגען אינעווייניק, זיך באַוועגט איבערן צימער און איז פֿאַר־שוואונדן. ער האָט פּרובירט זיך אַרומקוקן און דערפֿילט אַ ווייטיק אין גאַנצן גוף. זיין קאָפּ איז צוריקגעפֿאַלן.

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט. פון אַ ווינקל פון די אויגן האָט ער דערזען דאָראַן. זי איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער.

— מיר זיינען אַלץ אויף דער שיף? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ.

— און וואו זיינען אַלע?

— מען האָט זיי אָפּגעפירט. מיך האָט מען געלאָזן צוליב דיר. מאָרגן וועט מען דיך אפשר קענען אַריבערטראָגן אין שטאָט.

— העלף מיר זיך אויפהויבן! — האָט ער געבעטן.

— ניין, דאַרפסט ליגן רואיק. — האָט זי געזאָגט מיט בקשה אין קול. זי האָט אים אָבער געהאָלפן. ער האָט קוים דערגרייכט צום פענצטערל. פאַר די אויגן האָבן אַ שוועב געטאָן די ליכטער פון דער שטאָט, וואָס האָט זיך געדראָפּעט הויך אויף אַ באַרג. ער איז צוריק געפאַלן אויפן בעט.

— ווער ווייסט, איך וועל אפשר קיין מאָל ניט זען דאָס לאַנד — האָט ער געזאָגט, אָטעמענדיק שווער.

— טאָרסט ניט רעדן קיין סך — האָט זי אים געגלעט איבערן קאָפּ — וועסט געזונט ווערן.

— ס'איז אמת, וואָס דו האָסט מיר נעכטן ביינאַכט געזאָגט, אָדער כ'האָב געחלומט?

— ניין, ס'איז ריכטיק. אָבער זאָרג זיך ניט וועגן דעם.

— איצט בין איך זייער צופרידן. דאָס קינד וועט אויפוואַקסן אין לאַנד. עס וועט ניט האָבן קיין נומער, אמת?

— יאָ.

מיטאַמאָל האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט:

— האָסט אַמאָל געזאָגט, אַז מיר האָבן אַלץ געוואוסט...

— יאָ, אָבער ניט איצטער. טאָרסט ניט רעדן קיין סך.

— נאָר דאָס וויל איך דיר זאָגן. ניט נאָר געוואוסט. מיר האָבן געפיבערט מיט דער וועלט. אינדישע סאָלדאַטן! האָסט געדאַרפט זען, וואָס ס'האָט זיך ביי אונדז געטאָן מיט דער אינדישער באַפרייאונג!... און דער שטרייק פון ענגלאַנד?... די כינעזישע קוליס...

עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. דאָס קיילעכדיקע פענצטערל האָט זיך אַ צונד געטאָן און די העלע שיין האָט זיך אַריינגעגליטשט אין צימער. זי האָט זיך באַוועגט. באַלד איז זי געפאַלן אויף דאָראַס פנים.

— ס'איז דער שיינוואָרפער פון חיפה. ער ווייזט אַ וועג די שיפן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ליכט?

— עס וועלן נאָך קומען אַ סך שיפן... אַ סך שיפן... — האָט ער אַ מורמל געטאָן.

אברהם אייזען

פראָפעסאָר קרוינער און זיין תלמיד

נאָוועלע

1

דעם גרויסן, גראַמען בילדער־זאַל אין פּראָפעסאָר קרוינערס וואוינונג הילט איין דער ווייכער בין־השמשות. דורך דער שמאָלער שפּאַרע פון דער טיר, וואָס פירט צו סוליעס מיידלש צימערל, פאַלט אַריין אַהער אַ ליכט־פּאַס, ברעכט זיך באַלכסנדיק איבערן שאַטנדיקן דיל און נעמט שרעקעוודיק היפּען אויפן אוגער־פאַרביקן פריז פון דער וואַנט. דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף אַ האַנט, די אויגן פאַרזשמורעט — זיצט דער פּראָפעסאָר ביים פענצטער. קיין ריר, קיין שאָרך... פון צייט צו צייט בלויז ווערט די שטילקייט איבער־געריסן דורך אַ סקריפּ פון שטול.

אין דערבייאיקן צימערל ציטערן אויף קלאַנגען פון שאָפּענס אַ באַלאַדע. אויסשפּירנדיק און סודותפול־גלעטנדיק נעמען זיי זיך וויגן אין דער לופט און גייען שטיל אויס אין די פינצטערע ווינקלען פון די חדרים. דאָס גע־דויערט אָבער ניט לאַנג. דאָרט אין יענעם צימערל האָט מען, ווייזט אויס, דערפילט די שוויגעוודיקע עצבות פון גרויסן זאַל. די טענער האַקן זיך ראַפּטעם אָפּ און עמעצנס אומרואיקע טריט דערנענטערן זיך האַסטיק צו דער האַלב־געעפנטער טיר.

— פּאַטער!...

דער איינגעקאָרטשעטער, פאַרשטאַרטער גוף אין טיפן לענשטול ציטערט אויף.

— האָסט עפּעס געפרעגט, סוליע?

דאָס קול איז רוי און אויסגעליידיקט, ווי עס וואָלט נאָך גיט באַוויזן אַרויסצורייסן זיך פונעם פריערדיקן גליוועך. דאָס יונגע מיידל דערפילט אָבער אינעם פאַטערס פראַגע אַ געהיימע כוונה. אַ שטיק צייט שווין, ווי ער פּרוּווט זיינע אַמאָל האַרציקע, פאַטערלעכע באַציאונגען דערפירן צו אַן אויסבייט פון קורצע שאלות ותשובות. די אייגענע גרויסמוטיקייט, ווי תמיד, די אייגענע ליבלעכקייט — און דאָך... קאַרג אויפן וואָרט און יעדער קלאַנג פון מויל, יעדער טאָן איז אָנגעלאָדן מיט רמזים און גערייצטקייט.

— פאַטער, פאַטער...

די ווערטער קלינגען אין מיידלס מויל פאַרקלעמט און תרעומותדיק. מיט אַ נערוועזן צוק פון די שמאָלע אַקסלען גיט זי זיך אַ דריי אויס

זייטיק צו אַט דעם הויכן, האַלב־גרויען מאַן, ווי זי וואָלט וועלן באַהאַלטן פון אים איר בליק. סוף־כל־סוף איז זי דאָך די טאָכטער פון איר פאָטער. אַ יורשטע זייַנע איז זי... אַ יורשטע פון זיין שטאָלץ און פאַרשלאָסנקייט.

— סוליע, סולינקע... וואָס ווילסטו, קינד?

ווייך און איבערבעטעריש דערנענטערט זיך צו איר דער פאָטער. ער נעמט צאַרט גלעטן אירע לאַנגע, טונקל־בלאָנדע האָר, וואָס זייַנען אויפן רוקן אַרומגעכאַפּט מיט אַ פישביין־רינגל. יאָ, די טאָכטער, די טאָכטער... נישט אומזיסט האָט ער איר מיט צען יאָר צוריק, ווען די מוטער איז גע־שטאָרבן, אָנגעהויבן געבן אַ האַרטע שול פון לעבן; האַרט און פאַרביגעריש, שטרענג און מיטפילנדיק... אַ פאָטער איז ער איר געווען און אַ מוטער. אָבער אַט דאָס פאַרהאַרטעוועטע מיידל מיט דער מוזיקאַלישער באַגאַבונג אירער איז דאָך פאָרט ניט מסוגל צו פאַרשטיין זיין צער, זיין נאָגנדיקן, אויסטערלישן צער, וואָס נאָר מענטשן פון זיין שניט פלאָגן זיך הייַנט מיט אים...

— סוליע, וואָס איז מיט וואָראָנסקין?...

דעם מיידלס באַקן צינדן זיך פונעם פאָטערס דורכדרינגענדיקע בליקן. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן ווייזט זי שטיל אָן אויף דער טיר:

— ער איז דאָרט... ער וויל דיר עפּעס זאָגן וועגן דער אויסשטעלונג. אחוץ דעם — זען די בילדער...

— אַהאַ...

פּראָפעסאָר קרוינער נעמט האַסטיק אַרומגיין איבער דער שטוב, וואָרפנ־דיק נערוועזע בליקן צו דער טיר. אַט איז עס. צווישן ביידע יונגעלייט וועבט זיך עפּעס. דעם מיידל זייַנען דורכאויס פרעמד דעם טאַטנס ספקות. געוויס איז ער, קרוינער אַליין, אויך געווען ווייט פון יידישקייט... די טאָכטער! זי איז דאָך שוין אַן אייניקל פון אַסימילירטע עלטער־אָבות. ווי קען זי פאַר־שטיין זיין פּיין, בעת מען פּאַטשט אַזוי געמיין אין פּנים אַריין זיין קונסט־באַגעם, זיין אוניווערסאַליזם, זיין פרייהייט? „יידישער אוניווערסאַליסט!" — חוזקן זייַנע שונאים. פאַרשטייט זי דען, אַז דווקא צוליב זייער שפּאָט ווערן אים ביידע ווערטער ליב און טייער; און אַז ער שפּירט זיך ווי דורך געהיימע פעדים צוריק פאַרבונדן מיט די, פון וועלכע ער האָט זיך דערווייטערט?... ווי זי האָט זיך עס געערויטלט, בשעת ער האָט דערמאָנט וואָראָנסקיס נאָמען... נו, יאָ. דער יונגער מאָלער איז איינער פון זייַנע בעסטע שילער אין קונסט־אַפּטייל ביים אוניווערסיטעט. ער איז פון די געציילטע סטודענטן, וואָס לאָזן זיך ניט מיטרייסן מיט דער פאַסקודנער צייט. אָבער פון פעטער זייַנעם, דעם רעקטאָר גלח וואָראָנסקי, איז ניט אויסצוהאַלטן. יענער טראָגט אויפן פּלימעניק שוין פון לאַנג אַ האַס. ער האָט ניט געוואָלט גיין, דער יונגער, אין גלחס דרכים און אַנשטאָט דער סטאַטוע האָט ער גאָר אויסגעקליבן מאָ־לעריי... אַט דער רעקטאָר וואָראָנסקי דערקוטשעט לעצטנס צו שטאַרק! צי זייַנען אויך נישט אַמאָל שולדיק אין דעם זיין פּלימעניקס וויזיטן ביי סוליען?... רודפן צוליב פּריוואַטע געפילן — עקלדיק, עקלדיק!

— נו, ביטע, זאָל ער אַריינקומען.

פּראָפעסאָר קרוינער גייט לייטזעליק אַקעגן דעם יונגן מאָלער־סטו־דענט וואָראַנסקי, וואָס דריקט מיט יראת־הכבוד די אים דערלאַנגטע האַנט.

— שטערט זיך ניט, הער וואָראַנסקי, ביטע... און דערציילט וואָס איז מיט דער אויסשטעלונג.

— אונדזער גרופּע אין קונסט־אַפּטייל גרייט שוין צו די אַרבעטן. מיר ווילן די אויסשטעלונג פאַראייניקן מיט מוזיק: פּלאַסטיק פון דער שטודירנ־דיקער יוגנט אויסגעטייטשט דורך מוזיקאַלישע שאַפונגען... סוליע וועט אייך אַרויסטרעטן.

— וואָס ווילט איר פון מיר?

— מיר בעטן אייך איבערנעמען דעם פּראָטעקטאָראַט איבער דער אויסשטעלונג.

— נײַן!!!

פּראָפעסאָר קרוינער איז האַרט און אַנטשלאָסן. דער שאַרפער קנייטש, וואָס שנײַדט זיך אין זײַנע ליפּן־ווינקלען, ווערט נאָך טיפער, ווי ער וואָלט עמעצן געדראָט.

— איר זעט ניט די גאַס, איר... קינדער וואָס איר זענט! די גאַס פול מיט בעסטיעס, ווילדקייטן... די נײַע אידעען אין אײַערע בילדער וועט מען פאַרשרײַען, אויסלאַכן, אויסשפּעטן! צו מיר ווענדט איר זיך? איך קען אײַך נאָר שאָדן ברענגען! צו אײַער פעטער גלח וואָראַנסקי גייט!... —

סוליע דערנענטערט זיך צום פאָטער, וואָס האָט אָן אויסגעלאָשענער, אַ מידער זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און מיט דער האַנט געווישט די פּייכטלעכע הויט פונעם שטערן, צו וועלכן סהאָט זיך געקלעפּט אַ לאָק גרויע האָר. דאָס מיידל שטייט לעבן אים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, די קליינע, פאַרזאָרגטע הענט צוגעפּרעסט צו דער דין־זיידענער בלוזע און — אַ שטומע בקשה אין איר בליק. דער פּראָפעסאָר שטרענגט זיך אָן אויף אַ פריילעכע מינע, טראַכט אַ ווײַלע און זאָגט מיט אַ שטיל קול:

— דעם פּראָטעקטאָראַט... מיר וועלן נאָך זען. צו דער מאָרגנדיקער לעקציע, סוליע, גרייט צו די רעשט רעפּראָדוקציעס פון מיקל אַנדזשעלאָ.

2

דעם פינצטערן זאַל אינעם קונסט־אַפּטייל בײַם אוניווערסיטעט שנײַדט אַדורך אַ שמאָלער סנאָפּ ליכט. פּראָפעסאָר קרוינעס געשטאַלט איז איצט צוזאַמען מיט די צענדליקער קעפּ פון די סטודענטן אין טיפן שאָטן. אויפן עקראַן באַווײַזן זיך די סטאַטועס פון רענעסאַנס און דער אָטעם פון די אַלטע קינסטלער טוט אַ ווייע אויף די צוהערער.

— וואָס איז רענעסאַנס? — זאָגט פּראָפעסאָר קרוינער — די שיינקייט פונעם קערפּערלעכן, — פונעם ערדישן. און וואָס איז מיקל אַנדזשעלאָ? די גרויסע ליבשאַפט צום מענטש. און אויב די ליבשאַפט איז גרויס, ווערט די פאָרם פונעם מענטש, זײַן עצם „זײַן" — גאָט! גאָט — דאָס איז דער קערפּ־

טיקער, שאַפנדיקער מענטש פונעם הימל! מענטש — דאָס איז דער קרעפּ־טיקער, שאַפנדיקער גאָט פון דער ערד! — אָט דאָס איז די הויפּט־אידעע פון מיקל אַנדזשעלאָס ווערק. און דערפאַר איז ער דער פאָרגייער פון דער נייער צייט, פון די פּראָגרעסיווע אָנשויאונגען אין דער קונסט. איר זעט איצט די פּלאַפאָנען אין דער סיקסטינישער קאַפּעלע, די „ששת ימי בראשית״. ער האָט אָפּגעוואָרפן די אַסקעטישע גאָטיק? ער האָט פאַרקערפּערט די אַלטגרי״כישע היידנישע באַציאונג צו די געטער? געוויס אַזוי. אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ שפּרונג־ברעט פאַר זיין זשעני צו דערשוועבן ביז איצט! ווייטער פון אונדז! אין דער צוקונפט אַריין!

— אַ פעלשונג! אַ פעלשונג!

דער געשריי, וואָס לעכערט אַדורך דעם גאַנצן זאַל, קומט פון אַריינ־גאַנג. די סטענגע ליכט פונעם אַפּאַראַט פאַלט אויפן קליינעם פּולבלעכן גוף פון רעקטאָר גלח וואָראַנסקי. אין זאַל ווערט באַלד ליכטיק און די פאַרחידוש־טע, אויפגעריסענע אויגן פון די צוהערער דרעגנגען זיך צו דער טיר. ער שטייט צוגעשפּאַרט צום ביישטידל און קנייטשט נערוועז אין דער האַנט דעם לאַץ פון דער סוטאַנע. מיקל אַנדזשעלאָ איז אַ קריסט! ראשית כל: אַ קריסט! — נעמט ער וואָרפן פּחדים — זיינע ווערק באַשיינען די סיקסטינישע קאַפּעלע. און דאָ מאַכט מען פון אים אַ נביא פון בונטאַרן... דאָס איז ניט קיין אָביעקטיווע וויסנשאַפט! דער מוסקלדיקער, אַטלעטישער קערפּער? די קלאַסישע פאָרם? יאָ, אָבער אין זיי לייכט זיך אַדורך דער בורא! פּראָפעסאָר קרוינער טאָר ניט פאַרגעסן, אַז ער לערנט אין אַ קאַטוילישן אוניווערסיטעט!...

— אַ סקאַנדאַל! אַ סקאַנדאַל! — הערן זיך שטימען פון די בענק, וואו די סטודענטן זיצן פאַרגאַפטע פון דער אומגעוויינלעכער אַריינמישונג אין אַ פרעמדער לעקציע.

— ווי וואַגט איר? ווי וואַגט איר?

אַ צעטומלטער פון דער אומדערוואַרטעטער געשעעניש שטייט פּראָפע־סאָר קרוינער ביים אַפּאַראַט, שטאַמלט עפּעס אומבאַהאָלפן מיט די ליפּן און די שפּיציק־אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן אויף זיין מאַגערלעכן, קרייד־ווייסן געזיכט ציטערן פון אינעווייניקסטער רעגונג. ער באַהערשט זיך אָבער גיך. מיט אַ מאַך מיט דער האַנט שטילט ער איין דעם עולם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו היצן, אַמפּערן, און מיט אָנגעצונדענע, גליאיקע בליקן, ווי ער וואָלט אים וועלן פאַרשווענקען מיט זיין פלאַמיקן כעס, נעמט ער זיך דערנענטערן צום רעקטאָר.

— דאָס ווילט איר זיין דער מליץ פון מיקל אַנדזשעלאָ? איר?... ווי האָט איר געוואַגט? כ׳בעט אַ דערקלערונג!...

— דער גייסט פון די אַ לערנענדיקע יונגעלייט איז מיר טייער!

— דער גייסט פון די יונגעלייט? דער תהו ובהו, דער אומוויסן זייערער איז אייך טייער! איר ווילט עס זיין דער שומר פון דער אָביעקטיווער וויסנ־שאַפט?... איר מיט אייער חוצפּהדיקער אַריינמישונג?

— כ׳האָב רעכט דערצו! — ענטפערט שטייף גלח וואָראַנסקי.

— וועגן די אַ רעכט וועט פּסקנען אַן ערנגעריכט! די לעקציע איז געענדיקט, מיינע הערן! — און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ לאָזט זיך פּראָפעסאָר קרוינער גיין צו דער טיר.

3

עס איז, דוכט זיך, אַ חשבון געמאַכט אַן דעם באַלעבאָס — טראַכט פּראָפעסאָר קרוינער, גייענדיק אויפן דריטן טאָג נאָך דער געשעעניש צום אוניווערסיטעט, וואו ער האָט געדאַרפט אויסהערן דעם פּסק פון קאָלעגישן ערנגעריכט. טיף אין דער נשמה מוז ער מודה זיין, אַז בעצם האָט אַ מפּלה געליטן ער אַליין און נישט דער רעקטאָר. צופיל איז די סביבה זיינע דורכ־געווייקט מיט פאָראורטיילן און חשדים, אַז זי זאָל זיך דעם אינצידענט שטאַרק נעמען צום האַרצן. פאַרקערט, טיילמאָל דערשפּירט ער אַ מין שאָדנ־פרייד אין דער באַציאונג פון די קאָלעגן צו אים. די פיינסטע באַגריסונג פאַרמאָגט אַ סך מאָל אין זיך אַ שטיקל וואונק, אַן אָנדייט אויף עפּעס... אַפילו געוויסע סטודענטן גיבן אויף זייער אופן אָנצוגעהערן, וואָס זיי טראַכטן וועגן דעם. די העזהדיקע, פינצטערע בליקן זייערע זאָגן אַלץ אויס...

אין דער פּראָפעסאָרן־שטוב ווערט שוין דער אורטייל צוגעגרייט — אַזאַ איינדרוק באַקומט קרוינער, צוקוקנדיק זיך צו די קאָלעגן, וואָס שוויצן מיט ערנסטע, פאַרטועטע פּנימער ביים פירעקעדיקן מיט צעראַטע באַדעקטן טיש. דער באַשטאַנד פון געריכט וועקט אַפילו גרויסע ספקות אין זיין אומפּאַראינטערעסירטקייט. זעט אויס, אַז ס'איז עמעצן בכיוון געגאַנגען אינעם אָפּקלייב פון די מענטשן. דער קליינער, דאַרער כירורג פּראָפעסאָר ראַבסקי איז באותו זמן הויפּט־רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל „מעדיציניש וויסנשאַפט“, וואו ס'האָבן זיך לעצטנס גענומען באַווייזן אַרטיקלען אויף ראַסיסטישע טעמעס. דער באַקטעריאָלאָג איז אַ משומד, וואָס פאַרהאַלט זיך פון תמיד אָן מיט גרויס רעזערוו לגבי די יידישע קאָלעגן פון אַנשטאַלט. דער פּראָפעסאָר פון קריסטלעכער טעאָלאָגיע גלח שומאַוויטש מיט די בלויע ברילן אויפן אויסגעפּאַשעטן פּנים באַרימט זיך שוין צופיל מיט זיין באַ־האַוונקייט אין דער תלמודישער ליטעראַטור. צום סוף דער זייער עלעגאַנטער, זייער צווייפּנימדיקער אַרכעאָלאָג, וואָס וויל מיט יעדערן אויסקומען און מען קען קיינמאָל ניט וויסן, וואו מען האַלט מיט אים אין דער וועלט... דאָס געזינדל וועט זיכער וועלן מאַכן אַ פּשרה צווישן געוויסן און פּאָליטיק — קלערט פּראָפעסאָר קרוינער. צוליב אומבאַקאַנטע סיבות האָבן זיי זיך באַ־נוגנט מיט שריפטלעכע פעסטשטעלונגען פוןביידע צדדים. נישט ער, נישט גלח וואָראָנסקי זיינען אויסגעהערט געוואָרן. בלויז ביים אַרויסגעבן דעם פּסק־דין דאַרפן ביידע זיין.

— מיינע הערן!

דער געריכט־פאָרזיצער פּראָפעסאָר ראַבסקי שאָקלט מיטן פּאַפּיר אין האַנט, פאַרבעטנדיק צום טיש די צדדים. ער פאַרענטפערט זיך קודם־כל

פאַרן פאַראייניפאַכן די פּראָצעדור. אין אַזאַ דעליקאַטן ענין איז נייטיק וואָס ווייניקער טומל. דער כבוד פון לערן־אַנשטאַלט פאָדערט עס. און דער פסק־דין ווערט פאַרענדיקט בזה הלשון:

„... מחמת די אַלע טעמים האַלט דאָס פּראָפעסאָרישע ערנגעריכט, אַז דער עצם פאַקט פון אַריינמישן זיך אין אַ פרעמדער לעקציע מוז דורכאויס געשטעמפּלט ווערן און אויף להבא אויסגעמיטן ווערן. אין דעם איצטיקן פאַל אָבער איז די האַנדלונג פון רעקטאָר גלח וואַראַנסקי באַרעכטיקט... סיי דער גייסט פון דער אַקאַדעמיע, סיי די זאָרג פאַר די סטודענטן האָבן געפאָדערט אַ באַלדיקע קעגנווירקונג, אַ געוויסע...

— איך פּראָטעסטיר!

פינף פאַר אויגן גראָבן זיך איין אין גלח וואַראַנסקי, וואָס האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט. זיין קליינע, דיקלעכע פיגור אין דער שוואַרצער סוטאַנע גיט זיך ראַפּטעם אַ הייב פון אָרט און, לאָזנדיק זיך גיין צו קרוינערן, שטרעקט ער אים אויס די האַנט:

— אין נאָמען פון דער אַקאַדעמיע, אין נאָמען פון אַלע תלמידים בעט איך אייך, קאָלעגע, מיר צו אַנטשולדיקן סיי פאַר מיין אַריינמישן זיך אין אייער לעקציע, סיי פאַר אָט דעם אומבאַרעכטיקטן אורטייל!...

ווענדנדיק זיך צום געריכט, זאָגט ער ווייטער:

— איר, מיינע הערן, האָט אייער חוב געטאָן בהסכם מיט אייער קוק אויף דער זאַך. מיין געוויסן איז אָבער ניט ריין. איך פאַרבעט אייך, פּראָפע־סאָר, אין מיין קאַבינעט, וואו כ׳וועל אייך אויפקלערן דעם ענין, און אייך, קאָלעגן, דאַנק איך אין אונדזער ביידנס נאָמען.

אין קאַבינעט איז אָבער פאַרגעקומען אַזוינס, אויף וואָס פּראָפעסאָר קרוינער האָט זיך בשום־אופן ניט גערעכנט. ווישנדיק דעם שוויס פון שטערן, לויפט רעקטאָר וואַראַנסקי אַרום איבערן שטוב מיט גיריקע טריטעלעך. קרוינער זיצט לעבן שרייבטיש און געדולדיק־אָפּוואַרטנדיק עסט ער זיך איין אין צוויי קאַקטוסן־וואַזאָנעס, וואָס וואַכן מיט גרינע, שפּיציקע קרוינען אַרום אַ בראָנזענער צעזאַר־פיגור. באַלד רייסט אַ נידעריק, פאַרקייכט קולעכל איבער דאָס שטילשווייגן.

— ס׳איז אייך, הער פּראָפעסאָר, געוויס אַ וואונדער, וואָס איך, אייער קעגנער, האָב עס געטאָן. אַזוי אומגעריכט, אַזוי אומגעריכט, וואָס?... נו, וועט אייך מסתמא זיין נאָך אַ גרעסערער חידוש, וואָס כ׳בין לגמרי גרייט צו פאַרטיידיקן אייך און אייער פּאָסטן, וועלכער האָט זיך לעצטנס גענומען אַזוי וואַקלען...

מיט אַ חוזק־שמייכל אויף די ליפּן הערט זיך פּראָפעסאָר קרוינער איין.

— טאָקע מיר אַ גרויסער חידוש.

— נו, און אויב כ׳וועל אייך נאָך מער זאָגן, — שטעלט זיך פּלוצעם דער רעקטאָר אָפּ אַ פאַרקייכטער — אַז פאַר דעם אַלעמען, פאַר אַלע מיינע חסידים פאַרלאַנג איך פון אייך בלויז איין זאַך: עפּעס אַ טיפע און שווערע

באַליידיקונג, עפּעס אַזינס, פון וואָס די באַקן זאָלן מיר פלאַמען פון ווייטיק.
— וואָס וועט איר דעמאָלט טראַכטן?...

— מיין הער!

— יאָ, יאָ, פּראָפעסאָר! אַ דערנידערונג פאָדער איך פון אייך! — צישעט ער מיט שוים אויפן מויל — אַ טראַסק אין פּנים פאַר מיין דערהייבן אייך... פאַר מיין מחילה בעטן! מיקל אַנדזשעלאָ דער קריסט, צי דער בונטאַר, — נישט אין דעם גייט עס איצט. קיין נפקה־מינה ניט, צי פּראָפעסאָר קרוינער, דער ייד, איז גערעכט, צי גאָר גלח יוּאַראַנסקי... דאָס איז אַלץ פּרוכטלאָזע שפּאַרענישן. נאָט אייך מיין טאָגע און ווערט איר רעקטאָר... מאַכט איר מיר סקאַנדאַלן מיט אַוואַנטורעס! אָבער אַ באַליידיקונג... אַ שניט אין האַרץ, וואָס בלוטיקט — אָט וואָס איז מיט גאָלד נישט צו שאַצן. אָט פאַרוואָס איך בין גרייט זיך צו בוקן פאַר אייך, מיין הער!

— זאָגט קלאָר, וואָס איר ווילט! — רייסט אים אומגעדולדיק איבער קרוינער און שטעלט זיך אויף

— איך פאַרלאַנג פון אייך, אַז איר זאָלט מיין ברודערס זון, וואָס ליידט לעצטנס אַזוי צוליב אייער טאָכטער, ווי אַ הונט דערשיסן, אויב ער וועט וואַגן איבערצוטרעטן אייער שוועל!

— אַדיע, מיין הער, — זאָגט פּראָפ. קרוינער, לאָזנדיק זיך מיט רואיקע, שטאָלצע טריט צום אַרויסגאַנג.

4

נישט שפּעטער ווי אין אַ וואָך אַרום דאַרף עס פאַרקומען די עפענונג פון דער אויסשטעלונג אונטערן נאָמען „יונגע קונסט". מיט אַ טאָג פריער פאַרן אָפיציעלן טערמין וועט דאָס זעלבע געוויזן ווערן פאַר אַ מסיבה פון פּראָפעסאָרן און סטודענטן. דער פּראָטעקטאָר פון דער אויסשטעלונג, פּראָ־פעסאָר קרוינער, קוקט אין די שמייכלענדיקע, ברוינע אויגן פון יונגן וואָ־ראָסנקי, וואָס שטייט פאַר אים מיט אַ צעפלאַמט געזיכט. די ראַפּאָרטן, וואָס ער גיט אים אָפּ איבער די צוגרייטונגען, זאָגן עדות וועגן דער אינ־טענסיוועד אַרבעט זיינער. מיט לייב און לעבן האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אונטערנעמונג. דאָס בילד זיינס „פעלקער־פרידן" וועט פאַרנעמען אַ חשובן אָרט אין זאַל. אַחוץ דעם וועט עס אויסגעטייטשט ווערן דורך מוזיק, וואָס איינער פון די יונגע קאָמפּאָזיטאָרן האָט ספּעציעל געשאַפן צום בילד. אויספירן די קאָמפּאָזיציע „פעלקער־פרידן" וועט ניט קיין אַנדערע ווי סור־ליע...

די ראַליע זיינע ווי אַ פּראָטעקטאָר פירט פּראָפעסאָר קרוינער אויס מיט געמישטע געפילן. פון דעם טאָג אָן, ווען ער האָט זיך געפּרוּאווט אָפּזאָגן פון דער אויפגאַבע, ביז נאָכן ערנגעריכט זיינען פאַרגעקומען אין אים אַ סך נייעס. פיל זאַכן, וואָס זיינען פריער געווען אומפאַרשטענדלעך, פאַרנעפּלט, האָבן זיך איצט געגומען אויפקלערן. עס הייסט בכן, אַז דער געשפּין פון אומצוטרדי

און רדיפות לגבי זיין פּערזאָן שטאַמט פון צוויי מקורים: די אַלגעמיינע יידנהעצע אין לאַנד; דער פּערזענלעכער ווידערווילן פון רעקטאָר וואָראַנסקי מחמת די געפילן פון זיין פּלימעניק...

פּראָפעסאָר קרוינער פילט, אַז די געשפּאַנטקייט צווישן אים און דעם רעקטאָר דערגייט ביז דער העכסטער מדרגה. דער היטלערישער בלוט־באַרבאַריזם און בוקן זיך פאַר דער אייגענער ראַסע האָט אויך דאָ אין פּוילן אָנגעשטעקט אַפילו אַזעלכע קרייזן, וואָס וואָלטן לויט זייער גאַנצער גייסטיקער איינשטעלונג געדאַרפט זיין שאַרף קעגן די אָ ווילדקייטן. אָט דעם פאַרטונקלטן „געוויסן" און סתירה צווישן דאָגמע און עמאָציע איז בולט צו זען אין דעם פּאַיאַצעווען פון אַ גלח וואָראַנסקי. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ מענטש, וואָס וויל דורך אַ טאָפּעלע שפּיל דערגרייכן זיין ציל: ער דערנידעריקט, כדי שפּעטער צו הייבן; ער סקאַנדאַלעוועט, כדי איבערצובעטן. אָבער פון דער גאַנצער שפּיל זייַנער איז קלאָר איין זאַך: זיין השפּעה אויפן פּלימעניק איז אַ נישטיקע, מחמת דעם פּרוּווט ער דורך ביידע אופנים — דערנידעריקונג און זעלבסטדערנידעריקונג — צו נייטן אים, קרוינען, צו ווערן דער נייך־זאָגער... ווי מיאוס, באַליידיקנדיק דאָס איז! יאָ. צו אָט דעם געשפּאַנטן, פּיינלעכן צושטאַנד מוז עס נעמען אַ סוף.

אין אויסשטעלונגס־זאַל וואַרפן די לאַמפּיאָנען פּאַרביקע ליכטפּאַסן אויף די ווענט, וואָס זיינען באַהאַנגען מיט בילדער, אַרומגעפלאָכטענע מיט בלומען־קרענץ און גירלאַנדעס. צווישן אַ גאַנצער ריי „שטיללעבנס" און פּייזאַזשן קוקן אַראָפּ גרעסערע אַרבעטן אויף סאָציאַלע און היסטאָרישע טעמעס.

די פאַרזאַמלטע הערן זיך צו צו די שטילע עפּענונגס־ווערטער פון פּראָטעקטאָר. ער שטעלט זיך אָפּ אויף די וויכטיקערע בילדער פון די יונגע מאָלער און נאָך יעדער אָפּשאַצונג פירן די מוזיקער אויף דער עסטראַדע אויס קאָמפּאָזיציעס לויט דער טעמאַטיק פון די ווערק. דאַן נעמט ער אויפקלערן יוליאַן וואָראַנסקיס בילד „פעלקער־פרידן". אויף אַ גרויסער לייוונט באַווייזט זיך אַ קייט פון הויכע בערג אונטער דער זאַנפט־מילדער בלויקייט פון הימל. פון אַ טיפן שפּאַלט צווישן די פעלדזן אין דער הייך קוועלט אַרויס אַ זילבערן וואַסערל, שלענגלט זיך צווישן די אָפּהאַנגען און פאַלט מיט אַ שוימיקן אימפּעט אַריין אין אַ ברייט־צעגאָסענעם טייך אין אַ טאָל. אַרום די ברעגן פון טייך — אַ רחבותדיקער. געדיכט־גרינער פּליין, אויף וועלכן עס פלעכטן זיך אין אַ התלהבותדיקן טאַנץ די פאָרשטייער פון די פעלקער אין דער וועלט. צווישן די טיפּן פון דער ווייסער און געלער ראַסע טיילט זיך אויס אַן אַטלעטישער, סמאָלע־הויטיקער קערפּער פון די טראָפּישע לענדער, וואָס טוליעט צו דעם געקרייזלטן, פּעך־שוואַרצן קאָפּ צו די פּנימער פון זיינע אַנדערשפאַרביקע חברים. דערלעבן אויפן שפּוע פון אַ באַרג פּאַשעט זיך אַ וועלפּעלע מיט אַ יונג שעפּעלע צוזאַמען. זייערע פּעלעכלעך פלעקלען זיך אין דער העל־קלאָרער לופט און די אויערלעך שפּיצן זיך אָן. דאָס שפּילט לעם זיי אויף אַ פייפל זייער קליין פּאַסטעכל. אין הינטערגרונט, אויפן רוקן

פונעם מיטלסטן באַרג — מיט די בראָנזענע קעפּ באַרירנדיק דעם האָרי־זאָנט, ווי זיי וואָלטן דעם הימל געטראָגן אויף זיך, — שטייען געאַרעמט משה, קריסטוס און בודאָ און קוקן מיט שמייכלענדיקע פּנימער אַראָפּ צו די פריד־לעכע מענטשן אין טאָל. אַ פלאַמיק־רויטע זון צעשטראַלט זיך איבער די טאַנצנדיקע קערפּערס...

— דאָס איז גאָט־לעסטערונג! דאָס איז בונט!

מיט אַ פון כעס אויסגעקרומט געזיכט און ציטערנדיקער גאָמבע, שטופּט זיך גלח וואָראָנסקי אַדורך צווישן עולם צו דער וואַנט צו. איינקוועטשנדיק אין צאָרן די פינגער פון איין האַנט נעמט ער מיט דער צווייטער שטויסן אינעם געמעל:

— ווי האָט איר עס אים דערלויבט אויפצוהענגען?... דעם־אַ שנעק, דעם־אַ דראַבי? האַ?

מיט אַ פאַרביסענער מינע, ניט ענטפערנדיק, שטייט לעבן אים פּראָפעסאָר קרוינער. אַ שווייגן. אַלע אויגן קריצן זיך אין די צווי מענטשן, וואָס פירן איצט צווישן זיך אַ העפטיקן, אָנוווערטערדיקן קאַמף. נאָך איין מינוט — און די לייוונט וועט ווערן אַראָפּגעריסן, צעפליקט, צעטראָטן... אָבער דאָ האָט זיך פון די פאַרזאַמלטע עמעץ אַ ריס געטאָן. אַ קלינגענדיק קול האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבערן זאַל:

— נישט בונט, נאָר... פרידן צווישן די פעלקער, מיין הער!

אַ הויכער, אָן אויסגעצויגענער קוקט דער יונגער יוליאַן וואָראָנסקי איבער די קעפּ פון די צושויער דעם פעטער דרייסט אין פּנים אַריין. דער לעצטער מאַכט פון איבעראַשונג אַ טריט צוריק און. ווי אים וואָלטן פּלוצעם כוחות אויסגעפּעלט, לאָזט ער זיך אַראָפּ אויף אַ שטול:

— „מיין הער" האָסטו מיר געזאָגט? „מיין הער"?

— יאָ, מיין הער! — ענטפערט רואיק יוליאַן.

— דאָס ביסטו מיין בלוט און פלייש?...

— מיין בלוט און פלייש איז דער אמת!

דער אַלטער וואָראָנסקי זיצט אַ ווײַלע ווי פאַרלוירן. מיטאַמאָל גיט ער זיך אַ שטעל אויף און, כאַפּנדיק דעם הוט, לאָזט ער זיך צום אַרויסגאַנג. ער גייט מיט שיכורלעכע טריט און אַ פאָלע פון דער סוטאַנע שאַרט זיך אים נאָך איבערן דיל. אַ שטראָם קלאַנגען, וואָס גיט זיך מונטער אַ וויג פון דער עסטראַדע, באַגלייט אים צו דער טיר און שטעכט אים חוזקדיק אין דער פּלייצע... דאָס פירט סוליע אויס די מוזיק צו יוליאַן וואָראָנסקיס בילד.

5

אויף דער אויסשטעלונג פון די סטודענטן־מאָלער האָט טאַקע אַ נצחון אָפּגעהאַלטן פּראָפעסאָר קרוינער. דאָס איז אמת. אָבער אין יעדן נצחון שטעקט, זעט אויס, אַ שטיקל דורכפאַל, אויב אין שפּיל נעמט אָנטייל אַ האַר־טער, עקשנותדיקער קעגנער. רעקטאָר וואָראָנסקי איז ניט פון קיין ווייכער

טייג געקנאַטן. ער האָט באַשיימפּערלעך געליטן אַ מפּלה און — טאַקע בפני כל עם ועדה; אָבער ווידער די זעלבע מעשה: אין יעדן דורכפאַל איז דאָ עפּעס אַ שמץ פון אַ זיג... בפרט נאָך, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַזאַ ווייכן, גיט קריגערישן מענטשן ווי פּראָפעסאָר קרוינער.

גלח וואָראַנסקי קען גוט אָלע שוואַכקייטן פון זיין קאָלעגע. ער קאָן אויך ניט ווייניקער גוט די שטימונגען אין בילדונגס־מיניסטעריום און צווישן די פּראָפעסאָרן. דאָרט איז מען פון די ליבעראַלע נטיות אין דער סטודענטנשאַפט פונקט אַזוי ווייניק צופרידן, ווי ער. אדרבה. דאָרט האַלט מען דעם רעקטאָרס אַרויסטרעטונג אויף דער אויסשטעלונג כמעט ווי אַ פּאַטריאָטישע טאַט... פון דער ניט געראָטנקייט פונעם אַרויסטריט איז מען דאָרט אַזוי צערייצט, אַז דער רעקטאָר וואָראַנסקי קען זיך פאַרגינען אונטערצונעמען אַ ריי נייע שריט, כדי צו דערלאַנגען אַ טויטקלאַפּ דעם הפקר־פרייען גייסט אין אוניווערסיטעט.

קודם־כל אָבער — מער פאַרזיכטיקייט! דער רעקטאָר מוז זיך אין געדאַנק מודה זיין, אַז זיינע צו ברוטאַלע, צו ראַשיקע אַריינמישונגען דערגרייכן פונקט דאָס פאַרקערטע: זיי הייבן שטאַרק די מאַרקע פון דעם שטילן, באַשיידענעם קעגנער זיינעם; זיי ברענגען מער נוצן קרוינערן, ווי אים. דאָס איז אַ גרונטפעלער! זעט אויס, אַז עס איז דאָ עפּעס אַ געהיימע מאָס, מיט וועלכער די יוגנט מעסט די ריינקייט פון די כוונות ביי די קעמפנדיקע צדדים. לכל הדעות איז זי ניט נוטה אַראָפּצוגיין פון אַ געוויסן וועג, אויב עמעץ וויל זי צווינגען צו דעם דורך אַ פּוסטן געשריי, ווילדן בריקע, אָדער וויסטן סקאַנדאַל... אַזאַ פאַלשער צוגאַנג קען זיך נוקם זיין. נאָך איינער אַזאַ ברוטאַלער אַרויסטרעט — און ער, דער גלח וואָראַנסקי, איז אַ פאַרשפּילטער מיט האַק און פּאַק. ער וועט, הייסט עס, ניט נאָר ניט אַרויסרייסן דעם אייגענעם פּלימעניק פון אונטער קרוינערס השפעה; ער וועט נאָך האָבן צוגעברענגט צו דעם, אַז די וואַקלענדיקע צווישן דער יוגנט וועלן זיך מיט אייפער אַריינוואַרפן אין זיינע אָרעמס...

אָבער פאַרזיכטיקייט אַליין איז נאָך ווייניק. כדי אַ קלאַפּ זאָל זיין טרעפלעך, איז נייטיק נאָך עפּעס: די געהיימקייט פון זיין מקור. דער שלעגער דאַרף און מוז זיין אין שאָטן. דער שלאַג דאַרף קומען אַזוי, אַז די האַנט, וואָס דערלאַנגט אים, זאָל זיין פאַרבאָרגן. די רעטעניש דאַרף רייצן דעם נייגיר. די אומרייפע פּסיכיק פון דער יוגנט לאָקט דער צויבער פון דער געהיימער אינטריגע. וואָס מער פאַרשלייערטער, אומדערקלערלעכער די לעצטע איז, אַלץ מער שאַנסן האָט זי צו בלייבן די זיגערין. אויב, למשל, דאָס בילד „פּעלקער־פרידן" וועט ברוטאַל פאַרשריען ווערן ווי אַ בונטאַרישער מאָטיוו, וועט דאָס ווייניק־וואָס אויף עמעצן ווירקן. אויב אָבער אין אַ צווייטער אוניווערסיטעט־שטאָט וועט אַ בילד מיט אַ נאַציאָנאַלן אָדער רעליגיעזן סוזשעט ווערן אויסגעצייכנט דורך אַ חשובער פּאַד־קאָמיסיע — דעמאָלט וועט די אידעע פון „פּעלקער־פרידן" זיין אַרונטערגעריסן, באַנקראָט. ווייטער. אויב פּראָפעסאָר קרוינער וועט ראַפּטעם דערוווייטערט ווערן פון

זיין קאַטעדרע, וועט דאָס בלויז אַרויסרופן אומגעוואונטשענע אָפּקלאַנגען; אויב אָבער צו דער קאַטעדרע פון קונסט־געשיכטע וועט צוקומען נאָך אַ קאָלעגע מיט אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלן קוק — דעמאָלט וועט פיל גרינגער זיין אונטערצוהאַקן די וואָרצלען פון די פּראָגרעסיווע אידעען.

איצט, דאָס סאַמע וויכטיקסטע: די שטרעבונג פון געוויסע סטודענטן און פּאָליטישע טוער צו אַ געטאָ אין אוניווערסיטעט. רעקטאָר וואָראַנסקי קווענקלט מיט אַ כיטרן, דריבנעם געלעכטערל. עס פּאַסט אפשר נישט פאַר זיין גלחישער סוטאַנע אונטערצוהאַלטן אַזאַ העזהדיקע פאָדערונג. ס'איז דאָך אָבער אַ פאַקט, אַז אין דערמאָנונגסווערטן מיטלאַלטער האָבן די פּויפּסטן אַליין אַזאַ זאַך באַטראַכט ווי דאָס קלענסטע בייז. אַ געטאָ אויפן אוניווער־סיטעט וואָלט געווען אַ געזונטער שוצמיטל קעגן די פרעמדפאָלקישע איינ־פלוסן. דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער ציל, וואָס מע שטעלט זיך, פאָדערט דעם אַ קרבן. עס וואָלט מיט דער צייט אוממעגלעך געמאַכט די געמישטע חתונות, וואָס דאָס איז ביי אים, ביים גלח וואָראַנסקי, אַ באַזונדערס אָנגעווייטיקטע פּראַגע... וואָס וואָלט אַ קרוינערן אויסגעקומען דעמאָלט צו טאָן? וועט ער קענען צוזען, ווי זיינע אייגענע שטאָם־ברידער אויפן אוניווערסיטעט זיצן, ווי מצורעים, אָפּגערוקט אין אַ זייט? ניין. דו ווייסט עס ניט קענען, מיין ליבער! און דעמאָלט איז דער ענין אַ געוואונענער...

אָט אַזוי בערך זעען אויס די טראַכטעניש פון גלח וואָראַנסקי, בעת ער זיצט אין קופּע פון ערשטן קלאַס אויפן וועג צום בילדונגסמיניסטעריום. דאָס פאַרט ער אין שייכות מיט זיין לערנפּלאַן פאַרן קומענדיקן הויכשול־יאָר.

— שיסן פאַרבאָרגן, אָבער שנעל און טרעפלעך!... — זאָגט ער צו זיך אַליין, בשעת דורכן פענצטערל צעפינקלען זיך די קלויסטער־שפּיצן אין דער הויפּטשטאָט.

6

— סוליע, סולינקע...

יוליאַן האָלט צווישן זיינע פינגער ס'שמאָלע אַלבאַסטער־פּנימל פונעם קאַפּריזנע מיידל. ער קוקט אין אירע גרויסע, העל־גרויע אויגן, אין וועלכע עס מיניען זיך צוויי קליינע בלויע פּייערלעך, וואָס אָט לעשן זיי זיך, אָט צינדן זיי זיך אָן. ער וויל אויפכאַפּן איר בליק, וואָס גנבעט זיך פון אים אַוועק און גליטשט זיך ווי אַ ליכט־שטרייפל איבער דער וואַנט.

— דו ווילסט מיר גאָרניט מיטפילן אין מיינע צרות... — זאָגט ער לאַכנדיק, מיט תרעומות אין דער שטימע.

— ניין, זאָגט זי, — ניין! — שטייף צוקוועטשנדיק די אויגן־לעפּלעך און שאָקלענדיק מיטן קעפּל איןביידע זייטן.

ער מאַכט אַ בייזע מינע און כאַפּט אַריין אין מויל אַ געקרייזלטן לאָק פון אירע האָר. איצט ביסטו שוין אונטער מיין מאַכט... אויף אייביק! —

מלעמלעט ער מיט די האָר אין מויל. מיט איין דריי טוט זי זיך אַ שאָר אָפּער פון אונטער זיינע אָרעמס, שפּרינגט אַוועק אין אַ ווינקל, איינקאָרטשענדיק זיך ווי אַ שפּילעוודיק קעצל.

— דו מאַטערסט מיך, מיידל, — זאָגט ער און זעצט זיך ברוגזדיק אַוועק אויף אַ שטול. זי ווערט מיטאַמאָל ערנסט, גייט גיך צו און טוליענדיק זיך צו אים, זאָגט זי מיט צערטלעכן אומרו אין דער שטימע:

— שוין ווידער געהאַט אַן אָפּער מיט דיין פּעטער?

ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. ווי! פון פּעטערס אויסהאַלט האָט ער זיך שוין לאַנג באַפריים. שוין אַ היפּשע צייט ווי ער לעבט פון די אייגענע פאַרדינסטן. אַחוץ דער אוניווערסיטעט־סטיפּענדיע ברענגען אים זיינע ביל־דער אַריין אַ גאַנץ נשקשהדיקע הכנסה. איבעריקנס, ווי וואָלט ער געוואָגט צו קלערן וועגן זייער נאָענטער חתונה, אויב ער וואָלט ניט געקענט מיט אייגענע מיטלען זיך און זי אויסהאַלטן? דאָ איז אָבער אַן אַנדערע זאַך. עפּעס פּילט ער אַן ענדערונג אין אַ טייל סטודענטנשאַפט פון דער קונסט־אָפּטיילונג. אַ מאָדנע צערייצטקייט ביי זיי און נערוועזיטעט. די ניט געזונטע שטימונגען פון די וויסנשאַפטלעכע פאַקולטעטן האָבן זיך, זעט אויס, אויך אַהער אַריבערגעטראָגן. אַן אומפאַרשטענדלעכע קאָכעניש און ברויזעניש. מיט קיין לאָגיק קען מען עס ניט דערקלערן — אַזוי פאַרנעפּלט — מטושטש־דיק איז עס אַלץ.

— אָבער דו לאָזסט זיך ניט פאַרכאַפּן פון די־אַ שטימונגען?... — פרעגט זי מיט אַ לייכטן ציטער אין קול.

ער לאַכט הייטער־קוועלנדיק. ניט נאַר, וואָס ער ניט. אַ גרויסער טייל פון די פּלאַסטיקער האָט נאָך ניט פאַרלוירן דעם שכל־הישר און שטעלט זיך אַקעגן דעם דאָזיקן ברודיקן שטראָם. אָבער אָפּגעסמטע זיינען פאַרט דאָ. פריער איז קיין איינער ניט געווען... אַן גענדזנפּיסלעך — קיינער! אַט וואָס עס באַאומרואיקט אים! ער האָט שוין אָפּילו איבערגעלעבט אַ גאַנץ ניט אָנגענעמע פּאַסירונג צוליב זיין „פעלקער־פרידן". אַט טאַקע נעכטן איז עס געווען. ער גייט אין אוניווערסיטעט אויף דער לעקציע. קומענדיק צו דער טיר, באַגעגנט ער דריי סטודענטן פון זיין סעמעסטער שטיין אין סאַמע אַריינ־גאַנג. ער אַנטשולדיקט זיך און בעט אַדורכלאָזן. דעמאָלט טוט איינער פון זיי — אַ געוויסער חברהמאַן, אַ באַקאַנטער אַוואַנטיוריסט מיטן נאָמען פאַל־קאָווסקי — וואָוויליונגעריש אַ זאָג:

— מאַכט אַ וואָרע פאַרן נביא!

— ווי האָט איר געזאָגט? — דריי איך זיך אויס צו אים.

— דער נביא פון שלום צווישן די ציגיינער... — צעלאַכט ער זיך מיט די הענט אין די קעשענעס, פרעך אַרויסשטעקנדיק דעם בויך. כ'האָב אים אַ פּליאַסק געטאָן אין דער מאָרדע און ער האָט זיך געוואָרפן אויף מיר מיט די פויסטן. אָבער די איבעריקע צוויי האָבן אים צוגעהאַלטן און איך בין מיר אַוועק. אַט ווי די זאַכן שטייען...

יוליאַן לאָזט טרויעריק פאַרקלערט אַראָפּ דעם קאָפּ. ער שפּירט זיך

עפּעס לעצטנס אַזוי הילפלאָז, נידערגעשלאָגן. פון אַ פאַרבאָרגענעם מקום פּלייצט אַן פאַמעלעך אָבער אומאויפהערלעך אַ שמוציקער שטראָם, וואָס דראָט צו פאַרשווענקען די סאַמע איידלסטע מענטשן. אומבאַמערקט פאַרן געניטסטן אויג שמוגלט זיך אַריין אַ נייע, ניט ערלעכע נאָרמע פון שאַפן. ניט דער קינסטלערישער ווערט פון אַ ווערק, נאָר די שאָוויניסטישע לאָזונג, די מאָטיוון פון עגאָ און שנאה ווערן די מאָס פון אָפּשאַץ.

— איך שטער אייך ניט, קינדער?

אַ שמייכלענדיקער, זיך קווענקלענדיקער שטייט פּראָפעסאָר קרוינער ביי דער שוועל, מאַכנדיק אַ באַוועגונג צוריק אַרויסצוגיין. אָבער אין דער רגע טוט סוליע אַ לויף צו צו אים, אַרומנעמענדיק זיין אָרעם מיטביידע הענט.

— אַך, פּאַטער, יוליאַנען איז היינט ניט צו דערקענען...

— וואָס איז דיר, מיין יינגל? — פרעגט זאָרגעוודיק דער פּראָפעסאָר, דערנענטערנדיק זיך צו זיין שילער. — נו, נו, ס'איז נאָך ניט אַזוי שלעכט.

ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן די סיבה פון זיין אומעט, פירט ער מיט־פילעריש־ווייך מיט די פינגער איבער די געדיכטע האָר פון יונגן מאָלער. אַזוי איז עס. מיט עגמת־נפש און גריזעניש וועט מען דאָ גאָרניט מאַכן. דער עיקר איז: הויך דעם קאָפּ און ווערן זיך דאַרט, וואו מען דאַרף! אָט קען ער יוליאַנען אָנזאָגן אַ גאַנץ אָנגענעמע בשורה: אין צוויי וואָכן אַרום אָרגאַ־ניזירט דאָס בילדונגס־מיניסטעריום אַ לאַנד־אויסשטעלונג פון דער פּלאַס־טישער קונסט פון אַלע הויכשולן. די עקספּאָנאַטן פון דער היגער אויסשטע־לונג ווערן אַריבערגעפירט אין דער הויפּטשטאָט. אַזוי אַרום איז דאָ אַ האָ־פענונג, אַז ניט נאָר דאָס אינלענדישע פּובליקום, נאָר אויך אויסלאַנד זאָל זיך באַקענען מיט די דערגרייכונגען פון אונדזערע יונגע קינסטלער. אַגב, וועט אַ ספּעציעלע זשורי אויסצייכענען די בעסערע ווערק. נו, גרינגער אויפן האַרץ?

— איר זייט זייער ליבנסווירדיק, — זאָגט יוליאַן מיט אַן אויסגעליי־טערט געזיכט

— דאָס שלעכטע וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן... דאָס גוטע מוז זיך אַדורכ־שלאָגן אַ וועג! — זאָגט דער פּראָפעסאָר מיט פריינדלעכער גינציקייט און, געזעגנענדיק זיך מיטן פּאָרל, גייט ער אַריין צו זיך אין צימער.

7

אויף דער לאַנד־אויסשטעלונג פון דער יונגער פּלאַסטישער קונסט האָט די זשורי אויסגעצייכנט עטלעכע אַרבעטן מיט אַ נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן סוזשעט. יוליאַנס בילד „פעלקער־פרידן" איז צווישן אַנדערע קריטיקירט און אַרונטערגעריסן געוואָרן. אָבער דער ציל, וואָס גלח וואַראַנסקי מיט זיינע אָנהענגער האָבן זיך געשטעלט איז פאָרט ניט דערגרייכט! ניט געקוקט אויף די שטרענג־צוגעקליבענע מיטגלידער פון דער זשורי; ניט געקוקט אַפילו אויף דעם אַרויסגעטראָגענעם פּסק־דין קעגן די שעדלעכע, אוניווערסאַליס־

טישע מאַטיוון אין דער קונסט, — האָט אין תוך אַריין די אויסערסט פאַר־קאָנספּירירטע שלאַכט צווישן הומאַניזם און נאַציאָנאַל־קאַטוילישקייט גע־וואונען דווקא דער שטילער, אָבער גראַדליניקער קרוינער. ס׳איז נאָך גוט, וואָס גלח וואָראָנסקי האָט פאַרשטאַנען אַזוי איינצוואָרדענען דעם ענין, אַז דער מינדסטער חשד פאַלט ניט אויף אים. זיין אָנפּניותדיקייט איז אויסער יעדן ספק. און דאָס איז איצט פאַר אים דאָס סאַמע וויכטיקסטע...

פאַר אים — אָבער ניט פאַר זיינע פריינד, די מיטגלידער פון דער זשורי. דער פּניותדיקער אורטייל האָט אַרויסגערופן אַ העפטיקן וואָרט־קאַמף אין דער פּרעסע. נאָך די אַמפּערגישן איבער די ריין־פּערזענלעכע פראַגעס: וועגן דער באַרופנקייט אָדער ניט־באַרופנקייט פון דער זשורי, — איז דער וויכוח אַוועק אויף טעאָרעטישע וועגן. איז אין די קונסט־אַנשטאַלטן דערלאָזלעך די פרייע שאַפונג, צי ניט? דאַרף די קינסטלער־יוגנט אַנגע־רעגט ווערן צו מלוכהש־נוצלעכע מאָטיוון, אָדער די אַלגעמיין־מענטשלעכע?

די רעכטע פּרעסע האָט מיט שום אויף די ליפּן געהעצט קעגן דעם פרעמדן גייסט, וואָס ווערט אַנגעוואָרפן אונדזער יוגנט. ווער זיינען עס די קרוינערס מיט זייערע פאַרשימלטע הומאַניסטישע אידעען? ווייניק זאָפטן זיינען דאָ אין אונדזער אייגענער ערד, אַז מען דאַרף זיי אַזש אויסגראָבן צווישן באַנקראָטירטן, אוניווערסאַליסטישן ברוכוואַרג?... אַ לאַנד, וואָס גרייט זיך צו פאַרטיידיקן קעגן זיינע שונאים, דאַרף האָבן אַ קעמפערישע, רעליגיעזע יוגנט, וואָס פאַרהערלעכט אין בילד, אין ליד, אין מוזיק! האָב ליב זיך אַליין — אָט וואָס ס׳דאַרף זיין דער גרונטמאָטיוו פון דער קונסט.

די לינקע פּרעסע האָט געחוזקט פון דער רעאַקציאָנערער ציינקריצעניש און אויפגעוויזן דעם בייזווילִיקן פאַרמישן די יוצרות. איז קונסט—פּאָליטיק, אָדער זי איז אַ זעלבסטשטענדיקער צווייג פון דער מענטשלעכער קולטור? איז אַ גוט געמאָלט הויז מיט אַ בוים דערלעבן אַ קונסטווערק, אָדער עס הערט אויף צו זיין אַזעלכס בלויז דערפאַר, ווייל עמעצן ווילט זיך גאָר דערביי האָבן אַ פערדשטאַל?... אויף דער אויסשטעלונג זיינען דיסקוואַליפיצירט גע־וואָרן די בעסטע בילדער דערפאַר, ווייל די נעזער פון דער זשורי זיינען גע־וואוינט צו שמעקן פונעם אייגענעם מיסטקאַסטן; דאַקעגן זיינען פּרעמירט געוואָרן אַ גאַנצע שורה מיטלמעסיקייטן און טויגענישטן בלויז דערפאַר, ווייל זייער היימישער „ריח" האָט נחתדיק אַ קיצל געטאָן די נאָזלעכער פון יענע הערן...

די פּראָגרעסיווע צייטונגען האָבן אויך גאַנץ געלונגען אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס אין איינער פון די מינכענער בלעטער האָט זיך באַוויזן אַן אַרטיקל פון אַ דייטשן, היטלעריסטישן מאָלער מיטן נאָמען אַלפרעד קאָך. קומענדיק אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט האָט דער־אָ אויסלענדער אויך באַזוכט די אויסשטעלונג און אַריינגעשריבן אין דער דערמאָנטער צייטונג אַ צינישע נאָטיק א״נ „יידנקונסט אין 1939". די בעסטע טאַלענטן פון דער היגער יוגנט — האָט דער־אָ פאַרשוין געפּייערט — זיינען צעקאַליעטשעט דורך דער

פּאַראַזיטישער השפּעה פון זייערע יידישע לערער. אַזאַ פּרעכטיקער טאַ־לאַנט, ווי ס׳איז דער יונגער יוליאַן וואַראַנסקי, האָט געהאַט דאָס אומגליק אַרונטערצופאַלן אונטער דער שליטה פון אַ פּראָפעסאָר קרוינער. זיין בילד „פעלקער־פרידן״ איז פון מאַלערישן שטאַנדפּונקט אַ הערלעך קונסטווערק; אָבער די אידעע פון בילד איז יידיש דורך און דורך!... דער זון פון אַ ריטער־פּאָלק — דער אַריער יוליאַן וואַראַנסקי — פּלאַפּלט וועגן אַן אייביקן שלום צווישן די ראַסעס, ווי ער וואָלט געווען אַ יידישער פּראָפעט. וועבט אפשר וואַראַנסקי זיין זיסן חלום, ווייל... אין דאַנציק זיצט אַ קאָמיסאַר פון דער פעלקער־ליגע? אָדער אפשר איז עס אַזאַ מין פּאַטעטישער טרויער צוליב פראַנקאָס נצחון אין שפּאַנישן בירגערקריג?... ניין! דאָס איז ניט וואַראַנסקיס טרוים; דאָס איז דער חלום פונעם העבר קרוינער!...

איז אַט נאָט אייך אַ לעקציע, הערן רעכטע! — האָבן די פּראָגרעסיווע צייטונגען געיובלט. הער קאָך וואָלט גריילעך געוואָלט, אַז וואַראַנסקי זאָל בעסער אויסמאָלן אַ דייטשישן פעלדפעבל... אָבער ער אַליין מוז אויך מודה זיין, אַז דאָס בילד „פעלקער־פרידן״ איז מאַלעריש גענומען אַ קונסטווערק! איז אפשר געפעלט אייך אויך ניט דער דאַנציקער קאָמיסאַר? אפשר ווילט זיך אייך גאָר זען אויסגעמאָלט פראַנקאָס טריאומפאַלן אַריינפאָר קיין מאַדריד? אָבער אום גאָטס ווילן, מיינע הערן, צי טאָר ניט דער מאָלער וואַראַנסקי צווישן אַזעלכע ערגווירדיקע טיפּשים פאַרמאָגן זיין אייגענעם פאַרשטאַנד?...

אָט וואָסער אויפרודער די לאַנד־אויסשטעלונג האָט אַרויסגערופן. צו דער גאַנצער בייזער שפּיל, וואָס ער אַליין האָט אַראַנזשירט, מוז נאָך דער גלח וואַראַנסקי מאַכן אַ פריילעכע מינע. „דאָס אַלץ אַרט מיך ווי די וואַנט״ — זאָל עס הייסן. אָבער מיט טיפער גריזאַטע מוז ער אַראָפּשלינגען נאָך אַן ער־גערן פּיל: די געזעלשאַפט „פריינד פון דער יונגער קונסט״ האָט באַשלאָסן צו געבן אַן ענטפער דער זשורי. זי האָט אָפּגעקויפט דאָס געמעל „פעלקער־פרידן״ און עס דעמאָנסטראַטיוו געגעבן אַ מתנה דער אַרטיקער, שטאָטישער בילדער־גאַלעריי. גלח וואַראַנסקי מוז אין האַרצן מודה זיין, אַז ביי אַזאַ אויפ־געברויזטער לאַגע איז אוממעגלעך ניט געזעצלעך צו פאַרקלענערן די לערן־שעהן פון פּראָפעסאָר קרוינער.

— נו, גוט! — טראַכט ער ביי זיך — וועלן מיר נאָך זען...

8

אין זאָל פון דער קונסט־אָפּטיילונג נעמען זיך זאַמלען די סטודענטן. היינט דאַרף זיין די לעצטע לעקציע וועגן רובענסן. עס וועט אונטערגעפירט ווערן אַ סך־הכל פונעם דורכגעגאַנגענעם ציקל.

יוליאַן וואַראַנסקי זיצט אויף זיין אָרט, וואַרטנדיק אויפן אַריינקומען פון פּראָפעסאָר. דערווייל קוקט ער זיך צו צו דעם עולם. עפּעס דוכט זיך אים, אַז היינט איז די צאָל פיל גרעסער, ווי תמיד. די גאַנצע שרעגע בענק פון טיר ביז דער קאַטעדרע איז באַזעצט מיט מענטשן, ממש קיין שפּילקע ניט אַריינ־

צואוואַרפֿן. אויב ער האָט קיין טעות ניט, זיינען געוויסע פּנימער אים לגמרי אומבאַקאַנט, ווי ער וואָלט זיי זען ס'ערשטע מאָל. צי האָט די היינטיקע לעקציע וועגן רובענסן אַרויסגערופֿן אַזאַ גרויסן אינטערעס אַפֿילו ביי זיי־טיקע?

ער דערפֿילט מיטאַמאָל, ווי עמעצנס האַנט דריקט זיינע פֿינגער. אַ קאָפּ בויגט זיך צו אים אַראָפּ, איינראַמענדיק אין זיין אויער:

— יוליאַן, דאָ גרייט זיך עפּעס... פֿרעמדע געזיכטער אויפֿן זאַל...

יוליאַן שאָקלט מיטן קאָפּ, קוקנדיק מיט אַ פֿאַרחידושט־פֿרעגנדיקן בליק אויפֿן קאָלעגע. יענער ווינקט צו אים:

— קוק! עטלעכע בענק לעבן דער לינקער וואַנט...

ווירקלעך. יוליאַן האָט ביז דער רגע אַפֿילו ניט באַמערקט די ענדערונג וואָס איז פֿאָרגעקומען פּאַזע די זיץ־ערטער. ביז היינט זיינען אַלע בענק געשטאַנען אין מיטן צימער אין איין ריי. און איצט האָבן זיך ראַפּטאַם פֿינף פֿאַריתומטע באַוויזן אויף לינקס. וואָס שטעקט אייגנטלעך אין דעם?

— מען דאַרף זיך אפֿשר ריכטן אויף אַן אַרויסטרעט פֿון די רעכטע... — זאָגט ווייטער דער קאָלעגע.

— אַ קאָנטראַקציע מאַכן! ס'איז נאָך ניט שפּעט... — ענטפֿערט גיך יוליאַן.

מיט די ווערטער לאָזט ער זיך גיין איבער די בענק, רופֿט אָפּ עט־לעכע מענטשן און שושקעט אין זיי עפּעס אַריין. באַלד לויפֿט איבערן זאַל דורך אַ שטילער געזשום, וואָס וואָרנט וועגן עפּעס און רופֿט צו זיין וואַכ־זאַם.

— וואָס שמייעט איר אַזוי אַרום, קאָלעגע?... וואָס זיצט איר ניט אין אויף קיין אָרט?

יוליאַן קוקט אויפֿן חוצפּהדיקן געזיכט, וואָס שמייכלט צו אים כיטרע־דראָענדיק. דאָס איז פֿאַלקאָווסקי, וואָס האָט אים דאָ ניט לאַנג געהאַט פֿאַר־טשעפּעטביים אַריינגאַנג.

— ס'איז ניט אייער זאַך! — שרייט ער אויס.

— ס'איז יאָ מיין זאַך! היט זיך בעסער אייער בינטל ביינער!...

איידער יוליאַן באַוויזט נאָך צו ענטפֿערן וואַקסן אויס אַרום פֿאַל־קאָווסקין דריי אומבאַקאַנטע פֿאַרשוינען. אַלע פֿיר גייען אַרויס אין מיטן זאַל פּנים־אל־פּנים קעגן די סטודענטן.

— קאָלעגן!

פֿאַלקאָווסקי הייבט אויף די האַנט אין דער הויך, אַ סימן, אַז ער וויל עפּעס זאָגן.

— כ'בין באַשטימט געוואָרן אייך צו מעלדן, אַז אויף זיין נאָר־וואָס אָפּגעהאַלטענער זיצונג האָט דער אָנפֿיר־קאָמיטעט פֿון דער היגער נאַציאָנאַ־לער סטודענטן־פֿאַראייניקונג באַשלאָסן: די יידן פֿון אַלע פֿאַקולטעטן מוזן זיצן באַזונדער אויף די לינקע בענק! אַלע יידן פֿון דעם־אַ זאַל גייען שוין אַריבער אויף לינקס.

— די יידישע קאַלעגן בלייבן אויף זייערע ערטער!

יוליאַן וואַראַנסקי שפּרינגט צו צו פּאַלקאָווסקין און אָוועקשטויסנדיק אים, טוט ער מיט אַ פלאַמיקן בליק אַ שריי אויס צו די פאַרזאַמלטע:

— די סטודענטן־פּלאַסטיקער וואַרפן זיך ניט אונטער קיין שום נידער־טרעכטיקע באַשלוסן!

— עך, דו שבת־גוי!

פּאַלקאָווסקי מיט זיינע חברים דרייען אַרונטער יוליאַנס האַנט אויף הינטן, הייבן אים אויף אין דער לופטן און טראָגט אים צו צוריק אויף זיין אָרט.

— איבערזעצן זיי אויף דער לינקער זייט!

אַ טייל סטודענטן וואַרפן זיך אויף די יידן, באַרען זיך מיט זיי און נעמען זיי איינציקווייז אַרויסשלעפּן פון די ערטער.

— וואָס איז דאָ, מיינע הערן? וואָס איז עס פאַר אַ געראַדער?

פּראָפעסאָר קרוינער שטייט אויף דער שוועל, קוקנדיק פאַרבלעפט אויף דער בהלה אין זאַל. ער שפּאַרט זיך אָן אין טיר, ווי אים וואָלט ניט געסטאַ־יעט קיין כוחות צו גיין ווייטער.

— לויטן באַשלוס פון די נאַציאָנאַלע סטודענטן, הער פּראָפעסאָר, האָבן מיר אַלע יידן איבערגעזעצט אויף לינקס! — זאָגט הויך פּאַלקאָווסקי.

— אַזוי?...

מיט אַ מידן טריט, קיין בליק ניט וואַרפנדיק אויף די שילער, לאָזט זיך קרוינער גיין צו דער קאַטעדרע. אין דער מינוט הויבט זיך יוליאַן אויף פון זיין אָרט.

— הער פּראָפעסאָר! דערלויבט מיר אַ וואָרט צו זאָגן.

— ביטע.

— אַלע, ווענען ס׳איז טייער דער מענטשלעכער כבוד, גייען אויס פּראָטעסט אַריבער צו די יידישע קאָלעגן אויף לינקס! — שרייט אויס יוליאַן.

שטיל אָן איין וואָרט צו ריידן הייבן זיך אויף די סטודענטן און צוזאַ־מען מיט יוליאַנען שטעלן זיי זיך אָוועק לעבן די יידן ביי דער לינקער זייט. אויף די רעכטע ערטער בלייבן בלויז זיצן פּאַלקאָווסקי מיט אַ צוויי צענדליק פון זיינע לייט.

— מיר וועלן נאָך זען!... — צישעט ער מיט כעס אַריבער צו יוליאַנען.

— מיינע הערן, איידער וואָס — ווענט איר מיר דערלויבן אַ פּאָר ווערטער...

פּראָפעסאָר קרוינער לייגט אָוועק אויפן פּולט די רעפּראָדוקציעס פון רובענס ווערק און מעסט מיטן בליק אָפּ זיינע צוהערער. ס׳איז אים די לעצטע צייט, זאָגט ער, ניט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן דאָס משונה־ווילדע וואָרט „געטאָ", אָדער „רעכטע און לינקע בענק". דאָס איז אַ וואָרט, וואָס איז אפשר באַקאַנט דער פּאָליטיק, די געשיכטע פון די הויכשולן אָבער האָט קיין מאָל ניט געוואוסט און ווער, האָפנטלעך, אין דער צוקונפט אויך פון דעם ניט

ווייסן. ער האָט געהערט, אַז אין די פאַקולטעטן פרוואָוון די סטודענטן איינפירן אַזאַ מין זאַך, וואָס איז סותר יעדן באַגריף פון ערע און מענטשלעכקייט. ער האָט אָבער געמיינט, אַז סטודענטן־קינסטלער זיינען הימל־ווייט פון אַזעלכע פרוואָוון. דער גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט מוז מיטן גאַנצן פיבער פון זיין נשמה ליב האָבן דעם מענטשן מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות; אויב ניט — קען ער ניט שאַפן! ער מוז ליב האָבן דעם מענטשן ווי אַזעלכן, וואָסער קאָליר זיין הויט זאָל ניט האָבן, פון וואָסער ליניע זיין קערפּער זאָל ניט זיין געבויט! דעם קינסטלער איז פונקט אַזוי טייער דער גוף פון אַ קריפּל, ווי די האַרמאָנישע געשטאַלט פון אַ מאַדאָנע! דער שווידער־ברום פונעם לייב, ווי דער געצוויטשער פונעם סאָלאָוויי! דער אויסברוך פון אַ וואולקאַן, ווי דער געפּליסטער פון אַ דאָרפישן טייך! אַלע זיינען אים נאָענט, אַלע זיינען אים טייער! רעמבראַנדט, וועלכן מיר האָבן לעצטנס געלערנט, האָט ניט בלויז געמאָלט די הערשנדיקע טיפּן פונעם האָלענדישן פאָלק; ער האָט אויך מיט ליבע פאַראייביקט די גערודפטע מענטשן פון די אַמ־סטערדאַמער יידן־קוואַרטאַלן. שעקספּיר האָט ניט בלויז צעגלידערט די פּסיכיק פונעם פּרינץ האַמלעט; ער האָט אויך זיך פאַרטיפט אין דער נשמה פונעם פאַרפאָלגטן שיילאָק. אָט אַזוי האָט ער, פּראָפעסאָר קרוינער, געמיינט, אָט אַזוי האָט ער געלערנט זיינע תלמידים. האָט ער געהאַט אַ טעות? איז זיין גאַנץ לעבן געווען איין טעות?...

איין מינוט בלייבט דער אַלטער מאַן זיצן שטיל מיטן פּנים איינגעגראָבן אין די דלאָניעס, דאַן הייבט ער זיך אויף און לעגט אָן די האַנט אויפן ראַנד פון פּולט:

— מיר הייבן אָן די לעקציע, מיינע הערן!

9

— צו דעם מוז נעמען אַ סוף, מיין הער!

פּראָפעסאָר קרוינער קלאַפּט מיטן שטעקן אין דיל און זיינע לענגלעכע באַקן רויטלען זיך. ניט ווי געוויינלעך זיינען זיינע מילדע אויגן איצט אויפ־געריסן, פיבערדיק־היציק. עס דוכט זיך: אַ שטאַרק פייערל ברענט איצט ביי אים אויף אין מוח־שיידל און די פלאַמען בלינצלען אַדורך די אויגן־אַפּלען.

אַנדערש דער רעקטאָר גלח וואָראָנסקי. ער זיצט ביי זיך אין קאַבינעט אַקעגן פּראָפעסאָר מיט אַ מויל, וואָס גרייט זיך צו גענעצן. זיין שטענדיקע גערוועזע, אויפרעגלעכקייט איז ווי דורך אַ כישוף־שטעקעלע פון אים אַוועק. ניטאָ ביי אים דער אָנגעצונדענער בליק און גרייטע קריגערישקייט. ער שמייכלט שלעפעריקלעך און אין גאַנצן איז ער ווי אויסגעלאָשן, אָפּגעקראָכן. דורך די שפּעלטלעך פון זיינע האַלב־צוגעשלאָסענע אויגן זאָגט זיין וואָסער־דיקער בליק: „קרעק זיך אַליין... מיר איז איצט גוט!“

— אייער גלייכגילטיקייט איז מיר ניט פאַרשטענדלעך! — זאָגט אָן אויפ־געגרעגטער פּראָפעסאָר קרוינער.

גלח וואַראַנסקי צעלאַכט זיך מיט אַן אויפגעלעגט קול, באַקוועם זיך אָנשפּאַרנדיק אינעם לענוועגטל פון שטול. פּראָפעסאָר קרוינער — אַ קליין קינד. אַ קינדערישע אומהשגה ביי אַן עלטערן, דערפאַרענעם מענטשן. אָבער דער ענין „געטאָ" האָט שוין אַ באָרד — שוין לאַנג געפּאַקט און געמאָזלט אין אַלע אוניווערסיטעטן... אויך זיך דערקאַבערט צום היגן קונסט־אַפּטייל! טאָ וואו איז דער אומגליק? וואו איז דער אומגליק, אויב די סטודענטן־מאָלער וועלן זיך אויך אַ ביסל אַ שפּיל טאָן?... און בכלל: איז עס אַ קריסט־לעכער אוניווערסיטעט, צי ניין? יאָ! האַ? פּאַרוואָס־זשע זאָלן קאַטוילישע סטודענטן ניט נאָר ביי זיך אין אוניווערסיטעט זיין מיט זיך אַליין, מיט די אייגענע טרוימען און געדאַנקען? וואָס? די יוגנט וויל נישט קיין מישמאַש! לוינט זיך צוליב דעם איינצורייסן מיט איר? דער שלום אין איראָפּע הענגט אויף אַ האָר — ווער וועט אונדז פּאַרטיידיקן, אויב ניט זיי?...

— שווייגט!!....

פּראָפעסאָר קרוינער שטעלט זיך אויף מיט אַ צעפלאַמט געזיכט — און זיינע אויגן שפּיזן אַדורך דעם רעקטאָר. ער שפּאַרט זיך אָן אויפן שטעקן מיט ציטערדיקע הענט און פּאַרהוסט זיך. קכע, קכע! דער רעקטאָר — אַ קריסטוס־כהן? אַזוי גרינגשעצן אַזאַ ווילדע געשעעניש? ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ שטעקן. ער וועט שלאָגן! זיך אָדער עמעצן קלאַפּן!... קכע, קכע! דער רעקטאָר — אַ קריסטוס־כהן? נישט בלויז וועגן די יידישע סטודענטן גייט עס אים! ניין! באַוואוסטע זיינען שטענדיק דערהויבן, שטענדיק שיין. אָבער די קריסטלעכע סטודענטן... די וואָס זיצן אויף די רעכטע בענק — זיי... אויס מענטש ווערן זיי! זיי וועלן ניט קענען שאַפן; ניט קענען מאָלן!... זיי וועלן זיך שפּילן אַ ביסל? ניין! טויט אַלס קינסטלער... מיט אַ פאַרדאָרבן האַרץ קען מען ניט שאַפן, קען מען אויך דאָס לאַנד ניט פּאַרטיידיקן! ער האָט אַ שטעקן. ער וועט שלאָגן! זיך אָדער עמעצן קלאַפּן!... קכע! קכע!

— „איך האָב מיין ציל, דוכט זיך, דערגרייכט" — טראַכט גלח וואַ־ראַנסקי, אויפשטעלנדיק זיך. לפנים טוט ער אָן אַ בייזע, אומצופרידענע מינע:

— באַרואיקט זיך און זאָגט קלאָר, וואָס איר פאַרלאַנגט.

— אַ פאַרבאָט פון דער אוניווערסיטעט־מאַכט אָפּצוזונדערן די יידן אין קונסט־אָפּטייל!

— אויב אַ פאַרבאָט — איז פאַר אַלע פאַקולטעטן.

— טאָ זאָל! — זאָגט שאַרף פּראָפעסאָר קרוינער.

— מיר קענען ניט איינרייסן מיט דער יוגנט.

— הייסט עס, אַז דער געטאָ אין קונסט־אָפּטייל בלייבט אַ פאַקט?...

— דאָרט, וואו מען מאַכט אים, בלייבט ער אַ פאַקט — ענטפערט מיט דער גאַנצער רואיקייט דער רעקטאָר.

— מיין הער!

פּראָפעסאָר קרוינער באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו באַהערשן דאָס

נערוועזע ציטערן פון די ליפּן. ער לאָזט זיך גיין צו דער טיר און, שטייענדיק ביי דער שוועל, זאָגט ער, טיף סאַפּעַנדיק, דורך די אַקסלען:

— פון היינט אָן בין איך מער ניט אייערס קיין מיטאַרבעטער!

— אייער מעלדונג נעם איך צו קענטעניש, פּראָפעסאָר.

גלח וואָראָנסקי בלייבט אַליין זיצן אין קאַבינעט. „זיג״ — זאָגן זיינע אויגן, און אויף זיין קיילעכיקן פּנים צעלייגט זיך אַ ברייטער, צופרידענער שמייכל.

10

אויגוסט, 1941.

אויף איינער פון די גאַסן, וואָס פירט צו דער געבוידע פונעם אָרטיקן שטאָב פון דער דייטשער קונסט־פּראָפּאַגאַנדע, רוקט זיך אַ שווערער לאַסט־אויטאָ פול באַלאָדן מיט בילדער. לעבן שאָפער — אַ דייטשער אָפיציר. אין די זייטן פונעם וועג אונטער פּאָליציייאישער שמירה שלייכן גרופּעס יידן מיט מגון־דודס אויף די מלבושים. די שטראַלן פון דער זון, וואָס רייסן זיך פון צווישן די פוך־ווייסע וואָלקנדלעך, צעדריבלען זיך אין ליכט־שטרייפלעך אויף די געפירטע, צעשימערן זיך איבער די געלע לאַטעס, ווי זיי וואָלטן גע־זאָגט: „דאָס האָט מען אַרעסטירט דעם מענטש...״ דאַן טאַנצן זיי אַריבער אויפן לאַסט־אויטאָ, גליטשן זיך אַריין אין די בילדער און באַלייכטן שטיקער געמעלן: „דאָס האָט מען אַרעסטירט די קונסט״...

באַלד פאַרדרייט זיך דער אויטאָ אין אַ זייטיק געסל און פאַרהאַלט זיך מיט אַ גרילץ לעבן אַ צווייטשטאָקיקן בנין. פון דער שאָפערקע שפּרינגט אַרויס דער אָפיציר.

פון אַ קליינער טעקסי, וואָס שטייט לעבן דער געבוידע גרייט אָפּצופאָרן, גייט אַראָפּ אַ דאַרער, נידעריקער דייטש מיט שמאָלע, געלבלעך־ברוינע וואָנציקלעך אויף די ליפּן. דאָס איז דער שעף פון שטאָב, דער מינכענער מאָלער אַלפרעד קאָך. ער באַקוקט נייגעריק די בילדער און פּאַטשט גוטמוטיק דעם אָפיציר איבער דער פּלייצע:

— אָט אַזוי איז גוט... אַלץ צוגענומען דאָרט, ה׳ מילמאַן?

— אַלץ...

— נו, ווי האָט זיך געהאַלטן דער קרוינער?

— אַ מומיע! — צעלאַכט זיך יענער — ער איז געשטאַנען איבער־געדרייט צו דער וואַנט און ניט געוואָלט זען, ווי מיר שלעפּן אַרויס זיינע אוצרות. נאָר ביי יעדן אַראָפּנעמען פון אַ וויכטיק בילד — לויפט ער צו און גליבעט איין דערין אַ פּאָר רויטע אויגן: „רעמבראַנדס רעפּראָדוקציע״... — שעפּטשעט ער — „לעאָנאַרדאָ דע ווינצי...״, „מאַטייקאָ״... און שוין. ער גייט ווידער צו צו דער וואַנט און ווערט צוריק פאַרגליווערט, ווי אַן עגיפּטישע מומיע...

קאָך הערט זיך צו צום אָפיצירס רייד און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. יאָ — זאָגט ער, דאָס איז דער סוף פון די יידן־איינפלוסן: פון זייערע קונסט־אָנשויאונגען, פון זייערע אינטערפּרעטאַציעס!... איצט וועט מען זיך דאַרפן

נעמען צו די שילער פונעם הער קרוינער! אַט איז אַן אויפגאַבע פאַרן לייטענאַנט מילמאַן. צווישן אַנדערע וועט מען דאַרפן ביי יוליאַן וואַראַנסקי זיין. דאָס איז אַ פּעאיקער קערל. אָבער די ווערק זיינע מוזן צעטרעטן ווערן! דאָס בילד זיינס „פעלקער־פרידן" וועט מען דאַרפן אַפּנעמען פון דער היגער קונסט־גאַלעריי. ער, קאָך, האָט אַ געוויסן ציל דערביי. וועגן דעם פּאַרט ער עס טאַקע איצט אַריבער צו דרעסלערן, דעם שעף פון דער יידן־אָפּטיילונג אין דער געהיימער שטאַטס־פּאָליציי.

— אַלזאָ, אויף ווידערזען! — זאָגט קאָך, אַריינזעצנדיק זיך אין דער טאַקסי.

אין קאַבינעט פון שעף פון דער יידן־אָפּטיילונג גייט קאָכן אַקעגן אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער דייטש מיט דיקלעך־אַנגעבלאָזענע, געזשאַבעטע באַקן. דאָס איז דער שטורעמבאַנפירער דרעסלער. ער טרייסלט מיט ביידע הענט דעם מאַלערס פינגער און לאַכט צו אים מיט פעטסקישעלעך פאַרלייגטע אויגן.

— ווילקאָמען, אַך ווי ווילקאָמען...

מיט אַ נידעריקער, באַסאָווער שטימע גיט ער צו עטלעכע העפלעכע ווערטער. ער איז פול מיט באַוואונדערונג, זאָגט ער, פאַר דער ענערגיע, וואָס דער הער קאָך ווייזט דאָ אַרויס אין שטאָט. ער, דרעסלער, קען זיך אויך ניט באַקלאָגן אויף לײדיקגיין. אין משך פון צוויי חדשים אַקופּאַציע האָט ער מיט אַן אייזערנעם בעזעם געריייניקט צווישן די היגע יידן... אויפן קונסט־געביט העלפט אים צו דער הער קאָך — זייער אָנגענעם!

קאָך שניפעט מיט פאַרגעניגן דעם ווײַרויך, וואָס עס דעמפט פאַר אים דער שטורעמבאַנפירער און זיינע שמאָלינקע וואָנציקלעך הייבן זיך פון הנאה. יאָ — זאָגט ער. אויסרייניקן די קונסט — דאָס איז זיין הייליקסטער חוב. וועגן דעם איז ער טאַקע געקומען צו דרעסלערן. אַט ליקווידירט ער איצט אַזאַ קראַפט, ווי ס'איז דער יידישער פּראָפעסאָר קרוינער — די קראַפט מיט די אונטערקרעפּטלעך זיינע! אַזאַ אונטערקרעפּטל איז זיין שילער יוליאַן וואַראַנסקי. אַ קליין העכטעלע, וואָס וואָלט איבערגעוואַקסן זיין לערער, אויב מען וואָלט אים צו לאַנג לאָזן שווימען אין וואַסער... אַרויסציען אים אויף דער טריקעניש און — ער וועט ווערן דערשטיקט!

— דאַרף מען אים אַרויסציען!... — זאָגט דער שטורעמבאַנפירער.

קאָך איז ניט מסכים. אַט וועגן דעם גייט עס טאַקע. פאַרוואָס באַלד אים דערשטיקן? פאַרוואָס ניט לאָזן אים דערווייל צאַפּלען זיך, וואַרפן זיך אין אַ מין אַקוואַריע מיט אַ קליינטשיק ביסעלע לופט?... האַ? פאַרשטייט עס דער הער דרעסלער? אַט קען מען זיין אַנטי־היטלעריסטיש בילד „פעלקער־פרידן" פשוט נעמען און פאַרניכטן. אָבער פאַרוואָס ניט צווינגען אים, דעם וואַראַנסקין, אַליין עס צו ליקווידירן? אַליין מיט די אייגענע הענט, צום ביישפּיל, זאָל ער „פעלקער־פרידן" איבעראַרבעטן אויף „פעלקער־קריג", און דאַן...

— וואָס דאַן?

— און דאַן אים אַרויפּציען אויף דער טריקעניש...
— פּרעכטיק!
שטורעמבאַנפירער דרעסלער צעלאַכט זיך הויך און ברוסטיק. „פּעלקער־קריג" אַנשטאָט „פּעלקער־פרידן" — דאָס איז אַן איינפאַל! הער קאָך איז אַ מייסטער אויף זיין פּאָסטן. אָבער ער, דרעסלער, שאַצט זיך זעלבסט אויך ניט נידעריק. ער האָט אויך איינפאַלן. ווי אַ שעף איבער די יידן־ענינים קען ער גוט דאָס געזינדל קרוינער. זיין שילער וואַראַנסקי איז ניט בלויז אַ בונטאַרישער מאָלער, ער איז אויך אַן איידעם פון אַ ייד, טאַקע פון דעם זעלבן קרוינער. די געמישטע חתונות זיינען אין סתירה מיטן ראַסן־פּרינציפּ. מע דאַרף מאַכן, אַז זיי זאָלן זיך פון זיך זעלבסט צעפאַלן. עס וועט הייסן: אַ באַוועגונג אין פאָלק, אין זיינע סאַמע טיפענישן! איז אָט אין וואָס עס באַשטייט זיין איינפאַל: דער זעלבער וואַראַנסקי, דער באַקאַנטער געשעצטער מאָלער, זאָגט זיך עפנטלעך אָפּ פון זיין יידישער פרוי. וואָס פאַר אַן אויפרודער אין דער געזעלשאַפט! ווי קאָרטנשטיבלעך וועלן זיך נעמען פאַנאַנדערפאַלן אָט די אַלע געמישטע פאַמיליע־נעסטן, און דאָס — אַן שום צוואַנג פון אויבן...
— און וואָס טאָן דערווייל מיטן אַלטן קרוינער?
— מיר מאַכן די טעג פאַר די רעשט לעבנגעבליבענע יידן אַ געטאָ. ביז וואָס־ווען וועט ער גיין אַהין...
— האָבן מיר זיך צונויפגערעדט? — זאָגט קאָך, געזעגענענדיק זיך.
— יאָ, — ענטפערט שטורעמבאַנפירער דרעסלער, פעסט דריקנדיק דעם מאָלערס האַנט.

11

צי איז די צייט שולדיק אין דעם? די צייט?
דורך דער האַלב־אָפּגעקראַכענער, פאַלירטער שפּיגל־שויב, וואָס הענגט אין ווינקל פון ענגן צימערל, זעען זיך די מטושטשדיקע קאַלכפלעקן פון די ווענט און אַ גרויסער, ווייסער קאָפּ...
פּראָפעסאָר קרוינער טראַכט, אַז די סאַמע פאַנטאַסטישע אידעע אין דער קונסט קען אַמאָל ערגעץ אין לעבן קריגן איר תיקון. דאָריאַן גריי וואָלט אפשר אויף אַ שטילן אינדזל געקענט אייביק יונג זיין... אָט האָט ער, קרוינער, ביז זומער 1941 באַוויזן איינצוהאַלטן די פרישקייט פון געפיל און דעם לעבעדיקן צאַפּל פאַר שיינקייט, הגם ער איז שוין איבער די 60קער. אָבער דריי חדשים שאַנד זיינען גענוג אויף אַלט צו מאַכן אַ פינפיאָריק קינד!
— אַ בריוו פאַר אייך, פּראָפעסאָר.
די אַלטיטשקע פרוי, וואָס פירט זיין שטוב־ווירטשאַפט שוין דאָס דריטע יאָר זינט סוליע האָט חתונה געהאַט פאַרן מאָלער יוליאַן וואַראַנסקי, קוקט מיט קלעמעניש אין האַרצן אויף דעם איינגעקאַרטשעטן, פיינלעך־שווייגנדיקן מאַן. זינט מען האָט אים אַריינגעטריבן אין געטאָ האָט ער כמעט אויפגעהערט תופס צו זיין, וואָס מע רעדט צו אים. עטלעכע מאָל קען מען

אים עפּעס איבערפרעגן — און זיין איינגעשרומפּענער קערפּער ציטערט אויף, בכדי באַלד צוריק זיך איינצושליסן אין זיך. „אַז דאָס גרויסע קומט אום, וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס טאָג־טעגלעכע" — זאָגט זיין אין זיך פאַרקוקטער בליק.

— איר וועט אפשר איבערלייענען?

— האָ? וואָס?...

ער נעמט דעם בריוו פון דער אַלטערס האַנט און גייט צו צום פענצטער. דאָס איז געשריבן פונעם פּוילישן אַרכעאָלאָג ד״ר מאַלעוויטש, אַ געוועזענעם אוניווערסיטעט־קאָלעגע. נו, וואָס? ער שאָקלט מיטן קאָפּ און אַ ביטערע גרימאַסע לייגט זיך אים אויפן געזיכט. קען ער דען אָננעמען מאַלעוויטשעס פאָרשלאָג אַראָפּצוקומען צו אים אין דאָרף אויף באַהעלטעניש? מעג ער דען איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט די טאָכטער מיטן איידעם, וואָס אַלע פּורעניותן האָבן זיך אויף זיי פאַרלייגט? דערלויבט אים זיין ערע זיך צו דערווייטערן פון אָט דעם שוידערלעכן, אָפּגעשלאָסענעם קוואַרטאַל, וואו טויזנטער יידן זיינען פאַרמשפּט צום טויט? מענטשלעכע ווירדע האָט אַ ווערט נאָר דע־מאָלט, ווען מען קען זי אָפּן אַרויסווייזן, אַפילו ווען ס׳קומט אויס צו באַצאָלן דערפאַר מיטן לעבן!

אַ באַשיצטער קערפּער אָן ווירדע, דאָס איז אַ גייסטיקער טויט — מורמלען זיינע ליפּן, בעת זיינע ציטעריקע פינגער צערייסן דעם בריוו. יאָ, קעגן ווילן פון ד״ר מאַלעוויטש שטעקט אין זיין פאָרשלאָג אַ באַליידיקונג... ער איז גרייט פּראָפעסאָר קרוינער! מיט אַלע רמח אברים וואַרט ער אויף דער מינוט, ווען אַלץ וועט זיך ענדיקן. דאָס וועט זיין אַ באַשטימטער גבול, אַ סוף־פּונקט פון אַ קלאָרן לעבנסוועג. די הונדערטער תלמידים מיט ליבשאַפט צו שיינקייט, צו קונסט; דער מוטיקער קאַמף פאַר דער פרייער שאַפונג; צום סוף: דער טויט ווי אַ ייד צווישן אָט די אומשולדיק פאַרפייניקטע מענטשן, — דאָס איז איין שורה פון פריידן, וואָס האַלטן נאָך אונטער זיינע כוחות, דער גורל פון די קינדער — אָט וואָס עס פאַרביטערט אים זיינע לעצטע טעג!

אַ קלאַפּ אין טיר — און אַ געשטאַלט אין אַ סוטאַנע פאַרהאַלט זיך אויף דער שוועל. פּראָפעסאָר קרוינער הויבט זיך אויף פון שטול און גייט אַקעגן דעם גלח וואָראָנסקי מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

— איר וועט מיר מוחל זיין, פּראָפעסאָר, וואָס...

— ניטאָ וואָס מוחל צו זיין... אַלץ אין דער וועלט איז מעגלעך. ביטע נענטער!

גלח וואָראָנסקי ווישט זיך דעם שוייס פון פּנים און קוקט זיך אַרום אינעם קליינעם צימערל. יאָ, דאָס איז עס — מורמלט ער. און קנייטשט, ווי פאַר־לעגן, דעם שוואַרצן הוט אין דער האַנט. זאָל אים דער פּראָפעסאָר ניט שלעכט פאַרשטיין, אויב ער וועט אים ניט אויסדריקן מיטגעפיל אין... זיין שווערן מצב. עס קלעקט ניט קיין מוט... וואָס זאָגן דען ווערטער? זיי האָבן ביידע אַמאָל געפירט אַ קאַמף פאַר דער נשמה פון דער יוגנט. ביידע האָבן זיי דעם קאַמף פאַרשפּילט! געקומען אַ דריטע קראַפט—אַ טייוולאַנישע—

און צערייבט אַלעמען: די יידן און די קירך! פּראָפעסאָר קרוינער זיצט אין געטאָ, און די שילער פון די קאַטוילישע סעמינאַרן אין די תּפיסות. ער, דער גלח וואָראַנסקי אַליין, איז איצט אויך אין דער גרעסטער סכּנה... צו וואָס טויגן ריידן? בעסער גלייך צום ענין. ער האָט זיך אַריינגעגנבעט, דער גלח וואָראַנסקי. אַריין אין געטאָ — כּלומרשט דאַרף ער צו אַ יידישן מעדיקער... זיך היילן. אָט אַזוי איז ער געקומען צו קרוינערן.

— פּראָפעסאָר, עס גייט וועגן לעבן פון אונדזערע קינדער!... — זאָגט ער מיט אַ ציטעריקער שטים.

פּראָפעסאָר קרוינער הערט זיך צו, האַלטנדיק פאַרמאַכט די אויגן. ס'איז קענטיק, אַז דער מענטש ליידט טאַקע — טראַכט ער. אין זיינע רייד קלינגען אויפריכטיקע טענער. די שווידערלעכע צייט האָט אַפילו דאָס האַרטסטע האַרץ שפּירעוודיק געמאַכט...

— רעדט אַלץ אַרויס... אַלץ ביזן סוף.

— אייער טאָכטער איז אין טורמע...

קיין קלאַנג, קיין באַוועגונג. דעם פּראָפעסאָרס גוף איז ווי פאַרשטאַרט אין שטול. בלויז די ווינקלען פון מויל צוקן קראַמפּהאַפט, ווי געשטאָכן פון אינעווייניק מיט אַ נאָדל.

— אַלץ ביזן סוף... — פּליסטערן זיינע ליפּן.

— זיי פאָדערן פון יוליאַנען אַ געשריפטס, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון איר! זיי דראָען אים מיט אַרעסט...

ער בייגט זיך איין איבערן פּראָפעסאָרס ווי פאַרגליווערטן קערפּער. מען דאַרף ראַטעווען, וואָס מען קען, און — מיט אַלע מיטלען. יוליאַן איז שטאָלץ, ער וועט מיט זיין פעטער דעם גלח איצט ניט וועלן רעדן. איין קרוינער האָט אויף אים אַן איינפלוס. ווי אַ צעשיידטער מאַן וועט ער זיין געראַטעוועט. דעמאָלט וועט ער גיכער קענען אַרויסהעלפן סוליען... אויב ניט, זיינען זיי ביידע פאַרלוירן!

— וואָס ווילט איר פון מיר?

— אַ בריוו צו אייער איידעם, ער זאָל געבן די אונטערשריפט.

— כ'וועל אַליין זיין ביי אים.

— אָבער ווי אַזוי? פון געטאָ? ווי אַזוי וועט איר ריזיקירן?...

— כ'וועל אַליין זיין ביי אים... — זאָגט נאָכאַמאָל פּראָפעסאָר קרוינער, ניט אויפמאַכנדיק די אויגן, און ביידע קעגנער בלייבן נאָך זיצן אַזוי אַ שטיקל צייט, ניט אויסרעדנדיק מער קיין וואָרט.

12

— קינד מיינס...

פּראָפעסאָר קרוינער טוליעט צו זיין ברוסט דאָס קרייד־ווייסע געזיכט פונעם יונגן יוליאַן. אין דער טונקלקייט פונעם האַרבסטיקן פאַרנאַכט צע־שווימען די קאָנטורן פונעם צימער און די מעבל־שטיקער זאַפּן זיך איין

אינעם אָנקומענדיקן חושך. אָט זאָל יוליאַן זען — שעפּטשעט ער, — ווי ער אַלײן, דער פּאָטער אירער, נעמט אויף מענעריש־שטאַרק די ידיעה. ער האָט זיך געשאַרט אַהער דורך די גאַסן, שפּאַרנדיק זיך צו די מויערן, ווי אַ פאַרפאַלגטער פאַרברעכער. נו, איז וואָס? מעג מען וויינען, קלאָגן אויף אַ פערזענלעכן אומגליק, בעת עס קומט אום אַ וועלט, און... דער גרויסער פלאַם פון אָט דער וועלט — די פרייהייט?...

יוליאַן רעדט מיט פאַרשטיקטע טרערן. ניין! דעם קלאַפּ וועט ער ניט איבערלעבן. זיי האָבן מיט אַ חודש צוריק פאַרניכטעט זײַן אַטעליע, מיט די שטיוול געטראָטן זײַנע ווערק; יענע וואָך האָבן זיי מיט ברוטאַלן חוזק זײַן בילד „פעלקער־פרידן" פון דער שטאָטישער קונסט־גאַלעריי אַראָפּגעריסן און עס אַוועקגעשלעפּט אין זייער שטאַב. דאָס אַלץ וואָלט ער נאָך איבערגעהאַלטן! סוליעס אַרעסט אָבער — דאָס איז שוין איבער זײַנע כוחות!... איר דראָט אַ טויט־געפאַר. מיט צינישער אָפנקייט זאָגן זיי, אַז זיי טוען דאָס, כּדי אָנצולערנען אַלע געמישטע משפּחות...

אין צימער הערשט אַ גליווערנדיקע חושכות. צוויי מענערישע הערצער שליסן זיך אויף עטלעכע מינוט אײַן אין זיך זעלבסט... ענדלעך וועקט זיך דער פינצטערער אַרום איבער פון אַ שטילן זיפץ.

— דיר שטייט נאָך פאָר אַ גרויסער נסיון, מײַן קינד.

דער פּראָפעסאָר דערציילט אין קורצע ווערטער וועגן וויזיט פון יוליאַנס פּעטער. ער איז גערעכט דער רעקטאָר. אונטערשרייבנדיק די פאַרפליכטונג, וועט יוליאַן אפשר פיל מער קענען העלפן סוליען... ווי אַ געגטע פרוי וועט זי טיילן דעם גורל פון אַנדערע ייִדן: אַ געטאָ, אַן אַרבעטס־לאַגער — אָבער לעבן וועט זי דערווייל אפשר... איז פאַל פון אַן אָפּזאָג אָבער דראָט דאָך אים אַליין די זעלבע געפאַר, וואָס איר. און יוליאַן דאַרף און מוז לעבן! בעת גרויזאַמע שטורעמס האָט די קונסט אַ סך מאָל זיך אויפגעהיט פאַר דער מענטשהייט אַ דאַנק ניצול געוואָרענע יחידים...

— דאָס זאָגט פּראָפעסאָר קרויגער??

ניט קיין תּלמיד, נאָר אַ שטרענגער שופט שטייט איצט איבערן אַלטן לערער און קוקט אים מיט האַרבן פאָרוואורף אַרײַן אין פּנים. איין טרער פון אַ געפּייניקט קינד וועגט איבער אַלע קונסט־ווערק פון דער מענטשהייט! וואָס איז שאַפונג, וואָס איז קונסט אָנעם מענטש? דאָס קלאַפּן פון זײַן האַרץ וועקט זיי אויף, דאָס וואַרעמע בלוט נערט זיי! עס גייט אונטער דער מענטש — זאָל אומקומען די קונסט!...

— ליבינקער... — הערט זיך אַ צעווייקט, דורכגענומען קול.

יאָ, סוליע... — פיבערט ווייטער יוליאַן. ער איז גרייט פאַר איר דאָס לעבן צו געבן. אָבער די פאַרפליכטונג, דאָס איז דאָך נאָר אַן אויסרייד! פאַרשטייט דאָס ניט דער פּראָפעסאָר? די מנוולים ווילן זיי ביידע צעשיידן, פאַרן טויט עפּנטלעך באַשמוצן... וועלן זיי אַרויסלאָזן פון דער האַנט יוליאַנען מיט זײַנע בונטאַרישע קונסט־מאָטיוון? זיי, וואָס האָבן זייערע אייגענע קונסטווערק אויפן שייטערהויפן געברענט! און סוליע?... די ייִדישע פרוי פון אַן אַריער?...

פראָפעסאָר קרוינער רעדט שוין ניט מער. די לעצטע האָפענונג פאַר־לאָשן — רודערט עס אין זיין מוח. איצט בלייבט אים איבער וואָס גיכער זיך אַריינצוזאָגיסן אינעם ניטזיין... אַלץ איז געענדיקט, אָפּגעטאָן. פונקט!

— מיר וועלן זיך, דוכט זיך, שוין מער ניט זען, מיין קינד...

— לערער!... — הערט זיך אַ כליפּענדיקער ברום.

דער אַלטער מאַן בייגט זיך איין און פרעסט צו די ליפּן צום תלמידס שטערן. נאָך אַ רגע—און זיין ניט דייטלעכער סילועט ווערט איינס מיט דער פינצטערניש...

13

— איך באַוואונדער אייך, מאַדאַם!...

דער שטורעמבאַנפירער דרעסלער פאַרנייגט זיך עלעגאַנט און וויזט אַן סוליען אויף אַ שטול. ער ברענגט אין אָרדענונג ס׳שרייב־געצייג אויפן טיש און זיין געזיכט שמייכלט מיט אַלע קנייטשן. זאָל זי זיך ניט אַזוי שרעקן פאַר אים. ער איז גאָרניט אַזאַ מענטשן־פרעסער, ווי עס דוכט זיך אויפן ערשטן בליק. די ניט עסטעטישע לעכער אויפן פּנים — דאָס איז נאָך ניט זיין האַרץ, אָ, ניין! ער איז אַמאָל ברוטאַל? אַמטלעך, פּראָפעסיאָנעל, אָבער ניט מחמת געפילן! ער האָט אין דייטשלאַנד אַ פרוי מיט צוויי בלאָנדע פּעמפּעקלעך. ער איז אַ מאַן און אַ פאָטער. אַזוינער קען קיינמאָל ניט פולברוסטיק לאַכן פון יענעמס אומגליק. דאָס קען נאָר אַ האַלידריגע, אַ ניט־געבונדענער הפקר־יונג. אַחוץ דעם שטייט פאַר אים דאָס סאַמע גראַציעזסטע באַשעפעניש אין דער וועלט. אַן איבערטרייבונג: די יידן איבערראַשן טיילמאָל אַ דייטשן מענטשן מיט זייערע טיפן! אַ סך מאָל פאַרביילסטו די פינגער אין אַ פויסט; אָבער אָפט בלייבסטו שטיין אַ געפּלעפטער פאַר דער סאַמע הערלעכסטער גע־שטאַלט, וואָס דאָס־אַ פאָלק גיט אַרויס פון זיך...

— איר האָט מיך גערופן אַהער, מיין הער...

די יונגע פרוי זיצט איינגעהילט אינעם מאַנטל מיט אַ שאַלעכל אויפן קאָפּ. זי פאַרגראָבט די קליינע, פרירנדיקע הענט אין שויס און באַמיט זיך איינצוהאַלטן ס׳אָפטע אויפשוידערן פון איר לייב.

— ס׳איז אייך קאַלט? — פרעגט ער מיט אַ ווייכער שטימע.

סוליע הערט מיט איבלדיקער פריקרעקייט דעם מיטפילנדיקן גע־פּרעפּל פונעם דייטש. ער פאַרענטפערט זיך פאַר די שלעכטע תּפיסה־באַדינ־גונגען, פאַרן שמוץ. אין דעם איז שולדיק דער קריג, נאָר דער קריג! אַי־בעריקנס... די פלעקן פון אירע קליידער מינערן גאָרניט פון איר חן. אין דעם מעג זי זיין זיכער. פאַרקערט: אין דער וואַקסענער צערע פון איר געזיכט איז איצט דאָ עפּעס רירנדיקס, ווי ביי אַ מאַדאָנע... זי איז נאָך יונג און געזונט און קען צוריק אויפבליען, ווי אַ רויז אויף דער זון. ס׳איז בלויז אין איר גע־ווענדט, בלויז אין איר!

— וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?

— איר וועט אונטערשרייבן אַ פאַרפליכטונג, דאָס איר גייט זיך פאַ־נאַנדער מיט אייער ניט־יידישן מאַן.

— ניין! — שרייט זי אויס און אירע בלאַסע באַקן פאַרציִען זיך מיט קרענקלעך־רויטע פלעקן.

ער קלערט אַ ווײַלע, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און ציט זיך אויס אויף דער שטול. יאָ — זאָגט ער, איר ענטפער האָט אים נישט איבערראַשט. זי איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו איר פאָטער מיט זיין אומבייגעוודיקן שטאָלץ. אדרבה: ער, דרעסלער, וואָלט געוואָלט טיף אַנטוישט, ווען אין אַזאַ הערלעכן קערפּער זאָל וואוינען אַ קליינע זעלע — אַ נעבעכדיקע, אַן אונטער־טעניקע. וועט ער דערפאַר זיין אָפנהאַרציק: דאָס רעדן צו איר לעבנס־אינס־טינקט איז געווען ניט מער ווי אַ פּרוואו! אַ שלעכטער, ניט דורכגעטראַכטער פּרואוו. ביי פיל מענטשן האָט זיך אַזאַ טריוק לייכט איינגעגעבן. אינעם איצטיקן פאַל מיט איר איז עס אָבער אַ פעלער. אַ ניט פאַרגעבלעכער פעלער!

— מאַדאַם, אין די נאָענטסטע טעג וועט איר שטאַרבן...

ער קוקט אויף אירע לאַנגע וויעס, וואָס פאַרשטעלן פון אים איר בליק. אָבער אין זייער אומבאַוועגלעכקייט איז ניכר די רואיקייט פון איר געמיט. ער באַמבלט ווי צעשטרייט מיט די פינגער אויפן טיש און נעמט ווייטער רעדן. אַזוי איז עס. דאָ לאָזט זיך גאַרניט מאַכן. זי איז די טאָכטער פון אַ דורכאויס שעדלעכן מענטשן און זי וועט מוזן טיילן זיין גורל. אָבער דאָ גייט וועגן לעבן פון אַ צווייטן מענטשן. איר אונטערשריפט וואָלט אפשר יענעם יאָ געקענט ראַטעווען. לויט אַלע ידיעות וועט דער פאַרצוויפלטער יוליאַן וואָראַנסקי זיך פון איר ניט אָפזאָגן. וואָס דערוואַרט אים דעמאָלט? דאָס זעלבע וואָס איר און דעם פּראָפעסאָר קרוינער!... איר אונטערגעשריבענע פאַרפליכטונג אָבער קען אים אַ וואָקל טאָן אין זיין באַשלוס. ער וועט זי שלעכט פאַרשטיין; מיינען, אַז זי ציטערט איבער איר לעבן און — ער וועט אונטערשרייבן, כדי זי צו ראַטעווען... דעמאָלט אָבער איז ער אַליין אַ גע־ראַטעוועטער!...

— ווי טייוולאָניש, ווי עקלדיק דאָס איז אַלץ! — מורמלען אירע ליפּן.

— איר וועט אונטערשרייבן די פאַרפליכטונג, מאַדאַם, — זאָגט ער, דערלאַנגענדיק איר אַ בייגעלע פּאַפּיר.

— „אפשר וועט דאָס אים אַרויסהעלפן“ — לויפט אַדורך אין איר אַ גע־דאַנק, בעת איר האַנט באַוועגט זיך ציטעריק אויפן פּאַפּיר.

— כ׳האָב געענדיקט! — זאָגט זי.

ער קלינגט אָן:

— אָפּפירן די פּרוי אין צעלע!

14

— כאַ, כאַ, כאַ! כאַ, כאַ, כאַ!...

דאָס געשטופּלטע פּנים פון שטורעמבאַנפירער דרעסלער ווערט אַזש טונקל־רויט פון דער אַנגעלאָפענער בלוט־כוואַליע, וואָס דראָלט אים אַן די

אויערן אויפן קארק און קיצלט אים אין האלדז. זיין דיקער, קײלעכיקער בויך מיטן האקנקרייץ אויף דער ברוסט טרעסלט זיך אים פון געלעכטער. ערווארפט זיך אגידער אויף דער געבעטער, פלושענער שטול און קוועטשט צו די האנט צום הארצן, ווי ער וואלט וועלן פארהאלטן דעם לאך־אנפאל, וואס רייצט אים די געדערים ביז צום פלאצן.

— דאס איז א צירק, כא, כא, כא! א פרעכטיקע פארשטעלונג...

— איך פארשטיי ניט מיין הער, כ׳פארשטיי גארניט... — זאגט דער יונגער ווארשאנסקי, קוקנדיק אומרואיק אויפן דייטש.

— איר פארשטייט ניט?

דער שטורעמבאנפירער דרעסלער גיט א שטופ אפ אויף הינטן די שטול, רוקט ארויס א שופלאד פון טיש און טוט א פאכע מיט א בלאנקעדיק פאפירל אין דער האנט.

— איצט וועט איר שוין אפשר פארשטיין... נאט!

יוליאנס פינגער ציטערן, בעת ער נעמט ס׳פאפירל מיט די דראבנינקע אותיותלעך פון סוליעס האנט־שריפט. אין די אויגן שווינדלט אים און ער קען בשום־אופן ניט כאפן דעם זין פונעם געשריפטס. וואס פאר א טײוולאנישער איינפאל! וואס הייסט דאס?...

— איר ווילט זיך ניט שיידן מיט איר?... איר זענט שוין צעשיידט, מיין הער! אויף שטענדיק!...

יא... — טראכט יוליאן, קוקנדיק אויפן באקאנטן כתב אינעם פאפיר. סוליע זאגט זיך אפ פון אים — אזוי שטייט שווארץ אויף ווייס. „זי, די אונטערגעשריבענע, פילט זיך אליין שולדיק אין דעם. וואס דער אריער יוליאן ווארשאנסקי איז געווארן איר מאן. זי שיידט זיך אפ פון אים און ער האט די פולע פרייהייט צו לעבן, ווי אים געפעלט...״ אט דאס איז סוליע! איר ליב־שאפט צו אים, איר געלוסט אים צו ראטעווען זעט מען בולט אין די־א קורצע זאצן. אין דער זעלבסטבאשולדיקונג שפיגלט זיך אפ די גאנצע ריינקייט פון איר נשמה... דאס פארשטייען זיי ניט, די מנוולים.

— זי האט רעכט צו טאן, ווי זי וויל, אבער איך... שרייב ניט אונטער!

— זאגט פעסט יוליאן, קוקנדיק דעם דייטש גלייך אין די אויגן.

— מיר וועלן דיין „איך״ ווי א ווארעם צעקוועטשן. — סיטשעט דער שטורעמבאנפירער ארויס און שטעלט זיך פלוצעם אויף.

ער לאזט זיך גיין איבער דער שטוב מיט א בייזן טריט, הויך סקריפענ־דיק מיט די שטיוול. זאל ער, דער מאלער ווארשאנסקי, ניט מיינען, אז מען וועט אים פאלן צו די פיס. אפילו אז ער וועט אונטערשרייבן די צעשיידונג מיט זיין יידישער פרוי, איז דאס אויך נאך ניט אלץ! זיין קאלעגע, דער דייטשער מאלער קאך, האט אויך צו אים טענות. זיין טרויעריק־בארימט בילד „פעלקער־פרידן״ וועט אים גלאט ניט אפגיין. ווען ניט זיין באקאנטער נאמען, וואלט ער שוין לאנג זיך געהוידעט אויפן שטריק פאר זיין איינגעשפארטקייט. אין דעם איז מסתם שולדיק זיין יידישער שווער, דער פראפעסאר קרוינער! אחוץ בונטארישע אידעען האט ער אין אים איינגעפלאנצט ווידערשפעניקייט לגבי

דעם געזעץ! דער חסד און געדולד, וואָס מען ווייזט אים אַרויס, איז נאָר צוליבן ווינטשנסווערטן אָפּקלאַנג, וואָס דער פרסום פון זיין אונטערגעשרי־בענער צעשיידונג וואָלט געהאַט אין שטאָט. אָבער זאָל ער ניט אַריבערציִען די סטרונע! ווייל אָחוץ פאַרברעכן איז עס שוין פּרעכקייט...

— פאַר פאַרברעכנס — אַ קויל אין קאָפּ, און פאַר חוצפּה — פליאָסק אין דער מאָרדע! — קריצט ער מיט די ציין, אָנווייזנדיק אויפן געפלאַכטענעם שפּיצרוט לעבן זיך.

— איך שרייב ניט אונטער, מיין הער!...

— אַ־האַ!...

דרעסלער שפּאַרט זיך שווער אָן אין טיש, פאַרזשמורעט דראָענדיק אַ אויג און רעדט פּאַמעלעך אַרויס, שטיף צודריקנדיק די פינגער צום בלאַט:

— און אַז מיר וועלן אייך שיקן דאָרט, וואו מיר האָבן אָקאָרשט משלח געווען דעם יידישן פּראָפעסאָר מיט זיין טאָכטער — וועט איר אונטער־שרייבן?...

— וואָס? וואָס?... — שטאַמלט יוליאַן מיט אַ ווייס פּנים.

— אויף יענער וועלט... — זאָגט דער דייטש, אַ ווינק טוענדיק מיט אַ ברעם איבערן אויג.

מיט אַ שפּאָטיש־נקמהדיקן בליק באַטראַכט ער ס׳בלייכע געזיכט פונעם מאָלער, וואָס האָט זיך האַסטיק אַ ריס געטאָן פונעם אָרט. ער ציט אַרויס אַ ריין בייגעלע פּאַפּיר, לייגט עס אַנידער פאַר יוליאַנען און שטרעקט צו אים אויס די פעדער.

— לומפּ! — שרייט אויס יוליאַן מיט אַ פאַרצווייפלטער שטים.

— אַזוי?...

דער שטורעמבאַנפירער שטייט אַ ווײַלע ווי פאַרקלערט. דאַן דרייט ער זיך רואיק אויס צום דערנעבן הענגענדיקן שענקל, גיסט זיך אָן אַ קעלישיקל רום און ליידיקט עס מיט איין שלונג אויס. גוטער רום! — זאָגט ער, טשמאָ־קענדיק מיט די ליפּן. וועט אפשר וואָראָנסקי אויך טרינקען אַ קעלישיקל?... ער, דרעסלער, איז גרייט צו פאַרגעסן, אַז מען האָט אים נאָר וואָס שווער באַליידיקט. ביטע... וואָס? ניין?... טאָ איז ניט! איז צוריק ווי פריער! ער נעמט דעם שפּיצרוט אין דער האַנט און מיט דער דינער זייט, סוואַשטשעט מיט אים איבערן שטיוול און קוקט ווי כלאחר־יד אויף יוליאַנען.

— אַזוי?... — זאָגט ער פלוצעם נאָכאַמאָל.

אַ זעץ טוענדיק מיט דער גראָבער זייט וואָראָנסקין אין פּנים אַריין, שלייַ־דערט ער אים אום, שפּרינגט צו צו דער טיר און שרייט אַרויס אויפן קאָ־רידאָר:

— הער קאָך, ביטע אַהער!

פון אַ דערבייאיקן צימער קומט אַריין דער מאָלער קאָך. ער קלאַפּט צו די פּיס איינעם צום צווייטן און קוקט מיט בייגעריקע אויגן אויפן ליגנדיקן.

— איר וועט זיך אפשר פּערזענלעך באַקענען מיט אייער קאָלעגע, דעם מאָלער יוליאַן וואָראָנסקי, און מיר פאַרגעבן, אויב כ׳האָב דורך אַ ניט גאָר

איידעלן גלעט איבער זיין צורה באַלידיקט די געאַכטעטע פּראָפּעסיע פון מאָ־לערײַ, צו װעלכער אויך איר געהערט...

— דער־אַ קאָלעגע האָט שוין פון לאַנג אַליין באַליידיקט אונדזער באַרוף, הער שעף! — ענטפערט דער דייטש מיט איראָניע.

— אינטערעסאַנט, קאָך.

— אַט האָט ער אַמאָל אויף זיין געמעל „פעלקער־פרידן”, וואָס מיר האָבן איצט צוגענומען פון דער היגער בילדער־גאַלעריי, פאַרגעשטעלט, ווי יידן, כינעזער און ציגיינער קושן זיך אין די פּיסקעס... דאָס איז אַ שווערע „באַליידיקונג” פאַר דער קונסט! אַלצאיינס האָט ער דאָך געקענט אויך אריינ־שטעלן אַ... דייטש אין מיטן?

ער גייט צו צו יוליאַנען, וואָס ווישט זיך אויפן דיל אָפּ דאָס פליסנדיקע בלוט פון מויל און, אָנבייגנדיק זיך צו אים — זאָגט ער מיט חוזק אין דער שטימע:

— אויף אייער בילד פעלט נאָך אַ דייטש, קאָלעגע. אַ קניענדיקער דייטש... ביטע זיך אויפשטעלן!

ער וואַרט ביז יוליאַן הייבט זיך אויף פון דער ערד, וויזט אים אָן אויף אַ שטול און זעצט זיך אַנידער אַנטקעגן אים. די פאָדערונג, וואָס דער שעף דרעסלער האָט אַרויסגעשטעלט, דאָס איז איין זאַך. ער, קאָך, האָט אין נאָמען פון דער היגער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג אַ צווייטע פאָדערונג: עפנטלעך אָפּרופן דאָס בילד „פעלקער־פרידן”! אָפּרופן עס אַזוי צו זאָגן אידעאיש, ענדערנדיק טעכניש עטוואָס דעם סוזשעט. דער דייטשער קונסט־פּראָפּאַגאַנדע איז גוט באַוואוסט דער שעדלעכער רושם, וואָס דאָס ווערק האָט נאָך פאַרן קריג געהאַט דאָ אין לאַנד. וואַראַנסקי ווייסט דאָך מסתם, אַז ער האָט געהאַט אַמאָל אָנגעשריבן אַן אָפּשאַצונג פון זיין בילד אין איינער פון די מינכענער צייטונגען. סיי לויטן מאָטיוו, סיי עסטעטיש איז עס אין פולער סתירה צו די אָנשויאונגען פון דער נייער שעפערישער היטלער־קונסט. עס ווירקט צעשטערעריש אויפן ראַסן־חוש פון פּובליקום; עס דעמאָראַליזירט דעם קעגנ־זייטיקן, אָרגאַנישן ווידערגעפיל, וואָס לעבט צווישן די פעלקער. די קונסט דאַרף אָט דעם געזונטן ווידערגעפיל פלעגן; דערפירן אים צו אַן אויסלאָדונג און קעגנזייטיקן קאַמף. דער שטאַרקער הערשט! — אָט וואָס עס דאַרף זיין דער הויפּט־מאָטיוו אין דער קונסט. דאָס בילד „פעלקער־פרידן” ווירקט פּונקט פאַרקערט. דאָס איז זיכער ניט די שולד פונעם ריינעם אַריער וואַ־ראַנסקי; דאָ איז קענטיק די השפעה פונעם יידישן אוניווערסאַלן גייסט. דער אַלטער פּראָפעסאָר קרוזינגער האָט מיט זיינע אידעען פון פרידן און פרייהייט דעם נאַטירלעכן קאַמפּס־אינסטינקט פון דער יוגנט ממש אָפּגע־טעמפּט. ער האָט דערפאַר באַצאָלט מיט זיין לעבן! דער מאָלער וואַראַנסקי דאַרף זיך עפנטלעך אָפּזאָגן פון זיין לערערס וועג! בלויז אַ קליינער שינוי אין סוזשעט: די פעלקער מיט העק אין די הענט!... — אָט דאָס איז אַלץ. דאָס בילד „פעלקער־פרידן” וועט דעמאָלט שאַרף ווירקן דורך זיין מעפי־סטאָפעלישער איראָניע: עס וועט רעגן די געמיטער, רייצן די אינסטינקטן, צינדן די ליידנשאַפטן!...

— די פאַרשטייער פון די פעלקער מיט העק אין די הענט!... מיין הער, — זאָגט קאָך.

— איר האָט געענדיקט?

שטורעמבאַנפירער דרעסלער קוקט צום דייטשן מאָלער, וואָס פאַר־נייגט זיך פאַר אים. דאַן שטעלט ער אָן די אויגן אויף וואָראָנסקין:

— איר ווערט דערוויל אַריבערגעפירט פון דער אַלגעמיינער קאַמער אין דער יידישער... דאָרט וועט איר זיך האָבן אייגענע מענטשן: ראַבינערס, רעוואָלוציאָנערן און אַנדערע יידישע פריינד! אַהין וועלן מיר אייך צושיקן אייער בילד „פעלקער־פרידן", פאַפיר, פאַרבן א"אַ. אויף צו באַפרייען אייך שטעלן מיר צוויי פאָדערונגען: 1) שריפטלעך אָפּזאָגן זיך פון אייער יידישער פרוי; 2) ענדערן דעם סוזשעט פון געמעל. דריי טאָג צייט האָט איר צום באַדענקען זיך!

ער גיט אַ דריק אין אַ קנאָפּקע אויפן טיש, הייסט דעם אַריינגעקומענעם פּאָליציאַנט אַרויספירן דעם אַרעסטירטן און רופט נאָך יוליאַנען, וואָס לאָזט זיך גיין צו דער טיר:

— געדענקט, אַז פון דער יידנקאַמער איז דער וועג נאָר איינער: צום טויט!...

15

אין דער יידישער מענער־קאַמער פון דער שטאָטישער תפיסה.

די ענגשאַפט איז דאָ היינט נאָך גרעסער ווי תמיד. אויף די נאַרעס סטייעט שוין מער ניט קיין אָרט. די פרישע פּאַרטיע יידן, וואָס איז מיט אַ טאָג צוריק אַהער אַריינגעשטופּט געוואָרן, מוז זיך באַנוגענען מיט אַ ביסל קויטיק שטרוי אויפן דיל. „דו ביסט צום קאָמפּלעקט, דער הונדערטסטער..." — האָט מיט אַ גוטמוטיק געלעכטערל יוליאַנען נעכטן געזאָגט דער טורמע־אויפזעער — צו הונדערט מאַן פירן מיר אַהין... צו דער עקזעקוציע. ניט מער און ניט ווייניקער."

יוליאַן שפּאַרט זיך נאָך ענגער צו צו דער וואַנט, וואָס אונטער דעם פאַרקראַטעוועטן פענצטערל. עס קומט אים אַזוי אויס, ווי די מאָגערע ליכט, וואָס פאַלט פון די פאַרשטויבטע שייבלעך, וואָלט דורך דעם אַ ביסל העלער געוואָרן. די האַלב־פינצטערניש פרעסט זיך אים איין מער ווייטיקדיקער, ווי די קעלט, וואָס יאָגט פון דער פייכטער ערד. זיין געזונטער גוף קומט ביי די פאַרעדיקע דושנעקייט פון דער צעלע, פּונקט ווי די קראַמפּן פונעם הונגעריקן מאָגן. אָבער דער שוואַרצלעכער טונקל אין מיטן טאָג בייסט אים און רייצט די אויגן־אַפּלען. ליכט! ליכט! — שעפּטשען זיינע ליפּן און דער אויפגעריסענער בליק ציט זיך זשעדנע צום פענצטערל. ער שטעלט זיך אויף די שפּיץ־פינגער און זייגט גיריק מיט די אויגן די טריפנדיקע שיין פון דער הייך.

— יונגער מענטש... יונגער מע־נטש, — קוועטשעט עמעץ דערלעבן מיט אַ כאָרכלענדיקן פייף פון האַלדז.

ער בייגט זיך אַראָפּ צום ליגנדיקן שכן און בינדט אין דער מחשבה צונויף די קלאַנגען, וואָס סיקען זיך אַדורך צווישן זיינע יסורימדיק־פאַר־קרימטע ציין. דאָס איז איינער פון די, וואָס זיינען ניט לאַנג צוריקגעבראַכט געוואָרן פון דער אויספאָרשונג. „וואַ־סער...״—בעטן זיך זיינע פאַרטריקנטע ליפּן. הילפלאָז בלאָנדזשעט יוליאַנס בליק איבער דער צעלע. ער נעמט אַרויס אַ טיכעלע פון קעשענע און קוועטשט עס צו צו די קויטיק־נאַסע פענצטער־שייבלעך. דאַן לייגט ער עס צו צום פּנים פונעם ליגנדיקן, קילט אַ ביסל זיין מויל און ווישט מיט דעם אָפּ דעם רינענדיקן שווייס.

— יונגער מענטש... — קרעכצט יענער עפּעס ווייטער — דערשטיקט מיך!...

יוליאַן באַמיט זיך צו פאַרשטיין דעם זין פון זיינע יידישע ווערטער. ער איז אים סוף־כל־סוף תופס: ער איז אַ פּאַרטיזאַן! — רעדט ער קוים וואָס צו הערן. די דייטשן ווילן פון אים אַרויספּרעסן ידיעות... וועגן דער פּאַר־טיזאַנישער טעטיקייט אין דער געגנט. זיי פּייניקן אים מערדערלעך... ער האָט מורא, אַז... ער פאַרלירט די זיכערקייט אין זיך...

— דערשטיקט מיך... דערשטיקט מיך!... — צעגליִען זיך פּלוצעם זיינע אויגן.

יוליאַן בייגט אָוועק דעם קאָפּ. ער גייט צו צו זיין אָרט און לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד. מאָרגן שוין דער דריטער טאָג... — טורקעט עס אים אין מוח.

— ראַבינער פּישלזאָן צום פאַרהער!

אין שכנות מיט יוליאַנען נעמט זיך אַרויסבאַברען פון שטרוי אַ הויכער, הדרת־פּנימדיקער זקן מיט שפּיציקע, שאַרף־אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן. די פּירעקעדיקע, גרויע באָרד מיט די געלבלעכע פלעקן אין מיטן פאַרשטעלט אים דעם ברוסטקאַסטן, ווי מיט אַ ווייסן טוך, און באַרירט מיט די זייטן־שפּיצן דעם גאַרטל אַרום די לענדן. ער גייט צו צום דייטש, וואָס שטייט אויף דער שוועל מיט אַ בינטל שליסלען אין האַנט און דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער פאַרטייעטער קאַמער, ווי ער וואָלט זיך מיט אַלעמען געזעגנט... באַלד פאַרמאַכט זיך הינטער זיי די טיר.

— די פעלקער מיט העק אין די הענט... — וויל קאַך.

יוליאַן דריקט צו דעם ברענענדיקן שטערן צום ברודיק־פייכטן ליים פון דער וואַנט. אין די אויגן שווינדלט אים פון דער שטעכעדיקער שווערקייט, וואָס הויערט זיך אָן אין זיין מוח, און עס דוכט זיך אים, אַז פון דעם שאַרפן ווייטיק ביי די שליפן וועט אים דער קאָפּ באַלד צעשפּרונגען ווערן אויף פּיצלעך. אָט איז ער מיט מענטשן, וועמענס לשון ער פאַרשטייט קוים. אָבער זייער טיפער, אומבאַשרייבלעכער צער, דיליידן זייערע, פאַרבינדן אים מיט זיי אַ סך ענגער, ווי אַ געמיינזאַמע שפּראַך. די ליבשאַפט זיינע צו די באַוולהטע, די אַכטונג צו זיי, — דאָס האָט שטענדיק צוגעגעבן זיינע פאַרבן אָט דעם בישופדיקן קאָלאָריט, וואָס האָט באַגייסטערט די צוקוקער און אַרויסגערופן

די מענטשלעכסטע אָפּקלאַנגען אין זייער נשמה. דער האַס ווייטער צו אַלע פייניקער — דאָס האָט די ליניע פון זיין פענדזל געפירט מיט אַ מעכטיקער זיכערקייט, מיט אַ שעפערישן שוואונג, וואָס האָט געוועקט צו בונט, צו נקמה.

איז אָט זעט ער זיי איצט באַשיימפּערלעך — די ביידע פירנדיקע כוחות פון זיין פענדזל. אויג אויף אויג זעט ער זיי: אָט זיינען די אומשולדיקע, צעקאַליעטשעטע קרבנות; און אָט זיינען די מערדער מיט אַ האַק איבער זיי...

— דאָס איז עס!... — גיט עס אים פּלוצעם אַ ברען אין האַרץ און ער וואַרפט זיך פיבערדיק צו די פאַרבן.

מיט נערוועזע באַוועגונגען פעסטיקט ער צו די לייוונט פון „פעלקער־פרידן" צו דער וואַנט. דאַן נעמט ער צונויף דאָס שטרוי פון געלעגער און שפּאַרט עס אַרונטער אונטער די נאַרעס.

— נאָר ליכט, נאָר מער ליכט... — שעפּטשען מיט בעטנדיקער בענקשאַפט זיינע ליפּן און דער פענדזל אין זיין האַנט טוט זיך דרייסט אַ באַוועג איבערן בילד.

— גיי צו דיינע שעפעלעך!... צעברומט זיך אַ חוזקדיקע שטימע און אַ פאַרקוועטשטע פויסט טוט מיט רציחה אַ שטויס אַ הויכע געשטאַלט, וואָס פאַלט ווי באַוואוסטלאָז אַנידער אויף דער ערד.

— רבי! רבי!... — הערן זיך שטילע זיפצן אין קאַמער.

יוליאַן רייסט זיך אָפּ פון די פאַרבן און בייגט זיך אָן איבערן פאַרחלשטן זקן. זיינע איינגעפאַלענע באַקן זיינען איצט אַנגעלאָפן מיט געשווילעכטס און אַ שפּיץ פון דער ווייסער באָרד איז צוגעקלעפּט צו אַ גרויסן, רויטלעך־פאַרגליווערטן פלעק אויפן כאַלאַט. ער נעמט אים פאַרזיכטיק ציען צום געלעגער און וואַרט ביז דער אַלטער מאַן עפנט אויף די אויגן.

יוליאַן דערשפּירט אויף זיין האַנט אַ לייכטן באַריר פון זקנס פינגער, וואָס פאַלן באַלד שלאַבעריק צוריק אַראָפּ אויפן טאַפּטשאַן. דאַן לאָזט ער זיך צוריק גיין צו דער וואַנט און זיין פענדזל נעמט ווידער מיט אימפעט זיך באַוועגן איבער דער לייוונט.

16

— קענט איר מיך אויסהערן?

די גרויע ליכט פון באַגינען באַלייכט שאָטנדיק ס'געזיכט פונעם זקן. דער קערפּער בלייבט ווייטער אומבאַוועגלעך, ווי פריער, נאָר דער בליק זיינער גליטשט זיך איבער יוליאַנס פיגור, וואָס בעט אים עפּעס אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

— אויף יידיש לשון וועט מיר... גרינגער זיין צו פאַרשטיין, מיין קינד... פליסטערט ער אַרויס מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם.

— כ'וויל ווערן אַ ייד!

אַ שטילשווייגן. דאַן גיט זיך זיין קאָפּ אַ ריר פון אָרט, מיט אַלע כוחות לענט ער זיך אָן אויף דער האַנט און וואַרפט אַ דערשטוינטן, פרעגנדיקן קוק אויפן יונגנמאַן.

— זענט איר ניט קיין ייד?...

— ניין...

— וואָס־זשע טוט איר דאָ?... איר אומגליקלעכער...

— כ׳וויל זיין אַ ייד... — חזרט יוליאַן נאָכאַמאָל איבער.

דעם רבס קאָפּ פאַלט צוריק אַנידער אויפן טאַפּטשאַן און פון זיין קעל רייסט זיך אַרויס איין איינציק וואָרט:

— ניין!

— פאַרוואָס? פאַרוואָס?...

— מיין זון...

די שטימע פונעם אַלטן מאַן ציטערט פון אינעווייניקסטער רירונג און ווערט וואָס ווייטער אַלץ קלינגעוודיקער, שאַרפער. זאָל דער יונגערמאַן ניט מיינען, אַז דאָס סאַמע שרעקלעכסטע איז דער טויט... ניין! דאָס סאַמע שווערסטע איז דאָס לעבן!... שטאַרבן ווי אַ ייד, דאָס איז קיין קרבן ניט. לעבן ווי אַ ייד — פילן יעדע מינוט פון דיין זיין, אַז דו ביסט אומזיסט פאַר־אַכט, געטרודפט, באַשפיגן, — אָט אין וואָס ס׳באַשטייט די גרויסקייט פון אונדזער פאָלק! די אַלע מענטשן, וואָס ליגן דאָ אין קאַמער, זיינען גרויס ניט מחמת זייער נאָענטן טויט, נאָר צוליב זייער לעבן...

דער זקן רוט אָפּ אַ ווײַלע און נעמט ווייטער ריידן. וואָלט דער יונגער מענטש כאָטש איין טאָג, איין שעה פאַרן אָנקומען אַהער געליטן צוליב דעם צלם אלקים אויף זיין געזיכט... איז דאָס אָבער אַזוי? האָט ער כאָטש איין מאָל געקראָגן אַ ניט־פאַרדינטן שפּיי אין פּנים? איז ער כאָטש איין מאָל אין זיין לעבן דערנידעריקט געוואָרן אַזוי, אַז דאָס בלוט פון זיין האַרצן האָט זיך צעקאָכט, צעשריגן פון האַס צום גאַנצן מענטשלעכן מין?...

— יאָ, מיין האַרץ איז שטענדיק געווען מיט די געטרודפטע... — זאָגט יוליאַן, פילנדיק אויף זיך דעם דורכדרינגענדיקן בליק פונעם רב.

— און האָסטו עפּעס געטאָן פאַר זיי? האָסטו כאָטש איין טרער פון זייערע אויגן אָפּגעווישט? האָסטו געוועקט אין זיי האָפענונג אויף שלום צווישן פעלקער?

— יאָ.

דער זקן טוט זיך אָן אַ כוח, הויבט אויף די הענט און לעגט זיי אָן אויפן יונגנמאַנס אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ.

— פון היינט אָן וועסטו הייסן אברהם בן אברהם... האָסט געלעבט ווי אַ ייד אונטער אַ ניט־יידישן נאָמען, וועסט שטאַרבן ווי אַ מענטש אונטער אַ יידישן נאָמען. דיין גוף איז געווען מחוץ אונדז, אָבער דיין נשמה — מיט אונדז. מיטפילנדיק מיט די געטרודפטע — ביסטו אַליין געטרודפט; און טרייסטנ־דיק זיי — ביסטו אַליין געטרייסט. דער ייד האָט דיך געזוכט צווישן די פעלקער, און דו האָסט צווישן די פעלקער געזוכט דעם ייד. דער ייד האָט דיך געפונען אין זיך אַליין, און דו האָסט אין זיך אַליין געפונען דעם ייד. די חיות־רעות האָבן אין דיר דערשמעקט דעם יידן, און אינעם ייד האָבן זיי דיך געפונען, — דיך, דעם מענטשן.

צובייגנדיק זיינע ליפּן האָט אים דער אַלטער מאַן אַ קוש געטאָן אין האַנט.

— דער דראַב איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד!...

שטורעמבאַנפירער דרעסלער — אין באַגלייטונג פון מאַלער קאָך — באַקוקט דעם טויטן גוף פונעם פּאַרטיזאַן, וואָס ליגט אויפן טאָפּטשאַן מיט אויפגעשניטענע אָדערן אויף דער האַנט. ער הייבט אויף אַ קליין טאַשן־מעסערל פון דער נאַרע, באַטראַכט עס און שרייט אויס: — טורמע־אויפזעער!

מיט אַ בייזן בליק מעסט ער דאָס דייטשל, וואָס שטייט פאַר אים, ווי דערטשמעליעט. ער רייסט אַרויס פון אים דאָס בינטל שליסלען און שליידערט זיי מיט כעס אויף דער ערד.

— כ'האָב געזאָגט, ניט אַדורכלאָזן קיין שום שאַרפע קעגנשטאַנדן! רעד!

דאָס דייטשל קאַרטשעט זיך איין, ווי ער וואָלט וועלן אויסמיידן אַ קלאַפּ. ער איז ניט שולדיק — זאָגט ער. ער האָט קיין מאָל ביי די אַרעסטאַנטן קיין מעסערס ניט דורכגעלאָזט. אָבער דאָס־אַ טאַשנמעסערל — דאָס איז לויט הער קאָכס באַפעל. ער האָט עס געהייסן דערלאַנגען אָט דעם וואָראַנסקין צוזאַמען מיט אַנדערע מאַלער־געצייג. זיכער האָט עס יענער דערשנאַפּט ביינאַכט. דאָס איז ניט זיין שולד.

— אַזוי, הער קאָך...

דרעסלער קוקט מיט פאַרוואורף אויפן מאַלער. דאָס איז אַ גרויסע אומפאַרזיכטיקייט. דער טויטער האָט געהאַט אַ סך סודות. ער האָט געוואוסט די נעמען פון אַ גאַנצער באַנדע רעוואָלוציאָנערן אין דער געגנט... איצט איז אַלץ פאַרפאַלן!

קאָך לאַכט פאַרלעגן. ריכטיק. ס'איז אַן אומפאַרזיכטיקייט פון זיין זייט, אָבער ער איז אַ מאַלער און אַ דייטש. ער איז פּינקטלעך. אין זיין פּראָפעסיע גייט עס ניט אָן דעם. ס'איז נייטיק פאַרב, אַ שניצער און... אַנדער קלאָפּער־געצייג. ער האָט געשטעלט אַ פאָדערונג דעם וואָראַנסקין — האָט ער אים אַלץ דערלאַנגען געמוזט... קורץ: ס'איז יאָ זיין שולד און ניט זיין שולד — פאַרדאַן!

— יוליאַן וואָראַנסקי! — רופט ער מיטאַמאָל אויס — נעכטן דער טערמין! געענדערט ס'בילד?

— יאָ... — זאָגט יוליאַן רואיק און וויקלט פאַנאַנדער די לייוונט.

אויפן געמעל טוען אַ שימער ווי פריער די פאַרביקע פאַרשטייער פון די מענטשלעכע ראַסעס, וואָס באַהעפטן זיך צוזאַמען מיט פרייד אין די אויגן. נאָר דאָרט אין דער הייך, וואו ס'איז געווען אַ בראַנזפלאַמיקע זון, איז איצט אויסגעמאָלט אַ ווילד־מגושמדיקער קערפּער פון אַ דייטש. ער קוקט מיט רציחהשער קנאה אויף די פרידלעכע מענטשן און מיט אַ האַק אין האַנט פאַרמעסט ער זיך איבער זייערע קעפּ...

— איר זענט פרעך!... — שרייט אויס קאָך, קריצנדיק מיט די ציין.

— באַלד...

פאַרבייסנדיק די ליפן, דערנענטערט זיך דער שטורעמבאַנפירער צו יוליאַנען:

— האָט איר אונטערגעשריבן די צעשיידונג?

— פון היינט אָן רעכן איך זיך פאַר אַ ייד, מיין הער!

— וואָס??... עד, דו פאַרפלוכטער ייד! — נעמט ער שיפען, פאַרקוועטשנ־דיק די הענט אין פויסטן.

ער גיט אַ שפרונג צו צו דער טיר, רייסט זי אויף און צעשרייט זיך מיט אַ פאַרכריפעטער שטים:

— אויפהייבן זיך פון די נאַרעס! אַלע יידן — אַרויס פון קאַמער! שנעלער! מאַרש!!...

ישעיהו שפיגל

גאָלדענע יויך

נאָוועלע

אין געסל האָט זיך איצט אַראָפּגעלאָזט אַ טונקעלער בײזלעכער אָוונט.

פון באַלד פאַרטאָג איז פון די פעלדער געגאַנגען אַ רויכיקער נעפּל, וואָס האָט זיך געהויבן איבער די דראָטן, געוועזן זילבערדיק בײ די ראַנדן און דערנאָך זיך אַראָפּגעלאָזט אַ צעדריוולטער ווי גרוי שפּינוועבס. אויף די נאָענטע פעלדער לעבן געטאָ האָבן פּוילישע פּאַסטוכער פון פאַרטאָגס אָן געבערנעט טרוקן לאַנגע־גראָז און געבראָטן קאַרטאָפל. דער ריח פון די געבראָטענע קאַרטאָפל האָט זיך אַהערגעטראָגן מיטן ווינט און זיך געזעצט אויף די נידעריקע דעכלעך, פאַרקראָכן דורך די אָפענע אויסגעהאַקטע שויבן און געקיצלט דעם גומען. דער ווינט איז טאַקע געגאַנגען צו דער געטאָ־זייט אַ גאַנצן טאָג און ערשט קעגן אָוונט זיך אײנגעשטילט. פון זעלבן פעלד איז איצט אויפגעשטאַנען אַ טונקעלע, פלאַטשיקע לבנה. אַרום איר האָבן געשוועבט דורכזיכטיקע גרינע וואָלקנדלעך און יעדעס מאָל פאַרדעקט די לבנה, יאָגנדיק זיך פאַראויס ווי זיי וואָלטן זיך נישט געלאָזט אַהערשווימען דאָ אין געטאָ אַריין. זי האָט זיך אָבער יעדעס מאָל אַרויסגעריסן פון זיי, געוואָרן פולער, גרינלעכער און געקלעטערט אָן אָפּגעדעקטע איבער די שפּיציקע וואָלקנדלעך. זיי האָבן זי לסוף אויפגעהערט נאָכיאָגן, די וואָלקנדלעך, און געבליבן הינטערשטעליק. אין זייערע פאַלדן האָבן באַלד אָנגעהויבן אויפבליצן די שטערן, וואָס האָבן דאָ אין דער פינצטערניש אַראָפּגעגאָסן זייער גרין, כישופדיק ליכט.

די מענטשן זיינען געווען מיד פון אַ גאַנצן טאָג לויפן דורך טויערן און קעלערן, דורך בריקן און דורכגעהאַקטע ווענט. דורך פינצטערנישן האָבן געפירט די דורכגענג אין די שכנותדיקע הייפלעך. אויף די מלבושים האָט זיי נאָכגעיאָגט דאָס אויסגעלאָשענע גאָלד פון יידישן מגן־דוד־שטערן. דאָס סכנהדיק געאייל פון די דאָזיקע מענטשן האָט זיי צוריקגעפירט צו די מיטל־אַלטערלעכע טעג אין די דייטשע שטעט לעבן די וואַסערן פון רהיין. דורך די טונקעלע אונטערערדישע גענג און קעלערן זיינען הינטער זיי נאָכגעגאַנגען די שאָטנס פון די עלטער־עלטער־זיידעס, פאַרצוימטע און פאַרפלאָגטע מיט דורות צוריק. כדי אויסצומיידן די פאַדערשטע גאַסן לעבן צוים איז מען געלאָפן אונטן דורך עפענונגען. דורך דאָנען האָט מען אַרויסגעטראָגן באַהאַלטענער־הייט די געשטאָרבענע אויפן רײנעם פעלד. בײטאָג האָט זיי נאָכגעקוקט די

זון מיט קרומע, קילע פלעקן און ביינאַכט איז געהאַנגען אַ פאַרשעמטע לבנה אין אַ געוועב פון וויטע טרויעריקע שטערן.

דאָס חדרל, וואו ביילע איז אַריינגעפאַלן מיט חוהלען, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן נאָך דער גרויסער שפּערע — איז געווען פול מיט מענטשן פון אינדערפרי ביז אין דער נאַכט אַריין. די מענטשן זיינען אָן אויפהער אַריין און אַרויס, גערעדט שטילערהייט און דערנאָך שעהן געזעסן אין די ווינקלען און געשוויגן. דאָס זיינען געווען אַלץ מענטשן פון אַנדערע געסלעך, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אין די טונקעלע קעלערן און קאַמערן. איבער זייערע פּנימער האָט נאָך געפלאַטערט די שרעק און געפּאַכעט ווי אַ צעבראָכענע פליגל פון אַ פייגל, זיי זיינען געווען אַלע מידע, איינגעפאַלענע און עפּעס אַן אויסגעלאָשן פייער האָט נאָך קוים, קוים געטליעט אין זייערע אויגן. זיי האָבן תמיד מיט זיך געשלעפּט פּעקלעך מיט בעטגעוואַנט אָדער יידישע הייליקע ספרים. אין קליינעם חדרל איז געווען טונקל־גראָ פון רויך, וואָס האָט זיך געריסן פון אַ קליין קיכל. די ספרים זיינען געלעגן צעוואָרפן אין די ווינקלען, געוואָרן אַ שטויס ווי אין אַ בית־מדרש. אַרום דעם דאָזיקן ספרים־שטויס האָבן זיך אָן אויפהער געזאַמלט יידן און עפּעס געזוכט אין זיי צווישן די פאַרגעלטע אַלטע בלעטער. מען וויס נישט ווי אַזוי ס׳איז פּלוצעם אויסגעוואַקסן צווישן דעם שטויס ספרים אַ קליין ספר־תורהלע, אַרומגעהילט אין אַ גראָ צעריסן מענטעלע. די דאָזיקע אָפּגעראַטעוועטע ספר־תורה איז געשטאַנען אָנגעלענט אין דער וואַנט אויף אַ שטויס ספרים, געטוליעט זיך אין ווינקל פאַרשעמט און פאַרלאָזן ווי אַ דאַר, קראַנק קינד.

פון באַלד אינדערפרי האָבן זיך אָנגעהויבן ציען מנינים יידן. פון אַלע הייפלעך אַרום און פון אַלע געסלעך זיינען דאָ אַריינגעלאָפן יידן און אָפּגעדאַוונט. זייערע ליפּן האָבן געשלאָסענערהייט געטראָגן לויב וואָס דאָס אומגליק האָט זיי דערווייל אויסגעמיטן. אַ האַרבער ווינט פון יידישע תפילות איז אַ גאַנצן טאָג געהאַנגען ווי אַ פּוירהאַנג אין חלל פון שטיבל, אַז ס׳איז אויף אַ רגע שטיל און לייִדיק געוואָרן האָט מען ערשט דעמאָלט אַרויסגעזען דאָס הילצערנע וויגל, וואו חוהלע איז געלעגן און לעבן איר, אויף אַ פּעקל מלבושים, די מאַמע ביילע. דאָס קינד האָט אַרויסגעקוקט צו די יידן, וואָס האָבן זיך געשאָקלט איבער איר, איינגעהילטע אין זייערע טליתים. זיי האָבן זי אַרומגענומען מיט זייערע צעפלאַשעטע שוואַרצע בערד און טרויעריקע פאַרלאָפענע אויגן. חוהלע איז איינגעשלאָפן אונטער דעם האַרטן געמורמל פון די לאַנגע יידישע תפילות און אַז זי האָט דערנאָך געעפנט די אויגן — האָט זי נאָך געזען איבער זיך פלאַטערן אַ שאָטן פון אַ דאַוונענדיקן ייד אין אַ צעריסענעם טלית.

***

ס׳איז שוין געווען איצט שפּעטלעך. דער טונקעלער אָוונט, אויסגעמישט מיט צעשפּליטערטע לבנה־פלעקן, האָט זיך געגליטשט איבער דעם שטויס יידישע ספרים. ביילע איז דעם גאַנצן טאָג געלעגן אין ווינקל, די פיס פאַר־

דעקט מיט אַ מלבוש. די יידן, וואָס האָבן געמוזט אַדורכגיין דעם אָרט צו דער טיר, האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן אירע לאַנגע, פולע פיס. זי האָט אַרויסגע־קוקט מיט אַ האַלב־פאַרדעקט פנים צו די יידן. איין איינציקע מחשבה איז אַרומגעלאָפן אין איר קאָפּ: ווען איר דוד וואָלט דאָ געווען... ווען איר דוד וואָלט דאָ געווען... זי וואָלט איצט נישט געלעגן מיט חוהלען אין דעם הקדש דאָ. דאָס אומגליק איז דאָך געקומען אַזוי אומגעריכט דעמאָלט. מתחילת האָט זי נישט געקענט משיג זיין וואָס אַזוינס עס איז געשען. און ווי אַזוי וועט זי דאָס אַליין מיט חוהלען לעבן אין געטאָ? דער דייטש האָט אַרויסגעשיקט דעמאָלט דעם ערשטן טראַנספּאָרט יידן אויף אַרבעט... בלויז באַלמעלאָכעס... ער האָט אַפילו אין אָנהויב, דוד, געשריבן אַ קאַרטל, אַז צו עסן איז דאָ און אַז ס׳וואָלט גוט געווען ווען אויך זיי, ביילע מיטן קינד, זאָלן זיין מיט אים. קאַרטאָפל איז דאָ לרוב, אַפילו ברויט. אָבער מיט איינמאָל האָט זיך אַלץ איבערגעריסן. שוין איבער צוויי יאָר ווי קיין שום בריוול איז נישט אָנגעקומען. וויפל האָט זי זיך געמוזט, ביילע, אָפּפּלאָגן כדי זיך אויסצובאַהאַלטן מיט חוהלען אין דער שפּערע? און גאָט זיי דאַנק—דורך עפּעס אַ נס זיינען זיי ניט אויפגעכאַפּט געוואָרן. ס׳קען אויך געשען, אַז דוד זאָל פּלוצעם צוריקקומען און ער וועט שוין דעמאָלט מער נישט דערקענען נישט זי און נישט חוהלען. וואָרעם דורך די פּאָר יאָר זיינען זיי ביידע שוין נישט די זעלבע. ווען נישט דער הונגער... אין די ערשטע חדשים איז נאָך דוד מיטגעגאַנגען אין אַלע אירע מעשים און מחשבות. שפּעטער איז זיין פּנים אַלץ מער אַוועקגעשוואומען, געוואָרן נעפּל און פּלעגט נאָר פון צייט צו צייט אויפבליצן מיט זיינע ווייטע, גראָלעכע אויגן, מיט אַ וואָרט, וואָס האָט אויף אַ רגע צוריקגעבראַכט דאָס אַמאָליקע קורצע לעבן זייערס.

איצט, נאָך דער שפּערע, אַז זי איז געבליבן אַליין אָן אָפּגעראַטעוועטע מיט חוהלען, האָט ביילע ווידער אָנגעהויבן טראַכטן פון דודן. וועגן דער התונה דעם לעצטן זומער פאַר דער מלחמה, וועגן חוהלען, וואָס איז דערוייל אויסגעוואַקסן אין אינגאַנצן דערמאָנט דודן. זי האָט געהאַט, חוהלע, זיינע שמאָלעכע, גראָע אויגן און שיינעם הויכן שטערן. אַז ס׳איז שטילער געוואָרן אין געטאָ — האָבן יידן פון דאַנען אַרויסגעכאַפּט די ספרים מיט דער ספר־תורה און מער דאָ נישט געשטעלט דאַוועגען קיין מנין. ווי אַלע יידן האָט אויך ביילען פאַרנומען איינאיינציקע מחשבה: ווי אַזוי גובר זיין דעם הונגער... פון די טונקעלע בלעטער און קאַרגלעכער שפּייז־צעטיילונג האָבן ביילעס פינגער אַרויסגעכישופט אויסטערלישע מאכלים, וואָס האָבן צוריקגעבראַכט אין קליינעם הדרל דעם ריח פון אַמאָליקן ערב שבת און יידישע יום־טובים. מען האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי האָבן יידישע פרויען פון פאַרפוילטע, אַלטע ריבן און קאַרטאָפל־שאָלן אַרויסגעכישופט עפּעס אַ כוח, וואָס זאָל זיי העלפן איבערלעבן — דעם טעם פון די פאַרשוואונדענע יידישע מאכלים... דאָס איז געווען אַן אומזעבאַרער פאָדעם, וואָס האָט זיי נאָך געהאַלטן צוזאַמענגע־קניפּט מיט דער שיינקייט פון די נישט־לאַנג פאַרשוואונדענע טעג פון יידישן לעבן.

און געווען איז דאָס אויסטערליש, וואָס דווקא איצט, בעת אין שטיבל איז אַזוי געוואַקסן דער הונגער — האָט ביילע אָנגעהויבן בענקען נאָך דודן און זיין מענלעכער נאָענטקייט. אין אירע שיינע אויסגעלאָשענע אויגן האָבן אָנגעהויבן צוקן און תמיד געווען וואָך בייזע פלעמלעך פון תאוה. זי האָט זיך געשעמט פאַר דעם איינגעשפּאַרטן, בייזן צאַפּל אין איר און וויפל מאָל זי האָט זיך באַמיט אָפּשטויסן פון זיך דעם דאָזיקן אינעווייניקסטן ווייבלעכן הונגער — אַלץ גיריקער און שאַרפער איז געוואַקסן אין איר דאָס געפיל פון איינזאַמקייט און פאַרלוירנקייט, וואָס זוכט לייבלעכע, באַפרייענדיקע דערנענטערונג. אירע רונדיקע פולע באַקן זיינען לאַנג שוין געווען איינגע־פאַלן, איר הויך געשטעל — פאַרוויאַנעט, נאָר אין אירע הויכע, פולע פיס איז נאָך געלעגן דער נישט־אויסגייענדיקער ווייבלעכער רייץ. זי האָט זיך אָנ־געהויבן שרעקן פאַר זיך אַליין און שטילערהייט גענומען פאַרשילטן דאָס ביסל בלוט, וואָס איז נאָך געבליבן אין איר.

דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעפילט איר ווייבלעכע געפאַלנקייט, איז געווען פּיוויש, בעת זי פלעגט גיין איבער דער בריק. ער איז געשטאַנען אונטן ביים טויער צוזאַמען מיטן דייטשן וואַכפּאָסטן. ער פלעגט אַרויפקוקן צו די טויזנטער פיס, וואָס זיינען געגאַנגען טאָג־איין טאָג־אויס איבער דער הויכער בריק, וואָס האָט פאַרבונדן ביידע געטאָ־טיילן. צווישן די טויזנטער פיס האָבן זיינע אויגן אויפגעכאַפּט נאָר די וואָלקנדיקע פיס פון פרויען און מיידלעך, אַרומגעהילטע אין זייערע לויזע, ווינטיקע רעקלעך. ער איז געווען תמיד זאַט, פּיוויש, געגרויבערט רונדיקע, גוטע דייטשע פּאַפּיראָסן און ער האָט ביילען תיכף אויפגעכאַפּט מיט אירע שיינע, הויכע פיס. ער איז צו צו איר, געפרעגט צי זי איז הונגעריק. אַוודאי. ווער איז נישט הונגעריק אין געטאָ? אפשר בלויז זיי — אַזעלכע לייט ווי פּיוויש... ער איז אַ ביסל געגאַנגען מיט איר מיט אַ דין שמייכעלע איבער די ליפּן. ער האָט זי פּלוצעם אַ פרעג געטאָן:

— מ׳קאָן קומען צו דיר?

ס׳האָט זי אַ ברי געטאָן אין די לויז־געוואָרענע פאַלדן פון איר בויך. זי האָט נישט אויפגעהויבן אירע אויגן. אַ פליישיקע האַנט האָט זי איצט שוין געהאַלטן פאַר איר אָרעם, וואָס איז מיט איינמאָל געוואָרן קיל. זי האָט קוים דורך די געעפנטע אויגן־שפּעלטעלעך געזען לעבן זיך שפּרייזן זיין ברייטן, מאַנסבילישן שאָטן, וואָס האָט אינגאַנצן פאַרדעקט איר שמאָל געשטאַלט. זי האָט אַ בליק געטאָן אין דער זייט. זיין פּנים איז געווען אַ רויטס, אַ באַ־שפּרינקלטס, די אויגן קליינע און שפּיציקע ווי ביי אַ קאַץ. אינעם גרויסן טונקעלן שאָטן, וואָס איז געלאָפן פאַר זיי אויף פריער אויס, האָבן זיך אַמ־מייסטן אָפּגעיאָגט ווי אַן אָפּגעריסענע כמאַרע די שאָטן־שפּרייזן פון זיינע גלאַנציקע, הויכע שטיוול, מיט די שמאָלע רייט־הויזן אין די הויכע כאַ־ליעוועס.

נאָכדעם ווי פּיוויש האָט זי אָפּגעפירט אַהיים און אַרויף אין קליינעם חדרל — האָט ער זיך אויף אַ ווילע אָפּגעריסן און אַוועק כדי צו ברענגען

עסן. ער איז באַלד צוריקגעקומען און אָוועקגעשטעלט אויפן טישל אַ קליין פאַרמאַכט קענדעלע. ער האָט עס געהייסן אָנוואַרעמען אויפן קיכל. מיט קאַלטע, פאַרחלשטע הענט האָט ביילע אונטערגעהייצט אין אויוונדל. עס איז איר אויסגעקומען ווי זי צינדט אונטער מיט פּיצלעך שפּענדלעך אַ שׂרפה, וואָס וועט זי באַלד אַרומכאַפּן פון אַלע זייטן. פון דאָזיקן פייער וועלן זיך באַלד אָנצינדן די ווענט, דער בעליק און אַרומכאַפּן זי ביי די קליידער. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף חוהלען, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט דאָ געשאַרט לעבן דער מאַמען און אַ פריילעכער גלאַנץ איז אַרומגעגאַנגען אין אירע גראָע אייגעלעך. דאָס קענדעלע איז שוין געשטאַנען אויף דער פייערקע, די בלעכערנע וועגטלעך האָבן שוין אָנגעהויבן בריען. לעבן איר איז געשטאַנען פּייוויש און יעדע רגע שטראָמער אָנגעצויגן אויף זיינע פּיס די כאַליעווקעס פון די הויכע, גלאַנציקע שטיוול.

אויפן קיכל האָט אָנגעהויבן זידן. אַ פּאָרע האָט געהויבן דאָס דעקל פון קענדעלע. ערשט איצט האָט ביילע אויפגעהויבן דאָס דעקל און אַריינגעקוקט אינעם שמאָלן העלדזל.

דאָס איז געווען אַ געלע יויך־פליסיקייט, איבערגעדעקט מיט אַ פעט, דיק הייטל ווי צעשמאָלצן גאָלד. דאָס ערשטע מאָל נאָך אַזוי פיל יאָרן זעען אירע אויגן ווידער הייסע, בריענדיקע יויך. פון די אונטערשטע טיילן פון איר בויך האָט זיך אויפגעהויבן אַ קלעמונג, וואָס איז דערגאַנגען ביז צום האַרצן צו. אויפן גאַנצן וועג, פון בויך ביז צום האַרץ, האָבן זיך פון דער דאָזיקער קלעמונג געצונדן קליינע פייערלעך, וואָס האָבן הייס געמאַכט איר אָטעם. אין האַלדז האָט אָנגעהויבן פּאַרפּעלן לופט. זי האָט אויף אַ רגע אַזש געמוזט אַרויסשטעקן די צונג. די גאָלדענע הייסע פליסיקייט האָט ווי אַן אָנגעצינדענע נעץ פון דרעטלעך זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אירע אויגן און פּנים. זי האָט מיט ביידע הענט אַרומגענומען דאָס הייסע קענדעלע מיט יויך, ווי אַ וואַרעמען צעהיצטן האַלדז פון אַ מענטש. די גאַנצע צייט איז פּייוויש געשטאַנען הינטער איר און זיינע פאַרזשמורעטע אייגעלעך האָבן זיך געגליטשט איבער אירע הויכע פולע פּיס. ביילע איז נאָך אַ ווילע גע־שטאַנען און נישט געוואוסט וואָס אַזוינס צו טאָן מיט אירע הענט. אַ טונקל געפיל פון גרויל איז זי באַפאַלן פלוצעם. זי האָט געוואוסט, אַז די דאָזיקע גאָלדענע הייסע פליסיקייט פאַרבאַרגט אונטער זיך אַ תהום, וואָס ציט זי איצט אַריין אין זיך מיט זיינע פינצטערע, הייסע פלאַמען. זי וועט מער שוין פון דעם תהום נישט אַרויס, זי וועט דאָרט אומקומען — און צוזאַמען מיט איר וועט אויך אומקומען חוהלע. דער פרעמדער איז געשטאַנען הינטער איר און אַלץ נאָך געשוויגן. אין זיין שווייגן האָט ביילע דערפילט שטאַרקער דעם אָפּגרונט, וואָס עפנט זיך איצט פאַר איר אין האַלב־פינצטערן חדרל. אויף איין רגע האָט איר האַנט אַ ציטער געטאָן. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט באַלד אַ כאַפּ טאָן דאָס קענדעלע מיט דער אויפגעקאָכטער הייסער יויך און דאָס פעטע גאָלד אויסגיסן איבערן רויטן פּנים פונעם פרעמדן. אירע פינגער האָבן אַ רגע געציטערט, ווי די דאָזיקע מחשבה וואָלט טאַקע אין אירע פינגער

אַ באַוועג געטאָן דאָס בלוט. באַלד איז זי ווידער געשטאַנען אַ צעבראָכענע איבערן קענדעלע מיט דער פעטער צעגליטער אויבערפלאַך. זי האָט געהאַט פאַרמאַכטע אויגן און נישט געזען וואָס אַרום איר טוט זיך. אַ שדישער רייץ האָט געבריט אירע פינגער. זי האָט מיט איין האַנט אַנגעכאַפּט חוהלען און פאַרחלשט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— וואָס שטייט איר? — זיצט... מ'עט עסן צוזאַמען נאַכטעסן... אַזאַ גאָלדענע יויך... אַזאַ גאָלדענע יויך...

זי האָט דאָס אַלץ אַרויסגערעדט, נישט עפענענדיק די אויגן, וואָס האָבן געהאַט דינע אַנגעלאָפּענע הונגער־קישעלעך.

***

פון יענער נאַכט אָן האָבן זיך אָן אויפהער געוואַרעמט אויפן קיכל די קענדעלעך מיט פעטער יויך, וואו ס'זיינען אַרומגעשוואומען צעשניטענע שטיקלעך פלייש. אויסער שפּיז־פּעקלעך האָט פּיוויש אויך געטראָגן פאַר חוהלען טאַרבעלעך מיט ווייסן צוקער. אונטערן ווענטל פוןביילעס חדרל האָבן די שכנים אויפגעכאַפּט דעם וואַרעמען, קיצלדיקן ריח פון פלייש און גוטע געקעכטסן. זיי האָבן אָפּט געהערט לויפן פּיווישן אין זיינע הויכע שטיוול איבער די שטיגן. אַממייסטן איז ער געקומען אויף ביינאַכט און אַוועק פאַרטאָג.

איינמאָל האָט ביילע אַריינגעטראָגן צום שכן אַ האַלבע קענדעלע מיט יויך. דאָס פאַר־פאַלק, וואָס האָט געוואוינט אין דרינען, האָבן זייערע ביידע קינדער תמיד געהאַלטן אין בעטל. בערעלע און גיטעלע זיינען געלעגן אי־בערגעדעקטע מיט אַן אַלטן פאַלטן און זיך געוואַרעמט איינער אין צווייטן. מ'האָט קוים אַרויסגעזען זייערע קליינע, איינגעגאַנגענע פנימלעך. אַז ס'פאַר־פאַלק האָט אויסגעגאָסן די הייסע פליסיקייט אויף אַ טעלער, האָבן זיך די קינדער אויפגעזעצט און זייערע פנימלעך ווי קליינע, גראָע קעצלעך, אַרומ־געפירט איבער די ראַנדן פון טעלער. זיי האָבן דערנאָך געגומען קליינע ביסעלעך און לאַנג נישט געוואָלט אַראָפּשלינגען די יויך. אויף די פלאַכע טעלערלעך האָט זיך געוויגט די וואַרעמע יויך. ביילע איז געשטאַנען לעבן בעטל און אירע אויגן האָבן די גאַנצע צייט אויסגעמיטן זיך צונויפצוטרעפן מיט אירע שכנים. דאָס האָט געדויערט אַ לאַנגע ווײַלע. די קינדער האָבן דערווייל אויסגעטרונקען די פליסיקייט פון די טעלערלעך און צוריק אַרייב־געקראָכן מיט צעפלאָמטע בעקלעך הינטער דעם פאַלטן אויפן בעטל.

זיי האָבן זיך פון איצט אָן, די קינדער, צוגעהאַרכט צו יעדער באַוועג־גונג אויף די טרעפּ און דרינען הינטערן ווענטל. זיי האָבן געוואַרט, אַז אויף די שטיגן זאָלן זיך דערהערן די שטיוול־טריט. דעמאָלט האָבן זיי געוואוסט, אַז באַלד וועט זיך דורכן לויזן ווענטל אַהערררייסן אַ געזאַלצענע פאַרע פון געקאָכטע יאָכלעך. זיי זיינען טאַקע געלעגן מיט אויפגעשפּיצטע אויערן צו דער טיר. ס'פלעגט אויך געשען, אַז חוהלע פלעגט אַריינקומען צו די קינדער

מיט אַ טעלערל יויך און ווייסע קליסקעלעך. גיטעלע האָט געהאַלטן אין איין פרעגן:

— מאַמע, פאַרוואָס קאָכסטו קיינמאָל נישט קיין יויך?

— ס׳אַ מלחמה, קינדלעבן... אין געטאָ איז נישטאָ קיין יויך... אַז מען וועט ווערן אויסגעלייזט...

— טאָ קאָך כאָטש קליסקעלעך, מאַמע... אַ ביסל קליסקעלעך...

— נישטאָ קיין מעל, גיטעלע... צו קליסקעלעך דאַרף מען האָבן מעל...

— און פאַרוואָס האָט חוהלע יויך מיט קליסקעלעך?

— ווייל חוהלע האָט אַ פּעטער... ברענגט ער יויך... און מעל...

— טאָ זאָל דער טאַטע אויך ברענגען מעל... וועט מען קאָכן קליסקע־לעך...

— דער טאַטע אַרבעט אין שאָפּ, קינדלעבן, פון דאָרט קריגט מען נישט קיין מעל...

— און וואו אַרבעט חוהלעס פּעטער?

— איז ערגעץ נישט. ער האַלט וואך ביים טויער, צוזאַמען מיט די דייטשן, קינדלעבן...

גיטעלע פרעגט נישט מער. אירע בעקלעך צינדן זיך ווידער אָן מיט קליינע רויטע רויזלעך, וואָס לעשן זיך באַלד אויס. די מאַמע דרייט אַוועק דעם קאָפּ, זעצט זיך צופוסנס פון בעטל און פאַרדעקט די קינדער מיטן אַלטן ווינטערדיקן פּאַלטן.

*
**

פּיוויש איז געלעגן אויפן בעטל אין די הויכע גלאַנציקע שטיוול און געכראָפּעט. ער איז היינט אַרויפגעקומען אַ שיכורער און זיך באַלד אַ וואָרף געטאָן אויפן בעטגעוואַנט. איידער ער איז איינגעשלאָפן האָט ער ביילען איינגערוימט עפּעס אויפן אויער. ביילע איז בלאַס געוואָרן און שיר נישט אומגעפאַלן אויף דער פּאַדלאָגע. פּיוויש איז אָפּגעשלאָפן אַ פּאָר שעה און באַלד נאָכן אויפכאַפּן זיך אַוועקגעלאָפן. ביילע האָט אים לאַנג נאָכגעקוקט איבערן געסל, וואו ער האָט געשפּרייזט מיט זיינע שוואַרצע, גלאַנציקע שטיוול.

דאָס, וואָס פּיוויש האָט דערציילט בסוד ביילען, איז געווען עפּעס אַזוינס, ווי ס׳וואָלט זיך — תהום געעפנט אונטער אירע פיס. אין אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן אַרומטאַנצן גרינע פייערלעך. יעדער רגע האָט זי צו זיך אַ כאַפּ געטאָן חוהלען, זי געהאַלדזט און געקושט, געגלעט די אָקסלעך און זיך מיטן מויל איינגעביסן אין קינדס העלדזל. חוהלע האָט אָנגעהויבן וויינען. דערהערנדיק דעם קינדס געוויין האָט ביילע אַ קוויטש געטאָן ווי אַ גע־שאָכטענע. באַלד האָט זיך אויך אונטערן ווענטל ביים שכן אויפגעהויבן אַ יללה.

די לעצטע נאַכט איז איצט ביילע געלעגן מיט חוהלען. אויפן הייפל האָבן דערווייל אַלע מאַמעס אַרומגעטראָגן אין דער פינצטער די קינדער

אויף די הענט און געיאָמערט. ס׳איז געווען אַ פינצטערע נאַכט אויפן הויפל און נאָר פאַרגליווערטע לבנה־פלעקן האָבן זיך צוזאַמען מיט די קינדער־קעפּלעך פאַרבאַהאַלטן אונטער מאַמעס יללהדיקע הענט. אימיצער פון די ווייבער האָט אויפגעהויבן ס׳קינד קעגן דעם זוים פון דער שווימענדיקער לבנה און געמאַכט אַ געוואַלד גלייך אין פינצטערן הימל אַריין. דאָס געשריי נאָך רחמים איז צערונען אינם קילן ווינט, וואָס איז איצט געגאַנגען פון יענער זייט געטאָ.

מ׳האָט שוין געגרייט רוק־זעקלעך און קליינע טאָרבעלעך. מאַמעס האָבן זיך געגרייט אין וועג אַריין צוזאַמען מיט די קינדער. מאַנכע האָבן נאָך אין דער נאַכט אויסגעזוכט זיך באַהעלטענישן און דאָרט פאַרקראָכן מיט אַ ביסל שפּייז און ברויט. ליגנדיק אויפן בעטל ווי אַ געשאָכטענע האָט ביילע זיך צוגעהערט צום פליסטערן אונטערן ווענטל, ביים פאַרפאַלק. דאָס זיינען אינדרינען געלעגן טאַטע־מאַמע איבער די שלאָפנדיקע צווי קינדער און זיך געאַמפּערט וועמען אָפּצוגעבן די דייטשן; גיטעלען צי בערעלען.

— ווי קען איך אָפּגעבן בערעלען, גזלן!!!! קוים דריי יאָר... ווער וועט זיך אויף אים אומקוקן? ער קען זיך אַליין די הויזלעך נישט אָנטאָן... די שיכלעך...

— טאָ אפשר גיטעלען? זי איז דאָך שוין אַ דערוואַקסענע... מענטשן וועלן קענען האָבן פון איר אַ נוץ... זעקס יאָר אַ מיידעלע וועט דאָך נישט פאַרפאַלן ווערן... גוטע מענטשן וועלן זיך אויף איר אומקוקן...

— כ׳וועל זיי ביידע אָפּשחטן היינט ביינאַכט, הערסט? כ׳וועל זיי אָפּ־שחטן אײדער זיי אָוועקגעבן דעם דייטש... אָפּשחטן וועל איך זיי!...

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך אונטערן ווענטל געקנוילט אַ געכליפּ פון פאַר־פאַלק.

צומאָרגנס, ווי נאָר דער טאָג האָט זיך גענומען אַדורכברעכן דורך די ווענטלעך, האָט ביילע אָנגעהויבן אָנטאָן חוהלען. זי האָט אויף איר אַרויפ־געצויגן די קליידלעך מיט פרעמדע אָפּגעשטאָרבענע הענט. אַ רויט שטיקל באַנד האָט זי איינגעפלאָכטן אין חוהלעס האָר און אין דער פרימאָרגנדיקער טריבקייט האָט דער שלייף געוואָרפן איבערן קינדס פּנימל אַ רויטלעכן אָפּ־שיין פון בלוט. ביילע האָט שוין דערזען זיך פלאָנטערן אין אַ נעץ פון שגעון און זינד. וואָס מער זי איז געזונקען אין דער דאָזיקער נעץ אַלץ מער האָט אין איר גענאָגט די פאַרצווייפלונג, בעת אירע אַלע חושים זיינען געווען איינ־גאַנצן געלייטערטע. די פּאָר חדשים זינדיק לעבן מיט פּייווישן האָט פון איר אָוועקגעשטויסן די שרעק פאַרן הונגער און אַז זי איז געווען זאַט — איז דער פּחד פאַרן טויט צערונען געוואָרן. אַ פרעמד קול האָט זיך געוויגט אין איר זינדיק האַרץ. דאָס אַלץ איז דאָך געשען דערפאַר, וואָס איר יונג לעבן האָט זיך געוואָרט כדי נישט צעקרישלט צו ווערן אינעם תהום פון געטאָ. זי האָט געלאָזט ברענען דאָס מיאוס און תהומיק פייער אין איר האַרץ און די פלאַמען האָבן זי איינגאַנצן אַרומגעכאַפּט. וואָס מער ס׳איז געוואַקסן אין געטאָ די שרעק אַרויסגעשיקט צו ווערן, אַלץ קראַמפּהאַפטער האָבן זיך אירע

הענט געקלאַמערט אינעם ביסל זינדיק לעבן מיט פּיוויש. טײַלמאַל איז צו איר געקומען אַ שטיל ווידערקול פון אַמאָל, אַ קלאַנג פון ווידוי און חרטה. דאָס איז אָבער באַלד פאַרטריבט געוואָרן אינעם בײַז, זינדיק לעבן, וואָס האָט זי געקלאַמערט מיט הייסע צעגליטע ריפן. זי האָט געוואוסט, אַז זי באַגייט אַ זינד, פון וועלכער זי וועט שוין קיינמאָל נישט קענען אַרויס.

און אַז ס׳האָט זי טײַלמאַל אָנגעהויבן ברענען דאָס געפיל פון בושה און חרטה, האָט זי תמיד זיך געקלאַמערט אין חוהלען. דאָס האָט זי דאָך, ביילע, אַלץ געטאָן פאַר איר, פאַר חוהלען, פאַר איר געזונטוועגן, פאַר איר זאַט־קייט, פאַר איר געלעכטערל... און דאָס געלעכטער חוהלעס האָט גערייניקט איר האַרץ פון אַלדאָס בײַז. זי האָט דעמאָלט געוואוסט, אַז איר זינד איז נישט אַזוי גרויס און ס׳וועט אויך געשען אַ נס — זי וועט אַרויסטראָגן פון געטאָ איר קינד און זיך אַליין — וועט דעמאָלט איר זינד פאַרגעבן ווערן. זי האָט דאָך אויפגעהאַלטן דאָס לעבן פון איר קינד... און איצט? איצט זאָל זי דאַרפן אַליין אָפּגעבן חוהלען, ווײַל ער, פּיוויש, וויל אַזוי? ער רעדט זי צו אָפּצו־געבן ס׳קינד צום דײַטש... די קינדער ווערן דאָך אַרויסגעשיקט אין אַ דאָרף... אויף אַ פאַרם... סײַ־ווי־סײַ ענדיקט זיך שוין די מלחמה... ער וועט מיט איר חתונה האָבן, פּיוויש... ער וועט מיט איר באַשטימט חתונה האָבן... זאָל זיך נאָר די מלחמה ענדיקן...

זי איז געשטאַנען, ביילע, איבער איר אייגן האַרץ אַריבערגעבויגן ווי איבער אַן אָפּגרונט. מיטאַמאָל איז זי באַפאַלן אַ גליאיקע כוואַליע פון מו־טערלעכקייט. זי האָט אַרײַנגעקוקט אין חוהלעס גראָע אייגעלעך און אין זיי דערזען אַ שאָטן פון דודן. זי האָט זיך מיט די ליפּן אײַנגעזויגן אין חוהלעס העלדזל, וואָס איז געווען ווייך און וואַרעם. ניין, זי וועט קיינמאָל חוהלען נישט לאָזן אַליין... זי וועט מיטגיין מיט איר, אויב עס קען אַנדערש נישט זײַן... מיט טויזנטער וואַרעמע הענטלעך האָט חוהלע זי אַרומגענומען און געצויגן צו זיך. זיי זײַנען ביידע געלעגן אויפן בעטל און לאַנג געהעשעט איינע אין דער צווייטער אַרײַן.

אַרום האַלבן טאָג איז פּיוויש אַרײַנגעפאָרן מיט אַ וואָגן אין הויף אַרײַן. נאָכן וואָגן זײַנען געגאַנגען דײַטשן מיט אַרויפגעשאַרצטע העמד־אַרבל און מיט שפּיצרוטלעך אין די כאַליעוועס פון זייערע שטיוול. ער איז אַרויף דער ערשטער צו ביילען. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן חוהלען פון ביילעס הענט. זי איז שטיין געבליבן אַ רגע אַ געליימטע און געוואָלט נאָכלויפן. פּיוויש האָט זי אָבער אַ שטויס געטאָן, פון וואָס זי איז געפאַלן אויפן בעטל. מיט אַרויס־געזעצטע אויגן איז זי צוגעלאָפן צום פענצטערל. זי האָט איצט געזען ווי דאָס פאַרפאַלק פון הינטערן וועגטל איז אַרויפגעגאַנגען אויפן וואָגן, געפירט ביי־דע קינדער ביי די הענט און זיך אַוועקגעזעצט אויף זייערע פּעקלעך. זי האָט אַפילו געזען ווי חוהלע האָט זיך אַרומגענומען מיט גיטעלען און ביידע קינ־דער האָבן אָנגעהויבן אַרויספאָכן מיט זייערע הענטלעך צו די פענצטער... אַ בייזער פינצטערער כוח האָט זי געהאַלטן צוגענעגלט צו דער פּאָדלאָגע און נישט געלאָזט זי רירן זיך פון אָרט. פון גאַנצן הייפל איז איצט געגאַנגען אַ

יללה פון מאַמעס, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט שיידן מיט די קינדער. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ און אָנגעהויבן מיט אים קלאַפּן אין ווענטל. מיט די נעגל האָט זי זיך צעריסן ס'פּנים און וואָס מער דער ווייטיק האָט איר געצינדן די הויט — אַלץ ווילדער איז זי געוואָרן. אָבער קיין כוח אַראָפּ־צזלויפן צום וואָגן האָט זי אין איר פאַרצווייפלונג נישט געפונען. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעטל און דאָ געבליבן ליגן מיט אויפגעפּראַלטע, אויס־געלאָשענע אויגן. דער פינצטערער בליק איבער איר איז אַראָפּגעהאַנגען ווי אַ פאַרכמורעטער הימל, וואָס באַהאַלט נאָך אין זיין בוזעם שאַרפע, טויט־לעכע בליצן.

***

אינמיטן נאַכט איז פּיוויש אַ שיכורער געשפּרונגען איבער די טרעפּן פון הייזל. דאָס חדרל פון פאַרפאַלק פון הינטערן ווענטל איז געשטאַנען אַ ליי־דיקס און צעריסנס. ער האָט זיך אַ שליידער געטאָן אויפן בעטל לעבןביילען, וואָס איז נאָך געלעגן דאָ מיט אויפגעפּראַלטע אויגן. ער איז באַלד איינגע־שלאָפן.

ערשט איצט איז אין ביילען אויפגעגאַנגען און געוואָרן וואַך אַ גליאיקער, טיפער ווייטיק. זי איז געוועזן די איינציקע אין גאַנצן הויף וואָס איז געבליבן דאָ אָן קינד. די פינצטערניש אַרום איר האָט זי געבריט מיט לאַנגע, שפּי־זיקע צונגען. און אין אַלץ איז שולדיק ער, פּיוויש, וואָס כראָפּעט איצט לעבן איר. אַ היץ האָט איר געבריט אין די שלייפן. די גאַנצע פאַרבאַהאַלטענע פינצטערע שנאה צו אים האָט זיך אויפגעוועקט מיט אַ בייזן צאַפּל פון אירע הענט. אַ ווילדע, רויטע מחשבה איז זי באַפאַלן, פון וואָס זי האָט אָנגעהויבן ציטערן אויפן גאַנצן לייב. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך ס'קליידל און זיך גענומען טוליען צו פּיווישן. ער האָט אין דער פינצטערניש אויפגעעפנט זיינע אויגן און נאָך שיכורערהייט עפּעס געמורמלט. זי איז געלעגן לעבן אים מיט אַלץ נאָך אויפגעפּראַלטע אויגן, וואָס האָבן גאַרנישט געזען אין דער פינצטער נאָר אַ רויטן בלוטיקן קרייז, וואָס האָט זיך געוויגט אין חלל. דער דאָזיקער קרייז האָט געהאַט שפּיציקע רויטלעכע צויטן, וואָס האָבן געצינדן דאָס חדרל. זי האָט געהאַלטן אין איר פויסט פאַרבאָרגענערהייט אַ קאַלטע שאַרפע זאַך, מיטן לינקן אָרעם האָט זי אַרומגענומען פּיווישן, בעת איר הייסער אָטעם האָט געבריט זיין קאַרק. ער האָט ווידער געעפנט די אויגן און זיך צעשמייכלט. אָבער באַלד איז דער שמייכל אויף אים צע־רונען און דאָס פּנים האָט זיך אויסגעקרימט. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן מיטן קאָפּ, בעת אַ ווילדער קוויטש האָט צעריסן די פינצטערניש אונטערן בעליק. ער האָט אָנגעהויבן טאַמלען מיט די פיס. פון זיין שויס האָט זיך גענומען גיסן בלוט, איבער זיינע טאַמלענדיקע קני. ער האָט נאָכאַמאָל אַ ריטש גע־טאָן און אָוועקגעפאַלן אויפן בעטל.

אַ האַלב־נאַקעטע איז איצט ביילע אַרויסגעלאָפן פון חדרל. זי איז געלאָפן איבערן הייפל, וואָס איז געווען אינגאַנצן אַ פינצטערס. פון דאַנען

איז זי אַרויסגעלאָפן אין געסל. ס׳איז שוין געווען טיפע נאַכט אין געטאָ. אין ערגעץ האָט נישט געלויכטן קיין ליכט, בלויז אַ גראָע, מוטנע ליכטיקייט פון די שווימענדיקע וואָלקנס איבערן געטאָ האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין דער אונטערשטער פינצטערניש. זי איז געלאָפן אין דער דאָזיקער פינצטערניש, וואָס האָט איר געקילט די שלייפן. זי איז געלאָפן מיט אַן אימפעט, נישט וויסנדיק וואוהין. דאָס געסל האָט איצט געפירט באַרג־אַראָפּ. זי איז געלאָפן, ווי ווינטן וואָלטן זי געפירט אונטער די אָרעמס. עס איז איר אויסגעקומען ווי זי הערט פאַר זיך לויפן דעם וואָגן מיט חוהלען. אָט־אָט און זי וועט אים דעררייכן. חוהלע ווינקט שוין פון דערווייטנס און זי זעט אַפילו ווי עס בלענדט אַרויס דער רויטלעכער שלייף פון אירע האָר. באַלד־באַלד וועט זי צופאַלן צום וואָגן. אַ פינצטערער בייזער כוח האָט זי פון הינטן אַלץ געטריבן פאָראויס. פון איין געסל איז זי אַריין אין צווייטן, ביז זי איז צוגעקומען צו די דראָטן. זי האָט שוין נישט געוואוסט וואָס מיט איר טוט זיך. דער ווינט האָט זי געטראָגן אַ וואָיענדיקער און אַ פינצטערער.

זי איז אין אימפעט אַרויפגעפאַלן אויף די דראָטן, וואָס האָבן זיך דאָ געהויבן מיט זייער פאַרצוימונג. דער דייטש, וואָס איז דאָ געשטאַנען, האָט אויפגעפּראַלט זיינע אויגן: אַ נאַקעטע פרוי לעבן די דראָטן — זעט ער ס׳ערשטע מאָל. ער האָט זיך צוריקגעצויגן און אין דער האַלבער פינצטערניש אויסגעשריען:

— שטיין בלייבן!... וואָהין, דו העקסן־ווייב? ווילסטו אַן דען הימעל?... צו דען שטערנען?...

— יאָ־יאָ־יאָ — האָט ביילע מיט היץ אַרויסגעשטאַמלט — צום הימל... צו די שטערן... צו די שטערן...

זי האָט אויסגעשפּרייט אירע ביידע נאַקעטע הענט איבער די דראָטן און זיך אַריבערגעבויגן מיטן גאַנצן גוף. זי איז שוין געבליבן אַזוי הענגען מיטן קאָפּ אויף יענער זייט. מיט אַראָפּהענגענדיקע הענט צו דער ערד האָט זי זיך נאָך אַ ביסל געוויגט ווי אַ נאַקעטער, טויטער פויגל.

לאָדזשער געטאָ, 1944.

א. לעיעלעס

ציקל פון עלף לידער

ס׳וועט גיסן

נאָך אַ דעמפּיקן, אָנאָטעמדיקן טאָג
האָבן אויף די פּלוינען פון דעם מערבדיקן הימל
זיך סטאַדעסווייז געקליבן די סומנע, ערנצטע אָקסן
פון דער נאַכט,
די פּייכטע, שטאַרקע שוואַרצע יונג־אָקסן
פון דער נאַכט.

אַ ווינט האָט זיי געטריבן
און זיי האָבן זיך געטוליעט און געשפּריט,
און פאַרדעקט דעם גאַנצן טונקל־גרויען אויסשפּרייט,
איבער די ביימערשע שפּיצן,
איבער די העכסטע מיצן פון די בערג.
פינצטער האָט זיך די סטאַדע געמערט און געהורבעט.
אין געדרענג האָבן זיך אַלץ מער געשפּאַנט און געשטרענגט
זייערע שווערע לענדן,
זייערע איבערפולע, נידעריק הענגענדיקע לענדן —
עס וועט גיסן, עס וועט גיסן, עס וועט גיסן.

די שופרות פון דעם ווינט האָבן געבלאָזן און געברומט
דורך דעם געדיכטן געצווייג פון די ביימער —
עס וועט גיסן, גיסן, גיסן.

פון די בערג האָט עס געקנאַלט
מיט עכאָ נאָך עכאָ —
עס וועט גיסן!

מבול

דער דאַך פון מיין שטוב איז אַ הילכיקע פּויק.
איך וועל שוין היינט וואַכן, ניט שליסן קיין אויג.

איך וועל שוין בלויז קוקן צום באַלקן אַרויף,
איך וויים גאַנץ באַשיידלעך — נישטאָ היינט קיין שלאָף.

איז, ליג איך און האָרך צום אומענדלעכן גאַס,
וואָס שטאַרקט זיך מיט גבורה אַ שטיק נאָך חצות.

ס׳איז אויסטערליש פינצטער, נאָר כ׳צינד נישט קיין ליכט.
עס מאַכן די פענצטער די נאַכט מער געדיכט.

די נאַכט איז געהייליקט צום מיסטישן פלייץ.
עס נעמט מיך אַרום אַן אומהיימלעכער רייץ.

עס פּויקט אין מיין דאַך — איך זאָל בלייבן געוואַכט
און זען וואָס עס טוט זיך אין איינער אַ נאַכט.

דעם חושך בליקט דורך איצט מיין אויפגעפּראַלט אויג.
כ׳זע ענדלאָזן דאָרשט און געוואַלטיקן זויג,

און אָפענע ליפּן און גרייט־פּאַרטיק מויל
און צייטלאָזן, אָרטלאָזן תענוג — ווי וואויל!

עס זויגט איטלעך בלעטל, עס זויגט יעדע פלאַנץ,
ס׳ליגט הימל מיט ערד אין פאַרגעסונג, אין טראַנס.

ס׳ליגט הימל מיט ערד אין באַהעפטן ביינאַנד.
עס גיסט און עס גיסט און עס גיסט אויפן לאַנד.

אויפן באַרג

אויסגעקאַמט און אויסגעצוואָגן ציכטיק, גרינטלעך,
רופט מיך דער באַגינען, פירט מיך צו דעם העכסטן באַרג.
זון און רחבות! אונטן וויגט זיך ס׳בלעטער־נאָדלוואַרג
פון די ביימער אין דערפרישטע, מילדע ווינטלעך.
יאַגדעס, אַגרעס, מאַלינעס, אין פאַרבן־בינטלעך,
באַטן אַן זיך ממש: רייס און טרינק אונדז, נישט געקאַרגט!
זון און רחבות. און די נוסביימער פאַרשמעקן.
גוט, וואָס כ׳האָב געלאָזט זיך פון פרימאָרגן וועקן.

ס׳וואַרט דאָ, ווי אַ פריינד אַ ליבער, מילדער,
איין צעוואַקסענער, צעצווייגטער נוסבוים. ס׳רעדט זיך: בוים.
אַן אימפּעריע גאַנצע, מיט אַ היפּשן לעבנסרוים.
שטענדיק ראוי פאַר באַוואונדער און פאַר שילדער,

שטייט ער איצט געטוקט אין פייגלישן געפילדער
און אין יונגן ליכט — אַ קליאַש פון גאָלד אין בלויען שוים.
רויט־בריסטלעך, קאַנאַריקעס און גרויע שפּערלען
ליאַרעמען אַז מינדסטן אַפּשיי — פרעכע קערלען.

אַ גוטמאָרגן, וועווריק. און אויך דו, מיין קראָליק.
שטיי נישט טויט־דערשראָקן, ס'איז דאָך בלויז מיין פּוס, וואָס שאָרכט.
כ'זע געננוי — דיין יעדער לאַנגער אויער הערט און האָרכט.
כ'ווייס, עס קאָן אַ פיינט, אַ האַרצלאָזער עמלק,
אָנפאַלן, ווי ס'האָט פּאַסירט מיליאָנענמאָליק,
און פאַרלעשן זון און אַלץ. גו, כ'גיי. פאַרגעס דיין פאַרכט.
כ'האָב צו דיר נישט. טרוסן זיינען מער ווי בראָווע.
כ'גיי. ס'וואַרט מיין געטרייע פרוי שוין מיט דער קאַווע.

וואַסערפאַל

ס'איז אַלץ דאָ דאָס ווערק פון דער מענטשלעכער מי:
דאָס טייכל נאַאיווע מיט זילבערנער מראה,
דער הילכיקער רויש און דער פריילעכער פלי
פון פיטשינקער, מענטשלעך־פאַרטראַכטער ניאַגאַרע.

די גראָזן, צוריק מיט אַ וואָך ערשט פאַרזייט —
זיי וואַקסן פאַרטרוילעך און לאַשטשען זיך צערטלעך.
זיי פלאַפּלען צום ווינט מיט די גראָזיקע רייד,
און שעפּטשן צום וואַסער מיט גרינלעכע ווערטלעך.

אַמאָל האָט אַ פאַרמער געלעבט דאָ אַליין,
געלעבט דאָ אין שטילקייט אין וואַלדישן איינזאַם,
געלעבט דאָ מיט ריוו און מיט זון און מיט שטיין,
געלעבט און געוואַקסן מיטביימער געמיינזאַם.

איך ווייס נישט, צי איז ער געווען אויך אַ נזיר,
צי גאָט דאָ געזוכט אין אַליינקייט מיט זיך.
נאָר זאָט איז געקומען אַ גרויסער בולדאָזער
מיט יונגען אין הויכע און גומענע שיך.

צעגראָבן דעם ריוו און געשטופּט אַלץ די ערד,
די ערד האָט צום ווייטערן ראַנד זיך געטוליעט.
דער ריוו איז אַ טייכל, די שטילקייט צעשטערט,
דער פאַרמער אַוועק, און דער וואַסערפאַל הוליעט.

שטיינער

קילמער דזשאָיס האָט קלוג געזונגען:
„בוימער מאַכן קאָן בלויז גאָט‟.
קילמער דזשאָיס, דעם יונגען, יונגען,
האָט צו זיך פאַרנומען גאָט.

נאָר איך מיין, עס איז נישט קלענער
ס'וואונדער, וואָס איז דאָ אין שטיין.
קיינער מאַכט פון גאָט נישט שענער,
אָבער גאָט אַליין — איז שטיין.

ביימער לעבן, ביימער וואַקסן
פונקט אַזוי ווי איך און דו,
טויזנט זונען, טויזנט שלאַקסן,
דאַן אין גרוב, ווי איך און דו.

שטיינער אָבער — געטלעך שטומקייט,
פאַרכטיק ווי די נאַכט אָן ליכט.
זייער רונדקייט, זייער קרומקייט —
אייביק ווי דאָס ווייטע ליכט.

גיי אין פעלד אַזייגער אַכטע,
זומער ביי דעם זון־פאַרגיי,
גיי מיט חושים אויפגעמאַכטע,
גיב זיך אונטער דעם פאַרגיי.

לייג דאַן צו צום שטיין דיין אויער,
האָרך נישט צו קיין פרעמדער שטים.
ווען סטו הערן פרייד און טרויער —
ס'איז גאָטס אייביק־וואָרע שטים.

דאָס בריקל

איבער דעם ריוו, ווייטער אין וואַלד,
הענגט אַ פאַרוואָרלאָזט בריקל:
צוויי אַלטע ביימער־שטאַמען מיט ברעטלעך,
וואָס צעקריכן זיך אונטער די פאַרזשאַווערטע טשוועקעס.
שטאַמען, ברעטלעך באַדעקט מיט מאָך און שוואָמען,

היים פּאַר סעודות פון שפּינען,
נעסטן פון אַלערלייאיקן געפלי און געקריך.
שטאַמען, ברעטלעך — האַלב צעפּוילט,
אַ סכנה אויף זיי אַ פוס צו שטעלן.

ערב נאַכט איז דאָס בריקל אַ ברוין־גרינער קראָקאָדיל,
מיט שמאָלן, פלאַטשיקן קאָפּ אין וואַלד איינגעהאַרכט,
מיט די גלעזערנע אויגן צו דער טונקעלער געדיכטעניש.

אין דעם קראָקאָדילס אויגן — וואַלדישע ריטואַלן,
שליימען פון אור־אורער מיסטעריע.
דער קראָקאָדיל — קיין ריר.
נאָר די אויגן גלאַנצן פאַרגליזטע בענקשאַפט,
רופן און לאָקערן, מאַניען און ציען —
צו די געהיימע ריטואַלן,
צו פאַרגראַבענע, פייכטע קאַרניוואַלן,
צו שליימיקע, אומהיימלעכע מיסטעריעס.

די וואַלדיקע בענקשאַפט
הויערט קנויליק אין מיר ביז העט־העט
אין טיפער נאַכט.

„לאַוועֶרס לעין"

„לאַוועֶרס לעין" ציט זיך דורך ווילדער וואַלדיקייט.
די איינגעפּרעסטע אויטאָ־שינעס פאַסן זיך דאָ גאָרנישט.
שטענדיקע טונקלעניש, וואָס אָטעמט מיט מאָך,
מיט אויסטערלישע פּניאָקעס און מטורפע שוואָמען.

גרויע, שוואַרצלעך־ברוינע, אָדער סוי־וועס־בלאַסע,
טוליען זיי זיך צו די וואָרצלען פון פאַרקאַלטנטעביימער:
מיר זעען אייך נישט, איר קוקט אויף אונדז נישט,
שטערט נישט אונדזער פאַרנורעט לעבן.
ווייכע, שלאַבעריקע זיינען מיר —
לאָזט צורו.

נאָר געטרוי נישט די שאַלקהאַפטע געוויקסן.
גיי ווייטער און זע —
גאָר אַנדערע שוואָמען:
שאַרלאַך־רויטע

בלוט־אָנגעגאָסענע, פּרעך־צעעפּנטע.
צעכראָסטעטע, רויע שטיקער פליש,
צעוואָרפענע צווישן פוילנדיקע בלעטער און נאָדלען,
שיריים פון ווער־ווייס וואָס פאַר אַ וואַלדיקע, ערדישע,
נאַכטיקע, געהיימע אָרגיעס.

שפּאַציר דורך „לאָווערס לעין"

„לאָווערס לעין" איז לאַנג, געשלענגלט, ציט זיך באַרגיק, טאָליק,
און דערפירט צו אַ בית־עולם, כ'רעד דאָ אַן סימבאָליק.

ס'איז אַ יידישער בית־עולם, פרום געפּלאַנט און ליב געכאַוועט,
און ער טראָגט דעם שטאָלצן נאָמען פון דעם קיניג דוד.

רונד אַרום אַ קייט פון בערגלעך — סאָסנעס, דעמבעס, ברעזעס,
פרומע צווייגן רוישן איבער שטומע יידן־גזעס.

די מצבות מיט די נעמען — גאָלד און שוואַרצע קאָרבן —
זאָגן אָן, פון וויפיל לענדער מ'איז געקומען שטאַרבן;

ווי עס האָבן זיך פון ווייט געצויגן יידן־עדות
און נישט אַלע זיינען דאָ געוואָרן טאַטעס, זיידעס.

פּרעפּלען ביימער איבער זיי, עלעגיש און באַלאַדיש,
זעסט אַ גרופּע אין אַ ווינקל, הערסט אַ נייעם קדיש.

אין גרויען ליכט

איבערן קליינעם יידישן בית־עולם
איז פאַרוואָרפן אַ טול פון גרוי ליכט,
ווי אַ גרזיסער שפּין וואָלט דאָ געוועבט זיין געוועבס
פון די ביימער־שפּיצן אַראָפּ.
דער איינזאַמער קדיש מאַכט געדיכטער דעם טול.

דער איינזאַמער קדיש
ברענגט ווידער די שטענדיקע דערמאָנונג,
וואָס באַגלייט מיך איצט אומעטום,
און וועט בלייבן מיט מיר ביזן לעצט פון מיינע טעג,
ווי אַן אינעווייניקסטער אַשיקער שאָטן.

לעבן מיר שטייט אַ יונגע פרוי.
זי האָט בלאָנדע האָר און ברוינע אויגן.
זי רעדט צו מיר קלוגע, מונטערע רייד:
מיר וועלן... מיר וועלן... — קלוג און מונטער.
זי קומט פון ארץ ישראל.
איך מאַטער זיך צו ענטפערן מיט העפלעכע גאַלאַנטקייטן.

דער איינזאַמער קדיש
שטייט אין מיינע אויערן מיט אַ שטים,
וואָס קומט פון זייער ווייט,
און פליסטערט זייער נאָענט:
די שטים פון מיין ברודער וויגדער אייזיק.
די שטים פון מיין ברודער יעקב דן.

די רייד פון מיינע ברידער

ס'איז אונדז אַצינד שוין ווילער, אהרן.
שוין נאָך דעם לעבנס פולסטן שלעכטס.
פאַר אונדז קיין וואַרטן מער, קיין האַרן,
קיין פאַרכט, קיין קלאָגן, און קיין קרעכץ.

שוין נאָך דעם מענטשנס בייזער בגידה,
נאָך שונאס קוועלן, שכנס לאַך.
שוין נאָך די טעג, די מידע, מידע,
שוין נאָך די נעכט פון שוואַרצער וואַך.

דיין לעצטער בריוו האָט אונדז געטרייסט נאָך.
עס איז שוין לאַנג געווען צו שפּעט.
צו־שפּעט פאַר גרעסטן גליק, דו ווייסט דאָך —
צו שטאַרבן אויפן אייגן בעט.

אָן אַנדער דריי אין גורלס עיגול —
ס'וואָלט אונדזערס זיין דיין איצטיק לאַנד,
און דו אָט־דאָ, וואו אונדזער וויגל
עס האָט געוויגט די זעלבע האַנט.

נאָר גורל איז בלויז דאָ צו נאַרן,
צו ברענען בראַנד, צו שווינגען שווערט.
אַ זאָל נישט פעלשן קיינמאָל, אהרן,
אין דיר די ווייטע, גייע ערד...

צוריקוועגס

אין מערב איז די זון שוין געהאָנגען
ווי אַ גרויסער מאַראַנץ,
געוואָקסן אין רונדקייט, געפאַלן אַלץ נידעריקער.
זי האָט נישט געוואַרעמט, און איר ליכט
איז געקומען זייטיק, פרעמד און פאַרגעצט.

דער וועג האָט געפירט צווישן גויאישע הייזער.
אויף די פעלדער זיינען געשטאַנען פאַרטאָן וואו אַ קו, וואו אַ פערד.
זיי האָבן זיך אָפגעשטעלט אין מיטן פיטערן,
פאַרהויבן די מאַרדעס
און טעמפּ געגלאָצט צום פאַלנדיקן ליכט,
און אויף אונדז.

די שויבן אין די הייזער
האָבן געקוקט מיט בייזן בליאַסק,
און פיינטלעך נאָכגעשפירט אונדזערע טריט.

די יונגע פרוי ביי מיין זייט האָט גוט געטאָן,
וואָס זי האָט געשוויגן.
נאָר אפשר האָט זי גערעדט,
און איך האָב נישט געהערט.

יעקב גלאַטשטיין

לידער

אינמיטן וועג

שטילט אַ ביסל אײַן דעם פּויקן־מאַרש,
ביז וואַנען מיר, דער דור המדבר, וועלן אויסשטאַרבן,
זײַט געדולדיק צו אונדז.
פֿאַרלאַנגזאַמט אײַערע טריט,
זאָל מען מיינען אַז מיר וועלן אויך אָנקומען.

מיר וועלן נישט דערגרייכן.
מיר קענען נישט דערגרייכן.
דער וועג צו פֿאַרגעסנדיקער פֿרייד איז לאַנג.
אַז מיר וועלן פֿאַלן הויבט אונדז אויף,
טראָגט אונדז ווי הייליקע ספרים פֿון טרויער.
אויב מיר וועלן שטאַרבן,
באַגראָבט אונדז אינמיטן וועג,
ווי שטיקער פֿאַרמעט.

און טאָמער וועט איר אונדז פּוגע בכבוד זײַן,
זאָל אײַך נישט גערעכנט ווערן,
דור פֿון זינגענדיקער עקשנות.
טאָמער וועלן מיר בלײַבן אַליין,
וועט די נאַכט פֿאַלן אויף אונדזערע ביינער
און פֿאַרהוילן אונדזערע קברים.
און אַז אונדזערע קברים וועלן אָפּגעמעקט ווערן,
וועט איר ווערן אַ פֿאָלק
פֿון פֿאַריתומטער פֿרייד,

אָן פֿאָטערלעכן, צערטלעכן טרויער.
אָבער אונדזער טרויער איז נישט נאָר צערטלעך,
נאָר אויך קרעפּטיק. אָן אונדז
זענט איר אַ קינדיש פֿאָלק
מיט אַ נאַרישן, פֿאַפּירענעם גאָט.

פאָרט אַ ייד

פאָרט אַ ייד קיין ארץ ישראל,
וויינען אין אים אַלע פריידן.
וואָס נענטער ער קומט צום טויער,
פאַרגינט ער זיך נישט דאָס לעבן.
גוואַלד און סטייטש!
וויינען אין אים אַלע פריידן.

דער ייד איז אַ פּליט.
זיין ווייב האָט מען פאַרפּייניקט,
איין קינד פאַרברענט,
אַ צווייט קינד איז געשטאָרבן פון געשווילעכץ.
גוואַלד און סטייטש,
וויינען אין אים אַלע פריידן.

מיטאַמאָל וואַקסט אויס אַ פייערדיקער גיבור
מיט אַ געשטרעקטער שווערד,
כ׳וועל דיך צעפּערטלען אויפן אָרט,
אויב וועסט נישט זינגען מיט אַלע ביינער.
גוואַלד און סטייטש,
אוי טאַטע־פאָטער,

וויינען אין אים אַלע פריידן.
וויינט דער גיבור און ער לייגט די שווערד אין שייד,
און ביידע טאַנצן וויינענדיק דורכן טויער.

צווישן מנחה און מעריב

צווישן מנחה און מעריב,
מיט אַ יידיש וואָרט אין מויל,
זיצט דער זיידע און שווייגט.
שאַלאָם, זיידעשי!

דער זיידע זיצט און שווייגט.
איצט וועלן מיר אַרונטערנעמען די הייטלעך
פון אַלע סימבאָלן
און זאָגן פּשוט אַזוי:
דער זיידע איז זיידע־לשון
(ס׳נעמלעכע וואָס מאַמע־לשון)
און דער פריילעכער שאַלאָם
איז דער העברעאישער אוניווערזיטעט.

אָט ווי איר הערט, קלאָר אָן רעטענישן —
דער העברעאישער אוניווערזיטעט.

וואָס־זשע שווייגט דער זיידע?
ממה נפשך, האָט ער אַ יידיש וואָרט אין מויל,
זאָל ער אַ רעד טאָן.
דאָס איז די האַרבע קשיה.
איז דער תירוץ, דער אוניווערזיטעט
האָט געהייסן שווייגן,
ס׳הייסט?
ווי איר הערט — געהייסן שווייגן.
אָט אַזוי, דער אוניווערזיטעט
וועט צוגיין נאָנט צום זיידן
אָנקוועלן פון אים
און זאָגן — שאַלאָם.
אָבער דער זיידע נעבעך דאַרף שווייגן.
נעבעך.

וואָס־זשע וועט מען פאָרט טאָן,
אַז דער זיידע וועט מפסיק זיין
און געבן אַ געשריי אויף פּראָסט־יידיש:
עד מתי? די גאָל קען דאָך פּלאַצן פון שווייגן.
וועט דער העברעאישער אוניווערזיטעט
נישט אַרויס פון געדולד
און אַלץ זאָגן מיט אַ שמייכל:
שאַלאָם.
אָט ווי איר הערט: שאַלאָם.

ס׳הייסט? גוואַלד־געשריגן,
דאָס איז דאָך אַ תירוץ פאַר די בענטש־לעכט.
ס׳איז אַן אַקאַדעמישער תירוץ, מיינע פריינד!
ליבע פריינד. גלייבט מיר כ׳בין נישט אויסן.
אויפצולעבן דעם אַלטן ריב.
פאַראַן ביליכערע זאַכן אויפן וועג.
גלייבט מיר, ס׳איז נישט אין אונדז געווענדט,
ווי לאַנג זיידע־לשון זאָל לעבן.
ער וועט לעבן אַזוי לאַנג,
ווי ס׳איז אים באַשערט,
ווי דער אייבערשטער האָט אים אָנגעצייכנט יאָרן,
און לאָזן אַזוי פיל געטרייע אייניקלעך
וויפל ס׳איז באַשערט.
כ׳האָב בלויז געוואָלט משלען אַ משל

און אויסברייען אַ נמשל:
לאָזט דעם יידן רעדן אַ וואָרט,
אַז מען זאָגט אים שאָלאָם.
לאָזט אים עפענען ס׳מויל און זאָגן,
צווישן מנחה און מעריב
גאָט העלף! אָדער, גוט יאָר!
אָדער, אַ לעבן אויף דיין קאָפּ,
יונגער שאָלאָמטשיק,
וואָס דו גיסט אָפּ כבוד אַ יידן.

אַ דור פון חלום

אונדזער דור, אַ דור פון חלום.
קיילעכדיק ווי אונדזער ערד —
פון חלום צו חלום.
אַלץ געדענקט אונדזער דור,
אַלץ אחוץ אַז גאָט האָט די וועלט באַשאַפן.
דאָס האָט אונדזער דור פאַרגעסן.
דאָס איז זיין ביסל גלויבן.
אַ דור מוז דאָך האָבן אַ ביסל גלויבן.

האָבן מיר געקנעכט אין מצרים,
האָבן מיר געהאַט אַ לאַנד,
איז עס חרוב געוואָרן,
האָט מען געקעמט אונדזערע לייבער
מיט אייזערנע קאַמען,
האָבן מיר דאָס אַלץ פאַרשריבן.
האָבן מיר מעביר געווען אונדזערע סדרות
און עס געחלומט, געחלומט,
אונדזער דור האָט געחלומט.

פלוצעם האָט מען געקעמט אונדזערע לייבער
מיט אייזערנע קאַמען,
האָבן מיר געזיפצט און געקנעכט אין מצרים.
זיינען מיר געוואָרן אויסגעלייזט,
האָבן מיר גענומען עולה זיין צו אונדזער לאַנד.
האָבן מיר מעביר געווען די סדרות?
ניין, מיר האָבן געחלומט.
אונדזער דור האָט געחלומט.

אונדזערע תשעה באבס, אונדזערע פורימס,
אונדזערע חנוכהס, אונדזערע פסחס,
האָבן מיר געחלומט,
ביז זיי זיינען אויפגעגאַנגען אויף אַלע הימלען
און געבליט אויף אַלע ביימער.
יידישע תשעה באָבס,
יידישע ימים טובים אויף אַלע ביימער.
אונדזער דור האָט געחלומט.

איצט שפּאַנען מיר צום שבועות,
צו מתן תורה,
צום גאָט פון אונדזער גלויבן.
מיר גייען אים זוכן
אויף אַ ליידיקן באַרג סיני.
אונדזער דור, אַ דור פון חלום,
קיילעכדיק ווי די ערד,
פון ערשטן חלום צוריק,
צום ערשטן, ערשטן חלום.

אַ דור מוז דאָך האָבן אַ ביסל גלויבן.

י. י. סיגאל

לידער

***

אַ, יידן, נישט פון געטאָ און טרעבלינקע,
אָרעמע יידן, וואו איר זאָלט נישט זיין,
פאַר אייך שפּילט אויך מיין לידער־קאַטערינקע,
פאַר אייער פּראָסטער זאָרג און וואָכעדיקער פּיין.

נישט אַלע האָבן דעם געהיימען זכות פון קדושה,
נאָר שלעפּן אַ פאַרדאַרטן טאָג איבערן מאַרק,
און טראָגן זעק און טאַסקען קערב און קוישן
מיט אַלטע צרות — דאַרף מען אויך זיין שטאַרק, —

פון אייזן־שטאַרקער — יעדע נאַכט אַנידערלייגן
דעם מידן מוח אויף רו און — שלאָפן קאָן מען ניט,
איז הערט מען שעהן לאַנג דאָס כריפּען פונעם זייגער —
דער כעלעם־שומר אויף דער וואַך וואָס היט

אַז ס׳זאָל קיין רגע נאַכט דאָ נישט אַנטלויפן,
ער ציילט די אַרבעס צייט און טיקט און פּיקט.
נאָר ס׳האַרץ וואָס קרעכצט אויף אַלע לויזע רייפן
בלייבט וואונדיק־וואַך און פינסטער־ ניט פאַרוויגט.

וועל איך איצט שוין צום וויפלטן מאָל נאָך פּרוואוון
וואָס דער כעלעמער זייגער האָט ביז איצט פאַרפעלט, —
איך וועל צוהילף די ווערטער־כישופן אַלע רופן
וואָס מיר איז דאָ באַוויליקט אויף דער וועלט.

קאָן זיין אַז איך וועל ווייטער אַזוי בלייבן
אַ קאַריצער נאַר, אַ כעלעמער נאַר — ס׳אַלצאיין.
נאָר כ׳שווער אייך, ברידער ליבע, אַז מיין שרייבן
מיט גאָר זיין לירישן חלום און שירישן חן

איז אָנגעשטימט פון אייער וואָר און וואָגן
וואָס פּילדערט־אָפּ זיין טאָג־וועלט אויפן שטויב.
און אויב מיר איז באַשערט דאָ עפּעס זאָגן,
איז נישט דאָס זינגען גאָט אַ הויכן לויב.

נאָר פון דער נידער אייערער אַרויסבאַקומען
דאָס גוטע שטיקל אמתע געשמאַקע גנאָד.
אַ חכם־אביון מיט אַ שטעקן מיט אַ קרומען
וואָס שמייכלט שוין צו גאָט פאַר אָט־דעם גנאָד

צו הינקען־שפּרינגען אויף די בערגלעך לעבן
און איינהערן זיך אַליין צו דער מוזיק,
וואָס איז מסתמא ווי דעם אָדלערס שוועבן
אויף היפּנדיקע כוואַליעס לופט געוויגט.

אַזאַ קוהלת־יונג איז דאָ נישט שווער צו טרעפן
און וואויל איז צו דער גאַנצער וועלט דערפאַר
און וואָס עס קאָן מיט מיר אַפילו טרעפן —
אַ רגע ווערן דאָ אויס אומעטיקער נאַר.

פון טאָג-בוך

ווי אַ יינגל שרעק איך זיך נאָך אַלץ פאַר ווייטיק,
זיי בעסער, טויט, צו מיר און צו מיין אָרעם לייב,
ווי ס'איז דאָס לעבן וואָס רייפט שוין און צייטיקט
אין מיר ווי אַ שפּעטע, פאַרסמטע טרויב.

אַוודאי האָב איך געדאַרפט זיך אַנדערש פירן
ווי איך האָב זיך געפירט אויפן צעקרימטן וועג.
נאָר ס'איז שוין פאַרפאַלן און וואָס צו פאַרלירן
איז שוין סיי־ווי נישטאָ ביי דעם בלינדן ברעג.

און — אפשר? אפשר קאָן נאָך אַנדערש ווערן
און ס'איז נאָך דאָ עפּעס צו געווינען פאַראַן.
מיט דער אייגענער האַנט אַ וויש טאָן דעם שטערן
און גאָר דער אומעט און כמורער טומאַן

גייט גרינג אַרונטער און בייטאַגיק־בלויען
נעמט ניי מיין מזל און איך זאָג צו זיך:
איך וועל זיך נאָך ליכטיק אין דיר פאַרטרויען
ר׳ יוד יוד סיגאַל מיט די פאַרשטויבטע שיך.

אַ רודער דעם אַקסל, דעם קאָפּ אויפגעהויבן
און אַ פּרוואוו די נשמה אויפן הוילן לאַדאַן;
ליבער יוד יוד סיגאַל, איך וויל אין דיר גלויבן,
איך וויל און איך וועל און איך מוז און איך קאָן.

אַ, מוטיקע רגע, ווער אַ שעה אַ שטאַרקע,
און נעם מיך אין דיין שטאַלענעם אָרעם אַריין.
און אַלע פּיינען וואָס שטיקן און וואַרגן
וועלן ווערן אַ קרעפּטיקער, שיכורער וויין.

אַ הייל

די לייד ברענגט פרום און ריין געבעט,
דער קאָפּ בייגט זיך צו דר'ערד אַרונטער.
די צייט, ווייסטו, איז שוין צו־שפּעט
און ס'טרעפן שוין נישט מער קיין וואונדער.

נאָר ס'איינבויגן דעם קאָפּ אַליין
איז שוין אַ רואיקונג אַ מילדע.
דאָס זען זיך פשוט, שטיל און קליין
מאַכט אויך דעם טרויער איינגעשטילטער.

די בייטש פון בייז הערט אויף אַ ווייל
איבער דיין מידן רוקן שווינגען.
ס'איז טונקל, זעסט זיך ווי אין אַ הייל
און שטיינער־ווענט נישט דורכצודרינגען.

די נידער פון דיין אייגן געמיט —
אַלט־צפת — אַ וועלט אָן אַלטע, גראָע.
אין שטילקייט הערסטו דראָבנע טריט,
דאָס טרעט ר' שמעון בן יוחאי

אַרום דאָ צווישן די אַלטע ווענט
און מורמלט פסוקים פון קבלה.
טרעט צו צו דיר און מיטביידע הענט
רירט אָן די פּלייצעס דיינע שמאָלע:

מיין זון, הויב אויף דעם קאָפּ, מיין זון,
ס'איז ערב שבת שוין אָנגעשטאַנען
און אויך דער טרויער דאַרף איצט רוען
אינאיינעם מיטן אַלטן תנא.

איך בין

איך בין דער יונגער־אַלטער ייד
און וואָגל דורכן אינגעווייד פון יאָרן.
וואַנדער דורך לשונות.
אַ מיאוסע האָריקע האַנט

האָט בלוטיק און מיט וואונדן
די ערד צעהאַקט, צעגרענעצט.
איך פיל־אויס שוואַרצע אָפּגרונטן
מיט מיינע יונגע, נייע, ליכטיקע לעבנס.
איך וואַקס אַריבער מיינע גרויסע לייד
און רייד מיט מיין קליין־קינדוואַרג העלע רייד
פון מאָרגן און פון נבֿואה.
און מיינע שטיינעריקע געצעלטן רוען
ווידער ביי די נייע בבֿלס.
כ׳האָב ליב די גאַנצע גרויסע, הויכע וועלט
און אַלע טייכן לאַכן מיר מיט חלום.

אויף אַ טאָוול

פון די נביאימס בוך גייט אויף אַ פלאַם,
אַ פייערדיקע רוט, אַ וואָרנענדיקע האַנט,
אַ מדבר־דאָרן, אַ פאַרבלאָנדזשעטע לאַם
וואָס זוכט אַ גרעזל אינעם תהום פון זאַמד.

אַ פויגל אין אַ ווילד געאייל איבערן רוים
שניידט די מרחקים צו זיין וויטן ווייטן בוים.
און דער נביא אין זיין לאַנגן, גראָען טראַכט
קומט זיך דאָ באַגעגענען מיט זיין פאַרנאַכט.

אַ רויטער רינג בלייבט ברענען, ווען די זון
גייט אונטער און דאָס גרויסע שטילע רוען
גייט אויף אין בלויען שאָטן אויף דער גאָרער גרויס
וואָס האָט קיין פלאַנץ נישט, ניט קיין פלויט, קיין הויז
און נאָר דער ווינט וואָס ווערט פון זיך אַליין
מורמלט צו די זאַמדן אַחדות, זאָלן ווערן: שטיין.

באַשער מיר...

באַשער מיר, כ׳זאָל נישט בלייבן דאָ
נאָר ביי דעם שיינעם גוטן וואָרט, —
דעם צוזאָג זיך און דור און וועלט —
מקיים זיין כאָטש פאַר די מענטשן פון מיין אָרט
אַ קורטוב ליכטיקייט וואָס איך האָב אויפגעשפּילט
מיט אַזאַ וואַזשנעם זשעסט פאַר לאַנד און לייט,

און אַלע דערנער, גרודעס לייד און בייז
איינגעהילט אין שפּילוועבס בלאָ און זייד.
כ׳וויל צורירן זיך מיט דער נאַקעטער האַנט
צו דעם וואָס בעט זיך ערדישערן טאַלאַנט
ס׳זאָל גוט־ווערן און נאָכלאָזן פון אַנגסט
דעם גוף וואָס ליגט אויף דער נשמה קראַנק.
אַ פונק פון בענטשונג אין די קעלערן פון נויט
אַראָפּטויען איבערן גרויען לייב פון אַלטן ברויט
און אויף די בלייכע פּנימער און דינע הענט
פון קינדער וואָס דאָס שווינדלערישע מזל
שטופּט זיי צו די פאַרשעמטע, טוכלע ווענט
און טוט זיי אָן אין בושה שוין נאָך קליינערהייט
און ברעקלט און צעשטאַמלט זייערע רייד,
און ברעכט אין זייערע קני פאַר יעדן לאַפּאַצאַנישן האַר
וואָס טיילט זיי צדקה־צינזן
און פאַרשאַכערט זייער צער.

אַלט-ניי-מאָדיש

נישטאָ זיך צו וועמען אומקערן
אַחוץ צו גאָט ווייזט אויס.
דער מעכטיקסטער אין צער אין שווערן,
בעט ווי דער פעלדמענטש אויף טוי און רעגן
אויף טרערן, ברידער, אויף אָרימע דריי טרערן.

ווען נישט איז אונדזער גאַנץ געבייך
אַן אָפּגעקראָכענע מנורה אויפן ברוך
מיט זשאַווערדיקע, פּוסטע רערן.
נישטאָ קיין נאַרישערע זאַך, ברודער,
ווי ווען דו עפנסט־אויף דעם טויער פון אַ בוך,
און אויפן סאַמע שוועל פון דער ערשטער שורה
קומט דיר נישט אַ פּראָסטער מענטש אַנטקעגן.
אַ מענטש איז אומעטום אַ בשורה.

מיר, די אויסגעפּאַטשטע חכמים,
די אָפּגעשמיסענע, די דורכגעטריבענע
פון די הויכטעמפּלען, פון די מקדשים
וואו געטער האָבן זיך אַליין די נשמות אויסגעלאָשן, —
מיר שטייען פאַרן גלאַנצנדיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט
ווי פאַר אַ געטש מיט אַ קאַלטן ציגישן פּנים.

זיין קאָפּ איז האַלב אַ קאַלב און האַלב אַן אָדלער,
אַ פליגל און אַ לאַפּע.
און לעבן אים דער עלנטסטער מקונן
אויף אונדזערע בייזוואונדער —
איינשטיין.

ער בעט און בעטלט ביי דעם אָפּגאָט
אָפּגעבן צוריק דעם הערלעך־פינצטערן פּיקדון,
און ער וויל נישט,
און ער וויל נישט,
און ער וויל נישט.

ביז איצט

ביז איצט האָסטו געשטילט מיין צער
און מילד־געמאַכט די שווער־יסורים.
און אין דעם שטורעם פון געפאַר
מיך גאַנץ־געהאַלטן אין מיין פורעם.

איצט האָסטו מיך שוין אָפּגעלאָזט
ווי אַן אָפּגעניצט צעבויגענע כלי —
דעם הפקר פאַר זיין גיפט און ראָסט,
דעם רויען דרויסן פאַר זיין פוילונג.

און שטילן וועט די אַנגסט דער טויט;
דו האָסט געקאָנט צוהילף נאָר קומען
דער אויסגעשטרעקטער האַנט נאָך ברויט,
נאָך טרייסט — דעם מיד־פאַרשמאַכטן גומען.

איצט דאַרף איך מער — דאַרף אַזאַ רו
אויף אייביק־אייביקייטן אַלע.
איך זאָל אַליין נישט וויסן וואו,
אין וועלכן תהום איך ווער פאַרפאַלן.

נישטאָ ביי מיר פאַר דעם קיין שרעק.
האָב בייגעקומען יעדע אימה.
כ׳גיי פון אַ פרעמדער וועלט אַוועק
געפּרואווט אַלץ ווערן אייגן, היימיש — — —

צו אויפבויען פאַר זיך אַ הויז
איז שוין צו־שפּעט פאַר מיר — די יאָרן
שוין זיינען זילבעריק און ווייס
געבויגענע ווי איך געוואָרן,

ווי אויף אַ בילד פון וועלאַסקעז
נאָר קוקן און פאַרוואונדערט גאַפן,
ווי ס'איז מיט מיר געשען אַ נס,
דאָ ביי דעם שטיל־פאַרנאַכטיקן האַפן

מיך צוגעפירט און זיך אָפגעשטעלט:
קוק אַן דאָס לאַנד דאָ פון דערווייטן,
דאָס איז דאָס פנים פון דער וועלט
פון אַלע ענגשאַפטן באַפרייט שוין.

און ווי אַן איינשטילנדיק געטראַנק
גיסט זיך די רו אין דיינע גלידער.
זעץ צו זיך אויף דער אַלטער באַנק,
די וועלט ווערט טונקעלער און מידער.

שניי און אַש

דער ערשטער שניי ביים פענצטער שנייט,
אַ גאַסט פון אַ ווייטער ראָמאַנטישער וועלט.
ביי אונדזערע טעג האָט זיך דער בלוטיקער טויט
מיט זיינע טויזנט בוידן שוואַרץ אָפגעשטעלט.

און יעדער גוטסקייט און איידלגעגנאַד
וואָס געשעט — ווי, למשל, דעם זומערס צוויט
איז אַזוי ווי אַן איבערבלייב פון אַן אַלטן גאַט,
אַן עכאָ פון אַ ווייט, ווייט קלאַסיש־ליד.

אַ ראָמאַנטישע וועלט — די זון און דער בוים
וואָס שטייט נאָך ביים קרומען ראָג אויפן גאַס.
אין דער נאַטור, איז ווייזט אויס, נאָך נישט געוואָרן סדום,
און דער ערב־ווינטער שנייט נישט מיט אַש.

ס'איז פריש און ניי און יונג־אַלט ווי אַמאָל,
נאָר עפּעס ווילד־פרעמדס איז פאַראַנען אין דעם
וואָס די לבנה טראָגט נישט קיין הונט־צוים פון שטאָל
און פלאַטערט נאָך אום אין איר ווייבלעך העמד.

נעכטן האָב איך זי געזען איבערן שפּיץ פון דאַך
אויפן קלויסטער, גאַס־אַרונטער, ביי איסט־בראָדוויי.
און היינט פאַרן פענצטער ווייט מילד און שוואַך
דער ראָמאַנטישער אַמאָליקער ערשטער שניי.

די ליבע

די ליבע, די גוטע, שיינע ליבע
איז געבליבן אַליין, אָן איר טויבן־פּאָר.
נאָר זי שטייט נאָך אַלץ אינדערפרי ביים שפּיגל
און קעמט זיך די ווייסע, זילבערנע האָר.

אוי, ווענען דאַרף זי דען נאָך געפעלן?
זי דאַרף נאָך געפעלן זיך אַליין.
און דער גוטער חלום אין בעט אין ווייסן
וועט קומען מיט אים פונדערווייטנס צוגיין.

און ער — אַ זיידע, שוין איינגעבויגן
די אויגן בלייכן פון הינטערן ברעם אַרויס.
זי וועט אים בעטן אויף דער שמאָלער סאָפקע
אין טונקלען ווינקל פון ענגן הויז.

און אויפן טיש דאָס לעמפל אָנצינדן
מיטן דינעם קנויט, אַריינגעדרייט.
און פאַרן שלאָף וועט זי אַליין זיך אָנטאָן
דאָס ווייסע אַמאָליקע חופּה־קלייד.

דאָס קלייד איז לאַנג, נאָך געוואָרן לענגער
און דער הויכער הויב איז שוין אויך צו־גרויס.
ווייל די שיינע ליבע איז געוואָרן דינער
פון יאָרן־אַריין און יאָרן־אַרויס.

דאָס לעצטע פייגעלע אין שטייג איז געשטאָרבן,
דאָס שטייגל שטייט שוין יאָרן פאַרמאַכט.
דער לעצטער צווייג אין טאָפּ האָט פאַרוועלקט שוין,
אין די ווינקלען שטוב זיצט גראָער פאַרנאַכט,

און וועבט אַ גראָען, אַ שפּינוועב־לייוונט,
פאַרדעקן מיט אים איטלעך ליידיק אָרט
פון שאָטנס וואָס גיבן אַ לעצטן ציטער
און גייען אַוועק אָן אַ קלאַנג, אָן אַ וואָרט.

און אַזוי וועט איינמאָל אַ נאַכט דאָ טרעפן —
די גראָקייט וועט אויכעט די ליבע אין בעט
פאַרוועבן, פאַרהילן און איבערדעקן
מיט זיידן פאַרגעסן און זיידענער שפּעט.

די זון וועט אַ האַלבע שטוב אַדורכגיין
און זי וועט נאָך שלאָפֿן, שלאָפֿן לאַנג.
די זון וועט אַזוי ווי אַ קאַץ זיך לייגן
די שעה פֿון בייטאָג דאָרטן אונטערן בעט.

און די ליבע וועט שלאָפֿן פֿון היינט ביז מאָרגן
פֿון מאָרגן ביז אייביק און אייביק שוין.
די שויבן אין פֿענצטער וועלן גראָער ווערן,
ביי דער טיר וועט וואַקסן אַ שפּיציקער שטיין.

אין אַ שעה אַזאַ

אין אַ גוטער, אין אַ שטילער שעה
וואונדער איך זיך איבער זיך אַליין,
וואָס איך בין נאָך אַלץ פֿאַראַנען דאָ,
און איך בין נאָך אַלץ אַזוי אַליין.

אָפּגעשלעפּט שוין מיינע הונדערט יאָר
בין זיך איך אַזוי שווער שוין אויף דער ערד.
יעדער חלום שוין געוואָרן וואָר
און די וואָר — שוין העכער האַלב צעשטערט.

ס׳גייט פֿון האַרצן אָפּ די ביטערניש
אויפֿן נאָענטן וואָס האָט פֿאַרפֿרעמדט.
בין נישט עלנט ביי מיין איינזאַמען טיש,
און מחוץ למחנה נישט פֿאַרשעמט.

כ׳וואָלט געוואָלט נאָר וואו אַ פֿלעמל כעס
אויסלעשן אין מיין פֿאַראומערט ליד.
בעסער אין דער רער אַ ביסל אַש
ווי אַ בייזער, רויטער פֿונק וואָס גליט.

שטילע נאַכט, איך האַלט דיין גוטע האַנט,
אפֿשר וועל איך איינדרימלען אַ ווייל,
און דער שלאָף וועט זיין מיין רואיק לאַנד
איבער טויזנט ווייטע גראָע מייל.

אפֿשר האָב איך דאָ מיין חוב געטאָן
און אפֿשר ניט — איך בין שוין סיי־ווי מיד.
קהלת זאָגט: נישטאָ קיין נייס אונטער דער זון
און איך זוך שטילע שיין אין מיין ליד.

וואַכיק־הייליק

אַלע וואָכטעג לויטער ניסים,
וועלן אייביק אַזוי פליסן,
אייביק ברענען און זיך לעשן.
אַך, ווי מ׳איז אַמאָל געזעסן
ביי די גאָלדענע שבת־טישן.

וואָס וועט אונדזער אויג דערהעלן?
ווער וועט אונדזער אויג דערפרישן?
וואָס וועט אונדזער קאָפּ דערהויבן?

רבי, טיילסט אונדז נאָר משלים,
טיילסט אונדז נאָר ניגונים־קלאַנגען
פון בעל־שם־טוב׳ס הויכן גלויבן
נישט אַזוי אין גרויסן שבת
ווי אין די נידעריקע וואָכן.

גלויבן אינעם האָמערס מזמור,
גלויבן אין ר׳ אייזיקלס הלל.
וואויל איז דעם וואָס איז דאָ קיינמאָל
קיין פראָסט מיטוואָכל נישט מחלל.

אַזאַ שעה

כ׳פאַרבינד די בינטלעך לידער,
ביז אַהער געשפּילט אויפן וואָרט
פאַר אַכט צי פאַר אַכצן ברידער
און פאַרשיכורט די גאַנצע קוואָרט

מיט טאַלאַנט און אַלע אַנדערע זאַכן
וואָס קלעפּן זיך אָן אין טאַלאַנט.
דאָס פאַרבליפּטע, פאַרטיפטע טראַכטן,
דאָס קלאָגן זיך פאַר דער וואַנט;

דאָס זען דעם אומזין שפּאַנען
פאַר זיך מיט זיין לאַנגן שטאָק,
דעם ווייַרויך פון גאָלדענעם וויאַנען
פון אַ קראַנקן סעפּטעמבער־טאָג.

דאָס בלעטערן דעם פּנקס געשיכטע
פון קינסטלער ווי זיי האָבן געלעבט:

ווי ס'האָבן די וואונדערלעכע דיכטער
אין מידן עלנט אַרומגעשוועבט.

ניט חלילה אין ·די הוילע הימלען
נאָר איבער זייער נאַקעטן דאַך,
און פאַרוויגט אין איידעלן דרימל
די אומרו און אַנגסט פון דער שפּראַך.

ווערטער ווערן קראַנק און ליידן,
ווער־זשע היילט די ווערטער אויס?
דער וואונדערלעכער היילער, דער פּייטן
וואָס וואוינט אין אַ צעבראָכן הויז.

אַ צעבראָכן הויז אַ געבויגנס,
אַ צעבראָכן הויז איז די וועלט.
ביים שוועל זיצט פאַרנאַכט דאָס שווייגן
ווי ביים שוועל פון גאָטס געצעלט.

ביימער, הימלען קוקן בלחש,
ווערן טיפער מיט סוד דערפון.
אַלט און פּשוט און אייביק־תנכיש
איז אַלץ, אַלץ אונטער דער זון.

לייג צו נאָך אַ הייליק בלעטל
צו דעם אייביקן בוך, לייג־צו.
אַזוי חלומט דער שבט פּאָעטן
וואָס זוכט אייביק אין ווערטער רו,

און געפינען רז אין די ווערטער,
זאָל זיי וואויל באַקומען דאָס געפינס.
און דעם פאָלקס ליבע זין און טעכטער
זאָלן וואַרפן אַ בלעטל אַ גרינס

איבער זייערע פרידלעכע גריבער
איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר.
זיי וועלן גיך־גיך דאָ אַריבער
ווי אַלץ וואָס איז אמת און וואָר,

און האַלט זיך אין איין פאַרלעשן
און צינדט זיך אָן פון דאָס ניי.
אָט אַמאָל איז ביים ברעג טייך געזעסן
דער דיכטער פון דער לאָרעליי.

דער דיכטער איז אַוועקגעגאַנגען,
און די לאָרעליי זינגט נאָך אַלץ.

טייל זאָגן אַז דאָס ליד איז האָניק,
טייל: אַ זילבערדיקער קערן זאַלץ

וואָס גיט אַ טעם אַ געשמאַקן
די טוכלע, מאָנאָטאָנע טעג;
דאָס אייביק־אייביקע שטיינער־האַקן
דעם אייביקן זשום פון דער זעג.

ברעטער, שטיינער, הייזער,
קראָמען און אַ הוילער יאַריד.
פּייטן, זינג מיר אויס אַ מעשה
אויף דודקע און פידל און ליד.

פאַרטייטש דעם זין פון דעם אַלעם,
וואָס דרייט זיך אין אַ גראָען ראָד
און צימבלט זיין עוזר דלים
אין געגנט פון שול און באָד.

פאַרצי דעם חסידישן ניגון
אויף נאָך און נאָך אַ דור,
און זאָל זיך אונדזער אומעט וויגן
אין גאָלדענעם שפּינוועבס פון דער וואָר.

גיב אַ זין דעם בעט און דעם טישל
און די אַלטקייט וואָס באַפאַלט אונדז סתם,
און לייגט אַריין אין איטלעך קרישל
יעדן טאָג אַ קערנדל סם.

אַ ל ט

וואָס איז מיטן אַלטן דור געוואָרן?
אין קאַלטן ווינקל אַריינגעטריבן.
איך האָב זיך ווי אַ גראָער שאָטן
צו אים אין ענגשאַפט אַריינגעקליבן.

איך קום נישט הערן פון אים קיין מעשיות,
האָב אַלע מעשיות שוין פאַרנומען.
איך קום נישט נהנה־זיין קיין לומדות
אויפן בליץ פון בליק, אויפן שפּיץ פון גומען.

נאָר אויפן לעצטן גאַנג פון עלנט
וויל איך מיט זיי זיך נאָך פאַרזאַמען.

זיך אָפּרוען אין זייער שאָטן,
זיך אָנשפּאַרן אין זייערע שטאַמען.

איך האָב זיי נישט מיט וואָס צו בענטשן,
קיין וואָרט פון טרייסט פאַרן געזעגענען.
איך ווייס: אויף אַלע חרובע וועגן
וועט זיי קיין מלאך נישט באַגעגענען

נאָך איינמאָל זען דאָ זייערע רוקנס
אַריבער גרויסע ספרים געבויגן.
ווי וואונדערלעכע פייגל זיינען
די גאָלדענע ניגונים אַוועקגעפלויגן.

די אויגן קוקן אין די טיפע קוואַלן
און אויף די ליפּן נישט קיין ציטער.
זיי זיינען ווי ביי די ברעגן פעלדער
זיך־לעשנדיקע בוימלעך־ריטער.

נפתלי גראָס

צען לידער

די מוטער רחל קלאָגט אויף אירע קינדער

אַ טשיפּער — און דורך דיין לייב גייט דורך אַ ציטער.
אַ פּנים ווי פון קאַלכאויוון, פאַר׳צער׳ט און באַנג,
די אויגן גלוטיקע. — אַ בונקער ענג און לאַנג. —
ס׳איז האַרבסט, און ס׳רוקט זיך אָן געוויטער.

דער נבוזה־דייטש, ער לאָקערט ביי דעם טויער,
פון יעדן דאַך — אַ זוכליכט בריט די טריט און ברענט.
מיין שוועסטער שאַרט זיך אין דעם שאָטן ביי די ווענט, —
ווי ווייט די גאַס ביז צו דער לעצטער מויער.

פון אַלע טיר און פענצטער — סומנער טרויער.
ביים צאַם — אַ קופּע מתים און סקעלעטן. —
די קראָען קרייזן, ווילן נישט אַפּטרעטן,
אַ ראַטע ראַטן אין די לעכער אויף דער לויער.

אויף יענער זייט, אין אַריער־לאַנד, דאָרט קלינגען גלאָקן,
און מענטשן גייען דאָרטן פראַנק און פריי אַרום. —
מיין שוועסטער שאַרט זיך טרויעריק און שטום. —
דער פּחד קריכט פון אַלע ווענט און שטאָקן.

ס׳איז האַרבסט, און קאַלטע ווינטן טוען בלאָזן.
מיין שוועסטער שאַרט זיך. ס׳איז ווייט נאָך צו דער בריק.
איר טעכטערל אין זייט — זי שטאַרקט זי מיט אַ בליק. —
די נאַכט אין שטאָט — מיט טשאַטעס הינט האָט זיך צעלאָזן.

ביינאַכט, אין גראָער פינצטערניש, אין בלינדער,
די מוטער רחל. זי גייט פון ראָג צו ראָג.
אַ שיסעריי. ס׳גייט אויף אין שטאָט אַ קלאָג, —
די מוטער רחל וויינט און קלאָגט אויף אירע קינדער.

וועלט-אומגליק

וועלט־אומגליק הויערט פאַר די שטיבער.
די ביימער סטאַרטשען הויל און גרויס,
די מענטשן גייען איין און אויס, —
גלייך גאָר נישט פאַר די שטיבער.

דער גאָרטן — וויסט און לויטער גריבער.
צוויי זעלנער טאַפּטשען איבערן פעלד,
פון מזרח יאָגט אַ שאַרפע קעלט,
און קראָען קרייזן איבער די גריבער.

אין אָוונט — צייכנס אויפן הימל,
פאַנטאַסטישע שאָטנס איבער ווענט.
אַ שטערן פליט און ברענט, —
סע צינדט זיך אָן דער הימל.

וועלט־אומגליק הויערט פאַר די שטיבער.
אַ שווייגן פון די פענצטער רינט.
מיין שוועסטער יאָגט זיך מיט איר קינד
אַריבער פעלד און גריבער.

אָן עדה יידן אויף אַ גאַנעק,
לבנה־שיין איבער די קעפּ.
אַ קוימען פלאַקערט. ס׳פירן טרעפּ
קיין דאַכאַו און מאַידאַנעק.

פון שילףביים טייך — אַ שוואַרצע סטאַיע, —
די לופט פאַרציטערט מיט געשריי.
דער הימל ברענט. אין נאָסן שניי
פאַרשווינדט מיין אייגענע לוויה.

אין דער שקלאַפן־פאַבריק אין געטאָ

דער אייזנציקער בוים פאַר די פענצטער — ברוין און רויט.
אין די שטיקיקע שטיבער ביי די מאַשינען
זיצן די יידן ביים אַנבייס. באַגינען.
זיי קייען די קליינע ברעקעלעך פון טרוקענעם ברויט.

זיי עסן און שווייגן. אַמאָל פאַלט אַ וואָרט, אַ וואָרט,
אַ גלוטיקער בליק, און ווידער אַ שטומען.
די פליגן דערקוטשען, זיי שטעכן און זשומען,
און ראַטן יאָגן זיך ווי אין אַן אומריינעם אָרט.

דורך די פענצטער דער הימל — שווער און גראָ.
אַ ווינט נעמט רוישן אין די בלעטער און צווייגן.
אין די שלייפן האַמערט דאָס בלוט און דאָס שווייגן, —
ווי לאַנג דאָ ציט זיך און ציט יעדע שעה.

פון הינט אין דעם הויף — אַ געוואָי, אַ געביל. —
אַ מתים־געררוך פילט אָן די שטיבער.
מיט גלוטיקע בליקן קוקט מען זיך איבער, —
דריי יידן בענטשן מזומן שטיל.

פון גאָס — אַ קנאַלן און קנאַקן פון שרויט.
אַ פייף — און ס'הייבן אָן ווידער די מאַשינען צו זשומען.
פון אַ ווינקל — פלוצעם אַ שלוכצן, אַ ברומען, —
דורך די שטיבער איז דורכגעלאָפן דער טויט.

דער פאַסטעך זוכט די בלודנע שעפּעלעך

דער פאַסטעך איבער די ביימער אויף דעם באַרג —
ער זוכט די בלודנע שעפּעלעך אין ווילדן וואַלד.
זיין ווערבע־פייפל רופט און שאַלט, —
אַ וואָלקן רוקט זיך אָן פון מערב אויף זיין קאַרק.

ס'פאַלט צו די נאַכט. ס'נעמט יאָגן שאַרף אַ ווינט.
דער הימל ווערט מיט וואָלקנס שווער פאַרצויגן.
די פייגל זיינען פון די נעסטן זיך צעפלויגן,
פאַרלוירן איבער פעלדער לויפט אַ קינד.

פון אַלע זייטן ס'וועסל־ליד און געצונטריט, —
מען טרייבט אָן עדה יידן צו דער שחיטה.
מיין טאַטעס האַרציק קול: מע טאָר נישט, ניטע!
די תורה האָט פאַרבאָטן צו פאַרגיסן בלוט!

דער „קוימען" פלאַקערט. פון מענטשנפלייש אַ גרוך.
און שאָטנס פון די תליות — צאַפּלען זיך און צוקן.
דער תלוי — דרייט אָפּ דעם קאָפּ און וויל נישט קוקן. —
די גאַנצע וועלט מיט קללה און מיט פלוך.

דאָס ליד פון מיין נישט פאַרשניטענער שטאָט

איך האָב מיר אויסגעבויט אָן אייגענע שטאָט.
האָב אויסגעלייגט די גאַסן, יעדע מיט איר נאָמען,
דעם רינגפּלאַץ און דאָס ראָטהויז מיט די קראָמען,
און מיט דעם מאַרק אין מיטן אין אַ ראָד.

אין רינגפּלאַץ, אין אַ ווינקל, האָב איך אויפגעשטעלט
אַ טורעם מיט אַ זייגער און מיט גלאָקן.
די שעה׳ן פאַלן איבער אַלע שטאָקן,
אַ וועכטער אויבן האַלט דאָרט וואַך אין היץ און קעלט.

און אין דער שטאָט האָב איך באַזעצט פאַרשוינען,
וואָס כ׳קען פון קינדסוייז אָן; און אַנדערע,
וואָס כ׳האָב באַגעגנט אויף מיין וואַנדערן
איבער שטעט און ימים, איבער בערג און פלוינען.

דעם רב, די גבירים און די גילדענע פּאָנעס
האָב איך באַזעצט אַרום דער הויכער שול.
די קלויזן זיינען דאָרט מיט לערנער פול, —
ס׳געזאַנג פון תורה טראָגט זיך פון באַלקאָנען.

די סוחרים, באַלמעלאָכעס און די קרעמערס
האָב איך באַזעצט אין רינגפּלאַץ; און אין מאַרק —
די זיצערינס מיט גרינס, געבעקס און עסנוואַרג, —
מיט גילדענע אויבסן — לייכטן קערב און עמערס.

דאָרטן איז אויך דער פּלאַץ פאַר די ירידים, —
די איינפאַרהייזער רוישן מיט רייד פון ווייטע קאַנטן.
ס׳פאַרשמעקט מיט תבואות, לעדער און געוואַנטן,
מיט ווייטע סוחרים און מיט לעמבערגער נגידים.

די דריי־קאָמעדיע — מיט הירשן, פערד און עלפאַנטן,
זי דרייט זיך, דרייט זיך, און מיט איר די גאַנצע שטאָט.
דער קונצנמאַכער שפּאַצירט אום אויף אַ דראָט
דער עולם — אַ געשמידטער צו די קאָמעדיאַנטן.

נאָר איך מיט יאָסל קלעזמער, מיר צוזאַמען,
מיר האָבן זיך פאַררוקט הינטער דער שטאָט.
דאָ איז דער טייך, דער שמעקעדיקער סאָד,
דער באַרג, דאָס וואַלד מיט זיינע שווערע שטאַמען.

דער ווינט אין וואַלד, ער ראַשלט אין די צווייגן
און ברענגט אונדז דאָס געזאַנג אין יעדער צייט פון יאָר,
דאָס פאָכען פון דעם דעמער און כיאור,
די שפּאַנונג פאַר דעם שטורעם אין דעם שווייגן.

דאָ האָבן מיר זיך אונדזער שטוב און ברונע, —
דאָס וואַסער דאָ איז שטענדיק קיל און פריש,
און ברויט און זאַלץ גייען קיין מאָל נישט אַראָפּ פון טיש. —
דער וועכטער ציט זיין ליד אויפן טורעם פון קאָמונע.

דאָ האָבן מיר זיך אונדזערע לייט, וואָס וואוינען
מיט אונדז אין שכנות: ר׳ ישראל, דער בעש״ט, —
ער האָט זיין גאָרטן, גראָבט און שניידט און דרעשט, —
און דאָבוש מיט זיין באַנדע וואַלד־פאַרשווינען.

מיט אונדז אין שכנות טוען וואוינען
די בראָדער זינגער, און משה לייב און מאָני לייב,
און אברהם משה מיט זיין ליד און לויב,
די פורים־שפּילער אין פּאַפּירענע קרוינען.

און פרץ הירשביין, יוסף ראָלניק קומען
באַקוקן ביי דעם וואַסער זייערע מילן. —
סע גייט אַ זינגען אויף פון אַלע שטילן,
ביינאַכט צו חצות — אַ קלאָגן און אַ ברומען.

און לייוויק אויף זיין גאַנג דעם וייטן פון סיביר
טרעט אויך דאָ אָפּ. — לבנה־שיין אַריבער
די בלעך און שינדל־דעכער פון די שטיבער, —
אַ ווייסער ליכט־פּלעק פאַר איעדער טיר.

פון צייט צו צייט פאַרפאָרט אַהער פון וועג
דער זיידע מענדעלע. סע ווערט אַ גאַנץ געריידער,
די אָוונטן — מיט מעשׂות און מיט לידער,
און פאַר די קינדער גליען רענדלעך פולע זעק.

דער נבזה־דייטש צוזאַמען מיט די שותפים פון זיין שטאַם,
וואָס האָבן שוין געמיינט, זיי האָבן אַלץ פאַרשניטן,
זיי האָבן נישט קיין שליטה אין אונדזער מיטן. —
מיין שטאָט איז אייביק, און זינגט און שטורעמט ווי דער ים.

די טענצערין

זי האָט זיך מיט די הענט און לייב — אַן אומגעהייער —
אַזוי אַ לאָז געגעבן אין אַווירבל,
ווי ס׳וואָלט אַ ווינט אַ כאַפּ געטאָן אַ ווייסן מירבל
און אים צעבלאָזן אין אַ פלאַקער פייער.

דאָס גאַנצע הויז — אַ פלאַמענדיקער שייער.
אַ וואַרעמקייט האָט אַלעמען געשמידט צום אָרט,
ווי שטומע הויז־באַשעפענישן שמידט צו אַ פייער.

און זי — אַ שרייעוודיקער רויבפויגל — אַ גאַיער,
ביז אַלצדינג איז אַוועק, פאַרשוואונדן מיט דעם פייער.

נאָר פּלוצעם האָט אַ זעץ געגעבן אַן אַקאָרד,
און איטלעכער האָט זיך דערפילט אַ ביסל פרייער.
פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן רוישן
צעשפרייטע פייגל, בייטן זיך און טוישן,
און זעצן זיך און לעשן אויס זיך מיט דעם פייער.

נאָר זי, וואָס איז געלעגן ווי אַ שייטער
אַן אויסגעלאָשענע אונטער די פלאַמען,
האָט פּלוצעם זיך אַ הייב געטאָן מיט אַלץ צוזאַמען,
זיך אָפּגעטרייסלט, און האָט פעסט און גאַנץ
אַוועקגעלאָזן זיך ווי אין אַ ראָד אַ רייטער
אין אַ באַנייטן טאַנץ.

דער מאַן פון וואָרט

אין זיין אויסגעשטרעקטער הייך און שפּאַן
איז שוין פאַראַן דאָס אויסזען און דער שטאָלצער שטעל
פון איינעם, וואָס זיין וואָרט איז אַ באַפעל.

היינט זיין הויכער שטערן, זיין פעסטער קין,
דער אָפענער בליק ביי אים, גרוילעך גרין,
און די צונויפגעפּרעסטע ליפּן, שאַרף און דין, —
ווי אַלץ וואָלט זיין מיט אַ באַשטימטן פּלאַן.

ער גייט, און ס'גייט מיט אים אַ גאַנצער קלאַן.
אַרום אים רוישט און רעשט: סע גייען לייט
פאַרשטויסענע פון יעדער ווייט און זייט,
און ווי ער וואָלט געפירט מיט זיך אַ גאַנצן שטראָם
פאַרוואָגלטע, געטריבענע פון תהום צו תהום.

און אַז ער שטייט און רעדט, ווייס און באַיאָרט,
ווערט איטלעכס וואָרט, —
דאָס פּשוטסטע, דאָס נאָענטסטע — אַ גליאיק שטיק,
וואָס וואָרעמט און דערהייבט, און ווערט אַ בריק
צום לאַנג־דערהאָפטן גליק.
ער וואַקסט, וואַקסט ווייז און גרוי
מיט יעדן טראָט, מיט יעדן וואָרט, אַזוי,
אַז צווישן פאָלק אַ סך דערהייבט זיך זיין געשטאַלט
ווי אַ צעצווייגטער דעמב אין אַ געדיכטן וואַלד.

שאול גינזבורג

משכמו ומעלה, (שמואל א׳ י.)

שוין דער נאָמען זיינער — שאול גינזבורג —
טראָגט אין זיך דערהויבנקייט פון דורות יידן,
און דערמאָנט — די שורה פון די גילדענע פּאָנען,
מויערן מיט בונטע באַלן אויף באַלקאָנען,
ברייטע איינפאָר הייזער, מסחרים און ירידן,
תורה, סחורה און געפּוצטע שטיוול.

היינט זיין אָפּן פּנים און די אויגן,
די פעסטקייט זיינע אין די וואָרעמע רייד —
ס׳גיט אַ וויי מיט איינגעוואָרצלטקייט. —
און ווי ער וואָלט פאַר קיינעם זיך נישט בייגן —
גייט ער אַ זיכערער און אָן שרעק
צו אַ באַשטימטן ציל אין וויטן וועג.

אַ בוים, ביים אָפּריס פון אַ באַרג,
פאַרוואָרצלט אין דער ערד, פעסט און שטאַרק.

און ער, וואָס איז אַ ביסל העכער בלויז
פון מיטלוואוּקס, דערהייבט זיך הויך און גרויס
אַריבער אַלע מיט אַ קאָפּ און העכער, העכער.

דאַכאַו

ער האָט דעם קאָפּ אַזוי אַ וואָרף געטון,
ווי ער וואָלט וועלן זיך פון עפּעס בייז באַפרייען.
פון אונטן דרינגט אין שטוב אַריין דאָס העלע שרייען
פון דעם געשפּיל פון קינדער דרויסן אין דער זון.

אין מוח פּיקט אַ וואָרט, אַ פרעמדער בליק — אַ פליג.
ס׳גייט דאַכאַו נישט אַרויס אים פון זיין זינען:
וואו קאָן מען נאָך אַמאָל צוריק די רו געפינען?
ווי קאָן מען נאָך אין לעבן פילן טעם אין גליק?

אַנטקעגן בליט דער פּאַרק, און שיינע לאַנגע גרינען,
און אויפן צאַם אַ האָפּערדיקער קרייט דער האָן.
דאָס וואָרט צעשיט זיך, ווי זוימען פון אַ קעפּל מאָן —
ס׳נעמט דאַכאַו איבער אַלע אברים רינען.

די זון נעמט זעצן זיך, אין לעצטן דעמער־שיין
באַוועגן שפּערלען זיך, מערעשקעס און שפּינען;

ס'וועט קלערער יעדנס קול, און דינער — פרייד און פּיין,
און — דאַכאָו שאַרפט זיך שאַרפער אין זיין זינען.

ס'נעמט אוונטן. אין שכנות זינגט אַ מוטער: „שלאָף, שלאָף,
די שטערן זיינען שאָף",
און קולות, שטראַלן, שאָטנס הייבן אָן אַנטרינען.
געשריי און שרעק, זיי רעווען אויף אין אים דערינען:
ס'וועט דאַכאָו קיין מאָל נישט אַרויס אים פון זיין זינען,
ס'גייט דאַכאָו מיט מיט אים ביים וואַכן און אין שלאָף
שוין ביזן סוף.

דאָס ליד פונעם זעלנער, וואָס זעגנט זיך מיט זיין קינד ביי די טרעפּ פון וואַגאָן

ער האָט אין זיינע אויסגעשטרעקטע פינגער
אַזוי אומענדלעך צאַרט, אומענדלעך לינד
אַריינגענומען ס'פּנימל פון קינד,
ווי ס'וואָלט אין זיינע פינגער ווערן גרינגער —
אַן אבר פון די אברים פון זיין לייב.

אַנטקעגן אים, ביי דעם וואַגאָן, זיין ווייב.

און מיט די פינגער פון דער אַנדערער האַנט
האָט ער אַרום דעם פּנימל, ווי אַרום אַ ראַנד,
מיט איין מאָל אַזוי שטייף אַ פיר געטאָן,
ווי איינער, וואָס פאַרשטעלט די אויגן פון דער זון;
און ווי ער וואָלט עס וועלן גאָר אין גאַנצן
אַרומנעמען, פאַרהיטן און פאַרשאַנצן.

אַנטקעגן אים, ביי דעם וואַגאָן, זיין ווייב.

זי איז געשטאַנען, האָט געשמייכלט דין דורך טרערן,
און האָט געשטאַמלט — נישט־דערזאָגטע רייד,
ווי זי וואָלט וואַרטן, עפּעס נאָך צו הערן,
ווי זי וואָלט האָפן נאָך אויף אַ באַשייד.

— און אַז סע האָט זיך דער סיגנאַל גענומען טראָגן —
ס'איז איטלעכער געוואָרן שטייף און אַנגעצויגן, —
די פרויען און די פריינד געוועזן שוין זיינען גרייט,
און יעדער מיט זיין לייד, מיט אָפּגעהאַקטע רייד,
און איין קול העכער איבערן אַנדערן קול,
ווי יעדער וואָלט דערוואַרט זיך אויף זיין ראַל, —

ס׳האָט אַלץ גענומען אין אַ גיכן אימפּעט שלאָגן, —
דעמאָלט האָט ער דאָס קינד געטאָן אַ הייב, —
אַנטקעגן אים, ביי דעם וואַגאָן, זיין ווייב —
געטאָן אַ הייב עס אין דער הייך און צוגעטוליעט
אַ קינבאַק צו אַ קינבאַק, איינגעלּיולעט,
און מיט פאַרשמאַכטע ליפּן און פאַרמאַכטע אויגן
די גאַנצע ליבלעכקייט אַריינגעזויגן
אין זיך, אין אַלע אברים פון זיין לייב.

אַנטקעגן אים, ביי דעם וואַגאָן, זיין ווייב.

און ווי ער וואָלט דאָס קינד געוואָלט באַהאַלטן,
עס איינוויקלען אין אַלע זיינע פאַלטן,
פאַרבאָרגן אין די אויגן, טיף אונטער זיין שטערן,
און מיטנעמען אין וועג מיט זיך, אין זיך צו נערן,
ווי אַ געדעכעניש פון אייגענעם לייב.

אַנטקעגן אים, ביי דעם וואַגאָן, זיין ווייב.

מ. פריד־וויינינגער

סאָנעטן

אייביק איז דאָס ליד

ס'האָט קיינער נאָך ביז היינט די זון געפרעגט
פאַרוואָס זי גליט אַ גאַנצן טאָג און ווערט
אין פיבער רויט, באַרירנדיק די ערד —
דעם האָריזאָנט פאַרנאַכט; פאַרוואָס זי לעגט

איר קאָפּ אַוועק אין טרוים און רו און הערט
אַזוי נאַכט איין נאַכט אויס, ווי גאָט באַוועגט
דעם פעכער טונקלקייט. און ווי סע פלעגט
אַמאָל אַ סאָווע קלאָגן ווייל באַשערט

איז איר צו קלאָגן אין דעם וואַלד ביינאַכט.
פאַרוואָס־זשע פרעגן זיי דעם דיכטער היינט,
פאַרוואָס ער האַלט אין תפילה צוגעמאַכט

די אויגן, אין אַ ליד צו איר וואָס שיינט,
אַז אייביק איז דאָס וואונדערליכט פון גאָט!
אַז אייביק איז דאָס ליד און זיין געבאָט!

ביים האָדסאָן

ווי איבערן גרינעם ים אַן אַלבאַטראָס,
ביסטו ביים האָדסאָן טייך אַרומגעפלויגן —
די זאַלציק־פרישע ריחות איינגעזויגן,
געטרונקען ליכט די שיכרות אָן אַ מאָס.

די זון האָט דיר דערלאַנגט מיט פרייד דעם כוס.
דו האָסט געטרונקען אים מיט דיינע אויגן.
דער האָדסאָן האָט זיך גאָלדענער געצויגן,
געדוכט האָט זיך ער שוימט ווי ווין אין גלאָז.

פאַרנאַכט האָסטו די זון אַראָפּגענומען
פון הימל, רויט און בענקענדיק נאָך רו.
געהייסן אַז דער אָוונט זאָל איצט קומען

פון יענער זייט, פון יענעם ערגעצוואו.
די זון אין טייך אַריינגעוואָרפן — ציש,
די רויטע קויל פאַרוואַנדלט אין אַ פיש.

דאָס וואָלקן־שעפעלע

דער פּאַסטוך ווײַנט פירט אינעם פעלד אַרויס —
אין הימל פירט ער זײַנע וואָלקן־לעמער.
און אויפן פייפל כישופט ער אַ זמר
און אומעטיקע דוינע ווײַנט ער אויס.

דאָס ליבסטע וואָלקנדל האַלט ער אין שויס,
ער גלעט זײַן פעל און קעמט עס מיט אַ קעמער.
אַ וואָלקנדל איז ווי אַ ליד וואָס ביימער
צעזינגען רוישנדיק אויף צווייגן אויס.

אַמאָל אַזוי הייבט אָן אַן אַלטע מעשה,
בעת דער פּאַסטוך האָט די שאָף געשוירן,
האָט זיך דאָס ליבסטע וואָלקנדל פאַרלוירן.

זיי דו מײַן ליבע אינעם סוף פון מעשה
דאָס וואָלקן־שעפעלע וואָס כ'האָב געפונען
דאָרט וואו די נעפּלען זײַנען זיך צערונען.

דער שטורעם

אין הימל לויפט דער דונערלייב אַרום,
טוט מיטאַמאָל אַ רעווע, עס גאַלאָפּן
אין טשערעדעס די ווײַסע אַנטילאָפּן,
דער פּחד לויערט גרוי און אומעטום.

דו הערסט נאָר ווי די פּיסלעך זייערע קלאַפּן
זיך אין די שטיינער אָן וואָס בלייבן שטום.
דער דונערלייב טוט נאָך אַ ווילדן ברום,
זײַן לעבץ דערציטערט יעדן רעגנטראָפּן.

עס בליצן פייערדיקער זײַנע ציין
און בייסן זיך אַריין דאָרט ערגעץ־וואו
אין טונקלע וואָלקנס ווי אין פלייש און ביין.

נאָר דו האָסט פלוצלונג אָפּגעשטעלט דעם שטורעם,
און ווידער יענע בלויע פּאָן — אין רו
אַרויפגעצויגן אויפן מאַסט פון טורעם.

העלע נאַכט מיט אַ האַלב לבנה

אַ בשורה פלאַטערט מיט די אָונטשוואַלבן, —
— די בלויע פלעדערמייז: אַז ערגעץ־וואו
אין הימל וועט זיך באַלד די שטערן־קו
אין זילבערשטאַל פון די פלאַנעטן קאַלבן.

לבנה מיין אַנגאָראַ קאַץ פרו־פרו,
הייבט אָן זיך שוין צו פוצן און צו זאַלבן.
וויל אָבער היינט זיך ווייזן נאָר אין האַלבן,
דעקט זי איר אַנדרע העלפט מיט שאַטנס צו.

פאַר דיר האָט זיך אַנטפּלעקט אַ העלע נאַכט,
די האַלבלבנה ליגט פאַר דיינע פיס
און פרוקעט שטיל די אויגן האַלב־פאַרמאַכט.

די נאַכט איז קלאָר ווי וויין אין זילבער־בעכער.
גיס אָן די אָונטיקע אויגן, גיס
זיי אָן מיט ליכט וואָס טריפט פון אַלע דעכער.

אויפן ים

דער ים־גאָט האָט פאַרלאָזט די טונקלע טיפן.
דעם שפּיז מיט שפּיצן דריי האַלט ער מסתם
אין האַנט אַצינד, און קעמט ווי מיט אַ קאַם,
די וואַסערהאָר וואָס פינקלען גרין און טריפן.

אין זיינע אויגן ברענט דער אָפּגרונט־פלאַם,
נאָר איך און דו מיר וויגן זיך ווי שיפן.
די כוואַליעס פון אַ לייכטן ווינט געשליפן,
קרישטאַלן — עמעראַלדן פונעם ים.

די זון — די פאָן אויף אונדזער העכסטן מאַסט,
זי פלאַטערט קעגן מערב מער און מער.
און אויך דער אַלבאַטראָס דער פויגל־גאַסט

האָט זיך געזעגנט, איז אַוועקגעפלויגן.
פּאָסעידאָן אָבער ברענגט די נאַכט אַהער
טויכט אונטער און לעשט אויס די גרינע אויגן.

דער שיכורער וואַלקן

אין הימל־קרעטשמע איינער נאָך געבליבן;
אַ וואָלקן וואָס האָט שוין פאַרזעצט די שיך.
אין זונפאַרגאַנגען־ווייַן געבאָדן זיך,
דער דעמער האָט דעם חשבון רויט פאַרשריבן.

כאָטש ניכטער ווערט אַ וואָלקן אָפּטמאָל גיך,
אין מערב־טורעם קלינגט דער זייגער זיבן,
האָט אים די פלעדערמויז אַרויסגעטריבן
און אים געשאָלטן ער זאָל גיין צום רוח.

דעם וואָלקן אָבער האָט געגלוסט זיך טאַנצן
אַריבער שאָטן־בערג און אָוונט־גריבער.
אין שמחה האָט ער אָנגעהויבן גלאַנצן
אין אַלע פאַרבן פונעם שיכרות־פיבער.

האָט אים די שיקסע־נאַכט פאַרפירט אין קאָרן,
ערשט דעמאָלט איז ער ניכטערער געוואָרן.

דער וואַלד

עס האָט גערופן אונדז דער קוקוויי.
האָב איך אַנטפּלעקט אַ בוים און נאָך אַ בוים —
אַ וואַלד — און נאָר געלאָזט אַזויפיל רוים,
אַז אונדזער וועוורעקל זאָל צווישן זיי

אונדז קענען וויגן מיט אַ לייכטן דריי
פוןברייטן עק, דורך אונדזער וואַלד פון טרוים.
און דאָרטן וואו עס האָט אַמאָל אַ בוים
זיך וואו ניט וואו געשטעלט אין וועג, מיט ווײ

האָט אויסגערופן קוקוויי, און באַלד
דערמאָנט אונדז מיט זיין קוקו־קוקו ניגון —
אין אַלע צווייפל פון אַ טיפן וואַלד.

נאָר דו האָסט אין דיין האַרץ געהאַט בטחון,
און זיך געלאָזט מיט מיר פון וועוורעק וויגן
פון צווייג צו צווייג אין ליבע און נצחון.

אָוונטסאַנעט

איך האָב אַרויסגעלאָזט פון דעמער־טורעם
באַפרייט די טונקל־בלויע פלעדערמויז,
די פייער־פליגעלעך פון הימל בלויז,
פאַרדימענטן ווען איך שטרעק אויס מיין אָרעם

די סאַמעטענע חופּה אונדזער הויז,
אַקעגן מזרח, מערב, צפון, דרום
שטיי איך פאַר דיר און בענטש דעם אָוונט, פורעם
פון דעם לבנהליכט אַ ווייסע רויז.

קום לאָמיר ביידע זיי דער מיטנאַכט שענקען
ווען זי וועט קומען אונדז אַנטקעגן דאָרט
וואו ס'גיסן זיך צונויף, אַ, די וואָס בענקען.

ביים טייך אַרום מיט ווערבעס, צווישן זיי
וועט זיין פאַר אונדז אַן אויסדערוויילטער אָרט,
מיר וועלן דאָרטן ווערן ווערבעס צוויי.

דער פאַרק היטער

דער פאַרק ווערט אָוונטבלויער, איך און דו
מיר וועלן אויך היינט גיין צו צווייען,
פאַרלירן זיך וואו אַלע טויזנט גייען
אין זייער אייגן לאַנד פון טרוים און רו.

און טרינקען אויס די נאַכט אין די אַלייען
פון קריגעלע לבנה ערגעץ־וואו.
דיביימער כלומרשט מיט די אויגן צו
צעשושקען שטילע זיך אין זייערע רייען.

און נאָר דאָס דענקמאָל פון אַ העלד — אַ ריטער
אין בראָנז געגאָסן שטייט דאָ ווי אַ היטער,
ס'האָט אויפגעשטעלט זיך אויף צוויי פיס זיין פערד,

ער האַלט פאַרגליווערט אין זיין האַנט אַ שווערד,
אַמאָל דערבאַרעמט זיך לבנה, גלעט
דעם איינזאַמען, דעם רייטער סילועט.

גבריאל פרייל

עלעגישע בלעטער:
אַן אַמעריקאַנער בית־עולם

א

אונטערן אויסגערונדיקטן באַרג־קאָפּ, טונקל מעש אין זון,
צופוסנס פונעם מיט בלויע שאָטנס באַוועבטן באַרג,
דרימלט אַ בית־עולם, אין פאַרשטילטן, בלאַנקן טאָל.
דורך שמאָלער, ווייס־שטויביקער געסל,
פאַרביי אַ טייכל אין העל־סודותדיק מורמלעריי,
היפּענדיק איבער צוימען־ביט־צוימען,
קומט מען צום אָרט וואָס שרעקט מיט אייביקס,
דאָרט וואו עס שלאָפן אין פאַרשטאַרטן חלום
די פריערדיקע באַטרעטער
פון אַ פריש־פאַרביקער, פאַרשלומערטער ערד,
די פריערדיקע צוהערער
פון שוואַלבן־צוויטשעריי אין באַבלעטערטע נעסטן.
אונטער גרויע שטיינער, אויסגעגלעט דורך פינגער פון צייט,
איינגעזונקענע אין סומנעם, פיס־פאַרווירענדיקן ווילד־גראָז,
רוען באַבערדלטע שינדלער,
וואָס האָבן דעכער געדעקט אין שוים פון מאָרגן־נעפּלען;
רוען די פלאַנצערינס פון גערטנער,
וואָס האָבן פאַרנאַכטן צעבליט מיט זייער חן;
רוט פּויער, וואָס האָט פאַרזייט שוין זיין לעצט חלק פעלד,
אין אַ לעצטן פרילינג, אַ דעמערנדיקן מיט פרעמדקייטן;
רויט קרעמער, וואָס האָט זיין לעצט ליכט פאַרקויפט שוין, —
עס האָט אַזוי פלאַטערדיק, דיין געפלעמלט;
רוט שענקער, וואָס האָט אָנגעגאָסן שוין זיין לעצט גלאָז מעד,
און איז אַוועק אַ ברונעם אָן אַ טראָפּן וואַסער זוכן,
אָן אַ טראָפּן וואַסער — —

ב

ענגלישע דאָרפסלייט, זינגענדיקע פאַסטאָראַל־ניגונים,
האָבן דערמאָנט אָן אַ שאָף־פאַסטוך, אַ שאַלנדיקן זילבער־קלאַנגען,
ווען עס שפּרייט זיך זילבער־טוי;

האָבן מיט שליאַכן באַרעדעוודיק געמאַכט אַ נייעם קאָנטינענט,
טירן רוימיקע דורכגעבראָכן אין וועוויערקע־ברוינע וועלדער,
מיט אַ ניכטער־שפּראָצנדיקן געמיט האָבן זיי געאַרבעט,
מיט הענט וואָס אָנען חלום־אָנוויין — — —
האַלענדער, וועמענס לידער האָבן זיך אָנגעהערט
דורכן רויש פון ווינט־מילן, ביים שיין פון טולפּאַנען,
האָבן מיט אַ גוט, ניט פאַרוואָלקנט אויג
קליינע, לויכטנדיקע אינזלען צעזייט
אויף דעם פון זיי אַנטפּלעקט, גרויס לאַנד.
אָפּט פלעגן ענגלענדער און האָלענדער — אַמעריקאַנער אַלע,
מיט פרייהייט אויסגעקריצט אויף האַרץ און פּאַן,
קומען מיט גלאַנציק־שעלמישע העק, אין ווילדע דאַך־צעגערענדע הענט,
אָנקוקן געוויקסיקע סאָסנעס;
אום צו באַשאָטענען מיט לאַדנס־וויעס די פענצטער־אויגן,
אום אַריינצוגיסן וואַרעמקייט, ווי בלוט, אין געצעלטן — אייזיקע שיידן,
און אָנטאָן ווי מיט אַ קרוין אַ קוימען, אַ קרייזלענדיקן אַלף־ביתן
איבער דעם צעשימערטן טאָל, אַ פאַרזונקענעם אין שניי־שלאָף.
אַזוי — ביזן אָנקום פונעם פרילינג, וואָס פלעגט זיך פעדערן דעם
וואוילגערוך פון בלומען צו שפּרייטן,
צווישן מעיפּל און נוסבוים צו שפּילן אויף איידעלע פייפן — — —
פרילינג האָט פרי זיך געפעדערט, געקומען, — דאַן די טענץ אין סקווערע
שערענגעס,
אונטערן קלאַנג פון שווער־אַטעמדיקע באַנדורעס, זילבער־בלייכע פלייטן,
יאָמערנדיקע פידלען און קלימפּערדיקע פויקן.
פרילינג שפּילט אויף זיינע פייפן, און אַ געשפּאָלטן, הויך, זיס קול
זינגט שוועבנדיק ליבע אינעם טאָל, זינגט שטאָלץ אַנטקעגן הימל.
פריילעך די ווייס־האַריקע שפּילער, פריילעך די יונגעלייט
אין זייערע געקעסטלטע רעק, די מיידלעך אין געבלימטן געוואַנט.
און קיין שפּור איז ניטאָ פון טרויער; עס שפּאַרן ניט קיין נאַכט־געדאַנקען,
אויך דער שטרענגער ווינטער, אַ קלינגעוודיקער מיט שווערדן, ווערט גאָרניט
געדאַכט.
לעבן איז אַ זומער־טייך, אַ דאַמבעלאָזער, פליסנדיקער אייביק,
לעבן איז אַ זומער־הימל, באַצויגן מיט ווייכע פעדער־וואָלקנס.
און פלוצלונג, אוי ווי, דער שלאַף, דער אָן־פאַרוואָסיקער־שלומער,
אונטער גרויע שטיינער, ביים שאָטן פון באַרג — — —

ג

באַרג האָט זיי געזען אין זייער ווייס־צייניקער קינדהייט, אין זייער האָניק־
געמיט,
פאַרבייגייענדיק מיט געלאַדענע קערב — יאַגדעס־געקלייב,

אַרויסקוועלנדיק זאַפט פונעם בוים, שעפּנדיק קרישטאָל פונעם קוואַל;
באַרג האָט זיי געזען — פרויען שפּאַצירנדיק, מיט רויזן פאַרפלאָכטן אין די קאָרן־האָר,
נאָכן באַצאָלן דעם שפּינראַד אַ חוב, נאָכן אָפּקלערן זיך פון רויך באַשטרייכטן נאָכמיטיק;
באַרג האָט זיי געזען — יונגעלייט, אַרומגייענדיק אין די חגאות,
מיט שטעקנס געשניצט פון פרישן האָלץ, אַנזאָגער פון עלעגאַנץ,
נאָך די וואָכן־טעג פונעם אַקערן, נאָכן שווענקען פּעלן אין די ראַשיקע וואַסערן פון פלוס;
באַרג האָט זיי געזען — פּויערים און געזעלן, טראַגנדיק מיטל־יאָרן לאַסט
מיט טאָלעראַנץ, מיט אַ ניט־פריידיקן, ווייכלעכן געלעכטערל;
און עס זיינען געווען אויך נייע מענטשן, וואָס ערשט אין גרויע ראַמען
האָט אַ באַרג זיי קענען געלערנט.
אין שווערן שלאָף, אונטערן אויסגערונדיקטן באַרג־קאָפּ,
זיינען אויפגעלייזט געוואָרן לעבן־קענער און געניסער.
און איך, לייענענדיק די פאַרטושטע אויפשריפטן, אויסגעקריצט אין אַ שוין פאַרגעפלטער צייט,
פון אַ פלינקער, קלאָרער האַנט,
זע היינט פאַרנאַכט ווי בלאַסע שטערן־בליטן מיניען אויף אָקרענט, —
און כ׳דענק וועגן די גייערס, וואָס וועלן נאָך קומען צום אָרט,
ווען איך וועל שוין אַליין זיין ווי אַן אויסגעלאָשן שטערן,
און זיי — די נייע באַטרעטער פון פרישפאַרביקער, פאַרשלומערטער ערד.

ד

אַ, דו פאַרשלומערטע, פרישפאַרביקע ערד, ווי וועסטו זיך געשטאַלטיקן
ווען מיין לייב וועלן פרעסן אומקום־יאַסלעס, אויפגיין אין איר וועט אַ גראָז?
געוויס אַזוי רייך געפלעקט ווי איצט וועסטו דאַן זיין.
דורכגענומען מיטן זעלבן וואַנדערנדן רייץ, בלענדנד מיט זאַלציקע טרערן.
געוויס וועסטו, ווי איצט, זיין די גרויסע קעניגרייך פון ניט־דערגרייכבאַרן,
איין געטלעכער אַנדייט, איין אומבאַרירטער, מיסטישער גאָלד;
און אויך דערשיינען פול און פייערדיק — ווי די רגע אויף מיין לייוונט.
אָבער איך, ווי זיי היינט, וועל בלויז געניסן די דאַרע טרייסט פון טויט,
בלויז אַ קאַלטע מצבה וועט באַצייכענען דאָס אָרט וואו מיין פלאַם איז געזונקען,
בלויז אַ לעבלעכער רעגן וועט פון וואָלקנס פאַלן, מיך באַוויינען.

ה

עס שלאָפט ניט אין שאָטן פון דעם אויסגערונדיקטן באַרג־קאָפּ
דער מידסטער פון אַלע וואַנדערער — פון אומזיסטע האָפענונגען דער קעניג.
און אומזיסט זוך איך, דער אור־אייניקל פון געצוימטע, אַ היפּענדיקער איבער צוימען־ניט־צוימען,

אַ שפּור פון אַ פאַרגייער, אַ פיבערדיקן שטאָם־ברודער מיינעם:
אַ ייד וואָס האָט געטונקט זיינע פוסטריט אין קילבלעכע וועלן,
און געוואוינט אויף אָט דער שמייכלענדיקער ערד; אַ צעהענגערין
פון וויינפּערלעך אויף זיין קוסט, פון עפּל אויף זיין בוים,
אַ זוניקע אויסרייפערין פון זיין ברויט, אַ צוגרייטערין פון זיין קאַשטאַן־
האָלץ טיש;
אַ ייד וואָס האָט אַריינגעבליקט אינעם צעעפנטן שטערן־בוך, ווען
דודס געזאַנגען זיינען אויפגעגאַנגען אין אים, — אַ לויב פאַרן חסד
אַ טויב מיט אויסלייז־בלאַט אין מויל האָט אים דאָ ניט דערגרייכט.
אומזיסט. דאָ האָט מיינער אַ ברודער ניט אַנטדעקט קיין אַפּרו־אינזל,
אַ טויב מיט אויסלייז־בלאַט אין מויל האָט אים דאָ ניט דערגרייכט.
די פּאַפּלאַרן און דעמבן, די פאַראויסבאַשטימטע וועכטער פון אַן אַלטער
לאַנדשאַפט,
די לאַקערנדע בערג, אַרומרינגלער פון טאָל מיט ברייט־ראַנדיקע היט,
די פליסטערנדיקע וואַסער־פעדים, מיט בעריאָזע־בריקעלעך געשפּאַנט,
דער אָפּגלאַנץ פון דעכער, באַשאָטענער פון זון־געברוינטע, אַ שוץ פאַר
די שטייער אין ווינט,
די זייטיקע שטעגן, וואָס פירן צום ציל פון ציבל־בערגלעך און רויזן־בייטן,—
קיינער פון זיי האָט ניט אויפגענומען דעם בליק פון אַ יידן אַזאַ ווי איך,
זוכנדיק אַ שליסל צום שלאָס פון זיבן זאַכן;
עס האָבן ניט פאַרנומען די הימלען איבער היגל און פלאַך
איין יידיש, וואַרים־וויטאָגדיק וואָרט ווי מיינעם.
ביז איך בין פּלוצעם געקומען אין אַ זומערדיקער ערב־נאַכט,
וואָס האָט אויף איר דין־באַצויגן סאַמעט אַ געלב, פריידיק פויגעלע געוועבט;
ביז איך בין געקומען מיט מיין געפּלאָגטן יידישן פּענזל —
צוגעגעבן דאָס שוואַרץ, נאָך וועלכן עס גאַרט ערגעץ דאָס תמימותדיקע בלוי,
דאָס רויט וואָס פאַרשטעקט, באַפּרוכפּערט אין איינגעהאַלטענעם גרין.
ביז איך בין געקומען — —

פּעניק־אַ־וואודסטאָק, זומער 1945

אריה שמרי

אַ זעאונג 1938

פאַרשרייב, מיין האַרץ,
די טרויערן פון טאָג.
אַזוי פיל געוויין ווי דו פאַרמאָגסט
מיין האַרץ —
אַזוי פיל האַרבסט!

האַרבסט און דערמערונג אויף מיין צונג —
סם און פלאַם,
און וואו אַ קוואַל וואָס זאָל מיך קילן?
וואו איז כנענס בלאָע נאַכט פאַר באַוואונדערונג?
וואו איז דער הויכער גאָט פאַר תפילה?

שטילקייט, פינצטערניש, נאַכט,
נאָר נישט קיין שלאָף.
עס גליט מיין קאָפּ,
דאָס האַרץ פאַרשטיינט,
און דאָס יינגעלע פון ווין אין מיינע פענצטער וויינט.

אַלע שויבן אויסגעלאָשן,
עס שלאָפט מיין דאָרף מידמאָט,
נאָר ס׳שלאָפט נישט דעם וואָגלערס קינד.
זיין יעדע טרער — אַן אָפּגעפליקטער בלאַט,
צו מיר טראָגט אים דער ווינט.

אַזש פון ליסאַבאָן, פון פּאָרטוגאַל —
דער בלעטערפאַל.
דאָרט זעגלט אין דער פינצטערניש אַ שיף,
און אַ ייד אַן אָפּגעשליידערטער
שרייבט צום זון אַ בריוו:
— זון, מיין זון, כ׳בין אַליין,
וואו מאַמע — ווייס איך נישט,
איך וואָגל פון פּאָרט צו פּאָרט,
און אַלע וועגן פול מיט שפּיזן,
געדענק זשע כאָטש אין מיר —
אַ וויזע — —

צאַפּל צוק און יאָמער,
דאָס ייִנגל וויינט אין דער נאַכט אַריין,
און ווי זיך טרייסטן נאָך מיט אפשר און מיט טאָמער?
אַזוי פיל טרויעריקע געזיכטער!
אַזוי פיל פאַרטריבענע פון לענדער!
אַזוי פיל פאַלנדיקע ליכטער! —
זונען — זינקענדיק,
לבנהס — לאָם,
און עס ברויזט תהום.

ס'איז 1938,
גרויסהאַרבסטיקער צעוויטיקטער סעפּטעמבער,
יאָר פון אומענדלעכן פּאָגראָם.
יאָמער און פינצטערניש.
כ'וויל שרייען און האַלט אין דאָס געשריי,
כ'וויל וויינען און האַלט אין דאָס געוויין. —
אפשר צומאַכן די ליפּן און זאָלן טרערן באַהאַלטן זיין און ריין,
אפשר פאַרשטעלן אויגן ווי מאַמע ערב שבת ביי די ליכט,
און מיט צוגעמאַכטע אויגן לויבן: וועלט ביסט שיין — —
ווייל אפשר איז טאַקע אַזוי,
און עס קוועלט דער ברונעם,
און עס פּלייצט דער טוי,
און דער ריח וואָס איך שמעק —
איז נישט די שרעק,
נאָר רויטער זאַפט פון רייפע סעדער,
און די פייערן וואָס איך זע —
נאָר אָפּשיין פון די שטערנרעדער,
און דער רויש און דער יאָמער —
נאָר סקריפּ אין גאַנג אַרויף פון טראַקטאָררעדער,
און אומעטום — נאָר ליכט און זון,
און עס וואַקסט און בליט און רייפט
אויף גאָרער ערד, אויף שטיין און ליים —
ווי אין מיין היים,
ווי אין מיין סאָד —
מאַראַנץ און מאַנדאַרינע און לעמאָן,
דאָ אַזוי, דאָרט אַזוי —
אויך אין ליסאַבאָן.

נאָר דאָס ייִנגל צוקט און פיבערט,
אומזיסט באַהאַלטן מיין געשריי.
אַ פרעכער פלוך,
אַ שוואַרצער שפּיי —

איר פּנים ווייזט די נאַכט,
אַ סאָווע טראָגט מיין חלום אויף קרומע ציין,
און דאָס ייִנגל צוקט און פיבערט אין געוויין.

נישט קיין רו מיר.
פייער אין מיין אויג, האָגל אויף מיין אויער.
וואו אַנטלויפן?
וואו אַנטרונען?
עס פלאַקערט דער שייטערהויפן,
עס גלאַנצט די גיליאָטינע.
איך שטיי פאַר בלינדסטן טויער
און פּרואוו שעפּטשען באָבעס תחינה:
העלף! באַשירעם!
נאָר סם אין בלוט, פייער אין געהירן.
צו — פאַר רחמים — אַלע טירן.
די ערד שפּייט אויס מיין תּפילה און מיין נבואה,
און ווי נאָך רוען? —
דאָס געוויין פון ייִנגל שאָקלט אַלעביימער, אַלע תּבואות.
וועלט! דו טרייבסט מיך צוריק צו שפּאַנען
צו קעלערן, מיט אימה פון מאַראַנען.
נישט מער אַן אַפּאָסטאָל דיר וועלט,
נישט אַ זינגער דיר, און נישט אַן אונטערצינדער אַ פאַרשווערער.
נאָר אַ געפּייניקטער אויף אַ שוועל, אַ טרערער.
מיין פעלדערפרייד ווי נאָך אַרבן —
אַז זאַנג אין וואַקסן פּילט שוין שטאַרבן?
עס ברענט דער האָקנקרייץ
אויף עפּל און אויף ווייץ
און אויף מיין זון־צעבלענדטן שאַרבן.

עס שלאָפט מיין דאָרף צופוסנס פון שוואַרצע בערג,
און איך קוק די פינצטערניש אַריבער.
איך ווייס אַז היינט ביינאַכט שלאָפט קיינער נישט,
אין יעדנס האַרץ ווי אין מיינעם — אַנגסט און פיבער.

אַט סקריפּעט אין ווינט צעשטיפט
דאָס אָפענע פענצטער פון צריף,
דאָרט גליט דער קאָפּ פון בעל עגלה שמוליע.
אין שטאַל שטייען שטיל צוויי מידע שקאַפּעס,
און וואויל איז זיי ביי האָבער,
נאָר ער — איך הער דורך וועגט זיין סאָפּען,
אים חלומט איצט אַ ווילדער אָגער,

און אַ בייזן שמייסערס לאַפּעס.
צו ווייטער ווייט לויפט זיין הארץ —
זיין טאַטע דאָרט — אַ לײדיקגייער, אַן אָרעמאַן,
די מאַמע געבויגן איבערן צעשאָקלטן סטראַגאַן.
אַ קלויסטער וויגט די אַלטע בייזע גלאָקן,
און עס לויפט אַ מאַרק דערשראָקן
ווי פּאָר וועלף.
שמוליע האָט אַפּילו נישט קיין גאָט
צו בעטן: העלף!
אַ בייטש האָט ער, אַ רויטע טרער איר טראָלד,
און עפּעס שעמען זיך גאָר זיינע הענט...
אַנטקעגן אים — אַ הומאַניסט, אַ שיכורער סטודענט.
ער קאַטשעט זיך,
און לאַכט
און שעלט — —

און נאָך איינער — אַ שכן מיינער,
אַ ירושלימער, מיין פריינד.
אַ צפתער ווייסכאַלאַטעדיקער איז געווען זיין זיידע,
אַוועק איז ער צום טאָל וואו ביימער בליען
מיט שאָטן פון עקידה.
שבת, אין ירושלים,
האָט מען זיין זיידע צעשניטן ווי אַ שלייען,
און עס שרייט דאָס בלוט אין אים ווי זכריהס שטים
פון יעדן שטיין,
און דאָס ווינער ייִנגל וויינט מיט אים אין געוויין.
און ער אַליין —
דער מאַן פון ליד, מדבר זומפּ און שניישליאַך —
ער וואַכט
אין קאַנוואולסיעס פון האַפענונג און אימה,
מיט אים —
די ווענט, דאָס פעלד, פּלויטן, זאַנגען, ביימער.

אַזאַ פינצטערניש נאָך ניט געפינצטערט!
גורל נעגלט אַלע וועגן
און ביי וועמען פרעגן דעם פאַרוואָס?
פון גאָט בין איך פאַרלאָזט,
מיט וועלט בין איך אין גרויסן אַמפּער,
און אומעטום — טריט געקאָוועטע און טראַמפּל.
ליסאַבאָנער ייִד, דו ביסט פאַרלוירן!

נאַכט, דריטע אַשמורה.
ס׳בליט רויט די מורא.
קען זיין — ס׳איז דעם מאָרגנס ערשטע פאַרבן,
דער רויט פון עפּל, די גאָלדיקייט פון ווייץ.
קען זיין, קען זיין — —
נאָר אַנדערש זאָגט דעם יינגעלעס געוויין.
עס גליט דער האַקנקרייץ
אויף עפּל און אויף ווייץ,
אַליין צעשיטן זיך די ענגלען און די גאַרבן.
אויף גאַנצער ערד, פון פּאָל ביז פּאָל —
איין געשאָכטן קול
פון ליסאַבאָנער ייד:
  פאַרוואָס, וועלט, מוז איך שטאַרבן?!
און כ׳הער דעם יינגלס וויינען,
און כ׳הער דעם טאַטנס שרייען,
און אַ וויקלען פון אַ שלאַנג,
און אַ שפּרינגען פון אַ חיה,
  אַ גזר פון אַריער קין — —
און מיט וואָלקנס גייט אויף אַ טאָג
פון לוויה צו לוויה — —

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

אויפגעשטאַנען פון דער נאַכט בין איך, איך לעב.
נאָר נישט צום סאָד, ווי יעדן טאָג, מיין טראָט.
און אויך נישט תפילה טאָן גיי איך פאַר גאָט.
צום וואַלד גיי איך, צום וואַלד.
מיין שליחות — גראָבן קברים.
צוויי יונגע גופים ליגן קאַלט
און עס פויזעט שוין אַ וואָרעם.
אַ טאָג מיט שטייגנדיקער זון,
נאָר איך מיט טויזנט טרעפּ אַראָפּ.
צוויי קברים גראָב איך אין אַ בלינדן וואַלד.
איך זעג און האַק און שפּאַלט
וואָרצלען פון צוויי אייקאַליפּטן
און וואַרף די אייקאַליפּטן אום
מיט הימל און מיט זון.
צווייגן ברעכן זיך,
עס צעשפּרינגען די צעגליטע קעפּ,
און נאָך טויזנט טרעפּ —

איך פאַרזינק, מיט שטאָל און שנאה רייס איך די בלאָע רו,
און דאָס ייִנגעלע פון ווין — העלפט ער צו.
איך גראָב, ער שאַרט אָפּ די צווייגן און די בלעטער,
שטיקער האָפענונג, גרינע און פּיאָלעטע,
און טוי און טרערן אויף זיין באַק.
איך גראָב אין ליים און רייס די וואָרצלען מיט אַ האַק.
מיין וואַלד! מיין וואַלד!
אַלץ פאַלט.
וועלט פלאַקערט שוואַרץ — אין גרויסער וואַלד,
און אין דער מיט — דער ליסאַבאָנער ייִד
די טרזיעריקסטע געשטאַלט פון געשטאַלטן.
ווער וועט זיין קאָפּ דאָרט באַהאַלטן?
נאָר צלם דאָרט און דאָרן.

(אויף מיין האַנט ווערט וואָרעם די ערד...)

צוויי קברים אָפּן, אַקסלען טראָגן אָרון נאָך אָן אָרון.
ס'איז מיין שליחות — איך לייג ייִד ביי ייִד.
ס'איז יעדערנס שליחות — יעדער נעמט אַ רידל און פאַרשיט
אַ בינטל רויטע בלומען —
— חברים מיינע, דאָ וועט איר וואוינען.
און דער וואַלד בויגט איין די קרוינען.

פאַרשאָטן. אַהיים.
אויסגעשמירט אין בלוט און אין ליים
גייט דאָס בלאַסע ווינער ייִנגעלע מיט מיר,
און מיר ביידע,
און מיר אַלע —
ווי די אָרעמסטע ביי דער פאַרמאַכטסטער טיר.

פאַרשרייב, מיין האַרץ,
די טרויערן פון טאָג.
און וואַרף וועלטס זינד
און וואַרף דיין צער
אויף איין וואָג.

עין שמר, סעפּטעמבער, 1938

חוה ראָזענפּארב

דאָס ליד פון עתליה

הייס שטאַרבט דער טאָג איבער מלכות־יהודה;
ס׳פּורפּורט די זון אונטער ירושלים.
שטיל פאַלט דער שטויב פון סאַנדאַלן די מידע —
דורשטיקע בעכער פון בלומען פאַרוויין.

רויט איז די ערד אין מלכות־יהודה
און בלוי איז דער תהום איבער ירושלים,
און זאַמדיק דער ווינט, וואָס דרייט ווי אַ שלאַנג זיך
אין שאָטנס פון גרינע ציפּריסן־אַלעען.

און היינט איז דאָך שבת; היינט דאַרף די שכינה
מיט באַרוועסער שטילקייט באַטרעטן די שוועלן;
מנוחה דאַרף זיין היינט צו הענט, וואָס באַדינען,
און חסד דאַרף זיין היינט צו הענט, וואָס באַפעלן.

טאָ ווער האָט עס היינט צעקנוילט מיינע שטויבן
אויף דורשטיקע וועגן פון ירושלים?
וואו איילן די מענער פון אַלע געצעלטן
נאָך איידער די נאַכט נעמט מיט שטערן פאַרזייען?

עס ציען טומאַנען צום בית־המקדש,
עס שטייגן די מענער צום באַרג מוריה;
שבת איז היינט; דאָך פון אָפענע מאַנטלען
בליצן חלפים אָפּער פון די גאַרטלען
אין שטילקייט פון שקיעה.

און אונטער די פוסטריט פון באַרג מוריה
טוען זיך גאַרטנס אין שאָטן פאַרשפּינען,
זיי וויקלען אַרום אַ פּאַלאַץ אַ ווייסן
מיט פעכער פון צווייגן, מיט בלעטער־גאַרדינען.

בלויז אויף די נאַקעטע שטיגן־קלאַווישן
שווייגט אויס די זון איר בראַנדיקן ניגון,
און קריכט וועג אַרויס דער ווינט פון חדרים,
בלייבט ער אויף טרעפּ אַ פאַרחלשטער ליגן.

ס'איז שטיל אין דער טיפקייט פון פּאַלאַץ פון ווייסן
און ס'וואַרטן אומזיסט די פּאַרהאַנגען־טירן,
עס זאָל דער מלך די שוועלן באַטרעטן,
דעם זייד פון די פּאָלדן די ברייטע צעפּירן.

ווייל טויט איז דער מלך פון מלכות־יהודה,
עס קיניגט אַ מלכה אין ירושלים:
די טאָכטער איזבלס, פון שטאַם פון צידונים —
עתליה די מלכה פון ירושלים!

דרויסן אין גאָרטן פלעכטן זיך בלעטער
פון איילבירטן גרינע, פון צאַרטע ציפּריסן,
און ערגעץ פאַרבאָרגן רוישן פאָנטאַנען
און גיסן אַ ניגון אַ שטילן אַ זיסן.

אַ פלייט ציט זיך ערגעץ אויף זוניקע שטראַלן
און ס'צימבלען אים נאָך די גיטאַרעס אין קוויטן,
און האַרפּעס אין בלעטער — פאַרהילטע וואַלן —
סטרונען זיך אָן, וואַכן אויף און באַגלייטן.

און צווישן די בוימיק־צעפינגערטע קרוינען
וויקלט זיך ווייריך אַ זיידענער, קילער.
דאָרט ביי מזבחות פון בעל און עשתרות
זינגען כהנים אומענדלעך אַ תפילה.

און טיפער און ווייטער אין ים אינעם גרינעם
רוט זי, עתליה, די זינדיקע מלכה;
אַ ציטריקער שלייער אויף נאַקעטע קניען,
די ברוסט אונטער אָפענע צעפּ צווי באַהאַלטן.

אויף פוכיקן טעפּיך פון בית־המקדש
שטרעקט זי די הייסע, די ליכטיקע גלידער;
אויף טעפּיך, וואָס ס'האָבן פאַר פרעמדן יהוה
געפלאָכטן די ווייבער פון מלכות־יהודה.

און ס'שימערט דערנעבן דער וויין אין די לאָגלען,
און גרייט איז פאַר דורשטיקע ליפּן אַ בעכער;
און איבער די האָר, וואָס רינען פון קאָפּ איר,
ווינטיקט זיך ברייט אַ צעעפנטער פעכער.

עס וויגט איבער איר זיך די האַנט פונעם דינער,
וואָס קניט — אַ שטיק בראָנז ביי איר טעפּיך דערנעבן;
נאָר באַלד וועט די תאווה אין ווייבערשע גלידער
אים לעבעדיק מאַכן. שוין טוט זי באַפעלן:

— דו בראָנזענער דינער, עס רופט דיך עתליה!
צי אָן ווי אַ בויגן די האַרטע מוסקולן;
פּייל דורך די צווייגן און ברענג מיין געליבטן,
ער זאָל דאָס שיכּרות פון לייב מיינעם שטילן.

שוין פליט ער — אַ שפּאַרבער דורך וואַלדיקע שטעגן,
שוין שימערט זיין ברוינקייט דורך בוימיקע שטאַמען,
שוין איז ער ווי אַ פייל צווישן בלעטער פאַרפלויגן,
שוין גיסט זיך זיין לייב מיט דער טיפקייט צוזאַמען.

בלייבט זי אַליין, און די ערד גליט מיט תאווה —
און הייסער דאָס לייב פון עתליה און יינגער,
און צווישן דער ערד און איר נאַקעטן רוקן
בריט שוין דער טעפּיך מיט פלאַמיקע צינגער.

העי, ס׳איז די ערד אַ ווייב אין אַ גלוסטונג!
העי, ס׳איז עתליה די ערד פון יהודה!
העי, ס׳וועט עתליה די ערד באַלד פאַרלעשן!
באַלד וועט זי שטילן דעם דורשט פון די גלידער!

צו דעם זיינען לאַגלען מיט ווין איבערפולטע,
אַז זיי זאָלן רינען, און קילן, און פליסן.
העי, ס׳וועט עתליה, די שיכּורע מלכּה,
דעם ווין אויפן בראַנדיקן טעפּיך צעגיסן!

שוין שטייט זי אויף טעפּיך אין נאַקעטער גרויסקייט,
ווי זי וואָלט שוין דורות־לאַנג גרייט דאָ געשטאַנען,
די הענט איבער קאָפּ מיט אַ לאָגל אַ פולן,
עתליה — אַ שטיינערנע ווינען־פאָנטאַנע.

עס שטראָמט די צעשימערטע קאַלטקייט די זיסע
אַראָפּ מיט די האָר איר צום בויך און צום רוקן,
און האַפּסלט אַראָפּ פון די גלאַנציקע ברוסטן
און כוואַליעט אַרויס פון צעעפנטע ליפּן;

און שפּרודלט אַרום אירע אַרעמס די רונדע,
און הילט זיך אַרום אירע פיס אירע דינע,
און לוזשעט אַרום אירע טריט אויפן טעפּיך,
און רינט אַלץ אויפסניי און הערט נישט אויף רינען.

און ווען ס׳ווערט דער שטראָם פונעם לאָגל פאַרשוויגן,
דאַן נעמט זי אַ צווייטן, צעכוואַליעט, אַ דריטן;
ביז זאַט ווערט די ערד אין דורשטיקן פייער,
אויף טעפּיך — אַ שפּיגל; און זי — אין דער מיטן.

פֿאַרכלינִיעט פֿון זיסקייט, און נאָך נישט קיין זאַטע,
פֿאַרזינקט זי אין גלאַנציקן ווייניקן שפּיגל;
צעשפּריצן זיך פּערל מיט בורשטינענע נאַסע,
ביז ווידער ווערט אַלץ אין איין שימער פֿאַרזיגלט.

און פּלוצעם דערזעט זי צוויי פֿלאַמיקע אויגן,
וואָס קוקן אַרויס פֿון די פֿליסיקע טיפֿן,
און אַרום זיי שווימט אַ האַריקע כוואַליע,
און צווישן זיי צוויי געשוואָלענע ליפּן.

אַ ווייב שיינט אַרויס אין איר פּנים אַנטקעגן;
אַ ווייב אַזאַ פֿרעמדע, דאָך וואָלט זי געשוואוירן —
דאָס ווייב איז אַמאָל אויף איר טעפּיך געלעגן;
ווי נאָענט ס׳איז דאָס שטוינען פֿון שיכורע אויגן.

פֿליסטערט עתליה. זי הויבט אָן קוים רעדן:
— זאָג, ווער ביסטו, ווייב, פֿונעם ווייניקן שפּיגל?
דו ביסט דאָך נישט בעל, דו ביסט נישט עשתרות —
ווער האָט דיך אין גלאַנץ פֿונעם טעפּיך פֿאַרזיגלט?

דו ביסט דאָך נישט בעל און אויך נישט עשתורת,
און דאָך איז דאָ גאָט אין דיין ליכטיקן פּנים.
ווער ביסטו, ווער ביסטו אין פּראַכט פֿון דיין שיינקייט?
כ׳וועל דינען דיין ליכט אין דיין געטלעכן נאָמען!

זע, קליין איז מיין בעל און קליין — מיין עשתורת
אַנטקעגן דיר, ווייב, אינעם שפּיגל פֿאַרשלאָסן.
ביסטו עס יהוה? ביסטו עס? ביסטו עס?
דו גאָט, אלהים, אויפֿן טעפּיך צעגאָסן!

איך וועל צו דיר דינען, דו שיינקייט אַדוני,
און זייערע מזבחות כ׳וועל אַלע צעשטערן;
און אומעטום וועל איך דיין הייליקן נאָמען
צעטראָגן און ליבן און בענטשן, פֿאַרערן.

און איך וועל מזבחות אין צווייגן דיר בויען;
עס וועלן מיט ווייִרויך דיך וויגן כּהנים.
יהוה, ביסטו עס די פּרוי פֿון די פּרויען? —
איך פֿאַל פֿאַרן ליכט פֿון דיין אייביקן פּנים!

זי פֿאַלט מיטן מיטן פּנים אויף פּנים פֿון שפּיגל;
און ווידער צעטאַנצן זיך שפּליטערן נאַסע,
און ווידער ווערט שימער מיט שימער פֿאַרזיגלט,
ווען ס׳הייבט אויף דעם שטערן עתליה אַ בלאַסע.

קוקט זי אַרײַן, נאָר דאָס ווײַב איז פאַרשוואונדן;
בלויז ס'וויגט זיך דער גאָרטן פון אונטן, פון אויבן.
און פּלוצעם — אַ שטורעמווינט שפּילט זיך פאַנאַנדער,
און ס'פלאַמען שוין ווידער צוויי בראַנדיקע אויגן.

אַט קומט ווער אַרויס מיט אַ וויכער צו שווימען,
אַט טויכט ווער אַרויס פון באַהאַלטענע וועגן;
עס כוואַליעט אַ באָרד מיט צעשויבערטער ווייסקייט —
אַט קומט ער, אַט שפּרייזט ער מיט גבורה אַנטקעגן.

צעפאַכעט זײַן מאַנטל מיט פליגלען מיט שוואַרצע,
די בליקן אין פײַער, אין שטורעם די ברעמען;
עס ציטערט די ערד אונטער באָרוועסע טריט אים;
אַט טוט ער די הענט מיט אַ קללה צענעמען:

— פאַרשאָלטן ביסטו אויף אייביק, עתליה:
אַ קללה דעם ווײַב, אַ קללה דעם זאָמען
וואָס האָט דיך פאַרזייט, וואָס האָט דיך געבוירן;
אַ קללה דײַן זינדיקן לײַב, דײַן נאָמען.

ווײַל דו האָסט געלאַכט פון יהוהס כהנים,
און האָסט מײַן נבואה, מײַן אָטעם געשענדט,
ווײַל דו האָסט מײַן בונד מיט יהודה צעריסן,
און בלוט פון מלכים דיר טריפט פון די הענט;

ווײַל דו האָסט פאַר בעלן מזבחות געררויכערט,
ווײַל דו האָסט אין זנות פון מײַן ריינקייט געלאַכט;
אַ קללה דעם ווײַב, וואָס האָט דיך געבוירן, —
צו שטויב קער צוריק מיטן דור פון דײַן טראַכט!

קוקט זי אין שפּיגל, עתליה די בלאַסע —
צי האָט ווער גערופן, צי האָט זי געהערט?
עס ברענען צוויי אויגן אין קלעפּיקן וואַסער,
עס פלאַמען צוויי אויגן אַרויס פון דער ערד...

זי פאַלט מיטן פּנים און קוים וואָס זי מורמלט:
— ווער ביסטו, דו מאַן, מיטן סם אויפן מויל?
אָ, זאָג מיר דײַן נאָמען; ווי הייסט זי, דײַן גבורה,
וואָס קרישלט עתליהן, די מעכטיקע פרוי?

און אפשר ביסטו עס דאָס לײַב פון יהוה?
עס גליען דאָך וועלטן אין פלאַם פון דײַן בליק;
עס כמאַרען זיך הימלען דיר אונטער די ברעמען;
עס ציטערט די ערד אין שפּור פון דײַן טריט.

גרויס איז עתליה, די ליכטיקע מלכה;
און זי וועט דיר וואַשן די שטויביקע פיס,
און זי וועט צעקעמען דײַן ווינטיקע באָרד דיר;
די הויט פון עתליה איז צערטלעך און זיס.

גרויסער יהוה, עס תפילה׳ט עתליה,
דײַן קללה מיט ברכות פון לעבן פאַרבײַטן,
איך וועל נאָך מזבחות און טעמפּלען דיר בויען
און דינען צו דיר מיטן ליד פון מײַן לײַב.

זי קומט און זי שטאַרט, עתליה די מידע,
דער טעפּיך איז נאַס און איז קלעפּיק און רויט;
און ס׳טריפט איר אַ רויטער שוים פון די גלידער,
און בלוט רינט אַראָפּ פון איר ליכטיקער הויט.

און ס׳גליטשן די האָר אַרום לײַב אירן אום זיך:
זיי קריכן און קלעפּן ווי גיפטיקע שלאַנגען —
נאָר וואו איז דער דינער, ער זאָל איר אַצינדער
אויף נאַקעטן פיבער אַ מאַנטל דערלאַנגען?

צעהאַנגען איז שטילקייט אין אײַלבירטן־צווייגן,
אין שאָטן־טליתים פאַרהילט די ציפּריסן;
אין ווינטיק צעהוידעטע בלעטער־גירלאַנדעס
פאַרלעשט זיך די זון אין פאַרנאַכטיקער גסיסה.

שטאַרט זי, עתליה, — אַן אימה־סטאַטוע,
און ס׳קלינגט אַזאַ שטילקייט צעהוידעט אין גאָרטן.
וואו איז דאָס געזאַנג פון די ווײַרויך־כהנים?
און ווער האָט די פלייטן און צימבלען באַהאַלטן?

אָט וועט זי זיי רופן. און זאָלן זיי זינגען,
און זאָלן זיי פּויקן, און זאָלן זיי שפּילן!
דאָ איז זי עתליה, די מלכה די מידע;
זאָל שאָטן צערינען אויף אירע באַפעלן.

— וואָס שווייגט איר, כהנים? צעציט אײַער ניגון!
און ווײַרויך צעוויגט ביזן הימל און העכער! —
אָט רופט זי, אָט רופט זי... צי האָט זי גערופן?
— יהוה, יהוה! — ענטפערט דאָס עכאָ.

לויפט זי אין גאָרטן, די ערד וויגט זיך שיכור
און ס׳שרעקן מיט טיפקייט פאַרפלאָנטערטע שטעגן,
און ס׳יאָגט זי אַ חיל פון בוימיקע שטאַמען,
און ס׳טרײַבט איר אַ בוימיקע מחנה אַנטקעגן.

און אין די האָר, די קודלעס צעקנוילטע,
קעמען זיך איין די צווייגיקע פינגער,
און צו די פיס אירע באָרוועסע קריכן
פון שאָטנס אַרויס פיל צעכפּלטע צינגער.

און אונטער אַ יעדן שטאָם פון דער ווייטן
לויערן שוואַרץ אָנגעהויפנטע שרעקן;
אָט קריכן זיי אַלע אַרויס פון די בלעטער;
אָט שלייכט דאָ שוין עמיץ דאָ אונטער איר רוקן.

— בעל און עשתורת! בעל און עשתורת!
קייקלען אין שאָטנס זיך אום אירע רופן.
און ס׳ענטפערט איר אָפּ: — יהוה, יהוה! —
דער עכאָ אַרויס פון די בוימיקע טיפן.

און ס׳קריכט שוין אַרויף די ערד אויף די קוסטעס,
ס׳פאַרשניידן זיך העלדזער פון טונקעלע שטעגן,
צווייגן און בלעטער, בלעטער און צווייגן;
פיסקעס געשטערקטע. צעפינגערטע נעגל.

און וואו איז פאַרשוואונדן דער ליכטיקער פּאַלאַץ?
צי האָט אים די שוואַרצקייט פון שאָטן פאַרגאָסן?
וואו זיינען די דינער? וואו זיינען די מענער?
און ווער האָט דאָס ליכט פון דער פרייד אויסגעלאָשן?

און פלוצים צעציט זיך די טיפקייט די ווייטע,
עס רייסט אויף דעם טונקעלן פאָרהאַנג אַ שימער;
אָט גרויט שוין אַ ליכט צווישן בוימיקע שטאַמען —
עס ליכטיקט אַ ווייסקייט אין בלעטער־גאַרדינען.

אַ רחבותע ווייסקייט צעגיסט זיך, קומט נענטער.
עס זעט שוין עתליה דאָרט מאַרמאָרנע שטעגן;
דוכט זיך, אָט באַלד וועט פון אונטער די בלעטער
די גאָלדענע פּאַווע איר קומען אַנטקעגן.

דער פּאָפּוגיי אירער וועט פון די חדרים
אַרויסקומען גרייט צו דער מלכה דער מידער,
און פרעגן וועט ער: עתליה, איז שלום?
איז שלום צו דיר, דו ליכט פון יהודה?

אָט באַלד, אָט באַלד וועט אַ דינער אַנטקעגן
קומען צו לויפן, צו איילן, צו פליען.
נאָר ווער האָט דאָ אָנגעבראַכט זאַמדן, טומאַנען?
עס קנוילן אין לופטן זיך פרעמדע געשרייען.

צי איז עס דער פּאַלאַץ, וואָס לויכט פון דער ווייטן?
ער אָטעמט מיט שרעק אין דער שטילקייט פון שקיעה;
און אָט איז דער בוימיקער פּאַרהאַנג צעריסן — —
— — — — — — — — — — — — — — —
עס פלאַמט אינעם פורפור דער הר המוריה...

***

ווער האָט עס צעקנוילט היינט די זאַמדיקע וועגן,
די טרוקענע שליאַכן פון ירושלים?
וואָס שטייגן די מחנות צום בית־המקדש?
פאַר וועמען אין מאַנטלען פאַרשטעקטע כלי־זיין?

וואָס רופן זיי אַלע: — זאָל לעבן יהואש!
יהואש דער מלך פון מלכות יהודה! —
וואָס פאַלן זיי צו צו דעם ווייב פונעם גאַרטן?
וואָס שטויסן זיי איר אין די גלידער די מידע?

זי איז דאָך עתליה, עתליה די מלכה,
דאָס ליכטיקע ווייב פון ירושלים!
— איז שלום צו דיר, דו פאָלק פון יהודה?
איז פרידן אין אייערע ברויזנדע רייען? —

אָט שטייגט זי אַרויף. זי גייט נישט, זי שוועבט שוין;
עס טראָגט זי אַ כוואַליע אַ שוואַרצע, אַ האַרטע;
אַ, ניין, נישט צום לויבן שטייגט זי אַצינדער,
נאָר טיפער צו פאַלן אויף שטיינער אויף קאַלטע.

אויף אייז־קאַלטע שטיינער פון בית־המקדש
ליגט זי פון פיינטלעכע הענט אויסגעשפּיגן,
און וואו איז דער טעפּיך מיט פּוכיקער ווייכקייט,
אַז ס׳זאָל זי דער פראָסט פון די שטיינער נישט קילן?

איבער עתליהן האָבן דעם הימל
טויזנט חלפים מיט בליצן צעשניטן;
ביים פּנים — אַ מעסער, ביים מעסער — אַ פּנים;
אַ רייף פון דער שנאה, און זי — אין דער מיטן.

און פּנים מיט פּנים זיך גיסן צוזאַמען,
און מעסער מיט מעסער פאַרקייטלען די בליצן;
די ערד איז ניט מער ווי איין פּנים פון שנאה —
דער הימל אַ חלף, און זי — אין זי אין דער מיטן.

אַט פּאַלט זי, עתליה, די ליכטיקע מלכּה,
מיט הענט צו דעם פּנים, מיט קאָפּ צו דעם מעסער:
— ביסטו עס, יהוה? ביסטו עס, אלהים?
אָ, רחמים, איך רוף דיך; איך בעטל דיך: חסד!

אָ, רחמים, אלוהים, עס בעט דיך, עתליה;
עס שנאָרעט די מלכּה, דאָס אָרעמע ווייב.
עס רופט דיך עתליה אין אַל דיינע וועלטן,
עס חלשט עתליה צו דיר פונעם שטויב.

— איך האָב דיך געזוכט אין אַ יעדערן שימער,
איך האָב דיך ביי בעל און עשתורת געזוכט;
נאָר, שדי, אלהים, אַדוני, אל־רחמים!
איצט ווייס איך, יהוה, אַז דו — דאָס בין איך!

לאָז מיך, איך וועל מיט דיין געטלעכן ציטער
צעהוידען די וועלט אין אייביקער פרייד.
נאָר שענק מיר דאָס לעבן, נאָר גיב מיר דיין אָטעם, —
קום לעבן מיט מיר אין מיין ליכטיקן לייב.

אַ מזבח דיר זיין וועט מיין זאַפטיקער בוזעם,
אַ תּפילה דיר זיין וועט מיין פריידיק געזיכט;
דיין טעמפּל וועל איך זיין, אין מיר וועסטו וואוינען;
דיין שיינקייט וועט שכינען אין שטראַל פון מיין ליכט.

אין מיר ביסטו גרויס, אין מיר ביסטו אייביק,
אין מיר ביסטו טאָג, אין מיר ביסטו נאַכט,
אין מיר ביסטו ס׳ליכט אין די בערג פון יהודה,
אין מיר איז דיין רחבות פון וועלדער פאַרמאַכט.

כ׳וועל אויפשטיין אין מאָרגנס גינגאַלדענע גרינע,
כ׳וועל גיין אין פאַרנאַכטן צו באַרג און צו טאָל:
— פרייד צו אייך, פליינען פון מלכות־יהודה,
עתליה איז דאָ און יהוה איז דאָ!

יהוה, זיי גוט! יהוה, זיי מעכטיק!
גיט אינעם מעסער און גיפטיקן לייב.
זיי מיר דער גאָט פון מיין קוואַליקן לעבן,
און זיי נישט דער חלף פון אָרעמען טויט!

און ברענגסטו מיך אום, יהוה, אַצינדער,
שטאַרבסטו מיט מיר אין דיין גרויסקייט אַליין!
פאַרגייען מיט מיר איצט אַל דיינע וועלטן;
נישט איך און נישט דו און נישט גאָרנישט וועט זיין.

... ליגט זי, עתליה, אויף נאַקעטע שטיינער,
אזוי ווי שוין דורות־לאַנג וואָלט זי געלעגן,
און ס׳שפּרודלען איר קוואַלן פון אונטער די וויעס;
עתליה — אַ מאַרמאָר־פאַנטאַזיע פון טרערן.

אַט קומט ווער אַרויס פון באַהאַלטענע וועגן,
אין פליגלען צעשפּרייט זיינע אָפענע הענט,
און ס׳ציטערט די ערד אונטער באַרוועסע טריט אים,
און רויט איז זיין באָרד ווי אַ פלאַקער צעברענט.

— עתליה, עתליה, דו זינדיקער שנאָרער,
וויין אויס דיין נשמה, דו בעטלעריש ווייב!
און וואָש מיט די טרערן די בלוטיקע שפּורן;
ס׳וועט סיי־ווי נישט ווערן שוין ריין מער דיין לייב.

פינצטער ביסטו, מכשפה, דו ווילדע,
דו האָסט אין דיין פאַלן מיין גרויסקייט דערקענט:
איך בין דיר איצט מוחל, און גרויס איז דיין טאָג היינט —
יהוה האָט חסד אַ וואָרעם געשענקט.

איך בין דיר איצט מוחל, און היינט ערשט געבוירן
איז שדי אין דיר און דו אויפדאַסניי,
נאָר שטאַרבן מוז שטאַרבן עתליה די מלכה,
נאָר שטאַרבן מוז שטאַרבן עתליה נאָך היינט!

אין הונדערטער לייבער, וואָס דו האָסט פאַרשניטן,
האָבן הונדערט יהוה־מזבחות געברענט;
צו קליין צו באַצאָלן איז דיין איינער יהוה —
איין ווייבעריש לייב און בלויז איין פאָר הענט.

טאָ הייב אויף דיין אָרעם, דו פאַלק פון יהודה,
און ראַם אויס דאָס שלעכטס פון דיין היימישן הויז;
און שאַלט אין די שופרות: יהוה איז אייביק! —
עתליה, דו טראָג זיך פון דאַנען אַרויס.

פאַר דיר איז צו זויבער דער טויט אין בית־מקדש,
פאַר דיר איז גענוג דיין פערדישע שטאַל,
נאָר טרייסט דיר, עתליה, געלייטערטע מלכה:
יהוה איז דאָ איבעראַל!

וואָס האָט זי געפּרעפּלט, די מידע עתליה?
די שנאה איז זאַט שוין, דער חלף — ער ברענט.
און ערגעץ וואו פלאַמען שוין דופּטיקע גערטנער,
און ערגעץ פאַרברעכן זיך בלומיקע הענט...

טויט ליגט דער טאָג אונטער מלכות־יהודה,
געשאָכטן די זון אונטער ירושלימס טרעפּ,
אויף מת פֿון יהוה אין ווייט־ווייטע הימלען
פּאַרציט נאַכט אַ שלייער פֿון שוואַרצער קרעפּ.

געשריבן אין געטאָ לאָדזש,

ווידער־דערמאָנט אין בריסעל, יוני 1947

שלמה ביקל

שמואל יעקב אימבער און בער האָראָוויץ

אומגעקומען על קדוש השם

1

דער אויפקום פון דער יידיש-ליטעראַטור אין גאַליציע

אויף דער דיסטאַנץ פון איינע הונדערט יאָר האָט דאָס גאַליציש ע יידנ־טום צוויי מאָל דורכגעלעבט אַ וועלטלעך־אידעאישן אויפברויז און ביידע מאָל האָט דער אויפברויז געצייטיקט אַ לפי ערך שפּעדיקן ליטעראַרישן אויפלעב.

ס'ערשטע מאָל איז דאָס געוועזן אין די אָנהויב־יאָרן פונעם נייצנטן יאָרהונדערט. גאַליציע האָט זיך נאָך דער צעשטערונג פון די נאַפּאָלעאָנישע חלומות גענומען אַדמיניסטראַטיוו־פעסטער איינגלידערן אין דער עסטרייכישער מלוכה און יידיש־גאַליציע איז דאַדורך געאָגראַפיש און אויך קולטורעל געוואָרן אַ נאָענטע שכנה מיט עמאַנציפּאַציע און מיט רעפאָרם־באַוועגונג אין די דייטשע לענדער.

די געזעלשאַפטלעכע אויפקלערונגס־אידעען וואָס האָבן אַריבערגעוויעט פון דער נאָענט געוואָרענער ווין און בערלין האָבן גייסטיק צערודערט אַ שפּאָר ביסל באַגאַבטע און פרומע יידישע יונגעלייט פון טאַרנאָפּאָל און פון זשאָלקעוו, פון בראָד און פון לעמבערג. די דאָזיקע יונגעלייט פון בית־המדרש וואָס האָבן זיך געגרייט צו ווערן רבנים און ראש ישיבהס האָבן אונטער דער השפעה פון דער „אַנטדעקטער איראָפּע" איבעראָריענטירט זייערע קולטור־צילן און דערמיט געעפנט אין זיך קוואַלן פון אַ נייער יידישער שעפערישקייט.

עס איז אויפגעקומען די גאַליציש־העברעאישע השכלה־ליטעראַטור וואָס איר קורצער אָבער שעפעריש־אינטענסיווער באַרג־אַרויף הויבט זיך אָן אין דער נידער פון שלום הכהנס „בכורי העתים" און דערגרייכט די הויך פון נחמן קראָכמאַלס „מורה נבוכי הזמן".

מיט הונדערט יאָר שפּעטער ביים באַגינען פונעם צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט האָט די יידישע גאַליציע דורכגעמאַכט אַ נייע אידעאישע אויפטרייסלונג. פון ווין איבער באַזעל איז געקומען צופליען דער ציוניסטישער כישוף־חלום און פון ווין איבער טשערנאָוויץ — די אַמביציע פון אַ זעלבסט־שטענדיקער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פאַר די אַכט מאָל הונדערט טויזנט יידן אין לאַנד.

די געשעענישן פון 1905 אין רוסלאַנד האָבן אַרויפגעצוואונגען אויף די ווינער רעגירערס דעמאָקראַטישע רעפאָרמען. אין 1907 האָבן די עסטרייכישע פעלקער געקליבן צום ערשטן מאָל אַ פּאַרלאַמענט אויפן סמך פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט. אין דער נייער אַטמאָספער פון פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע האָבן זיך פאַנאַנדערגעבונדן אויך ביז איצט געפּענטעטע נאַציאָנאַלע כוחות. עסטרייכס „אומהיסטאָרישע" פעלקער האָבן פּאָליטיש און קולטורעל גענומען שפּילן אַ ראָל אין דער מלוכה.

אין גאַליציע זיינען דאָס דערוואַכטע „אומהיסטאָרישע" פאָלק געווען די אוקראַינער. דריי מיליאָן אוקראַינער האָבן זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוזרייסן ביי די דריי מיליאָן פּאָליאַקן אין לאַנד זייער פּריווילעגיע פון פּאָליטישער הערשאַפט און פון קולטור־דאָמינאַציע. די אַכט מאָל הונדערט טויזנט יידן זיינען געווען אַ שטער דערצו. זיי זיינען פאַררעכנט געווען סטאַטיסטיש פאַר פּאָליאַקן. דער יידישער טאַטע האָט אין זינען געהאַט פּרנסה און האָט געשטיצט דעם פּוילישן סטאַראָסטע און זיין פּוילישן קאַנדידאַט; דער זון האָט געלערנט אין אַ פּוילישער גימנאַזיע, אין אַ פּוילישן אוניווערזיטעט, האָט זיך געקויכעט מיט פּוילישער ליטעראַטור און האָט במילא געהאָלפן פּאָלאָניזירן ס'לאַנד.

פון דער שכנותדיקער בוקאָווינע מיט איר הויפּט־שטאָט טשערנאָוויץ וואו הונדערט טויזנט יידן האָבן מיט מער אָדער ווייניקער געלונגנשאַפט געפּרואווט פירן אַן אייגענע און נייטראַלע פּאָליטיק צווישן דריי מאָל הונדערט טויזנט רומענער און פּונקט אַזוי פיל אוקראַינער האָט אַריבערגעמיניעט דער ביישפּיל קיין גאַליציע. ביי די ערשטע דעמאָקראַטישע וואַלן אין 1907 האָבן די גאַליציש־יידישע וויילער קעגן דעם ווילן כּונעם פּוילישן סטאַראָסטע און פון די אייגענע אַסימילאַטאָרן דורכגעפירט דריי יידיש־נאַציאָנאַלע דעפּוטאַטן. די דריי האָבן אינאיינעם מיט דעם דעפּוטאַט פון טשערנאָוויץ געשאַפן דעם ערשטן יידיש־פּאַרלאַמענטאַרישן קלוב.

אַחוץ די אַכט אַנערקענטע פעלקער — האָט עס אָפּגעהילכט מיט שטאָלץ און מיט מאָנונג איבער די יידישע שטעט פון גאַליציע — איז נאָך פאַראַן אַ ניינט פאָלק אין עסטרייך און דאָס זיינען די יידן. און דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט פּונקט אַזאַ בולטן נאַציאָנאַלן קולטור־סימן ווי אַלע איבעריקע אומות — אַן אייגענע שפּראַך: יידיש.

אויך איצט ווי מיט הונדערט יאָר צוריק האָט דער אידעאישער אויפברויז אַנגערעגט צו נייער שעפערישקייט און געצייטיקט אַ היפּשן ליטעראַרישן אויפלעב. און אויך איצט ווי מיט אַ יאָרהונדערט צוריק זיינען די גייסטיק אַנגערעגטע, די שעפערס געווען די באַגאַבטע זין פון פרום־יידישע שטיבער.

נאָר וואָדען? עס האָט זיך געביטן דאָס סאָציאָלאָגישע בילד פון די שעפערישע יונגעלייט און עס איז אויך פאָרגעקומען אַ גרינטלעכער בייט אין די קולטור־צילן פון זייער שאַפונג.

דער הינטערגרונד פון די פרום־יידישע טאַטעס איז געבליבן כמעט

דערזעלבער. די באַגאַבטע זין אָבער וואָס זיינען געוואָרן די שעפער פון דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור אין גאַליציע זיינען שוין ניט געקומען פון בית־המדרש און ניט געווען לומדישע יונגעלייט און ערב־רבנים וואָס האָבן זיך מיט זייער איבערגעלאָדענער יידישער אינהאַלטלעכקייט געריסן צו איי־ראָפּע, צו אירע דענק־מעטאָדן און צו אירע קונסטפאָרמען. די פּיאָנערן פון דער גאַליצישער יידיש־ליטעראַטור זיינען געווען כמעט דורכאויס סטודענטן פון מיטעלע און העכערע פּוילישע שולן, וואָס האָבן, ווער מיט מער און ווער מיט ווייניקער עכטקייט, געלעבט און זיך אויסגעלעבט אין דער פּוי־לישער און אין דער אייראָפּעאישער פאָרמען־וועלט און האָבן איצט אונטערן רושם פון די נייע נאַציאָנאַלע לאָזונגען געזוכט אַ וועג צוריק צו יידישן אינהאַלט.

און דער נאָענטסטער יידישער אינהאַלט איז געווען די שטייגערישע פאָלקסטימלעכקייט. ראשית האָבן זיך די סטודענטן מיט זייער פאַרבלאָסטער חדר־לומדות געפילט צום היימישסטן מיט דעם דאָזיקן שאַפונגס־מאַטעריאַל און שנית — דער שנית איז זיכער דער עיקר — איז די פאָלקסטימלעכקייט געווען אין ריטם פון דעם רעוואָלוציאָנער־געזעלשאַפטלעכן מאָמענט. אין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער אָנערקענונג האָט ניט געגאָלטן קיין היסטאָרישער יחוס. מען האָט פאַרלאַנגט באַווייזן פון איצטיקייט. און די איצטיקע קולטור־סימנים וואָס האָבן געדאַרפט עדות זאָגן אויף דער עקזיסטענץ פונעם „ניינטן פאָלק״ זיינען געווען לעבעדיקע שפּראַך און לעבעדיקער פאָלקלאָר.

2

גאַליציש־יידישער נוסח

די נייע יידיש־ליטעראַטור אין גאַליציע איז אויפגעקומען אין צייכן פון סטיליזירטן פאָלקס־מאָטיוו. דער עלצטער פון די מאָדערנע גאַליציש־יידישע דיכטער איז געווען דער סטודענט פונעם לעמבערגער יורידישן פאַקולטעט מ י כ ל ו ו י ר ט, וואָס זיין פּאָפּולערסטער געזאַנג איז געווען וועגן דער קרעמערקע דבורהלע און איר שיין טעכטערל מירעלע. די שטיפעריש־פריילעכע שורות פון ווירטס ליד וואָס האָט דערציילט אַז

דער קרעמערקע דבורהלעס טעכטערל הייסט:
שיין מירעלע, מירעלע!
און דבורהלע זאָגט אַז איר איינציקע טרייסט
איז מירעלע, מירעלע.

האָט דער נאַציאָנאַל־געשטימטער יידישער סטודענט אויפגענומען מיט התלהבות און געזונגען מיט חסידישן ברען. עס האָט אים געהאָלפן זיין באַ־גלייך פאָלקסטימלעך מיטן אוקראַאינישן שכן וואָס האָט געזונגען אַן ענלעך ליד וועגן גלחס טעכטערל און עס האָט אים באַשטעטיקט זיין רעכט אויף נאַ־ציאָנאַלער אָנערקענונג.

מיכל ווירט איז כראָנאָלאָגיש געווען דער ערשטער פון גאַליציעס מאָדערנע יידיש־דיכטער. אָבער ווירטס באַהעפטקייט מיט יידיש האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. ער האָט זיינע יידישע לידער ניט אויפגעזאַמלט. ער איז אַוועק אַן אַנטווישטער פון דער יידיש־ליטעראַטור און זיך אומצוקערן צו איר האָט אַפילו די צייט ניט געגרייכט. ווירט איז ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געשטאָרבן אין עלטער פון קוים 42 יאָר.

מיכל ווירט איז דערפאַר פאַר דער מאָדערנער יידיש־פּאָעזיע אין גאַליציע ניט מער ווי אַ פרי פאַרשטאָרבענער זיידע, וואָס אַז מען רעכנט אויס דעם יחוס דאַרף מען אין אים ניט פאַרגעסן. ער האָט געקענט ווערן דער געשיכטלעכער אָנהויב און איז פאַרבליבן בלויז די סאַמע באַגינסטסטע פרע־היסטאָרישע דאַטע.

דער וואָרער ראשון פון דער נייער גאַליציש־יידישער דיכטונג, איר גייסטיקער פאָטער און איר פּראַקטישער מדריך איז געוואָרן דער מיט צוועלף יאָר יינגערער סטודענט פון פילאָזאָפישן פאַקולטעט ש מ ו א ל י ע ק ב א י מ ב ע ר.

אַ שפּאָר ביסל פון אימבערס עלטערע און יינגערע חברים האָבן פאַרמאָגט מער דיכטערישן כוח און האָבן אויך צום טייל קינסטלעריש מער דערגרייכט פון אים. אָבער קיינער פון יענעם דור פּאָעטן אין גאַליציע איז זיך ניט געווען מער באַוואוסטזיניק און מער קלאָר וועגן דעם וועג אויף וועלכן עס דאַרף גיין די נייע יידיש־שאַפונג אין לאַנד און קיינער האָט אויף זיך ניט גענומען מער אַחריות פאַר איר קינסטלערישן דירעקטיוו און פאַר איר אידעאישער ריכטונג ווי שמואל יעקב אימבער.

אימבער, ביי דער שוועל פון דרייסיק, האָט אַרויסגעגעבן די ליטעראַרישע חודש־שריפט „ביילאַגד" און אַן ערשטן זאַמלבוך פאַר גאַליציש־יידישער ליריק „אינטער אַרמאַ", און דאָרט און דערמיט פּובליציסטיש קלאָר געמאַכט זיין קינסטלערישן און אידעאישן קרעדאָ אין שייכות מיט דער יידיש־פּאָעטישער שאַפונג אין גאַליציע.

אָבער אויך שוין אימבער דער צוואַנציקיעריקער, דער מחבר פונעם ביכל לידער „וואָס איך זינג און זאָג" (1909) און דער עיקרשט אימבער, דער צוויי און צוואַנציקיעריקער, דער אויטאָר פון דער פּאָעמע „אסתרקע" (1911) איז געווען דער דיכטערישער וועג־ווייזער פון זיין דור. די לידער זיינע, און קודם כל זיין שעפערישער צוגאַנג צו דער „אסתרקע"־לעגענדע האָבן געאָטעמט מיט קינסטלערישן און אידעאישן דירעקטיוו.

אימבערס שעפערישער פּראָגראַם איז, אין איינקלאַנג מיט דעם נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן אידעאַל וואָס האָט באַהערשט יענעם מאָמענט פון יידישן ליטעראַטור־אויפקום אין גאַליציע, פאַרשטייט זיך, געווען די ראָמאַנטיק פונעם שטייגערישן פאָלקס־מאָטיוו — אַ פּראָגראַם וואָס ווערט שאַרף און פּאָעטיש־סוגעסטיוו פאָרמולירט אין אַזעלכע צוויי שורות פון אימבערס אַ שפּעטערן ליד:

„דאָס גראָז איז שענער פון אַלע בלומען,
„די טרער איז טיפער פון אַלע ימען.

פאַרן זינגער פון „אסתרקע" האָט זיך אָבער די „שענערקייט פונעם גראַז" ניט אָפּגעשטעלט סימבאָליש אויפן פלאַך פון אַ פאָלקסטימלעכן שטייגער־בילדל. דער יונגער פיאָנער פון דער יידיש־דיכטונג אויף דער גאַליצישער פעריפעריע האָט געגראָבן טיפער. ער האָט אין דער פאָלקסטימלעכקייט פון יידיש־גאַליציע געזוכט אויפצוּוועקן דעם מאָטיוו פון נאַציאָנאַלער דראַמע וואָס האָט ערגעץ פאַרבאָרגן געדרימלט אין אירע אינגעווייטן.

„ווי שיין איז אסתר, אָ!

אָבער אַרום אסתרקעס שיינקייט שוועבט שוין ניט סתם דער צער פון זיך ניט האָבן אויסגעזוכט צו דער צייט קיין חתן, נאָר עס ווייעט פון איר מיט נאַציאָנאַלער עלעגיע:

„וואָס איז דער יידז — אַ פריי פאַרמעג...
„דעם יידנס קינד — אַ בלום ביים וועג...
„מען ברעכט זי פריי, מען טרעט אָן שרעק —

אסתרקע, דאָס לעגענדאַרישע יידישע פאָלקס־מיידל פון גאַליציע אין וועלכער עס האָט זיך פאַרליבט דער קיניג קאַזימיר, וואַקסט ביי אימבערן אַריבער די אַלטע און געוויינלעכע סוזשעטן פון אַ „ליבע וואָס איז געווען שטאַרקער ווי דער טויט" און פון דעם שמידס טאָכטער וואָס דער „קיניג האָט זי געבראַכט אין זיינע צימערן". דער עיקר־מאָטיוו פון אימבערס פאָעמע איז גאָר דער טרויער געזאַנג וועגן אַ יידישן טאַטע, וואָס עס איז אים ניט אָנגעשטאַנען דער שידוך מיט פוילנס גרויסן קיניג.

פאַר אסתרקעס טאַטע־מאַמע, דעם אָרעמען יידישן שמיד און זיין ווייב, איז זייער טאָכטערס ליבע מיטן קיניג געווען אַ טראַגעדיע, אַ טיפע יידישע טראַגעדיע, וואָרעם זי האָט זיך פיינלעך געקרייצט מיט זייער היסטאָרישן דרך פון אמונה און שטייגער.

ניט אַ יידישע טאָכטער איז נתעלה געוואָרן נאָר עס איז חרוב געוואָרן אַ יידיש־הויז־געזינד. די מוטער האָט זיך גענומען ס'לעבן, דער פאָטער איז אַוועק פון שטוב און שטאָט און — דער גורל האָט אויך אסתרקן און דעם קיניג ניט פאַרשוינט. דער קיניג איז, פאַרבייררייטנדיק דעם שמידס חרובע שטוב, פאַר שרעק אַראָפּגעפאַלן פון זאָטל און

„דער קיניג האָט בלוטיק געגוססט אין טאָל
וואו אסתרקע האָט אים באַגעגנט אַמאָל"

און אסתרקעס לעבן פאַרענדיקט דער דיכטער אין נוסח פון קלאַסישער באַלאַדע אין די וואַסערן פון דער ווייסל.

ניט בלויז איז דער נאַציאָנאַל־דראַמאַטישער אַספּעקט פון אימבערס „אסתרקע"־פאָעמע געווען אַ דרייסטער שאַפונגס־דירעקטיוו מיט פּרעציזן שוואונג, וועלכן דער יונגער דיכטער האָט אַוועקגעשטעלט פאַר דער אָפּ־גייענדיקער יידיש־ליטעראַטור אין גאַליציע, נאָר עס איז פאַר איר אויך גע־ווען אַ וועג־צייכן אַהינצוצו צום צענטער אין וואַרשע. אימבערס „אסתרקע"

איז געווען דאָס ערשטע ווערק פון אַ יידיש־גאַליצישן דיכטער וואָס האָט אַריבערגעשפּרייזט די רעגיאָנאַלע ליד־גרענעץ און האָט זיך איינגעגלידערט אין דער ליטעראַטור־גאַנצקייט וואָס איר מקדש איז דעמאָלט געשטאַנען אין וואַרשע.

„אַ סך אין איר וועט ניי זיין — אַ סך פון איר וועט פעלן"

אָט די שורה פון דעם אַריינפיר צו „אסתרקע" איז גילטיק ניט בלויז פאַר יענער פּאָעמע, נאָר אויך פאַר אימבערס שפּעטערע פּאָעטישע ווערק. וואָס שייך דעם ערשטן טייל פון דעם פּערז דאַרפן צו אימבערס „סך־נייקייט" בלי שום ספק פאַררעכנט ווערן זיינע „היים־לידער", (1918), די געזאַנגען

„צום לאַנד וואָס איז אָרעם און הייליק,
„ווי אָרעם און הייליק — די וויג.

דער דאָזיקער „היים־לידער"־מאָטיוו, אויף וועלכן אימבער ווינקט שוין אייגנטלעך אָן אין „אסתרקע", ווען ער דערציילט אַז דער אַלטער שמיד

„געלאָזט האָט ער ווייט זיך, צום הייליקן לאַנד —
„דעם וויטיק אין האַרצן, דעם האַמער אין האַנט...

איז אין אונדזער אייראָפּעאישער יידיש־ליטעראַטור, וואָס האָט דעמאָלט זיך אַזוי געקויכעט מיט פּאַרוואָרצלטקייט און זיך פּאַרכליניעט מיט דאָאיקייט, ניט דערהערט געוואָרן. אימבערס פּאָעטישער „קול קורא" פון דער גאַליציישער פּעריפעריע איז ניט דערגאַנגען צום וואַרשעווער צענטער און היינט קען מען זען אַז עס איז געווען אַ שאָד. די גרויסע יידיש־שעפערישקייט פונעם ערשטן פּערטל יאָרהונדערט אונדזערן האָט דערמיט ניט בלויז זיך אַליין אָרעמער געמאַכט מיט אַן אויטענטיש יידישן מאָטיוו, נאָר האָט אויך אויסגעלאָזט איינע פון די סאַמע זיכערסטע היסטאָרישע בריקן צווישן זיך און דעם לייענער.

און איצט קומען מיר צום צווייטן טייל פון אימבערס זעלבסט־קריטיק ביים אַריינפיר צו „אסתרקען" — צום „אַ סך פון איר וועט פעלן". דער „אַ סך" לאָזט זיך פאָרמולירן זייער קורץ: ס'האָט געפעלט אייגענע פּאָעטישע אויסדרוק־פאָרם, וואָס זאָל אַרויסוואַקסן פון דעם דיכטערישן שטאָף, פון די באַאַרבעטע מאָטיוון און פון די אַרויסגעבראַכטע געשטאַלטן.

על פי מאָטיוו און אידעאישן אַספּעקט האָט „אסתרקע" פאַרמאָגט אַ היפּשע מאָס פון שעפערישער נייקייט, אָבער לויט איר פאָרם איז זי נישט בלויז אַלט, נאָר זי איז געקליידט, אַזוי צו זאָגן אין פּאָעטישע טראַנטעס.

און נישט וועגן דעם גייט עס וואָס די „אסתרקע"־פּאָעמע, למשל, ליגט אונטער אַ באַרג פון פרעמדע פאָרם־השפּעות, ממש נישט צום אַרויסזען זיך. דאָס איז נאַטירלעך ווען דער דיכטער איז נישט עלטער ווי צוויי און צוואַנציק יאָר און דער פּאָעטישער פאַרמעסט איז אַ גרויסער. עס איז דעמאָלט פאַרשטענדלעך וואָס אָנהויבן הויבט זיך די פּאָעמע אַן אין נוסח פון לאַטייניש ווירגיל און פון פּוילישן מיצקעוויטש און שפּאַנט אַוועק באַלד מיט „איבער־

געזעצטע" שורות פון געטעס „ערל קעניג", פון בורגערס באַלאַדן און פון שילערס „גלאָקע" און פוצט זיך דאָ און דאָרט אויך צו מיט היינישן ריטם.

עס האַנדלט זיך וועגן דעם וואָס אימבער האָט נישט אין „אסתרקע" און אויך נישט אין די שפּעטערע פּאָעמען און לידער זיינע נישט געפונען קיין שפּראַכלעך־פּאָעטישן אויסדרוק פאַר דעם וואָס איך וואָלט אָנגערופן דאָס ספּעציפישע געמיט פונעם יידיש־גאַליצישן פאָלקלאָר. דאָס כאַראַקטע־ריסטישע פונעם יידיש־גאַליצישן געמיט איז, ווי מיר דאַכט (איך האָב דאָ צום באַדויערן נישט קיין מעגלעכקייט מאריך צו זיין) די באַזונדערע פּע־איקייט אויפצוכאַפּן און זיך צו קאָנצענטרירן אויף דעם נישט־פּאָעטישן שטריך פון דעם אָן און פאַר זיך פּאָעטישן ספּור המעשה, אויף דעם גראָטעסקן עפּי־זאָד וואָס מינערט פון דער טראַגישקייט און שטרייכט זי צו דער זעלבער צייט נאָך מער אונטער.

גאַרנישט באַליכט מער און ברענגט טראַגישער אַרויס די היסטאָרישע יידישע עקשנות און די דראַמע פון ישראל בין העמים ווי די פאָלקלאָריסטי־שע באַמערקונג פון דער מעשה „אסתרקע" אַז דעם אָפּאַטשנער שמיד איז נישט אָנגעשטאַנען דער שידוך מיטן פּוילישן קיניג. דער דאָזיקער גראָטעסק־טראַגישער שמייכל מיניעט זיך אויך אין אימבערס פּאָעמע, אָבער ער קומט נישט צום ריכטיקן אויסדרוק, ווייל אימבער האָט אים געפּרוּאווט אַרויס־ברענגען דאָרט, און אין אַנדערע לידער, דורך אַ היינעסטישן פּאָסט־סקריפּטום אַזוי צו זאָגן, צום פּאָעטישן עיקר־המעשה.

דער פּאָעטיק קריטיש נאָכשמייכלען, כדי זי אַ ביסל היימישער און וואָכעדיקער צו מאַכן, מיינט בלויז ברענגען אַן ערזאַץ פאַר אַן אָריגינאַל וואָס וויל נישט אימיטירט, נאָר אויסגעדרוקט ווערן. און דעם אָריגינאַלס שע־פערישער אויסדרוק איז: נישט דער פּאָעטיק נאָכשמייכלען, נאָר פון איר גראָטעסק, און דאָס מיינט נאָך טראַגישער אַרויסשמייכלען. אָט דעם גראָ־טעסקן אַרויסשמייכל האָבן אַ טייל יידישע דיכטער פון גאַליציע, ווער מער און ווער ווייניקער, רעאַליזירט. שלימותדיק איז דער דאָזיקער גראָטעסקער אויפלויכט פון אינעווייניק געקומען, ווי מיר דאַכט, צום אויסדרוק ביי משה לייב האַלפּערן.

דעם פּאָעט משה לייב איז געלונגען אַרויסצובאַקומען פון זיך יענע אומ־פאַרגלייכלעכע קאַלאָקוויאַלע שפּראַך, יענעם שטילן, הומאָריסטישן ריטם פון שטייגער־לשון, וואָס איז שוין נישט מער היינישער „עיקר שכחתי", נאָר טאַקע אוראייגענער, משה לייבס אוראייגענער גאַליציש־יידישער עיקר. מיטן כוח פון אָט דער אייגענער פאָרם האָט האַלפּערן באַוויזן דעם וואונדער פון גראָטעסק אַרויסשמייכלען און דערמיט נאָך טראַגישער אַרויסשרייען דעם פּאַטאָס פון דער מעשה וועגן דעם קוילנטרעגער הירש בער, וואָס האָט, כאָטש אַ בפירוש פאַרבעטענער, נישט געקאָנט קומען צו דער בת־מלכהס חתונה.

צו אָט דעם גאַליציש־יידישן נוסח פון פאַרשמייכלטער, פון אומפּאָעט־טישער פּאָעטיק האָט אימבער אינטעלעקטועל געשטרעבט און אים פּאָעטיש

געזוכט. ער האָט אים אין זיין פּאָעזיע נישט געפונען אפשר דערפאַר וואָס ער, דער ליטעראַטור־סטודענט, איז צו שטאַרק געווען אַריינגעוואַקסן און קעגן זיין ווילן זעליש צוגעבונדן צו די קלאַסישע שאַפונגס־פאָרמען, און ער האָט דיכטעריש נישט געהאַט דעם כוח זיי גובר צו זיין.

די האַרמאָנישקייט אין זיין ליד האָט אימבער דערגרייכט ערשט דעמאָלט, ווען זיין רייף און אינטעלעקטועל געלייטערט געמיט האָט זיך גענומען צו־פּאַסן צו דער קלאַסישער פאָרם. דעמאָלט, געציילטע יאָר פאַר זיין הייליקן אומקום אין דער לעמבערגער געטאָ, האָט ער פּאָעטיש געקאָנט רעדן אין אַזעלכע האַרמאָנישע שורות ווי:

בין איך דען שוין אַזוי נאָענט,
גאָט, צו דיין לויטערער רו —
אַז כ'זע שוין נישט מער דיינע וואונדער,
ווייל כ'בין שוין אין זיי, ווי דו —

דעם אייגענעם, דעם גאַליציש־יידישן נוסח צו וועלכן אימבער האָט גע־שטרעבט אין דער פּאָעזיע, האָט ער לייכט און אין אַ פולער מאָס געפונען אין זיין פובליציסטישער, פּאַלעמישער פראָזע אויף יידיש און אויף פויליש. די פּאָלעמישע אַרטיקלען קעגן פּוילישע אַנטיסעמיטן, וואָס אימבער האָט גע־דרוקט אין זיין באַרימט־געוואָרענער צייטשריפט „אָקאָ וו'אָקאָ" (אויג אויף אויג), און וואָס אַ טייל פון זיי האָט ער צונויפגעזאַמלט אין זיין בוך „אַסי טשיסטעי ראַסי" (די קאַרפּנקעפּ פון ריינראַסיקייט, קראָקע 1934), אָטעמען מיט יענעם ציווילן קוראַזש, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר אמת גרויסע שרייבער. אימבערס פראָזע פאַרמאָגט איר אייגנס אַ פּאַמפלעטאַרישן טאָן פון גרויסן פּאַטעטישן שוואונג און ערנסט. און אימבערס פראָזע קוועלט מיט גראָטעסקע זשעסטן וואָס מינערן פון דעם פּאַטאָס, פייערלעכקייט אָבער פאַרגרעסערן זיין שטויס־קראַפט. אימבערס פראָזע־סטיל איז פיינלעך־ביטער און שטיל־הומאָריסטיש. ער שלאָגט די רשעות מיט האַרטער לאָגיק און ער צעשטויבט די נאַרישקייט מיט מילדן חוזק.

מיט איין וואָרט: עס איז דער גאַליציש־יידישער נוסח, וועלכן אימבער האָט פּאָעטיש געזוכט, און אויב נישט נאָך מער...

באַרג־לופט

די געאָגראַפיע פון דער יידיש־ליטעראַטור זיינען געווען דאָס ליטווי־שע פלאַכלאַנד, די פליינען פון פוילן און די סטעפּעס פון אוקראַינע און בע־סאַראַביע. וועגן בערג האָט מען אין דער יידיש־ליטעראַטור נישט דערציילט און נישט געזונגען.

האָבן דען יידן אין די בערג נישט געוואוינט? הונדערטער טויזנטער יידן האָבן געלעבט ביי די פּאָלעס און צווישן די רוקנס פון די קאַרפּאַטן־בערג אויף דער גאַנצער לענג פון גאַליציע ביז ווייט אין די שטעט פון מאָלדאַוויע

און אונגאַרן. אָבער פון יענע יידן זיינען אַרויסגעקומען קנאָפּ וואָס רבנים און לומדים און אויך ווייניק וואָס יידיש־דיכטער האָבן פון דאָרט געשטאַמט.

די יידן פון דעם דאָזיקן ווינקל — דערציילט דער קדוש בער האָראָוויץ, דער ערשטער באַרג־ייִד וואָס האָט זיך געיאָוועט אין דער יידיש־דיכטונג — זיינען געווען הויך־געוואַקסענע און זייער ברייטע, אמתדיקע בעל־גופים, ווי גויים להבדיל. בעש״ט האָט פון זיי טאַקע זייער שטאַרק הנאה געהאַט און זייערע הערצער זיינען געווען באהבה רבה אָן אים באַהעפט. מען דערציילט אַז דער קאַלישער רב ז״ל האָט אַמאָל פון זייערע נשמות חוזק געמאַכט. האָט עס דעם בעש״ט געאַרט ביז גאָר און דאָס ווערטל „הלוואי ביי אַלע מיינע ליבע אַזוינע כלאָפּעס מיט זייערע כשרע תמימותדיקע הערצער״ האָט ער דעמאָלט געזאָגט. („וואונדערלעכע מעשיות״, וואַרשע 1923).

און ווי דער בעש״ט, וואָס האָט אין די בערג און וועלדער אַרום מאַי־דאַן און אַרום קאָסעוו און קיטעוו אויסגעטראָגן זיינע טיפע גאָט און וועלט־איבערלעבענישן איידער ער איז אַראָפּ אין די פליינען און איז נתגלה גע־וואָרן אין טלוסטע דער שטאָט, אַזוי איז אויך דער סטודענט פון מעדיצינישן פאַקולטעט, וואָס האָט דאָרט אין מאַידאַן פאַרבראַכט זיינע קינדער און יינגל־יאָרן, געווען אויסגעפּולט מיט באַוואונדערונג און מיט ליבשאַפט צו די בערג און צו די וועלדער און צו די יידן צווישן זיי.

אַ העלפט פון בער האָראָוויצס לידער־בוך „פון מיין היים אין די בערג״ (ווין, 1919) איז איין גרויסער און אינטענסיווער געזאַנג צו „די לוקווער יידן״ וואָס —

וואָס רוישט אַזוי דער וואַלד?
סאַראַ מעכטיק קלינגען?
דאָס קאָסען די לוקווער יונגען
און לוקווער שניטערינס זינגען!

דער ספּעקטאַקל פון יידיש־פּויערישער תמימות און פון יידישער אַרבעט־גבורה גיסט אָן האָראָוויצס האַרץ מיט טיפער פרייד און רירט אים ביז טרערן:

ס׳וואַקסט דאָס האַרץ אין דער ברוסט,
ס׳קומען אויף שטאָלצע טרערן!
ס׳ווילן זיך אַזוינע יידן
ווי לוקווער יידן מערן!...

און מיט „שטאָלצע טרערן״ קוקט האָראָוויץ אויך אויף דער „וואונדער־וועלט אַרום זיך״ און לעבט איבער מיט פרייד דעם „מאָרגנגאַנג אין בערג״ וואָס —

דאָס איז מיין הייליק הויכע שעה...
צו מיינע פיס די וועלדער גרין
און איבער מיר דער הימל בלאָ.

גאָרנישט איז ניי אין די דאָזיקע האָראָוויצשע לידער. נישט דער אימאַזש, נישט דאָס וואָרט און נישט דער ריטם. ניי איז דאָ נאָר די פּרימיטיווע און דערהויבנדיקע אומיטלבאַרקייט פונעם נאַטור־געפיל וואָס גיט זיך איבער פון האָראָוויצס שורות. עס זיינען ווערטער פּראָסט־פּשוטע און גאָט־פאַרכלי־נעטע ווי פון אַ פאַסטוכס פייפל אַרויס, און עס איז אין די ווערטער פאַראַן דאָס „כשרע תמימותדיקע הארץ" וואָס דער גרויסער עניו, דער בעש"ט האָט עס געוואונטשן אַלע זיינע ליבע און האָט אַליין אַזא הארץ פאַרמאָגט.

צווישן אָט די קאַרפּאַטן־בערג, וואו יעדן גייער „בענטשן טויזנט שטערן", האָט די לעגענדע וועגן דעם הייליקן וואַלד־ייד ישראל און זיין ווייב חנה געהויערט נישט בלויז צווישן „די לוקוועער יידן" נאָר אויך צווישן דעם הוצו־לישן פויערן־פאָלק, נישט בלויז אין דער פרום־באַלעבאַטישער שטוב פון בער האָראָוויצס עלטער־זיידע ר' אהרן לייב יאַסינער, נאָר אויך אין די פאַר־באַרגענע היילן פונעם „גרויסן ריטערלעכן רויבער דאָבאַש, דעם אומגע־קרוינטן אַדלער פון די קאַרפּאַטן".

די מעשיות וועגן דעם הייליקן ייד וואָס האָט געטאָן וואונדער און גע־האָלפן שווער־געמיטיקע, און וועגן דעם אוקראַאינישן רויבער וואָס האָט אָנ־געוואָרפן אַ מורא אויף די רייכע און האָט געטאָן גערעכטיקייט צו די אָרעמע, האָבן זיך אויסגעמישט אין דער פאַנטאַזיע פונעם באַרג־פאָלק. די צוויי גרוי־סע העלדן פון דער לעגענדע, דער בעש"ט און להבדיל דאָבאַש, קומען זיך צונויף, האָבן פריינטלעכע שמועסן מיטאַנאַנד און טוען זיך איינס ס'אַנדערע טובות. וועגן אָט די באַגעגענישן ווערט איבערגעגעבן סיי אין אוקראַאינישן און סיי אין יידישן פאָלקלאָר און עס ווערט וועגן זיי דערציילט אויך אין בער האָראָוויצס „וואונדערלעכע מעשיות".

אין די פאָלקלאָריסטישע פּראָזע־מעשיות, וועלכע דער דיכטער האָראָ־וויץ האָט אַרויסגעגעבן און האָט זיי באַצירט מיט אייגענע שיינע און אָפּט־מאָל זייער געראָטענע צייכענונגען, פעלט שוין די פּראָסט־פּשוטקייט פון געפיל און אויסדרוק וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע לידער וועגן די בערג און וועגן די לוקוועער יידן. האָראָוויצס בעל־שם און דאָבאַש־מעשיות זיינען שפּראַכלעך און געדאַנקלעך סטיליזירטע לעגענדעס און האָבן, דווקא דאָרט וואו דער איבערדערציילער וויל זיין וואָס מער עמך'דיק און אַזוי צו זאָגן ערדישער, דעם ריח פון אינטעליגענטישער צוגעפּראַוועטקייט.

אויב איך דערמאָן דאָ האָראָוויצס פאָלקלאָריסטישע מעשיות איז עס ווייל אין זיי קומט צום אויסדרוק די טראַגישע ליבשאַפט פונעם יידיש־גאַ־ליצישן מענטש צו דעם שכנותדיקן אוקראַאינישן פאָלק, אַ ליבשאַפט פאַר וועלכער אוקראַאינער האָבן אָפּגעצאָלט די יידן מיט שנאה, מיט רויב און מיט טויט.

דער נאַציאָנאַלער אויפברויז אין גאַליציע פון נאָך 1905 וועגן וועלכן כ'האָב גערעדט אינעם אָריינפיר־קאַפּיטל, האָט דעם יידישן מענטש נישט בלויז שפּעריש צוריקגעפירט צום אייגענעם פאָלקס־שטייגער, נאָר אים אויך זעליש דערנענטערט צו דער קולטור און דערעיקרשט צו דער פאָלקס־שאַפונג פון

די אוקראַינער. דער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס פון דער אונטערדריקטער שכנותדיקער אומה האָט אין נביאיש „פּאַרסמטן" געמיט פון דער יידישער יוגנט געוועקט באַוואונדערונג און באַגייסטערונג.

און קיינער האָט נישט פאַרמאָגט און קיינער האָט נישט אַרויסגעוויזן מער באַגייסטערונג ווי בער האַראָוויץ. ער איז געווען אַ פלייסיקער איבערזעצער פון אוקראַינישער ליטעראַטור אויף יידיש און ער האָט דאָס געזונגען די אָדע צו די אוקראַינישע לידער אַזוי צו זינגען:

אַ האַרבער טרויער
פון אוקראַינישע לידער!
שיין זענט איר און ביטער
ווי האַרבסט קאַלינע־קרעלן...

מיט דער שיינקייט און מיט דעם טרויער פונעם אוקראַינישן ליד האָט זיך דער צוואַנציק־יעריקער האַראָוויץ פאַרכלינעט, ווען ער האָט אינאיינעם מיט די הוצולישע זין געקעמפט אויף די פראָנטן פון ערשטן וועלט־קריג און אַרום —

סע קרעכצט די ערד, דער הימל קראַכט!
אויף אים שוריק־שיינע סנאַפּעס העלע —
שיינוואַרפער! סע פּגרן שראַפּנעלן!

און אַז די שראַפּנעלן האָבן אַ פערטל־יאָרהונדערט שפּעטער ווידער גענומען פּגרן, האָבן זיך די זין פון יענע הוצולישע זין און אפשר טאָקע זיי אַליין ווידער צעזונגען מיט „טרויער און שיינקייט" און — גערויבט און געמאָרדעט די יידישע שכנים. איינער פון די ערשטע קרבנות איז געווען דער באַזינגער פון אוקראַינעס לידער, דער לוקווער ייד מיט דעם כשרן און תמימותדיקן האַרץ, וואָס „הלוואי ביי אַלע מיינע ליבע" — דער דיכטער בער האַראָוויץ.

דר. א. מוקדוני

מ. בורשטיין

אומגעקומען על קדוש השם

מ. בורשטיין איז געקומען פון דער פרעמד אין דער יידישער ליטעראַטור, ער איז געקומען פון דער פוילישער קולטור, ער איז געווען אַ לערער אין אַ גימנאַזיע, הכלל — אַ גאָר נייער מענטש אין דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן; די מייסטן יידישע שרייבערס אין פוילן זיינען געקומען, אָדער פון בית־המדרש, פון דעם חסידים־שטיבל, און אַריינגעבראַכט אין דער יידי־שער ליטעראַטור לומדות, חסידות און מיסטיק, אָדער זיי זיינען געקומען פון די סאַמע עמכדיקע שיכטן און אַריינגעבראַכט געזונטע פרימיטיווקייט און אַפילו רויקייט אין אונדזער ליטעראַטור.

דער יידיש־פוילישער אינטעליגענט איז געווען טיילווייז, אָדער אינגאַנצן אַסימילירט.

אַן אויסנאַם אין דער דאָזיקער הינזיכט איז געווען גאַליציע, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ טייל פון פוילן.

מ. בורשטיין וואָלט איצט אַלט געווען 51 יאָר סך־הכל; די דייטשישע בעסטיעס האָבן, הייסט עס, דערמאָרדעט אַ יידישן שרייבער אין זיין סאַמע בלי־צייט, אין דער צייט ווען זיין טאַלאַנט איז שוין געווען אויסגעקריסטאַ־ליזירט, ווען ער האָט זיך שוין אינגאַנצן געפונען און שוין געוואוסט גענוי זיינע מעגלעכקייטן, זיין וועג און ווי הויך ער קען פליען.

מ. בורשטיין איז געווען אַן אינטעליגענט, אַ פוילישער אינטעליגענט אין אונדזער בעלעטריסטיק, און אַן אינטעליגענט, וואָס האָט זיך געראַטעוועט צו אונדז פון דער פוילישער וועלט, אָדער ריכטיקער — דער סם־המותדיקער פוילישער אַנטיסעמיטיזם האָט אים פאַרטריבן צו אונדז.

דאָס פילט זיך גאָר שטאַרק אין זיין שרייבן; ער איז אַוועק פון דאָרטן אַ פאַרביטערטער, און דער פויליש־יידישער אַנטאַגאָניזם איז אייגנטלעך זיין הויפּט־טעמע.

ער איז בעלעטריסט כמעט דורכאויס פון פּראָבלעמען, און די פּראָבלעמען זיינען לחלוטין ניט קיין אַבסטראַקטע, זיי זיינען רעאַלע און קאָנקרעטע ביז גאָר, זיי זיינען טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען, זיי זיינען פּראָבלעמען, וואָס דער פּראַקטישער פוילישער אַנטיסעמיטיזם האָט געשאַפן טאָג־טעגלעך פאַר יידן, פּראָבלעמען עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע, פאַר וועלכע יידן אין פוילן זיינען טאָג־טעגלעך אַוועקגעשטעלט געוואָרן און געמוזט נעמען טאַקע באַלד, אַן אָפּלעגעניש, אַ ראַדיקאַלע שטעלונג — אונטערגעבן זיך אָדער זוכן אַ מקום־מקלט ערגעץ אויסער די גרענעצן פון פוילן.

אין זיינע דריי ביכער „גורל", „איבער די חורבות פון פלוינע" און „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע" ווערט אַזוי געשטעלט די פּראַגע, זי ווערט געשטעלט כמעט פּובליציסטיש.

די דריי ביכער נעמען אַרום דריי פּעריאָדן פון דעם יידישן לעבן אין פּוילן, דאָס יידישע לעבן אין פּוילן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אונטער דעם רוסישן צאַריזם, דאָס יידישע לעבן אין פּוילן ווען פּוילן איז פריי, און דער רעגירונגס־אַנטיסעמיטיזם בשותפות מיט דעם סם־המותדיקן אַנטיסעמיטיזם פון דער פּוילישער באַפעלקערונג רואינירן יידן עקאָנאָמיש, און דער לעצטער פּעריאָד, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און פאַרן אונטערגאַנג פון דעם פּוילישן יידנטום.

אָבער ווי פּובליציסטיש־אָפן די דאָזיקע פּראָבלעמען זיינען אוועקגעשטעלט זיינען זיי דאָך ניט גענוג שאַרף, ניט גענוג דראַמאַטיש און ניט גענוג אויפרייסנדיק.

דער דינאַמיט, מיט וועלכן די דאָזיקע טעמעס זיינען אָנגעלאָדן, איז עפּעס געבליבן ניט אויפגעריסן, דאָ און דאָרט הערט זיך אַ שוואַכער קנאַל, אָבער קיין אויפרייס איז ניטאָ.

צי איז שולדיק אין דעם די אינטעליגענטישקייט פון מ. בורשטיין, וואָס צוימט זיך אַליין, וואָס שרעקט זיך פאַר אויפרייסן, אָדער עס איז שולדיק דער רואיקער טעמפּעראַמענט זיינער, וואָס קען קיינמאָל ניט אַרויס פון די כלים, לאָזט זיך ניט באַשטימען געבוי.

עס איז דאָ אַ שטילע טראַגישקייט אָנשטאָט דונערנדיקע דראַמאַטישקייט אין זיינע דריי דערמאָנטע ווערק, אַן אידעלע טראַגישקייט, וואָס איז ווייט ניט אין פּראָפּאָרציע מיט דער פאַרצווייפלטער לאַגע פון דעם פּוילישן יידנטום.

מ. בורשטיין האָט פאַרמאָגט ביז גאָר גוטע שרייבערישע מאַניערן; זיין שרייבן איז ביז גאָר קאָרעקט, ביז גאָר קלאָר, ביז גאָר באַלאַנסירט און ביז גאָר גראַמאַטיקאַליש אין אַלע פּרטים.

ניטאָ ניט קיין סטיליסטישע און ניט קיין טעמאַטישע ערופּציעס, ניטאָ קיין סתם דונערן און בליצן.

עס איז דאָ שטרענגע פּלאַנירונג, באַלאַנסירונג, סיסטעמאַטישקייט און גוטע קאָמפּאָזיציע.

ניטאָ עפּעס אומדערוואַרטס, ניטאָ קיין איבעראַשונגען, ניט קיין אָנגענעמע און ניט קיין ניט אָנגענעמע, אַלץ וואָס איר קענט און אַלץ וואָס איר דאַרפט דערוואַרטן איז דאָ אויפן ריכטיקן פּלאַץ.

אָט די דאָזיקע שרייבערישע דיסציפּלין, אָט די דאָזיקע שרייבערישע רואיקייט און אָט די דאָזיקע שרייבערישע געצוימטקייט איז ניי, און אויב איר ווילט — אַפּילו אַפּרישנדיק אין דער יידישער ליטעראַטור דערהויפּט אין איר פּוילישן צווייג.

דער טעמפּעראַמענט איז פּרעוואַלירנדיק ביי דעם גרעסטן טייל פון יידישע שרייבערס אין פּוילן, דער טעמפּעראַמענט האָט ניט געוואוסט אָפט

פון קיין ברעגן, פון קיין דאַמבעס און פון קיין אַנדערע אָפּהאַלטונגען און צוימונגען.

אונדזער גרויסער מייסטער פּרץ האָט געטאָן און געראַנגלט זיך מיט זיין שטורמישן טעמפּעראַמענט, ער האָט אים געפּענטעט; געבונדן און געצוימט אין קליינינקע שורותלעך, אָבער ער האָט זיך אַרויסגעריסן מיט פּינטעלעך, מיט אימפּעט און מיט אויסגעשרייען.

אימפּעט און פּאַטאָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידישן שרייבער אין פּוילן.

מ. בורשטיין פאַרמאָגט ניט ניט דעם פּאַטאָס און ניט דעם אימפּעט, וואָס זיינען אָפט צעשויבערט, אָפט צו שוימיק און אָפט צו ברויזיק.

ער איז אַ דיסציפּלינירטער שרייבער.

***

אין ראָמאַן „גורל" פירט אונדז מ. בורשטיין אַריין אין די גאָר הויכע קרייזן פון דער יידישער אַסימילאַציע; דאָ האָט איר פאַר זיך די פּאַקטישע אַסימילאַציע, דאָ האָט איר די יידישע פּלוטאָקראַטיע, וואָס שמדט אירע טעכ־טער און האַנדלט איין פאַר זיי מענער פון די אָרעמע פּוילישע גראַפן, דאָ האָט איר ווי די יידישע רייכע אַסימילאַציע גיסט זיך צונויף מיט דער צעפּוילטער און דעגענערירטער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע און ווערט אויך אַזוי צעפּוילט און דעגענערירט.

אין צענטער שטייט דער יידישער מאַגנאַט הערמאַן לובלינער, נאָך ניט קיין געשמדטער און האָט נאָך אַ יידישע פרוי, דאָס הייסט, זי איז נאָך ניט געשמדט אָפיציעל, אָבער פּאַקטיש איז זי צען מאָל געשמדט.

די פּוילישע אַריסטאָקראַטיע, וואָס נויטיקט זיך כסדר אין געלט, איז זיך מתחתן מיט דער יידישער פּלוטאָקראַטיע, זיי האָבן ליב די הייסע יידישע טעכטער, אָבער דער עיקרשט האָבן זיי ליב דאָס קאַלטע יידישע געלט.

מען פאַרקערט מיט יידן, מען קומט צו זיי אין געסט, מען פירט ליבעס מיט יידישע פרויען, הכלל — געלט האָט אָפּגעווישט די סאָציאַלע גרע־נעצן, די אַריסטאָקראַטיש־פּריצישע פאַראורטיילן, דער רייכער ייד און דער פּוילישער אַריסטאָקראַט האָבן זיך גוט צוזאַמענגעלעבט.

און דער רייכער אַסימילאַטאָר פילט זיך פון דער קרובהשאַפט מיט דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע ממש אַליין ווי אַ קינד פון פּוילישן אָדל.

אָבער דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס וואָס דער פּוילישער שליאַכטשיטש קען ניט באַנעמען, דער יידישער מיטלקלאַס און דער יידישער אַרבעטער זיינען געוואָרן עפּעס פון העלער הויט אויס מאַשקעס און אויס מה־יפיתני־קעס, ער דערקאָנט ניט דעם נעכטיקן יידן, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים הכנעה־דיק און האָט געגומען פאַר גוט אַפילו זיינע שמיץ. גאָר אַן אַנדער ייד, שטייט פאַר אים, עמעצער האָט אים פאַרביטן זיין מאַשקע, זיין גוטן מאַשקע, וואָס פלעגט אים דינען געטריי און פלעגט זיך לאָזן באַליידיקן און איזדיעקעווען זיך איבער אים.

יידן באַטראַכטן זיך פאַר אַ פאָלק גאָר, און זיי האָבן באַקומען אי דעם שטאָלץ און אי דעם ווילן פון אַ פאָלק.

אָט האָבן זיי גענומען און אויסגעוויילט אַ פוילישן סאָציאַליסט אין דער רוסישער דומע אַריין, אויף צו להכעיס אַלע פּאָליאַקן.

דאָס קען דער פוילישער פריץ איינפאַך ניט באַנעמען — זיין מאַשקע זאָגט אים אַ דעה אין זיין פוילישער פּאָליטיק, זיין מאַשקע ווילט אים אויף צופוקעניש אַ סאָציאַלסט אין דומע אַריין.

ניין, דאָס איז שוין צופיל! ער וועט דעם יידישן מאַשקע אָוועקזעצן צוריק אויף זיין ריכטיקן פלאַץ!

און עס הויבט זיך אָן דער באַוואוסטער באָיקאָט פון פּאָליאַקן קעגן יידן.

אָבער צו דער יידישער פּלוטאָקראַטיע דערגייט נאָך ניט דער באָיקאָט. פרויען פון יידישע מאַגנאַטן, וואָס האָבן דערוואַקסענע קינדער, פירן ליבעס מיט אָפּגעלעבטע פוילישע פירסטן, יידישע אַסימילאַטאָרן שמדן זיך, עס איז נאָך צירלעך־מאַנירלעך אין דער דאָזיקער וועלט.

יאָ, צו זיי, צום יידישן געלט־אַדל דערגייט ניט דער באָיקאָט.

אָבער אָט קומט די ערשטע וועלט־מלחמה און עס הויבט זיך אָן דער וויסטער געיעג אויף יידישע „שפּיאָנען", און דער גרויסער יידישער מאַגנאַט לובלינער, דער פריינד פון פוילישע פירסטן און גראַפן, ווערט אַריינגעוואָרפן אין אַ וואָגן פול מיט יידישע קאַפּאָטניקעס ווי אַן ערבניק, ווי אַ לעבעדיקער משכון פון דער יידישער באַפעלקערונג.

„גורל" איז ניט דאָס בעסטע בוך מ. בורשטיינס, עס איז אפשר אַ ביסל ניי מיט דעם, וואָס עס ווערט צום ערשטן מאָל ברייט אַרויסגעפירט די יידיש־פוילישע פּלוטאָקראַטיע און איר קרובהשאַפט מיט דער פוילישער צעפויל־טער אַריסטאָקראַטיע.

עס איז מער אַ בינטל בילדער ווי אַ ראָמאַן.

עס זיינען אויך דאָ בילדער פון יידישן פאָלקס־מענטש און זיין לעבן, זיי זיינען אגב־אורחהדיק און זיי קלעפּן זיך צו די בילדער פון דער יידישער אַסימילירטער הויכער געלט־אַריסטאָקראַטיע, זיי זיינען צוגעטשעפּעט מע־כאַניש.

און איר האָט דאָ ניט, אַגב, דעם עכטן יידישן פאָלקס־מענטש, איר האָט דאָ ווי פּאַראַלעל מיט דער סעקסועלער אויסגעלאַסנקייט פון דער יידי־שער פּלוטאָקראַטיע אויך די אויסגעלאַסנקייט פון דעם געפאַלענעם יידישן פאָלקס־מענטש.

עס איז דאָ אַ ביסעלע צו פיל עראָטיק אין בוך, און זי איז ניט כסדר אין דער ריכטיקער מאָס, און ניט אין דער ריכטיקער פּראָפּאָרציע.

עס איז סטאַטיסטישער ראָמאַן, ניטאָ קיין דינאַמיק אין אים, קיין זאַך רירט זיך ניט פון אָרט, קיין זאַך פּאַסירט, איך מיין סאָציאַל, וואָרעם סוף־כל־סוף איז עס אַ סאָציאַלער ראָמאַן, עס פּאַסירט בלויז וואָס דעם יידישן מאַגנאַטס פרוי, אַ מוטער פון צוויי דערוואַקסענע קינדער, וואָס האָט שוין

אַ געליבטן אַ דריטן מאַנסביל אין דער פּערזאָן פון איר מאַנס יונגן יידישן פאַרוואַלטער, געפינט אויס אַז דער פירסט, מיט וועלכן זי פירט אַ ליבע און האַפּט חתונה צו האָבן מיט אים און טראָגן דעם טיטל פירסטין, האָט פאַרלאָרן זיין מענער־קראַפט...

און די מלחמה, די ערשטע וועלט־מלחמה, וואָס ווערט אויסגענוצט ווי אַ פינאַל פון דעם ראָמאַן וואַקסט ניט אַרויס פון ראָמאַן גופא. עס פילט זיך ניט דאָס אַנרוקן זיך פון אַ וועלט־קאַטאַסטראָפע, עס פילט זיך ניט דער אַנ־וואוקס פון דער גרויסער היסטאָרישער געשעעניש, אַלץ קומט ווי דער דעאוס עקס מאַכינע אין אַן אַלטער גריכישער קאָמעדיע.

***

אין זיין בוך „איבער די חורבות פון פּלוינע" פאַרמעסט זיך מ. בורשטיין צו געבן אונדז דעם טראַגיזם פון אַ יידישן קאָלעקטיוו, וואָס שטייט אומבאַ־האָלפן פאַר דער אַנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע, עס איז שוין די לעצטע סטאַדיע פון עקאָנאָמישן חורבן, אַ גאַנצער יידישער קאָלעקטיוו — אַ שטעטל, אָדער אַ שטאָט, שטייט פאַר זיין אונטערגאַנג אומבאַהאָלפן.

אַ לאַנד מיט איר רעגירונג האָבן זיך אַנגעזעצט אויף דער יידישער מינאָ־ריטעט צו אויסהונגערן זי ביזן טויט.

די יידן אין פּלוינע איז דער קאָלעקטיוו, וואָס מ. בורשטיין פירט אַרויס אימפּרעסיאָניסטיש.

זעען מיר חורבות, אַ סך חורבות, אָבער מיר זעען ניט קיין חורבן, און מ. בורשטיין האָט געוואָלט שטאַרק צו געבן אונדז חורבן אַנשטאָט איינצלנע חורבות.

און ניט איינגעגעבן האָט זיך אים צו געבן אונדז חורבן, ווייל מ. בורשטיין איז פון די רעאַליסטן, וואָס זעען איינצלנע בלויז, זיי זעען יעדן מענטש באַ־זונדער, אָבער אין קאָלעקטיוו ווערט ער פאַרפאַלן, ער ווערט צערונען, ער ווערט עפּעס מטושטש.

און אפשר איז טאַקע שווער צו מאָלן אַ יידישן קאָלעקטיוו, ווייל יעדער ייד איז צו אינדיווידועל, אַ יידישער קאָלעקטיוו איז אַ געזעמל פון שאַרפע אינדיווידומס, וואָס קלעפּן זיך ניט איינס צום אַנדערן און וואָס קענען ניט צונויפגעגאָסן ווערן אין מאַסע, אין וועלכער יעדער אינדיווידום פאַרלירט זיין יחידישקייט און ווערט אַ טייל, אָדער אַ שפּליטער פון אַ מאַסע.

אין דעם חורבן זיינען די יידן ממש ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך, קיינער קלערט אַפילו ניט וועגן אַ רעטונג, קיינער קלערט ניט ווי אַ יחיד און ניט ווי אַ קאָלעקטיוו, עפּעס שטייט מען פאַרלאָרן און מען זעט ווי דער חורבן רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער.

עס איז אַפילו ניטאָ דאָס וואָס מען רופט פאַטאַליזם, איבערגעבן זיך רואיק אין די הענט פון גורל און וואַרטן אויפן סוף.

עס איז פאַרקערט — אויך ניטאָ דער גוטער יידישער בטחון, וואָס וואַרט

אויף אַ ישועה, אויף אַ נס און איז זיכער, אַז ער וועט קומען אין דעם סאַמע לעצטן מאָמענט. דער אַלטער גרויסער יידישער בטחון איז דאָ לחלוטין ניט ניכר.

און מען קען דאָ ניט זאָגן מיט זיכערקייט, אַז מ. בורשטיין איז טאַקע אויסן געווען צו באַווייזן אַזאַ ביזאַרן יידישן קאָלעקטיוו, וואָרעם ביזאַר וואָלט געווען אַזאַ יידישער קאָלעקטיוו, וואָס זיצט און וואַרט אויף זיין אומקום.

נייך, יידן זיינען פון אַן אַנדער טויג געקנאָטן.

אין גאַנץ פּלוינע איז דאָ בלויז איין ייד, וואָס חלומט וועגן גאולה און וואָס אָרגאַניזירט אַן עליה קיין ארץ־ישראל. און דער דאָזיקער ייד לוי איז גראָד פון די שלים־מזלס, ער איז ניט פון די גרויסע בריות און פון די גרויסע טוערס און אויפטוערס.

דאַרף מען אָננעמען, אַז מ. בורשטיין איז בפירוש אויסן געווען צו אַרויספירן אַ שלים־מזל ווי דעם פּיטשינקן משיח פון פּלוינע, ער האָט הפּנים אָנגענומען, ווי די מייסטע, אַז דער טרוימער איז אַ שלים־מזל בטבע, די גרויסע בריות זיינען ניט קיין טרוימער, זיי מוזן אַלץ אָנטאַפּן מיט די הענט.

איז אָבער ארץ־ישראל שוין לאַנג אַרויס פון דער קיניגרייך פון טרוים, ארץ ישראל איז שוין געווען ביז גאָר קאָנקרעט פאַר די פּוילישע יידן, ארץ־ישראל האָט שוין געהאַט עליות פון פּוילישע יידן, פּוילישע יידן האָבן שוין געהאַט קרובים אין ארץ־ישראל, און עס איז ניט נויטיק צו אַרויספירן אַ ציוניסט, וואָס איז דווקא אַ שלים־מזל.

דעם דאָזיקן טרוימער גיט זיך איין צו באַקומען אַ צאָל סערטיפיקאַטן אין דער גרויסער שטאָט און אַ מחנה יידישע מענטשן פאַרלאָזן פּלוינע.

און פּלוינע שטייט עפּעס אַ געפּלעווטע — איז דאָך דאָ אַן אויסוועג, איז דאָך דאָ אַ שטראַל פון ישועה.

אָבער דאָס רופט ניט אַרויס קיין ממשותדיקן איבערברוך אין דער מענטאַליטעט פון פּלוינע, נייך, דאָס איז עפּעס אַ ציטעווייליקע, אַ קורצע רעאַקציע אויף אַ געשעעניש, באַלד נאָכדעם פאַלט אַריין פּלוינע אין דער זעלביקער אומבאַהאָלפנקייט און אין דער זעלביקער אַפּאַטיע.

מען שטייט ווידער ביים אָפּגרונט און מען קען זיך ווידער קיין עצה ניט געבן.

אַפילו דער הידוש וואָס דווקא אַ שלים־מזל האָט אַרויסגעפירט פון שטעטל, פון דער אונטערגייענדיקער שיף, אַ מחנהלע יונגע יידישע מענטשן, איז ניט קיין דויערנדיקער און ניט קיין טיפער. סוף־כל־סוף גלויבט מען ניט, אַז דאָס איז די ישועה.

עס ענדיקט זיך מיט גאָרניט.

די חורבות אין פּלוינע מערן זיך, מערן זיך פון טאָג־צו־טאָג, און איי־בער די חורבות גייען אַרום שטיל ווי שאָטנס די יידן פון פּלוינע.

יאָ, אין פּלוינע איז דאָ עפּעס ענלעכס אויף אַן אַרבעטער־באַוועגונג, זי איז נאאיוו, פּראָווינציעל און אומבאַהאָלפן.

די דאָזיקע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז נאָך אין די וויקעלעך, האָט, פאַרשטייט זיך, איר קוק און לייזונג פון דער גרויזאַמער פראַגע — וואָס טוט מען?

זי האַלט, ווי באַקאַנט, מען דאַרף בלייבן אויף די ערטער און קעמפן פאַר סאָציאַליזם, פאַר גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

און ווען דער צוג מיט די עליהניקעס גיט זיך אַ ריר פון אָרט מאַכן די יידישע סאָציאַליסטן אַ שטיקל דעמאָנסטראַציע, עס זיינען אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד אַ מחנה חברים פון דעם נאָדל־פאַראיין, איינער איז אַרויפגעקראָכן אויף די אַקסלען פון די חברים און געהאַלטן אַ רעדע קעגן ענגלאַנד, און עס האָבן זיך דערהערט די ערשטע „נידערס" אין פלוינע...

דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער אינהאַלט פון בוך, וואָס הייסט „איבער די חורבות פון פלוינע". אָבער דער עיקר איז — איר זעט ניט און פילט ניט קיין מענטשן און איר זעט ניט און פילט ניט שטאַרק דעם חורבן.

און הפנים אַז מ. בורשטיין האָט דאָס געפילט און געזען, און ער קערט זיך צוריק צו דער זעלביקער טעמע; זיין צווייט בוך „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע" איז שוין דער צוגאַנג אַן אַנדערער און אַ קלאָרער.

דאָ באַווייזט ער אייך דעם חורבן פון יידישן כלל דורך דעם יחיד, דורך איינצלנע יידן.

עס איז שוין אַ בוך, וואָס שוויבלט און גריבלט מיט לעבעדיקע מענטשן.

די טראַגעדיע פון יחיד איז דאָ די טראַגעדיע פון כלל, און דעם יחיד קען מ. בורשטיין מאָלן, דער יחיד איז פאַר זיינע קינסטלערישע כוחות צו באַנעמען קלאָר און צו מאָלן אים שאַרף און בולט, די טראַגעדיע פון דעם יחיד לאָזט זיך אָנטאַפּן, זי איז רעאַל, זי איז קאָנקרעט, זי איז קלאָר, ווייל זי האָט איר נעכטן, וואָס שטרייכט אונטער דעם היינט און דער עיקרשט איר שטח איז קליין און די גרענעצן זיינע כמעט בולטע.

איז „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע" דאָס בעסטע בוך זיינס, דאָ האָט ער זיך געפונען און דאָ שטייט פאַר אונדז אַ רייפער שריפטשטעלער מיט זיין אייגן פנים און מיט זיינע קלאָרע שרייבערישע קוואַליפיקאַציעס.

און דאָ איז זיין אינטעליגענץ אין דינסט פון זיין טאַלאַנט, זי צוימט אַ סך שרייבערישע תאוות, דערהויפּט די תאווה פון איבערטריבענע שרייבע־רישקייט, פון איבעריק לשונען, פון צופיל סטיליזאַציע, פון צעשאַטנקייט טעמאַטיש און פון אַ פאַרמעסט וואָס זיינען איבער זיינע שרייבערישע כוחות.

עס איז אַ בוך מיט וואָג און מאָס, קיין זאַך איז ניט איבערגעשריען, קיין זאַך איז ניט צו פעט געמאָלן און קיין זאַך איז ניט צו וואַסערדיק.

עס איז אַ בוך אויסגעהאַלטן אין טאָן, אין סטיל און אין טעמפּעראַ־מענט.

און דאָ איז פאַראַן חורבן, חורבן מיט דער גאַנצער אימה זיינער, עס איז חורבן אָן אַן אויסוועג דאָ, אין פוילן, דאָ איז די עקאָנאָמישע ירידה מאוימדיק און פאַטאַל.

דאָ זעט איר ממש ווי די האַנט פון דער פּוילישער רעגירונג און פון דעם גרעסטן טייל פון פּוילישן פאָלק דריקט און שטיקט די דריי מיליאָן יידישע מיטבירגער זייערע מיט דער מוראדיקסטער אַכזריות.

דאָ זעט איר ממש ווי די גרויסע שחיטה אויף יידן האָט זיך אָנגעהויבן לאַנג איידער היטלער איז געקומען; איר זעט ממש ווי די פּוילישע רעגירונג און אַ טייל פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אַרבעטן אַזוי ווי צוזאַמענגע־רעדטע מיטן קומענדיקן היטלער, צו ברענגען די שרעקלעכע שחיטה אויף דעם פּוילישן יידנטום.

און אַ דריט לאַנד, דווקא אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, און דווקא ניט קיין אַנטיסעמיטיש לאַנד, העלפט אי דער פּוילישער רעגירונג און שפּעטער אויך היטלערן; דאָס ווייסע פּאַפּיר האָט אָפּגעשניטן דעם וועג פאַר די פּוילישע יידן צו ראַטעווען זיך קיין ארץ־ישראל, דאָס פּוילישע יידנטום איז ממש אַריינ־געכאַפּט געוואָרן אין אַ פּאַסטקע.

די וועלט אַרום איז פאַרשלאָסן, אַלע גרענעצן זיינען פאַרהאַקט און פאַרריגלט, יידן מוזן בלייבן אין פּוילן און דאָ אומקומען.

אָבער אין דער דאָזיקער פּאַסטקע ווערט געשאַפן אַ מין פאַטאַליסטישער אָפּטימיזם, אַן עקשנותדיקער ווילן צו בלייבן אויפן אָרט און אַפילו צו איינוואָרצלען זיך, צו פאַרלאָזן זיך אויף גאָטס באַראָט און מבטל זיין אַלע סכנות, וואָס לויערן אויף יידן.

די אין־ברירההדיקייט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָזיטיוון כוח, וואָס פאַרטרייבט דעם יאוש און די אַפּהענטיקייט.

די אין־ברירההדיקייט רוקט אַרויס מענטשן, נייע מענטשן, מענטשן מיט אַ געזונטן אָפּטימיזם און מיט פירערישע פעאיקייטן דווקא אין אַזאַ אין־ברירהדיקער צייט פאַר יידן אין פּוילן.

„ביי די טייכן פון מאַזאָוויע" ענדיקט זיך מיט אַ פּאָגראָם, דאָס שטעטל סמאָלין פאַרגראַמירט פון פּאָליאַקן, אָבער אויפן שרעקלעכן חורבן פון שטעטל שטייט אַ ייד פון פאָלק, וועמס לוסטיק איז זיין נאָמען, אַ פּשוטער ייד, אַ ייד ניט פון די פּני פון שטעטל און ער שווערט אויפן בית־עלמן, אויף דער לוויה פון דעם עלטסטן באַלעבאָס, אַז ער וועט אָפּבויען דאָס חרובע שטעטל...

אין־ברירההדיקייט, האָפנונגסלאָזיקייט טוט דאָ אויף מער ווי עס קען אויפטאָן די פרייע מעגלעכקייט און די בעסטע ברירההדיקייט.

***

אין „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע" האָבן מיר כמעט נייע יידישע גע־שטאַלטן, מיר באַגעגענען זיי ניט אין דער ייִדיש־פּוילישער ליטעראַטור אין די פריערדיקע יאָרן, דאָס זיינען געשטאַלטן, וואָס חורבן פּוילן האָט זיי אַרויס־געפירט און אויף זיי אַרויפגעלייגט אַ פירנדיקע ראָליע, דאָס זיינען גע־שטאַלטן, וואָלט איך געזאָגט, מיט נייע אידייען און מיט אַ פרישן צוגאַנג צום יידישן לעבן.

פון צוויי עקסטרעמע גרופּן קומען זיי, איינער קומט פון פאָלק, פון די האַרעפּאַשניקעס, ער איז אַ סעדער, ער גענמט זומער אַ סאַד אין אַרענדע, אָבער דאָס שטעטל איז אַ משפּחה, איינער קען דעם אַנדערן אויסגעבונדן, איינער באַגעגנט זיך מיטן אַנדערן ביים דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג, אויפֿן מאַרק דעם גאַנצן טאָג, עס איז אַ משפּחה, וואָס לעבט כמעט אונטער איין דאַך און יעדער ווייסט וואָס עס קאָכט זיך ביים אַנדערן אין טעפּל, קענען אַלע, הירש לוסטיק, פון קליין ביז גרויס, פון דעם שענסטן באַלעבאָס ביז דעם שמייסער און פון דעם רב ביזן בעדער קענען אים.

אַלע קענען הערש לוסטיקן, דעם סעדער, וואָס איז שטענדיק גוט אויפגעלייגט, וואָס מאַכט ניט קיין וועזן פון אַ שטיין, וואָס שקצים וואַרפן אין אים און צעבלוטיקן אים; ער קומט אַריין אין דער פּוילישער שול און זאָגט גאָר מוסר די לערער, ניט די שקצים, די קינדער, וואָרעם וואָס וויסן קינדער, קליינע קייען וואָס די גרויסע שפּייען.

און וואונדער איבער וואונדער, די לערער געפעלט דער ייד, וואָס וויינט ניט, וואָס קלאָגט ניט, נאָר רעדט האַלב שטאָלץ און האַלב גוטמוטיק צו זיי, און זיי באַשטראָפן די ווילדע שטיפערס, די שקצים, וואָס די עלטערן האָבן זיי דעמאָראַליזירט מיט זייער סם־המותדיקן אַנטיסעמיטיזם.

הערש לוסטיקן קען דאָס גאַנצע שטעטל, ער איז מיט אַלעמען היימיש, ער האָט פאַר יעדן אַ גוט וואָרט, אַ שפּאַסיקן זאָג און סתם אַ שמייכל.

אויפן האַרצן איז אַלעמען שלעכט, קיין פּרנסה איז ניטאָ און פינצ־טערע קלאָגנען קריכן ווי ווערים פון אַלע זייטן, דאָרט אַ פּאַגראָם און דאָרט אַ פּאַגראָם און באַלד קומט עס צו סמאָלין, מען קען ממש אומקומען פון דלות און שרעק.

האָט מען ממש ליב כאַפּן אַ שמועס מיט דעם דאָזיקן פּשוטן ייד, הערן פון אים אַ מונטער וואָרט, אַ הלצהלע, און סתם זען זיין גוט און שמייכלענדיק פּנים.

אין גוטע, זאַטע צייטן וואָלט זיך אפשר קיינער ניט אומגעקוקט אויף דעם דאָזיקן לץ, אָבער אין דער עת־צרה ווערט הערש לוסטיק עפּעס ביז גאָר קאָנטיק, ביז גאָר קלוג און ביז גאָר ערלעך.

ממש ווי פון הימל איז דער דאָזיקער מענטש אַראָפּגעשיקט געוואָרן, ממש אַ מין גוטער לאַמעד־וואָווניק, אַ פאַרשטעלטער טרייסטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין שטעטל אין דער געשטאַלט פון דעם סעדער הערש לוסטיק.

און ווען עס קומט דער שרעקלעכער ווינטער און באַפאַלט די אָרעמע מענטשן מיט זיין קעלט, און קהל איז קאַרג, ווי דער שטייגער פון קהל, ווען עס קומט צו העלפן אָרעמע, קלייבט אויס עמך הערש לוסטיק פאַר אַ דאָ־זאָר, און הערש לוסטיק, דער שמייכלענדיקער ייד מיטן שפּיציקן בערדל, קריגט האָלץ, ער רייסט אַרויס ביי קהל געלט אויף האָלץ צו אַנוואַרעמען די אָרעמע הייזלעך.

הערש לוסטיק איז אפשר ניט אינגאַנצן קיין רעאַליסטישע געשטאַלט, כאָטש מ. בורשטיין באַמיט זיך שטאַרק צו מאָלן אים אין די סאַמע רעאַליס־

טישע פֿאַרבן, הערש לוסטיק איז אין יעדער טאַט זײַנער אַ רעאַלער כאַראַק־טער, יעדער שטריך זײַנער איז רעאַל, איטלעכס וואָרט זײַנער איז רעאַל, אָבער אינגאַנצן איז ער עפּעס אַ ראָמאַנטישער כאַראַקטער, ער איז אַן אי־דעאַליזירטער פֿאָלקס־מענטש, דאָ און דאָרט איז ער צו אידעאַליזירט, ער איז צו גאַנץ, ער איז צו אויסגעהאַלטן, ער איז צו שיין און צו גוט.

אָבער ער פּאַסט זיך אַרײַן אין דער עת־צרה, אַזאַ עת־צרה מוז עפּעס האָבן אַזאַ הערש לוסטיק, דווקא אין אַזאַ עת־צרה איז ער רעאַל.

און איר ווייסט ניט צי איז דער אָפּטימיזם פֿון הערש לוסטיק עכט, ער איז אָפּט עפּעס אליהו־הנביאדיק, ער איז אַן אָפּטימיזם אַ באַוואוסטזיניקער, אַן אויסגערעכנטער, יידן נויטיקן זיך אין טרייסט, און כדי צו טרייסטן יידן דאַרף מען זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַן אָפּטימיסט.

מ. בורשטיין באַמיט זיך גאָר שטאַרק צו מאַכן לוסטיקן פֿאַר אַ נאַ־טירלעכן אָפּטימיסט, פֿאַר אַ מין מזג־טוב, פֿאַר אַ מין זאָרגלאָזן מענטשן און פֿריילעכן לונג־ און לעבער.

אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, הערש לוסטיק איז דאָס ביסל ליכט און טרייסט אין דער פֿינצטערער האָפֿנונגסלאָזיקייט.

אויב ער וואָלט ניט געווען וואָלט מען אים באַדאַרפֿט אויסטראַכטן...

האָט אים מ. בורשטיין אויסגעטראַכט, און מען דאַרף זאָגן—גוט אויסגע־טראַכט.

און נאָך אַ טשיקאַווע געשטאַלט האָט זיך באַוויזן אין סמאָלין אין דער דאָזיקער אין־ברירהדיקער צײַט.

עס האָט זיך באַוויזן אַ יונגער דאָקטאָר מיטן נאָמען גבריאל פּריווער, אַ געבירטיקער אין שטעטל, האָט משפּחה אין שטעטל, שײַנע משפּחה, אָבער ער איז אַוועק פֿון שטעטל, שטודירט מעדיצין, זיך אויסגעוואַלגערט אין אינטעליגענטישע קאַפּעס, יאָרן געזוכט פּראַקטיק אין וואַרשע און ניט גע־קראָגן, איז אים מיאוס געוואָרן די גרויס־שטאָטישע מענטשן, די אונטער־געפּוילטע אינטעליגענץ, די קאַפּעס מיט רויך, מיט בייזער לשון־הרע און מיט פּוסטע רייד, און ער איז געקומען אין זײַן שטעטל צוריק.

אַ פֿאַרוואָגלטער זון האָט זיך צוריק געקערט אין שויס פֿון משפּחה, אין שויס פֿון דעם אײַנפֿאַכן לעבן אין שטעטל און אין שויס פֿון דער גוטער, טייערער און פֿרישער פּרימיטיווקייט.

ער באַגעגנט זײַנע אַ קוזינקע, אַ פּראָווינציעל מיידל, אָבער ער זעט אין איר דעם היפּוך פֿון דעם גרויסשטאָטישן מיידל, זי איז אַ שטיק לעבעדיקע נאַטירלעכקייט, אַ שטיק עכטקייט און ריינקייט.

ער האָט מיט איר חתונה, הויבט אַן פּראַקטיקירן צווישן די אָרעמע מענטשן אין שטעטל, און אָרעם זײַנען אַלע, אַלע זײַנען קראַנק און צעבראָכן, אָבער קיינער קאָן ניט צאָלן דעם דאָקטאָר, מוז ער רופֿאנען כמעט אומזיסט, ליידט ער מיט אַלעמען פֿון דעם חורבן, ער איז אַ ייד ווי אַלע.

און עס איז אים עפּעס ביז גאָר גוט אָט דער מין פֿון מעדיצינישער

פראַקטיק, עס איז די ערלעכסטע, די כשרסטע פראַקטיק און עס איז דער עיקרשט — די פראַקטיק אין וועלכער מען נויטיקט זיך שטאַרק.

דאָ זיינען ניטאָ קיין היסטערישע מענטשן, וואָס רעדן זיך איין אַ קרענק, דאָ זיינען ניטאָ קיין מענטשן, וואָס לויפן צו דאָקטוירים אויס לאַנגווייל, דאָ איז מען קראַנק מיט אַן אמת, דאָ רופט מען אַ דאָקטאָר ווען דער מלאך־המות שטייט שוין צוקאָפּנס.

אין דער צייט ווען אַלע ווילן זיך ראַטעווען פון שטעטל, און בלייבן, ווייל עס איז קיין ברירה ניטאָ, לאָזט זיך אַראָפּ דער יונגער דאָקטאָר און באַזעצט זיך אין שטעטל, וויל זיך דאָ איינוואָרצלען און לעבן דאָס פּשוטע און געזונטע לעבן פון דער יידישער מאַסע.

דער דאָקטאָר גבריאל און דער פאָלקס־מענטש הערש לוסטיק סימבאַליזירן, אַזוי צו זאָגן, די איינגעזעסנקייט, די איינגעוואָרצלטקייט און די גרויסע עקשנות פון דעם פוילישן ייד.

***

מיר האָבן די צוויי עקסטרעמע טענדענצן פון דעם פוילישן יידנטום:

„איבער די חורבות פון פלוינע" האָט איר די טענדענץ צו לויפן, צו ראַטעווען זיך פון דער פאַסטקע, פון פוילן, וואָס איז סוף־כל־סוף געוואָרן די פאַסטקע פאַר זעקס מיליאָן יידן, און די אין־ברירהדיקייט, ווען אַלע וועגן זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן, די אין־ברירהדיקייט שאַפט עפּעס אַזוינס, מען קען עס באַצייכענען מיטן נאָמען „פאַטאַליסטישער אָפּטימיזם", וואָס וויל בלייבן אויפן אָרט און קוקן די געפאַר גלייך אין די אויגן אַריין.

און זי איז געקומען, סמאָלין ווערט פאַגראָמירט, דער דאָקטאָר גבריאל געפינט זיין יונגע פרוי אַ דערמאָרדעטע און זיין וואָרעמען נעסט חרוב און מוחרב.

און שפּעטער קומט היטלער און דער טייערער הערש לוסטיק, דער טייערער דאָקטאָר גבריאל פריוועט און זייער באַזינגער מ. בורשטיין קומען אום אין דער גרויסער פאַסטקע, וואָס הייסט אייראָפּע.

הערש לוסטיק, וואָס האָט געטאָן וויסן דעם נפטר ר' ישראלטשע, אַז ער וועט אָפּבויען די שטאָט, ער איז ערב דערפאַר, האָט ניט אָפּגעבויט סמאָלין.

און מ. בורשטיין, וואָס האָט געמוזט סמאָלין מאַכן פאַר אַ שטאָט ערגעץ אין יאַפּאַן, אויס מורא פאַר דער פוילישער רעגירונג, האָט קיין סוד ניט געקענט מאַכן, צו קלאָר איז וואו איז סמאָלין און ווער אירע מענטשן זיינען...
און אַ סברא, אַז די פוילישע רעגירונג האָט זיך גאָרניט געשעמט מיט אירע פאָגראָמען...

מ. בורשטיין איז ניט קיין שריפטשטעלער מיט אַ גאָר גרויסער וויזיע, ער איז ניט קיין קינסטלער מיט אַ נביאישן פונק, ער האָט בלויז געזען צוויי קליינע אויסוועגן, פריער ארץ־ישראל און שפּעטער אין־ברירהדיקייט און פאַטאַליסטישן אָפּטימיזם.

אָבער דאָס וואָס ער האָט געזען האָט ער גוט, קלאָר און ערלעך דער־
ציילט.

ער האָט פאַרשריבן די ערשטע אַגאָניע פון דעם פוילישן יידנטום, פאַרשריבן געטריי, געמאָלט די מענטשן אין דער אַגאָניע, געמאָלט זיי ער־לעך און געטריי.

און פון דער וועלט, וואָס ער מאָלט, און פון די מענטשן וועגן וועלכע ער דערציילט, הערש לוסטיק, דער וואונדערלעכער יידישער פאָלקס־מענטש, דאָקטאָר גבריאל, דער טייערער יידישער אינטעליגענט, וואָס איז געקומען אין שטעטל אַריין זוכן אַ עכט, ערלעך און אַרבעטסזאַם לעבן, און די אַר־בעטנדיקע מיידלעך מיט שוואַרצע, שעמעוודיקע אויגן, און אַלע יונגע גע־זונטע יידישע בחורים, וואָס זייערע הענט האָבן אַזוי געבענקט נאָך אַרבעט, און פון דעם מחבר מ. בורשטיין אַליין איז געבליבן פיר ביכלעך...

פון אַ בליענדיקער לעבעדיקער יידישער וועלט, אין וועלכער מ. בור־שטיין, וואָס איז ווי דער דאָקטאָר גבריאל פריער געקומען פון דער פוילישער וועלט צו דער קליינער און אָרעמער יידישער ליטעראַטור, זיינען געבליבן פיר ביכלעך זיינע.

דאָס האָט היטלער ניט געקענט פאַרלענדן, ער האָט דאָס דווקא געוואָלט פאַרלענדן מער ווי אַלץ, אָבער דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן.

אים האָט זיך ניט איינגעגעבן צו פאַרטיליקן אַלע יידן אַפילו, יידן לעבן און וועלן לעבן.

וואָס עס האָט זיך אים יאָ אינגאַנצן איינגעגעבן איז פאַרוואַנדלען דאָס דייטשישע פאָלק אין אַ באַנדע רוצחים, רויבער און גנבים.

דייטשלאַנד האָט ער אינגאַנצן אומגעבראַכט.

און די אַלע אָנשטרענגונגען פון פאַרשיידענע פּאָליטיקער אי פון רעכטס און אי פון לינקס וועלן דייטשלאַנד ניט אויפלעבן.

מען מוז נעמען מ. בורשטיינס ווערק אין פאַרבינדונג מיט דער גרויסער טראַגעדיע אונדזערער, ווייל אין דריי ווערק זיינע האָבן מיר דריי אַגאָניע־מאָמענטן ווי אַ פּראָלאָג צו אונדזער גרויסער טראַגעדיע.

איין אַגאָניע מאָמענט — דער באַיקאָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין „גורל“, דער ווילן צו ראַטעווען זיך קיין ארץ־ישראל, „איבער די חורבות פון פּלוינע“ און דער דריטער אַגאָניע־מאָמענט — פּאָגראָמען אין פּוילן, וואָס כמעט צוזאַמען מיט דעם אָנהויב פון היטלערס טאָטאַלער פאַרטיליקונג פון יידן, אין „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע“.

אין די דריי ביכער האָט אונדז מ. בורשטיין געגעבן אַ בילד פון אַן עפּאָכע, אַחוץ די דריי סטאַדיעס פון אומקום האָט ער געגעבן די זיטן, די מאָראַל, די עקאָנאָמיק און, פאַרשטייט זיך, די פּאָליטיק פון דער דאָזיקער עפּאָכע.

ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו טאָן, וואָס זשול ראָמען, דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער טוט אין זיין סעריע נאָוועלן, אָדער וואָס אַפּטאָן סינקלער, דער אַמעריקאַנער שריפטשטעלער, טוט אין זיין לעצטער סעריע ראָמאַנען.

באַקומט זיך אַ בילד פון דער טרויעריקסטער עפּאָכע, אין דעם איז גאָר קיין ספק ניטאָ. ניט אין אַלע דריי ביכער איז די קינסטלערישע קוואַליטעט גלייך, אָבער זי וואַקסט פון איין בוך צום אַנדערן, און אין זיין לעצט בוך „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע" שטייט ער פאַר אונדז ווי אַ גאַנצער און אַן אייגנאַרטיקער קינסטלער.

אַזוי אַרום האָט די יידישע ליטעראַטור פאַרלאָרן אַ שריפטשטעלער מיט גרויסע קינסטלערישע מעגלעכקייטן אין סאַמע בלי פון זיין טאַלאַנט.

מ. בורשטיין האָט נאָך איבערגעלאָזן אַ זאַמלונג פון קלענערע דערציילונגען מיטן נאָמען „ברויט און זאַלץ", עס זיינען דאָ אַ היפּשע צאָל פון גוטע דערציילונגען אין דער דאָזיקער זאַמלונג, אָבער בכלל איז מ. בורשטיין ניט געווען דער מייסטער פון דער קליינער דערציילונג, ער איז געווען דער שרייבער פון דער נאָוועלע און פון דעם ראָמאַן.

דאָס בעסטע ווערק זיינס איז „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע", עס איז קינסטלעריש דאָס רייפסטע ווערק זיינע.

דאָס דאָזיקע ווערק איז, אַגב פּרעמירט געוואָרן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד אין יאָר 1937.

מ. בורשטיין איז אומגעקומען אין דאַכאַו, דעם זעלביקן גורל האָט געהאַט זיין פרוי, בלויז זיין יונגער זון האָט זיך געראַטעוועט על־פּי־נס.

אַ יונגער זון און פיר ביכער זיינען געבליבן לעבן, די האַנט פון די דייטשישע מערדער האָט זיי ניט געקענט דערגרייכן...

לעאָ פינקעלשטיין

יהושע פּערלע

אומגעקומען על קידוש השם

צי קאָנט איר אפשר די טיף־פּוילישע פּראָווינץ? איז אייך נישט אַמאָל אויסגעקומען אַריינצושמעקן אין אַמאָליקער פּוילישער „גובערניע"־שטאָט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן איינגעזעסן און באַגליך אויפגעוועקט יידיש לעבן? אויב איר זייט דאָרט געווען, האָט איר מסתמא באַמערקט יידישע אוניפאָרמירטע „סטודענטלעך" גיין אין דער שטאָט־גימנאַזיע און אַ כאָפּטע אָפּגעריסענע חדר־ייִנגלעך איז זיי נאָכגעלאָפן און געוואָרפן שטיינער. דאָס פאַרביסענע שטיינער־וואָרפן איז נישט געקומען בלויז פון הפקר־שקאָצעריי, נאָר ס'רוב פון קנאה. ס'אָרעם אָפּגעשליסן ייִנגל האָט נישט געקאָנט פאַר־גינען דעם באַהייביקן שכנס בחורל צו גיין אַן אויסגעסטראָצטער „אין אַ מונדיר מיט מעשענע קנעפּ". יאָ, די גימנאַזיע וועט פאַר דעם שכנס זונדל עפענען די ברייטע וועלט, און ס'אָרעמע ייִנגל וועט נעבעך שוין אויף שטענ־דיק פאַרבלייבן אין בלאָטיקן געסל. נישט איין ייִנגל האָט זיך נישט באַ־גנוגנט רק מיט הפקרדיקער קנאה, נאָר זיך געפּרוּווט פאַרקלערן איבערן אייגענעם גורל און מיט געוויין מאָנען ביי דער מאַמע גערעכטיקייט.

צווישן אַט־דער כאָפּטע שטיינער־וואַרפער האָט איר געקאָנט זען דעם קליינעם שיעלע מיט זיינע לעבעדיקע טונקל־בלויע אויגן און פיין־געשניטן מיילעכל. ער איז אַריינגעלאָפן צו דער מאַמע מיט אַ געוויין: „יאָך וויל ווערן אַ סטודענטל". די מאַמע, וועלכערס ערשטער מאַן איז געווען אַ פעלדשער און איז איצט ביים צווייטן מאַן אַראָפּ פון מעמד, האָט געפּרוּווט איינגעמען איר וויינענדיקן זונדל מיט גוטע רייד און שפּעטער איבערגעשמועסט דערוועגן מיטן טאַטן. דער טאַטע, אַ וואָכעדיקער דאָרפס־ייד, אַן אָרעמאַן אין זיבן פאַלעס, וועלכער פירט אַ משטיינס־געזאַגטן גראָשנדיקן מסחר מיט היי, האָט זיך אויסטערליש צעלאַכט פון דער מאַמעס „ווילדע" פאַרלאַנגען. פונדעסט־וועגן איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן פון ייִנגל „אַ לייט"; מ'וועט אים אַרויס־נעמען פון חדר און אַריינגעבן אין אַ שניט־קראָם פאַר אַ געהילף־„סוביעקט". בישקשה, מ'האָט שוין געזען ווי אָרעמע משרתים ווערן שפּעטער גרויסע סוחרים. עלעהיי: נתן ניימאַן, יענקל אייפער, יוסף וויינריב און חיים פוקס. זיי זיינען דאָך לכתחילה געווען „מענטשן ביי יענעם". אַזוי אַרום איז שיעלע מיט מזל געוואָרן אַ שיק־ייִנגל ביי יוסל גרין אין דער גרויסער שניט־קראָם אויף דער לובלינער גאַס. אין חמימהדיקע טעג פלעגט ער אָפּטראָגן גרויסע

פעק שטייפליווגט צום סקאַרשעווער אָמניבוס. ווידער אין דער „פרייער" צייט האָט ער געמוזט וויגן ס'קינד פון דער באַלעבאָסטע, וועלכע האָט אים, שיעלען, גערופן אויף דייטשמעריש „דער יונגע".

אָבער דער „יונגע" האָט עפּעס נישט געפונען קיין מנוחה אין זיין אַרבעט, תמיד אַרומגעגאַנגען פאַרחלומט. אַמאָל פלעגט ער צווישן איין קונה און דעם אַנדערן זיך אַ לאָז טאָן מיט חברה יאָגן טויבן איבערן רייטשול־מאַרק, צילן אין זיי שטיינדלעך פון אַ גומענעם ציפּער, אָדער גלאַט לויפן נאָך אַ וואָגן שמעקעדיק היי, וואָס אַ פויער האָט געפירט איבער דער שטאָט. דער באַלעבאָס האָט אָפט בייז אונטערגעברומט, אַז שיעלע איז צומאָל אַ ליימענער גולם און צומאָל אַ לאָבוזל, אָבער אין קיין פאַל נישט קיין שניט־סוחר...

ביסלעכוויז האָט די מאַמע, אַן אָפּגעקומענע באַלעבאָסטע, וואָס האָט זיך געגוידערט מעשה גבירטע, איינגעזען, אַז ס'איז נישט קיין תכלית ווייטער צו לאָזן ס'ייִנגל אין „געשעפט". זי האָט מיט גרויס קאָפּדרעעניש צונויפגע־סטריגעוועט אַ גראָשן מיט אַ גראָשן און געלאָזט אים לערנען ביי אַ פּריוואַטן לערער מיטן חלום, אַז פון איר געראָטן שיעלע וועט אַמאָל אַרויסוואַקסן אַ לייט. ס'איז איר נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג, אָבער שיעלע האָט זיך גע־לערנט פלייסיק. במשך פון צוויי יאָר האָט ער דורכגעמאַכט אַ פיר־קלאַסיקן גימנאַזיע־קורס. די מאַמע האָט דעמאָלט געהאַלטן, אַז איר זון איז שוין געננוג געבילדעט און דאַרף ווערן אַ פאַרדינער, אַ „קאָנטאָרשטשיק", וואָס האָט זיך דעמאָלט גערעכנט פאַר אַ געהויבן באַשעפטיקונג.

שיעלע איז איצט שוין אַן אויפגעקלערטער זעכצניאָריקער בחור; ער הייבט זיך אָן אַריינלייענען אין רוסישע און פוילישע ביכער, וואָס וועקן ביי אים כסדרדיקן אומרו. ער האָט צום ערשטן מאָל געפּרוּווט אויפשרייבן אַ ליד אויף רוסיש א. נ. „געשטאָרבן הערצל" און עס פאַרגעלייענט פאַר די שטאָטישע גימנאַזיסטן. ער האָט געהערט, אַז אין וואַרשע געפינען זיך פּרץ און אַש. ס'האָט אים געצויגן די גרויסע שטאָט. ענדלעך איז ער אויף אַ פאַר־צייטישן פערד־אָמניבוס דורך גריצע געקומען קיין וואַרשע, וואו ער איז געוואָרן אַ געהילף־בוכהאַלטער. ער האָט פלייסיק געאַרבעט אין קאָנטאָר, אָבער מיט דער מחשבה איז ער געווען אין זיין לופטיקער היימשטאָט, פון וועלכער ער האָט מיטגעבראַכט פאָלקסשטאָמיקייט, תמימות, האַרציקע ער־לעכקייט, ליבע צום פּראָסטן פאָלקסמענטש און צו זיין לשון יידיש.

ווי אַ בוכהאַלטער איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ געפּרעסטן אָנצוג, שטייפן קאָלנער און אויך געטראָגן בלישטשענדיקע פּענסנע אויף דער נאָז. אָבער זיין גאַנץ האַלטן זיך, הויך ריידן און אָפן געלעכטער איז גאָרנישט געווען מעשה בוכהאַלטער.

אין דער גרויסער שטאָט איז ער אייגנטלעך געקומען צו ווערן אַ פאַר־דינער, אָבער קיין שום זאַך איז אים דאָרט נישט איינגעגאַנגען. די בוכ־האַלטעריע איז אים נישט געווען ניחא; ס'האָט אים „עפּעס" געצויגן. תמיד געהאַט אין אויג די הינטערשטאָטישע פעלדער פון וואַנען דער טאַטע האָט

געפירט היי. ער האָט זיך ממש געשאַרט ביי די ווענט. שפּעטער פלעגט ער אין דער פרייער צייט לייענען ביכער, גיין אין פּוילישן טעאַטער אָדער אויף די באַרימטע פּרץ־פאַרלעזונגען, פון וועלכע ער איז געווען באַגייסטערט. אָבער באַזונדער פאַרליבט איז ער געווען אין שלום אַשן. אין שלום אַשס צאַרט־פּוילישער ראָמאַנטישקייט האָט ער אַנטפּלעקט די אייגענע ירושה, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין דאָרפסטאָטן. ער האָט געפּרואווט פאַרקערן אין דער סביבה פון יונגע שרייבער. זיין בחור־שטיבל אויף דער אָרלע גאַס איז גע־וואָרן אַ בית־ועד פאַר שרייבער אָנהייבער און גלאַט באַהעמע־לייט. מ'האָט דאָרט ליידנשאַפטלעך דיספּוטירט וועגן פּשיבישעווסקיס דעמאָניזם און פּרצעס „גאָלדענע קייט".

אין וואַרשע זיינען דעמאָלט געווען דריי ליטעראַרישע „סאַלאָנען": אויף דער צעגלאַנע ביי י. ל. פּרץ, אויף דער שליסקע ביי הלל צייטלינען און אויף שווינטאָקשיסקע ביי נח פּרילוצקין. אין פּרצעס שטוב האָט ער דע־מאָלט נישט געהאַט קיין דריסת הרגל. וואָס דאָרט קומט פאַר האָט אים צומאָל דערציילט זיין חבר אפרים קאַגאַנאָווסקי, וועלכער איז געווען פּרצעס ליבלינג. הלל צייטלינס שטוב איז פאַר אים געווען צו לומדיש; דאָרט האָט מען גערעדט וועגן הויכע מאַטעריעס און מ'האָט געדאַרפט האָבן אַ ידיעה אין די דראָבנע אותיות. איז ער טאַקע געוואָרן אַ שטיקל בן־בית ביי נח פּרילוצקין, וואו ס'האָבן זיך געזאַמלט די דעמאָלטיקע יונגע, וועלכע האָבן געהאַט אינטערעס נישט נאָר פאַר שיינער ליטעראַטור נאָר אויך פאַר טעאַטער און פאָלקלאָר.

פּערלע האָט ביי זיינע חברים אויסגענומען קודם־כל מיט זיין האַרציקער אָפנקייט, טיפּיש פאָלקס־געמיט, וואָס איז ביי אים געגאַנגען געפּאָרט מיט אַ באַזונדער פּוילישער פאַרחלומטקייט און צאַרטער פאַרבענקטקייט. ער האָט געפילט, אַז עס איז אים שטענדיק „עפּעס" נאָכגעגאַנגען.

מיט זיין ערשט סענטימענטאַל־ראָמאַנטיש בילדל „שבת" האָט ער גע־פּרואווט מזל אין רעדאַקציע „היינט". ער האָט עס פאַרגעלייענט דעם רע־דאַקטאָר ש. י. יאַצקאַן. נאָכן אויסהערן האָט יאַצקאַן געזאָגט פּערלען: „אייער „שבת" איז אַוודאי אַ כּודאָזשעסטווענע זאַך, נישט מער פאַר מיין „היינט" איז עס צו ליטעראַריש". ענדלעך איז „שבת" אָפּגעדרוקט געוואָרן אין נח פּרילוצקיס זאַמלבוך „דער נייער גייסט".

דאָס איז געווען דער אָנהייב; שפּעטער האָט ער זיך ממש פאַרכּליניעט מיט דער ספּעציפיש־פּוילישער סענטימענטאַלקייט. ער האָט נישט דער־ציילט נאָר פּשוט געזונגען. זיין „לאַגד פון דער ווייסל" — אַ פּאָעמע אין פּראָזע — איז פול מיט האַרציקער צוגעבונדנקייט צום פּוילישן שטייגער און פּוילישן לאַנדשאַפט. אַלץ וויקלט זיך אַרום מאָטיוו, וואָס אַ פּריצישע טאָכטער פאַרפירט אַ יידיש מיידל צום שמד. מיט מער פלאַסטישקייט ברענגט ער עס אַרויס אין זיינע סקיצן און נאָוועלן־זאַמלונג „אונטער דער זון".

פּערלען דעם בוכהאַלטער קומט אויס זיך צוזופּצוטרעפן מיט דער יידישער האַלב־אַסימילירטער בורזשואַזיע. ער קוקט זיך צו, אָדער קוקט

אונטער זייערע שוואַכקייטן. ער אַבסערווירט זייער לעבנסשטייגער, וועלכער איז פול מיט גייסטיקער פּוסטקייט, „וואוילדערצויגענער" קולטורלאָזיקייט און סנאָבישער פּאַרריסנקייט. ער פאַרגלייכט עס מיט זיין אָרעמער אָבער ערלעכער היים און דערזעט פּלוצעם די וויסטע ליידיקייט, וואָס טראָגט זיך פון דער „בעסערער" געזעלשאַפט. זיין פראָסט פאָלקס־געפיל בונטעוועט זיך אַקעגן אַט־דער פאַרליגנערישטער „אינטעליגענץ", וואָס בלאָזט זיך מיט אינהאַלטלאָזיקייט. פון דער דאָזיקער וועלט שטאַמען זיינע ראָמאַנען „מירל", „אַן אָרנטלעכע פרוי" און די נאָוועלן „זינד" אין וועלכע עס דאָמינירט דער עראָטישער עלעמענט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה ווען ס'גאַנצע יידישע לעבן אין פּוילן איז איבערגעענדערט געוואָרן, האָבן זיך אין דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן אויסגעשיילט נייע שולן. צו יענער צייט האָט פּערלע געהערט צו דעם קרייז פּראָזאאיקער, וואָס שטייען אויפן שייד־וועג צווישן דער אַלטער און נייער תקופה. ער איז דאָך דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון פאַרמלחמהדיקע ליטעראַטור־טראַדיציעס, דערהויפּט אונטער דער השפּעה פון פּרץ, שלום עליכם און אַש. פון פּרצן און אַשן האָט ער איבערגענומען די באַזונדערע ליבשאַפט צו פּוילישע יידן. ביי שלום עליכמען האָט ער זיך געלערנט אַנ־ווענדן דעם רעאַליסטישן מעטאָד ווי אויך דעם פּלאַסטישן באַנעם פון דער ווירקלעכקייט. לכתחילה האָט זיך פּערלע זאָרגלאָז געצערטלט מיט דעם באַלעבאַטישן לעבנסשטייגער, אָבער דערביי אויך געהאַט אַן אויג פאַר דער רויער ווירקלעכקייט פון שוסטער־געסל. די דאָזיקע וואָכעדיקייט איז אָבער געווען באַדעקט מיט אַ דינעם שיכט צאַרטע ראָמאַנטישקייט. אויף זיין ווייטערדיקן וועג באַפרייט זיך פּערלע פון די צוגעזיסטע לירישקייטן און ווערט מער נאַטוראַליסטיש, לעבנס־האַרטער. ער באַמיט זיך אַריינצודרינגען אין תוך פון דער גרויער טאָג־טעגלעכקייט און וויזט דערביי אַרויס מער שריי־בערישע רייפקייט. דאָס איז נוגע נישט נאָר דער טעמאַטיק, נאָר אויך — קינסטלערישע מיטלען: דער שילדערונגס־אופן, עקספּרעסיע, אוממיטלבאַר־קייט פון צייכנונגען, בילדערישקייט, מעטאַפאָר א. ד. גל. עס שפּירט זיך שוין אַ קינסטלערישער אויסדויער. זיינע דערציילונגען זיינען נאָך אָבער אַלץ קורץ־אָטעמדיקע. צום דאָזיקן זשאַנר געהערט זיין בוך נאָוועלן „ביין אַ זייגער אין דער פרי", דער פּאַן — דאָס לעבן פון ביוראַליסטן, וואָס איילן אין דער פרי צו דער אַרבעט. זיצן מענטשן אָפּ צענדליקער יאָרן ביים שרייבטיש און גריבלען זיך אין טויטע ציפערן. פּערלע האָט דערפילט דעם שוידער פון די, וואָס גענעצן אָפּ אַ לעבן מיט נישטיקע שוואַכקייטן און גראַשנדיקע אַמ־ביציעס.

אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט שענקט פּערלע ווייטער דעם האַלב־אַסימילירטן טייל פון יידישן מיטלשטאַנד. די מענטשן „ז' טאַוואַזשיסטוואַ" (פון דער געזעלשאַפט), וואָס רעגלען זייער לעבן לויט פאַרליגנעריש־איינגע־שטעלטע קאָנוועגאַנסן. פּערלע אידענטיפיצירט זיך אָבער נישט מיט זיינע העלדן, עס טיילט זיך אויס אַ דיסטאַנס, אַ דאַנק וועלכן ער איז מסוגל

אויסצולאַכן די סנאָביסטישע איינגעגלויבטקייט אין דער „העכערער" קולטור פון דער „גוטער דערציאונג". ער שטרייכט כסדר אונטער זייערע לעכער־לעכע געוואוינהייטן, טעמפּקייט און גייסטלאָזיקייט.

זיין בוך — „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" באַטייט אַ פולשטענדיקער שריי־בערישער איבערברוך. עס איז פּערלעס ערשטער לאַנג־אָטעמדיקער פּרואוו צו סינטעטיזירן דעם ראָמאַנטישן ליריזם מיטן אולטראַ־נאַטוראַליזם.

דער אַלטער אָפּשפּעטער פון דער בוכהאַלטערישער געצאַצקעטקייט ווייזט דאָ אַרויס ווידערווילן צום באַקאַנטן מין קאַליגראַפיע־סטיל. ער מיידט פלייסיק אויס די שפּראַך־ און סטיל־געציקלטקייט, שרייבנדיק פּראָסט און נאַטירלעך — ווי עס רעדט אַ מענטש צו אַ מענטש. ער שרייבט טאַקע לויט אַ באַזונדערן נוסח, פונדעסטוועגן איז זיין סטיל דער לעבנס־סטיל פון דער עדה פּראָסטע און גרויע יידן, צווישן וועלכע דער אויטאָר איז אויסגעוואַקסן.

דאָס איז אַ סביבה מיט וועלכער דער אויטאָר איז אָרגאַניש צונויפגע־וואַקסן. ער האָט אָבער באַוויזן אין זיך גובר צו זיין דעם פּיגמייענאַרטיקן לעבנס־פאַרנעם פון דער דאָזיקער סביבה. דער גייסטיקער דיסטאַנס, וואָס פּרעסט זיך אַריין צווישן אים און דער געשילדערטער וועלט, דערלויבט אים צו זאָגן דעם גאַלן אמת און פריי, הומאָראַרטיק־שפּילעוודיק צו צייכע־נען זיינע פיגורן.

„יידן פון אַ גאַנץ יאָר" זיינען געשריבן אויטאָביאָגראַפיש. דאָס איז אַ געשיכטע פון אַ יינגל, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַ גרעסערער פּראָווינץ־שטאָט. מיר באַקענען זיך מיט די אַנטוויקלונגס־עטאַפּן פון דאָזיקן יינגל און זיין אויסטערלישן אַרט רעאַגירן אויף דערשיינונגען. אָבער דער עיקר פון דער דערציילונג איז דער גרויסער שוין־אָפּטעלעכער פּאַן און ספּעציעל — דער אייגנאַרטיקער יידישער לעבנס־שטייגער פון גרויען מענטש. ער וויקלט פּאַ־נאַנדער אַ ברייטן לייוונט פון דער יידישער אָרעמקייט. אַ טריבער לעבנס־ריטם פונעם פאַרמיטלער־שיכט, וואָס וואַרט אַלץ אויף אַ „מופת", אַז דער „שיקזאַל" זאַל ענדלעך אַ קער טאָן די מערכה צום גוטן. אַ משונהדיק גע־זעמל פון געשטאַלטן און פאַרשוינען, וואָס וואַרגן זיך מיט כסדרדיקע זאָרגן, לעבן זיך אויס אין גלויבן און אָבערגלויבן און פּוצן אויס זייער אָרעמקייט יום־טובדיק. דאָס בוך איז דורכגעוועבט מיט סאָציאַלע עלעמענטן. עס איז דער גרויסער דלות־פּאַטאָס, וואָס פאַרדרענגט אַ שלל פון נישט אויסגע־לעבטע מעגלעכקייטן, נישט אויסגעשוימטע באַגערן און בענקשאַפטן. עס איז אַ שטילע אָדע צום פּראָסטן און גרויען מענטש, צום ייד פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס הייליקט זיין לעבן אין פּיינפולן קאַמף פאַר אַ טרוקן שטיקל ברויט. עס איז אַ ביטער לעבן — ווי בערגעלסאָן וואָלט זיך אויסגעדריקט — על קידוש הקאַפּיקע.

„אַ בוך פון אַ פאַרגאַנגן לעבן" — לעבנס־עפּאָפּיי פון אַן אַקאָרשט פאַרגאַנגענעם דור, וואָס מיט זיינע גייסטיקע רעשטלעך נערן מיר זיך נאָך היינט. מיט די אויגן פון אַ באַאָבאַכטעריש און עמפּינדלעך יינגל קוקט דער אויטאָר אויף דער יידישער ווירקלעכקייט, וואָס וועקט זיך פון אַ לאַנגער

פאַרשלאָפנקייט. עס פאַרשווינדט שוין די באַקאַנטע שטעטלדיקע אָפּגע־צוימטקייט.

אַלס פּירשט פון דער אָרעמקייט טרעט דאָ אַרויס לייזער שאַניאַש, אַ שטילער ייד מיט אַ שווער געמיט, אַ טויבלעכער „מרוק", וואָס האַנדלט מיט היי און שטאַרבט דריי מאָל אין טאָג פון הונגער. ער פאַרנעמט זיין עלנט באהבה, ער איז אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן מיט זיין אביונישקייט, וועלכע איז געוואָרן זיין לעבנס־נוסח. דאַכט זיך, אַז ווען ער זאָל ווערן אויס אָרעמאַן, וואָלט ער געוואָרן נאָך אומעטיקער. אין פלוג קאָן זיך אפשר אויסדוכטן, אַז ביים צייכענען די פיגור פון אייגענעם טאַטן, איז דער אויטאָר אַ ביסל צו ניכטער, און צוביסלעך הפקרותדיק, ער אַנטבלויזט צופיל דאָס, וואָס מען איז געוואוינט צו פאַרהוילן. דער דאָזיקער איינדרוק איז אָבער אָן אויבנ־אויפיקער, ווייל ער שטאַמט פון נאַטוראַליסטיש־קינסטלערישער דיסטאַנס־אויפריכטיקייט.

ביז גאָר טשעקאָווע צייכנט פערלע די פיגור פון זיין מאַמען, צו וועל־כער ער באַציט זיך מיט ליבע, אָבער דערביי זייער קריטיש. אַ יידענע, וואָס האָט אַלע אייגנשאַפטן פון אַ טיפּיש־יידישער מאַמע. עפּעס אָן אָפּגעקומענע באַלעבאָסטע, וואָס ווייסט איר ווערט, חנדלט און ברוגזט זיך אין לייכט־פאַרצויגענער גאווה. זי האָט אַמאָל געהאַט אַ מאַן אַ פעלדשער און „פּאַקאַ־יעס" מיט מעשענע קלאַמקעס. איצט איז זי אַראָפּ פון מעמד, חתונה געהאַט מיט לייזער שאַניאַש, אַ „פּראָסטן" מענטש, וואָס קאָן זיך אַפילו נישט אונ־טערשרייבן. די מעשענע קלאַמקעס זיינען פאַר איר אַ סימבאָל פון פאַרלוירן גליק. דער אויטאָר וואַרפט אויף איר זייטיקע בליקן, דערזעט אירע שוואַכ־קייטן, איר שטענדיק וואַקלען זיך צווישן דער בידנער ווירקלעכקייט און נישט אויסגעלאָשענע האָפענונגען. קומט טאַקע די דאָזיקע פיגור אַרויס גראָטעסק־טראַגיש.

פערלע באַקומט אַרויס דעם חן פון וואָכעדיקן לעבנס־שטייגער. דאָס איז אפשר קאָמפּאָזיציאָנעל אין דער יידישער ליטעראַטור דאָס ערשטע בוך, וואָס פאַרמעסט זיך קינסטלעריש צו שילדערן דאָס לעבן פון דעם פּראָסטן חי־וקים־שיכט.

אַוודאי איז דיסטאַנס אַליין נאָך נישט אַלץ. ביים שילדערן די נויט פון גרויען מענטשן, איז נאָך ווייניק אַרויסצובאַקומען דעם פאַרבאָרגענעם חן פון דער אָרעמקייט, עס איז אויך נויטיק צו צייכענען די סאָציאַלע פּער־ספּעקטיוון. אָבער דאָ קומען מיר שוין צו דער הויפּט־אייגנשאַפט פון פער־לעס שרייבערישן געמיט; ער איז צו מנוחהדיק, ער איז צו אידיליש אויפ־געטראָגן מיט אַלע און אַלעמען, סיי מיטן גוטן, סיי מיטן שלעכטן. ער איז רואיק און זיינע העלדן זיינען רואיק; ער וועקט נישט און מאָנט נישט. אַוודאי זעט ער די סאָציאַלע קאָנטראַסטן, אַוודאי זעט ער דעם גערנאַנגל פאַר מער לופט און ברויט, אַוודאי זעט ער די עוולות און באַליידיקונגען, וואָס זיינע שוועסטער — דינסטמיידלעך האָבן אויסצושטיין ביי די רייכע באַלעבאַטים, ער באַווייזט עס אָבער נישט אידעאיש צונויפצובינדן.

קינסטלעריש געגומען זיינען אָבער „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" פּערלעס דאָס סאַמע אויסגעשטאַנענע רייפע און געלייטערטע בוך.

***

די אויטאָביאָגראַפישע ליניעס ציט זיך ווייטער אין זיין צווייבענדיקן ראָמאַן „די גילדענע פּאַווע". ער גיט אויף אַן עפּאָפּעאישן שטייגער אַ קווער־שניט פון פערציק יאָר יידיש לעבן אין פּוילן. דערביי שילדערט ער דעם אויפקום פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1905. דער ראָמאַן איז לויטן סיוזשעט דערפירט ביז צום אויס־ברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אמת, דאָ איז פּערלע מער אָפּגעהיט מיט אַ וואָרט, בילד, זאַץ־בוי און אַלגעמיינער קאָנסטרוקציע. דער חיתוך הכתב איז אַ געלייפיקער צו־ביסלעך אַנגעשטעקט מיט פּרעסע־געשפּאַנטקייט. ער ווייזט אָבער אַרויס טיפע לעבנס־קענטעניש און ענגע אויסגעבונדנקייט מיטן יידישן לעבנס־שטייגער אין פּוילן. זיין שרייבערישע סטיכיע איז יידיש פּאָלקסטום נישט אין דער שבתדיקער געהויבנקייט נאָר אין דער וואָ־כעדיק־גרויער טאָג־טעגלעכקייט פון שוסטער־געסל. אויך דאָ איז ער געבליבן טריי זיין באַזונדערע שוואַכקייט צו שילדערן ס'ריין־מענטשלעכע דווקא ביים פּראָסטן און פּשוטן מענטש. ווען ער האָט ערגעץ באַגעגנט פּשוטע יידן מיט פאַרזאָרגטע פּנימער, אויסגעקרימטע רוקנס און אויסגעריבענע מלבושים, פלעגט ער מיט שטאָלץ זאָגן „יאָ, דאָס זיינען מיינע יידן"... זיי ווערן דורך פּערלע באַהאַנדלט מיט וואַרעמקייט און ליבע. ער וויל דערמיט פאַרגיטיקן זייער ביטערע אָרעמקייט. פון אונטער זיין פּען קומען זיי אַרויס געלייטערטע אין נויט, איידל־יידן, וואָס פאַרנעמען אַ סך שלעכטס אין לעבן און שפּאַנען פונדעסטוועגן קיין מאָל נישט אַריבער דער שוועל פון ערלעכער מענטש־לעכקייט.

די צענטראַל־פיגור פון דער „גילדערנער פּאַווע" איז פּערלעס עלטערע שוועסטער פון איין מאַמע, די בילד־שיינע ראַכטשע, וואָס האָט מיט איר שיינקייט געקערט אַ וועלט און אַרום זיך אומעטום געשפּרייט טרויער און אומגליק. דערביי האָט זיך פּערלע פאַרגענומען אַליץ צו שילדערן און וועגן אַליץ דערציילן דעם גאַלן אמת אַן וועלכע ס'איז ליטעראַרישע באַפּוצעכצן. ר'האָט נישט אויסגעמיטן קיין שום שאָטן און אויך אַרויסגעוואָרפן יעדן גלאַנץ, וואָס איז געווען מסוגל אַריינצוברענגען אַ פאַלשן אַקצענט. מיט אַ צייט איידער ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זיינע „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" האָט ער מיר דערציילט וואָסער גוואַלדיקן איינדרוק ס'האָט אויף אים געמאַכט מאַקסים גאָרקיס אויטאָביאָגראַפישע טרילאָגיע („קינדהייט", „צווישן מענטשן" און „מיינע אוניווערסיטעטן"). „איר פאַרשטייט — האָט ער מיר געזאָגט — דער מענטש האָט זיך פאַר דער וועלט אויסגעטאָן אָדם־נאַקעט; באַשריבן אַליץ ערלעך־אָפן, נישט געשוינט אַפילו אייגענע טאַטע־מאַמע. אָט דאָס הייסט אַ גרויסער שרייבער!" לויט אָט־דעם מעטאָד האָט פּערלע באַשריבן זיין

קינדהייט און ייִנגל־לעבן; נישט געשוינט ס'עם הארצות פון טאַטן, דער מאַמעס חסרונות און שוואַכקייטן ווי אויך דער שוועסטערס בייזוויליקייטן. אַ שרייבער, האָט ער געטענהט, האָט נישט קיין סודות, ער דאַרף אַלץ ערלעך אַנטפּלעקן. ווען איך האָב אַמאָל אין פּערלעס היימשטאָט באַגעגנט זיין שוועסטער די „שיינע ראָכטשע" (איר אמתער נאָמען איז ציפּע) און מיט איר פאַרפירט אַ שמועס וועגן איר ברודער, האָט זי פאַרשנירט ס'פּיסקל און מיט אַן אויפגעבלאָזענער מינע געזאָגט: „וואָס זאָגן זיי נישט צו שיע, עפּעס באַשרייבט ער אַזעלכע נאַרישקייטן פון אַמאָל, ווי אַזוי עס איז געווען ענג אין דער היים, ווי אַזוי זיין טאַטע איז געגאַנגען אָפּגעריסן. נע, נע, איך פאַרשטיי אַבסאָלוטנע נישט צו וואָס מען דאַרף עס". ווען כ'האָב עס איבערגעגעבן פּערלען, האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרלעגן שמייכעלע: „אַהאַ, מיין שוועסטערל שעמט זיך"...

„הינטערגאַסן" איז ס'לעצטע ברייט־פאַרמאָסטן בוך פון פּערלעס אויטאָביאָגראַפישע טרילאָגיע. ער לעבט קינסטלעריש אויף די גילדענע פּרץ־תקופה מיט איר באַזונדערן ייִדיש־וואַרשעווער אַראָמאַט. ס'איז די צייט פון ייִדיש־וועלטלעכן קולטור־רענעסאַנס; אַלץ רייסט זיך צום לעבן. אַ ראַשער איבערגאַנג פון גרויען הינטערגעסל צום זאַקסישן גאָרטן, וואו י. ל. פּרץ אַן איינגעהילטער אין אַ ברייטער פּעלערינע פלעגט שפּאַצירן איבער דער „ליטעראַרישער אַלעע". הונדערטער דורכגייער ציען דעם הוט פאַר דעם דאָזיקן וואונדערבאַרן מאַן.

אָט שטייט פּרץ אויף דער עסטראַדע אין דער פילהאַרמאָניע פאַר אַ טויזנטקעפּיקן עולם, וועלכער נעמט אויף יעדעס וואָרט פּרצעס מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. „פּרץ האָט געזאָגט", „פּרץ האַלט", „פּרץ מיינט", דאָס זיינען כישוף־ווערטער, וואָס ברענגען אַריין העלע יום־טובדיקייט אין דער טריבער שטוב פון ייִדישן אַרבעטער און פאָלקסמענטש. אויך דער יונגער פּערלע געפינט זיך צווישן דעם עולם באַגייסטערטע פּרץ־פאַרערער.

אויף אָט דעם פּאָן פלעכט זיך אַ ליבע צווישן אַ יונג צאַרט פּאָרל. ער אַ זון פון אַ דאָרפסגייער, זי — אַ טאָכטער פון אַ וואַרשעווער קברן;ביידע פון אַן אָרעמער שטוב, פון די א. ג. הינטערגאַסן. זיי רייסן זיך אָבער צו אַ שענער לעבן. דער „שדכן" איז דאָ פּרצעס בליצוואָרט „מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע"; יאָ, ס'דאָזיקע וואָרט סיגנאַליזירט אַ נייע וועלט. פּרץ צינדט אָן דעם צעפּאָכעטן עולם און צינדט אויך אָן די צעפּאָכעטע הערצער פון פאַרליבט פּאָרל, וואָס גייט פאַרצויבערט צו אַ געאַנטער אילוזאָרישער וועלט.

מיט אַ געמאָסטן וואָרט, וואָס איז טיף איינגעוואָרצלט אין טיף־פּוילישן שטייגער באַווייזט פּערלע פלאַסטיש איבערצוגעבן די משונהדיקע גלגולים, וואָס ס'פּאָרל לעבט איבער ביז עס דערשלאָגט זיך צו אַ ברעג. ער דרינגט אַריין אין אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון דער ייִדישער אָרעמקייט, וואָס גייט אויס פון בענקעניש נאָך אַ ביסל יום־טובדיקייט.

***

אין דער וואַרשעווער שרייבער־משפחה האָט מען פּערלען געזען זייער גינציק; ער איז געווען אַ גוטער חבר, מיט אַ באַזונדערן חן, אַן אויפגעלייגטער, תמיד גרייט אונטערצושטעלן אַ פּלייצע פאַר אַ צווייטן. ער האָט אָנגעשטעקט מיט זיין האַרציקייט, אויפריכטיקייט און אָפן געלעכטער. געהאַט אַ באַזונדערן חוש פאַר גערעכטיקייט און נישט פאַרטראָגן קיין עוולה. ער האָט פאַרבראַכט מיט גאָר יונגע שרייבער און זיי כסדר אונטערגעוואַרעמט. שויןביים אַריינקומען אין לאָקאַל פון וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין פלעגט ער מיט אַ ברייטן שמייכל זיך ווענדן צו די יונגע שרייבער אַ ביסל וואולגאַר: „נו, פענטאַקעס, וואָס האַלט עץ עפּעס אין איין זיצן אין דער בודע, קומץ לאָמיר גיין שפּאַצירן".

געווען אַ צייט ווען ער האָט געוואָלט בעסער מאַכן זיין מאַטעריעלע מערכה און געשריבן אין וואַרשעווער „מאָמענט" שפּאַנענדיקע ראָמאַנען, וועלכע ר'האָט אונטערגעשריבן מיט דריי שטערנדלעך. אַ סך פּען־קלוב־שרייבער האָבן געטאָן ס'זעלביקע און ס'איז געווען שאַ־שטיל. פּערלען איז עס אָבער נישט אָנגעגאַנגען גלאַטיק. מ'איז אים באַפאַלן פון אַלע זייטן. „דריי שטערנדלעך" איז ממש געוואָרן אַ זידל־וואָרט. אין ווילנע בעת דעם ליטעראַרישן טאָג אויפן ייוואָ־צוזאַמענפאָר האָט מען אים געמאַכט אַ ווילדע אַוואַנטורע און באַין אופן אים נישט געלאָזט פאַרלייענען זיינס אַ נאָוועלע. אַוודאי האָט עס אים געאַרט, אָבער ר'איז געבליבן ביי ס'זייניקע. „אַלע שרייבן, מעג איך אויך; איך וויל נישט זיין מער צדיק פון אַנדערע". אָבער מיט אַ צייט שפּעטער איז ביי אים פאַרגעקומען אַן ענדערונג. געווירקט האָט אויף אים י. אָפּאַטאָשוס אינטערוויו, אין וועלכן ער דריקט זיך אויס, אַז ס'זיינען ביי אונדז פאַראַן באַגאַבטע שרייבער־גנידעס, וואָס פּלאָדזשען שונד. פּערלע האָט זיך דערמיט שטאַרק איבערגענומען און ביסלעכווייז זיך אַרויסגעצויגן פון שרייבן סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען. בכלל איז ער געווען אַ נוח לבריות, געהאַט עפּעס אַ מאָדנעם דרך־ארץ פאַר אַ תלמיד־חכם און אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע שוואַכקייט צו טראַדיציאָנעלער יידישקייט. ער האָט נישט איין מאָל איבערדערציילט, אַז ווען נאָמבערג איז געשטאָרבן האָט מען ביים אָרון געהאַלטן אַן ערן־וואַך מיט אָפּגעדעקטע קעפּ. ער אָבער מיט י. מ. ניימאַן זיינען די איינציקע געשטאַנען מיט די היט אויף די קעפּ. „איר פאַרשטייט, דאָס איז אַ יידישער אופן פון כבוד המת און איך לאַך זיך אויס פון זייער „פּאָסטעמפּ".

צו דער קריטיק האָט ער בדרך כלל געהאַט מזל. אין די לעצטע צייטן האָט ער זיך אַפילו דערוואָרט אויף אַ ביסל כבוד. ער איז איין מאָל פּרעמירט געוואָרן פון ניו־יאָרקער „טאָג" פאַר זיין „אָרנטלעכע פּרוי", שפּעטער אין יאָר 1937 אויסגעצייכנט געוואָרן דורך אַ זשורי ביים פּוילישן „בונד" פאַר זיין „יידן פון אַ גאַנץ יאָר", לסוף באַקומען די פּרץ־פּרעמיע ביים יידישן פּען־קלוב אין פּוילן פאַרן זעלביקן בוך. בלויז דער פאַרביטערטער י. מ. וויסנ־

בערג האָט אים פון מאָל צו מאָל געגעבן אַ שטאָך, אָנרופנדיק אים עפנט־לעך „שרייבערישער זייגערמאַכער". דאָס זאָל הייסן, אַז די רעדעלעך דרייען זיך, די ווייזערס רוקן זיך און דאָס גלעקל קלינגט, אָבער קיין נשמה איז נישטאָ. פּערלע האָט אים שאַרף אָפּגעענטפערט. פונדעסטוועגן ווען ווייסנבערג איז געשטאָרבן איז פּערלע אַרויסגעטראָטן מיט אַ האַרציק אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט געשריבן „איך בייג פאַר דיר מיין קאָפּ, איטשע מאיר". באַזונדער האָט זיך אויף אים אָנגעזעצט י. ראַפּאַפּאָרט, וועלכער האָט וועגן פּערלען געשריבן פּאַמפלעטן און אויך געהאַלטן אַ ריי אָראַפּרייסערישע פאַרלעזונגען.

מיר איז עטלעכע מאָל אויסגעקומען צוזאַמען מיט פּערלען צו פאַר־ברענגען דעם זומער־אורלויב. האַרט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען מיר געווען אינאיינעם אין קריניצע. מיט אונדז זיינען דעמאָלט אויך געווען יצחק קאַצענעלסאָן, ב. יאושזאָן, און דער נאָוועליסט פּישמאַן. מיר פלעגן אָפּט מאַכן ווייטע אויספלוגן. פּערלע איז שטענדיק גע־ווען אַ צעזונגענער. איין מאָל האָבן מיר כאַראַל פאַרגעזונגען קאַצענעלסאָנען זיין עלעגיע „די זון פאַרגייט אין פלאַמען". קאַצענעלסאָן איז דערפון געווען שטאַרק געשמייכלט און געזאָגט צו פּערלען — „נישט אַנדערש גאָר איך דאַרף איצט אויף אויסווייניק רעציטירן אייערס אַ ראָמאַן".

פּערלע האָט ליב געהאַט צו גיין שבת־צו־נאַכט צו די רביישע טישן אין קריניצע און זיך צוהערן צו די חסידישע תורות בעת שלוש סעודות. איין מאָל איז ער געגאַנגען צום באָבאָווער רבי. ער האָט שפּעטער דער־ציילט מיט גרויס התפּעלות ווי אַזוי דער גבאי שיט מיט „אַקטועלע" גראַמען ד"ה ער זאָגט אַ „ליד" געשטיצט אויף דער סדרה פון דער וואָך.

איין מאָל האָב איך אים ווידער געטראָפן אַ צעזונגענעם. פּערלע, וואָס איז מיט דיר די חזנישע גדולה? — „אוי, גלויב מיר איך זינג און זינג און אי־נעווייניק אין מיר וויינט עפּעס כסדר". וואָס איז געשען? — „גאָרנישט כ'שפּיר אַז ס'רוקן זיך אויף אונדז אָן ביטערע טעג..." דאָס איז געווען אַכט טעג פאַרן מלחמה־אויסברוך צווישן דייטשלאַנד און פּוילן.

מיר זיינען צוזאַמען אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע, באַזונדער אַנטלאָפן פון וואַרשע און אין יאַנואַר 1940 זיך ווידער געטראָפן אין סאָוועטישן לעמבערג.

פּאָליטיש איז פּערלע געווען זייער נאַאיוו, זיך קנאַפּ אָריענטירט אין נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. ער האָט אָבער אַרויסגעוויזן אַ שטענ־דיקן ווידערווילן צום ציוניזם. ער פלעגט זאָגן: „איך בין לייזער שאַניאַשס זון. אין מיין היימשטאָט זיינען די ציוניסטן געווען זאַטע יידן, וואָס טראָגן אום יום־טוב צילינדערס. זיי האָבן אַלע מאָל אויסגעמיטן מיין טאַטנס אָרעמע שטוב, מייד איך זיי היינט אויס". אַמאָל איז ער געווען אַ סימפּאַטיקער פון „בונד", אין לעצטן יאָר פון דער מלחמה איז ער געווען אַ פאָרמעלער פּאַרטיי־מיטגליד פון „בונד".

אין לעמבערג איז ער געזעסן אין סאָוועטישן שרייבער־קלוב אַרומגע־רינגלט מיט ש. י. אימבער, אלתר קאַציזנע, ה. ל. זשיטניצקי, בער שנאַפּער

און משה שימעל. די איבעריקע האָבן געווייכט פון אים, פשוט אויס מורא, ווייל מ'האָט געוואוסט, אַז פּערלע איז דאָ נישט אין גאַנצן כשר. ער אַליין איז אויך געווען שטאַרק אומרואיק. די אָנגעזעענסטע מחותנים זיינען דאָרט געווען יעקב שודריך און ישראל אַשנדאָרף. זיי האָבן עס פּערלען כסדר באַרואיקט, אַז עס וועט אים, חלילה, גאָרנישט געשען קיין שלעכטס.

ער האָט זיך צו ביסלעך איינגעלעבט אין לעמבערג, אַרויסגעטראָטן מיט פּאָרלעזונגען אין די פאַבריקן, אַפילו געשריבן, אָבער קיין מנוחה האָט ער דאָרט עפּעס נישט געפונען. אין יוני 1940 האָב איך פון אים באַקומען אַ בריוו קיין ביאַליסטאָק מיט אַ פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלן ביינאַנד זיך אַוועקלאָזן קיין ווילנע. אָבער באַלד נאָך דעם בין איך פאַרשיקט געוואָרן און פאַרלוירן מיט אים יעדן קאָנטאַקט. שפּעטער האָב איך געלייענט, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ שרייבער־אויספלוג קיין קיעוו. אויף מיינע בריוו צו אים פון ווייטן צפון האָב איך נישט באַקומען קיין ענטפער.

נאָך דעם ווי די נאַצי־האָרדעס האָבן פאַרנומען לעמבערג איז פּערלע אַריבער קיין וואַרשע. דאָרט האָט ער מיטגעמאַכט אַלע געטאָ־צרות. ער האָט זיך נאָך געוויצלט, אָבער מ'האָט שוין געזען, אַז די אויפגעלייגטקייט איז אַ געמאַכטע; ער איז כסדר אַראָפּ פון דער מראה. ס'איז אַפילו געווען אַ צייט ווען עס האָט פאַר אים אַ שימער געטאָן אַ שטראַל פון האָפענונג. ער איז געווען צווישן די גליקלעכע, פאַר וועלכע ס'זיינען באַשטימט געוואָרן סער־טיפיקאַטן. שפּעטער האָט זיך דערפון אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

אין געטאָ האָט ער אָנטייל גענומען אין די א. ג. ליטעראַרישע שמועסן אין אַרכיוו־לאָקאַל פון דער קהילה צוזאַמען מיט ד"ר יצחק שיפּער, ד"ר מנחם שטיין, הרב מנחם זעמבא, יהודה לייב אָרלעאַן, ד"ר הלל זיידמאַן, יצחק קאַצענעלסאָן, טשודנער א. אַנד. אַט־די אויסטערליש צונויפגעזאַמלטע מסיבה פון רבנים, וויסנשאַפטלער, דערציער און שרייבער האָט שעהנוויי דיספּוטירט אַקוראַט ווי אין ר' עקיבאס צייטן אין בני ברק. אַלץ איז אַרומ־גענומען מיט פלאַמען און דאָ חקרנט מען זיך וועגן דעם צי איז שוין אַמאָל געווען אין דער יידישער געשיכטע אַזאַ פּעריאָד? און וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? דער שמועס האָט ווייטער געפיבערט עד שבאו גראַכאָווער חלוצים און אָנגעקלאַפּט אין טיר: רבותנו, הגיע זמן של מרידה... און נאָך דעם איז געקומען דער „שפוך חמתך".

ענדלעך איז פּערלען מיט זיין זון געלונגען אַריינצופאַלן אין דער רשימה פון די, וואָס האָבן באַקומען אויסלענדישע פּעסער. זיי זאָל מען בעסער באַ־האַנדלען און דערהויפּט מען וועט זיי דערלויבן צו פאַרלאָזן פוילן. ער איז אַריבער אין „האָטעל פּאָלסקי", כדי צו וואַרטן אויפן טראַנספּאָרט. שפּעטער זיינען די פּעסער געפעלשט געוואָרן און פּערלע איז אויף „דערוויל" איבער־געפירט געוואָרן קיין בערגן־בעלזן. דאָרט האָט ער געהערט צו די פּריווי־לעגירטע, וואָס דאַרפן „אין גיכן" אַרויסגעלאָזט ווערן פון נאַצי־גיהנום. אָבער אויך אין לאַגער האָבן זיך געגרינדעט „ליטעראַרישע קרייזלעך". מ'האָט געהאַלטן רעפעראַטן און געלערנט יידישע געשיכטע. איינער אַ לעקטאָר האָט

זיך באַזונדער אויסגעצייכנט מיט זיינע מוסטערהאַפטיקע תנ״ך־לעקציעס. פערלע האָט געהערט צו די פלייסיקסטע באַזוכער פון די תנ״ך־לעקציעס, און ער האָט אויף זיין שטייגער הויך אויסגעדריקט זיין אַנטציקונג. דערעיקרשט האָט ער געלויבט די שפּראַך פון לעקטאָר. „אַ־ווא, וואָסער טייערן יידיש דער ייד האָט!״ דערביי איז גראָד געשטאַנען דערשלאָגן אַ באַקאַנטער שטאָק־פרומער מחנך און זיך אָפּגערופן: „וועגן וואָס רעדט עץ דאָ, וועגן דער תורה־לעקציע? זאָטץ וויסן, אַז „קודשא ברוך הוא, אוריתא וישראל חד הוא״. אויב מען פאַרברענט ס׳ביסל יידן איז שוין נישט נייטיק קיין תורה״... דאָס האָט אויף אַלעמען געווירקט ווי אַ דונער, עפּעס אַ פלוצים־קאָצקער „לית דין ולית דיין״... פערלע איז געוואָרן דערשיטערט צו הערן אַזעלכע רייד פון איינעם, וואָס איז ביז איצט געווען באַקאַנט ווי אַ פרום־גלייביקער. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען דעם שווידער פון דער לאַגע. ער האָט לאַנג געקוקט אויף דעם אָרטאָדאָקסישן מחנך און ס׳האָבן זיך אים גענומען קייקלען טרערן אין די אויגן. ס׳איז נישטאָ קיין פאָלק... איז שוין ממילא די תורה נישט נייטיק, ווייל ישראל און די תורה זיינען היינו הך...

די „גליקלעכע״ שעה האָט געשלאָגן און פערלע איז אום שמחת תורה תש״ג צוזאַמען מיט אַנדערע „אויסלעגנדער״ דעפּאָרטירט געוואָרן אין אַן אומבאַשטימט אָרט. אַלע האָבן אים מקנא געווען, ער וועט זיך דאָך אַרויס־באַקומען אַ לעבעדיקער. ביים געזעגענען זיך האָט ער פאַרזיכערט: „איך וועל דערציילן דער וועלט וואָסערע רשעים און היצלעס די פּאָליאַקן זיינען״.

פון דעמאָלט אָן איז פאַרשוואונדן פערלעס לעצטער שפּור. ער האָט נישט באַוויזן דערציילן דער וועלט וועגן דער רשעות, וואָס איז אַקעגן אונדז אָפּ־געטאָן געוואָרן. ער האָט עס אויך איבעריקנס פאַרשפּאָרט צו טאָן, ווייל די ווערעמדיקע וועלט וויל אונדז סיי־ווי־סיי נישט אויסהערן. ער איז צוזאַמען מיט „זיינע״ יידן געגאַנגען אין קאַלכאויוון אַריין...

זאָל מיר דערלויבט זיין בפרהסיא לאָזן פאַלן אַ טרער אויפן קבר פון מיין ליבהאַרציקן חבר און בן עיר יהושע בר אליעזר פערלע ז״ל, אַ טרער אויף זיין אַש־קבר, וואָס שוועבט ערגעץ אין חלל האויר... וואָרעם פונקט ווי וועגן אַלע קדושים קאָן מען אויך וועגן פערלען זאָגן חומש־ווערטער: „ולא ידע איש את קברתו״...

י. י. סיגאל

ישראל שטערן

אומגעקומען על קדוש השם

א

פון פאַרשיידענע ווינקלען האָבן זיי זיך געצויגן די נייע און די נייערע, די שפּעטערע און די פּאַרשפּעקטיקטע — די יידישע פּאָעטן פון קרוין־פּוילן. „אמאָל" איז געווען אין וואַרשע דער אַדרעס פון דער יידישער ליטעראַטור פּרצעס הויז. דאָרט האָט געשמעקט מיט אינטימקייט, מיט שטוב־וואַרעמקייט, מיט סביבה וואָס האָט פון זיך געטריבן דאָס פּראָפּעסיאָנעלע, דאָס טינט־ליטעראַרישע. שפּעטער האָט זיך דער ליטעראַטורס אַדרעס געביטן פון פּרצעס הויז אויפן ליטעראַטן־פאַראיין. אין ליטעראַטן־פאַראיין איז געהאַנגען פּרצעס בילד וואָס האָט דערמאָנט די אַמאָליקע ראָמאַנטישע פּרץ־תקופה און ניט איין עכטער, נייער יידישער וואָרט־קינסטלער האָט זיך מיט בענקשאַפט פאַרקוקט מן הצד אויפן פּאָטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און מקנא געווען יענע וואָס האָבן געהאַט דעם זכות אַריבערצוטרעטן די שוועל פון זיין שטוב. און עכטע קינסטלער, אַזוי דאַכט זיך מיר, דאַרפן ניט איבעריק ליב האָבן קיין ליטעראַרישע פאַראיינען, וויפיל לאַנגע שעהן זיי זאָלן דאָרט ניט אָפּזיצן און ווי פאַרדמיונט זיי זאָלן ניט זיין און זיך אויסחלומען ביים טישל אַז זיי זיינען פאַרפאָרן אין אַן אַלט־צייטיק־פאַרצייטיקער קרעטשמע און זיך פאַרזעסן אין די שפּעטע נעכט ביז צו קינסטלערישן חצות — איז דער ליטעראַטן־פאַראיין ניט דאָס היימיש־אינטימע אָרט, — וואָס פאַר אַ ראָמאַנ־טיש געדעכעניש ער זאָל ביי אונדז ניט אויפוועקן נאָך זיין אומקום — וואָס זאָל פאַרבייטן דאָס משפּחהדיקע געמיט וואָס האָט געהערשט אין די דלד אמות פון פּרצעס שטוב. דאָס האָט לחלוטין ניט צו טאָן מיט גרויס־שטאָטיקייט אָדער גרויס־וועלטיקייט. דאָס קינסטלערישע „שטיבל" און פּרצעס שטוב האָט אייגנגעהיט די יונגקייט און די פרישקייט פון יענע דיכטער וואָס האָבן נאָך געטראָגן אין זיך די גאַנצקייט פון אַ וועלט און פון אַ דור, וואָס האָט געדאַרפט אַריבערגעפירט ווערן אין דער נייער צייט. האָט דאָס דאָך פּרץ אַליין געטאָן — אין זיין שאַפן. וויפיל ער האָט זיך נישט „אַרומגעבלאָנקעט און אַרומ־געוואָלגערט" אין די קאָמערן פון דער וועלט־ליטעראַטור, וואָלט ער בשום אופן ניט געפונען פאַר זיך קיין תוכיקן אָנלען אויף וועלכן אָוועקשטעלן זיין דיכטעריש געבוי. ער איז אָוועק אין חסידים־שטיבל. אין פאָלקס־שטיבל און דאָרט האָט ער זיך, וועלטלעך, צוריקגעפונען.

דאָרט איז געווען אַזוי פיל אָנגעלעבט יידיש לעבן, אַן אָנגעזאַמלטער

אוצר גײַסט און סך־הכּלדיקע אידעען־קלאָרקײט און לעבעדיק־באַוועגלעך קוועלנדיק לשון, געגנוג פֿאַר גאַנצע דורות. אין פּרצעס שטוב איז אויסגעהיט געוואָרן די יחידוּתדיקײט פֿון דער נאָר־וואָס אויפֿגעקומענער, מאָדערן־וואַקסנדיקער ליטעראַטור. פּרצעס קינסטלערישע פּערזענלעכקײט איז געווען אַ סגולה פֿאַר דער אײגנאַרטיקײט, באַזונדערקײט און אָריגינאַליטעט פֿון יעדן אײנעם וואָס איז געווען אַ יורש פֿון אַ גאַנצער לעבנס־ירושה, פֿון אַ ירושה גאַנצקײט וואָס האָט ניט אָנגעוואָרן איר אַלט־יידישן „אײביקן” קאָלאָריט, איר כאַראַקטער און ניט בטל געוואָרן בײַ זיך פֿאַר דער גרויסער וועלט, פֿאַר „אײראָפּע” וואָס האָט ס׳רוב געמײנט אַן אויסערלעכע אימיטאַציע פֿון אַ לבוש וואָס האָט ניט תּמיד געפּאַסט אונזער אײגנאַרטיק גײַסטיג געשטעל. אײראָפּע האָט געגעבן מער דרויסנדיקע באַקוועמלעכקײט, בשום אופֿן ניט קײן אינערלעכע רחבות, קײן נשמהדיקע פֿרײַקײט. זיבן מאָל זיבן יאָר שווער־האָרעוואַניע בײַ דעם לבנישן מאַטעריאַליזם און נאָכדעם האָט ערשט דער ערמי אָפּגענאַרט. דאָס ציוויליזירטע געצנדינסט האָט זיך אויך געמוזט אָפּשפּיגלען און אָפּזיגלען אויפֿן קינסטלערישן שאַפֿן. די גרויס־השׂכּלה אין אונזער גרענעץ האָט זיך געפּליגלט אונטערן שוץ פֿון דער „שכינה” פֿון יעדן אײראָפּעאישן גדול. דערהויפּט האָט בײַ אונדז ניטשע געהאַט אַ גוט מזל. מ׳האָט זיך ממש גרימירט די גײַסטיקע פּנימער אַלאַ זאַראַטוסטראַ.

דער פּאָעט ישׂראל שטערן, אויף ווי ווײַט זײַן יידיש־קינסטלערישע פּערזענלעכקײט לאָזט זיך דערקענען פֿון זײַנע לידער, איז ממש געווען שיכּור־פֿאַרחושט פֿון דורותדיק־טיף־יידישער גאַנצקײט וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן און זי געוואָלט אויסהיטן פֿון יעדן שאָטן שטנעז. אַן אַרײַנגעטאָנענער אין זיך מיט אַזאַ דבקודיקער רעליגיזיטעט, זעט ער זיך אַרויס פֿון זײַן ליד ווי ער וואָלט אין גאַנצן אַרומגעגאַנגען אויף אַן אַנדער גאַס ערגעץ בײַם ברעג וועלט, אין אַ פֿאַרצײַטיקער צפֿת, און די אַקוסטיק פֿון דער דאָזיקער וועלט איז אַזאַ אַנדערע; דאָס טראַכטן און דאָס רעדן־געוואָרענע טראַכטן האָט אַזאַ אַנדער אָפּקלאַנג, און דערפֿאַר באַקומען זײַנע ווערטער אַן אַנדער קאָליר, אַן אַנדער דורכשטראַלונג. דאָס איז ניט קײן וועלן דערשלאָגן זיך אָדער אַ דערגרונטעוועז זיך צו אַ יידישן פּרימיטיוו, וואָס זעט אויס אין אונדזערע הײַנטיקע, ראַציאָנאַל־געשכלטע אויגן ווי אַן אַרויסגעגראָבן געשטאַלט פֿון אַ פֿאַרגעסן שטיק צײַט פֿון די קאַטאַקאָמבן, נאָר — דאָס איז טאַקע דאָס יידיש רעאַלע אויפֿנעמען די וועלט וואָס איז אין תּוך ניט אַזוי רעאַל־פּשוט ווי מען וויל באַשרענקען דעם יידישן צוגאַנג צו וועלט און מענטש. און ווײַל עס איז ניט אַזוי געוויינלעך, ניט אַזאַ פּראָסט מאַטעריאַל, טאָר מען זיך ניט אײַנרעדן אַז מען האָט שוין געפֿונען די מכשירים, דאָס געצײַג ווי אַזוי די וועלט און דעם מענטשן איבערמעשׂה־בראשיתן, איבערבויען, איבערשאַפֿן.

דאָס ראַציאָנאַלע קאָן נאָר אויסלערנען די טעכניש־מאַשינאַווע תּורה ווי אַזוי נאָכצומאַכן אַ מענטש־גולם אָדער פֿאַרגולמען דעם מענטש און אים רעדוצירן צו דעם „וואונדער” פֿון אַ מאַשין. דאָס איז אָבער דער סאַמע

היפוך ווי אַזוי צו בעסערן, צו לײַטערן און געטלעכן דעם מענטשן. דער היינטיקער מענטש איז עטיש שוואַכער, שלאַבעריקער ווי דער מענטש פון אַמאָל; מאָראַליש טעמפּער און פלאַכער. דאָס פאַרהאַוועטע צו טאָן־האָבן אַ ר ז ם זיך האָט דעם מענטשן געמאַכט פאַר דער סאַמע פּעאיקסטער, קליגסטער און פאַרדאָרבנסטער חיה צווישן די וועלט־ברואים. דעם עגאָ אַרויפגעשרויפט צו אַזאַ נאַרישער פאַריסנקייט אַז ער ווערט טרויעריק־לעכערלעך אַרויפגעכאַפּט אויפן שטריקל פון מלאך המות. און ווייל דאָס איז שוין דערפירט געוואָרן צו אַ לעצטער סטאַדיע, האָט דער טיפערער מענטש, דער ערלעכער דיכטער און ערנסטער קינסטלער אַ גוואַלטיק־שאַרפע נטיה כאַטש אויף אַ מאָמענט אַ וועקוקן דערפון, צומאַכן די אויגן, אַריינטאָן די ראיה אי ן ־ ז י ך און דערזען יענע וואונדערלעכע, הערלעכע וועלט וואָס איז פאַרזען געוואָרן, און אויף אַזאַ אופן ז י ך צוריקרופן פון דער נאַקעטער, וויסטער זאַמדן־פלאַך אויף וועלכער אונזער לעבן איז אַרויפגעשלעפּט געוואָרן.

דאָס איז אין תוך אַ צוריקרופן דעם מענטשן צו זיין ג ײ ס ט י ק ע ר נאַטירלעכקייט, צו זיין מענטשלעכער אינטימקייט, צו דער יעקבדיקער אוהל־וועלט להיפּוך דעם עשודיקן ציוויליזאַציע־יאַגד, דעם „געיעג אויף גאָט“ ווי אויף אַ ווילדער חיה פון וועלכער מען דאַרף פאַר זיך מאַכן אַ גוט פלייִשיק געריכט. דער געדיכטסטער ציוויליזאַציע־ און קולטור־וואַלד איז געווען דייטשלאַנד און וואָס פאַר אַ מטעמים זי האָט צוגעריכט פאַר אונדז! מיר מעגן אַ ביסעלע צווייפלען אין אונדזער באַשטימונג אַז די דייטשן זיינען די ערגסטע מענטשן. אפשר זיינען זיי ציוויליזאַטאָריש־פּאָליטיש צוגעפירט געוואָרן דערצו זיי זאָלן זיין די ע ר ש ט ע ע ר ג ס ט ע. נאָך זיי זיינען עלול צוצוקומען די צווייטע, די אַנדערע ערגסטע. עס איז די הדרכה, די היינטיקע ציוויליזאַציע וואָס הערט נישט אויף צו דערציען דעם „קינדיש־דערוואַקסענעם“ מענטשן יעדער רגע פון דער שעה. דערפאַר איז אַזוי גרינג איבערצושפּרינגען פון סאָציאַליזם אין אַלע זיינע מעסיקע און עקסטרעמע ריכטונגען, צום נאַציזם. ניטאָ קיין גייסטיק סאָלידע איינגעזעסנקייט אין אַן אידעע, אין אַן אידעאַל וואָס דאַרף דינען דער אויפריכטונג פון דעם מענטשן. די מחנה פון אַ צעהאַסטיקט, היסטעריש געיעג איבערצוגאַלאָפּירן די צייט, אַריבערשפּרינגען תקופות — דאָס איז דער געוועט־שגעון פון אונדזער עפּאָכע. דער ערלעכער דיכטער, וואָס איז אויך דער אמתער מענטש, שפּירט עס מיט אַלע זיינע חושים שטאַרקער פון אַלעמען און פאַרלייקנט אָט די אַלע, אין אַן אייביקערן זין גענומען, ניט מער ווי דעקאָראַטיווע דערגרייכונגען.

אַ צוריקרופן צו אַן אינערלעכער באַרואיקונג פילט מען אין ישראל שטערנס דיכטונג. אַ טייטלען מיטן פינגער אויף גאָר אַן אַנדער בילד, וואָס די וועלט שטעלט פאַר מיט זיך און רעפלעקטירט אין אונזערע נשמות. און איז דען דאָס עצם קינסטלערישע שאַפן ניט דער גרעסטער מוסטער פון טיפער, גרויסער, פרעזערווירטער גייסטיקער רו, גאַנצקייט מיט זיך? אַן אַנטלויפן פונעם אַנטלויפן־פון־זיך, וואָס דאָס איז דער בייז־טוער און שרעקלעכ־

סטער פאַקטאָר פון דעם היינטיקן ציוויליזירטן מענטשן. ער האָט מורא פאַר זיך ווי פאַר אַ טונקעלן, פאַרזינדיקטן געשפּענסט; אַ קין, וואָס איז איבערגע־לאָדן מיט אַ בלייאיק־שווערן שולד־באַוואוסטזיין פון איינעם וואָס טוט ניט די ריכטיקע, די גערעכטע זאַך, לעבט ניט דאָס נאַטירלעכע לעבן און איז נאָך גייסטיק אָדם־נאַקעט. ער שעמט זיך מיט זיין גייסטיקער נאַקעטקייט און פּרוּווט פאַרדעקן מיט אַזוי פיל מאַטעריעלע אויפטוּאוּנגען, אַזש עס שווינדלט דער מוח. נאָר די שאַנד שרייט אַריבער די העכסטע וואָלוואָרטס און עמפּייער־סטייטס. דער דיכטער „שרייט" מיטן סאַמע שטילסטן קול זיין נביאיש־קינסטלערישן לא זו הדרך.

אין דער צוריקגעצויגנקייט, אין דער גזירות פון דעם שעפערישן, קינסט־לערישן מענטשן, דריקט זיך אָפּט אויס דאָס גרויס־רעוואָלוציאָנער־מענטש־לעכע און אַקטועלע. אַ צוריקרוף פונעם בלוטיקן דרך המלך אויף וועלכן די גאַנצע מענטשהייט טרעט ווי אַן אַנגעגורט חייל צו דעראָבערן — דעם טויט. דער דיכטער רופט און ווייניק גייען מיט אים מיט. ער רופט פון געצנדינסט צו גאָט, פון ציוויליזאַציע־קולטור עבודה זרה צום מענטשן. ער רופט, און פון גרויסן שטראָם שפּרינגט אַמאָל אַרויס אַ טראָפּן. א ן א י י נ צ י ק ע ר וואָס „וואָגט" מורד צו זיין אין דעם שטראָם און פלאָטערט אַרויס פון אים.

ב

אָפּטמאָל פּייניקט מיך אַ געדאַנק, אַז אַ גאַנצע עפּאָכע קאָן אַמאָל אַריינ־כאַפּן אַזעלכע אומדערוואַרטנדיקע קלעפּ פון גורל, זי זאָל אין גאַנצן צע־טומלט ווערן אין איר געשיכטלעכן גאַנג און זיך אַרומקוקן אַז גאָר איר אויפטו, אַלע אירע גייסטיקע דערגרייכונגען וואָס האָבן פאַר איר אויס־געפּלאַסטערט אַ גלייכן וועג וואָס פירט צו אַ גראַנדליניקן ציל, האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי זייער אַ באַגרענעצטע מדרגה און זי איז שטעקן־געבליבן אין אַ טעמפּן ווינקל. מען האָט ראַציאָנאַל אויסגעמאָסטן כ׳וויס וויפל מיילן שכל־הישרדיקן פּראָגרעס און קולטורעלן פאַראויסגאַנג, און מיטאָמאָל דער־זעט מען זיך נאָך אַזוי קליין און טונקל און אונטערן שאָטן פון אור־וואַלד. דאָס איבערמענטשלעכע פון יענע שטאַרקע כאַראַקטערן, וואָס האַלטן אויס זייער ראַציאָנאַל־סאָציאַלן עקזאַמען, מוז זיך דורכקרייצן מיט שרעקלעך בלוי־טיקע, אונטערמענטשלעכע נסיונות און אויך אויף די סאַמע אידעאיש־ערלעכ־סטע מוז פאַלן די שולד פון דער סביבה פאַר קרעמאַטאָריע־אינקוויזיציעס, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן פון יענע כוחות וואָס האָבן זיך ניט געלאָזט אַזוי גרינג אויפלייזן דורך די קעגנזייטיקע אויטלייזנדיקע אידעען־קאַמפן. אין אַזעלכע צייטן דערשרעקט זיך דער גייסטיק־סענסיטיווער מענטש פאַרן מענטשן און אַנטלויפט צו דער רעליגיע זיך צו ראַטעווען פון דער אימה וואָס יאָגט אים נאָך. ווי ראַציאָנאַל טראַכטנדיק און ראַציאָנאַל פילנדיק מיר זאָלן ניט זיין און ווי אוממעגלעך און אומוואַרשיינלעך עס זאָל אונדז ניט

אויסקוקן, אַז מיר קאָנען אַריינפּאַלן אין אַ צושטאַנד אין וועלכן דאָס לאַגישע, דאָס גלייכליניקע דענקען זאָל אונדז אינגאַנצן פאַרלאָזן, איז דאָך מעגלעך אַזאַ פּסיכישע איבערקערעניש זאָל פאָרקומען אין אונדזערע נשמות. ווייל אַלע בינונים, וואָס מיר האָבן אויסגעבויט פאַר אונדזערע אידעאישע געטער, פאַלן־איין אין אַזעלכע וועלט־מאָמענטן, און די מענטשלעכע אַכזריות, אין איר בלוטיקסטן היטלעריש־דייטשן אויסדרוק, באַצווינגט אונדז אָפּט צו טראַכטן אַז אפשר זיינען שוין אַמאָל פאָרגעקומען אין דער, אפשר נ י ט־ פ א ר ש ר י ב ע נ ע ר געשיכטע־כראָניק, אַזעלכע ווילדע ערד־ציטערנישן אין דער מענטשלעכער נשמה און דער מענטש האָט זיך ביי זיך, אויפן איי־גענעם באַראָט, נישט געהאַט וואו צו ראַטעווען, האָט ער זיך געראַטעוועט אין דער רעליגיע. דערפאַר האָט דער רעליגיעזער „צושטאַנד" אַנגעהאַלטן אַזוי לאַנג. און ווען שווערע פינצטערנישן רוקן זיך אָן אויף אונדז, אַ טינטיק־וואָלקנדיק־אַנגעלאָדענע אַטמאָספערע, דערזעען מיר פון ווייטן דעם אָפּשיין פון אַן אַנגעצונדענעם פענצטער פון גאָטס הויז אויפן ווייטן געשיכטלעכן וועג, ווי אין אַ פאַרצייטיקן דאָרף איבערן שטח פון די צייטן. דאָס ליכט פון דעם פענצטער רופט אונדז זיך מציל זיין פון פאַרלאָרנקייט. אַזאַ איינ־דרוק פון וועלן מציל זיין זיך האָט דורכגעמאַכט דער פּאָעט ישראל שטערן. אַרום האָט ער דערזען די „ממשלה" פון תוהו ובוהו און דעם אַשמדאַיס גייסט האָט אַרומגעשוועבט אין דער פלוצלונג וויסט־געוואָרענער וועלט.

ג

אין דער קאַטאַסטראָפע דייטשלאַנד האָט זיך אַרויסגעוויזן דער גאַנצער לייכטער, ווינטיקער ערנסט, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין די שליחותן פון די אידעען, מיט וועלכע מען האָט געדאַרפט דערציען און איבערדער־ציען איין דור נאָכן אַנדערן. עס האָט געפעלט די שטאַרקערע, די טיפערע אַנשטרענגונג, די הייליקייט אַנצוהאַלטן די זויבערקייט און ריינקייט פון דער שליחות. עס האָט געפעלט פרומקייט, התבטלות פונעם אייגענעם איך, אַריינ־געטועניקייט אין דער אייגענער נשמה, זיין שטענדיק אונטער דער ווירקונג פון איר ליכט און איר געגאָד. ישראל שטערנס חורבן־שווייגן איז געווען אָנ־געלאָדן מיט טענות צום מענטשן און ניט נאָר צו גאָט, ווייל דער חלק געט־לעכקייט וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן איז פאַרוואַרלאָזט געוואָרן.

ד

ישראל שטערנס פּאָעטישער סטיל איז ניט אינגאַנצן אומגעווינלעך. די אויסטערלישקייט פון זיין אייגן־געבונדענער שורה לאָזט שטענדיק אַ שפּאָר ער וויל אָבער מיטן פולן פּאָעטישן באַוואוסטזיין אונדז מאַכן שפּירן, אַז נישט נאָר גייט אים אין אויסשמידן אַן אינסטרומענט פאַר זיין מעדיום,

אַז ניט נאָר איז ער אַ גרויסער אָפּקלייבער און איבערקלייבער אין לשון, וואָס מוז זיך צופּאַסן צו דער סביבה און צו דער „פילאָזאָפיע" פון זיינע חושים, נאָר מיר זאָלן דערזען בחוש ווי דאָס לשון, מיט וועלכן מיר רעדן און לעבן, זוכט אויך ביי אים, ווי ביי יעדן ערלעכן און אמתן פּאָעט, אַ מקום מקלט פאַר קינסטלערישער יחידות. יידיש ווערט איצט איבערגעוועלטיקט און באַהערשט פון אַ גוואַלטיקער גאַרונג און גלוסטעניש צו פאַראינערלעכונג און קלאַפּט אין אַלע געהיימע לאָדנס פון אירע אויסדערוויילטע און געבענטשטע צו זיין מיט זיי אין דער טיפסטער, עקזאָלטירטסטער התבודדות. אויך אין ישראל שטערנס ליד הערט מען בפועל ממש ווי אונדזער לשון בעט זיך ביי אים, ער זאָל עס ראַטעווען פון אַ מוראדיקן קאַלטן דרויסן, פון אַן איינזאַמקייט, פון אַ פאַרלאָזנקייט וואָס האָט קיין שיעור ניט. אַ קאַלטער פּאָגראָם קומט פאַר אויף אונדזער לשון, אַ קאַלטער, פּראָסטיקער אומקום, אַ רדיפה פון אַ מאָנסטערישער גלייכגילטיקייט, פאַר וועלכער מיר האָבן נאָך אויך ניט געפונען דאָס וואָרט ווי עס אָנצורופן, פּונקט ווי פאַר אַנדערע בלוטיקע, פינצטערע קללות און חרמות וואָס האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אונדזערע קעפּ. עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט וואָס אונדזער דיכטונג איז אַזוי שטאַרק און ערנסט פאַרנומען מיטן פאַראייביקונג־פּראָצעס פון אונדזער לשון. די וואָס וואַרפן פאַר אונדזער מאָדערן ליד אַז מען פאַרשטייט עס ניט, ווייל עס רעדט ניט גענוג גאַסן־רעאַליסטיש, פאַרשטייען ניט דאָס געמיט פון אַ יידיש עכטן וואָרטמייסטער און וואָס ער לעבט דורך אַצינד צונויפרעדנדיק זיך מיט יידיש אין דעם אינטימסטן אויג אויף אויג־מאָמענט, וואָס עס איז ווען עס איז פאָרגעקומען צווישן זיי. ישראל שטערן, ווי איינער פון די סאַמע עכטסטע פּאָעטן־קינסטלער אין אונדזער היינטיקער פּאָעזיע, פירט אַ סך חשבון־הנפש־שמועסן מיטן וואָרט. דערפאַר דערהערט ער און הערט אַרויס פונעם יידישן וואָרט אַזעלכע ווייטע פאַרטיפטע טענער, וואָס נאָר אין מיטן פון טראַגישער דבקות ווערן זיי אַרויסגערופן. דאָס קאַפּיטל: יידיש און טרעבלינקע, יידיש און קרעמאַטאָריע, יידיש און יידיש־קינסטלעריש שאַפן אין אַ חלל און ווי איר זאָלט עס ניט רופן — דאָס דאָזיקע קאַפּיטל האָט שוין ישראל שטערן געקאָנט בנבואה נאָך פאַר די לעצטע אַנטוויקלונגען פון אונדזער פאָלקס־אומקום דורך די דייטשן.

פול מיט אינערלעכער נזירות, נזירות בעל כורחו און נזירות מיט פרייער, קינסטלערישער בחירות זיינען די לידער פון שטערנען. זיי דערציילן פון אַן איינזאַמקייט וואָס יאָגט ווי אַ קאַלטער פראָסט־ווינט דיר אַנטקעגן אין דער היינטיקער וועלט, אויך אין דער היינטיקער יידישער וועלט, וואָס ווייזט אַרויס דעם זעלביקן גלייכגילט צו דעם מייסטער און אויפהאַלטער פון דער שפּראַך ווי צו דער שפּראַך אין וועלכער זי האָט אַזוי פיל גייסטיקע אוצרות, אייגן־געשאַפענע פאָלקס־ווערטן איבערגעלאָזט אויף הפקר. ישראל שטערן האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט אַלע זיינע כוחות אין אַ פרומקייט וואָס האָט שוין אויך באַלד ניט קיינעם מיט וועמען אינטים זיך צונויפריידן. זיינע לידער פאַרמאָגן אין זיך די הייליקייט פון די ד' אמות פון אַ שול, אַ בית־מדרש,

אַ שפּיטאָל וואו דער מענטש איז איבערגעגענטפערט געוואָרן אין די הענט פון גאָט. גאָט גייט אַרום אין שפּיטאָל, דריקט ער זיך אויס ערגעץ אין זיינע טיפסטע לידער וועגן קראַנקע מענטשן, זייער וועלט איז אַזוי אַנדערש ווי די וועלט פון די וואָס זיינען „נאָך ניט קראַנק". ווען איר לייענט זיינע לידער „פרילינג אין שפּיטאָל" האָט איר דאָס געפיל, אַז דאָרט ווערט דערציילט און געהערט ניט בלויז וועגן באַשטימטע מענטשן און אַ באַשטימטער צייט און וועגן אַ באַשטימט אָרט וואוהין ער, ישראל שטערן, איז צופעליק אַריינגעקומען און געבליבן דאָרט דערווייל מיט די קראַנקע; איז אין זייער וועלט און לעבט אין זייערע וויזיעס. איר האָט דאָס געפיל, אַז דאָס איז אַ צושטאַנד צו וועלכן יעדער מענטש ווערט דערפירט. דאָס איז אַ גרענעץ־איבערגאַנג פון איין וועלט אין אַ צווייטער. די וויזיע, אין וועלכער קראַנקע לעבן, האָט עפּעס אין זיך פון דער רעאַליטעט פון צוויי מאַרשיידענע וועלטן.ביידע באַרירן זיך מיט דער שאַרף־ראַנדיקייט פון זייערע גרענעצן. די דערפאַרונג פון אַ „פריער" גאָרט צו דער תמימות פון אַ „שפּעטער" וועגן וועלכן זי האָט נאָר אַ טונקעלן דמיון. אָט־די אַנונגען, אָט דער דמיון שפּרייט דאָס וויזיאָנערישע ליכט איבער ישראל שטערנס לידער. דאָס ווערט זיין צווייטע רעאַליטעט אין וועלכער ער לעבט. זי איז „העכער פון דער ערד", זי שטאַמט אָבער פון דער ערד. זי טראָגט אין זיך אַלע יסורים פון ערדישן לעבן און „אַרבעט אויף זיי" זיי אויסצולייזן און זיי געבן אַ תיקון. אין די לידער האָבן נאָך די מענטשלעכע לייד ניט קיין תיקון, זיי האָבן אַ קינסטלערישן תיקון, אָבער דאָס מענטשלעכע האָט נאָך ניט אויפגעהערט ווייטיקן אין זיי. קונסט איז סוף־כל־סוף ווי רעליגיעזיטעט, — טרייסט. די רעליגיע איז אין תוך אפשר ניט קיין פולער גלויבן, כאָטש מען האָט זיך איינגעשמועסט אַז זי איז עס יאָ. רעליגיע לערנט גלויבן, קנעלט אמונה אַפילו מיט די פרימסטע שבפרימסטע. זי מוז שטענדיק זיין אַקטיוו, שטענדיק אין דער עבודה, אין דער טרחה און ניט אַרויסלאָזן דאָס טייטל פון די הענט. רעליגיע איז אייביקע מעשים, אייביק אַרבעטן אויף זיך, אייביק סוגעסטירן זיך צו דער שיינקייט און הערלעכקייט פון גאָטס שלימות; אַ שטענדיק איבן־זיך צו קאָנען צוגעוואוינען דאָס אויג אַריינצוקוקן אין גאָטס פּנים; דער געדאַנק — אַריינצולעבן זיך אין גאָטס מהות. אויך די קונסט האָט אַזעלכע מצוות מעשיות. ישראל שטערנס לידער זיינען געדאַוונטע, זיך דאַוונענדיקע לידער און מען דאַרף זיי דאַוונען. פּאָעזיע דאַוונט מען סיי־ווי־סיי. די וואָס האָבן אין זיך אַנטוויקלט אַ געשמאַק פאַר דער סובטילער, דינער, טיפער דיכטונג, ווייסן עס זייער וואויל. מען דאַרף זיין גייסטיק פרום, גייסטיק אויפגעלעבט און אינערלעך באַווירקט פון דעם סודותדיקן אין לעבן פון דער וועלט בכדי צו באַנעמען אַז די באַדערפעניש פאַר פרומקייט און נשמה־באַוועג איז אַ מוז, אַ גוואַלדיקע נויטווענדיקייט. ווען מען דערדינט זיך צו אַזאַ געמיט באַקומט מען אַזאַ פּאַרכטיקייט פאַרן פראַמעטייאישן גורל פון יעדן מענטשן באַזונדער. פול מיט מענטש־פּאַרכטיקייט זיינען די לידער פון ישראל שטערן. אין שפּיטאָל דערזעט ער דעם מענטשן אין זיין לויטערסטער

אצילות, דאָס מגושמדיקע פאַלט אָפּ פון אים און ער קוקט, ווי פון אַן אומ־ענדלעכער ווייט, מיט אַן אומגעווײנלעכער מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר נאָענטקייט און וואַרעמקייט אויף דער וועלט. דאָס אײביקערע באַקומט לשון אין דער מחשבה פון דעם וואָס איז אויף אַ גרויסן לאַנגן מאָמענט אָוועקגערופן געוואָרן פון דער געזונטער, אָפּט טעמפּ און־ווילד־געזונטער וועלט. ווי פרישער, ווי רײנער און ליכטיקער די אויגן ווערן אויסגעוואַשן פון דער שאַרפער אָפּגעזונדערטקייט צווישן שפּיטאָל און אַלטעגלעכן „נאָרמאַלן" טומל וואָס לאָזט ניט אַרויס דעם בעזים, די האַק און די שווערד פון דער האַנט.

אין דער גרויסער פּאַרטיפונג פון אַזאַ דיכטערישער פּערזענלעכקייט ווי ישראל שטערן קאָן מען מעסטן די שטאַרקע ווירקונג פון דער גאַנצער קולטור־ירושה פון דורות פריער, וואָס מיר מיינען אַז זי איז ווי אַרויסגע־וואָרפן געוואָרן פון איר טעמפּל אויפן נאַקעטן דרויסן. ווי אײנציקע, קידוש־השם־גרייטע יידן, וואַקסן אויס צו יענער הייליקער הויך גרייט זיך צו וואַרפן אין פייער און ראַטעווען אַ רײניקייט, אַזוי וואַרפט זיך אין בהלהדיקע, פאַר־ווייסנדיקע צייטן דער שעפערישער מענטש און ראַטעוועט דאָס סאַמע קערנ־דיקסטע אין דער מענטשלעכער קולטור פאַר די שפּעטערדיקע צייטן. אין דער „שווערקייט", אין דעם ניט־אַלעמען באַנעמלעכן און פאַרשטענדלעכן ליגט דאָס תכלית־התמציתדיקע וואָס ווערט פרעזערווירט פאַר אַ גאַנץ פאָלק פון אַן אײנציקן, אַ יחיד. פון ישראל שטערנס ליד וועט דער מאָרגנ־דיקער גוטער לייענער אַרויסהערן די נשמה־ציטערנישן פון דעם ערב־חורבן פון אונדזער פאָלק ווען קיינער האָט נאָך ניט געגלויבט אַז דאָס ציוויליזירטע באַשעפעניש קאָן זיך אויף אַזוינס פאַרמעסטן. מען האָט געמיינט אַז אַ פאָלק איז שוין אַרויס פון יענעם צושטאַנד, עס זאָל מיטאַמאָל קאָנען פאַרוואַנדלט ווערן אין דורכאויסיקן חומר אין דער האַנט פון אַ שלעכטן יוצר. די מאָס פאַר פעלקער ווי די מאָס פאַרן אײנציקן מענטשן, לערנט אונדז די היינטיקע עפּאָכע, קאָן ניט זיין קיין דורכאויס מעכאַנישע, מיט די מכשירים וואָס די היינטיקע ציוויליזאַציע האָט אַזוי פאַרפאַרטיקט פאַרן מענטשן. די מער־צוגע־פּאַסטע פאַר די מאַשין־מכשירים, ניט נאָר מי־ליטערישע, האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן אומעטום אין דער היינטיקער וועלט. דער סאַמע בלינדסטער קלימאַקס דערפון איז געווען דאָס בלוטיקע אָפּראַמען פון דער ערד 6 מיליאָן יידן בכדי צו שאַפן אָרט, „רוים" פאַר זעקס מיליאָן דייטשן. דאָס איז אָן ספק געווען דאָס ברוטאַלסטע, דאָס ווילדסטע און מיאוסטע צו וואָס אַ ציווי־ליזאַציע האָט זיך געקאָנט דערפירן. ווילדער נאָך דערפון איז די „נאָרמאַלע" נאָכווייעניש נאָך דעם פינצטערן קאַטאַקליזם — קיין שום אינערלעכע אויפ־טרייסלונג ניט. חוץ ביי די אײנציק־אײנציקע איז אין פאָלק ניט פאַרגע־קומען עפּעס אַזוינס וואָס זאָל ווייזן זיין דערשראָקנקייט. ביי קיין שום פאָלק ווייזן זיך ניט קיין סימנים פון אַן אינערלעכער, צעטרייסלענדיקער איבער־לעבונג. אפשר האָט דאָס שוין אויך פאַראויסגעפילט ישראל שטערן, ווען ער האָט באַשלאָסן ביי זיך שטום ווערן. אַז עס איז געווען אַ מענדעלע קאַצ־קער־אַקט וואָס האָט באַשלאָסן אין דער סאַמע מהומה פון מענטשלעכן אַראָפּ־

פאַל און מענטשלעכן עלנט, אַנטלויפן פון דער וועלט, פון אַ וועלט וואָס האָט זיך דערצו דערקייקלט. שווער צו ענטפערן אויף דעם. נאָר דורך די לידער פון ישראל שטערן קוקן ניט אַרויס קיין צו שטרענגע אויגן וואָס זאָלן פאַרמשפטן עמעצן אין דער שעה פון פאַרלוירנקייט. וויפיל ניט־הערא־אישקייט ער זאָל זען אין אונדז אַלעמען, אין דעם גאַנצן דור וואָס האָט דער־לאָזט אויפוואַקסן אַזאַ מאָנסטער־ציוויליזאַציע מיט אַלע אירע פּאָליטישע און קולטורעלע... מאַשיניסטן, איז פאַר אים תמיד געשטאַנען דאָס געשטאַלט פון אַ הייליקן אין אַ דור וואָס פּירט אַן אַנדער משפּט און האָט אַן אַנדער מאָס פאַרן מענטשן, וויפיל שדים־גהינומס די געשיכטע וועט אים ניט דורכ־וואַרפן.

פון ישראל שטערנס לידער קוקן אַרויס צוויי גוטע, מילדע יידישע אויגן, אויגן פון אַ תנא וואָס האָט זיך אפשר אויף אַ מינוט פאַרלאָרן, ווען ער האָט זיך דערזען אַריינגעוואָרפן אין מיטן גרעסטן וועלט־געראַנגל צווישן דער טומאה און קדושה. עפּעס האָט ער זיך אין יענער ביטערער שעה גע־וואָלט דערקלערן, זיך דערטראַכטן צו עפּעס, לערנען די סתרי־תורה פונעם פינטעלע מענטש און פינטעלע ייד. דאָס וואָס ער האָט געזען אַרום זיך און דאָס וואָס ער האָט געשפּירט אָנקומען, איז געווען צו בהלהדיק אין זיין פינצטערער פלוצלונגדיקייט און ער האָט זיך אָוועקגעשאַרט אין אַ זייט פון דער וועלט, אָפּגעשטופּט מיטן פוס דאָס שדימדיקע, וואָס איז געקראָכן פון אַלע תהומות פון דער ערד, און געבליבן לעבן מיטן לעבן וואָס ער האָט אָפּגעהיט א י ן ז י ך, — אַ לעבן וואָס זיין טרויעריקע, שווערע וואָר האָט געהאַט אַרום זיך אַזאַ וואונדערלעכע חלום־ראַם, אַזאַ גאָלדענעם שטאַרקן רינג וואָס האָט דעם גלאַב פון זיין וועלט געהאַלטן אַזוי פעסט און אייזן־זיכער.

ה

אַזוי ווי זיין ליד, אַזוי טיילט זיך אויך אויס דער קבר פונעם פּאָעט, דעם פייטן הקדוש ישראל שטערן. אַפילו אין דעם אומגעזעענעם גרויסן פאָלקס־בית־עולם, אינעם וועלט־בית עלמין, וואו דער גרעסטער טייל „גלות" און גלות־פאָלק ליגט באַהאַלטן — אַפילו אויף אַזאַ הייליק אָרט טיילן זיך אויך אויס עטלעכע איינציקע קברים, ניט אַזוי לשם חשיבות אָדער וויכטי־קייט, ווי צוליב זייער באַזונדערן טויט וואָס זיי האָבן פאַר זיך אַליין אויסגע־קליבן. און מקדש־השם זיין אין אַזאַ וועלט־בהלהדיקער חשכות אויף אַן איי־גענעם אופן, איז דאַכט זיך אויך אַ שטיקל זכות, און ישראל שטערן האָט פאַר זיך דעם דאָזיקן זכות געגומען. ווי מען דערציילט, (שוין דאָ אַ לע־גענדאַרער „ווי מען דערציילט"־נוסח פון אַט־דעם ערשט נעכטיקן וואונדיקן „אַמאָל") האָט זיך ישראל שטערן אין דער וואַרשעווער געטאָ צוריקגעצויגן אין זיין שאָטנדיקער זייטיקייט און זיך פאַמעלעכן אַרויסגעריסן פונעם קהל פון דער וועלט. ער האָט ניט געגעסן, ניט געטרונקען און זיך אַריינגערוקט

אין דעם שטאָק־אימהדיקן אומגליק וואָס איז נגזר געוואָרן אויף זיין פֿאָלק. ער האָט דערשפּירט דעם גאַנצן „אמת" וואָס דאָ קומט פֿאָר גלייך אין אָנהויב, ווען די דייטשן האָבן נאָך אָפּגעמאַרט מיט אַ לעק האָפֿענונג. שטערן האָט זיך מסתם באַגעגנט מיטן שטאָל־קאַלטן בליק פֿון אַ דייטש — אָט דער דייטשער בליק האָט אים אויף אַ בליצאַרטיקן אופֿן איבערגעגעבן וואו ער איז אין דער וועלט.

ישראל שטערן האָט די גאַנצע אימה און דעם מענטשלעכן בזיון אַרונטערגעשלונגען ווי אַ טויטלעכן שרויט און פֿאַרפּאַקט דאָס פּעקל זאַכן וואָס האָבן נאָך אַ שטיקל שייכות מיט דער־וועלט, אַוועקגעלייגט עס ביי זיין צוקאָפּנס אין ווינקל און מער ניט צו טאָן געהאַט מיט קיינעם און מיט קיין זאַך. ער איז געלעגן ביי דער שוועל פֿון אַן אַנדער וועלט און געוואַרט די טיר זאָל זיך עפֿענען.

אין זיין ליד איז אויך געווען אַ וואַרטן און אַן אַריבערקוקן פֿון דער שוועל פֿון איין וועלט צו דער שוועל פֿון אַן אַנדערער. די ערד, אויף וועלכער שטערן האָט געאָטעמט, איז געווען ווי באַלויכטן פֿון אַ ליכט וואָס קומט פֿון ערגעץ אַנדערש, פֿון אַן אָרט וואָס האָט מיט אונדז אַ נאָענטע שייכות נאָר. דאָס רוב פֿון אונדז לעבט דערווייטערט דערפֿון. זעלטן ווער פֿון אונדז דערנעענטערט זיך צו יענער שעה פֿון לייטערונג און ריינקייט און טרעט אַריבער די שוועל צו דער אַנדערער זייט. די ווערטער פֿון ישראל שטערנס ליד זעען אונדז אויס ווי שליחים וואָס זיינען אַריבערגעשיקט געוואָרן אַ קוק־טאָן און „אויסזען דאָס לאַנד" פֿון יענער זייט גרענעץ פֿון אונדזער באַגרענעצטקייט. די ווערטער דערציילן אונדז זאַכן אויפֿן אופֿן און אויפֿן זעלביקן לשון ווי מיר ריידן דאָ נאָר עפּעס האָבן זיי אַ לייכטן אָנהויך פֿון אַן אַנדער לופֿט מיט וועלכער זיי האָבן זיך אָנגעאָטעמט. זיינע שורות זיינען פֿול מיט התבודדות וואָס אַ מענטש פּראַוועט מיט זיך ניט נאָר שעהן לאַנג נאָר לאַנגע יאָרן. פּונקט ווי אַ מענטש קאָן אַוועקגיין טעג און יאָרן צו ל ע ר נ ע ן די תורה און די חכמה, וואָס איז אונדז אַריבערגעגעבן פֿון פֿריערדיקע דורות און עלטערע קולטורן, זיינען פֿאַראַן אַזעלכע קינסטלערישע יחידים וואָס ל ע ב ן, חוץ זייער אייגן לעבן, אויך דאָס ירושה־לעבן וואָס זיי טראָגן אין זיך בקבלה פֿון זייערע אבות־אבותיהם. דאָס דאָזיקע לעבן טראָגן זיי ניט בלויז אין זייער בלוט, אין זייער נשמה ווי אַ פּאַסיוו־באַהאַלטענעם כוח, נאָר זיי לעבן עס אויס אינטענסיוו, שעפֿעריש. דערפֿאַר איז זייער וואָרט באַהערשט פֿון עפּעס, וואָס איז סימבאָליש ניט־דאָאיק, נאָך מער ווי פֿון די דאָאיקע זאַכן און דערפֿאַרונגען. מער־נאָך.

די רעאַלע פֿאַקטן זיינען אָפֿט אַבסטראַקטער ווי די סימבאָלן, די משלים און אימאַזשן אויף וועמעס קאָנקרעטן כוח די פֿאַקטן האַלטן זיך. דאָס סימבאָלישע שטעקט אין אַ פֿיל־טיפֿערער, אַ פֿיל־עלטערער דערפֿאַרונג וואָס מען האָט בקבלה איבערגענומען פֿון די פֿריערדיקע. איך קאָן ניט ישראל שטערנס אויסערלעכע ביאָגראַפֿיע, נאָר אין די לידער שפּיר איך די סביבה, די אַרומרינגלונג פֿון יידן מקובלים וואָס מיט זייער גייסטיק ווען האָבן זיי

געמוזט שטאַרק ווירקן אויף זייער אַרום. און, ווידער, האָט שוין די פּוילישע קליינשטאָט, וואו ישראל שטערן איז געוואָקסן און דערצויגן געוואָרן, אָדער וואַרשע גופא טאַקע, געהאַט אין זיך אַזעלכע ווינקעלעך פון אַלט־יידישקייט און אַלט־יידיש לעבן, וואו דאָס געדעכעניש פון פרומע, פריערדיקע דורות האָט ניט געשוועבט בלויז אַרום פלעמל פון אַ יאָרצייט־ליכט אין אַ קלויז, נאָר אין דער גאַנצער לופט פון אַ הייליק מקום, אַ הויף אָדער הינטערגאָס. דאָרט זיינען שאָטנס פון אַלטוועלטישע זיידעס נאָך נאָכגעגאַנגען די טריט פון די איצטיקע טאַטעס און אייניקלעך. פאַרן געוויינלעכן אויג איז דאָס ניט געווען קיין יש, פאַר אַזאַ יידן ווי ישראל שטערן איז דאָס געווען אַן אוצר וואָס האָט ניט געגליווערט נאָר זיך געשטרעקט צו אים מיט אַן עקזאַלטירטער בענקעניש און גאַרונג. ער האָט אפשר מיט די „אַנדער זייטיקע״ געלעבט היימישער און חברשער ווי מיט די וואָס זיינען מיט אים געגאַנגען ביים זייט. אין דער חברותא פון יענע האָט ער געזען גוואַלטיק־גרויסע עדהס יידן וואָס האָבן זיך מיט גייסטיק־מעכטיקע הענט אָנגעהאַלטן אין דעם דאָזיקן לעבן. ישראל שטערן האָט אפשר בכלל ניט געזען קיין אַוועקגייענדיקע. דאָס פּיזישע, דאָס „רעאַלע״, דאָס רעאַליסטישע האָט אָפּגעשאָטנט און פאַרשוואונדן, דאָס נשמהדיקע איז געבליבן ליכטיקן אין און אַרום אונדז. אויך ער, ישראל שטערן, פירט דאָ אַ שליחות פון די אייביקערע: אין זייער נאָמען און אויף זייער לשון רעדט ער זייערע רמזים און וואונקען און פּרואווט זיי אונדז פּאָעטיש איבערגעבן, איבערענטפערן.

ווען זאַכן, וואָס אונדז זעען זיי אויס אַזוי צו דער האַנט, אַזוי האַרט ביי דער נאָז פון ווירקלעכן, רעדט שטערן מיט אַן אַרכאַאישן טאָן ווי וועגן גאָר אַלטע חפצים וואָס מיר האָבן געטראָפן אַרום זיך מיטן גרינשטויב און געקבייטשטע שטריכן ווי אויף אַלטן קופּער. אַפילו אין זיינע נאַטור־שילדערונגען, איבער זיינע לאַנדשאַפטן פאַלט דער אָפּשיין פון אַן אַלטער, טונקל־גאָלדיקער זון. גרויסער, בייגעקומענער און אין־זיך אָביעקטיווירטער טרויער ליגט אויסגעשפּרייט איבער דער וועלט, איבער הייזער און פעלדער, איבער ביימער און פּלויטן. אין אַ מענטשלעך קול הערט שטערן אַרויס אינגאַנצן אַנדערע קלאַנגען ווי מיר. אין אַ מענטשלעכער תנועה און ווענדונג — עפּעס מער ווי דעם אויסגעדריקטן מיין. די אייביקייט גייט אַרום צווישן אונדז די אומאייביקע. די געטלעכקייט איז אויף יעדער זאַך וואָס לעבט און שטאַרבט מיט אונדז. דעם טעם פון כבודו מלא עולם גיט אונדז פילן דאָס גליקלעך־באַלעבטע וואָרט פונעם פּאָעט. ישראל שטערן וויל, אַז אים און אונדז זאָל קיין זאַך ניט ווערן מאָנאָטאָן, ניט וואָכעדיק, — מיר זאָלן אינערלעך ניט אַלט ווערן צו פרי. די גאַנצע וועלט וועט אונדז דערפאַר לאַנג אויסזען ניי. און אַמאָל ווען איר לייענט שטערנען, דאַכט זיך אייך, אַז ער האָט אפשר ניט אין זינען אַלעמען און כלל. דער כלל לעבט אין שטאַרקערער אידענטיטעט מיט דער וועלט און מיט אירע רעאַלע חפצים. אויפן כלל איז גאָר אפשר ניט אַזאַ צער, ווייל אין דער גאַנצער מחנה פון קהל איז גאַנץ וואַרעם און היימלעך צו לעבן. רחמים טוען דערוועקן די וואָס זייערע השגות ברענען גיך

אויס און זיי דערפילן אַן אומגעדולד אין דער מאָנאָטאָנער איבערחזרונג פון אַלע טעג פון אַ גאַנץ לעבן. פאַר זיי דאַרף מען באַנייען די וועלט, צוליב זיי דאַרף מען האַרעווען אַראָפּצוקראַצן דעם האַרטן זשאַווער־שטויב וואָס עסט זיך איין אין אַלץ מיט וואָס מיר לעבן. אין דעם זין קומט אפשר די שיינקייט פאַרבייטן אָדער אָפּצאָלן אַ חוב פאַר עפּעס אַ פאַרוואָרצלטער „געזונטקייט“, נאָרמאַלקייט און פולקייט וואָס איז באַשערט נאָר די מסתמא, וואָס זיינען ניט געשטראָפט זיך צו וועלן אָפּרייסן אַ רגע פונעם נאָפּל פון דער ערד און פונעם וואָרצל פון דערווירקלעכקייט.

ישראל שטערנס רעליגיעזע ראָמאַנטיק האָט געהאַט גרויסע עטיש־עסטעטישע כוונהס: דעם מענטשן וואָס איז, אין אויסערלעכן זינען, אַ ביסל אָפּגעקייטלט פונעם ערדישן, געבן אַן אָרט, אַ באָדן אונטערן טראָט. אויף אַלץ אויף וואָס עס פאַלט דער מאַטער, גראָער שאָטן פון פאַרגענגלעכקייט, אויסשפּרייטן די ליכטיקע אילוזיע פון אייביקייט. מיט שיינקייט קאָן מען באַנייען דאָס אַלטע, פאַריונגען דאָס פאַרעלטערטע. דאָ ליגט אפשר די הויפּט־אידעע פון יעדער קינסטלערישער שליחות. אַ וואָרט האָט מען אַ וואָרף־געטאָן אין דער וועלט: א י י ב י ק י י ט, און דאָס וואָרט האָט זיך אָנגענומען ווי דאָס וואָרט: גאָט. און מען האָט זיך אויף אַ רגע אַרויסגעכאַפּט פון דעם אומאייביקן, פון דעם פאַרגענגלעכן און זיך דערפילט מיטאַמאָל, ווי אַ חלק פון דעם גרויסן, אייביקן לעבן.

עפּעס איז פאָרגעקומען מיט און אין אונדזער וועלט וואָס האָט גורם־געווען אַזאַ דיכטער ווי ישראל שטערן זאָל זיך סודותדיק אונטערהערן וואָס עס מיינט דאָס געוויינלעך־גערעדטע וואָרט אויף אַן אמת. ער זוכט אַרויסבאַ־קומען די גרויסע וועלט־דערפאַרונגען וואָס האָבן זיך אָפּט אויסבאַהאַלטן אין די געוויינלעכסטע ווערטער. מען דאַרף די ווערטער נאָר עכט־דיכטעריש צו־נויפשורהן און אין זייער טיפערן צוזאַמענרייד וועלן מיר זיך אַ סך דערוויסן. די געשיכטע דערציילט פאַקטן, פאַרבינדט די פאַקטן אין אַ גאַנצער מעשה פון געשעענישן. דאָס קינסטלערישע וואָרט האַלט לעבעדיק די שטימונג וואָס איז געלעגן אויפן פנים און אין האַרץ פון אַ דור און אַן עפּאָכע. אין דער שטימונג פון ישראל שטערנס ליד שפּירט מען די אָנגעלאָדנקייט פון דער־וואַרטונגען וואָס ליגן ווי באַהאַלטן אין די ווינקלען פון די הייזער און גאַסן, הינטער ביימער־שטאַמען, הינטער פענצטערלאָזע טירן. דאָס וואָס שפּעטער איז געקומען האָט דאָס סענסיטיווע אויער פון ישראל שטערן דערפילט אַ סך פריער. שטערנס לידער מורמלען סודותדיק זיך איבער וועגן דעם.

ו

איך האָב די גאַנצע צייט פון מיין לייענען, איבערלייענען נאָך אַמאָל און נאָכטראַכטן וועגן ישראל שטערנען, זיך ביט געוואָלט אָפּאַנקערן פון דער שטיק וועלט, סיי פיזישע, סיי גייסטיקע, אין וועלכער שטערן האָט געלעבט און וואָס האָט אים גענערט. די וועלט פון זיין דיכטונג איז געווען די וועלט

פון זיין קיום און ווען ער האָט געזען ווי זי ווערט אַזוי אומברחמנותדיק אָפּגעווישט פונעם פּנים און פונעם זכרון פון דער ערד, האָט ער ניט נאָר ווי אַ מענטש נאָר ווי אַ דיכטער דורכגעלעבט די יאָושדיקסטע טראַגעדיע וואָס מ׳קאָן זיך נאָר פֿאָרשטעלן. מיטאַמאָל איז אַלץ געוואָרן גראָטעסקע קאָמעדיע אין וועלכער גאָט, מענטש און שד האָבן זיך ציניש איבערגעגרימירט און געביטן זיך מיט די ראָלן. אין נאַטירלעכן, נאָרמאַל־ציווילן לעבן האָבן מיר זיך, ווער מיט אַ רייכערער, ווער אַן אָרימערער פאַנטאַזיע, אויפגעבויט אונדזערע אידעען־טורעמער און חלומות־פּאַלאַצן און דאָרט האָבן מיר באַזעצט אונדזערע געטער, בני־געטער און אָפּגעטער. אין דער אמתן טרעטן מיר אַפילו אין דער פֿאַרשיכּורנדיקסטער פאַנטאַסטיק ניט אַריבער דאָס מענטשלעכע אין דעם מענטשן. מיר האָבן תמיד אין זינען דעם מענטשן און אים רופן מיר סיי מיט די חיהשסטע, סיי מיט די מלאך־געטלעכסטע נעמען. אים שפּאַנען מיר איין אין אַלע מרכבהס, אים פאַראיובן מיר און אים פֿאַרהאַמלעטן מיר, אים פֿאַרהימלען מיר און אים פֿאַרגהינומען מיר. קיין מאָל לאָזן מיר אים ניט אַרויס פון אויג און פון געדאַנק, ווייל דאָרט וואו ער ווערט ענדלעך, וואו ער ענדיקט זיך, ענדיקט זיך אויך אונדזער שטח וועלט און אונדזער כוח־הדמיון. שטערן האָט געזען אינעם אַנקום פון היטלערישן חורבן אַזוינס וואָס האָט זיך ניט געקאָנט אַריינפּאַסן אין דער גרענעץ פון דער גרענעצלאָזער פאַנטאַזיע. דאָס מענטשלעך־ און יידיש־דערוואָרבענע האָט געכאַפּט אַ בריקע פון אַ שדישן סאָלדאַטסקן קנאַפּל. עס איז צעטרייסלט געוואָרן, געגומען פאַנאַנדערפאַלן.

איך האָב געפּרוּווט זען שטערנען אין דער וועלט פון זיין טראַכטן מיט זיך, אין זיינע ראַנגלענישן מיט דער אייגענער מחשבה וועגן דעם גאָט־פּראָבלעם, וועגן ייד־פּראָבלעם, וועגן בונה עולמות ומחריבן. הינטער זיין יעדן ליד, וואָס פאַרצייכנט אַ פּערזענלעכע איבערלעבונג און שטימונג, שטייט־מיט דער מענטש שטערן וואָס איז אַ צוזאַמענשטעל פון אַ סך זיך־ירשנדיקע קולטורן. זיינע שטימונגען, ניט נאָר זיינע געדאַנקען, זיינען סך־הכלדיקע און זיי רירן אָן מער ווי פּערזענלעך. אַ רייכע קינסטלערישע פּערזענלעכקייט איז כולל אין זיך גאַנצע אוצרות פון אַ רייך פֿאָלקסלעבן, פון אַן אַלט־פאָר־וואָרצלטן קולטור־שטאַם. מען מוז דערפאַר זען שטערנען אין דער ראַם פון אַ דורות־ווייטער, דורות־ברייטער און דורות־טיפער סביבה. ער האָט גע־געבן זיין מיליע אין דער סאַמע קאָנדענסירטער פאָרם, אין אויסגעשמידטן צימצום. ער איז לרוב ניט געווען קיין שפּראַך־מייסטער, ער איז אָבער געווען אַ מייסטער איבער זיך און איבער זיין טראַכטן. זיין וואָרט האָט אים געדינט מער־ווייניקער געטריי, כאָטש ער איז ניט געוואָרן קיין דורכאויס געשוואָ־רענער, ריטערלעכער דינער פונעם וואָרט. דאָס גייט שוין אַרויס פון די גרענעצן פון זיין וועלט, כאָטש זיכער אין דעם בין איך ניט אין גאַנצן. אפשר דערפאַר איז ער ניט געוואָרן קיין הערשער און באַהערשער פון זיין לשון. ווייל דער אינהאַלט האָט זיך צו־קאָמפּאַקט אָנגעלייגט אויף אים און אים איבערגעלאָדן. אויך די שפּראַך איז נאָך פאַר אים געווען אַ גרויסער טייל פון

דעם דאָזיקן איבערגעלאָדענעם אינהאַלט־אוצר. ער האָט זי גענומען ווי זי גייט און שטייט, ווי זי האָט זיך אים אַנטפּלעקט אין איר פאָלקסטימלעכקייט און יידישער פשטות.

איבערגעלאָדן איז אויך ישראל שטערנס געמיט און דאָס געמיט פון זיין ליד מיט אַ גרויסער באַהאַרצטער ליבע צו דער קראַנקהאַפטיקער תקופה אין וועלכער ער האָט געלעבט — אַ תקופה וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אַ גרויסן שפּיטאָל מיט חולאים. אַלץ און אַלע זיינען אין איר קראַנק און צעטומלט. און אַזוי וועט אונדזער צייט גענומען ווערן סיי פון דעם שפּעטערדיקן היסטאָריקער, סיי פון דעם קומענדיקן קינסטלער. אין איינציקע צייט־לידער וואָס שטערן האָט אָפּגעדרוקט האָט ער אונדז געלאָזט וויסן, אַז ער פילט ווי שוועד־קראַנק די וועלט איז. דערשראָקענע אויגן קוקן אַרויס פון די לידער און אַ ציטערנדיקע האַנט איבער זיי. ווען זיינע לידער וועלן געזאַמלט ווערן אויף איין אָרט, אין אַ בוך, וועלן מיר ערשט איצט זען און פאַרשטיין אַז, חוץ וואָס שטערן האָט זיך אָנגעקערט זייער אַ נאָענטער קרוב מיט די פריערדיקע יידישע דורות און צייטן און זייער חותם איז שטאַרק אָנזיכטיק אויף זיין ליד — חוץ דער אַלט־יידישער טראַדיציע, וואָס איז מיט אים תמיד מיטגעגאַנגען, איז ער אויך געווען אַ תושב פון אונדזער צייט, פון אונדזער יידישער היינטיקער עפּאָכע, וואָס שפּאַרט אַרויס מיט איר גרויסן אומגליק און גרויסע נסיונות איבער אַלע ביז איצטיקע צייטן. ער האָט זי אין זיינע לידער געפּרואווט אויסדריקן אויפן האַלב־סודותדיקן אופן ווי זי האָט אים געהייסן ריידן.

מלך ראַוויטש

ייִד און וועלט—וועלט און ייִד

אַן ערשטער, אומזיכערער שריט צו אַ נייעם ייִדישן וועלט־באַנעם
נאָך די יאָרן 1933—1945

אין יעדן מענטש, שיר נישט זינט זיין פריער קינדהייט, און אויך אין דער גאַנצער מענטשהייט, זינט איר פריער קינדהייט, עגבערט אין פאַר־באָרגעניש, און אַמאָל אויך גאַנץ אָפן, די פראַגע: פון וואַנען קום איך? ווייניקער אינטערעסירט די פראַגע: וואוהין גיי איך? און אַזוי ווי יעדער מענטש איז אַ וועלט — איז ממילא די פראַגע, אויב געהעריק געכפלט, צו לעזן: פון וואַנען קומט די גאַנצע וועלט? דאָס איז די פראַגע, וואָס שליסט אין זיך איין די גאַנצע קאָסמאָגאָגיע. צוליב הונדערט און איין סיבות איז זי די אומפּראַקטישסטע. שוין צוליב דעם אומפּראַקטיש — ווייל יעדער, וואָס פרעגט זי, ווייסט, אַז זי קען נישט פאַרענטפערט ווערן.

און אויך איך האָב מיר אין פאַרלויף פון יאָרן און יאָרצענדליקער, פינף יאָרצענדליקער, ווייל שוין אין מיין פריסטער קינדהייט האָב איך מיך די פראַגע געפרעגט, געשאַפן אַן אייגענע קאָסמאָגאָגיע. און אָט איז זי:

דאָס זיין פון דער סובסטאַנץ — סובסטאַנץ לויט ספּינאָזאָס באַנעם — מאַניפעסטירט זיך מיר אין דריי אַטריבוטן. איך רעד דאָ נישט וועגן די אַטרי־בוטן פון דער סובסטאַנץ גופא, נייערט וועגן די אַטריבוטן פון דעם זיין פון דער סובסטאַנץ. יאָ, דאָס זיין פון דער סובסטאַנץ באַנעם איך דורך דריי אַטריבוטן:

דאָס אָרגאַנישע, באַוואוסטע לעבן, צענטראַליזירט אין איין דעפיניטיוון איך.

דאָס מאַטעריעלע עקזיסטירן — אָפּגעריסן און אָפּגעשיידט פון אַ דע־פיניטיוון, גייסטיקן איך.

דאָס אַבסאָלוטע זיין אַליין.

דאָס זיין האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער ליניע. אין אָנהויב איז געווען די ליניע. נייִן, ניט אין אָנהויב, ווייל די ליניע איז אָן אָנהויב און ווייל זי איז נישט געווען אין אָנהויב וועט זי אויך נישט זיין ביים סוף, ווייל זי האָט נישט קיין סוף. די ליניע איז. פון דער ליניע איז געקומען דער קרייז. אין אומענדלעכע מאָדוסן מאַניפעסטירט זיך פאַר אונדז די ליניע און אין אומענדלעכע מאָדוסן מאַניפעסטירט זיך פאַר אונדז דער קרייז. די ליניע האָט איין ווילן — אייביק צו זיין און צו זיין ליניע. דער קרייז האָט איין באַגערן — אייביק צו זיין און צו זיין קרייז.

דער ערשטער אַטריבוט פון דער ליניע איז זיין. דער ערשטער אַטריבוט

פון קרייז איז לעבן. דער צווייטער אַטריבוט פון דער ליניע איז עקזיסטענץ, דער צווייטער אַטריבוט פון דעם קרייז איז עקזיסטענץ. אין זייער ביידנס געמיינ־זאַמען אַטריבוט, עקזיסטענץ, שטויסן זיך אייביק צוזאַמען די ליניע און דער קרייז און באַשאַפן דאָס אייביקע געבוירן און אייביקע אָפּשטאַרבן, וואָס זיינען אין טיפן תוך איינס.

די שטענדיקע צוזאַמענשטויסן פון ליניע און קרייז באַשאַפן דעם ריטם אין אוניווערז. דער ריטם אין אוניווערז איז דאָס לעבן אין אוני־ווערז. אַזוי גיך עס הערט אויף דער צוזאַמענשטויס צווישן ליניע און קרייז אויף אַ וועלכער נישט איז פלאַך פון דער סובסטאַנץ, גייט דאָרט מאָמענטאַן דער געגעבענער מאָדוס פון קרייז אין אַ ליניע איבער, הערט אויף צו לעבן אָבער, נישט צו עקזיסטירן. ווייל אין דעם אַטריבוט פון זיין, וואָס איך רוף עקזיסטענץ, זיינען ליניע און קרייז שותפים.

ליניע און קרייז, אין די אַטריבוטן עקזיסטענץ און לעבן—זיינען ווי אַ צווילינג, וואָס איז צוזאַמען און אין איין צייט און פון איין טראַכט אַרויס, און פון איין פאָטערס לענדן געבוירן געוואָרן. אָבער די ליניע איז נישט נאָר דער מענלעכער טייל פון דעם צווילינג, נאָר איז אויך אַלס ערשטע געבוירן געוואָרן.

אומענדלעך איז די צאָל פון די קרייזן, וואָס זיינען איינס, אומענדלעכע די ליניעס, וואָס זיינען איינע. אַלע ליניעס זיינען אין טיפן תוך פּאַראַלעל, אַלע קרייזן זיינען אין טיפן תוך איינגעשלאָסן אין איין איינציקן קרייז. אַלע ליניעס, וואָס מיר באַנעמען מיט אונדזער שכל, זיינען בלויז מאָדוסן פון דער ליניע, אַלע קרייזן, וואָס מיר באַנעמען מיט אונדזער שכל, זיינען מאָדוסן פון דעם קרייז. לענג־ און ברייט זיינען אין דער אומענדלעכקייט בלויז מאָ־דוסן פון דער ליניע.

איך קען מיר פאָרשטעלן ליניע אָן קרייז. איך קען מיר אָבער נישט פאָרשטעלן קרייז אָן ליניע. מאָדוסן פון דער ליניע, וואָס הערן אויף צו עקזיסטירן, ווערן ווידער דאָס זעלבע, וואָס זיי זיינען פריער געווען — ליניע. מאָדוסן פון קרייז, וואָס הערן אויף צו עקזיסטירן קענען אויך איבער־גיין אין אַנדערע מאָדוסן פון קרייז, אָבער זיי קענען אויך איבערגיין אין ליניע. און דאָס איז דער פונדאַמענטאַלער חילוק צווישן ליניע און קרייז. זיי זיינען אַ צווילינג, אָבער די ליניע איז די ערשטע געבוירן געוואָרן. זיי זיינען אַ צווילינג, אָבער די ליניע איז דער מענלעכער, דער קרייז — דער ווייבלעכער טייל פון דעם צווילינג.

די צוזאַמענשטויסן פון ליניע און קרייז זיינען זייער אייביק שפּיל, דער מאָדוס פון זיין, וואָס מיר רופן: לעבן. דאָס שפּיל מאַניפעסטירט און סימבאָליזירט זיך אייביק פאַר אונדזערע אויגן אין דעם שפּיל פון די גע־שלעכטער, דער ליניע פון מאַן און קרייז פון פרוי. אין אָט דעם שפּיל איז אויך פאַראַנען, ווי אין יעדן שפּיל, דער ערנסט פון דראָען. קוים טרעט די ליניע אַריבער אָט די גרענעץ און ווערט ערנסט, אָדער דער קרייז טוט עס, איז די קאַטאַסטראָפע נישט צו פאַרמיידן.

***

אין דעם פּראָדוצירן און באַנוצן זיך מיט די אַטאָמישע באָמבעס זע איך די פּאַרמעסטונג פון דער ליניע צו צעשטערן דעם קרייז. שפּיל פון ליניע מיט קרייז, וואָס דראָעט אַריבערצוגייען די גרענעץ פון דראָען, ממילא אויפהערן צו זיין שפּיל. וואָרעם אין דעם צוזאַמענהאַלטן זיך פון די קרייזן, אין יעדן אַטאָם באַזונדער, סימבאַליזירט זיך די נויטווענדיקייט פון דער אייביקער עקזיסטענץ פון קרייז — אויב לעבן זאָל זיין אויף אונדזער פּלאַנעט און אוניווערס בכלל. די עקספּלאָזיעס פון די אַטאָמישע באָמבעס, פאַראורזאַכט דורך מענטשן, מאַניפעסטירן און סימבאַליזירן מיט זיך די אַטאַקעס, שוין נישט מער צוזאַמענשטויסן, נאָר אַטאַקעס, פון דער ליניע אויפן קרייז מיט דער דייטלעכער כוונה אים צו צעשטערן. דער קרייז ווערט זיך מיט אַלע זיינע כוחות, סיי פיזישע אין יעדן פּרט פון אַטאָם, סיי גייסטיקע אין יעדן כלל פון אַטאָמען, וואָס רעפּרעזענטירן מיט זיך אַ מאַדוס פון לעבן, אָדער אַ כלל־מאַדוס פון אַ סך לעבנס. דער קרייז שלאָגט צוריק, וואָרפט זיך אויף דער ליניע. שטאַרקער איז אָבער די ליניע. און כאָטש אין דער ליניע, אין איר טיפן וועזן, איז דאָ מער ליבע צום קרייז ווי האַס צו אים, (אַזוי ווי אין דעם מענטשלעכן צווילינג טאַקע) טאָמער וועט עס אָבער קומען צום אולטימאַטיוון צוזאַמענשטויס — וועט די ליניע, אָדער וועלכער נישט איז מאַדוס אירער, צעשטערן אין קאַמף דעם קרייז. יעדער מאַדוס פון דער ליניע וועט אין קאַמף איבערדויערן דעם קרייז; די ליניע, וואָס איז כולל אַלע מאַדוסן פון דער ליניע, וועט אין אולטימאַטיוון פּאַרמעסט איבערדויערן דעם קרייז, וואָס איז כולל אַלע מאַדוסן פון קרייז.

אויב עס איז עפּעס געוועזן איידער ליניע און קרייז זיינען געוועזן, איז געוועזן ליניע אָן קרייז, אָבער עס איז נישט געוועזן קרייז אָן ליניע. אויב די קריגערישע צוזאַמענשטויסן פון קרייז און ליניע, דאָס ווייטערדיקע פּראָדוצירן און אַטאַקירן מיט אַטאָמישע באָמבעס, וועט נישט אויפהערן, קען פאָרקומען אַ טיילווייזע צעשטערונג פון דעם אוניווערס, דאָס הייסט פון יענעם טייל זיינעם, וואו עס גרייכן אָט די אַטאַקעס, דאָס הייסט פון יענעם טייל זיינעם, וואָס מיר מענטשן האַלטן אָקופּירט. עס קען אויך זיין, אַז דאָס וועט זיין בלויז אַ פּרעלודיום צו דער דורכאויסיקער צעשטערונג פון דעם אוניווערס, צעשטערונג פון אַלע מאַדוסן פון קרייז און ממילא דאָס אויפהערן פון דער עקזיסטענץ פון קרייז. זיין אַבסאָלוטע ווידערפאַראייניקונג מיט דער ליניע. מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז דער קרייז איז אייביק צוזאַמען מיט דער ליניע. אָבער נאָך דעם אויפהערן פון קרייז און ליניע וועט אויך אויפהערן דער באַגריף פון דער אייביקייט, וואָס מיר האָבן היינט. דעריבער איז אין די רייד אַ לאָגישע סתירה, אָבער נישט קיין אַבסאָלוטע סתירה. אין אַזאַ פאַל וועט אויפהערן סיי לעבן און סיי עקזיסטענץ און עס וועט בלייבן דער ערשטער מאַדוס פון זיין — דאָס זיין אַליין — וואָס איז גלייכצייטיק אויך זיין ערשטער פון די דריי אַטריבוטן, וואָס דורך זיי דער־

קענען מיר דאָס זיין. דאָס אַבסאָלוטע זיין קען זיין בלויז אין דער ליניע. די ליניע קען זיין בלויז מיט דעם אַבסאָלוטן זיין. צו איר זיין דאַרף זי נישט קיין עקזיסטענץ און נישט קיין לעבן.

דער מענטש, דער שותף צום אוניווערס, אין בעסטן, ספּינאָזיסטישן זין זאָג איך עס, האָט אַ רעכט צו באַנוצן זיך מיט אַלע כוחות, וואָס דער אוניווערס פאַרמאָגט, איינשליסנדיק די אַטאָמישע קראַפט. און לעגאַל — אין אוניווערסאַלן זינען — ווערט ער האַנדלען, ווען ער ווערט זיך באַנוצן מיט דער אַטאָמישער קראַפט, אָבער נאָר צום דייטלעכן גוטס פון אוניווערס און דאָס הייסט: צום צוזאַמענלעבן און פרידלעכן שפּיל פון דער ליניע און פון קרייז.

אַזוי צעשטערט דער מאַן טיילווייז די פרוי ווען ער בויט מיט איר הילף די ווייטערדיקע דורות. און דאָך — מחמת ליבע און ווייטערלעבן — איז דער ציל אַזוי לעגאַל, אַז ער מאַכט אויך לעגאַל דאָס טיילווייזע צעשטערן פון דער פרוי. און דאָס טאָן איז גוט אין די אויגן פון גאָט, און עס איז גוט אין די אויגן פון יעדן מענטש און גוט אַפילו אין די אויגן פון יעדער פרוי אינדיווי־דועל, וואָס מאַכט דורך דעם פּראָצעס פון צעשטערט ווערן. אָבער עס איז גוט נאָר דעמאָלט, ווען עס הערשט קעגנזייטיקע דיסציפּלין און האַרמאָניע צווישן ליניע און קרייז, מאַן און פרוי. אדרבא, אַ פרוי אין וועלכער די טיילווייזע צעשטערונג און אויפבויאונג איז פאַרגעקומען פילט זיך פאַר־פעקטער ווי יענע פרוי, וואָס האָט עס נישט דורכגעמאַכט און אַזעלכע פרויען זוכן זיך אַפילו צו קאָמפּענסירן אין זייער לעבן דורך אַנדערע מיני אויפבויערישע אַקטן.

***

עס איז כדאַי נאָך מער צו מעדיטירן וועגן די דריי אַטריבוטן פון זיין אין אוניווערס.

דאָס אַבסטראַקטע זיין. עס איז אַ ריין קאָסמישער באַגריף. ער אַנט אונדז בלויז. פאַרשטיין דורכאויס קענען מיר אים בשום אופן נישט.

דאָס קאָנקרעטע עקזיסטירן. די קאָנקרעטע פאָרמען פון עקזיסטענץ קענען מיר אָבסערווירן אויף שריט און אויף טריט בשעת מיר אַליין לעבן. מיר זעען דאָס עקזיסטירן פון דער טויטער מאַטעריע אומעטום. מיר זעען אויך דעם אַריבערגאַנג פון לעבן צו עקזיסטענץ. אָדער פון אַ העכערער און אינדיווידועלער פאָרם פון לעבן צו אַ נידעריקערער און מולטיפּליצירטער פאָרם פון לעבן. דאָס עקזיסטירן איז דורכאויס קאָנקרעט פאַר אונדזערע חושים און ממילא דורכאויס צוגענגלעך צו אונדזער מוח, צו אונדזער באַ־גריפן־וועלט.

צום בעסטן באַנעמען מיר דאָס לעבן. מיר לעבן דאָך אַליין. און אַזוי ווי מיר לעבן אַליין, קענען מיר זיך אויך פאָרשטעלן לעבן אין דער עקזיסטענץ. מיר באַנעמען דאָס לעבן פון די פלאַנצן. מיר באַנעמען לעבן אין טיילן פון די פלאַנצן. מיר באַנעמען אינדיווידועל לעבן אין טיילן פון אונדזער גוף. צו אונדזערע רמ״ח אברים האָבן מיר אַ שטאַרק אינדיווידועלן צוגאַנג. מיר

האָבן רחמנות אויף איינצלנע גלידער אונדזערע — ווען זיי ליידן. מיר פרייען זיך מיט זיי מיט זייערע ספּעציעלע פריידן.

אַז אַ מענטש הערט אויף אינדיווידועל אַלס יחיד צו לעבן הערט דער־מיט זיין גוף און זיין נשמה נישט אויף צו עקזיסטירן. גייט דעמאָלט זיין גוף אַריבער אין זיין עקזיסטענץ — און אַפילו אין אַ רעגרעסירנדיקער און דעגענערירנדיקער פאָרם פון לעבן — אָן לעבן לויט מענטשלעכן באַגריף פון טאָג־טעגלעכן לעבן. און אויך די נשמה גייט איבער אין איר עקזיסטענץ אָן לעבן לויט דעם טאָגטעגלעכן באַגריף פון לעבן. דאָס דאָזיקע לעבן, ווייטער־לעבן פון דער נשמה, שטעלן מיר זיך אויף פאַרשיידענע אופנים פאָר. אָפּ־לייקענען עס מיט דער פולער און איבערצייגנדיקער לאָגיק קען קיינער נישט.

די דריטע פאָרם, נאָך לעבן און נאָך עקזיסטענץ, איז דאָס אייביקע זיין — וואו גוף און נשמה ווערן ווידער איינס. ווערן נאָך איינסער ווי זיי זיינען אַלס די צוויי אַטריבוטן — ווי ספּינאָזא פאַרשטייט זיי — געדאַנקלעכקייט און אויסשפּרייטונג פון דער סובסטאַנץ. סובסטאַנץ קענען מיר זיך פאַרשטעלן דורך די צוויי אַטריבוטן. אָבער דאָס אַבסאָלוטע זיין איז אויך אויסער די גרענעצן פון דער סובסטאַנץ — און דאָס קענען מיר זיך שוין נישט פאַר־שטעלן, עס קען אונדז בלויז אָנען. די אַבסאָלוטע ליניע קען אונדז בלויז אָנען. ספּינאָזאָס סובסטאַנץ־באַנעם איז דאָך געבונדן צו קרייז און ליניע — כאָטש ער האָט דאָס, און אין דער פאָרם, קיין מאָל נישט אַרויסגעזאָגט — ממילא: דאָרט וואו עס הערט זיך אויף דער צווילינג קרייז און ליניע — הערט אויך אויף די סובסטאַנץ.

***

די צוזאַמענשטויסן פון ליניע און קרייז זיינען דאָ, נישט נאָר אַב־סטראַקט און אומבאַנעמלעך פאַר אונדזערע חושים, כאָטש באַגרייפלעך פאַר אונדזער גייסט, נאָר זיי מאַניפעסטירן זיך אין סימבאָלן אין אונדזער גאַנצן לעבן אַרום, סיי אין קאָסמאָס, סיי אין אונדזער לאָקאַלער גאַלאַקסע, דעם מילכוועג אין וועלכן אונדזער זונענסיסטעם באַוועגט זיך, סיי אין אונדזער לאָקאַלן זונען־סיסטעם. פּאַרזונקען אין אייביקן קרייזן איז אונדזער פּלאַנעט, אונדזער ערד. איר לעבן שעפּט זי פון איר אייביקן צוזאַמענשטויס מיט דעם אייביקן שטראַל, וואָס רעפּרעזענטירט די אייביקע ליניע.

די גאַנצע מעכאַניק איז געבויט אויף דעם געזעץ פון אַקס און ראָד. אַקס — די ליניע, און ראָד — דער קרייז. אַזוי לאַנג אַקס און ראָד זיינען צוזאַמען, ליניע אַריינגעריסן אין פרידלעכן שפּיל אין קרייז, באַוועגט זיך עס און עס לעבט, איז דאָ לעבן. אַז די אַקס, די ליניע פאַלט פון קרייז אַרויס בלייבט שטיל דאָס ראָד. עס ווערט אויך שטיל ווען די ליניע ברעכט דורך דאָס ראָד און דאָס ראָד ווערט אויס קרייז. דאָס ראָד, דער קרייז גייט אויך ממילא אַריבער אין אַ ווילד און אַ געפערלעך לעבן ווען די אַקס, די ליניע גייט אַוועק פון צענטער, מאַניפעסטירט אַ טענדענץ זיך צו צעשיידן מיט דעם קרייז.

***

מאַן איז ליניע, אייביקע ליניע; ווייב איז קרייז, אייביקער קרייז. אַפילו סעקסועל איז זייער ביידנס סימבאָל — ליניע פון מאַן און קרייז פון פרוי. זייער אייביקער צוזאַמענשטויס איז לעבן. פרוי איז די אייביקע פרייד. אַפילו דעמאָלט ווען זי טרויערט איז עס נאָר אַ פאָרם פון דעם אויסדרוק פון בענקשאַפט נאָך פרייד. פרוי וויל אייביק קרייזן אַרום דער ליניע. מאַן איז דער אייביקער ערנסט. אַפילו דעמאָלט ווען ער פרייט זיך איז עס נאָר אַן אויסדרוק פון בענקשאַפט צום ערנסט צוריק. מאַן רייסט זיך אייביק פון קרייז אַרויס, אָבער אין דעם רייסן זיך דערפילט ער ערשט, אַז ער איז ליניע און דאָס פאַרשאַפט אים דעם שטאַרקסטן באַוואוסטזיין פון זיין ערנסט. ער רייסט זיך אייביק פון קרייז אַרויס און אייביק אין קרייז אַריין ציט עס אים צוריק.

זאָל אונדז נישט פאַרפירן דער צופאַל, וואָס אין דער גראַמאַטיק איז דאָס מין פון דער ליניע — נקבה. די ליניע. דאָס מין פון קרייז — זכר. דער קרייז. דאָס האָט — נאַטירלעך — קיין שום באַדייטונג נישט. דאָס האָט אַ שייכות צום קלאַנג פון וואָרט, זיין איינ־ אָדער מער־טראַפּיקייט.

גאָט איז ליניע און די וועלט איז קרייז. גאָט איז, עקזיסטירט און לעבט. אין אים זיינען אַלע דריי אַטריבוטן פון אוניווערסאַלן זיין. גאָט איז און די וועלט עקזיסטירט און לעבט. דאָס אַבסאָלוטע זיין קען זיין אָן עקזיסטענץ און אָן לעבן. די עקזיסטענץ קען זיין אָן לעבן. דאָס לעבן שליסט איין אין זיך די פריערדיקע צוויי אַטריבוטן פון זיין. לעבן איז דער העכסטער אויסדרוק פון זיין, דער ציל פון זיין. קען זיין, אַז עס וועט אַמאָל קומען צו נאָך אַ העכערער פאָרם פון זיין, ווי עס איז לעבן. אַ פאָרם, וואָס איז מער ווי דאָס אַבסאָלוטע זיין, דאָס עקזיסטירן און דאָס לעבן.

דער קרייז קרייזט אַרום דער ליניע אין אַלערליי ווינקלען פון אַלע גראַדן פון קרייז. אין דעם בייטן זיך פון די ווינקלען פון די ליניעס אין קרייז איז די פאַרשיידנאַרטיקייט פון לעבן. וואָס מער ווינקלען — אַלץ מער פאַרשיידנאַרטיקייט. וואָס מער פאַרשיידנאַרטיקייט — אַלץ מער לעבן. וואָס מער לעבן — אַלץ מער פערפעקציע פון לעבן.

ליניע איז ליכט אָדער פינצטערניש, אָדער אַ געפלעכט פון זיי ביידן. די פאַרבן זיינען די קרייזן. נישט ליכט און נישט פינצטערניש אַליין, און נישט אין זייער צוזאַמענשטויס אַפילו, ווערן זיי לעבן. לעבן ווערן זיי ערשט אין צוזאַמענשטויס מיט פאַרבן — וואָס זיינען קרייזן. דריי גרונט־פאַרבן זיינען פאַראַנען — מיינט אונדזער אויג. זאָל דערפון געדרונגען זיין, אַז עס זיינען פאַראַנען דריי גרונט־קרייזן? בשום אופן נישט. אָט רעפּרעזענטירט אי דאָס ליכט און אי די פינצטערניש די ליניע. און דערפון דרינגט דאָך זיכער נישט, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי ליניעס. שוואַרץ־ווייס און אומענדלעכע פאַרבן זיינען נישט מער ווי איינע פון די אומענדלעכע מאַניפעסטאַציעס פון ליניע און קרייז, זיין און — עקזיסטענץ־לעבן.

***

עטיק איז ליניע — עסטעטיק איז קרייז. דער צוזאַמענשטויס פון דער עטיק מיט דער עסטעטיק באַשאַפט לעבן. די קולטור פון דער וועלט מאַני־פעסטירט זיך אַלס עטישע גרויס־קולטור און אַלס שטייגערישע קליין־קולטור. די עטישע גרויס־קולטור איז ליניע, די שטייגערישע קליין־קולטור איז קרייז. פונקט ווי דער קרייז און די ליניע זיינען געווען אויף דער וועלט איידער זיי האָבן זיך מאַניפעסטירט אין דער ערשטער מדרגה פון עקזיס־טירן און אין דער צווייטער מדרגה לעבן, אַזוי איז אויך די אידעע פון דער עטישער גרויס־קולטור און דער שטייגערישער קליין־קולטור געווען אין דער וועלט איידער זיי האָבן זיך מאַניפעסטירט אין דייטלעכע פאָרמען. די ערשטע — די עטישע גרויס־קולטור — בעיקר אין דער פאָרם פון וואָרט, און די צווייטע בעיקר אין דער פאָרם פון טאַט. פונקט ווי קרייז און ליניע זיינען אין אַלע אייביקייטן געבונדן, אַזוי זיינען עטיק און עסטעטיק געבונדן. דאָס אַבסאָלוטע זיין פון דער עטיק קענען מיר אָנען, פונקט אַזוי ווי מיר קענען אָנען דאָס אַבסאָלוטע זיין בכלל. אָבער זי פאַרלירט פאַר אונדז מענטשן יעדן זינען. די אַבסאָלוטע עטיק איז פאַר לעבעדיקע מענטשן, פונקט אַזוי זינלאָז אַזוי ווי דאָס אַבסאָלוטע געזעץ, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר — אויב מיר שטעלן זיך הינטער די צוויי קיין שום עקזיסטענץ נישט פאַר. אָבער דאָס איז נישט מעגלעך, ווייל ווען מיר זאָגן נאָר: צוויי — באַשאַפט אונדזער דמיון באַלד צוויי עפּיסן. און אַפילו ווען מיר זאָגן אַרויס אַן אַסטראַנאָמישע ציפער מיט צוויי — צוויי קווינטיליאָנען — זאָגט אונדזער דמיון באַלד: צוויי קווינטיליאָנען מיילן. און דאָס הייסט שוין — עפּיסן. דער נישט פילאָ־זאָפישער מענטש, דער אונטערמענטש, קען זיך פאָרשטעלן אַבסאָלוטע עסטע־טיק אָן עטיק. אַבסאָלוטע עסטעטיק אָן עטיק איז פונקט אַזוי זינלאָז ווי קרייז אָן ליניע.

***

עטישע גרויס־קולטור איז יודעאיש און שטייגערישע קליין־קולטור איז העלעניש. יודאַאיזם איז ליניע און העלעניזם איז קרייז. די אידעען פון יודאַ־איזם און העלעניזם זיינען געווען אויף דער וועלט לאַנג, לאַנג פאַר דעם אויפקומען פון די צוויי פעלקער, וואָס זיינען — אַ דאַנק אַ לאַנגער קייט פון סיבות און ווירקונגען — געוואָרן די טרעגער פון די יודעאישע און די הע־לענישע אידעען. פונקט ווי די העלענישע אידעען זיינען נישט מער צוגעבונדן צו די גריכן — אַזוי זיינען די יודעאישע אידעען נישט מעך אויסשליסלעך צוגעבונדן צו די יידן. מען מוז אָבער צוגעבן, סיידן בייזוויליקייט אָדער אַנטי־יודעאישע אַפּעקטן דיקטירן אַנדערש, אַז די יודעאישע אידעען זיינען אין אַ גרעסערער מאָס צוגעבונדן צו די יידן ווי די העלענישע אידעען צו די גריכן פון היינטיקן טאָג. און אויך דאָס איז נישט קיין פאַרדינסט פון די יידן און נישט קיין שולד פון די גריכן — נייערט אַן אויסווירקונג פון אַ לאַנגער קייט סיבות.

אויב פראַנקרייך, אין דער צייט פון איר גרויסער רעוואָלוציע — האָט זיך פאַרנומען בעיקר מיט דער עטיק פון דעם גאַנצן מין מענטש, איז פראַנקרייך אין יענער צייט געווען דער פאָנען־טרעגער פון יודאאיזם אויף אונדזער פּלאַנעט. און אפשר אין גאַנצן קאָסמאָס. עס זיינען דאָך פאַראַנען מחשבות ביי אַסטראָנאָמען, אַז עס קען געמאָלט זיין, אַז אויף קיין שום אַנדערן פּלאַנעט איז נישטאָ מער אַזאַ הויך־אַנטוויקלטע פאָרם פון לעבן, ווי דאָס לעבן פון דעם מין מענטש. אויב די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן דאָס זעלבע געטאָן, זיינען זיי, אין יענער צייט, געווען די פאָנען־טרעגער פון יודאאיזם אויף אונדזער פּלאַנעט. אויב דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט זיך אַ צייט־לאַנג מיט די אידעען פאַרנומען — איז ער, אין יענער צייט, געווען דער פאָנען־טרעגער. און — נאַטירלעך — וואו און ווען די יידן זיינען געווען בעיקר — אין דער געגעבענער וועלט־סיטואַציע — די טרעגער פון דעם יודעאישן געדאַנק, דעם געדאַנק פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, זיינען זיי געווען דערמיט אויך די פאָנען־טרעגער, און נישט נאָר די טרעגער, פון דעם געדאַנק.

און — צוליב אַלערליי, לרוב אויסערלעכע — סיבות איז דער ייד צום אָפּטסטן געווען דער טרעגער פון יודאאיזם אין דער וועלט. מיט דעם אָריינרוקן אין דעם פריערדיקן זאַץ די צוויי ווערטער: לרוב אויסערלעכע — האָב איך, גלויב איך, אויסגעמעקט יעדן חשש אַפילו, אַז שאָוויניזם דיקטירט מיר די מחשבות. אין צייטן, ווען דער ייד האָט זיך מיט די אידעען פון גאַנצן מין מענטש אין דער רעם פון דער וועלט, נישט פאַרנומען, איז ער נישט געווען דער פאָנען־טרעגער פון יודאאיזם, כאָטש ער האָט היסטאָריש נישט אויפגעהערט צו זיין אַ ייד. ייד און יודאאיזם איז נאָענט, אפשר צום נאָענטסטן — צוליב אַ קייט פון אויסערלעכע סיבות — אָבער נישט אידענטיש. גרויסע מאַסן פון יידישן פאָלק באַלאַנגען צו די אומצאָליקע קרייזן פון דער שטייגערישער יידישער קליין־קולטור, אָבער האָבן קיין שום שייכות נישט צו דער ליניע פון דער עטישער יידישער גרויס־קולטור. קיין סטאַטיסטיק איז קיין מאָל אין דעם פרט נישט דורכגעפירט געוואָרן, וואָלט מען זי דורכגעפירט, וואָלט מען זיך אפשר ממש דערשראָקן פאַר דעם פאַקט ווי ווייניק יידן עס זיינען טרעגער פון יודאאיזם.

ווי אומעטיק די פאַר ווערטער דאָ ווייטער זאָלן נישט זיין, זאָגן מוז איך זיי: פאָלק איז אין דער אמתן דאָס, וואָס אַ קליינע כיתה אין אָט דעם פאָלק חלומט וועגן אים. אַ מין כת בעלי חלומות, אָדער בעלי־מחשבות. אויך די גאַנצע מענטשהייט איז נישט מער ווי דאָס, וואָס אַ קליינע כיתה מענטשן חלומען וועגן איר. און אַזוי מיט אַלע פעלקער. אַמאָל איז עס אַ כת שקרנים בלויז אין אַ געוויסן פאָלק, ווי עס האָט אונדז געלערנט די לעצטע דערפאַרונג אין דער וועלט־געשיכטע. דער אמת איז, אַז יעדעס פאָלק, און אויך אונדזער פאָלק, באַשטייט פון צוויי קאַרדינאַלע טיילן, דעם בלויז קוואַנטיטאַטיוון און דעם קוואַליטאַטיוון.

און אויב עס איז שוין צו רייד געקומען—זאָל דאָ געמאַכט ווערן אַ פּרואוו

צו דעפינירן די צוויי באַגריפן, בעיקר פון ייִדישן שטאַנדפונקט. נישט אין גאַנצן, אָבער דאָך, האָט אויך די באַמערקונג אַ שייכות צו די אַלע מחשבות. אַ קוואַליטעט־ייִד איז אַ ייִד, וואָס האָט אַ געוויסן סכום ידיעות וועגן זײַן פאָלקספּראָגאַנגענהייט ביזן נעכטיקן טאָג ממש און באַמיט זיך כסדר, לויט זײַנע אינערלעכע און אויסערלעכע מעגלעכקייטן, דעם סכום וויסן צו פאַר־ברייטערן און פאַרטיפערן. וואָס איז אָריענטירט אין דעם איצט פון זײַן ייִדיש פאָלק, איז אַנגעשלאָסן אין איינער פון די ייִדישע באַוועגונגען, ברענגט געוויסע קרבנות פאַר איר, סײַ פון זײַנע מאַטעריעלע מיטלען און סײַ פון זײַן צייט און — דער עיקר — באַמיט זיך אײַנצושטעלן די שריט פון זײַנע נאָענטסטע און — ועל כולם — די שריט פון זײַנע אייגענע קינדער, אויב ער האָט זיי, אין יענער ריכטונג. וואָס האָט אַ חלום פון אַ ייִדישער צוקונפט אין דער רעם פון דער וועלט, טראַכט וועגן איר און איז גרייט פאַר איר זיך מקריב צו זײַן, אויב גרויסער קרבן וועט געפאָדערט ווערן. פאַרגאַנגענהייט, איצטיקייט, קומענדיקייט. שיר נישט אַן אַנטראָפּאָמאָרפיזירטער טעטראַגראַ־מאַטאָן. אויך אין יענעם מיסטישן וואָרט איז „יוד" דאָס ערשטע אות. אָט דאָס איז אַ קוואַליטעטס־ייִד. קוואַנטום־ייִדן זײַנען אַלע איבעריקע. אַלע אי־בעריקע, וואָס צוליב וועלכער גישט איז סיבה האַלטן זיי זיך אַליין פאַר ייִדן, אָדער ווערן פון אַנדערע פאַר ייִדן געהאַלטן און קענען זיך פון דער פעטליע נישט אַרויסרייסן, אָדער ווילן עס נישט.

אין איינעם פון די פּאַראַגראַפן האָבן מיר געטראַכט וועגן דער מעג־לעכקייט פון קעגנזײַטיקן איבערדויערן פון ליניע און קרייז. מיר זײַנען גע־קומען צום אויספיר, אַז קרייז אָן ליניע קען ניט עקזיסטירן און נישט לעבן. ליניע אָן קרייז — יאָ. דאָס אַבסאָלוטע זײַן געהערט נישט צו די אַטרי־בוטן פון קרייז. אין איר טיפסטן וועזן, אין איר טיפסטן מהות, ווײַסט די ליניע פון דעם אמת, איר אמת. דער קרייז ווײַסט פון דעם אמת נישט אין זײַן טיפסטן וועזן. דער קרייז ווײַסט נישט, אַז ער קען נאָר אַ געוויסע צייט ווײַטער לעבן, אויב ער רייסט זיך אָפּ פון דער ליניע. אַ געוויסע צייט בלויז קען ער ווײַטער זיך לעבן־דרייען מיט דער אינערץ, וואָס די ליניע האָט אין אים אַרײַנגעגעבן. אָט פונקט ווי אַ ראָד — און דאָס איז אַזוי קלאָר פאַר אַלעמענס אויגן — וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון דער אַקס אין מיטן לויפן.

באַוועגונג און קרימונג, און דערמיט לעבן, פרייד און שיינקייט זײַנען אייגנשאַפטן פון קרייז. רו און גלײַכקייט זײַנען די אייגנשאַפטן פון דער ליניע. דערמיט שטעלט זיך די ליניע אויסער די גרענעצן פון שיינקייט. זי איז נישט העסלעך, זי שטייט בלויז אויסער די גרענעצן פון שיין און נישט שיין. לו יהי שוואַרץ, ווײַס און פאַרבן. שוואַרץ און ווײַס זײַנען נישט שיין און נישט העסלעך. פאַרבן קענען זײַן שיין, אָדער העסלעך. נאַטירלעך רעדט זיך עס דאָ וועגן אַבסאָלוטן ווײַס און אַבסאָלוטן שוואַרץ. וועגן אָט די אייגנשאַפטן זייערע וויסן די ליניע און דער קרייז. דער יודאַאיזם און דער העלעניזם. אָבער דער העלעניזם ווייסט נישט (ווײַל דאָס אונטערבאַ־וואוסטזיין אין דעם פּרט פעלט אים, ווײַל וואָלט ער דאָס אונטערבאַוואוסט־

זיין געהאַט, וואָלט ער זיך אַליין מיט דעם אָפּגעשוואַכט, און דאָס איז קעגן דער נאַטור פון יעדער עקזיסטירנדיקער און אַוודאי שוין לעבעדיקער זאַך), אַז אין טיפן תוך איז ער שוואַכער פון יודאַאיזם. דער יודאַאיזם פאַרמאָגט אָבער אָט דעם אונטערבאַוואוסטזיין פון זיין גרעסערער שטאַרקייט איבער דעם קרייז. עס איז נישט זיין פאַרדינסט, עס ליגט אין זיין נאַטור. און ווייל עס ליגט אין זיין נאַטור — נעמט ער זיך מיט דעם נישט איבער. אָבער עס ליגט פאָרט אין זיין נאַטור און ער האָט עס אין זיין אונטערבאַוואוסט־זיין און זיינע האַנדלונגען זעען אָפּט אויס, אַזוי ווי ער וואָלט טאַקע געהאַט געהיימע פאַרבינדונגען מיט גאָט. סימנים דערפון שלאָגן זיך דורך, ווי בלוט פון אַ געהיימער וואונד דורך מלבושים, דורך האַנדלונגען פון יידן, וואָס זיינען שוין אַפילו זייער לאַנג אָפּגעריסן פון יידישן שטאַם, אָדער לעבן אונ־טער רעזשימען, וואָס פאַרטראָגן נישט קיין ספּעציעל יידישע האַנדלונגען. אַזוי ביי יידן־יחידים און אַזוי ביי יידישע גרופּעס. אַזוי אַמאָל ביי אַסימילירט־געשמדטע יידישע גרופּעס אין דייטשלאַנד און אַזוי ביי יידן, וואָס לעבן שוין דרייסיק יאָרן אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים. דער טיפער סוד פון יידישן קידוש השם איז טאַקע צו פאַרשטיין נאָר מיט דער הילף פון אָט דעם אונ־טערבאַוואוסטזיין. אויך דער טיפער סוד פון דעם אייביקן וואונדערן זיך פון דעם העלענער איבערן יידישן קידוש השם. דאָרט האָבן מיר צו טאָן מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם סופּעריאָריטעטס־קאָמפּלעקס, אָדער אפשר דאַרף מען דאָ זאָגן „אונטער־קאָמפּלעקס", אין צווייטן פאַל מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם אינפעּ־ריאָריטעטס־אונטער־קאָמפּלעקס. (אַנטקעגן דעם וואָרט „אונטערבאַוואוסט־זיין").

דער יודאַאיזם איז נישט בעסער ווי דער העלעניזם. דער העלעניזם איז נישט שענער ווי דער יודאַאיזם. כאָטש אין אַלגעמיין ווערט אָנגענומען, אַז אין וועזן פון ערשטן איז שיינקייט, אין וועזן פון צווייטן גוטסקייט. אין מהות פון דעם וואָרט „גערעכטיקייט" אָדער „רעכט" איז אויך דאָ דער מהות פון „ליניע" און דאָס איז דער פונדאַמענטאַלער חילוק צווישן יודאַאיזם און העלעניזם.

מיר מענטשן, וואָס זיינען צוגעבונדן מיט אונדזערע חושים צום לעבן — האָבן מער פון אַלץ ליב דאָס לעבן אַליין. און — אויב מיר פאַרשטייען דאָס לעבן טיפער — האָבן מיר אויך ליב דעם טויט. עס ליגט אין דער נאַטור פון דער זאַך, אַז יידן קענען לייכטער באַנעמען די ליבע צום טויט ווי נישט יידן. מאָמענטן פון אַ שטאַרקערער ליבע צום טויט ווי צום לעבן זיינען אויסנאַמס־מאָמענטן. פאַראַנען אַזעלכע. דאָס זיינען רגעס פון גרויסע ליידן — פיזישע צי גייסטיקע — און אויך רגעס, ווען אונדזער לעבנס־ווילן גופא, אָדער לעבנס־ליבע גופא, ווערט צוליב סיבות מיד.

אויב מיר פאַרמאָגן גענוג באַוואוסטזיין, קענען מיר זייער לייכט ליב האָבן אי דאָס לעבן און אי דעם טויט, ווייל מיר ווייסן דאָך דעמאָלט, אַז דורך דעם טויט הערן מיר נישט אויף צו עקזיסטירן. פון זיין איז דאָך שוין אָפּגערעדט. נישט אונדזער גוף — קרייז — הערט אויף צו עקזיסטירן, און

נישט אונדזער ליניע — נשמה. די ווייטער־עקזיסטענץ פון אונדזערע גופים נאָך אונדזער טויט, נאָך מענטשלעכן טויט, קענען מיר לייכט אָבסערווירן מיט אונדזערע חושים. מיט די זעלבע, נישט גענוג פּערפעקטע חושים, קענען מיר אָבער נישט אָבסערווירן די ווייטער־עקזיסטענץ פון אונדזערע נשמות, נאָך אונדזער טויט, און דעריבער זיינען די באַגריפן פון דער ווייטער־עקזיסטענץ פון דער נשמה פאַרנעפּלטע און סתירותדיקע.

אַז די יידישע רעליגיע איז נאָך געווען נענטער צו איר אור־קוואַל, נענטער צו איר געטלעך־געניאַלן באַשאַפער — ווער ער זאָל נישט האָבן געווען, צי פון אונדזער שטאַם, צי נישט — איז זי געווען אַזוי דורכגענומען מיט דעם באַוואוסטזיין פון דער ליניע אירער, אַז זי האָט אַפילו נישט גע־טראַכט פון אַ סוראָגאַט פון אַ „יענער וועלט". דעמאָלט האָט נאָך אין איר שטאַרק געלעבט דאָס באַוואוסטזיין, אַז די וועלט איז יענע וועלט גלייכ־צייטיק. וואָס ווייטער די יידישע רעליגיע, די יידישע וועלט־באַנעמונג, איז אַוועק פון איר אור־קוואַל, וואָס מער זי איז פאַרמישט געוואָרן מיט דער העלענישער וועלט־באַנעמונג, וואָס מער די קרייזן האָבן אָנגעהויבן צו קרייזן אַרום דער ליניע, אַלץ מער איז זי פאַרמענטשלעכט און פאַרלעבנט געוואָרן און אַלץ מער האָט זי געמוזט טראַכטן וועגן אַ „יענער וועלט" ממש. דער אמת איז אָבער, אַז „יענע וועלט" מיט איר גן־עדן און גיהנום זיינען אַ נישט־יידישע זאַך און קענען נישט האָבן קיין פּלאַץ אין באַנייטן יודעאישן וועלט־באַנעם.

פונקט ווי יחידים זיינען מיט אַלע חושים צוגעבונדן צום לעבן — אַזוי זיינען עס גאַנצע פעלקער. דאָס יידישע פאָלק, פונקט ווי אַלע אַנדערע פעל־קער, האָט שטאַרק ליב דאָס לעבן. כאָטש פונקט ווי אין יחידים, קומען פאָר אויך אין פעלקער פּעריאָדן פון מידקייט. אַז יחידים הערן אויף צייטווייליק צו לעבן — הערן זיי שוין אויף אויף שטענדיק צו לעבן. נאָך דעם לעבן קענען זיי נאָר נאָך עקזיסטירן און נאָך אַריבער אין דער פאָרם פון זיין, אָבער צום לעבן קענען זיי זיך אינדיווידועל שוין מער נישט אומקערן. אָבער פעלקער קענען יאָ צייטווייליק אויפהערן צו לעבן, אַריבער אין דער בחינה פון עקזיסטירן בלויז, און מיט דער צייט ווידער אָנהויבן לעבן. פעלקער זיינען ווי ביימער. עס איז פאַלש דאָס אָפטע פאַרגלייכן פון גאַנצע פעלקער־אָרגאַניזמען צו מענטשלעך־יחידישע אָרגאַניזמען. פעלקער־אָרגאַניזמען זיי־נען ווי ביימער־אָרגאַניזמען. וואָלטן פעלקער געווען ווי יחידים — וואָלט אונדזער יידיש פאָלק געדאַרפט איצט — און אָפט שוין אין אונדזער געשיכטע זיין לאַנג טויט. איז דאָך פון אונדז איצט אָפּגעשניטן געוואָרן—מיט דעם אויס־מאָרדן פון אונדזערע זעקס מיליאָן — אַ האַנט און אַ פוס און דער קאָפּ — אויב מיר וואָלטן אַ פאָלק פאַרגלייכט צו אַ מענטשלעכן יחיד. אָבער, אַז מיר פאַרגלייכן אַ פאָלק, און זיך, צו אַ בוים — איז טאַקע פון אונדז אונדזער הויפּטשטאַם אָפּגעשניטן געוואָרן, אָבער דער אמתער קאָפּ פון אַ בוים איז גראָד אין זיין נידער, אין די וואָרצלען — און מיר קענען רעגענערירן און אַפילו גיך רעגענערירן. שוין אין ערשטן זומער. ווייל דער אומקום פון די

זעקס מיליאָן איז נישט געווען אַן אויסדרוק פון אונדזער מידקייט, אדרבא — די קאַטאַסטראָפע האָט אונדז פאַרכאַפּט אין אַ מאָמענט פון אויפלעבונג, דער־ריבער איז דער רעגענעראַציע־ און ווידער־אויפלעבונגס־ווילן אַזוי שטאַרק אין אונדז, איצט, באַלד נאָך דער קאַטאַסטראָפע. עס זעט שיר נישט אַזוי אויס, אַז די קאַטאַסטראָפע האָט דערנענטערט אונדזער אולטימאַטיווע רע־גענעראַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, מיט אונדזער אייביקייט געמאָסטן, קנאַפּ פאַר 1939, אונדזערע משיח־צייטן.

מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז אַן איינמאָל פאַרלוירן לעבן קען נישט ווידערגעפונען ווערן דורך דעם זעלבן יחיד אין אידענטישע באַדינגונגען. אָבער אַ פאַרלוירן לעבן, וואָס איז דורכגעגאַנגען די מעטאַמאָרפאָזע פון עק־זיסטענץ, קומט ווידער אויף, נאָר נישט אונטער אידענטישע באַדינגונגען. קומט אויף אין אַן אַנדער גילגול. די גרעסטע טראַגעדיע פון דעם מין מענטש באַשטייט אין דעם, וואָס כאָטש זיין איצטיקייטס־זכרון איז זייער גוט אַנט־וויקלט, באַזיצט ער אָבער לחלוטין נישט קיין זכרון פון פאַרגאַנגענע גילגולים. דאָס איז נוגע דעם יחיד־מענטש. אָבער דער קאָלעקטיווער מענטש באַזיצט דעם זכרון פון פאַרגאַנגענע גילגולים. אַ בלאַט שטאַרבט יעדן האַרבסט און קומט, אַלס יחיד, קיין מאָל מער נישט אויף, אַזוי מיינט דאָס בלאַט, אָדער וואָלט געמיינט, ווען עס וואָלט געטראַכט. אָבער דער גאַנצער בוים, דער כלל, ווערט יעדעס יאָר ניי־געבוירן. די בלעטער זיינען די קרייזן, די לעבנס־פאָרמען, וואָס רינגלען אַרום די ליניע, דעם בוים. כאָטש דער ייד, דער יודעער, האַלט זיך זייער קראַמפּהאַפט אָן לעבן, ווי לאַנג עס לאָזט זיך; אין אַנטשיידנ־דיקן מאָמענט, נאָענט פון טויט — נעמט ער דעם טויט אויף מיט מער רו־איקייט ווי דער העלענער. אין אים איז שטאַרקער אַנטוויקלט דאָס אונטער־באַוואוסטזיין פון געדענקען פון פריערדיקע גילגולים — לעבנס. דער הע־לענער לעבט לייכטזיניקער, שפּילט זיך און פאַרשפּילט לייכטער דאָס לעבן. אין דער אַנטשיידנדיקער רגע שטאַרבט דער ייד רואיקער. אין פּנים פון טויט ווערט קלאָר דער פונדאַמענטאַלער חילוק אין זייערע נאַטורן — דער נאַ־טור פון דער ליניע און דער נאַטור פון קרייז. אויב עס וואָלט מעגלעך גע־ווען זיך אויפצוהויבן זיך הויך־הויך איבערן איצט, און דער עיקר אויב אַ ייד וואָלט עס געקענט טאָן — און עס איז כמעט אוממעגלעך דערוייל — וואָלט מען דאָס שטאַרבן פון די זעקס מיליאָן דערזען ווי דאָס שטאַרבן פון אַ זעקס־מיליאָניקן סאָקראַטעס־רבי עקיבא.

***

דער נאַציזם איז געווען — און אויף וויפיל ער עקזיסטירט נאָך, איז ער עס נאָך — די אַבסורדאַלע און מאַקסימאַלע פאָרם פון העלעניזם. דער נאַציזם האָט געשטרעבט צום אוממעגלעכן, צום זעלבסטשטענדיקן לעבן פון קרייז, אָן דער שטענדיק באַלעבנדיקער און ריטמישער ווירקונג פון דער ליניע, דעם יודאַאיזם. דער נאַציזם האָט זיך פאַרמאָסטן אויף דעם גרעסטן אַבסורד, וואָס דאָס לעבן פון דעם פּלאַנעט האָט פּראָדוצירט. דאָס

ראָד האָט זיך פאַרמאָסטן אומצובערענגען די אַקס, דער קרייז — די ליניע. און עס איז אפשר נישט קיין צופאַל, וואָס דער נאַציזם האָט אַזוי פיל גע־רעדט וועגן דעם, אַז ער איז די אַקס. ווי האָט ער געקענט זיין די אַקס, אַז ער איז געווען משוגע געוואָרענער קרייז? און עס איז נאַטירלעך נישט קיין צופאַל, וואָס אָט דאָס ראָד, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער אַקס, האָט אַליין געוואָלט ווערן אַקס, האָט זיך אַזוי גיך אַראָפּגעקייקלט אין אָפּגרונט — מיטרייסנדיק אַ שטיק וועלט מיט זיך.

די ליניע האָט זיך קיין מאָל נישט פאַרמאָסטן אומברענגען דעם קרייז, ווי דער קרייז — אין די יאָרן 1933־1945 — די ליניע. און אויב אַ וועלכער נישט איז פירשפּרעך פון דער ליניע האָט אפשר ווען נישט איז, און צייטנ־ווייז, געטראַכט וועגן דעם, אָדער גערעדט וועגן דעם, איז דער געדאַנק פּונקט אַזוי אַבסורדאַל ווי די פאַרמעסטונג פון דעם קרייז.

דער קרייז און די ליניע זיינען אין אַלע אייביקייטן געבונדן מיט זיך, אויב לעבן דאַרף זיין אויף דעם פּלאַנעט. אין אייביקן ריטם זיינען געבונדן דער ייד און די וועלט, די וועלט און דער ייד. דער ייד, דער אייביקער טרע־גער פון איינס־געדאַנק אין דער וועלט — אָנהויבנדיק מיט משהס איינס־געדאַנק און ענדיקנדיק מיט ספּינאָזאָס איינס־געדאַנק; דער העלענער, דער איי־ביקער טרעגער פון פיל־געדאַנק אין דער וועלט. די שפּיל פון איינס מיט פיל און פיל מיט איינס איז לעבן. און לעבן איז דער זין פון דער וועלט. אָן קרייז האָט די וועלט קיין זין נישט, קיין באַוועגונג נישט, קיין לעבן. אָן ליניע קען זיך דער קרייז נישט באַוועגן, קען קיין זין נישט האָבן, קיין לעבן נישט.

כאָטש אונדזער יידיש פאָלק האָט אַזוי פיל בייגעטראָגן צום וויסן וועגן אַטאָם, און כאָטש אַ פאָרשטייער פון אונדזער פאָלק — איינשטיין — האָט געהאָלפן ביי דער אַנטוויקלונג פון דעם אַטאָם אַלס וואָפן, וואָס האָט אולטי־מאַטיוו אָפּגעשטעלט דעם שותף פון דעם משוגע געוואָרענעם קרייז, זיינען אָבער אויך פאָרשטייער פון אונדזער פאָלק, מיטן זעלבן איינשטיינען בראש, איצט די ערשטע, וואָס וואָרענען וועגן דער גרויסער געפאַר. מחמת דאָס פאַרוואַנדלען די אַטאָם־קראַפט אין אַ צעשטערנדיקן וואָפן איז גלייך צו אַ משוגע געוואָרענער ליניע, וואָס וויל דעם קרייז צעשטערן. און אויב די וואָרענער זיינען נישט קיין יידן, שטייען זיי אונטער דער השפּעה פון יודע־אישע אידעען. איך וויל דאָ קיין וויטערדיקע נעמען נישט אָנרופן. די זאַך איז קלאָר גענוג.

יודאַאיזם איז געגאַנגען אין איין גלייכער ליניע, אָנהויבנדיק מיט משה ביז היינט. די ערשטע צוועלף הונדערט יאָר פון דעם גאַנג זיינען גראָדליניק דאָקומענטירט אין תנ״ך. דאָקומענטירט מיט דער קאַנאָניזירונג. דאָס וואָס ער שטעלט זיך געשיכטלעך אָפּ אַ האַלב מילעניום פריער קומט דאָ נישט אין פראַגע. קאַנאָן איז אויך גלייכע ליניע. יידישער קאַנאָן איז דאָ אין רוקנביין פון אונדזער געשיכטע. ער איז נאָר נישט אַזוי דאָקומענטירט נאָך

ווי ער איז עס אין תנ״ך. אויך פֿאַר דעם איז איצט די צייט געקומען. אַלע סימנים זאָגן דאָך, אַז מיר לעבן אין דער צייט פֿון די צייטן. דער קרייז האָט קעגן דער ליניע געקריגט און איז באַזיגט געוואָרן. און עס זעט אויס ווי די ליניע פֿאַרמעסט זיך אויפֿן קרייז. און אַזוי ווי די ליניע איז שטאַרקער — איז טאַקע איצט די לעבעדיקע וועלט אין שפּיל.

און אויך פֿון אונדזער ריין־יידישן שטאַנדפּונקט איז איצט די צייט פֿאַר אַ נייעם קאַנאָן. אַזוי האָבן מיר זיך אַלע מאָל געפֿירט. נאָך אונדזער ערשטן חורבן האָבן מיר קאַנאָניזירט דעם חומש, נאָך אונדזער צווייטן חורבן — דעם תנ״ך, נאָך אונדזער דריטן חורבן, וואָס מיר האָבן בלי שום ספק אי־בערגעלעבט ווי די ערשטע צוויי הורבנות, דאַרפֿן מיר קאַנאָניזירן אונדזער צוויי־טויזנטיאָריקן חשבון מיט דער וועלט און מיט זיך.

ליניע זיינען מיר! לכל הפּחות אירע שלוחים. אחד איז דאָס גרויסע וואָרט אונדזערס. איין גאָט איז געווען אונדזער ערשטע גרויסע איינס, וואָס מיר האָבן צו און אין דער וועלט געטראָגן נאָך אונדזער ערשטן חורבן. איין מענטשהייט, וואָס איז אידענטיש מיט איין וועלט, איז געווען אונדזער צווייטע, גרויסע איינס, וואָס מיר האָבן צו און אין דער וועלט געטראָגן נאָך אונדזער צווייטן חורבן. איין מענטש דאַרף זיין די דריטע גרויסע איינס, וואָס מיר דאַרפֿן איצט קלאָר מאַכן פֿאַר דער וועלט אין אונדזער נייעם קאַנאָן, נאָך אונדזער דריטן חורבן און גרעסטן קרבן.

***

קען זיין, אַז ליניע איז אויך נישט מער ווי אילוזיע, אַז אין קאָסמישן פֿאַרנעם איז זי אויך נישט מער ווי קרייז. פּונקט ווי קרייז ווערט דער גלייכ־סטער וועג אויף אונדזער פּלאַנעט, אויב ער ציט זיך נאָר פֿערציק־טויזנט קילאָמעטער לאַנג אין איין ריכטונג. אָבער אָט אַזוי טראַכטן איז טאַקע אין גרונט געגומען העלעניש, טראַגיש, פּעסימיסטיש. און איך בין אַ ייד.

און ווייל איך בין אַ ייד, ליגט עס אין מיין נאַטור אין מיטן פֿון לאַבי־רינט דעם פֿאָדעם צו זוכן. זוך איך אים. און אָט דאַכט זיך מיר, האָט זיך מיר ביים שרייבן די אַלע בלעטער ביז איצט געדאַכט, אַז אַ פֿאָדעם האָב איך דער־זען און אויפֿגעהויבן און איך האַלט מיך ביי אים און עס דאַכט זיך מיר, אַז ער פֿירט מיך פֿון לאַבירינט אַרויס. און מיט זיין הילף האָב איך נאָר־וואָס געמאַכט דעם ערשטן אומזיכערן שריט צו אַ נייער יידישער וועלט־באַנעמונג נאָך די יאָרן 1933־1945. אַ נייער? אפשר אַן אוראַלטער, אייביק דער זעלבער.

איין גאָט, איין וועלט, איין מענטש. די ליניע וויל לעבן האַרמאָניש מיט דעם קרייז. דער קרייז מוז לעבן האַרמאָניש מיט דער ליניע. דאָס איז נאָר מעגלעך דעמאָלט, ווען אַלע, אַלע ווועלן פֿאַרשטיין, אַז איין מענטש איז אַזוי גרויס, און נאָך גרעסער, ווי איין גאָט, ווייל איין גאָט איז בלויז גאָט, און איין מענטש איז גאָט און מענטש. מער. איין מענטש איז דער דריטער און לעצטער יידישער איינס־געדאַנק אין דער וועלט.

יוני, 1947

ב. גראָבארד

פון אָנהייב ביז אָנהייב

וועגן יעקב גלאַטשטיין

ביים סוף פון דער צווייטער דעקאַדע פון הייַנטיקן יאָרהונדערט איז פאַרגעקומען אַן אויפלעבונג אין דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע. עס האָט געהאַט כמעט דעם פאַרנעם פון אַ רענעסאַנס. די סיבות זיינען געווען: מען האָט אָנגעהויבן הערן ווידערקלאַנגען פון אַמעריקאַנער לעבן. מען האָט דערשפּירט די ריחות פון אַמעריקאַנער ערד, און מ׳האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז מ׳בלייבט אין אַמעריקע להשתקע. עס איז ניט בלויז אַ סטאַנציע אויף דערווייל, נאָר אַ היים פאַר זיך און פאַר אַ פאַמיליע, וואָס מען וועט שאַפן. די נאָכווייענישן פון דער מלחמה און די איבערקערענישן אין פאַרשיידענע אייראָפּעאישע לענדער האָבן אויך באַווירקט אונדזער געמיט, אַ ביסל באַרואיקט אונדזער וואַנדערלוסט און געשטאַרקט אונדזער היים־ווי. אַ ווייטיק און אַ בענקשאַפט נאָך זומערדיקע פאַרנאַכטן און אילוזיעס פון אַ רייך לעבן און זיכערקייט. עפּעס וואָס מ׳וועט שוין ניט האָבן, נאָר מ׳וועט אייביק בענקען נאָך דעם. דאָס געזעגענען זיך אין הארצן מיטן געבורט־לאַנד האָט אַרויסגערופן זכרונות און פאַרשאַרפט די בענקשאַפט. דער קאַמף מיט דער נייער סביבה צוזאַמען מיט דער נאָגנדיקער בענקשאַפט צום פאַרלוירענעם לאַנד האָבן סטימולירט די שאַפונגס־כוחות אין די אומרואיקע און אויסגעקליבענע און געשאַפן אַ נייעם גייסטיקן קלימאַט.

די „יונגע" זיינען שוין געווען עטאַבלירט. זיי האָבן שוין געהאַט אַריינגעבראַכט זייער באַזונדערן טאָן אין דער יידישער פּאָעזיע. עטלעכע פון זיי האָבן צעשפּרייט די פליגל און אַריינגעבראַכט גאָר וויכטיקע איינפלוסן אין אונדזער דיכטונג. מאַני לייב, משה לייב האַלפּערן, י. ראָלניק. ה. לייוויק איז אַ וועלט פאַר זיך. ער געהערט נישט צו קיין גרופּע. אויפן שוועל פון אונדזער פאַנטעאָן איז שוין געשטאַנען אַ צווייטע גרופּע, וואָס איז געקומען מיט אַ נייעם באַוואוסטזיין וועגן דער ראָל פון פּאָעזיע, און מיט אַ נייער אידעע וואָס פּאָעזיע איז. די גרופּע איז געקומען מיט אייראָפּעאיש וויסן און מיט יידישער טראַדיציע. דער נאָמען אינזיכיסטן איז איצט ניט וויכטיק. כמעט אַלע זיינען זיי געקומען מיט טאַלאַנט. אָבער ניט אַלע מיט דעם זעלבן טעמפּעראַמענט, דערפאַרונג און הינטערגרונט. די טאַלאַנטפולסטע, וואָס האָבן מיט זייערע עקספּערימענטן באַרייכערט די טראַדיציאָנעלע יידישע דיכטונג זיינען א. לעיעלעס און יעקב גלאַטשטיין. עס איז, אַגב, אינטערעסאַנט, אַז די

וויכטיקסטע אינזיכיסטן זיינען פּוילישע. עס קאָן טאַקע זיין אַז געאָגראַפיע האָט עפּעס צו טאָן מיט גייסטיקע שטראָמען אין דעם אינטערבאַוואוסט־זיין. י. גלאַטשטיין האָט דורכגעמאַכט אַ היפּשן מהלך פון אַן אינדיווידועל אינטעלעקטועל לירישן דיכטער ביז אַ נאַציאָנאַלן דיכטער. פון 1919 ביז היינט האָט ער דורכגעשפּרייזט זייער וויכטיקע עטאַפּן.

עס זיינען דאָ דיכטער און קינסטלער וועמענס שאַפונגען, באַגלייך מיטן סטימול צום שאַפן, וואָרצלען אין אַ טראַדיציאָנעלער, דורותדיקער יידישער אידעען־וועלט. זיי ציען יניקה פון אַ צעשטראַלטן עבר, וואָס לעבט אין זיי. און דעם עבר גיבן זיי תיקון דורך אַלערליי וויזיעס, אידעען און מאָטיוון. היינט־צייטיקע געשעענישן רודערן בלויז אויף טיף־פאַרזעצטע וואָרצלען וואָס וואָלטן זיך סיי־ווי צעבליט. זיי ציען זייערע זאַפטן פון אַ ריין יידיש־גייסטיקן קלימאַט און דעריבער רעאַגירן זיי אַנדערש אויף איבערלעבונגען, דערפאַרונגען, איינדרוקן און מעדיטאַציעס. זיי שרייבן מיט אַחריות און מיט באַוואוסטזיין פון זייער קונסט־מיסיע. אַזאַ דיכטער איז יעקב גלאַטשטיין. זיין טאַלאַנט איז איינער פון די אָריגינעלסטע און אינטענסיווסטע אין אונדזער ליטעראַטור. אויף זיין פּאָעטישער אַרבעט ליגט דער חותם פון בראשית. מען זעט ניט ביי אים דעם געראַנגל אויף זיין וועג צום ציל פון דיכטערישער שלימות. מען הערט ניט דעם כאַאָס, וואָס באַגלייט דעם פּראָצעס פון שאַפן. מען הערט בלויז דאָס פאַרטיקע וואָרט באַגלייט פון דורות לאַנגע עכאָס. דאָס ליד איז קאָמפּליט און פאַרענדיקט. מען זעט ניט די הכנות, ניט די נעגל־וואַסער און ניט דעם מודה אַני. מען הערט ניט די געבורט־ווייען, אָדער דעם פּלי פון צייט. עס איז כמעט ווי דער מנורה־פּראָצעס. מען וואַרפט אַריין אַ שטיק גאָלד אין פייער און די מנורה קומט אַרויס פון זיך אַליין. מען זעט אַפילו ניט דעם גלי פון קוילן אָדער דאָס שמעלצן פון מעטאַל. מען זעט בלויז די מנורה אַ פאַרענדיקטע. דאָס מיינט נאַטירלעך ניט, אַז דאָס וואָרט אָדער דער אימאַזש מאַכט ניט דורך פאַרשיידענע גילגולים, וואַנדערונגען און טראַנספאָרמאַציעס ביז עס דערזעט די ליכטיקע וועלט. אָבער גלאַטשטיין האָט דעם בראשית־סוד פון אָנהויב ביז אָנהויב.

דער סוד פוגם ערשט טאָגיקן ליכט האָט באַגלייט זיינע לידער פון אָנהויב ביז היינט. אַפילו אין לידער, וואו ער שפּילט זיך מיט קלאַנגען, ווערטער, אַסאָנאַנצן און אַליטעראַציעס, פּילט זיך באַוואוסטזיין, ציל, דיכטערישע ריכטונג, אַחריות און פערזענלעכקייט. זיין פּאָעטישע קאָמפּאָזיציע קריגט לעבן אין די טיפסטע פלאַכן פון פערזענלעכקייט. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ גרינט־לעכער אָביעקטיוויטעט. דאָס איז געווען דער עטענץ פון זיין טאַלאַנט. זיין אָביעקטיוויטעט איז ניט געווען אַ קוק פון דער זייט אויף זאַכן. נאָר ער האָט זיך אַריינגעלעבט אין מענטשן און זאַכן און גערעדט מיט זייער אייגענעם, איבערצייגנדיקן אַקצענט, מיט זייערע אייגענע טערמינען — ריטמען פון זייערע אייגענע לעבנס. עס פאַרשטייט זיך, יעדע ליטעראַטור האָט געהאַט צו טאָן מיט דער פּראָבלעם פון אידענטיפיקאַציע, און עס איז נאַטירלעך אוממעגלעך, כאָטש ווינטשנסווערט, פאַר אַ שרייבער צו דערגרייכן אַבסאָלו־

טע אידענטיפֿיקאַציע מיט יעדן פֿון די פֿאַרשיידענע לעבנס, וואָס ער מאָלט. דאָס מיינט, אין יעדער פּרעזענטירונג פֿון מענטשן און זאַכן בלייבט דעם שרייבערס פּערזענלעכקייט ווי אַן אומזיכטבאַרער צענטער פֿון אַ זעבאַרן קרייז. אָבער עס איז אַלע מאָל דאָ די אילוזיע פֿון אָביעקטיוויטעט. דער לייענער האָט די אילוזיע, אַז ער מאַכט־מיט די דערפֿאַרונגען פֿון פֿאַרשיידענע מענטשן. אַזוי ברענגט אונדז גלאַטשטיין אַריין אין דעם מאַרש פֿון טויט אין זיינע לידער אין „צעשטראַלטע יידן". די אָביעקטיוויטעט, וואָס איז געווען אַן אָפּשיין פֿון דעם דיכטערס אייגענע דערפֿאַרונג, איז אייגנטלעך געווען דער הויפּט־שטריך פֿון גלאַטשטיינס ערשטע לידער. עס איז געווען אַ מין פּראָטעסט קעגן דעם טרערן־קוואַל, וואָס האָט פֿאַרפּלייצט די יידישע דיכטונג. פֿון דער אָביעקטיוויטעט ביז פּערזענלעך איבערלעבן די יידישע טראַגעדיע איז אַ היפּשער און אייגנאַרטיקער גאַנג.

די אָביעקטיוויטעט האָט זיך אַלע מאָל געראַנגלט מיט אַ טיף געפֿיל פֿאַר שפּראַך, פֿאַר בילדלעכע ווערטער און פֿאָלקלאָר. די אָביעקטיוויטעט האָט אויך געליטן פֿון אַ געראַנגל צווישן עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען און אינטעלעקטועלער גאַנצקייט־אינטעגריטעט. די אַלע ווידעראַנאַנדן זיינען פֿאַרשוואונדן, ווען פֿאַרן דיכטערס אויג זיינען פֿאַרבייגעגאַנגען די הייליקע פּראָצעסיעס פֿון יידן קדושים צום טויט געפֿירטע, ווען ער האָט געזען די פֿייערן פֿון די אויוונס אין לובלין און די מאַסן־קברים. אַלע ראַנגלענישן פֿאַר אַבסאָלוטער אָביעקטיוויטעט זיינען פֿאַרשוואונדן אין אָנגעזיכט פֿון די שווידערלעכע טויטן און פּייניקונגען. אַלע אָנגענומענע נאָרמען פֿאַרשווינדן. דער אָביעקטיווער אמת, דער קרענקלעכער זעלבסט־אַנאַליז איז דערטרונקען געוואָרן אין טייכן בלוט, יידיש בלוט. די דיכטונג פֿון רעוואָלט איז פֿאַרשוואונדן מיט דער אידענטיפֿיקאַציע פֿונעם דיכטער מיט די יידישע ליידן און יידישן גורל אין דער וועלט. די ענדערונגען אין גלאַטשטיינס שפּראַך איז דער פּועל־יוצא פֿון אַן אַנדערן לעבנס־קוק. צו שרייבן וועגן הייַנטצייטיקע יידישע איבערלעבונגען פֿאָדערט זיך די שפּראַך פֿון אַקצעפּטירונג און גלויבן. די פֿאַראַנטוואָרטלעכע שפּראַך פֿון מקבל זיין באהבה און אמונה איז ניט מעגלעך אין דיכטונג פֿון רעוואָלט. די דערפֿאַרונג פֿון אַמאָליקן רעוואָלט און עקספּערימענט פֿילט זיך געוויס אין פֿאַרשיידענע אימאַזשן און בילדער, אָבער דער ריטם און דער שפּראַך־פֿלוס פֿון גלאַטשטיינס הייַנטיקער פּאָעזיע זיינען טראַדיציאָנעלע, באַשיינט מיט מייסטערשאַפֿט און חוש פֿאַר וואָרט און פֿאָלקלאָר.

עס איז דאָ אַן אייגנאַרטיקייט אין דעם אופֿן פֿון זיין ווערטער־באַשאַף און אין זיינע ווערטער־קאָמבינאַציעס. אויב מען זאָל מעסטן זיין פּאָעטישע עשירות לויט זיינע לידער, וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן אין די לעצטע פֿופֿצן יאָר, האָט ער זיכער דורכגעמאַכט אַ רייכן און טיפֿן פּראָצעס פֿון אַנטוויקלונג, כאָטש ער איז געקומען אַ באַוואוסטזיניקער, מיט אַ געוויסער סנאָבישער ראָליע פֿונעם קינסטלער אין דער וועלט. ער האָט ביסלעכווייז אַרונטערגעוואָרפֿן די פּאָעטישע שליפֿעס און אָנגעטאָן דעם האַריקן מאַנטל

פון עמוסן. ער איז געוואָרן אַן אחריותפולער, ערנסטער מאָראַלישער נאַציאָ־נאַלער דיכטער מיט אַ טיפן באַנעם פון געשיכטע און פון יידישער פּראָבלעמאַטיק. דער נייַנצנטער יאָרהונדערט, וואָס האָט אַזוי פיל צוגעזאָגט מיט זייַנע אידעען פון פּראָגרעס און הומאַניזם, האָט אים ניט צופיל געגלעט און פאַרוויגט. צער און פּיין, ליידן און הילפלאָזיקייט באַגלייטן די מערסטע פון זייַנע לידער. אַפילו אין די „קרעדאָס" אין „שפּיגל כתב" זינגט ער: „די נאַכט צײלט די שעהן און דער טרויער איז אַלץ זיין פאַטער". דערפאַרונג און עטישע באַציאונג צו פּאָסירונגען און אידעען מאָדיפיצירן און גיבן געשטאַלט צו אַ ליד אָדער אַ פּאָעמע. מאַכט ניט אויס וואָס דער מאַטעריאַל זאָל ניט זיין. אין אַ סך פון זייַנע לידער איז דאָ דער סינטעז פון טראַדיציאָנעלן און עקספּערימענטאַלן, אָבער אומעטום באַגלייט אים דער טרויער און דער ווייטיק פון לעבן. „און געבליבן איז אים די טרייסט צו יאָמערן פאַר דער אייגענער וואַנט און ליאַרעמען פאַראייניזאַמט ווי מאַרגנראָד אויף שטיין".

טרויער און צער באַגלייטן אים אַפילו ווען ער לאַכט אָפּ אָדער ער מאַכט גראָטעסקן. אַפילו וואו ער איז אָביעקטיוו איז זיין ליד דורכגעדרונגען מיט וואַרעמקייט און ליידנשאַפט וואָס קומט פון אַ גלי פון פּערזענלעכקייט. ער פאַרוואַנדלט דעריבער מיטאָס אין רעאַליטעט און רעאַליטעט ווערט פאַרכישופט אין מיטאָס.

איך האָב קיין מאָל ניט געזען
ווי שעפּסטן קוקן אויס ווען זיי טרויערן
און טויבן ווען זיי שטרעקן די העלדזלעך צום שוחט
און דעם צער אין בלומען ווען זיי וויאַנען,
אָבער ווייסן ווייס איך פאַרט אַז מיט אַ וואָרט
קען איך זיך דערשרייבן און דערזינגען
צום טרויער פאַרגניגן פון דעם מינדסטן גרעזל

אין גלאָטשטיינען פילן זיך די ביידע וויכטיקע ליטעראַרישע שטראָמען פון אונדזער ליטעראַטור. סיי דער אינטעלעקטועל־ראָמאַנטישער פון פּרצן און סיי דער רעאַליסטיש־גראָטעסקער פון שלום עליכם. זיי גייען אָפּטמאָל באַזונדער און טיילמאָל צוזאַמען. זיי רעפלעקטירן ניט נאָר דעם דיכטערס שטימונג, נאָר אָפּטמאָל דעם גייסטיקן קלימאַט פון דער צייט. ווי יעדער אמתער פּאָעט גלויבט ער אין דער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, אָבער ווי יעדער בעל־שׂכל מאָדעפיצירט ער זיין וויזיע אין אייַנקלאַנג מיטן באַשטימטן בילד, וואָס ער מאָלט, מיט די באַשטימטע פּאָעטישע דערפאַרונגען, וואָס ער גיט אונדז איבער. אַ ספּעציפיש בילד פון „סאַקאָ וואַנזעטיס מאַנטיק" ווערט האָבן אַן אַנדערע פּאָעטישע שטימונג און אַן אַנדערן פּאָעטישן אָטעם ווי „דער באַראָן דערציילט זיין לעצטע דערפאַרונג". אין דעם ערשטן איז דאָ דיכטערישער פּראָטעסט און טיפער ווי און פּיין, בעת אינעם צווייטן איז דאָ אַ היפּש ביסל גראָטעסק.

יעדער עכטער דיכטער האָט אַ פילאָזאָפיע וועגן וועלט און מענטש.

ער האָט אַ באַשטימטע באַציאונג צו אונדזער אָרט אינעם וועלט־באַשאַף און צום סדר פון דער וועלט. אינדיווידועלע טאָטן, קאָלעקטיווע מעשים ווערן פון אַזעלכע פּאָעטן אָפּגעשאַצט אין איינקלאַנג מיט זייער פילאָזאָפיע, קולטור־באַוואוסטזיין און טעמפּעראַמענט. אין דער קאַטעגאָריע זיינען דיכטער ווי ביאַליק, א. צייטלין, ה. לייוויק, מנחם באָריישאַ, א. לעיעלעס, און אַ צאָל אַנ־דערע. א. ליעסין האָט געהערט צו זיי. יהואש איז געווען איינער פון זיי. ביי פיל פון זיי מוז מען זוכן אין פאַרשיידענע אונטערטענער צו דערהערן זייער באַציאונג צו דער וועלט. ביי אַנדערע קאָנט איר נעמען וועלכע ליד איר ווילט, וואָס די טעמע זאָל ניט זיין, און איר האָט דעם דיכטערס קרעדאָ — זיינע צען געבאָט. יעקב גלאַטשטיינען באַגלייט אַלע מאָל דער בראשית־רעגנבויגן. אין אַ סך פון זיינע לידער באַווייזט זיך דער רעגנבויגן ווי אַן אַבליגאַטאָ צו זיינע מאָטיוון און שטימונגען. ביי אַן ערנסטן דיכטער ווי גלאַט־שטיין איז עס ניט קיין צופאַל און זיכער ניט קיין עסטעטישער מאַניעווער. עס איז גורלדיק פאַר זיין באַנעם פון אונדזער ראָל אין דער וועלט. עס איז דאָס שולד־געפיל אין פאַרשיידענע מאַניפעסטאַציעס. דער רעגנבויגן שטייט ווי אַ שומר ביי זיין געמיט און פּירט אָפּט זיין פּען. אַפילו ווען די הימלען זיינען קלאָרע און בלויע, און די זון שיינט אין אַ מאַנאָטאָנעם ליכט, לויערט ערגעץ דער רעגנבויגן פון דעם הימלס באַהעלטענישן און דערמאָנט אונדז אין זינד און אין דער הבטחה פון ניט שטראָפן. דער רעגנבויגן איז אייביק און אַזוי איז אויך די זינד. דער רעגנבויגן באַפאַרבט און באַלייכט אַלע זיינע לידער, צי דאָס זיינען לידער פון חורבן און אומקום, אָדער לידער פון דעם געוויינלעכן טאָג־טעגלעכן אומגליק אונדזערן. לידער פון יעדן פרימאָרגנס־טראַגיק. באַטירלעך פאַרפאָלגט יידן דער רעגנבויגן מער ווי אַלע אַנדערע, ווייל מיר זעען בעסער און מיר קוקן אין הימל אַריין אָפטער ווי אַנדערע. מיר זוכן אין הימל מער אינהאַלט ווי אַנדערע. מיר הערן זיך אויך צו צו די קלאַנגען פון די גילגולים מער ווי אַלע אַנדערע. דער רעגנבויגן האָט זיכער גורם געווען אַ סך קאָנפליקטן צווישן גלאַטשטיינס וועלט־באַנעם און זיין טעמפּע־ראַמענט. דער רעגנבויגן האָט אַלע מאָל געזיגט. ניט די קאָלירן, נאָר דער האַלבער קרייז. נעמט אַ ליד ווי „געטרייע זיידעס". דער רעגנבויגן איז ניטאָ, אָבער זיין שאָטן פאַרבט דאָס ליד מיט זיינע קאָלירן.

מיט מאָרד קריגערייען און טעמפּער טחשנות
פאַרבן מיר, געטרייע זיידעס, אַ ביסל איבער דעם דאַך.
אונדזערע ווייבער זיינען אַלט, אונדזער וועלט איז פאַרלוירן,
אָבער פאַר די אייניקלעך וואָס דאַרפן ווערן געבוירן
וועט זיין אַ שפּאָגל־נייער דאַך,
און זיי וועלן מיט אַ קראַך אינגאַנצן אומוואַרפן דאָס הויז
און איבערבויען אויף דאָס ניי אַן אַנטיקע וועלט
(מיט מאָרד, קריגערייען און טעמפּער עקשנות).
אַזוי שפּאַרן מיר אָפּ יעדע קריזשקע גליק פון זיך אַליין
אויף עלטערע יאָרן

פאַר זיי, וואָס דאַרפן ווערן געבאָרן.
אונדזערע טאַטעס טויט, אונדזערע זיינען די קברים,
און מיר בויען זיך אַריין אין די ווענט
מיט טיראַנישקייט ווי מאַרטירער.
פאַר זיי, וואָס וועלן אומוואַרפן הויז און ווענט און דאַך
און ווידער רעסטאַווירן אַן אַנטיקע וועלט.

הבל הבלים וואָלט געווען אַ באַנאַלער אויסטייטש פון גלאַטשטיינס פילאָזאָפיע. אָבער עס איז דאָ אין כמעט אַלע לידער פון פאַר דער מלחמה־עפּאָכע אַ קאַמף פון יחיד קעגן דער געזעלשאַפט. עס איז דאָ אַ בייראָנישער פּראָטעסט און רעוואָלט פונעם שעפערישן יחיד קעגן דער פיליסטערישער, זאַטער בורזשואַזער געזעלשאַפט. צו פאַרכאַפּן געוואונענע פּאָזיציעס פון וועלכע צו קעמפן האָט מען דעריבער מינימיזירט דאָס לעבן בכלל, כדי לייכטער צו צעטרייסלען די מכלומרשט פעסטע באַזע פון די באַלעבאַטים פון לעבן. אין דער יידישער געזעלשאַפט האָבן די אַטאַקעס ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג. זייבען די לידער געוואָרן עקזאָטישע, אַנדערשדיקע פלאַנצן, וואָס האָבן געדאַרפט קעמפן כדי איינגעבירגערט צו ווערן אין דער יידישער דיכטונג. טאַלאַנט איז אין די לידער געווען אַ סך. אָן אַ שיר קולטור און וועלטבאַנעם. די לידער זיינען אויך געווען אָן אָפּנייג פון דעם אָנגענומענעם טראַדיציאָנעלן וועג פון דער יידישער פּאָעזיע. עס איז ניט קיין פראַגע, צי דעם פּאָעטס פּריוואַטע וועלט אַפּעלירט צום לייענער; ס'איז גיכער די פראַגע צי אַן אימאַזש אָדער אַ בילד דאַרף אינטערפּרעטירט ווערן אין אַ פּריוואַטן אָדער אין טראַדיציאָנעלן זין. ביי גלאַטשטיינען האָט דאָס געזעלשאַפטלעכע אַלע מאָל גובר געווען.

די עפּאָכע פון קאַמף קעגן דער געזעלשאַפט אין נאָמען פון דער שאַפנדיקער פּערזענלעכקייט איז געווען ביי גלאַטשטיינען אַ פּרוכטבאַרע. זי האָט אים צוגעגרייט צו דערזען די וועלט קלאָרער און נאַקעטער, ווען זי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, און זי האָט געדאַרפט האַנדלען אין איינקלאַנג מיט די אידעען פון דעם פיינעם, פאַרנינפּטיקן לעבן. ווען די וועלט איז געשטעלט געוואָרן צו דער פּראָבע, צו רעאַליזירן אירע אידעען און לעבנסשטייגער אין איינקלאַנג פון הומאַניזם, אַנשטענדיקייט, מיטגעפיל און אידענטיפיקאַציע מיטן מענטשלעכן גורל אויף דער וועלט. דאַן האָט זיך די וועלט אַרויסגעוויזן ווי אַ באַנקראָטירטע, און דאָס פּראָטעסט־בילד, וואָס די דיכטער האָבן געשאַפן וועגן דער וועלט, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אמתדיק. די נייסטע צייט האָט באַוויזן די וועלט ווי אַ פּוסטע און אַ נאַקעטע. אויף יעקב גלאַטשטיין האָט עס געווירקט אים צוריקצוברענגען צו זיין נאַציאָנאַלן שורש. דאָס נייע פּנים פון דער וועלט, וואָס די ערנסטע דיכטער ביי אונדז האָבן דערזען, האָט אין זיי און אין אים אויפגעוועקט דעם אַלטן נביאישן פּאַטאָס, דעם עם־קשי־עורפדיקן ווילן צו קעמפן אַפילו קעגן דעם אינדיווידועלן פּראָטעסטאַנט אין דער געזעלשאַפט.

וויל מען אין דער אמתן זען גלאַטשטיינס ביטראָג צו דער יידישער

דיכטונג און זיין עכטן טאָן און ריטם, זעט מען דאָס אין זיינע „שטראַלנדיקע יידן". זיינע אַלע פריערדיקע לידער און פּאָעמען זיינען ווי פּרעליודיעס צו זיין מייסטער־ווערק. זיין שפּראַך־מייסטערשאַפט, זיינע יידיש־דייטשן האָבן אים אונטערטעניק געדינט צו געבן געשטאַלט דער יידישער טראַגעדיע, צו פאַרוואַנדלען זי אין תפילות און, אין דעם אַלטן יידישן שטייגער, צו איבער־זעצן צער, פּיין און מאַרטירערשאַפט אין אייגנאַרטיקע נשמה־אויסגוסן פאַר גאָט. די ליבע צו שפּראַך און שפּראַך־מייסטערשאַפט, וואָס האָט אַ צאָל פון גלאַטשטיינס קאָלעגן פאַרפירט צו איראַציאָנאַלע מעטאַפאָרן, צו אַרכאַ־אישע מעטאָדן אין טראַכטן, האָט אויף זיין שרייבן געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג. זיין שפּראַך־מייסטערשאַפט האָט אים געהאָלפן קלאָרערע צייכנס אויפן יידישן חורבן צו קריצן. מיט אַלע עסטעטישע טעאָריעס איז גלאַטשטיין אין תוך אַ מאָראַליסט. אַ מענטש ביי וועמען פּאָעזיע איז ניט קיין שפּיל אין ריטם און מעטאַפאָר, נאָר גיכער אַ פאַרזוך אויסצוהאַמערן צען געבאָט, ברענגען דעם באַרג סיני אין פּאָעטישער פאָרמע. גלאַטשטיינס אַ פּאָעמע אין זיין לעצטער פּאָזע איז אַן עטישע איבערראַשונג פון דערפאַרונג אין איר פיינסטן צייטלאָזן אויסדרוק. מעטאַפאָר און ריטם זיינען עסטעטישע מיטלען פאַר עטישע צילן. זיינע דיכטערישע פאָרמען זיינען אונטערוואָרפן זיין אידעע וועגן דעם כאַראַקטער פון מענטש, וועגן די אייגנשאַפטן פון מענטשלעכן שכל און מענטשלעכע האַנדלונגען. מעטאַפאָר איז נישט אַלע מאָל אין פריינדלעכע באַציאונגען מיט שכל און גייסטיקער דיסציפּלין. דעריבער איז גלאַטשטיין אין זיינע לעצטע לידער אָפט מקריב מעטאַפאָר צוליב פּאַטאָס און טיפן צער. יעדער ערנסטער דיכטער האָט דורכגע־מאַכט אַ געוויסע טראַנספאָרמאַציע. גלאַטשטיין אַליין מאַכט אַ חשבון מנפש.

מיין גרעסטער לוין איז געווען
צו נעמען אַפילו שאַלעכצער פון ווערטער
און זיי פאַרוואַנדלען
אין ראַזשינקעס מיט מאַנדלען.
נאָר היינט זיינער ביידע צופיל פאַרפאַלקט.
פון די קליינע לידער מיינע
וועל איך מוזן מאַכן גניזה
אויף לעתיד לבוא.
אין אונדזער נאַציאָנאַלער פּאַראַדיז
וועט מען אפשר קאָנען זיצן אויף וויג־שטולן
און לייענען
און נישט מאַכן קיין פיסקעס פון געווינען.
נאָר בענקען בענק איך נאָך יענער צייט,
ווען מיר האָבן זיך נישט געשעמט
און געשטאַנען אויסגעזונגען ביזן לעצטן העמד
אין מיטן מאַרק.
אמת, מ'האָט געשאָקלט מיט די קעפּ

און אונדז נישט פֿאַרשטאַנען.
היינט דאַוונט מען שוין אונדז באַלד
אין איינציקן חורבן יידיש שטיבל אונדזערס.

צי יעקב גלאַטשטיין בענקט נאָך דער צייט מיט אמתן באַדויער, צי ער בענקט נאָך אַ פֿאַרלוירענער זאָרגלאָזער יוגנט — די צייט פֿון פּאָעטישן געזאַנג איז אַוועק מיטן רויך פֿון לובלין און טרעבלינקע. געבליבן זיינען עטלעכע טרוקענע ביינער און בלאַסע האָפֿענונגען. פֿון אונדזער היינטיקן חורבן שאַפֿט גלאַטשטיין אַ נייע פּאָעטישע וועלט, וואָס פֿאַרכאַפּט אייך און האַלט אייך אין קלעם. ער לאָזט ניט קיין אַספּעקט פֿון יידישן אומגליק אומפֿאַרציכנט און אַפּאַטיש. ער ברענגט אַריין אין יעדער באַשריבענער סיטואַציע יאָרהונדערטער פֿון זכרונות, נישט נאָר יידישע נאָר אַלגעמיין מענטשלעכע. זיינע לידער אין „שטראַלנדיקע יידן" וויזן אַ קאָמבינאַציע פֿון פֿרישע שניידנדיקע דערפֿאַרונגען און סובטיל אַנגעווענדטע טראַדיציעס. זיי זיינען פֿריי פֿון איבערקלאָרקייט און ברייטן אַנאַליז צו זיין פֿאַרשטענדלעך פֿאַרן פּשוטסטן לייענער פֿון גוטער דיכטונג. די אַמאָליקע טענה כון ניט־קלאָרקייט און קאָמפּליצירטקייט קאָן מער ניט באַנוצט ווערן. די טיפֿקייט פֿון דעם בוך באַשטייט אין דער טיפֿקייט און אינטענסיווקייט פֿון די פֿאַרצייכנטע דערפֿאַרונגען און אין דעם ברייטן וועלט־בליק וואָס די דערפֿאַרונגען ברענגען. די לידער זיינען דורכגעווייקט אין טיפֿער, מעדיטירטער ליריק. זיי זיינען געשריבן מיט אַ האַנט אויפֿן מויל נישט צו לאָזן אַ שלוכץ זיך אַרויסרייסן. די ווערטער בריען און ברענען דאָס לייב. זיי בריען ווי די טאַטואירטע צייכנס אויף די געראַטעוועטע פֿון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

מיר זיינען די היינטיקסטע יידן פֿון אַלעמאָל,
מיר זיינען לעבעדיקע און טויטע
אויסגעחשבונט אין איין צאָל
קדוש! קדוש! קדוש!
יעדער ייד אַ פֿלאַקערדיקער דאָרן,
פֿאַר יעדן ייד וואָס מיר האָבן פֿאַרלאָרן

פֿון די לידער וועלן מיר זיך שוין קיין מאָל ניט באַפֿרייען. מעגן מיר ווערן אַ מלוכה מיט אַמבאַסאַדעס. אין אַלע לענדער וועלן אונדז די שורות נאָכגיין און פֿאַרפֿאָלגן. די שורות זיינען מער ווי דערפֿאַרונגען. זיי זיינען טאָרטורן אַליין איינגעשניטענע. פֿון אַזעלכע דערפֿאַרונגען באַפֿרייט בלויז דער טויט. פֿרייד אָדער זיג שניידט די וווּנדן טיפֿער ווייטיקן נאָך טיפֿער אין לייב. גלאַטשטיינס אינטעלעקטועלע ליריק העלפֿט די פּיינען שנעלער אַריינפֿליסן אין בלוט. זיי ווערן אַ פֿיזישער טייל פֿון אונדזער לעבן. זיי זיינען ווי כראָניקעס פֿון גאָר אַלטע צייטן. כראָניקעס פֿון לעגענדאַרע און מיטאָלאָגישע פּאַסירונגען. דער ווייטער אָפּקלאַנג פֿון זייער גיט רעאַלקייט מאַכט זיי אמתער, איינדרוקספֿולער און ווירקזאַמער. עס איז דער מיטאָלאָגישער טאָן, וואָס

מאַכט די לידער אַזוי אַלט און ניי אין דער זעלבער צייט. דער מיטאָלאָגישער טייל איז אַזוי ווירקזאַם ווייל ער איז היסטאָריש דינאַמיש. עס האָט די ווירקונג פון אל מלא רחמים.

גלאַטשטיין האָט אַפילו אין לידער פאַר דער קאַטאַסטראָפע אַרויסגעבראַכט דעם ווייטיק און צער פון דער וועלטס אומזין און דעם רוף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט. אין לידער, וועלכע זיינען פון דער קריטיק באַצייכנט געוואָרן ווי יחידישע, האָט גלאַטשטיין אין תוך גערעדט פאַר די אונטערדריקטע און באַליידיקטע. ער האָט דערשפּירט די פּגימה אין דעם וועלטבאַשאַף, און ער האָט עס געזוכט מתקן צו זיין דורך ליד. די באַציאונג צו דער וועלט דריקט ער אַמבעסטן אויס אין דער פּאָעמע „דער בראַצלאַווער צו זיין סופר". דער קאַמף צווישן גוף און נשמה און דער געראַנגל צווישן יצר טוב און יצר הרע ווערט איבערגעגעבן אויף אַ חסידישן און אויף אַ קאַבאַליסטישן אופן. מיט זיין אָביעקטיוויטעט האָט ער אַריינגעדרונגען אין די קעמערלעך פון דעם בראַצלאַווער און זיין סופר נתן. עס איז דאָ אין דער פּאָעמע דער געראַנגל צווישן געדאַנק און געפיל, קאָפּ און האַרץ. עס איז אין דעם ליד פאַרקערפּערט דער גאַנצער קאָמפּלעקס פּראָבלעמען פון חסידות.

דערימאַך זאָג איך דיר נתן,
טראַכטן איז ווי נאָטן צו געזאַנגען,
און די געזאַנגען וואוינען אין לב.
זע, אַז ס׳האַרץ זאָל טראַכטן לויטער,
וועט ממילא דער קאָפּ אויפהערן צו טשאַדן.
פיינט האָב איך דעם גוטן ייד,
דעם כלומרשטן ידען,
וואָס פאַרטיפט די אותיות פון ספרים
מיט נעצער׳דיקע טראַכטערייען.
נעם אַ ליכט און באַלייכט דעם בראשיון,
ברא האָט באַשאַפן.
בראשית האָט באַשאַפן.
גוואַלט, נתן, וואָס איז דאָ שייך צו טראַכטן.
לאָמיר גיין צוזאַמען אין רעגנס און אין שיינען,
אין זונען און אין קעלטן,
און לאָמיר זינגען —
בראשית האָט באַשאַפן וועלטן.

גלאַטשטיינען געלינגט אין עטלעכע שורות אַרויסצווייזן דעם תמצית פון חסידות. ער טוט דאָס מיטן כוח פון בראשית, פונעם לעגענדאַרן ליכט וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דעם ערשטן טאָג. די זעאונגען דערשפּירט מען מיטן האַרץ, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט וויסן. מיט אַזאַ וויסן קאָן מען אָפּפרעגן די גאַנצע יצירה. אַזאַ פּאָעטיש וויסן שטייט העכער פון דעם אָפיציעלן וועלט־באַשאַף. מיט אַזאַ וויסן פרעגט מען אָפּ דעם סדר פון דער וועלט און

מען מאַכט דעם מענטשן פאַרן קרוין פון דער יצירה, פאַרן באַשעפער. אין דער וועלט פון חסידות האָט גלאַטשטיין דערשפּירט דעם יידישן באַשאַף, דעם יידישן צוגאַנג צו דער וועלט. דעם דרך ארץ און חשיבות פון יעדן גרעזעלע, פון יעדן שטיינדל, פון יעדן באַשעפעניש און איבערהויפּט פון דעם מענטשן, דעם בחיר־היצירה. אין דער וועלט זיינען דאָ פּערזענלעכקייטן ווי לוי יצחק באַרדיטשעווער, ר׳ נחמן בראַצלאַווער, ר׳ בער מעזריטשער און פיל, פיל אַנדערע. אין דער וועלט ווערט אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון פּערזענלעכער לייטערונג, פון מענטשלעכער לויטערקייט, פון האַרמאָניש צווישן געדאַנק, געפיל און מעשים. עס איז אַ הייליקע און געלייטערטע וועלט. אַן ענלעכע מיסטישע לויטערקייט ברענגט אויך גלאַטשטיין אַרויס אין זיין פּאָעמע „גאָט איז אַ טרויעריקער מהר״ל.״

די אָביעקטיוויטעט, די קינסטלערישע פעאיקייט אויפצונעמען דעם שטראָם פון פּערזענלעכקייט פון בראַצלאַווער, און אַנדערע יידישע מענטשן, האָט אים אויך באַוואויגן אויפצונעמען די ברוטאַלע קולטור פון די דייטשן און פון דער ניט יידישער וועלט בכלל. דערפאַר איז נאַטירלעך געווען דער איבערגאַנג פון דער אידילישער יידישער וועלט צו דער ברוטאַליזירטער גויישער וועלט און די דיכטערישע אויפטרייסלונג פון דעם קאָנטראַסט. דע־ריבער זיין „אַ גוטע נאַכט וועלט״.

אַ גוטע נאַכט, ברייטע וועלט.
גרויסע, שטינקענדיקע וועלט.
נישט דו, נאָר איך פאַרהאַק דעם טויער.
מיט דעם לאַנגן כאַלאַט,
מיט דער פייערדיקער געלער לאַטע,
מיט דעם שטאָלצן טראָט
אויף מיין אייגענעם געבאָט
גיי איך צוריק אין געטאָ.
וויש אָפּ, צעטרעט אַלע געשמדטע שפּורן.
כ׳וואַלגער זיך אין דיין מיסט.
לויב, לויב, לויב
צעהויקערט יידיש לעבן.
חרם, וועלט, אויף דיינע טריפהנע קולטורן.
כאָטש אַלץ איז פאַרוויסט
שטויב איך זיך אין דיין שטויב,
טרויעריק יידיש לעבן.

אַזאַ ליד מיט אַזאַ טיפער פאַרדאַמונג פון דער אייראָפּעאישער קול־טור, מיט איר דעמאָקראַטיע, וויסנשאַפט און פּראָגרעס, האָט נאָר געקאָנט שרייבן אַ דיכטער וואָס האָט אָבסאָרבירט די קולטור. אַ דיכטער וואָס איז אַפילו באַאיינפלוסט געוואָרן פון אייראָפּעאישע דיכטער, וואָס זיינען שפּע־טער געוואָרן יידישע שונאים. בלויז אַ געוואַלדיקע נאָענטקייט צו אייראָפּע

האָט געקאָנט באַווירקן דעם פּאָעט אַ שפּיי צו טאָן אויף איר. בלויז אַ טיפע פאַרבינדונג מיט אירע שאַפונגען און דערגרייכונגען האָט געקאָנט באַווירקן דעם פּאָעט צוריקצוגיין „צוריק צו מיין קראַסין, חלבנעם שאָטן". בלויז איינער וואָס האָט זיך געוואָרעמט אין איר ליכט האָט געקאָנט מיט אַזאַ טיפער שנאה זיך אָפּטרייסלען פון אירע „סימפּאַטיע־קאָמפּרעסן", פון אַלע אירע פילאָזאָפיעס, אויפטועון און דערגרייכונגען צוריק צו דעם יידישן חלום פון משיח, צו יידישע חלומות וועגן שלום, יושר און גערעכטיקייט. בלויז אַ פּאָעט ווי גלאַטשטיין, וואָס האָט געטרונקען פון די קוואַלן פון אייראָפּעאישן שאַפן, האָט געפילט אין זיך דעם צער פון אייראָפּעס ברוטאַליטעט, האַרצלאָזיקייט, שווינדל און באַטראָג. בלויז ווען מען איז געווען אַ טיפער גלויבער האָט מען געקאָנט ווערן אַזוי שרעקלעך אַנטוישט.

אין דער אַנטוישונג אין אייראָפּע איז אויפגעגאַנגען די ליכטיקייט פון לובלין. דער צער און פּיין פון זיינע פּוילישע ברידער און שוועסטער. אין דער אַנטוישונג איז געוואַקסן די נאָענטקייט און אידענטיפיקאַציע מיט די אומגעקומענע און לעבנגעבליבענע אין מזרח אייראָפּע. די אַנטוישונג איז גע־קומען נאָך פאַר דעם אומקום פון זעקס מיליאָן יידן אין דער מלחמה. שוין דאַן האָט ער זיך פאַרטיפט אין דעם געשיכטלעכן גורל פון יידן און זייער אייגנאַרטיקער ראָל אין דעם לעבן און אידעען־אַנטוויקלונג פון אייראָפּע. זיין רייזע אויף די וועגן פון יידיש גלות־לעבן האָט אים געמאַכט פאַר איינעם פון די טיפסטע איכה־זינגער אויף די פאַרסמאַליעטע און פאַרשרפהטע הונ־דערטער טויזנטער יידן. זיין אַמאַליקע אָביעקטיווע קלאָרקייט איז פאַרנעפּלט געוואָרן פון טרערן און בלוט, פון דעם גרויל און שוידער פון אומקום און טויט. ער האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט די גסיסה־אויסגעשרייען פון די אומ־געקומענע. אין אַלע לידער וואָס גלאַטשטיין האָט געשריבן דורך אונזער אומגליקלעכסטער עפּאָכע פּרוּווט ער זיך דערגרונטעווען צו דער מיסטעריע פון טויט און לעבן, פאַרברעכן און שטראָף, אַחריות און פאַראַנטוואָרט־לעכקייט. ער האָט איבערגענומען אַלע דיכטערישע עלעמענטן פון אונדזערע מיטלעלטערלעכע דיכטער, זייער פאָלק־אַחריות און טיפן בטחון. ער האָט זיי געגעבן אַן אייגנאַרטיקן טאָן.

דער הימל איז הימל צו גאָט,
די ערד האָסטו איבערגעענטפערט אין רשעס האַנט,
ער זאָל שאַלטן און וואַלטן.
זאָל דער הימל זיך שפּאַלטן
אָדער עפן פאַר אונדז כאָטש אַ קליין פענצטערל פון רחמים,
ווייל מיר זיינען צו אויסראָטונג אויסגעשטעלט.
ס'ווערט אונדז אָרעמער דאָס לעבן און קלענער די וועלט,
עס ווערט אונדז ענגער די וועלט.

לייענענדיק די לידער פילט איר דעם טראַדיציאָנעלן תפילה־טאָן פון אַ ר' אַמנון אָדער אַנדערע מחברים פון אונדזערע ימים נוראימדיקע תפילות.

גלאַטשטיין האָט איבערגעזעצט אונדזער היינטיק מאָדערנעם לעבן אין טער־מינען פון המשכדיקייט און איינקייט. דאָס יידישע לעבן נאָך דער עמאַנציפאַ־ציע ווערט געבונדן מיט אונדזער לעבן אין מיינץ און רעגנסבורג און אַנדערע קהילות פון מיטלאַלטער. דער אַראָמאַט איז דער זעלבער, נאָר דאָס וואָרט און קלאַנג אַנדערש. יענע האָבן דאָס געטאָן באהבה, נאַטירלעך. גלאַטשטיין טוט דאָס מיט אַ דעליקאַטן בייזער, מיט אַ געפיל פון אָפּגענאַרטקייט און אַנטוישונג. ער טוט דאָס מיט ווייניקער נאַאיוון גלויבן, מיט ווייניקער תמימותדיקער אמונה, דערפאַר — מיט מער באַוואוסטזיין, מיט מער פאַר־שטענדעניש פאַרן אמתן פרצוף פון דער וועלט. די אמתע וועלט, ניט נאָר די קריסטלעך רעליגיעזע וועלט, וואָס דער יידישער מיטלאַלטער האָט געזען. ער האָט אָבער אויך די זעלבע הכנעה פאַר גאָט און פאַרן יידישן גורל. ער איז אין דער היינטיקער צייט געוואָרן איינער פון די בעסטע יורשים פון די פייטנים. מער ניט — זיי זיינען געווען אָריענטאַליש אין זייער גייסטיקער פיזיאָגנאָמיע און גלאַטשטיין איז אַן אייראָפּעער. דער אַלט־יידישער ווייַן אין נייע כלים. די אַלטע יידישע מוזיק געשפּילט מיט אַ נייעם אינסטרומענט. ער האָט מאָמענטן פון רעזיגנאַציע און אַקצעפּטירונג, מאָמענטן פון רעוואָלט און ווידערשטאַנד און מאָמענטן פון אַלייניקער פאַרטיפונג און התבודדות. אָפּט זיינען זיינע ווערטער פרייע, זאָרגלאָזע, און אָפּט זיינען זיי געוויקלט אין תהילימדיקייט. אָפּט זיינען די ווערטער גראַדליניק ווי אַן אַלטער אידעאַל; און אָט זיינען שורות בויגזאַם און פול מיט ניואַנסן.

ער זעט אויך זיין היים־שטאָט לובלין אַנדערש נאָכן חורבן. זי ווערט אַ נאָענט־וויטע היים. אַלע בילדער וואָס טויכן אויף פון אַמאָליקן לובלין, און דאָס איז אייגנטלעך אמת פון יעדער שטאָט אין פּוילן, באַקומען דעם כאַראַקטער פון אייביק און פאַרגענגלעך. דער טאַטע, די מאַמע, אַלע טאַטעס און מאַמעס, מיט זייערע מנהגים און אייגנאַרטן קריגן אַן אַנדערע גייסטיקע און אינטימע פיזיאָגנאָמיע. אַ ניי אינערלעך צעבראָכן ליכט וואַרפט שטראַלן אויף דער אַלטער פּוילישער היים. זכרונות גייען אויף אין די שאָטנס פון אָט די ליכט־שטראַלן. גראָטעסקע אָפּשפּיגלונגען און שאָטנס באַזעצן די אַלייען און געסלעך. זיי ברענגען מיט זיך אַלט־פאַרגעסענע לעבנס־חכמה און טאַלאַנט צו לעבן און צו ליידן. דער היים־ווי איז איצט אַן אַנדערער ווי אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער זיין דאָ אין אַמעריקע. דאַן האָבן מיר געבענקט נאָך אייגנס, נאָך היימישער וואַרעמקייט, נאָך שוץ קעגן אַ פרעמדער וועלט. היינט בענקט מען נאָך די איבערגעלעבטן ליידן. היינט וויל מען אַנטלויפן פון דער וואַרעמ־קייט און שוץ, וואָס מען האָט געפונען דאָ אין לאַנד, און בלוטיקן צוזאַמען מיט אונדזערע היימישע יידן מיט די בערד און פאות, היינט בענקען מיר נאָך די געלע לאַטעס, נאָכן לעצטן יידישן לאַנד — די געטאָס.

אין יאָר אַזוי און אַזוי,
ווען ס'האָט יידישלעך אויפגעלויכט מ׳ן נאָמען —
אַ ביסל ליכטיק, אַ ביסל טריפיק,

פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק
ווען איך בין געוואָרן אַ שרייבער ביי יידן,
האָט מיין האַרץ געצויגן צו שטויבן זיך אין דיין שטויב,
צו קושן דיר די מידע טריט,
צו גיין אַ ניט דערשאָכטענער קרבן,
מיט פאַרבלוטיקטע און געשוואָלענע פּיס
צו דיר אויף יענער זייט טויער.
אַהין, צום פינצטערן לובלין.

דאָס וואָס ער שרייבט צום טאַטן וואָלט ער געקאָנט שרייבן צו יעדן יידן אין לובלין. מיר האָבן אַ סך טאַטעס געקראָגן אין די פּוילישע געטאָס. דורך זייער טויט זיינען זיי געוואָרן אונדזערע טאַטעס. זיי זיינען געוואָרן מיר אַליין. דאָס גאַנצע בוך „געדענק לידער" איז איין השתפכות הנפש אויף דער פאַרלוירענער געלעגנהייט צו לעבן און ליידן און אומקומען מיט די יידן פון לובלין, לאָדז און וואַרשע.

עס איז שווער, כמעט אוממעגלעך איבערצוגעבן אין פּשוטער פּראָזע דעם אינהאַלט פון גלאַטשטיינס לידער אין זיינע לעצטע צוויי בענד. זיי זיינען קלאָג־לידער, געוויינען, תפילות, געשרייען, שאַלנדיקע געבעטן, רעזיגנאַציע, פאַראַכטונג צו דער וועלט און טיפע ליידן אויפן יידישן גורל, אַרויסרוף, שטאָלץ און נקמה. די געפילן און בילדער ליגן אין האַרצן פון יעדן יידן. ער האָט אונדז נאָכאַמאָל פאַר אַן אויסגעקליבן פאָלק געמאַכט און אונדז איבער אַלע זיגזאַגישע וועגן פון דער יידישער געשיכטע געפירט. ער האָט פון דאָס ניי אונדז געוויזן אונדזער ליכטיקן מאַרטירער־וועג, — דעם געלייטערטן וועג פון קדושים. ער האָט מיט דעם אונדזער לעבן לייכטער און שווערער געמאַכט. ער האָט אונדז געוויזן בילדער פון גרויל; ער האָט אונדז אָבער אויך פּאַנאָראַמעס פון טרייסט און פון האָפנונג געמאָלן. זיינע בילדער און אימאַזשן זיינען קרישטאָל קלאָרע. זיין וואָרט האָט אין זיך דעם אַלטן צאינה וראינה־קלאַנג צוזאַמען מיט דער מאָדערנסטער געשליפנקייט. פון די טיפסטע פאָלקס־קוואַלן פליסט זיין שפּראַך און זי גייט דורך דעם פילטער פון אַן אייגנאַרטיקער פּערזענלעכקייט. ער האָט טיף דערשפּירט די באַגלייט־מעלאָדיע פון דער יידישער געשיכטע, און ער האָט איר געגעבן זיין טאָן און פאַרב. גאָט, וואָס איז געוואָרן פּאָפּולער לעצטנס אין דער יידישער דיכטונג, זעט מען ווייניק ביי גלאַטשטיינען. דערפאַר זעט מען יאָ דעם רעגנבויגן, וואָס ווייזט אונדזער פאַרבינדונג מיט גאָט. דער רעגנבויגן קומט אָפּט אַריין אין זיינע לידער ווי אַ לירישע אינטערמעצאָ.

זיינע זעקס ביכער לידער ווייזן די מעטאַמאָרפאָזע פון אַ יידישן דיכטער. אָנגעהויבן ווי אַ שפּילער מיט אידעען, מיינונגען און עמאָציעס. איראָניע און חוזק האָבן אָפּט ווי שפּיציקע שטיינדלעך אַרויסגעסטאַרטשט פון זיינע לידער. אונטער דעם דרוק פון לעבן און אויפטרייסלענדיקע פּאַסירונגען האָט זיין דיכטעריש געמיט זיך אינגאַנצן געביטן. זיינע ווערטער זיינען

געבליבן שאַרפע און שפּיציקע, אָבער זיי האָבן געגומען דינען אַנדערע צילן. דער רוח הקודש האָט אים באַגלייט אויף אַלע וועגן, אומוועגן און אומוואַנד־לונגען און אים געפירט אַהיים — צום קוואַל פון יידישער דיכטונג, צום אייביקן איכה־ליד. די צוקונפט באַשטימט די פאַר־גאַנגענהייט.

אוּן ס׳וואַרענען פידעלע יידיש,
דאָס פאַרשטייענדיקע, דאָס קלוגע
איז פאַרשטומט,
און הענגט אויף אַ ווערבע
צווישן ברידער קברים.

דער אומגליק, וואָס לאָזט זיך באמת ניט באַשרייבן, אפילו ניט אין געשליפענע לידער, האָט געצוואונגען גלאַטשטיינען צו דערשטיקן אַלע שפּילעוודיקע געשטאַלטן און נעמען אַ פּנקס און פאַרשרייבן. זיין פאַרשרייבן האָט אָבער אַריינגעצירלט אַ וואונדערלעך טרויעריק בלאַט אין דער יידישער פּאָעזיע. די יידישע דיכטונג וועט זיין אַ נס לדורות. מען האָט אונדז געצוואונגען צו ציילן הרוגים, ווען מיר האָבן געוואָלט ציילן שטערן אין הימל. מען האָט אונדז געצוואונגען צו זינגען פאַרן טויט, ווען מיר האָבן געוואָלט שטאַרבן מיטן שטילן ניגון פון גאָט אין אונדזער האַרץ. מען האָט אונדז געצוואונגען צו שרייבן אין אַ פּנקס ווען מיר האָבן געוואָלט שרייבן אויפן ווינט און זונענשטראַלן. אונדזערע דיכטער זיינען געצוואונגען געוואָרן צו טונקען זייערע פעדערס אין בלוט און טרערן. עס איז שווער צו באַשטימען, ווי אַזוי ס׳וואָלט זיך אַנטוויקלט גלאַטשטיינס טאַלאַנט אין אַ נאָרמאַלער וועלט, אין אַ נאָרמאַלן פאָלקס־לעבן. איז אים אָבער באַשערט געווען אָנצוהויבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען קאָזאַקן און אוקראַינער און אַנדערע האָבן זיך געטרייסט פאַר זייערע דורכפאַלן דורך מאָרדן און פּאָגראָמירן יידן, און ער האָט פאַרענדיקט מיט דער היטלעריסטישער אויסראָטונג פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום. דאָס איז דער גאַלגאָטאַ־וועג פון איינעם פון אונדזערע טאַלאַנטפולסטע זינגענדיקע דיכטער. יידישער חורבן האָט אויף אים געקוקט פון אָנהייב ביז אַנהייב, און געשאַרפט און געפיילט און געשטאַלטיקט זיין ליד. זיינע קוואַלן זיינען טראַדיציאָנעלע, אָבער זיין קוק ווינקל איז אַ נייער און זיין פאָרמע איז אַ פרישע. ער האָט מיט זיין ליד די אַלטע שאָטנס ניי ליכט געבראַכט.

א. גאלאמב

ארץ ישראל און די הסתדרות

אנגערעגט צו דער טעמע האבן מיך די וואלן צום צווײ און צוואנציקסטן קאנגרעס. אבער דווקא דערפאר וואס די וואלן זײנען שוין לאנג אריבער, און קײנע פארטײאישע אגיטאציע און קאמף איז שוין איצט נישט צוגע־מישט, דווקא דערפאר האף איך, אז איך וועל זײן אביעקטיווער און גערעכ־טער.

פאר דער היסתדרות פלעגט מען רײדן וועגן קאלאניזאציע אין ארץ ישראל, וועגן בויען דארטן ײדישע לאנדווירטשאפטלעכע קאלאניעס.

איצט מעג מען שוין אויסזאגן בפה מלא, אז יענע קאלאניעס זײנען געווען א פולשטענדיקער דורכפאל און וועגן ניט די דריטע עליה מיט דער היסתדרות שפעטער וואלט שוין פון איר גארנישט אדער װײניק וואס גע־בליבן. די קאלאניעס האבן אויסגעזען אין ארץ ישראל ניט אנדערש ווי די קאלאניעס אין צארישן רוסלאנד אין ווילנער געגנט (פאנאשישאק, לײפון, קאזאקישאק), א סך ערגער ווי די רײכע קאלאניעס אין כערסאנער גובערניע. אין ארגענטינע איז מן הסתם נאך איצט פאראן מער ײדישער באדן ווי אין ארץ ישראל, — אבער יענע קאלאניעס קען איך ניט. איך קען אבער די עטלעכע ײדישע קאלאניעס אין קאנאדע, וואס אלע זײנען אונטערגעגאנגען אדער זײ האלטן אין אונטערגײן און זײ האבן ניט קײן שום נאציאנאלן ווערט. אײן קאלאניע „ײדנברידזש" (ײדישער בריק, אין צפון פון דער פראווינץ סאסקעטשיוואן) האט זיך מער לאנג ווי צען ײדישע קא־לאניעס אין ארץ ישראל, און זי האט שוין אין 1939 געהאלטן אין גסיסה. די יוגנט האט ניט קײן שום אידעאל צו זיצן אין קאלאניע און הארעווען שווער, זי צעלויפט זיך אין די שטעט. נאך דער יוגנט גײען אוועק אויך די עלטערע און זײ לאזן איבער אויף הפקר צענטליקער יארן פיאנערן־ארבעט, מי, אידעאליזם און געטרײקײט (זע „אקסן און טראקטארן" פון דעם אלטן ײדנברידזשער קאלאניסט מ. אושיסקין, פארלאג „איקוף").

פארוואס?

— ײדן זײנען הונדערטער יארן געווען אפגעריסן פון דער ערד, און מיט די מיטלען ווי מען קאלאניזירט, למשל, אוקראינער אין קאנאדע קען מײן קײן ײדן ניט קאלאניזירן. געווען בײ טײל ײדן א דראנג צו ערדארבעט, א פארלאנג זיך אפצורײסן פון קראם און האנדל, האט מען אוועקגעלײגט די אלע יונגע כוחות און מען האט זיך טאקע צו עפעס דערשלאגן. אבער

וואָס ווייטער? — די שטאָט ציט צו זיך, איבערהויפּט די קינדער, אַז קיין נאַציאָנאַלער אידעאַל פון אַ גאַנצער נאַציאָנאַלער פּאַרזיכיקייט איז דערביי ניטאָ — צעלויפט זיך די יוגנט אין די שטעט און אויס.

די קאָלאָניעס זיינען געבויט ווי פאַר גוים — באַזונדערע פּאַרמעס ווייט איינע פון דער צווייטער, שווער צו האָבן אַ געזעלשאַפטלעך לעבן. די קינדער פאַרברענגען מיט שקצים און שיקסעס וואָס זיינען אַרום. עלטערן זעען און ציטערן פאַר געמישטע חתונות. אַנטלויפט מען אַליין פון די פאַרמעס, פון די אָוועקגעלייגטע יאָרן מי און אַרבעט פון די אויסגעבויטע היימען, מיט צעבראָכענע הערצער, אָבער מען לויפט און די קאָלאָניעס בלייבן ליידיק און זיי גייען אַריבער צו אַנדערע פעלקער. און דאָ, אין קאַנאַדע האָט די רעגירונג זייער געהאָלפן, געגעבן לאַנד אומזיסט, הילף און אינסטרוקטאָרן! און דאָך איז גאָרניט געוואָרן.

אין ארץ ישראל איז מיט די קאָלאָניעס נאָך געווען ערגער: זיי האָבן זיך בשום אופן ניט געקאָנט אויסהאַלטן. געאַרבעט האָבן אַראַבישע אַרענ־דאַטאָרן מיט די פּרימיטיוסטע מיטלען און מעטאָדן פון פאַרצייטן, אָן באַ־וואָסערונג, וואָס אַנדערשוואו דאַרף מען עס ניט. פאַר דעם יידן איז עס לגמרי ניט געווען געבנוג אויף חיונה.

ערד פאָדערט געדולד, אויסגעהאַלטנקייט אָדער הונדערטער יאָרן גע־וואוינהייטן. די יידן האָבן עס ניט געהאַט צו ערד. און די ערד האָט קיין חיונה אויך ניט געגעבן. האָט מען געלעבט אויפן חשבון פון באַראָן, האָבן אַראָבער געלעבט אויף דעם יידישן באָדן — זיי דאַרפן נאָר אַ „פּיטע״ (ענלעך צו די מעקסיקאַנער טאָרטיאַס). האָבן יידן זיך געמאַטערט, געזוכט גליקן, געשריבן ווענדונגען צום באַראָן, צו די ציוניסטישע פאָנדן וואָס האָבן אָנגעהויבן צו זיין אַקטיוו און מען איז געווען אין כעס אויף אַלע יידן אין דער וועלט פאַרוואָס מען העלפט ווייניק... האָט מען ספּעקולירט מיט באָדן, האַנדל. האָט מען זיך פאַרקוקט אויף דעם באַראָנס פראַנקרייך און מען האָט גע־מיינט רייך צו ווערן פון ווייַן. האָט דער באַראָן אויסגעבויט די גרויסע מאָ־דערנע קעלטערן אין ראשון לציון און זיכרון יעקב. האָט אחד העם געוויטיקט וואָס מען גייט בויען ארץ ישראל אויף „אַ שיכורן בודזשעט״. ערגער איז אָבער געווען — די מעשה מיט דעם ברודער אליהוס טינט אין מאָטל פּייסי דעם חזנס: ניט געווען וואו אַהינצוטאָן די אָנגעמאַכטע וויינען, — און מען האָט די גוטע וויינגערטנער געמוזט אויסרייסן, כדי צו זייען כאַטש אַ שטיקל ברויט. דער באַראָן האָט געצאָלט פאַרן רייסן אויך... האָט מען שפּעטער דערזען אַז עמעצער האָט איין מאָל געמאַכט גוט מיט מאַנדלען, איז גאַנץ ארץ ישראל פאַרפלייצט געוואָרן מיט מאַנדל־פּלאַנטאַציעס. איז געקומען אַ זשוק, אַ שעדיקער און האָט אָוועקגעהרגעט אַלע מאַנדל־ביימער — און אויס מיט די גליקלעכע חלומות. האָט שפּעטער איין מאָל באַגליקט מיט טאַבאַק, זיינען אַלע קאָלאָניסטן געוואָרן טאַבאַק־פּלאַנצער, און — מיטן רויך איז אַוועק ניט דער טאַבאַק, נאָר די האָפענונגען אויף די גליקן פון אים. דער טאַבאַק אַליין איז פאַרפוילט געוואָרן ניט קיין פאַרקויפטער.

דערווייל איז מען אַלץ ווייטער געקראָכן אין חובות און קיינע פאָנדן האָבן ניט געקאָנט העלפן. די געזאַמלטע יידישע געלטער זיינען ביסלעכווייז דורך די יידישע קאָלאָניעס געפלאָסן אין די פּאַרבאַרגענע ליימענע קריג פון די אַראַבישע דערפער פאַר ערד, פאַר אַרבעט, פאַר הינער, מילך און גרינסן און פאַר ספּעקולאַטיווע מעקלעריי פאַר ערד (זע אחד העם אין אַ סך ערטער, ענין טיאַמקין, דער צעפאַל פון די „בני משה"). זיינען די קאָלאָניעס אין פאַר־היסתדרות־תקופה געווען אַ קאַנאַל פאַר יידישע געלטער אין אַראַ־בישע קעשענעס אַריין.

די יידישע קינדער אַראַביזירט — כסדר מיט אַראַבער אין פעלד, אין שטוב, אין מאַרק. איבערגענומען די זיטן פון אָט די שכנים, אַנגעשמעקט זיך מיט דעם לעוואַנטינישן פראַנצויזיש, וואָס עס האָט אַזוי געטריי געפלאַנצט אין גאַנצן נאָענטן מזרח פאַר יידישע געלטער די אַליאַנס איזראַעליטאַ (שפּע־טער אויך די דייטשישע יידן זייער דייטש דורך דעם „הילפס־פאַריין").

דער גלות האָט אין אַלע דורות געפלאַנצט אַ בענקעניש נאָך ארץ ישראל, האָט די בענקעניש געטריבן יידן קיין ארץ ישראל. לאַכט ניט פון „בנימין השלישי" — עס איז דער דראַנג פון אַלע דורות יידן. מען לאַכט ניט פון אַ פאָלקס בענקעניש און חלומות! איז עס געווען אַן „ארץ ישראל של מעלה". די קינדער אָבער פון ארץ ישראל, די קאָלאָניסטישע זין און טעכטער האָבן געלעבט אין אַן „ארץ ישראל של מטה" מיט ווילדע אַראַבער, אין אַ פאַר־טריקנטן פּאַרוויסטן לאַנד (אַן אַנטווישטער, אַנטלאָפענער חלוץ האָט אין רוס־לאַנד אַרויסגעגעבן אַ ראָמאַן פון ארץ ישראלדיקן לעבן מיטן נאָמען „אַפּאָ־לאָנאַיאַ זעמליאַ" — דאָס אָפּגעברענטע לאַנד) אָן וואָסערע עס איז באַקוועמ־לעכקייטן, אָן מינימאַלער אָרגאַניזירטקייט. האָט זיי פאַריז, פראַנקרייך און אייראָפּע בכלל אַ סך מערער געצויגן ווי ארץ ישראל. די דערציאונג אין די שולן פון אַליאַנס האָט נאָך דערצו געהאָלפן אַ סך. האָבן די קינדער געקוקט אויף זיך ווי אויף דערונטערדיקע. ביי די עלטערן, ביי די קאָלאָניסטן גופא איז אויך דער אידעאַל אָפּגעקילט געוואָרן. ארץ ישראל של מטה האָט אָפּגע־קילט די ארץ ישראל של מעלה וואָס מען האָט געבראַכט מיט זיך פון גלות.

אַ מערכה, וואָס די שטעט אין ארץ ישראל (אייגנטלעך קליינע שטעטלעך — ירושלים אַליין האָט געהאַט אַרום פופציק טויזנט איינוואוינער) האָבן ניט געקאָנט אַבסאָרבירן מער יידישע שטאָט־לייט. אויך די פריערדיקע איינ־וואוינער פון די שטעט האָבן דאָך געלעבט מער פון חלוקה איידער פון אייגענער פרנסה. איז אין תוך אַריין ניט געווען קיין גרויסער חילוק צווישן די פריערדיקע חלוקה־יידן און די נייע. יענע האָבן געוואוינט אין די שטעט, און די נייע — אין די קאָלאָניעס. איז די עמיגראַציע פון די קאָלאָניעס ניט געווען קלענער ווי פון די יידישע שטעטלעך אין ליטע.

די ליבע צו ארץ ישראל און די בענקעניש אַהין איז ביי יידן אין די גלות־לענדער געווען גענוג צו ברענגען אַלץ נייע יידן קיין ארץ ישראל און זיי צו שטיצן דאָרטן. אָבער עס איז ניט געווען קיין כוח זיי איינצוהאַלטן

דאָרטן, ווען די ערשטע ראָמאַנטיק איז פאַרביי. און די וועלט איז געווען אַן אָפענע, אַן וויזעס, — איז מען געפאָרן.

אויב אין קאַנאַדע און אין די שטאַטן און אין אַרגענטינע זיינען די יידן פון די קאָלאָניעס אַריבער אין די שטעט אין די זעלביקע לענדער, האָבן דאָס די יידן אין ארץ ישראל כמעט ניט געקאָנט (וויפל יידן האָבן זיך געקאָנט איינאָרדענען אין די קליינע, שמוציקע האַלבווילדע און אַלטפרענ־קישע אַראַבישע שטעטלעך!), האָט מען געדאַרפט פאָרן ווייטער, אין דאַמאַסק און ביירוט, אין קאַיר און אַלעקסאַנדריע, אין אַמעריקע און אין אויסטראַליע און אין אַפריקע. אַ מערכה וואָס עס האָט געפעלט אויף הוצאות.

זיינען געקומען יידישע יונגע לייט, געזאָגט אַז זיי ווילן זיין אַרבעטער, אַרבעטער אין יידישע קאָלאָניעס... וואָס וועט איר זאָגן צו זיי? האָבן נאָך די אַרבעטער געקראָגן די חוצפה צו פאָדערן „רעכט אויף אַרבעט". איז געוואָרן דער אמתער ויצעקו אין די אַלטע קאָלאָניעס. מען האָט בשום אופן ניט געקאָנט און אויך ניט געוואָלט פאַרשטיין ווי קען מען אויסקומען אָן דעם אַראַבער, און דערצו — גיי חבר זיך מיט די „יונגאַטשעס" וואָס שמעקן מיט רעוואָלוציע און מיט דער „חוצפה פון די רויטע רוסישע העמדלעך"

אין ערגעץ איז מיר ניט אויסגעקומען צו זען אַזאַ אַנטאַגאַניזם צווישן יידישן באַלעבאָס און אַרבעטער ווי אין ארץ ישראל.

נאָך אַ פּאָגראָם אין פתח תקווה (דאַכט זיך אין 1921) האָבן קאָלאָניסטן געשוואָרן ביים קבר פון יידישע אַרבעטער וואָס האָבן זיי פאַרטיידיקט און אָפּגעהיט און געפאַלן, אַז זיי גייען אַריבער אויף יידישע אַרבעט. האָבן זיי גע־האַלטן זייער שבועה?

און נאָך אין מיטן פון די דרייסיקער יאָרן, האַרט ערב די אַראַבישע אומרוען האָט דער אַלטער שאול טשערניכאָווסקי מיט נאָך יידישע שרייבער זיך געלאָזט פון תל אביב העלפן אַרבעטער צו פּיקעטירן אַ יידישן פרדס, וואָס זיין באַלעבאָס האָט בשום אופן ניט געוואָלט צולאָזן יידישע אַרבעטער.

— בעסער גראַבסקין, בעסער פאָגראָמשטשיקעס אָוועקגעבן איידער זיי, די טריפה היסתדרותניקעס וואָס מיינען וואָס? עס איז פאַר זיי רוס־לאַנד?

אין ערגעץ איז מיר ניט אויסגעקומען צו זען אַזאַ אַנטיסעמיטיזם צווישן יידישן באַלעבאָס אַרבעטער ווי אין ארץ ישראל.

דער קאָלאָניסט האָט ניט געקענט פאַרשטיין די נייע מענטשן און ניט געוואָלט באַנעמען זייערע נייע השגות און נייע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. „דעם באַראָנס קעסטקינדער" (אַ זידלוואָרט אויף די קאָלאָניסטן) האָבן דאָך ניט געקענט זיך דערהויבן צום קולט פון אַרבעט און פון נאַציאָנאַלער ווירט־שאַפט.

רעכט אויף אַרבעט פאַר יידישע אַרבעטער אין די ווירטשאַפטן וואָס זיינען אויסגעבויט געוואָרן פאַר יידישע געלטער — אַ לאַנגן און גאָר ניט קיין גרינגן קאַמף האָט דאָ געהאַט די היסתדרות, און ווייט ניט אָן קרבנות.

איז די דריטע עליה — די מאַמע פון דער היסתדרות — אָוועק אויף

אַ נייעם וועג — מען האָט דעמאָלט גענומען בויען נייע, פון לכתחילה קאָלעק־טיווע און נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטן. אַזוי אַרום איז געבאָרן געוואָרן דער פּראַקטישער קאָלעקטיוויזם און עס איז פּאַרזייט געוואָרן דאָס קערנדל פון אַ יידישער פּאַרזיכיקער עקאָנאָמיק. און דאָס איז געווען אַן אידעע אַ נייע, וואָס איז ניט געווען באַקאַנט יידן פון די פּאַרצייטיקע דורות אַן.

און תל אביב, די באַרימטע יידיש־יידישע שטאָט איז זי דאָך לכתחילה געבויט געוואָרן ווי אַ רעזידענץ־קוואַרטאַל פאַר יידן וואָס לעבן און פאַרדינען אין יפו. עס איז ניט געווען די אידעע פון אַ באַזונדערן ריין־ יידישן ווירט־שאַפטלעכן איינס. אין 1913 — זעכציק קליינע וואוינהייזער מיט אַ פאַרבאָט צו עפענען קראָמען. די איינציקע קראָם איז געווען „מחוץ לתחום" — פון יענער זייט פון דער קייט, וואָס פלעגט פאַרשליסן די שכונה (קוואַרטאַל) אויף ביינאַכט און אויף שבת. פאַר אַן אמתער שטאָט איז תל אביב געוואָרן אונטערן דרוק פון יידישע אַרבעטער, פון דער דריטער עליה. (אמת — עס האָבן שטאַרק געהאָלפן די פּאָגראָמען אין יפו אין 1921 און אין 1929 — יידן זיינען פשוט געלאָפן פון די יפוער גאַסן; אין סכנה איז מען פאַרט זי־כערער צווישן יידן).

האָבן די יידישע קאָלאָניעס אין דער פאַר־היסתדרות תקופה פּאַמעלעך געגוססט און זיי זיינען אַ סך נעגטער געווען צום אונטערגאַנג ווי ערגעץ אַנדערשוואו: אויך אין די אַזוי גערופענע שטעט אין ארץ ישראל האָט זיך ניט געקאָנט אויסבילדן קיין פּערמאַנענטער יידישן ישוב.

וואָלט אַזוי געגאַנגען ווייטער, וואָלט פון ארץ ישראל־אויפבוי איצט געווען נאָר רעשטלעך ווי פון אַלע פריערדיקע עליות, מאָדערנע חלוקה אַ ביסל. צו דעם נאַציאָנאַלן, פּאָליטישן אויפבריִז, צו די אַספּיראַציעס און פּאַרמעסטן וואָלט בשום אופן ניט געקומען. דער הערצל־עפּיזאָד וואָלט פאַרגעסן געוואָרן ווי עס איז פאַרגעסן געוואָרן דער חלום פון עלעפאַנטין, פון עמנואל נוח, מיצקעוויטשעס בריגאַדע איינצונעמען ארץ ישראל פאַר יידן וכדומה. ארץ ישראל איז פון אייביק אַן דער פּאַקוס, דער ברען־פּונקט וואו עס קאָנצענטרירן זיך יידישע שטרעבונגען און בענקענישן. אַהין האָבן יידן געטראָגן זייערע חלומות וועגן גאולה, דאָרטן האָבן מקובלים געבראַכט זייער קבלה, פרומע יידן זיינען אַהין געפאָרן געניסן פון פולן גן עדן, חסידים האָבן אַהין געטראָגן זייערע חסידות. בילויים האָבן אַהין גע־טראָגן זייער אויטאָעמאַנציפּאַציע אידעאַל —

איטלעכער דור מיט זיינע בענקענישן, טרוימען האָט זיך געווענדט צו ארץ ישראל.

אַלץ וואָס איז אין ארץ ישראל אין אַלע דורות עפּעס געווען איז אין תוך אַריין אַן אַנטפּלעקונג פון שטרעבונגען וואָס יידן האָבן געשאַפן אין גלות און געבראַכט קיין ארץ ישראל. אַלץ וואָס יידן האָבן אויסגעחלומט אין זייערע גלותן האָבן זיי געטראָגן קיין ארץ ישראל, אין צענטער פון פאָלקס־בענקענישן. דערמיט פלעגט זיך עס ענדיקן. געקומען קיין ארץ ישראל — די שטרעבונגען דערגרייכט, אַזוי צו זאָגן — רעאַליזירט, — און זיי פלעגן

ביסלעכוויז ווערן אָפּגעשוואַכט, אויסגעלאָשן ווי אַ ליכט. פּאַמעלעך, אָבער תּמיד. נאָך איין עפּיזאָד אין דער יידישער געשיכטע וואָלט צוגעקומען: נאָך אַ חלום פון גייע, מאָדערנע חסידים איז געבראַכט געוואָרן קיין ארץ ישראל און ער איז זיך צעגאַנגען ווי אַ נעפּל אין דער זון. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַזוי. מער ניט ווי דאָס איז פּאַקטיש געבליבן אין ארץ ישראל פון די ערשטע צוויי עליות. עס איז געווען די דריטע עליה וואָס האָט פּאַקטיש איבערגעדרייט די גאַנצע געשיכטע.

מיט וואָס איז די דריטע עליה געווען אַנדערש פון די פריערדיקע צוויי און פון די צענדליקער עלטערע עליות וואָס האָבן אייגנטלעך קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו שטרעבן און צו קומען קיין ארץ ישראל?

די דריטע עליה איז געגאַנגען קיין ארץ ישראל צווישן דער ערשטער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און דער ערשטער וועלט מלחמה.

אַזוי ווי דער ציוניזם בכלל איז אַ קינד פון דעם אַלגעמיינעם יידישן רענעסאַנס פון נײַנצנטן יאָרהונדערט אין מזרח אייראָפּע, אַזוי איז די דריטע עליה אַן אָפּצווייג פון דעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז אין רוסלאַנד אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן י״ה.

די רעוואָלוציע איז דורכגעפאַלן. רעאַקציע, פּאָגראָמען, אַנטוישונג, יאוש.

אָבער אויך יאוש קען ווערן צו אַ שעפערישן סטימול ביי מענטשן וואָס אידעען זיינען ביי זיי ניט קיין סוגעסטירטע, איינגערעדטע, ניט קיין שיינע צעטלען צוגעקלעפּטע אויף ליידיקע פלאַשן, נאָר די אידעען זיינען ביי זיי אינעווייניק אויסגעוואַקסן און זיי זיינען צונויפגעוואַקסן מיט דער פּערזאָן אָרגאַניש. האָט אַ טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, אָט טאַקע די וואָס איז אָרגאַניש געווען איינגעוועבט אין יידישקייט גייסטיק און עמאָציאָנעל, אָט די יוגנט וואָס איר יידישע קולטור איז געווען גערשנט פון לעבן און ניט נאָר אויסגעלערנט, די יוגנט וואָס אויך איר אונטערבאַוואוסטזיין איז אַ יידישער — אָט די יוגנט האָט עס אַ טראָג געטאָן קיין ארץ ישראל פון די חורבות פון דער רעוואָלוציע.

מען איז אָבער געקומען מיט גאָר נייע חלומות, שטרעבונגען, מיט נייע אידעאַלן און מיט אַנדערע פאָרשטעלונגען. ווער זיינען דאָס געווען?

— אַרבעטער?

ניין, איך בין בכלל אַן אַפּיקורוס און איך גלויב ניט אַז אַרבעטער ווי אַזוינע (און איבערהויפּט ביי יידן!) האָבן אַ באַזונדערן וועלט־באַנעם און זיי שאַפן אידעאַלן און ער, דער פאַרהייליקטער פּראָלעטאַריאַט שאַפט באַוועגונגען. איך גלייב ניט אין דעם. אויך דאָ זיינען עס געווען ניט קיין אַרבעטער, נאָר אידעאַליסטן, טרוימער וואָס האָבן געבראַכט אַ גלויבן אין אַרבעט, אַ גלויבן אין אַ „פאַלק פון אַרבעט״ (דאַכט זיך אַז דער נאָמען „עם עובד״ שטאַמט פון דעם צו פרי פאַרשטאָרבענעם בערל קאַצענעלסאָן). מען האָט מיטגענומען דעם רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס פון רוסלאַנד, מען האָט אויך מיטגענומען פון די דאָרטיקע רעוואָלוציאָנערן דעם גרויסן ביטול צו אַלץ וואָס

מען רופט אין אַמעריקע „שטאַנדאַרט פון לעבן" — איז אַן דירות און אַן מעבל און אַן באַקוועמלעכקייטן: דאָס איז דאָך אַלץ „קליינבירגערלעכע נאַרישקייטן" („מיעשטשאַנסטוואַ" האָט עס געהייסן אין רוסיש) איז מיט פאַרלאַטעטע הויזן, אָבער ניקאַליי דער צווייטער איז אַ הונט, און אונדזער הונט רופן מיר ניקאַליי... און מיר האָבן אויסגעפּירט! שלאָפן מיר אויף ברעטער מיט אַ שטרויזאַק און די ברעטער ליגן אויף בלעכן פון קעראָסין (אַזוי האָב איך געזעכטיקט אַ קראַנקער ביי אַרבעטער אין עין גנים אין 1913 — דאָס בעסטע וואָס זיי האָבן געהאַט). דערפאַר אָבער האָט מען אין דעם אייגענעם לעבן געזען די „אתחלתא דגאולה", די קערנדלעך פון אַ נייער וועלט. דאַ האָבן זיך אויף אַ גליקלעכן אופן צונויפגעגאָסן דער אַלטער יידישער טרוים „לתקן עולם במלכות שדי" מיט דעם רוסישן „גאַטזוכעניש". און אָט די אידעאַליסטן, די גלויבער אין „אַרבעט" האָבן דאַ אין זייערע ערשטע הויראָס אויסגעטאַנצט גאַר אַ נייע אויפלאַגע פון סאָציאַליזם. אומבאַוואוסטזיניק פאַר זיך אַליין האָבן זיי געשאַפן אַרײן יידישע פאָרמע זיינע. אַזאַ, וואָס אין אייראָפּע איז זי ניט געווען און ניט געקאָנט זיין.

וואָס איז סאָציאַליזם ביז צום היינטיקן טאָג אין אייראָפּע?

— אַ לאַנגע פאַר פּאָליטישן, פּאַרטייאישן קאַמף. פעלקער, קלאַסן, גרופּעס — אַלץ: מען שלאָגט זיך. דעם „פּאַרוואָס" זיך צו שלאָגן טראַכט מען שוין צו — רעליגיע, גאָט, מלוכה, שטיקלעך לאַנד. איז סאָציאַליזם איינער פון אָט די אַלע „פּאַרוואָסן" וואָס מען שלאָגט זיך פאַר זיי. שלאָגן זיך, דער קאַמף — דאָס איז דער עיקר. אַז מען דערשלאָגט זיך שוין, איז דער אויסגעקעמפטער „סאָציאַליזם" אין אייראָפּע קיין מאָל ניט בעסער געווען פון דעם „ניט־סאָציאַליזם".

דאַ אָבער, אויף די ווילדע און פון דורות פאַרוויסטע פעלדער פון ארץ ישראל איז געבאָרן געוואָרן גאָר אַן אַנדער מין סאָציאַליזם: „הריני מוכן ומזומן לקיים מצוות סאָציאַליזם אין מיין אייגענעם לעבן". מען קעמפט ניט, מען שלאָגט זיך ניט, מען ציילט ניט קיין שטימען אויף וואַלן, מען באַרימט זיך ניט מיט נצחונות, נאָר מען פּראָוועט, מען ריכט אָפּ סאָציאַליזם אין אייגענעם לעבן.

ביי די קריסטן איז גענוג פאַר אַ מענטשן צו „גלויבן" אין קריסט, מיט דעם גלויבן קען ער יוצא זיין, דער קאַטעכיזיס איז וויכטיק, די עיקרים און פּרינציפּן וואָס מען מוז האַלטן פון זיי, גלייבן אין זיי.

ביי יידן — גלויב יאָ און גלויב ניט, גלויב ווי דו ווילסט, דער עיקר אָבער: דו דאַרפסט מקיים זיין די מצוות אין דיין לעבן, בשכבך ובקומך — אין שטוב, מיט דיינע קינדער פון פרימאָרגן און ביז נאַכט. איז דאַ סאָציאַליזם געוואָרן אַ נייע פאָרמע פון חסידישן ברען און התלהבות, אַ נייע אויפלאַגע פון דער אַמאָליקער צפתער קבלה ווי זי צו פּראָווען און ווי אָפּצוריכטן זי. אַלע פאַרשטעלונגען און אידעאַלן וואָס מען האָט געבראַכט פון רוסלאַנד, פון איר צעבראָכענער רעוואָלוציע און פון דער איינגעזאָפּטער

קולטור אירער האָבן זיך טראַנספאָרמירט און צונויפגעגאָסן מיט אַלטע לאַנג איינגעדרעמלטע יידישע שטייגערישקייטן. איז

פון כאסלאָוויטש

ביז ליבאַוויטש,

און וואָס דאַרף איך אייך...

איז פון דעם געוואָרן:

יה חי לי, לי עמלי

און: „עורי שממה, דינך נחתך

אנו באנו לכבוש אותך

(שטיי אויף, מדבר, מיר זיינען געקומען דיך צו באַצווינגען).

איז לאָמיר, ברידער, אויסטאַנצן די האַרבע סוגיא סאָציאַליזם נאָך אַמאָל, און נאָך אַמאָל. און אַז דאָס איינציקע העמדל אויפן פאַרשוויצטן לייב ווערט נאָס פון דבקות, איז אויסגעדרייט עס און

בלייבט דאָך אַלץ די אַלטע קשיא...

דער טאַנץ פון דבקות.

זיינען די פעלדער פון גליל געוואָרן אַ נייַ שטיק זוהר, און די שטאָלן — אַ מחיהדיק פשטל אין תניא. אָט אַזוי האָט מען געלערנט דעם פשט פון „וחי בהם": אידעאַלן זיינען ניט מען זאָל גלויבן אין זיי און ניט מען זאָל שלאָגן פאַר זיי, — נאָר מען זאָל זיי מקיים זיין אין אייגענעם לעבן. אַ נייע פאָרמע און אַ נייע שיטה אין סאָציאַליזם וואָס אייראָפּע ווייס ניט פון איר און קען זי ניט פאַרשטיין:

דען פעלקער האָבן רעליגיעס. באַשטייען זיי פון: גלויב, שלאָג זיך פאַר זיי, קעמף פאַר זיי, צווינג יענעם, פיר מלחמות פאַר זיי און ברענג זיי נצחונות, נעם איין וועלטן: אָט איז רעליגיע — אַ דאָקטרין וואָס מען דאַרף זיך שלאָגן פאַר איר. יידן האָבן אַ גלויבן: זעקס הונדערט מיט דרייצן מצוות מקיים צו זיין אין אייגענעם לעבן (תרי"ג).

ביי פעלקער — זאָרג פאַר יענעמס נשמה, כדי דו זאָלסט זיין אויס־געלייזט.

זאָרג פאַר יענעמס נשמה און דערשטיק זיין גוף.

ביי יידן — זאָרג פאַר יענעמס גוף, כדי זאָלסט אויסלייזן דיין נשמה.

זאָרג פאַר יענעמס גוף און דערמיט וועסטו אויסלייזן דיין נשמה.

איז דאָ אויך דער אונטערשייד אין די סאָציאַליזמען — ביי זיי און ביי אונדז. און דערוויַיל —

איז אָט דער יידישער סאָציאַליזם, וואָס איז אויפגעקומען נאָך אַמאָל אויף די גלילער פעלדער, דער איינציקער וואָס האָט ניט באַנקראָטירט.

איז ברענער, דער געוועזענער בונדיסט, געוואָרן צו אַ נייער פאָרמע פון אַ „גוטן יידן", איז א. ד. גאָרדאָן געוועז אַ חסידישער רבי, אַ נייער,

איז אָט אַזוי און אָט אַזוי

איז אונדזער עבודה, די עבודת הבורא,

איז אָט אַזוי און אָט אַזוי

ריכטן מיר אָפּ די עבודה:

זיינען די שוועריקייטן און דער הונגער און אַלע קראַנקהייטן וואָס די דריטע עליה האָט זיך אָנגעליטן — זיינען דאָס געווען ניט סתם צרות, נאָר עס איז דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון צירופים, תעניתים און סיגופים וואָס מיט זייער הילף ברענגט מען גאולות אויף דער וועלט. איז דאָ דער סאָציאַליזם געווען ניט קיין קאַמף פאַר אַ בעסערער און פעטערער בולקע מיט פוטער (שטאַנדאַרט פון לעבן בלע״ז). ער איז געוואָרן אַ שטיק קבלה מעשית, מקרב צו זיין די גאולה...

קען אין אייראָפּע גאָר געמאָלט זיין אַזאַ מין פשט אויף סאָציאַליזם? אַז זייער טראַדיציע ציט זיך גאָר פון דעם „על חרבך״.

אָט דאָס איז די היסתדרות אין שיין פון דער יידישער טראַדיציע.

***

מען זאָגט און מען האָט ליב צו זאָגן אַז:

ארץ ישראל האָט גורם געווען דערצו וואָס דאָרטן איז אויפגעטאָן געוואָרן עפּעס אַזוינס וואָס קיין מאָל איז עס פריער ניט געווען אין אַלע אונדזערע וואַנדערונגען איבער אַלע לענדער פון גאָר דער וועלט. עס איז די קדושת הארץ וואָס זי האָט עס געווירקט, געפירט דורך קרבנות און נאָך קרבנות צו די פאַדערונגען פון אַ יידישער מלוכה.

דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן אין זכות פון ארץ ישראל.

און איך זאָג: ניט ארץ ישראל, נייערט עם ישראל, — דאָס האָט די קדושת העם גורם געווען און נאָך מערער זאָג איך: מיר גלויבן דאָך ניט אין קדושת העם, אָך און וויי, ווי פאַרברעכעריש מיר פאַרשוועכן זי! ריכטיקער דער „עם״ אַליין, די נשמה פון פאָלק, זיין שכינה, זיין אַלטער גלויבן באַוועגט דורך פרעמדע השפּעות האָט עס גורם געווען און אין זיין זכות איז עס אויפגעבויט געוואָרן אַלץ וואָס עס איז דאָ.

אין אַלע צייטן פון גלות האָבן יידן זיך געלאָזט קיין ארץ ישראל, זיך באַמיט אויפצושטעלן דאָרטן ישובים, — און עס איז זיי קיין מאָל ניט געלונגען ווי עס איז געלונגען אין אַלע אַנדערע לענדער אין דער וועלט. דער זכות פון ארץ ישראל איז דאָ קיין מאָל ניט בייגעשטאַנען. דאָס וואָס יידן האָבן יאָ געקאָנט אויפטאָן אין אַלע אַנדערע לענדער האָבן זיי דאָך דווקא אין ארץ ישראל ניט געקאָנט. אין אַלע לענדער פון זייער וואָגלען האָבן יידן זיך איינגעשאַפן עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און אויך גייסטיקע צענטרען. קולטור־אוצרות זיינען אָנגעשפּייכלערט געוואָרן אַלץ מער און מער. שטייגער און זיטן האָבן זיך געשמידט, נייע „אויפלאַגעס״ פון תורות וואָס דאָס פאָלק האָט געלעבט מיט זיי, נייע „ירושלימס״ זיינען אויפגעקומען אין איטלעכן לאַנד פון גלות. און זיי, די גלותדיקע גייסטיקע „ירושלימס״ האָבן שטאַרק קאָנקורירט מיט זייערע אויפטוען פאַרן קיום האומה מיט דער אַלטער שטיינערנער ירושלים. און דאָס — ניט געקוקט אויף דער גאַנצער בענקעניש נאָך ירושלים, וואָס אַ גאַנצע וועלט מיט יידן דאַוונען כסדר מיטן פּנים אַהין,

וואָס אַפילו איצט הויבט אָן שטאַרקער צו קלאַפּן אין האַרצן ווען דו קומסט אַריין אין ירושלים אַריין.

און ניט געקוקט אויף דעם אַלעם האָבן יידן אין ארץ ישראל קיין מאָל ניט געקענט אויפטאָן קיין ברוכטייל פון דעם וואָס זיי האָבן באַוויזן אין אַלע אַנדערע לענדער.

דער זכות פון ארץ ישראל איז אונדז בכן קיין מאָל ניט בייגעשטאַנען.

מיר האָבן אויבן געזען אַז אויך די נייע פּאַר־היסתדרותישע קאָלאָניזאַציע האָט געהאַט איר טרויעריקן פאַרלויף און האָט געהאַלטן אין גסיסה. באשר די דריטע עליה האָט זיי מחיה מתים געווען. דער זכות פון ארץ ישראל איז אויך דאָ ניט בייגעשטאַנען.

איז פון דאַנען צו דרינגען, אַז די פאַקטאָרן וואָס העלפן שאַפן יידישע ישובים מיט אַ פעסטערן אָדער שוואַכערן קיום ליגן ניט אין ארץ ישראל, נייערט — אין עם ישראל און אין די אַרומיקע באַדינגונגען. און לאָמיר זען:

אין אַלע ישובים וואָס יידן האָבן געשאַפן אין זייערע וואַנדערונגען (און די האָבן זיך אָנגעהויבן אַ צייט פריער, פאַר דעם חורבן) האָבן זיי געזאָרגט נאָר פאַר זייער נאַציאָנאַלער קולטורעל־שטייגערישער פאַרזיכיקייט, וואָס מען האָט גערופן מיט אַ פאַלשן נאָמען „אמונה" און גאָר שפּעטער „רע־ליגיע". פאַר דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער פאַרזיכיקייט האָבן יידן ניט געזאָרגט זיך לגמרי.

און עס איז געווען, אויב די יידן זיינען צוליב די באַדינגונגען פון דעם נייעם לאַנד געווען געצוואונגען צו פירן אויך אַ פאַרזיכיק־סאָציאַלן לעבן, — איז אויך די פאַרזיכיק־יידישע קולטור געווען פעסטער, און דער ישוב איז געווען שעפערישער, אַקטיווער און דויערנדיקער.

ווען אָבער די באַדינגונגען האָבן די יידן געלאָזן פריי און זיי זיינען ניט געווען געצוואונגען צו סאָציאַלער אָרגאַניזירטער פאַרזיכיקייט, דאָרטן האָבן עס די יידן ניט געשאַפן און דער גאַנצער ישוב איז געווען שוואַכער, זיין קולטור־שעפערישקייט אַטראָפירט.

אָבער שאַפן אַקטיוו און אַליין אַ גאַנצע פאַרזיכיקייט אויף אַלע גע־ביטן פון לעבן — דאָס האָבן יידן ניט געפּרואווט ביז די היסתדרות.

און עס פלעגט זיין ווען די יידן פלעגן קומען אין אַ לאַנד, וואָס האָט גע־קאָנט אַבסאָרבירן אַ גרעסערן יידישן בעל־מלאכישן און סוחרישן קיבוץ, האָבן יידן דאָרטן געקאָנט שאַפן ישובים. ארץ ישראל האָט עס ניט געקענט, זיינען דאָרט קיין פעסטערע יידישע ישובים ניט אויפגעקומען. גאָר פשוט.

די היסתדרות האָט אַריינגעשריבן אין דער יידישער געשיכטע גאָר אַ נייעם קאַפּיטל — דעם דראַנג צו אַלזייטיקער נאַציאָנאַלער פאַרזיכיקייט.

***

און אַזוי איז געווען דער וועג ווי אַזוי עס איז געקומען צו דעם נייעם. בראשית, אין דער תקופה פון משכילישער חיבת ציון זיינען יידן,

אַ טייל ייִדן מחמת נעגאַציע צום ייִדישן לעבן, געגאַנגען צו ערד־אַרבעט, ווייל

אין סאָכע
ליגט די מזל ברכה...

אויך קיין ארץ ישׂראל איז די ערשטע און די צווייטע עליה געקומען מיטן אידעאַל פון ערד־אַרבעט און דאָס איז געווען אַלץ. האָט מען „געסאָכעוועט". איז אין דעם גאַנצן איבערגעטריבענעם משׂכּילישן גלויבן אין דער קדושה פון דער סאָכע געווען אַ שטיק נאָכמאַכעריי, די געוויינלעכע משׂכּילישע פאַרגעטערונג פון פּרעמדס.

הויז פון יעקב, קומט און לאָמיר גייִן, לאָמיר גייִן זיך לערנען,
לאָמיר ביי ר' איוואַנען זיך לערנען צידקות אין זיין סאָכע...

זיינען פאַר דער סאָכע פאַראַן בעסערע און געניטערע און דער עיקר מער טראַדיציאָנעל אַריינגעלעבטע מיט דער סאָכע. איז ביי אונדז ייִדן אין אָט דער משׂכּילישער סאָכע שוין גאָר ניט געווען קיין מזל ברכה.

איז געקומען די דריטע עליה און האָט איבערגעדרייט דעם פּסוק. ניט די סאָכע הקדושה, נייערט די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע פאַרזיכיקייט אויף אַלע געביטן פון לעבן. אַן אַלזייטיק אייגן לעבן גייען מיר בויען. אַריינדרינגען אין אַ פרעמדן סאָציאַל־עקאָנאָמישן ישוב דאַרף מען געפינען די פּאַסיקע ערטער דערצו, די סביבות וואָס זיינען מסוגל און וויליק אַריינצונעמען אין זיך אַ ייִדישן עלעמענט. איז דערצו ארץ ישׂראל ניט מסוגל געווען — דער אַראַבישער ישוב אין לאַנד. אויפשטעלן אָבער אַ ישוב וואָס איז אַלזייטיק אומאָפּהענגיק — דאָ איז שוין ניט נייטיק די אויפנעם־פעאיקייט פון דער פריערדיקער באַפעלקערונג אין לאַנד. און ארץ ישׂראל וואָס האָט ביז דער היסתדרות ניט געלאָזט אַנטוויקלען קיין ייִדישע ישובים, די זעלביקע ארץ ישׂראל האָט זיך גאָר אַנדערש אָפּגערופן אויף די אָנשטרענגונגען פון דער דריטער עליה. דאָס וואָס איז ביז איצט געווען אוממעגלעך אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער, דאָס איז איצט געוואָרן מעגלעך. די אייביקע הייסע סענטימענטן צו ארץ ישׂראל וואָס דער גלות האָט אַלע מאָל אַזוי געצערטלט און געהאָדעוועט און זיי האָבן קיין מאָל ניט געקענט געפינען קיין פאַרווירקלעכונג, זיי האָבן מיט אַמאָל זיך גענומען אָנקליידן אין פלייש און הויט.

דאָס איז דער חידוש וואָס די דריטע עליה האָט אַריינגעטראָגן אין ייִדישן לעבן דערווייל אין ארץ ישׂראל, — און איך וויל האָפן, — אַז מיט דער צייט ניט נאָר דאָרטן: אַן אַלזייטיקע פאַרזיכיקייט אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן ווי אין קולטורעל־שטייגערישן הינזיכט.

***

און אַזוי איז געגאַנגען פון מדרגה צו מדרגה ביז די אידעע איז צייטיק געוואָרן. גאָר צום אָנהויב איז עס געווען דער „וועג צו זיך".

אַנטוישט פון דער פאַרלאָרענער רעוואָלוציע, פאַגראָמען איז מען פון

„זעלבסטשוץ" געקומען צו „זעלבסטלעבן" און די אייביקע סענטימענטן האָבן גלייך זיך אַסאָציאירט מיט ארץ ישראל. דערצו האָט מען דאָך פון גלות אויך געזען די קאָלאָניעס אין אַ פּאָזיטיווער שיין. געבליבן איז דער קולט פון אַרבעט, געבליבן איז דער גלויבן אין דער „מלכות שדי" אין דער אויפ־לאַגע פון רוסלאַנד, — און מיר גייען ניט קעמפן פאַר איר, בייערט מיר קומען זי מקיים זיין.

אַ וועלט זינקט אין מרה שחורה אריין,

אין מרה שחורה זינקט די וועלט (פרץ „גאָלדענע קייט")

גייען מיר, שבת־יום־טובדיקע יידן, די וועלט אויסלייזן פון דער מרה שחורה. מיר גייען דער גאולה אַנטקעגן מיט דעם קולט פון אַרבעט באַוואָפנט.

צום גליק האָבן די קאָלאָניעס ניט געקאָנט און ניט געוואָלט אויפנעמען די יידישע אַרבעט. האָט מען געמוזט אַליין שאַפן ווירטשאַפטן און:

עס איז געקומען די צווייטע מדרגה, די מדרגה פון אַלזייטיקער ווירט־שאַפטלעכער פאַרזיכיקייט און אומאָפּהענגיקייט.

איז געקומען די ביטערע נויט און האָט געלערנט יידן, אַז מען דאַרף אויך קענען זיך מיליטעריש פאַרטיידיקן — איז עס אויך געשאַפן געוואָרן.

איז געקומען די מלחמה, אוממענטשלעכע צרות אויף יידן, — איז געקומען דער דראַנג צו אייגענער מלוכהשקייט.

און אַזוי האָט די היסתדרות באַהערשט די אידעען פון דעם גאַנצן ישוב און פון די גרעסטע שיכטן פון יידן איבער דער גאָרער וועלט.

איך אַליין גלויב ניט אין דעם ווערט פון מלוכות, און איבערהויפּט — פון קליינע מלוכות, אָבער דער בהדרגהדיקער גאַנג צו דער אידעע איז אַ נאַ־טירלעכער און — פון שטאַנדפּונקט פון דער הייַנטיקער וועלט אויך אַ באַרעכטיקטער.

איז די היסתדרות אַ מזיגה פון:

די אַלט־יידישע קבלה־מעשית, טראַנספאָרמירטע חסידישע היתלהבות און דבקות, ברענענדיקער באַגער אויסצולעבן זיך אין קיום המצוות, וואָס ווערן אַרויפגעצוואונגען ניט אויף קיינעם, נאָר אויף זיך אַליין און דערצו די אייביקע שטרעבונגען צו דער גאולה וואָס איז ביי יידן תמיד פאַרבונדן מיט ארץ ישראל.

אָט דאָס אַלץ האָט זיך אָרגאַניש מזדווג געווען מיט דעם גלויבן אין אַרבעט, אין סאָציאַליזם און מיט דעם ביטול צו קליינבירגערלעכקייט מיט אַלע זיינע קאָנוועגאָסן.

און אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן אַ ריין יידישע פאָרמע פון סאָציאַליזם, וואָס ביי קיינע אַנדערע פעלקער איז זי ניטאָ און זי קען ניט זיין.

דאָס איז די היסתדרות.

***

זיינען אין דער היסתדרות ניטאָ קיינע חסרונות?

— זיי זיינען דאָ, און גרויסע.

און אַלע נעמען זיי זיך פון איין מקור — פון דער שלילה, פון דער נעגאַציע, וואָס איז דאָ ביי אַלע יידן צו זיך אַליין, צו אַל דעם וואָס איז יידיש.

ניט וועגן שפּראַכן גייט דאָ. דער אומגליקלעכער „שפּראַכן־קאַמף" איז געווען און איז נאָר אַ פאַרבלענדעניש, וואָס פאַרשטעלט מיט זיך דעם גאַנצן פּראָבלעם צי מיר יידן זיינען וואָס מיר זיינען און מיר גייען אין אונדזער לעבן אַנטפּלעקן דעם אייגענעם אייביקן „איך" אונדזערן, אָדער מיר גייען דערשטיקנדיק דעם אייגענעם „איך", ווערן אַ נייער „חומר היולי" וואָס דאַרף ערשט געפינען פאָרמען צו ווערן עפּעס נייעס.

די היסתדרות האָט דעם וועג צו זיך ניט אויסגעבויט אין גאַנצן, האָט ניט אויפגענומען דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן „איך" אין זיין גאַנצער אַנטוויקלונג דורך דורות. זעט מען צו פיל פרעמדע און מען פאַרזעט ווילִיק און אומוויליק דאָס אייגענע, דאָס אייביקע אין זיך. און דאָס איז אַ קללה:

איינגעטונקט אין „טומאת הגויים" קען מען קיין גאולה ניט ברענגען — ניט פאַר דער וועלט און פאַר זיך געוויס ניט: די גאולה שלמה ליגט אין וואָס מיר זיינען, זיינען מיר —

דאָס ווילן מיר זיין, דאָס באַמיען מיר זיך צו זיין און קיינער שטערט אונדז ניט צו דעם. דאַרף מען זיך וואַשן און רייניקן פון דער גאַרער פרעמדקייט, און אומזיסט לאַכן מיר, אויפגעקלערטע און שכלדיקע אַלצוויסער און אַלצ־פאַרשטייער, פון די אַמאָליקע מקובלים מיט זייער דראַנג צו גייסטיקער ריינִיקייט.

קיין מאָל, קיין מאָל קען אַ מענטש אין קיין דור, אין קיין וועלט גאָרנישט שאַפן און גאָרנישט אויפטאָן, —

אויב ער איז מיט אַלע רמ"ח אברים זיינע, מיט זיין גאַנצן באַוואוסטזיין ניט דאָס וואָס ער איז דורך אַלע דורות מיט זיין אומבאַוואוסטזיין; אויב ער פּרוּאווט אימיטירן.

פאַרפלאַכט מען און מען פאַרוואַסערט אָפּט דעם מהות פון היסתדרות אין דעם גאַנג פון אַלע אונדזערע דורות, דעם נאַציאָנאַלן זינען אירן אין שיין פון אונדזער אייביקייט.

מאַכט מען פון דער היסתדרות עפּעס אַ מין אָפּגלאַנץ פון פרעמדס, אַ נהיה ככל הגויים בית ישראל.

... שייך צו זאָגן — גיי מאַך פון אַ שאָף אַ וואָלף... ניט מער און ניט ווייניקער.

קומען אַזוינע מפרשים, וואָס מעגן אַלץ זאָגן ווייל זיי זיינען באַהיט און באַשירעמט דורך דער בעסטער קמיע פון אונדזערע טעג — מיט אַ גוטן פאַרטיי־בילעט, וד"ל, — און אָט די גאַנץ פלאַכע מפרשים לערנען:

— וואָס איז די היסתדרות? וואָס וויל זי?

— די היסתדרות וויל אַז יידן זאָלן לעבן אַ גוייש לעבן (פון אַ רעדע אויף היסתדרות־קאָנפערענץ אין מוגראבי־טעאַטער אין תל אביב). און כאָטש אָט די ווערטער געהערן צו אַ באַקאַנטן פירער פון היסתדרות, זיינען זיי ניט

מער ווי אַ בלבול, אַ פאַרקריפּלונג. קיין שום „איוואַניזאַציע" פון יידן קען ניט און וועט ניט געלינגען. דאָס שיקן דעם אַלטן ר' ישראל סבא אויף דער עלטער אין חדר אַריין אין בית־המדרש פון דזשאָן און יאָהאַן וועט קיין גוטס ניט ברענגען.

דאָס איז איין קאַרדינאַלער חסרון.

און צווייטנס — דער „ממון תחת יידישקייט" פון היסתדרות־פּריינד אין אַלע לענדער אין חוץ לארץ. עס האָט זיך איינגעשטעלט, איבערהויפּט אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, אַ גלויבן אַז אין חוץ לארץ זיינען קיינע מצוות ניט מחייב. פאַר אַלץ קען מען יוצא זיין מיט געלט, אויסקויפן זיך מיט געלט און יוצא זיין מיט יענעמס קיום המצוות. אַ קדיש נאָך אַ טאַטן — געלט, פרומקייט — געלט און אויך היסתדרותישע יידישקייט איז מען יוצא מיט אַ „ליגע פאַר דעם אַרבעטנדיקן ארץ ישראל". און דאָס איז דאָס שענד־לעכסטע. יידישקייט אין מחייב לגמרי ניט בלויז אין ירושלים, היסתדרות — לגמרי ניט נאָר אין עין חרוד. פאַרקערט איז דורך דער גאַנצער געשיכטע אונדזערער איינגעשטעלט געוואָרן דער כלל: אין דער פרעמד זיינען די מצוות אַ סך מער מחייב ווי אין ארץ ישראל. מען מוז זיי שטרענגער אָפּ־היטן, מען דאַרף מער מקפיד זיין אויף דעם „וחי בהם" — אין אייגענעם לעבן דורכפירן די פּרינציפּן.

מישט זיך אָט דער „גרינגער ציוניזם" צונויף מיט דער שלילה און זיי צוזאַמען לייזיקן אויס דעם יידישן אינהאַלט פון דורות. אַנשטאָט דעם פעסטן יידישן אונטערבאַוואוסטזיין קומט אַ פרעמדקייט, און אויף דער אינע־ווייניקסטער ליידיקייט פּרובירט מען אָנצוקלעפּן אַ שיינעם בלעטל פון ציוניסטישן באַוואוסטזיין. איז עס

אַ שיינער, גאָלדענער צעטל פון דעם בעסטן וויין אָנגעקלעפּט אויף אַ ליידיקער פלאַש, וואָס אינעווייניק איז זי טרוקן, ליידיק און זי שמעקט גאָר מיט שלעכטן נאָכגעמאַכטן עסיק...

מען זאָגט — מען איז שולל דעם גלות, און מען באַמערקט ניט, אַז עס איז פונקט פאַרקערט: דעם גלות, די אָפּהענגיקייט, דאָס שלעפּן אַלדאָס פרעמדס צו זיך, אין זיך — דאָס נעמט מען גערן, מיט פרייד, אייגנוויליק און מען וואַרט לגמרי ניט ביז מען וועט צווינגען.

וואָס לייקנט מען, וואָס איז מען שולל? — דווקא דאָס אייגענע, דווקא דעם אייגענעם „איך", אַל דאָס וואָס עס האָט אויפגעהיט און אויפגעהאַלטן דעם קיום פון פאָלק ניט געקוקט אויף אַלע גלותן. און גרילצן גרילצט ניט נאָר יידיש, נאָר אַל דאָס יידישעס, נאָר דער באַשיידענער אינהאַלט וואָס ער האָט גובר געווען אַל דאָס פרעמדס. דאָס גרילצט, — בשום אופן ניט דאָס פרעמדס, דאָס אימיטירטע, דאָס גלותדיקע.

און די חסרונות ווייזן זיך אַרויס אין אַ סך געביטן און זיי סמען אָפּ די וואָרצלען.

די היסתדרות האָט נאָך ניט געפונען דעם אָפּענעם וועג צו דער פולער מזיגה, צו דעם סינטעז פון גאָר דער אינטעגראַלער יידישקייט צו פאַרמירן

אַ פולן פאַרזיכיקן יידישן לעבן אומעטום וואו יידן זיינען און איבערהויפּט אין ארץ ישראל.

איז נאָך דער ציל פאַראויס!

אָפט שטעלט זיך מיר די פראַגע, פאַרוואָס האָבן יידן עד־היום אין ערגעץ ניט געפּרואווט בויען קיין פעסטערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרזיכי־קייט. עס זיינען דאָך געווען אין פאַרשיידענע צייטן און אין פאַרשיידענע לענדער אַלערליי געלעגנהייטן און מיגלעכקייטן ניט אין פאַרגלייך בעסער ווי יידן האָבן אין ארץ ישראל. פאַרוואָס־זשע האָבן די יידן וואָס זיינען זיך אַלעמאָל מוסר נפש געווען פאַר דער קולטור־שטייגערישער פאַרזיכיקייט, פאַרוואָס האָבן די זעלביקע יידן אין גאַנצן ניט געוואָלט זאָרגן פאַר זייער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פאַרזיכיקייט?

לויט מיין מיינונג איז עס אַן אויסגעאַרבעטע טראַדיציע נאָך פון די צייטן פון פאַרן חורבן, אַ רעזולטאַט פון אַנטוישונג אין דער מלוכהשאַפט, וואָס האָט קיין מאָל ניט גרינגער געמאַכט פאַר יידן דעם „שיעבוד מלכיות״, וואָס יידן האָבן אַזוי געבענקט נאָך דעם. דאָס אָפּהיטן די קולטורעלע שטיי־גערישקייט האָט זיך געשטיצט אויף דעם גלויבן אין שכר ועונש וואָס איז ספּעציעל צו ליב דעם ציל צוגעטראַכט געוואָרן, מיטן גאַנצן „אַפּאַראַט״ פון השגחה פּרטית.

אין לאַנגע דורות פון סאָציאַלער אָפּהענגיקייט האָבן זיך יידן צוגע־וואוינט צו דעם און זיי האָבן אָנגעוואָרן אין גאַנצן דעם חוש, דעם פאַרלאַנג צו אייגענער נאַציאָנאַלער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פאַרזיכיקייט. גרויסע טיילן פון פאָלק, וואָס האַלטן זיך פאַר באַוואוסטזיניקע יידן ווילן אַפילו פון דעם ניט הערן, עפּעס איז עס פאַר זיי אַן אומפאַרשטענדלעכע זאַך „יידן זאָלן זיין אַן גויים?! — ווי איז גאָר מעגלעך״.

די היסתדרות האָט עס באַשיימפּערלעך באַוויזן — יאָ עס איז מעגלעך, עס איז דערצו גאָר נישט שלעכט אויך. יידן האָבן עס באַנומען, פאַר־שטאַנען און מסכים געווען.

אָבער—נאָר פאַר ארץ ישראל. ניט ווייל יידן האָבן אַזוי פיל ספּעציפישע אָנדערשקייטן און עס איז כדאַי צו שאַפן דערפאַר סאָציאַלע פאַרזיכיקע ראַמען. — ניין, ניט דערפאַר, נאָר דערפאַר ווייל ארץ ישראל דאַרף זיין אַ יידישע מלוכה. די שלילה צו יידישקייט, די אַלגעמיינע נעגאַציע צו זיך אַליין — דאָס איז נאָך געבליבן.

און עס שטעלט זיך אַ פראַגע — ווי וואָלט געווען ווען יידן זיינען גע־צוואונגען צו בויען אַן אייגן פאַרזיכיק לעבן אין אַן אַנדער לאַנד, — צי וועט זיין גענוג ענטוזיאַזם, מוט, ווילן און נאַציאָנאַלע ענערגיע?

די פראַגע איז לגמרי ניט קיין טעאָרעטישע ביי היינטיקע סיטואַציעס, אויב אַפילו דער ציוניזם זאָל קריגן אַלע זיינע היינטיקע פאַרלאַנגען וואָס ער קען באַקומען. ביי דער באַציאונג צו יידן אין דער וועלט איז גאַנץ געמאַלט אַז יידן וועלן זיין געצוואונגען צו אַ „יציאת הוועלט״, זיי וועלן זיין גע־צוואונגען צו בויען אַן אייגן לעבן אין נאָך לענדער. צי וועלן זיי האָבן דערצו

די גייסטיקע כוחות — דאָס איז אַ פראַגע וואָס איך קען אויף איר ניט ענט־פערן איצט. דערוויִיל איז דער דראַנג צו פאַרזיכיקייט וואָס די היסתדרות האָט אויפגעוועקט פאַרבונדן נאָר מיט ארץ ישראל און נאָך ניט מיט עם ישראל. די נאָנטסטע קאַפּיטלעך אין אונדזער היסטאָריע וואָס מיר וועלן אַליין דאַרפן שרייבן וועלן זיכער זיין:

„היסתדרותיזאַציע" פון יידישן לעבן אין נאָך אייניקע לענדער, און אויב פאַרזיכטיקייט, — דאַרף מען מער „אינזיכטיקייט", און דאָס מיינט —

אויס מיט דער נעגאַציע צו די קולטור־פאַקטאָרן וואָס האָבן אונדז גע־האָלפן גובר צו זיין אַלע גלותן אין די גלותן גופא.

עס זיינען צוויי פונקטן וואָס ניט אַלע, ווייט ניט אַלע, קענען נאָך ביי היינטיקן טאָג זיי אויפנעמען, אָבער זיי קומען.

ה. לייוויק

דאָס אײביקע געזאַנג

וועגן די לידער פון די געטאָס און די לאַגערן וואָס דער דיכטער
ש. קאַטשערגינסקי האָט אויפגעזאַמלט

אַפילו אין די טעג פון דער מלחמה — אין די ביטערסטע טעג פון אונדזער פאָלקס אומקום, האָט קיינער פון אונדז ניט געצווייפלט אין די גייסטיקע כוחות, אין דער נשמה־גבורה פון אונדזערע ברידער, וואָס זיינען געגאַנגען אויף קדוש־השם.

מיר האָבן ניט געצווייפלט, — אָבער קיין וואָרט־אויסדרוק פון אונדזער פאָלקס־גבורה איז, כל זמן די מלחמה האָט אָנגעהאַלטן, צו אונדז ניט דערגאַנגען.

די וועלט איז געווען פאַרהאַקט און שטעכיק־פאַרדראָטעוועט. אַפילו דאָס פשוטע ווײ־געשריי פון די געטאָס און פון די טרעבלינקעס האָט קוים־קוים דערגרייכט צו דער אויסערלעכער וועלט. ווער האָט, אַזוי אַרום, געקענט גאָר טראַכטן, און ריכטיק פאָרשטעלן זיך, אַז אין געטאָ און אין קאַצעטן פאַרנעמען זיך די קרבנות מיט פאַרפאַסן לידער, מיט שאַפן מעלאָדיעס צו זיי און מיט אויסזינגען זיי.

אַחוץ דעם האָבן מיר אַלע געוואוסט, אַז די ערשטע, אין וועמען דער דייטש־רוצח האָט געצילט, זיינען געווען די יידישע פאָלקס־פירער, די אינ־טעליגענץ, די רבנים, די שרייבער, די לערער, די שוישפּילער.

די הייליקע ספרים האָבן געברענט אויף די דייטשע שייטערהויפנס, און די ניט־הייליקע, די אַזוי גערופענע וועלטלעכע, האָבן — אויך געברענט. אין פייער זיינען זיי אויסגעגליכט געוואָרן. אין פייער זיינען די ניט־הייליקע געוואָרן הייליק.

ס'איז געווען פיינלעך צוצולאָזן צו זיך דעם געדאַנק, אַז מיט די פאַר־ברענטע סופרים און שרייבער זיינען אויך פאַרברענט געוואָרן די אותיות— דאָס יידישע וואָרט. אומרו האָט געמאַטערט: ווער ווייס?

ביז — מיר האָבן דערלעבט צו דערהערן דאָס אמתע קול פון אונדזערע איבערגעבליבענע, אָפּגעראַטעוועטע ברידער, און דורך זיי — אויך דאָס קול פון די אָוועקגעגאַנגענע, פון די אומגעקומענע.

אמת, אַז דערהערנדיק די ערשטע ווערטער זייערע, נאָך אַזויפיל יאָרן פון שטומקייט, האָבן מיר פריער פון אַלץ פאַרנומען די יזכור־קללה פון

אזא, אַ שטייגער, דיכטער־קדוש, ווי יצחק קאַצענעלסאָן. אָבער אַפילו קאַ־צענעלסאָנס ליד־געשריי, אָדער אפשר גראָד זיין ליד, האָט אונדז געבראַכט די בשורה אַז דאָס יידישע וואָרט, סיי דאָס רעליגיעזע, סיי דאָס וועלטלעכע, איז ניט נאָר ניט פאַרשטומט געוואָרן אין די געטאָס און אין די טויט־לאַגערן, נאָר האָט אָנגעהאַלטן אין די ערגסטע און טויטלעכסטע מינוטן זיין פרישקייט, זיין כוח און זיין טרייסט.

אין גריבער, אין בונקערס, אין קאַנאַליזאַצ־ע־רערן, אויף דער שוועל פון גאַז־קאַמער האָבן יידן געזוכט שטאַרקונג אין תפילה, אין ליד, אין גע־זאַנג, אין אונדזער אייביקער וועלט פון וואָרט — צי ס׳וואָרט איז פון תנ״ך און פון סידור, צי פון אונדזער היינטיקער ליטעראַטור; צי ס׳וואָרט איז אַ פאַרטיקס פון פריער, צי ס׳האָט ערשט געדאַרפט געשאַפן ווערן, באַ־דאַרפט און — געשאַפן געוואָרן גלייך אויפן אָרט פונעם פאָלק אַליין.

ס׳איז ממש פאַרחידושט צו ווערן וואָס דעם פאָלק איז גאָר געלעגן אין זינען צו פאַרנעמען זיך אין יענע טעג מיט גראַמען, מיט ווערטלעך, מיט לירישע ריטמען, מיט הומאָר און מיט סאַטירע, ניט נאָר איבער דעם שונא, נאָר אויך איבער זיך אַליין.

ערשט איצט, ווען מיר האָבן שוין אַ שלל מיט מאַטעריאַלן, אויפגעזאַמלט און אַרויסגעראַטעוועט מיט דער גרעסטער ליבשאַפט פון אייגענע, אמת, זייער וויניק־איבערגעבליבענע, מסירת־נפשדיקע זאַמלער, ערשט איצט דער־וויסן מיר זיך ווי גרויס ס׳איז געווען אין יענע מאוימדיקע טעג די שעפע־רישקייט פון אונדזער פאָלק.

די קליינע צאָל זאַמלער—און דער וויכטיקסטער פון זיי דער שריפטשטע־לער־פאַרטיזאַן ש. קאַטשערגינסקי—זיינען אין די נסיון־טעג געשטאַנען אויף דער הויך פון זייער דיכטערישער שליחות. זיי זיינען געווען מיטן פאָלק אויף אַלע זיינע יסורים־וועגן, געבערענגט דעם פאָלק דערמוטיקונג און דערהויבונג דורך די ווערק פון אונדזער ליטעראַטור און — וואָס איז נאָך וויכטיקער — געקוקט דעם פאָלק אין מויל און געקליבן און פאַרצייכנט לדורות זיין אייגן לעבעדיק־געשאַפן וואָרט.

אינעם מצב, אין וועלכן דאָס פאָלק אונטער היטלערן האָט זיך געפונען, איז דאָך יעדער אויסדרוק, יעדעס לידל, וואָס איז אין גיהנום אויפגעקומען, ממש ניט אָפּצושאַצן.

מיט אַ ליד אַ געשאַפּנס אויפן אָרט גופא, האָט אַ מאַמע פאַרוויגט איר אויסבאַהאַלטן עופהלע, אָדער געזעגנט זיך מיט דעם, אָדער גאָר באַוויינט עס — אַ פאַרבערנטס. מיט אַן אייגן־געשאַפן ליד האָט אַ גאַנצער עולם פאַר־זונגען זיין עלנד און זיין טויט־אַנגסט ליגנדיק ערגעץ אין אַ גרוב, אָדער אויפגעזונגען ערגעץ אין אַ וואַלד, אין אַ פאַרטיזאַנער־מחנה.

ווען וואָרט — צי דאָס איז יהודה הלוים, צי ישעיהס, צי פרצעס, צי גאָר געבירטיקס — ווען ס׳ווערט אַריינגעזונגען צוזאַמען מיט דער נשמה אין פייער אַריין — דעמאָלט איז יעדעס וואָרט באמת גאָטס וואָרט. מער נאָך:

דעמאָלט ווערט גאָטס־וואָרט — מענטש־וואָרט. גאָט אַליין איז מקנא דעמאָלט יעדן קלאַנג, יעדן טרייסט־אויסדרוק, יעדן לז־לו פון אַ מאַמעס מויל.

ס׳ליגן פאַר אונדז געטאָ־ און קאַצעט־לידער אין די הונדערטער, וואָס ש. קאַטשערגינסקי האָט מיט גרויס געטריישאַפט צונויפגעזאַמלט. אונדזער האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט טיפער דאַנקבאַרקייט צו אים. מיר זעען אַזוי אַרום נעמען פון צענדליקער און צענדליקער מחברים און מעלאָדיע־פאַר־פאַסערס — אַ גרויסע צאָל פון די מחברים אומבאַקאַנטע אָדער גאָר אַנאָנימע — און ס׳וואַקסט אויס פאַר אונדז איין קאָלעקטיווער מחבר — דאָס לײדנדיקע פאָלק. ס׳נעמט אונדז דורך איין געפיל פון באַוואונדערונג: דאָס פאָלק זינגט אייביק.

יאָ, אייביק. די צונג פונעם פאָלק איז אינטים מיט זיין האַרץ, זיין וואָרט איז אָנגעוואָרעמט מיטן פייער פון זיין נשמה, זיינע ליפּן זיינען פריש צוגעגויגט צו די אייגענע קוואַלן.

***

די לידער, וואָס דאָס פאָלק האָט מיט דער הילף פון זיינע פיל־צאָליקע מחברים געשאַפן און געזונגען אין די געטאָס און אין די קאַנצ. לאַגערן, גרייכן, ווי געזאָגט, אין די הונדערטער. אָבער אַלץ איז נאָך נאָר אַ טייל וואָס איז געזאַמלט געוואָרן; ווער ווייס וויפיל לידער זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, ניט פאַרצייכנט געוואָרן און וועלן שוין אפשר קיין מאָל ניט פאַרצייכנט ווערן.

צי דאַרפן מיר ניט מאַכן קיין הספד אויך אויף אומגעקומענע לידער, ווי מיר מאַכן עס אויף אומגעבראַכטע לעבנס? צי דאַרפן מיר ניט זאָגן קיין יזכור אויך אויף נשמות פון ווערטער, פון שורות, פון גראַמען, וואָס זיינען צוזאַמען מיט די ליפּן, וואָס האָבן זיי אַרויסגעבראַכט, אומגעקומען אין פייער, אָדער אין גאַז־קאַמער?

יאָ, מיר דאַרפן זאָגן יזכור אויך אויף פאַרשניטענע געזאַנגען, כדי אין זכות פון זיי זאָלן מיר נאָך מער הייליק און טייער האַלטן די פאָלקס־שאַפונגען, וואָס זיינען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן און געבליבן לעבן. דורך זיי זאָלן אויף אייביק בלייבן אין אונדזער געדעכעניש אויך יענע מחברים, וואָס זיינען פאַרפייניקט געוואָרן און מיר וויסן אַפילו ניט זייער נאָמען.

אמת, ניט אַלע געטאָ־ און קאַצעט־לידער, וואָס מיר ווילן זיי אַלע באַצייכענען ווי פאָלקס־לידער, זיינען גלייך ווערטפול און קאָנען אָן קריטישע רעזערוואַציעס אָנגענומען ווערן ווי אַזעלכע. ניט אַלע פון זיי פאַרמאָגן די אמתע קוואַליטעט פון פאָלקס־געזאַנגען: געלייטערטקייט פון חכמה, פשטות פון אויסדרוק, דירעקטער אָבער דאָך ניט האַמעטנער אָפּרוף אויף פערזענלעכע, אָדער נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלע געשעענישן. ניט אַלע פון זיי האָבן דעם חן פון קינסטלערישער נאַאיווקייט.

ס׳איז אָבער אַ שווערער ענין פאַר אונדז צו נעמען די דאָזיקע גיהנום־

לידער און אַנדערע אויף זיי אונדזערע איינגעשטעלטע ליטעראַרישע קרי־טעריומס. ס׳איז נאָך ניטאָ די מאָס מיט וואָס זיי צו מעסטן. עס לאָזט ניט דאָס האַרץ, אַפילו אויף אַן אומבאַהאָלפנסטן ליד, צו זאָגן: ס׳איז שלעכט.

דערפאַר אָבער ווערן מיר אָפּגעצאָלט מיט אַ טיפער באַפרידיקונג וואָס אַ גאַנץ גרויסע צאָל לידער שטייען יאָ אויף אַ קינסטלערישער הויך און נעמען אונדז דורך מיט זייערע טרעפלעכע אויסדרוקן, מיט זייער שאַרפקייט און, דערהויפּט, מיט זייער אומענדלעכן צער.

פון די פּילצאָליקע נעמען טיילן זיך אויס די מחברים א. געבירטיק, הערש גליק, ר. גלעזער, כתריאל ברודאָ, ל. ראָזענטאַל, זאַמי פעדער, חנה חייטין. ווער רעדט נאָך — יענע פאָלקס־לידער וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין געטאָ פון אַזוינע דיכטער ווי א. סוצקעווער און פון דעם הויפּט־זאַמלער אַליין ש. קאַטשערגינסקי.

די לידער לאָזן זיך ניט אַזוי לייכט טיילן אויף קענטיקע גרופּירונגען. קיין פּינקטלעכע ליניעס קאָן מען ניט ציען צווישן איין מין ליד און אַ צווייטן, כאָטש זיי פאַרמאָגן אַ סך ניואַנסן און וואַריאַציעס. וואָרעם אין אַנגסט האָט זיי געבוירן, אין בענקשאַפט נאָך פרייהייט, נאָך טרייסט און נאָך נקמה האָט זיי באַפליגלט.

ס׳איז אָבער דערפאַר ניט שווער די אַלע לידער פאַנאַנדערצוטיילן אויף זייערע באַשטאַנד־טיילן, אויף זייערע הויפּט־עלעמענטן: פּיין און גורל־מאָטיוו, הומאָר־סאַטירע, קינד און מאַמע־מאָטיוו, תפילה־מאָטיוו, שולד־מאָ־טיוו, נקמה און קאַמף־מאָטיוו.

אויב מיר ווערן איבערראַשט פון די סאַטירע לידער — סאַטירע קעגן זיך און קעגן אייגענע ברידער — ווערן מיר ממש געפּלעפט פון די לידער וואָס זייער תוך איז שולד־געפיל.

אמת, זיי זיינען ניט גרויס אין צאָל. אָבער וויפיל זיי זאָלן ניט זיין — זיינען זיי אַן אמתע אַנטפּלעקונג. אגב, שלייכט זיך דורך דער שולד־מאָטיוו אויך אין אַ סך לידער פון אַן אַנדער טעמאַטיק.

— פאַרוואָס שולד?

שולד פאַר בלייבן לעבן ווען די נאָענטסטע זיינען אומגעקומען. שולד פאַר ניט נאָכגיין מיט די אָוועקגענומענע טייערסטע אין קרעמאַטאָריע־פייער אַריין.

אין אייניקע לידער ווייזט דער טשיקאַווער שולדיקער און בעט זיך אַז די אומגעקומענע זאָלן אים מוחל זיין וואָס ער איז לעבן געבליבן, אָדער זאָלן כאָטש גוט זיין צו אים און פאַרנעמען זיין שולדיקייט.

אַ דערהייבענע, אָבער אויך אַ דערשיטערנדיקע, איבערלעבונג.

איך שעם זיך פאַר דיר,
ס׳איז פינצטער מיין שעה.
כ׳האָב דיך געשיקט צום טויט
און איך בין געבליבן דאָ.

— — — — — — — — — — — —

כ׳שעם זיך פאַר דיביימער —
ביים בערגל וואָס שטייען —
די וואָס האָבן געהערט
דיינע לעצטע געשרייען.

אַזוי זינגט מ. שענקער, אַ קאָמפּאָזיטאָר פון וואַרשע; אומגעקומען אין טרעבלינקע אין יוני 1943. ער זינגט וועגן אַ טאַטן, וואָס האָט ניט געקענט מיטגיין מיט זיין ווייב און קינד, ווען יענע זיינען אַוועקגעשלעפּט געוואָרן צום אומקום־פּלאַץ.

אַפילו אין די קינדער־ און מאַמע־לידער שפּירט זיך אָפט דאָס שולד־געפיל פון דער מאַמען, וואָס מוז איר קינד אַוועקוואַרפן, אָדער גאָר אי־בערגעבן עס אין גויישע הענט כדי צו ראַטעווען עס.

די מאַמע לאָזט זיך ניט אַריין אין אויפברויז, אין מרידה־צאַרן, אין פאַרשרייען זיך אַליין. זי איז צופיל אָנגעפילט מיט ליבשאַפט־ווייטיק, מיט מאַמעשער צערטלעכקייט. זי שטיקט איר געוויין אין זיך. איר ווייטערדיק לעבן, אויב זי בלייבט לעבן, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ וואָגלעניש, אין אַ זוכעניש, אין אַ גערודער פון איר מאַמע־געוויסן.

— —

— — מאַמע וואָגלט וואו אַרום,
ווי איר יאָסעלע אויך שטום.
קיינער ווייס ניט, קיינעם אַרט,
און זי וואַרט און וואַרט און וואַרט.
צו יוכבד איז זי גלייך,
ווייל ווי משה אויפן טייך
עלנט, איינזאַם אויפן ווינט
איז פאַרלאָזט איר איינציק קינד.

(פונעם ליד „דאָס פאַרוואָגלטע קינד״ פון חנה חייטין)

אויך די אַלגעמיינע גורל־לידער זיינען אין תוך דורכגעזאַפּט מיט באַ־האַלטענע טרערן פון אַ דין און אײדל יום־כיפּורדיק געפיל.

ס׳האָבן אַלטע און יונגע
דאָס לעבן געבויט און געהאָפט,
ביז סע האָט אַזאַ שווערד
אַלץ פאַרווישט פון דער ערד
און געפירט האָט מען אונדז ווי די שאָף.
צו איינס, צוויי, דריי, —
צו איינס, צוויי, דריי, —
אַזוי ווי די שאָף זיך געלאָזט. — — —

(פונעם ליד „צו איינס, צוויי, דריי״ פון ל. ראָזענטאַל)

דאָס פאָלק איז סענסעטיוו צו דער רשעות פון דער וועלט, אָבער נאָך מער — צו זיין אייגענער אומבאַהאָלפנקייט און שוצלאָזיקייט. דאָס האַרץ טוט אים ווי' פאַר די זקנים און פאַר די קליינע קינדער וואָס ווערן געפירט צו דער בלוטיקער עקידה.

שטילער, שטילער, לאָמיר שווייגן
קברים וואַקסן דאָ,
ס׳האָבן זיי פאַרפלאַנצט די שונאים,
גרינען זיי צום בלאָ,
ס׳פירן וועגן צו פּאָנאַר צו,
ס׳פירט קיין וועג צוריק;
איז דער טאַטע וואו פאַרשוואונדן,
און מיט אים דאָס גליק.
שטילער, קינד מיינס, וויין ניט, אוצר,
ס׳העלפט ניט קיין געוויין,
אונדזער אומגליק וועלן שונאים
סיי ווי ניט פאַרשטיין.
ס׳האָבן ברעגעס אויך די ימען,
ס׳האָבן תפיסות אויכעט צאַמען,
נאָר צו אונדזער פּיין
קיין ביסל שיין,
קיין ביסל שיין.

(פונעם ליד „שטילער, שטילער“, פון ש. קאַטשערגינסקי)

דאָס פאָלק אין זיין טיפן וועזן מאַכט אוודאי ניט קיין חילוק צווישן די קרבנות, וואָס ווייזן אַרויס ווידערשטאַנד, און צווישן די, וואָס גייען שטיל און שווייגנדיק צום מאָרד־פּלאַץ. דאָס פאָלק ווייס ווי גרויס ס׳איז דער כוח גראַד פון די וואָס גייען שטיל און שווייגנדיק.

פאַרוואָס־זשע זאָל זיך דאָס געפייניקטע פאָלק נאָך פילן שולדיק? אָבער — אָט זאָגט עס אין אַ ליד: „אַז דער שונא האָט דערגרייכט אויף אונדז זיין גזר“. — —

איר פאַרשטייט? — גזר!

***

די ליבשאַפט צום פאָלק, צו זיין פּיין, צו זיינע טרערן, איז גוואַלדיק גרויס אין אַלע געטאָ־ און קאַצעט־לידער. די ליבשאַפט גייט אַזש אַריבער אין אַן אָן־סופיקער צערטלעכקייט צום געטאָ אַליין, צו די געטאָ־טויערן, צו די ענגע מויערן. ס׳שלאָגט אָפּ פון די לידער מיט דער הייליקער פאַרשוואַרנקייט פון על נהרות בבל.

אין דיינע געטאָ־געסלעך איז מיר ענג,
דאָס האַרץ — אַזוי באַטריבט.

און כאַטש, כ׳פאַרשטיי, ס׳טוט ווײ —
דאָך איז מיר אַזוי ליב.
געטאָ —
דיך פאַרגעסן וועל איך קיין מאָל ניט.

אַזוי זינגט איינער פון די פּרוטשבטערסטע געטאָ־דיכטער־קדושים ברוידאָ.

צו דער זעלבער רעליגיעזער פאַרשוואָרנקייט געהערט אַוודאי דאָס קורצע געטאָ־ליד „אני מאמין״, וואָס די פרומע יידן האָבן געשאַפן. ס׳איז אי אַ ליד, אי אַ תּפילה, אי אַ הימנע. ס׳ווערט געזאָגט, ס׳ווערט געדאַוונט און ס׳ווערט געזונגען. ס׳באַשטייט אין גאַנצן פון זעקס שורות:

אני מאמין, אני מאמין
באמונה שלמה
בביאת המשיח —
אני מאמין.
ואף על פי שיתמהמה,
עם כל זאת אני מאמין.

זעקס קורצע שורות. מער ניט. אָבער וויפיל קראַפט און וויפיל זיכערקייט ס׳איז דאָ אין זיי. מיט די דאָזיקע זעקס שורות אויף די ליפּן זיינען זיי געגאַנגען אין גאַז קאַמער אַריין.

עס מעג צו דעם מין טיפע וויי־לידער צוגערעכנט ווערן אויך די גרויסע פּאָעמע „לך־לך״ פונעם קדוש־פּאָעט ש. שאַיעוויטש, וואָס איז אַרויס אין אַ באַזונדער אויסגאַבע. ס׳איז אַ ליד פון הויכע מדרגות, וואָס נאָר אין געטאָ און אויפן שוועל פון גזר־טויט האָט עס געקענט געשריבן ווערן.

⁂

כדי צו דערפילן דעם גאַנצן טעם פון די לידער, דאַרף מען הערן ווי מען זינגט זיי אין די לאַגערן אויף דער בלוטיקער דייטשער ערד. מען דאַרף זיך נאָך מער פאָרשטעלן ווי אַזוי מען האָט זיי געזונגען אין די געטאָס גופא און אין די מאַרטער־לאַגערן. פאַר דעם, וואָס איז אין געטאָ אָדער אין קאַצעט ניט געווען, איז טאַקע שווער זיך עס פאָרצושטעלן. סיידן ער זאָל קענען צונויפגיסן זיך אינטים ניט נאָר מיט די ווערטער, נאָר אויך מיט די מעלאָדיעס, און דורך דעם אַריבערטראָגן זיך אין זיין דמיון צו יענער ניט־דאָ־געדאַכטער וועלט.

דאָס ליד, צום ביישפּיל, „צו איינס, צוויי, דריי״ האָב איך געהערט אַ לאַגער־דעקלאַמאַטאָרין זינגען עס פאַר אַ לאַגער־עולם אין סאַנט אָ׳טיליען, מינכענער ראַיאָן, בשעת מיין באַזוך דאָרטן. זי האָט סיי זיך אַליין, סיי דעם גאַנצן עולם, דערפירט צו אמתן עקסטאַז. דאָס זעלבע, ווען זי האָט געזונגען דאָס ליד „געטאָ״. ביי די ווערטער „געטאָ, דיך פאַרגעסן קאָן איך קיין מאָל ניט״ האָבן אַלעמענס הערצער געשפּרונגען איר אַנטקעגן מיט געוויין פון אַ נדר־שבועה.

***

אָבער אין געטאָ האָט מען ניט נאָר געטרוימט און געוואַרט אויפן טויט, נאָר מען האָט אויך געזוכט וועגן ווי אַזוי צו ראַטעווען זיך. אין געטאָ האָט מען אויך געהאַנדלט און געמאַכט קאָמבינאַציעס (אַך און וויי צו דעם האַנדל און צו די קאָמבינאַציעס) מיט פאַרשיידענע שיינען, פאַספאַרטן אַזוינע, פון געלע און ראָזע קאָלירן. מען האָט געזוכט ברויט, מען האָט איבערגעכיט־רעוועט די טויער־וועכטער, מען האָט געשמוגלט אַ לעצטן ביסן, מען האָט געליטן צרות פון אייגענע אויסוואורפן, פון אייגענע נאַצי־משרתים.

יידן האָבן געלאַכט און אויסגעלאַכט די אייגענע ביטערע מערכה דורך אַ שלל אויפן אָרט געשאַפענע הומאָריסטישע און סאַטירישע לידער. פאַרשטייט זיך, אַז וועגן זאָרגלאָזן הומאָר האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. אָבער ס׳איז צו באַוואונדערן וואָס יידן האָבן גאָר אַפילו דערוויזן צו שאַפן שטעכיקן הומאָר, געמאַכט זיך האַרץ און אַרויפגעשרויפט זייער קוראַזש כדי מבטל צו מאַכן אַ ביסל, כאָטש אין אויסטראַכטעניש, די שווערעליידן.

נו, קויפט זשע פאַפיראָסן,
נו, קויפט זשע סאַכאַרין,
געוואָרן איז היינט סחורה ביליק ווערט.
אַ לעבן פאַר אַ גראָשן,
אַ פרוטה — אַ פאַרדינסט.
פון געטאָ־הענדלער האָט איר דאָך געהערט.
— — — — — — — — — — — — — — — —
אַ מאַנטל און אַ קראַגן,
תחתונים און אַ זאַק,
קאַלאָשן האָב איך, ס׳פעלן נאָר די שיך.
און ווער עס וועט נאָר וואַגן
צו לאַכן, אוי, אַ סך —
דעם וועל איך באַווייזן ווער איך בין.
כ׳הייס ישראליק,
איך בין דאָס קינד פון געטאָ,
כ׳הייס ישראליק —
אַ הפקרדיקער יונג. — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

(ל. ראָזענטאַל)

אַלע אינערלעכע כוחות זיינען אָנגעווענדט געוואָרן כדי אויסצולעבן ווי ניט איז די אייגענע ביטערקייטן, די מענטש צו מענטש גרויל־אמתן וואָס ווערן אויפגעדעקט ווען די וועלט ווערט אַ תפיסה, ווען די ערד אונטער די פיס ווערט אַן אָפענער קבר. איין באַגער כאַפּט אַרום אַלעמען: ניט פאַרלירן זיך, ניט אַריינפאַלן אין פינצטערן יאוש, האַלטן זיך.

גלויבן באַגלייט מיט איראָניע. איראָניע דורכגעלויכטן מיט גלויבן.

משה האַלט זיך, משה האַלט זיך!
ניט צעפּאַל זיך.
האַלט זיך, משה, פעסטער .
משה, האַלט אויס,
גליטש זיך ניט אויס,
געדענק מען דאַרף אַרויס.
ווייל עפּעס הערט מען,
עפּעס פילט מען. —
האַלט זיך, משה,
עס קומט די צייט —
עס שלאָגט שוין באַלד
די שעה די גרויסע.
משה האַלט אויס,
גליטש זיך ניט אויס. —
געדענק — מען וועט אַרויס!

(כ. ברוידאָ)

דער סאָרט סאַטירע־לידער פאַרנעמט זיך מיטן, אָך און ווי, שטייגער לעבן וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין געטאָ, מיט זיינע קרומע חושכדיקע וועגן, מיט דער „שנאָריטע", מיט דעם יודן־ראַט, מיט דער יידישער פּאָליציי און מיט די תחבולות, וואָס דער אין שטייג אַריינגעכאַפּטער ייד האָט, ווי אַ גע־ניטער קלאַסישער אַרעסטאַנט, צוגעטראַכט.

דאָס איז אָבער נאָר געווען אַ לפנימדיקע צופּאַסונג, וואָס איז נויטיק געווען כדי ניט איינצוברעכן גלייך ביי דעם ערשטן אָנדרוק פון דער היטלער אַטאַקע.

אין דעם האָט דער ייד אַרויסגעוויזן זיין געבענטשטע מייסטערשאַפט (געבענטשט איז זי געוואָרן אין משך פון צוויי טויזנט יאָר וואַנדער־לעבן צווישן פעלקער און לענדער) אויפצושטעלן זיינע געצעלטן אונטער אַלע קלימאַטן, אָדער אַריינצוקריכן אין גריבער אונטער אַלע ערדן — אַפילו אין קאַנאַליזאַציע־גריבער און רערן—און אין די גריבער און אין די בונקערס אָנגיין סיי מיט זיין שלאָגן וואַסער פון אַ שטיין, סיי מיט זיין מנחם מענדלשער פאַנטאַסטיק, סיי מיט זיין מבטל מאַכן די גאַנצע פינצטערניש דורך אויפ־זאַמלען קינדער און דערוואַקסענע אין דער דאַזיקער פינצטערניש און נעמען לערנען מיט זיי אלף־בית, אָדער גאָר אויפפירן פאַר זיי דעם „גולם", צי „שלמה מולכו", צי דעם „אייביקן ייד" און ענדיקן מיט דער פּאַטעטישער וואָרנונג: „מיין ניט, די וועלט איז אַ קרעטשמע"!

אין דער דאָזיקער פאַנטאַסטיק און סובלימירונג פון „משה האַלט זיך", גייט אָבער אָן אינערלעך אַ שטענדיקע מאָנונג צו זיך אַליין און פון זיך אַליין — אַ ניט איינגעשטילטער חשבון־הנפש, אַ קאַמף מיט זיך און מיט

גאָט, אַפילו דעמאָלט ווען ס'ווערט געפירט דער אָפענער קאַמף קעגן דעם נאַצי־שונא. ירמיהוס איכה־קלאָג ווערט אָפּגעפרישט. איובס מרידה רייסט אויף מיט נייעם שוואונג און דאָס שטילע געוויין פון דער יוכבד־מאַמע ביים איבערלאָזן איר עופהלע אין דער רוצחישער פרעמד, ווערט ניט איין מאָל פאַרוואַנדלט אין אַן אמתן שטורעם־אויסברוך.

יידן פראַוועון חתונות אין די לאַגערן — זיי דאַרפן עס טאָן, זיי פאָלגן דעם געבאָט פון לעבן און דעם קול פון גאָט פון ישראל. דער גאָט פון ישראל, דער גשרף, שטייט ביי יעדער שוועל פון אַ לאַגער־וואוינונג, אַ געבויגענער, אָבער אַ דורכגעגליטער אויף דורך און דורך, און בעט זיך: אַלמנס, נעמט אַלמנות פאַר כלות; אַלמנות, שטאַרקט זיך און גייט צו דער חופה. איך, גאָט פון ישראל, הייס אייך.

יידן פאָלגן דעם גאָט פון ישראל. אָבער ווער קאָן האָבן כוח אַריינצוקוקן אין די אויגן פון אַ לאַגער־כלה און פון אַ לאַגער־חתן, אין דער צייט ווען אָט די אויגן זעען ווי עס קומען צו זייער חתונה זייערע פאַרברענטע פרויען, מענער און קינדער און ווערן זייערע אונטערפירער. נאָך מער: ווען זיי זעען ווי זעקס מיליאָן קומען צו זייער חתונה.

אַ קליין־קליין פאַרברענט משהלע גייט און פירט דעם לעבן־געבליבענעם טאַטן צו דער חופה. און די כלה — אַ מאַמע־אַלמנה — קומט דערנאָך אין לאַגער־באַראַק און זינגט:

דרעמלען פייגל אויף די צווייגן,
שלאָף, מיין טייער קינד;
ביי דיין וויגל אויף דער נאַרע
זיצט אַ פרעמדע און זינגט:
ליו־ליו־ליו־ליו.

ס'איז דיין וויגל וואו געשטאַנען,
אויפגעפלאָכטן פון גליק,
און דיין מאַמע, אוי דיין מאַמע
קומט שוין קיינמאָל ניט צוריק.
ליו־ליו־ליו־ליו.

כ'האָב געזען דיין טאַטן לויפן
אונטער האָגל פון שטיין,
איבער פעלדער איז געפלויגן
זיין פאַריתומטער געוויין.
ליו־ליו־ליו־ליו.

(לאה רודניצקי)

***

די מוט און קאַמפס־לידער, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין די געטאָס און אין די וועלדער אין אַ גרויסער צאָל, דאַרפן אין תוך ניט אויפגעפאַסט

ווערן ווי לידער פון עפּעס אַן אַנדער מין, אַזוי ווי אַלע אַנדערע לידער וואַלטן געווען נאָר לידער פון יאוש און מוטלאָזיקייט.

דאָס פאַרצווייפלטסטע ליד איז אין תוך אַ ליד פון ענערגיע און קאַמף. וואָרעם — וואָס דען אַנדערש איז עס?

מער ניט — מיר האָבן זיך צוגעוואוינט, און פאַלש זיך צוגעוואוינט, צו מיינען אַז מוט און קאַמף דריקן אויס נאָר יענע לידער וואָס זיינען געשריבן מיט שטאַרקע און הויכע ווערטער.

אין דער אמתן זיינען די מערסטע פעלקער־הימנעס, נאַציאָנאַלע צי סאָציאַלע, אַ סך שוואַכער, אין זייער וואָרט־אויסדרוק, פונעם געוויינלעכסטן פאָלקס־ליד. זיי האָבן ניט אין זיך די טיפע דערפאַרונגען וואָס ס׳האָט אַ פאָלקס־ליד.

זיינען אויך די ספּעציעלע קאַמפּס־לידער, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין די געטאָס און אין די וועלדער, שוואַכער, נאָך מיין מיינונג, פון די אַנדערע לידער.

אָבער, ווידעראַמאָל, אונדזערע אַנגענומענע ליטעראַרישע מאָסן קאָנען אויך דאָ ניט גילטן. דאָ — אפשר נאָך וויניקער. ווייל דער יראת הכבוד אונדזערער פאַר די, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין די וועלדער אין אַן אַקטיוון קאַמף מיטן נאַצי־שונא, אָדער אויפגעהויבן אויפשטאַנדן אין די געטאָס גופא — אונדזער יראת הכבוד פאַר זיי האָט ניט קיין גרענעץ.

איז אונדז יעדעס וואָרט פון רוף צו ווידערשטאַנד און צו נקמה הייליק.

און וואָס שייך הימנעס איז די פאַרטיזאַנער־הימנע „זאָג ניט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", גראָד אַ ליד פון הויכן קינסטלערישן ווערט. דאָס ליד האָט ווי מיט אַ כישוף פאַרכאַפּט אַלע לאַגערן און שנעל פאַנאַנדערגעטראָגן זיך איבער אַלע יידישע ישובים פון דער גאָרער וועלט.

דערצו נאָך ווען מיר ווייסן, אַז דער מחבר פונעם ליד, דער פאַרטיזאַן הערש גליק, איז צווישן די אומגעקומענע, צווישן אונדזערע קדושים.

ער האָט ניט געהאַט דאָס גליק צו דערלעבן די מפּלה פון היטלערן — דערפאַר האָט ער געהאַט די זכיה אַז זיין נאָמען גליק זאָל בלייבן לעבן אויף אַלעמאָל אין אונדזער געדעכעניש, און אַז מיר זאָלן שטענדיק נאָכזאָגן זיינע ווערטער וואָס וועלן לעבן אייביק:

זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
ווען הימלען בלייערנע פאַרשטעלן בלויע טעג,
ווייל קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס׳וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זיינען דאָ.

בריוו פון ישראל שטערן, י. י. זינגער, ז. קאַלמאַנאָוויטש און מתתיהו מיזיש צו י. אָפּאַטאָשו

•

פון ישראל שטערן

וואַרשע, דזשעלנע 27—9
פעב. 22, 1927

חשובער און ליבער י. אָפּאַטאָשו!

דער חבר זינגער האָט מיר געוויזן אייערע פּאָר שורות וועגן מיר. איר זאָגט דאָרטן אגב אַ גוט וואָרט וועגן מיר. איך דאַנק אייך באמת. אין אונדזער געבענטשטער וועלט קומט אויס אַזוי זעלטן צו הערן גוטע ווער־טער...

איר פרעגט ווייטער: „אויב ישראל שטערן געפינט זיך אויף גרויסע צרות"...

נאָך אַ מין! ווען איך וואָלט געווען כאָטש אַ העלפט אַזוי גרויס, ווי די צרות וואָלט איך שוין אויך נישט געווען קיין קליינער מענטש — — —

און ווי פלעגן זיך יידישע קינדער אַמאָל שפּילן אין טרעפּעניש: גיב אַוועק אַ דריטל אויף אַלע וויסטע וועלדער, אַ דריטל — שענק אַוועק דער וואַנט, און אַ דריטל וואַרף אַריין אין ים — טאָ וויפיל ועט בלייבן?

אָ, עס וועט נאָך בלייבן אַ סך, הגם אַ טייל שיק איך איצטער אַוועק אויף יענער זייט ים צום י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין.

עס האַנדלט זיך אין דעם וואָס איך בין פאַרנומען מיט אַ גרעסערער אַרבעט און עס קען נישט קומען צו קיין טאָלק פּשוט אויס מאַנגל אין מזומנים. און קיין פּראָפעסיאָנעלער מגיד מיטן „היום ידרוש הדרשן" בין איך נישט, לייג איך טאַקע דאָ ביי אַ בריוו צום י. ל. פּ. ש. פ. מיט אַ ביטע וועגן אַ הלוואה. און איך גלייב, אַז איר, חבר אָפּאַטאָשו, וועט זיך באַמיען, אַז דער רעזולטאַט זאָל זיין וואָס מער פּאָזיטיוועד.

מיט האַרציקסטע גרוסן
ישראל שטערן

* * *

ליבער י. אָפּאַטאָשו!

אייער בריוו דערהאַלטן. ווי איך זע איז מיין בריוו צו אייך נישט אָנ־געקומען. אַפּנים איך בין נישט קיין געבוירענער „ענגלישמען" און אייערע מיסטעריעזע אַדרעסן זיינען נישט אַזוי שטאַרק שגורים בפּי. געמאַכט, ווייזט אויס, עפּעס אַ טעות.

איר רעדט אין אייער בריוו וועגן אייניקע ענינים און איר פרעגט מיך וואָס איך מיין מיטן „היום ידרוש הדרשן"? און צי דאַרפן מיר זיך שטאַרק נעמען צום האַרץ וועגן זיי?

יאָ, מיר דאַרפן. כאָטש מיטן לעבעדיקן לעבן האָבן זיי קיין שום שייכות נישט. דער טאָג טאָגט זיך, די נאַכט נאַכטיקט זיך. די זון גייט אויף רויט און פאַרגייט נאָך רויטער. מענטשן האַנדלען און וואַנדלען, צילן און שטרעבן. קראַמען זייִנען אָפן, הערצער זייִנען אָפן. מען קויפט און פאַרקויפט, מען נאַרט אָפּ און מען ווערט אָפּגענאַרט. מענטשן לאַכן און מענטשן וויינען. און אין מיטן דרינגען הענגט מען אויף אַ צעטל אויפן בית־מדרש: „היום ידרוש הדרשן המופלג המפורסם וכ״ו...״, שטעלן אונטער יידן די אויערן, הערן פּאַרטייטשן אַ פּסוק, נאָכדעם גייען זיי אַוועק צו ווייב און קינד, און ווידער מאַרקט זיך דער מאַרק, גאַסט זיך די גאַס. מאַנצלייט גייען אין שפּאַן און טראָגן אַ זאַק מיט דאגות אויף דער פּלייצע. פרויען זייִנען שיין אָדער מיאוס. קינדער לאַכן און שטיפן, אָדער האָבן די ענגלישע קרענק. די וועלט רייסט זיך צום אויסוועלטן, דאָס לעבן וויל זיך אויסלעבן. וואָסערע ווירקונג קען דאָ האָבן דער „מורי ורבותי, איך וועל אייך מסביר זיין דעם ענין?״

נו, און אונדז? וואָס קען אונדז שאַדן דער „היום ידרוש״? מיר וועלן אויסהערן, אָדער מיר וועלן נישט אויסהערן פּאַרטייטשן דעם פּסוק, און מיר וועלן אַוועקגיין און מיר וועלן ווייטער ליפן און שטרעבן און לאַכן און וויינען — וואָס נאָר דאָס איז דער טייטש: ליטעראַטור...

דאַרף אונדז אייגנטלעך גאָר נישט אַרן. און דאָך... און דאָך קען מען ווילד ווערן פאַר צאַרן, ווען מען זעט ווי ווייט מען פאַרגעסט, אַז די וועלט פון דיכטונג איז ווי אַלע וועלטן. מען פאַרגעסט, אַז דאָרט קומט פאַר אַ גאַנץ אייגנאַרטיק, באַזונדער לעבן. מען באַגרייפט נישט, אַז די אָרגאַניזמען, וועלכע זייִנען געבוירן און האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט אין דער אַטמאָספערע פון קונסט און דיכטונג, — אַז די דאָזיקע אָרגאַניזמען קענען — איך וואָלט געזאָגט — פיזיש נישט פאַרטראָגן, אַז אימיצער פון דרויסן זאָל וועלן מיט גוואַלד זיך אַרייַנרייסן אין מיטן דעם פּראָצעס פון זייער וויטאַליטעט און קערעווען זייער אויפמערקזאַמקייט אויף דעם ברודנעם צעטל, וואָס אויף דער וואַנט: „היינט וועט דרשענען דער קריטיקער א. אַז. וו.״

איצטער וועגן די זשורנאַלכלעך. אויך די אייגענע מעשה. ווען מען גייט עס אָן, אַז אַ רייכער סוחר, וואָס „לידלט״ אונטער, גיט אַרויס אַ שריפטל, ס׳איז נישט מער ווי „האַנדל, האַנדל״. און ווען מען גייט עס אָן, אַז אַ פּאָר מענטשן נעמען זיך צונויף. ראובן גלעט שמעונען איבערן קאָפּ, און שמעון ראובנען איבערן הינטערשטן טייל פון קערפּער... און אַזוי חוזר חלילה. טאָ וואָס קען עס אימיצן קימערן, ווען מענטשן זייִנען צופרידן אַזוי אָפּצולעבן אַ לעבן?

און דאָך... און דאָך נעמט אַרום אַ כעס, ווען מען זעט דעם אָנשטעל וואָס מענטשן מאַכן און ווי דער שקר קריכט אַרויס פון יעדער שורה. מען מאַכט אָן אָנשטעל פון יונגע אידעאַליסטן, פון יונגע אומצופרידענע, פון יונגע אויפריכטיקע. לכתחילה הייבסטו אָן צו גלייבן. נאָר אָט נעמסטו לייענען אויפמערקזאַמער, דורכזיכטיקער און דו דערכאַפּסט בולטע חניפהדיקייט, שמור־לי־ואשמר־לך׳דיקייט, אומווירדיקע פּאָליטיקאַנטישקייט...

ווי אַזוי דאַרפֿן מיר אויף די אַלע זאַכן רעאַגירן? עס איז נישט קיין פֿראַגע פֿון געכטן און אַפֿילו נישט פֿון היינט. מען מוז זיין דערביי זייער פּאַר־זיכטיק. מען דאַרף דערצו צוגיין מיט אָפֿענע אויגן, מיטן פֿולן באַוואוסטזיין און מיט גרויסן ערנסט — און דער זיג איז געזיכערט.

איר האָט דאָך געזאָלט זיין אין וואַרשע אין חודש אויגוסט. טאָ וואָס איז די מעשה? אַפּנים עס ציט אייך נישט שטאַרק אַהער. אויב אַזוי, זענט איר גאַרנישט אומגערעכט.

זייט מיר געזונט און שטאַרק און שרייבט ביי וואָס איר אַרבעט לעצטנס.

אייער,

15 סעפּט., 1927. ישראל שטערן

פֿון י. י. זינגער

וואַרשע, 4 פֿעברואַר, 1926

ליבער, טייערער אָפּאַטאָשו.

אייער בריוול איז געקומען אומדערוואַרט. וואָס מאַכט איר עפּעס? מיט מיין פֿוס איז שוין גוט. וואָס איז מיט אייערן? עפּעס זענט איר דאָך קראַנק געוואָרן. גוט וואָס איר שרייבט אַ ראָמאַן פֿון יידישן אַמעריקאַנער לעבן, צוריק צום היינטיקן. איך שרייב אויך, אָבער איך מעק מער ווי איך שרייב. אַן אומגליק. פּונקט ווי גיך איך מאַך קאָרעספּאָנדענצן, אַזוי שווער קומט מיר אָן מיטן ראָמאַן, נעבעך. אָבער, מיר האָבן דאָך אַ גרויסן אין הימל, וועט ער מסתמא העלפֿן. איצט פֿאָר איך אַרום איבער דער וועלט. איך זע אַזעלכע צרות ביי יידן, אַז מען דאַרף שרייען געוואַלד פֿון איין עק וועלט ביז דער צווייטער. עס איז מיר אַ חרפּה בנאמנות פֿאַר זיך אַליין. וואָסער ווערט האָבן אונדזערע אַלע אַספּיראַציעס, קאָנפֿליקטן אין פֿאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס לעבן איבער אונדזערע יידן איצט־

ווי גייט עס ביי אייך? וואָס מאַכן — אייער אַדעלע און דער זון? — מיין לעזער! גריסט זיי פֿון מיר הערצלעך. ביי אונדז דאָ איז נישטאָ קיין נייס. איך בין אַרויסגעטראָטן פֿון פֿאַראיין, טלאָמאַצקע 13. גלייכער אַזוי. — —

נו, וואָס נאָך זאָל איך אייך שרייבן? אַלץ דאָס זעלבע — דער עולם איז אָרעם, לאַנגווייליק און טוט גאָרנישט. אָבער דערפֿאַר שרייבט מאַרקיש אַ ראָמאַן — (אַז אָך און ווי איז צו אונדז ביידע!) — און גאָר פֿיין!... פֿ... וועט זיך אויפֿהענגען. איך וואָלט זיך קיינמאָל נישט געריכט, ער זאָל זיין אַזוי סאָליד. זאָל אים השי״ת העלפֿן.

נו, זייט מיר געזונט און שטאַרק און שרייבט אַ בריוול.

אייער,

י. י. זינגער

האַרציקע גרוסן פֿון מיין פֿרוי און קינדער.

וואַרשע, 1926.

ליבער, טייערער אַפּאַטאָשו.

ווי גייט עס אײַך, אַפּאַטאָשו־לעבן? איר שרייבט נישט קיין איינציק וואָרט וועגן אײַך. וואָס מאַכט אײַער אַדעלאַ, אײַער „באָי"? ביי מיר דאָ איז קיין נייס נישטאָ. איך שרייב ביסלעך, וואָס איך שיק דערנאָך קיין אַמעריקע. אַזוי איז דאָ לאַנגווייליק. מאַרקיש איז געקומען צוריק פון זיין וועלט־רייזע. ער איז דאָ געווען עטלעכע וואָכן און איז ווייטער אַוועק קיין בערלין. ער וויל אַרויסגעבן „כאַליאַסטרע", נאָר צי עס וועט צושטאַנד קומען ווייס איין גאָט אין הימל. ראַוויטש לאָזט אַרויס די „וואָג" און וועט מסתמא זי ווייטער אַרויס־לאָזן. גרינבערג איז אַוועקגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע... וואַרשאַווסקי איז אויך אַוועקגעפאָרן קיין בערלין. פון דאָרט פאָרט ער, דאַכט זיך, קיין פּאַריז. שטערן ליגט אין שפּיטאָל אויף אַ נירן־קראַנקהייט און אין דער „ליטעראַטוטקע" אויף טלאָמאַצקע איז פּוסט און לאַנגווייליק... אין קולטור־ליגע האָט מען געהאַט פּאַראיבל, אַלמאַי, איך האָב באַנוצט אין ביכל נישט אַנשטענדיקע ווערטער.

אגב, איז אינטערעסאַנט דאָס: איך האָב געלייענט אַ באַריכט אין פּיפּלס־רעליף־ביולעטין, וואו מען שרייבט, אַז „קולטורליגע" האַלט אויס יידישע שרייבער. ווי געפעלט אײַך אַזאַ מין „בלאָף"? מילא, כאַפּט זיי דער וואַטע־מאַכער! ווי גייט עס אין אײַער אַמעריקע? איך האָב אײַך שוין געשריבן, אַז מיר ווילט זיך אַראָפּפאָרן אַהין. אויב איר ווילט, נעמט אַ שיפסקאַרטע אויף אויסצאָלן, מעג זיין 3טע קלאַס, און שיקט מיר. מיר איז אינטערעסאַנט אָנ־קוקן אַ לאַנד, וואו אַ העלפט פון אונדזער יידיש וועלטל לעבט, אַרבעט און שאַפט. די הוצאות וועל איך זיך שוין ווי עס איז אויסשלאָגן. איך האָב זיך אָפּגעפּלאָגט די ביסל יאָרן אין מלחמות, „אָטשערעדן", אומגליקן און אַנדע־רע צרות, ווילט זיך מיר זיך אַ ביסל אָפּפרישן און זען אַ וועלט. האָט נישט פּאַראיבל, וואָס איך רעד וועגן דעם. יעדן אָנהייב פרילינג באַפאַלט מיך עפּעס אַזאַ מין חולאת,אַז ס'ווילט זיך מיר באַוועגן אַ ביסל.

איך שרייב אַ גרעסערע זאַך, אַ מעשה מיט אַן אַנטיקן־הענדלער, אַ רע־סטאַווראַטאָר פון בילדער. דוכט זיך מיר, אַז ס'וועט עפּעס אַרויסקומען דער־פון. אויב איר באַמערקט עפּעס מיינס אַ שוואַכערע זאַך, נעמט נישט פאַר אומגוט.

אַן אינטערעסאַנטע מעשה מיט בעל־מחשבותן: אין רוסלאַנד האָט ער גע־שריבן אַז ברוך גלאַזמאַנס „פאַרטונקלט גאָלד" איז „הרים וגבועות". איצט רייסט ער אים אַרונטער אין „מאָמענט". מאַדנע מענטשן! איר ווייסט דאָך אַז מען האָט פּאַרפירט אַ פּראָצעס פאַר גאָטלעסטערונג אין „כאַליאַסטרע". דער הויפּט לעסטערער גרינבערג האָט זיך אַרויסגעדרייט, מאַרקיש איז נישטאָ און איך בין דערוויל דער איינציקער שולדיקער, כאָטש איין גאָט אין הימל ווייס, אַז איך האָב די זאַך ערשט געלייענט ביים אויספאָרשונג־ריכטער אין קאַנצע־לאַריע. איך האָב געמוזט אַריינטראָגן קויצע, מ'זאָל מיך נישט אַריינפּאַקן אין חד־גדיא. אָט אַ נאַרישע געשיכטע! מער קיין רכילות איז נישטאָ דערוויל.

זייט מיר געזונט און שטאַרק, שרייבט און גריסט הערצלעך אַדעלאַן און אייער יאַט. איך האָב געהערט אַז אַדעלא דערציילט צווישן עולם וועגן מיר. זאָל זי נאָר נישט אויסזאָגן אַז איך האָב אַ פּליך.

אַ גוטן שבת,

אייער, זינגער

* * *

וואַרשע, דעם 3טן יאַנואַר, 1927

טייערער, ליבער אַפּאַטאַשו.

אַנטשולדיקט וואָס איך ווענד זיך צו אייך גראָד איצט. איר וועט מיך פאַרשטיין.

אַלזאָ:

מיט חדשים צוריק, ווי איר ווייסט, האָב איך געמאַכט דעם „פאָרווערטס" אַ פאַרשלאַג צו פאָרן קיין רוסלאַנד. קאַהאַן האָט זיך אָנגעכאַפּט, באַוואָרפן מיט דעפּעשן, געלט, אַבי פאָר! איך בין געפאָרן. קיין גרויס פריינדשאַפט אַלס פאָרווערטס-פאַרשטייער נישט באַקומען, נאַטירלעך. מילא, דאָס איז גאָרנישט. געקומען, אָנגעשריבן אַ מאַסע מאַטעריאַל, גוטן, און איך דערוויס זיך, אַז אין „פאָרווערטס" דרוקט מען גאָר נאָמבערגס מעמואַרן. ער איז גע־ווען מיט מיר צוזאַמען. און דעם אמתזאָגנדיק קיין זאַך נישט געזען. ר'איז געזעסן אין קאַפע. איך האָב געאַרבעט, אַרומגעשלעפּט זיך.

ווי נאָמבערג דערציילט, זאָל קאַהאַן מיט אים האָבן געמאַכט אַן אָפּ־מאַך נאָך אין אַמעריקע וועגן דער רייזע. אויב אַזוי, וואָס־זשע האָט ער מיך געטריבן, דער אַלטער?

אַלנפאַלס, זיין אַלס נאַכשטופּער נאָך נאָמבערגן קען איך נישט זיין.

איצט איז אַזאַ עסק:

פאַר מיין פאָרן קיין רוסלאַנד איז ביי מיר געווען אַ פאַרשטייער פון „איקאָר" און אין נאָמען פון „פרייהייט" האָט ער מיר געמאַכט אַ פאַרשלאַג איבערצוגיין אין „פרייהייט".

איך קען זיי געבן דעם ראָמאַן פון 22 בויגן צו דרוקן אין המשכים. ער איז זייער שפּאַנענד און אין גייסט פון צייטונג. דערצו האָב איך די רייזע פון ר. פ. און בכלל קען איך זיי געבן מאַטעריאַלן, ווי איך מאַך. זיי ווייסן עס אַליין גאַנץ גוט. איך האָב אין „פאָרווערטס" פופציק דאָלאַר אַ וואָך. איך וואָלט מסכים זיין אויף דרייסיק און פינף און צוואַנציק אַפילו, נאָר אויף זיכער. וואָס זאָגט איר, אַפּאַטאַשו? אגב, אויב נישט „פרייהייט", וואָס איז אייער מיינונג מכוחן „טאָג"? איך מיין אַז איר פאַרשטייט אַלץ און איר וועט וויסן וואָס צו טאָן.

איך קאָן מער נישט אין „פאָרווערטס" פאַרבלייבן. איך פאַרטראָג נישט קיין דערנידערונג, כאָטש אין „פאָרווערטס" בעט מען מיך. בכלל, צייט צו ענדערן.

אַגב, האָב איך דעם ראָמאַן אין „פאָרווערטס״. איך לייג ביי צו אייך אַ וויזיט־קאַרטע מיט אַ באַפולמעכטיקונג אָפצונעמען אים. אויב ס׳וועט זיין אַל־רייט, בעט איך אייך מיר שיקן אַ דעפּעשע, אַ קורצע, און דאַן ענטפער איך גלייך......

אַלזאָ זייט מיר געזונט און שטאַרק און האָט נישט פאַראיבל פאַר דער גרויסער טרחא, וואָס איך לייג אַרויף אויף אייך. אי״ה בנחת וועלן מיר זיך אָפּדינען.

אייער,

זינגער.

גריסט מיר הארציק אייער אַדעלאַן און אייער בחור.

* * *

וואַרשע, 7טן פעברואַר, 1927

ליבער, טייערער אַפּאַטאָשו.

איך האָב דערהאַלטן אייער בריוו און איר האָט מסתמא מיין בריוו אויך דערהאַלטן. איך האָב אייך געפאָלגט און די פיל אַראָפּגעשלונגען. פאַרפאַלן.

וואָס הערט זיך ביי אייך? ווי גייט עס אייך? מיר איז נישט אויסגעקומען לייענען אייער „טענעצערין״. ווען וועט עס אַרויס אין אַ בוך? איך האָב מיין ראָמאַן פאַרענדיקט. ער זעצט זיך שוין. איר האָט געהערט טיילן, אָבער איך האָב אַזוי געענדערט, נישט צו דערקענען, דאַכט זיך מיר, אַז עס איז גוט. מירן זען.

אין רוסלאַנד, אין ליט. וועלטל, איז נישט דאָסיק, מען קאָן ווינציק די מלאכה און מען איז זייער גדולדיק ביי זיך. אויף מיר האָט מען געקוקט אין אַ סך פאַלן, ווי אויף אַ שונא, מ׳שטיינס געזאָגט. צו אייך, ביי אלע חטאים אייערע, האָט מען אַ פריינדלעכע באַציאונג. און אַ מאָדנע זאַך, איר זענט דאָרט געוואַלדיק פּאָפּולער מיט אייערע קאָנטררעוואָלוציאָנערע מקובלים און צדיקים. נו, איר ווייסט דאָך, אַז מיך אַרט עס נישט. איך בין נישט געפאָרן נאָך כבוד, נישט נאָך געלט און איך האָב, חלילה, זיך נישט געלאָזט שמייסן, ווי איך האָב נישט פאַרדינט. איך האָב נאָר געפרעגט אין פּראָגע: — „שרייבן קענט איר?״ — מען האָט געמוזט שווייגן.

נאָדירן האָב איך באַגעגנט. ביי זיין גאַנצער חכמה איז ער נישט קיין חכם און דערפון נעמען זיך זיינע פאַרשידענע נאַרישקייטן. אגב, האָב איך געהאַט אַ באַגריף אַז ער האָט זיך דאָרטן שלעכט געפילט. רוסלאַנד האָט ליב אידעען, שווערע אַרטילעריע און נאָדיר איז אַבסאָלוט נישט פאַר זיי.

גאַנץ גוט וואָס איר קומט אין גיכן. מיר בענקען שוין נאָך אייך. איר דאַרפט וויסן, אַפּאַטאָשו, אַז אייך האָב איך באמת ליב. עס ווילט זיך מיר אייך זען. וואָס טוט איר? . . . .

אַזוי האָט רוסלאַנד אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן. די קאָלאָניזאַציע איז זייער אַ וויכטיקער ענין. די ליט. רוסלאַנד.... שרייבן האָט געקענט טאָלסטאָי! און ביי אונדז שלום עליכם!

ווי געפעלן אייך די „וואַרש. שריפטן"? איך האָב זיי פון מיין זייט (אין די „ליט. בלעטער") אָרנטלעך נישט באַהאַנדלט.

האָט נישט פאַראיבל וואָס איך האָב אייך באמת און שרייבט וועגן אַלץ, וועגן מיין סכסוך בנוגע „פאָרווערטס".

זייט מיר געזונט און שטאַרק. גריסט האַרציק אייער אַדעלאַן, דעם בחור.

אייער י. י. זינגער, וואָס וואַרט אויף אַ גרויסן בריוו. די בעסטע גרוסן פון מיין פרוי און קינדער.

* * *

וואַרשע, 1927

ליבער, טייערער אַפּאַטאָשו.

איך האָב אייער בריוו דערהאַלטן. אַ יישר כוח. איך פאַלג אייך אין אַלעמען. זאָל אַלץ בלייבן ווי געווען.

תחילת בין איך געווען אַ ביסל אויפגעבראַכט, איצט בין איך שוין באַרואיקט.

איך וואַרט שוין אייך צו זען. נישטאָ איצט אין וואַרשע מיט וועמען זיך צו באַגעגענען. מאַרקיש איז אין רוסלאַנד. ראַוויטש האָרעוועט אין ליטעראַטן־פאַראיין. אין פאַראיין קום איך נישט העכער אַ יאָר צייט. איצט האָב איך זיך גאָר צעריסן מיטן עולם. איך האָב געשריבן וועגן די וואַרשעווער שריפטן און איך האָב אָראָפּגענומען די קרוינען, וואָס מען האָט געטראָגן, מ׳שטיינסגעזאָגט. איך וויים נישט צי איר האָט דעם אַרטיקל געלייענט. אַ גאַנצע ליטעראַטור ווערט געשריבן אַרום די שריפטן. פוקס קריגט זיך און איך ענטפער אים.

איך זיץ טאַקע און אַרבעט. ס׳הייסט, איצט טו איך גאָרנישט. איך בין מיד פון ראָמאַן *), פון דער רייזע און פון די באַשרייבעניש. נאָר איך האָב געטאָן. דער ראָמאַן איז שוין באַלד אויסגעזעצט. ער האָט 22 דרוק־בויגן, אַ גאַנצער קרבן־מנחה. מיר וועלן זען וואָס איר וועט עפּעס זאָגן. איר זענט דאָך שוין אַ בקי, נישט דער ערשטער מאָל ביי אייך. ביי מיר קלאַפּט נאָך דאָס האַרץ, ווי ביי אַן ערשטער ליבע.

אָבער מיר האָבן דאָך עפּעס אַ גרויסן גאָט. מסתמא וועט ער נישט אָפּטאָן זיין לייטזעליקייט פון זיין קנעכט ישראל יהושע.

שרייבט ווי גייט עס אייך, אַפּאַטאָשו־לעבן! איך בין אייגנטלעך נישט קיין פוילער, נאָר עס שטעקט נאָך אין מיר, זעט אויס, דער אַמאָליקער ישיבה־בחור, וואָס האָט נישט קיין באַציאונג ווי געהעריק און איז פויל אויף בריוו. נאָר אַז ס׳איז שוין געקומען צו שרייבן. איר האָט זיך אַלנפאַלס פון דעם ישיבה־ניהיליזם באַפרייט, אָדער אפשר גאָר קיינמאָל נישט געליטן דערויף.

מיר האָבן דאָ איצט אַשן אין וואַרשע......

די ציוניסטן טאַנצן איצט אַרום זשאַבאָטינסקין, אַרום שמריהו לע־

*) „שטאָל און אייזן".

ווינען — — — (אַגב, וואָס איז דער שכל וואָס איך האָב נישט קיין סימפּאַטיע צו די יידן מיטן נאָמען „שמריהו"? ווי איז ביי אייך?).

פון „פאָרווערטס" האָט מען מיר געשריבן, אַז מיין ראָמאַן וועט זיך דאָרט דרוקן פראַגמענטנווייז. זאָל זיין אַזוי. פון קלעצקינען וועל איך האָבן גאַנצע הונדערט דאָלאַר פאַר דער אויפלאַגע און דאָס אין וועקסלען. די פראַג־מענטן וועלן כאָטש אָפּצאָלן.

זייט מיר געזונט און שטאַרק, און צום גיכן ווידערזען

אייער, י. י. זינגער

די בעסטע גרוסן פאַר אייער אַדעלאַן און דודלען. גרוסן פון מיין פרוי און קינדער.

* * *

וואַרשע, דעם 25טן אַפּריל, 1927

ליבער אָפּאַטאָשו,

ידידי:

אַ שאָד וואָס איר קומט אַזוי שפּעט. ווי גייט עס אייך? שרייבט אַ ביסל בריוּחער. ביי מיר איז אַלץ דאָס זעלבע. איך האָב גערעכנט זיך נעמען צו דעם צווייטן טייל פון „שטאָל און אייזן", נאָר איך ווייס נישט, צי עס וועט זיך מיר איינגעבן, ווייל דער צווייטער טייל דאַרף שילדערן רוסלאַנד און דאָס איז אַ שווערער ביסן. מיין נסיעה האָט מיר נאָך, דאַכט זיך, געשטערט. איך בין אַליין אַ טרוקענער בייז, גלייכער, אַז ס'בלייבט פאַנטאַזיע פון אַמאָל. פאַקטן מאַכן מיך נאָך מער קאַליע. וואָס זאָל מען טאָן?

מיר איז נאָך דערוויל נישט אויסגעקומען צו לייענען לעיעלעסעס דראַמע. בלויז אַ שטיק האָב איך געלייענט אין „צוקונפט". מיר איז דעמאָלט געהאַט געפעלן געוואָרן דער קולטורעלער צוגאַנג, דער ריטם, דער דיאַלאָג. נאָר פון אַ קליינעם פראַגמענט קען מען קיין גאַנצע מיינונג נישט האָבן. איך האָב בכלל דעם לעצטן ווינטער געהאַט אַזוי פיל צו טאָן מיט זיך, אַז איך האָב קיין זאַך נישט געזען. ערשט איצט וועל איך נעמען ביי קלעצקינען אַלץ, וואָס איז אַרויס, און איבערלייענען. איך האָב געהערט זייער גוטע גרוסן פון אייערע נאָוועלן, וואָס זיינען דערשינען ביי קלעצקינען. דאָס וועט מען דאַרפן נעמען צום ערשטן. פּראָזע שטייט ביי מיר שטענדיק אויפן סאַמע אויבנאָן. מסתמא ביי אַלע פּראָזאַאיקער אַזוי.

דעם איבערבליק פאַרן פען־קלוב האָבן געמאַכט שיפּער און אהרן צייטלין. אַ מאָסע נאַרישקייטן דאָרט! אַזוי איז עס, אַזוי געווען און אַזוי וועט מסתמא ווייטער זיין. דאָס איז אַגב נישט נאָר ביי אונדז, אַזוי איז אומעטום.

אומעטיק אין וואַרשע. איך רעכן אַז ביי אייך אין ניו יאָרק איז בעסער. מער מענטשן — מער סביבה. און אפשר איז דאָרט אויך אומעטיק. — — —

זייט מיר געזונט און שטאַרק און האַרציק געגריסט פון אייער אמת ליבענדן י. י. זינגער.

די בעסטע גרוסן פון מיר און מיין פאַמיליע צו אייך, אייער אַדעלאַן, דודלען. אויב איר זעט זישע לאַנדוין, גיט אים איבער אַ האַרציקן גרוס.

אייער,

„אַדני".

דאָס רופט מען מיך לעצטנס „אַדני זינגער", ווייל צוויי יידעלעך לייענען זיך אין דאַוונען — „אַדני" — אַט, לצים!

פון ז. קלמנאָוויטש

ווילנע, פעברואַר 6, 1938.

ליבער פריינד אַפּאַטאָשו,

אייערע באַמערקונגען צום אַרטיקל וועגן די קראַים וועלן מן הסתם זיין געדרוקט אין דעם נאָענטסטן נומער*). איך וועל אויך אָפּדרוקן אייערע תיקונים צו מיין אַרטיקל וועגן פּערלס שפּראַך: איינער אַ גרייז, וואָס איך פאַרשטיי גאָרניט ווי איך האָב אים געמאַכט. ביי פּערלען שטייט „ביי האָר — שערות הגדלים מאחורי הראש" — האָב איך געלייענט „גדולים"... און פאַרטייטשט „לאַנגע האָר"!

דר. מאַהלער האָט צוגעשיקט אַ היפּש לאַנגע דערקלערונג צו אייערע באַמערקונגען. וועגן דר. מאַהלערס אַרבעט בין איך אין גאַנצן מסכים מיט אייך. — — — — — — — — — — — —

דער ייוואָ וואָס איז אומפּאַרטייאיש האָט געמוזט געבן אַן אָרט אויך דער אַרבעט, וואָס איז פּאַרטייאיש. עס איז דאָך אָנגענומען אין דער וועלט, אַז אַפילו וויסנשאַפט איז פּאַרטייאיש. דאָס הייסט, אַז אויב מיר מיט אייך זאָגן, אַז עס קען נישט געמאָלט זיין, אַז סאָציאַלע אונטערדריקונג האָט אַרויסגערופן די שפּאַלטונג פון די קראַים, אַז עס האָט געמוזט זיין אַן אַנדער סיבה — גייען מיר אויך אַרויס פון פּאַרטייאישע גלוסטן. עס וואָלט קיינער נישט געוואָלט הערן פון דעם, אויב מיר וואָלטן געזאָגט, אַז מיר קאָנען די דערקלערונג ניט אָננעמען, ווייל עס זיינען ניטאָ קיין מאַטעריעלע באַווייזן דערפאַר און זיי קאָנען ניט זיין און וועלן קיינמאָל ניט זיין. מען וועט זאָגן: ניין, איר זייט אַפּאָלאָגעטן, איר שטייט פאַרן צד שכנגד. אָט די מענטשן, וואָס האָבן קודם־כל אַ „וועלט־אַנשויאונג", קאָנען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן וואָס האָבן אַזאַ וועלט־אַנשויאונג **ניט**. און נאָך מער, אַז אַ מענטש פון וויסנשאַפט טאָר אַזאַ „וועלט־אַנשויאונג" ניט האָבן, בכל אופן איז ער מחויב זי אָפּצולייגן אין אַ זייט, בעת ער טוט אין וויסנשאַפט. אונדזער דאָקטער מאַהלער אָבער האַלט עס דווקא פאַר אַ מצווה צו האָבן אַ „וועלט־אַנשויאונג". ער ווייס שוין לכתחילה, איידער ער האָט אַריינגעקוקט אין זיין מאַטעריאַל, דעם עיקר, דעם פּרינציפּ, טאָ

---

*) ייוואָ-בלעטער, יאַנ.—פעב., 1939.

וואָס קען אים אַרן, אַז דער, אָדער יענער פּרט שטימט ניט. די „וועלט־אַנשויאונג" ווייס בעסער. און טשיקאַווע איז אַזאַ זאַך: בעת מען נעמט דעם מאַטעריאַל פון די „גערינטסבעכער" אין אייראָפּע אין מיטלעלטער און אין דער נייערער צייט — ווייסן אויך היסטאָריקער מיט אַ מאַטעריאַליסטישער „וועלט־אַנשויאונג", אַז מען טאָר ניט בויען נאָר אויף אָט די דאָקומענטן, ווייל זיי גיבן דאָך בהכרח נאָר אַ פאַרקרימט, אַן איינזייטיק בילד פון זייער צייט, דאָרט זיינען דאָך על־פּי טבע צוגעקליבן פאַקטן פון איין מין. ווי־זשע דאַרף מען צוגיין צו די שו"ת? דאָ זיינען דאָך פאַראַן קאָנפליקטן על־פּי טבע, ענינים וואָס וועגן זיי איז קיין הסכם ניט געווען, וואו עס זיינען געווען שאלות. דאָס זיינען דאָך אויסנאַם־פאַלן, בכדי צו משפטן וועגן יוצא מן הכלל אויפן כלל, אויף דעם „נאָרמאַלן", „רואיקן" צושטאַנד, מוז מען דאָך אַריינטראָגן קאָרעקטיוון, קאָן מען דאָך ניט נעמען די ידיעות פון די שו"ת אין זייער אַבסאָלוטער ריינקייט, ווי דאָס טוט דר. מאהלער, ווייל ער קאָן די ידיעות צופּאַסן צו זיין לכתחילה פּאַרטיקער הנחה. און איך בין לכתחילה זיכער, אַז ער האָט דורכגעלאָזן זאַכן אין די זעלביקע שו"ת, וואָס דערווייזן ניט זיין הנחה, אָדער זיינען אַפילו אים דערווידער. חוץ דעם, אויף צו משפטן וועגן סאָציאַלן סדר אין יענער תקופה איז פאַראַן נאָך אַ גרופּע ליטעראַטור, וואָס מוז דורכגעזוכט ווערן, בעת מען וויל מאַכן זיך אַן אַלגעמיין בילד: די מדרשים, די עלעמענטן פון מוסר־ליטעראַטור, פון קבלה, די אָנהייבן פון פּאָעזיע אאַז"וו. און נאָך אַ זאַך פאַרגעסן די מענטשן, וואָס קאָנען טראַכטן נאָר עפּ"י שאַבלאָן — די רעליגיעזע באַוועגונגען אין קריסטנטום זיינען געווען באַגלייטערינס פון סאָציאַלע באַוועגונגען — מוז עס זיין אַזוי אויך ביי יידן, אַז דער יידישער קיום איז דורך און דורך פּראָבלעמאַטיש. ניט דאָס איז די קשיא: פאַרוואָס זיינען אַרויסגעקומען שפּאַלטונגען, נאָר דער הויפּט־חידוש איז: ווי אַזוי איז פאַרט געבליבן אַן איינהייט? און ווייל עס גייט אין שאַבלאָן, פאַרזעט מען איין זייער וויכטיקן מעטאָדישן ענין: די סאָציאַלע באַוועגונגען אין קריסטנטום האָבן זיך אַרויסגעוויזן אויך אין ניט־רעליגיעזע פאָרמען: די פּויערים האָבן גענומען קאָסעס און דריקעס און האָבן זינגענדיק קאַפּיטלעך תהילים געפּרואווט נעמען דאָס וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר זייערס. וואו האָט מען אַזוינס אין די יידישע רעליגיעזע באַוועגונגען? העכסטנס גייט דאָ אַ מחלוקה וועגן אַן עליה, וועגן „הודו" און „ברוך שאמר", וועגן גאַנץ עולם הבא, אויב איר ווילט, — אָבער וואו איז דאָרט עולם הזה? דאָס דאַרף מען ערשט אַרויסדרינגען פון דער טעאָריע: עס קאָן ניט געמאָלט זיין קיין עוה"ב אָן עו"הז. אָבער אָנגענומען אַפילו אַז דאָס איז אמת, וואָס איז די ראיה, אַז עס איז געדרונגען פון דעם יידישן עולם הזה? דאָס הייסט, אויב מען וויל מאַטעריאַליסטיש דערקלערן קאַראַ־אימיזם, דאַרף מען נעמען פאַרשן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער פּערסישער מאָנאַרכיע, פון דעם כאַליפאַט וכדו'. און דר. מאַהלער טוט דאָס ניט. איך האָב אים דאָס שוין לאַנג געשריבן.

זייט געגריסט

ז. קלמנאָוויטש

פון מתתיהו מיזיש

וואַרשע, דעם 3טן יאַנואַר 1935

ליבער יוסף אָפּאַטאָשו!

איך האָב אַן אמתע הנאה געהאַט, אַז מיין חיבור, וואָס איך האָב אייך צוגעשיקט, האָט ביי אייך אַרויסגערופן אַזאַ אינטערעס. אין דער היינטיקער מאַטעריאַליזירטער צייט איז דאָ גאָר ווייניק מענטשן וואָס פאַר זיי בילדן אַן אַטראַקציע היסטאָרישע פראַגן, ענינים פון קולטור־געשיכטע.

בנוגע די סלאַווישע נעמען פון ווייבער איז לויט מיין סברה די זאַך אַזוי: ס'זיינען פאַראַנען דאָ צוויי קאַטעגאָריעס. איין קאַטעגאָריע ווי למשל זלאַטע, באַשע, טשאַרנע, וואָס שטאַמט אויס גאָר אַלטער צייט און אַן אַנדערע סעריע, ווי למשל בראַנקאַ, סטעפּציאַ, פעליציאַ, וואָס איז ערשט איינגעפירט געוואָרן אין די לעצטע צוויי דורות. די ערשטע גרופּע איז אַן איבערבלייבעכץ, אַ שירים פון יענער צייט, וואו יידן האָבן נאָך נישט אין מזרח־אייראָפּע גערעדט קיין לשון־אשכנז. די צווייטע גרופּע רעפּרעזענטירט אַ ריכטונג פון יידן, וואָס האָבן ש ו י ן אויפגעהערט אין גאַנצן, אָדער ס'רוב צו רעדן יידיש. אין דער אָנאָמאַטאָלאָגיע, אין די נעמען שפּיגלט זיך אָפּ אַ שטיק געשיכטע פון אַ פאָלק. די יידישע יוגנט אין אַנגלאָ־זאַקסישער אַמעריקע נעמט אָן ענגלישע נעמען, אין שפּאַנישער אַמעריקע רייסן זיך צו יידן אָריין שפּאַנישע נעמען. ענלעך זעט מען אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, אונגאַרן. דער נאָמען איז דער עקספּאָנענט פונעם שפּראַך־פאַרבייט און נישט קיין ענין פון אַ צופאַל. אויך קולטור־שטרעמונגען פון אַ גרויסן מאַס־שטאַב קאָנען ברענגען נעמען אין אַ לאַנד.

סלאַוויש האָבן אין מזרח־אייראָפּע נישט גערעדט פאַרן 16 יאָרהונדערט דווקא אַ פּאָר ישובניקעס. איר געפינט אין מיין חיבור גאָר אַ סך מאַטעריאַל, אַז סלאַוויש איז געוועז ס'לשון פון דעם רוב, אין ווייסרוסלאַנד נאָך תחילת דעם 17טן יאָרהונדערט.

לשון אשכנז האָט אין פּוילן־ליטע־רייסן פאַרדרענגט דאָס פריערדיקע סלאַוויש ביי יידן, גראָד אַזוי ווי שפּאַניאָליש האָט ביי דעם גרעסטן רוב פון דעם אַלטן ביזאַנטישן ישוב פונעם באַלקאַן אַרויסגעשטופּט דאָס עלטערע גרעקיש ביי די יידן. די קראים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס זיינען נישט גע־שטאַנען אונטער דער השפּעה פון די ספרדישע יידן, רעדן ביז היינט גרעקיש. נאָך אין דער מיט פון דעם 16טן יאָרהונדערט איז געוואָרן געדרוקט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ ביבל־איבערזעצונג פאַר רבנישע יידן אויף גרעקיש מיט יידישע אותיות. דעם אַלטן גרעקיש־יידישן דיאַלעקט רעדט נאָך היינט אַ טייל פון די קאָרפו־יידן און די דרום־אַלבאַנעזישע יידן. דער גורל פון יידיש גרע־קיש גיט אונדז אַ בילד פונעם גורל פון יידיש־סלאַוויש.

איר פרעגט מיך מיין דעה וועגן זונה — „זשאַנאַ". די זאַך פאַרהאַלט זיך אַזוי: דאָס סלאַווישע „זשאַנאַ" געהערט צו דער זעלבער שפּראַך־משפּחה ווי סאַנסקריט „יאַן" (געבערן), „יאַנאַ" (אַ מענטש), „יאַנאַנאַ" (מוטער),

גרעקיש — „גינע“, ווייב. ענלעך אויך אין אַלט פּערסישן. ביי די רוימער האָט באַדייט דער שורש „גען“ (גינגערע—גענואַי) — קינדער געבוירן. אַ פּאַראַלעלע דערשיינונג איז דאָס העברעאישע „זונה“, וואָס קומט פאַר אויך אין אַראַבישן, סירישן און עטיאָפּישן. אַ חידוש איז, אַז ביי די אַסיריער באַדייט „זינשתא“ — סתם אַ פרוי, אַ ווייב. פון וואַנען נעמט זיך דער דאָזי־קער פּאַראַלעליזם? לויט אַ סך געלערנטע איז פאַראַנען אַן אור־פּאַרוואַנד־שאַפט צווישן די סעמיטישע און די אַרישע שפּראַכן. איך אַליין האָב פאַר־טראַטן דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט פון אורפאַרוואַנדשאַפט אין מיין ווערק אויף דייטש: „אורשפּרונג דעם יודענהאַססעס“.

זיכער איז איך קשה, ווי קומט אַ וואָרט, וואָס האָט געהאַט ביי די אַסיריער און ביי די אַרישע פעלקער אַ גוטע באַדייטונג פון אַ סתם פרוי, זאָל האָבן אַ מיאוסן זין ביי די העברעער, אַראַמעער און אַראַבער? אוודאי האָבן זיך רעקרוטירט די פּראָסטיטואירטע ביי די אַלטע העברעער, אַראַמעער און אַראַבער פון אַסירישע און אַרישע פרויען. מיר האָבן אַ מערקווירדיקע פּאַראַלעלע דערשיינונג, ווי דאָס טערקישע וואָרט „קאַרי“, וואָס באַדייט אַ פרוי, האָט זיך איבערגעדרייט ביי די פּאָליאַקן צו „קורווא“, צו אַן אָרדינערן פאָלקס־אויסדרוק מיט אַ טייטש פונקט קאַפּויער.

איבערדרייאונגען פון פרעמדע ווערטער אין אַ פאַרקערטן זין, געפי־נען מיר סתם אַ סך מאָל צווישן פעלקער. דאָס רוסישע „גאָוואָריט“ — רעדן, באַדייט פויליש — „גאַוואַזשיץ“, אַזויפיל ווי שטאַמלען פון אַ קינד. דאָס גרעקישע „לאַלעין“ — רעדן, באַדייט אין דייטש „לאַללען“ — שטאַמלען.

איך האָב אַ ביסל מאריך געווען אין מיין תשובה. איך האָב אָבער גע־וואָלט באַלייכטן דעם גאַנצן ענין.

איך חתמע מיך מיט פריינדשאַפט

מתתיהו מיזיש

אייער חיבור „אַ טאָג אין רעגענסבורג“ וואָלט איך גערן געלייענט, ווען איר שיקט עס מיר צו.

(זאַמענהאָפּאַ 4־5).

אינעם זאַמלבוך זיינען פּאָרטרעטן שרייבער פון צען לענדער:

פּאַראייניקטע שטאַטן.—ח. אַיאַלטי, י. אָפּאַטאָשו, שלמה ביקל, פּ. בימקאָ, ב. גראָבאַרד, נפתלי גראָס, מ. פריד-וויינינגער, י. גלאַטשטיין, ה. לייוויק, א. לעיעלעס, דר. א. מוקדוני, מרדכי ראָטענבערג, לעאָ פינקעלשטיין, גבריאל פרייל.

מעקסיקע.—אברהם אייזען, א. גאָלאָמב, יעקב גלאַנץ.

קאַנאַדע.—י. י. סיגאַל, מלך ראַוויטש.

ארץ-ישראל.—א. סוצקעווער, ז. סעגאַלאָוויטש, אריה שמרי.

אויסטראַליע.—הערץ בערגנער.

בעלגיע.—חוה ראָזענפאַרב.

פּוילן.—ישעיהו שפּיגל.

פראַנקרייך.—חיים גראַדע, יוסף רובינשטיין, מ. שטריגלער.

רומעניע.—יעקב פרידמאַן.

שוועדן.—רחל קאָרן.